STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10868

DI ELTERE YIDISHE LITERATUR

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שטיף

די עלטערע
ידישע ליטעראטור

ליטעראַרישע כרעסטאָמאטיע

מיט אן אריינפיר און דערקלערונגען צו יעדן שרייבער

אָפּעראטיווער פארלאג „קולטור־ליגע“
קיעוו — 1929

די ביבליאגראפישע פארצייכע-
נונג פון דעם בוך און די שיפער
פאר ביבליאטעק-קאטאלאגן זיינען
אפגעדרוקט אין „צייט-שריפט פוו
דרוק“ און אין דעם „קארטן-רעפער-
טואר“ פון דער אוקראינישער בוך-
פאלאטע

מעלוכע - טרעסט „קיעוו- דרוק.
4-טע דרוקעריי. וואראווסקע 42
באשט. 3978 №. געדרוקט 3000
171/2 בויגן, אקרליט 1474

פֿאָרוואָרט

די איצטיקע זאמלונג פון די וויכטיקסטע עלטערע יִדישע שרײַבער האָט פּראַקטישע לערנצוועקן, נישט קיין וויסנשאַפטלעכע צוועקן. דורך דער זאמלונג דאַרף אונדזער לערניוגנט קריגן די עלעמענטאַרע קענטעניש אין א טייל יִדישע ליטעראַטור פון א פאַרגאַנגענעם פעריאָד (פון די 30-ער יאָרן אין 19 יאָרהונדערט ביז בערערך אָנהייב די 80-ער יאָרן), וואָס איז אפילע אין ברייטערע קולטור-קרײַזן קנאַפּ באַקאַנט, שוין דערפאַר אליין, וואָס די ווערק גופע פון יענע עלטערע יִדישע שרײַבער איז שוין קאַם צו קריגן. יענער פעריאָד ליטעראַטור—דאָס איז נישט סטאַם א כראָנאָלאָגישע קאַטעגאָריע;— מיט יענעם פעריאָד איז פאַרבונדן א געוויסע *געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע*, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „האַסקאָלע“ און וואָס האָט אזוי אָדער אַנדערש געשפּײַזט אונדזערע עלטערע יִדישע שרײַבער. דעם אַנאַליז פון דערדאָזיקער אידעאָלאָגיע גיב איך אין „אַרײַנפיר“. דאָ וויל איך נאָר זאָגן: פון פּראַקטישע מאָטיוון וועגן (מיר קאָנען זיך דערווײַל פאַרגינען פאַר דער עלטערער יִדישער ליטעראַטור נישט מער ווי איין בוך) האָב איך אין דער זאמלונג אַרײַנגענומען אייניקע שרײַבער, וואָס די אַקטיווע האַסקאָלע-פּראָגראַם איז בא זיי נישט די הויפּט-זאַך (ד״ר עטינגער, ש. בערנשטיין), אָדער וואָס זײַנען מער אָן אָביעקט, איידער א סוביעקט פון דער האַסקאָלע-אידעאָלאָגיע (בערל בראָדער), אָדער וואָס באַטײַטן שוין צומטייל א נײַע אידעאָלאָגישע ווענדונג (גאָלדפאַדן). נישט אַרײַנגענומען האָב איך מענדעלען: ער איז צו גרויס און אינדיווידועל אַנטקעגן דער גרופּע שרײַבער, וואָס זײַנען דאָ געזאמלט, און ער איז נאָך נישט קיין פאַרגלײַך מער לעבעדיק אין דער ליטעראַטור. אַנדערע שרײַבער האָב איך נישט אַרײַנגענומען איבער פּלאַץ-יכעק.

וועגן די אויסצוגן פון די געגעבענע שרײַבער מוז איך זאָגן: איך האָב זיך געמוזט רעכענען מיט דעם פאָרויסבאַשטימטן פאַרנעם פונעם בוך און האָב דעריבער געקאָנט דאָ ברענגען פון יעדן איינעם בלויז דעם מינימום, דערבײַ אינזינען געהאַט צום אַלעם ערשטן דאָס, וואָס פאַרבינדט דעם שרײַבער מיט זײַן טקופע.

מיר האָט אויסגעוויזן פאַר נייטיק צו געבן אָן אַלגעמײנעם אַרײַנפיר וועגן דער גאַנצער גרופּע שרײַבער און די וויכטיקסטע ביאָ-ביבליאָגראַפישע דאַטעס מיט קורצע, ווי ווײַט מעגלעך—אָביעקטיווע, ליטעראַטור-היסטאָרישע *אָריענטיר-באַמערקונגען* וועגן יעדן איינעם. דערמיט האָב איך אינזינען דעם לערער. איך ווײַז אויך אָן די נייטיקסטע קוואַלן צו געפינען די ליטעראַטור וועגן שרײַבער. ליטעראַריש-קריטישע שאַצונגען האָב איך דאָ געהאַלטן פאַר נישט פּאַסיק.

קיִעוו, 14 מײַ 1928.

אריינפיר.

די איצטיקע זאמלונג אויסצוגן פון עלטערע יידישע שרייבער דארף געבן א באַגריף וועגן דעם אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס זי איז אופגעקומען אין די גרענעצן פונעם יידישן מאסנלעבן בעערעך פאר הונדערט יאָרן. ס'איז געווען ניי אין אָנהייב. צו יענער צייט האָט די גרויסע יידישע מאסע נאָך געשטעקט טיף אין געטאָ. עקאָנאָמיש און סאָציאַל איז די יידישע מאסע געשטאנען צווישן פּאָרעץ (צומיינסטנס דעם פוילישן) און דעם פויער, האָט אליין געהאט אויסצושטיין פונעם פּאָרעץ עקספּלואטאציע און דערנידערונג און איז ווידער געווען אן אונטערטעניק געצייג באם פּאָרעץ אין די הענט צו עקספּלואטירן דעם פארשקלאפטן פויער. דער ייד איז געווען דער ארענדאר באם פּאָרעץ, האָט געהאלטן דעם פּאָרעצס קרעטשמע, האָט פארקויפט דעם פּאָרעצס בראנפן; מע האָט געלעבט פון שענקעריי, קרעמעריי, מעקלעריי, פון לופט־פּארנאָסעס. בלויז א קליינער טייל אומגעלערנטע באלמעלאָכעס האָט זיך געשפּייזט פון פּראָדוקטיווער ארבעט. די אָרעמקייט איז דאָ געווען אומגעהייער, דאָס לײדיקגייעריי— נישט צו באשרייבן. דאָס איז געווען א שטענדיקער צושטאנד פון הונגער און האלבהונגער, אָן קיינע רעאלע אויסזיכטן אף בעסער. די פּאָליטישע רעאקציע אין לאנד די צייטן פון פּאנשטשינע האָט געהאלטן די יידישע מאסע פארשפּארט אין „טכום", אָפּגעזונדערט פונעם גרויסן לאנד, פון פּראָדוקטיווע מעגלעכקייטן, און האָט ארופגעוואָרפן אף דעם יידן די גאנצע שולד פאר דער פּלאָג פונעם פּריצישן באלעבאטעווען, ביפּראט אין די הונגער־יאָרן. דער ייד איז געוואָרן א סינאָנים פון פּאראזיט, לעצט פּארהאסט בא דעם ארום.

די אייבערשטע שיכט, די רייכערע, עקאָנאָמיש־שטארקערע, האָבן זיך צומיינסטנס געהאלטן דירעקט ארום דעם פּאָרעץ, געליען אים געלט, ארענדירט בא אים גרעסערע גיטער, אופגעקויפט בא אים די פּראָדוקטן פון דער לאנדווירטשאפט, געפירט זיינע געשעפטן א. ד. גל. די אלע טקיפים בא פּריצים, פּראָצענטניקעס, באלטאקסעס און גלאט „שיינע יידן" האָבן געבילדעט דאָס קאָהאָל, די יידישע געזעלשאפטלעכע אָרגאנען, האָבן זיך אוועקגעשטעלט צווישן דעם פּריציש־ביוראָקראטישן רעזשים און דער יידישער מאסע, האָבן זי ביטער גערויבט און געפּלאָגט, און איר צוגעוואָרפן א ביין — צדאָקע.

דידאָזיקע עקאָנאָמישע באזע האָט אופגעצויגן און דערהאלטן אין געטאָ א צושטאנד פון גייסטיקן מיטלאלטער. די מאסע האָט געשטעקט איבערן קאָפּ אין אן עמונע, וואָס האָט אוועקגעשטעלט יענע וועלט אָנשטאָט דער וועלט, האָט נאָך אָלץ געלעבט מיט די פרומפאנאטישע האסאָגעס און אָבערגלויבענישן פון פאר הונ־

דערטער יאָרן און געשמאכט אונטערן יאָך פון יידישקייט און קאָהאָל. איצט איז נאָך צוגעקומען דאָס כסידעס, וואָס האָט די פינצטערע רעאקציע אין יידישן לעבן נאָך געדיכטער געמאכט.

פאר דער דערמאָנטער עקאָנאָמיק איז יידישקייט געווען די פאסיקסטע אידעאָלאָגיע: א הייליק פאָלק קומט אָפּ גאָלעס פאר די זינד, — א שעפּעלע צווישן א טשאטע וועלף. דארף דאָס זיך האלטן אין פעסטער אכדעס פאר גאָט און פאר די פירער, אָפּגעזונדערט פון „גויים", ארויסקוקן אף ניסים און געטריי גאָט דינען. אנטקעגן די ווידערשפעניקע האָט קאָהאָל געהאט גענוג עקאָנאָמישע און רעכטלעכע רעפרעסיעס צו פארמאכן זיי דאָס מויל. קלייקוידעש האָבן דאָ מיטן אויטאָריטעט פון טוירע און מיטן שליסל צו אוילעמהאבע געדעקט און געשטיצט א פּראָגראם פון ווילדער עקספּלואטאציע. אין עלנט און אין הונגערנויט, אָן פאַרבינדעטע און אָן אויסזיכטן אף בעסערס, האָט זיך די יידישע מאסע געלאָזט פארוויגן מיט א לעגענדע פון יידישער אכדעס, מיט א ייכעס פון אויסדערוויילטע, און געדולדיק געטראָגן דעם יאָך.

אין דערדאָזיקער סיסטעם יידישקייט האָט וועלטלעכקייט און וויסן נאטירלעך געגאָלטן פאר זינד און פארדאַרבנקייט. דאָס ביסל וועלטלעכקייט, וואָס ס'האָט געהאט געבראכט מיט זיך די קלאסישע יידישע דיכטונג און נאָוועלע אין די דרוקזאכן פון 16—17 יאָרהונדערט, איז דאָ געווען פאריאָגט און פארגעסן. אגעוו, איז דאָס איצט שוין פרעמד געווען דער יידישער מאסע אין פוילן און ליטע, סיי לויט דער טעמאטיק (דער איראָפּעיִשער ריטער־עפּאָס און ראָמאן), סיי לויט דער שפראך (דאָס אַלטע יידיש). די נייע וועלטלעכע ביכלעך פון אמסטערדאמער דרוקן אין 18 יאָרהונדערט זיינען מיסטאָמע אהער נישט דערגאנגען. געבליבן איז פון דער גאַרער אלטער ליטעראטור (כוץ דער „באָווע־מייסע") — דער „צאינה וראינה" און מוסער־ספאָרים, — און פון די מוסער־ספאָרים — די ערגסטע מוסטערן, — ווי דער „שבט מוסר"; איצט איז נאָך צוגעקומען דער „שבחי בעל שם טוב". דאָס וועלטלעכסטע איז שוין דאָ געווען דער „יוסיפון". בלויז אין דער מינדלעכער טראדיציע, אין פאָלקסליד און אין פורים־שפּיל, האָט זיך דערהאלטן א שוואכער רעשט פון א פריערדיק, פרייער געמיט.

אזא גייסטיקן צושטאנד האָבן געטראָפן די עלטערע יידישע שרייבער די ערשטע העלפט פון 19 יאָרהונדערט.

דאָס יידישע לעבן איז דאָך נישט געשטאנען אף איין אָרט: דורך דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם הייבט זיך עס אָן אריינציִען אינעם אלגעמיינעם שטראָם פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן אין לאנד. ס'באווייזט זיך דער „פאָדריאטשיק", ער איז פאַרבונדן מיט „קאזנא" (רעגירונג), שטעלט איר צו דאָס נייטיקע פאר פארשיידענע אנשטאלטן, בויט באנען א. א. וו. יידן נעמען אין ארענדע דעם בראנפן־מאָנאָפּאָל בא דער רעגירונג; יידן סאָכרים הייבן אָן צו פאָרן קיין „מאָסקווע" א. א. וו., קורץ, ס'קומט אוף א נייע גרופּע יידישע בורזשואזיע, וואָס מיט אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן איז זי פארבונדן מיט דעם רוסישן מארק, מיט דער רוסישער בורזשואזיע, און זי אָריענטירט זיך אף דעם וואקסנדיקן רוסישן קאפּיטאליזם, נישט אף די רעשטן פעאָדאליזם אין די געגנטן, וואָס זיינען איבערגעגאנגען צו רוסלאנד פון פוילן.

די נייע יידישע בורזשואזיע נעמט ביסלעכווייז איבער די ארומיקע רוסישע קולטור אויך, „איראָפּעיזירט" זיך. די ניי־אופגעקומענע נעגאָציאַנטן, באנקירן, גרויסע

סאָכרים א. א. וו. זײַנען ליבעראל, פרײַדענקעריש. זיי ווערט לעצט ענג אין געטאָ, אין דעם יאָך פון קאָהאָל און אלטפרענקישער ייִדישקייט, ביפראט אז עקאָנאָמיש און קולטורעל זײַנען זיי שוין פון געטאָ שטארק אָפּגעריסן. זיי טרוימען פון בירגערלע־כער עמאנסיפּאציִע, קוקן מיט קינע אף די „גלויבנסגענאָסן“ אין־מײַרעוו־אייראָפּע, אָבער סײַ פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער, סײַ פון דער אייגענער רוסלענדער פּאָלי־טישער פּראקטיק ווייסן זיי שוין, אז די אַלטע ייִדישע אײדע, מיט אירע פּארנאָסעס, מיט איר מיטלאלטערישער גײַסטיקייט, מיט איר פארפרעמדקייט צום ארומיקן לעבן איז דאָ אן ערנסטער שטער. עמאנסיפּאציִע, לויט זייער פּאָליטישער טעאָריִע, דארף מען „פארדינען“. ייִדן דארפן זיך „אויסמענטשלען“, דארפן ווערן עקאָנאָמיש פּראָ־דוקטיוו, בירגערלעך פּאטריאָטיש, דארפן זיך אָפּטרייסלען פון זייער „זשארגאָן“, זיטן, קליידונג. קורץ, — זיי דארפן ווערן „רוסן פון מוישע ראבײנעס גלויבן“, מע זאָל נישט שטעכן די אויגן מיט ייִדישן פּאראזיטיזם, פאנאטיזם, מיט ייִדישער אָפּגעזונדערטקייט („א מעלוכע אין א מעלוכע“) א. א. וו. קורץ, — די נײַע ייִדישע בורזשואזיִע מוז פון אירע אייגענע צוועקן וועגן אָנהייבן צו ר ע פ אָ ר מ י ר ן ד אָ ס ייִ ד י ש ע ג ע ט אָ.

די נײַע ייִדישע בורזשואזיִע שאפט זיך אויך א אינטעליגענץ אף צו פאָרמו־לירן און אויסצופירן די פּראָגראם: די אלע „אקציזניקעס“, שאפערס און אָנגע־שטעלטע, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן, וואָס עקאָנאָמיש זײַנען זיי שוין פארבונדן מיט דערדאָזיקער בורזשואזיִע און פילן זיך אונטער אירע פליגל געגוג שטארק קעגן קאָהאָל, ווערן די פּאָנטרעגער, מיטהעלפער און אויספירער פון דער נײַער „האסקאָלע“־פּראָגראם. מיט דעמדאָזיקן נײַעם קולטור־שיכט זײַנען אזוי אָדער אנדערש פארבונדן די עלטערע ייִדישע שרײַבער.

ייִדישע שרײַבער, כוץ י. ל. גאָרדאָנען, זײַנען נישט די אייגנטלעכע אידעאָלאָגן פון דער נײַער ייִדישער גרויסבורזשואזיִע. אירע אידעלאָגן (אָסיפּ ראבינאָוויטש א. ד. גל.) האָבן קיין ייִדיש נישט געשריבן, האָבן געשטריטן קעגן עצעם שרײַבן אף ייִדיש, אפילע צוליב פּראָפּאגאנדע פון דער האסקאָלע־פּראָגראם. דערפון נעמט זיך, אגעוו, וואָס בא י. ל. גאָרדאָנען איז דאָס ייִדיש־שרײַבן א בײַזאך, א מין שפּאָס פאַר צײַט־פארטרײַבן. ייִדישע שרײַבער זײַנען אסאך פּאָלקסטימלעכער, פילן זיך פארבונדן מיט דער ייִדישער מאסע. א טייל זייערע (לינעצקי, וועלוול זבארזשער א. אנד.) האָבן שוין א געוויסע קריטישע באציִונג צו דער נײַער ייִדישער בורזשואזיִע, פאר־שטייען שוין איר „עגאָיִזם“, אירע עקספּלואטאטערישע [illegible]לוסטן, ביפראט איר גראָב־מאטעריאליסטישע פאַרהאלטונג צו בילדונג, צו א נײַעם קולטור־שטייגער. זיי קרי־טיקירן די „פאַלשע בילדונג“, די אויסערלעכע ציוויליזאציִע בא דער ייִדישער בור־זשואזיִע, וואָס אונטער דעם שטעקט אָפּטמאָל אינטעלעקטועלע פוסטקײַט און מאָראַ־לישע פארדאָרבנקייט, איר אומופּריכטיקע אָדער אָפּן־פּאראכטלעכע פארהאלטונג צום מאסנמענטשן א. א. וו. ייִדישע שרײַבער זײַנען צומיינסטנס די „ארויסגע־שפּרונגענע“ (разночинцы), די פּריִענדיקע אָנזאָגער פון א דעמאָקראטישער אינ־טעליגענץ, פון א נײַער קליינבירגערלעכער דעמאָקראטיִע בא ייִדן ביכלאל. זיי זײַנען נאָך נישט זעלבשטענדיק. אף זיי האָט נאָך א שליטע דער נײַער קולטור־שיכט פון צווישן דער ייִדישער גרויס־בורזשואזיִע. דערדאָזיקער קול־טור־שיכט שוועבט זיי פיר פאר א מוסטער; בא אים נעמען זיי איבער די פּראקטישע פּראָגראם, שטרעבן זי צו מאכן פאר א פּאָלקס־פּראָגראם. אָבער

זיי האָבן שוין אייגנס אויך, — דאָס איז דעמאָקראַטיזם, אופריכטיקע באַציִונג צו דער ייִדישער מאַסע. זיי האָבן אויך אנדערע וועגן אף אויסצופירן די פּראָגראַם, — דאָס איז ייִדישע ליטעראַטור, אַלס אַ מיטל פאַר געזעלשאַפטלעכער קריטיק.

דאָס וואָס די עלטערע ייִדישע שרײַבער האָבן אופגעטאָן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, — דאָס איז בעעמעס אַ פּיאָנערן־אַרבעט. שוין דאָס גופע, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ הײַנטוועלטיק ביכל אָנשטאָט דעם פרום־ייִדישלעכן סייפער, וועלטלעכע מאָטיוון אָנשטאָט מוסער און טוירע, מענטשלעכקייט אָנשטאָט ייִדישקייט, — שוין דאָס גופע איז געווען אַן אופטו, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ רעוואָליוציאָניזירנדיקע קראַפט אף אופצוטרייסלען דאָס פאַרשלאָפענע ייִדישע לעבן. דאָס האָט געוועקט און געמונטערט פאַר עפּעס אַנדערש און נײַס: פאַר אוילעמהאַזע, וואָס איז געווען פאַראַכט און געיאָגט אין דער ייִדישלעכער טראַדיציִע; — מעמיילע האָט דאָס מיט דער עצעם־עקזיסטענץ געמוזט אונטערײַסן דידאָזיקע טראַדיציִע, יעדנפאַלט איר אַבסאָליוטן אווטאָריטעט.

דער גרויסער באַטײַט פון דערדאָזיקער פּיאָנערן־אַרבעט שטעקט אָבער נישט בלויז אין אָנהייבן (אָדער באַנײַען) אַ וועלטלעכע טראַדיציִע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נישט ווייניקער האָט דאָ צו זאָגן, וואָס די שרײַבער זײַנען געקומען מיט אַ פּראָגראַם, מיט אַ נײַער סאָציִאַלער און קולטור־פּראָגראַם, גענומען פון אַ נײַעם פּראָגרעסיווערן עקאָנאָמישן און קולטורעלן שיכט.

צום ערשטן וועגן דער פּראָגראַמאַטישקייט פון דערדאָזיקער ליטעראַטור. דאָס, וואָס ס'טיילט אויס די ייִדישע ליטעראַטור יענע עפּאָכע פון אַ טקופע שפּעטער (לאָמיר זאָגן, — פון פּערעצן אין זײַן צווייטער „פאָלקסטימלעכער" טקופע), — דאָס איז צום אַלעם ערשטן, וואָס זי איז אַ פּראָגראַם־ליטעראַטור, אַ צוועק־ליטעראַטור. ליטעראַטור האָט זיך דאָ נישט אויסגעטיילט פאַר זיך, פאַר אַ קינסטלערישער קאַטעגאָריִע אין דער סיסטעם גײַסטיקע קולטור. ליטעראַטור האָט זיך דאָ אַנטקעגנגעשטעלט דער גאָרער ייִדישער לעבנסיסטעם און זיך געשטעלט צו דינסט פאַר צוועקן, וואָס דיקטירט האָט זיי אַ סאָציִאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע רעפאָרם־פּראָגראַם.

י. אַקסנפעלד, א. מ. דיק, מיכל גאָרדאָן און אַנדערע האָבן באַדאַרפט האָבן אַ פאַרענטפער פאַר זייער שרײַבערײַ, און דערדאָזיקער פאַרענטפער איז געווען, אַז דערמיט דינט מען דעם „פאָלק", פאַר דעמס גרויסע, לעבנס־געניטיקע צוועקן, וואָס ליגן אויסער ליטעראַטור. אַ ביכל איז נישט פאַר קינסטלערישן גענוס, — פון אַ ביכל דאַרף מען זיך עפּעס אָפּלערנען. און יענע עלטערע ייִדישע שרײַבער האָבן זיך געהאַלטן פאַר פאָלקספרײַנט, פאָלקסלערער, וואָס טוען אוף אַ סאָציִאַל־דערציִערישע אַרבעט מיט מיטלען פון קינסטלערישער ליטעראַטור.

ס'איז געווען נאַטירלעך, וואָס אָנגעהויבן האָט מען פון אַ קולטור־פּראָפּאַגאַנדע.

קעדיי אָפּצורייניקן אַ וועג פאַר יעדער רעפאָרם אין ייִדישן לעבן, — האָט מען געמוזט צום אַלעם ערשטן שטורעמען די ווענט פונעם גײַסטיקן ייִדישן געטאָ, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט און געבונדן דעם מאַסנמענטשן, נישט צוגעלאָזט קיין נײַס צו זײַן מויעך און האַרץ. מע האָט געמוזט פריִער לעגאַליזירן דאָס געוועהר גופע פון דער קולטור־פּראָפּאַגאַנדע, — דאָס נײַע ביכל אָנשטאָט דעם אַלטן סייפער, די נײַע שפּראַך, די פאָלקס־שפּראַך. מע האָט באַדאַרפט צוגעווינען, אַז מע מעג אַרײַנקוקן

אין אזא ביכל, אז ס'איז נישט קײַן זינד, נישט קײַן נארישקייט; — פארקערט, — דאָס איז דער ריכטיקער וועג אף צו דערלאנגען עפּעס בעסערס און שענערס אין ייִדישן לעבן.

ייִדישע שרײַבער האָבן אָבער נישט געפּריידיקט קײַן בילדונג פון בילדונגס־וועגן סטאם. אין זייער קולטור־פּראָפּאגאנדע שטעקט א לעבנס־פּראָגראם. אין דעם אנטקעגנשטעלן אין בילדער און פּערסאָנאזשן דעם נײַעם אופגעקלערטן דאָר קעגן דעם אלטן, פרומפאנאטישן דאָר איז מען אויסן געווען נישט גלאט אוועקצושטעלן פּאָעמעס און געאָגראפיִע אָנשטאָט שולכן־אָרעך און קאַװ־האיאָשאָר. אסאך מער איז מען דאָ אויסן געווען צו ווײַזן, אז דער אופגעקלערטער לעבט בעסער, שענער אין פּראקטישן לעבן, אין דער פאמיליִע, אין דער געזעלשאפט, אז דאָס איז א מענטש מיט ערלעכע, שיינע זיטן און לעבנס־פירונג, אז ער האָט מער וואָג און אָנזען אין דער א ר ו מ י ק ע ר וועלט, לײַדט נישט, אָדער לײַדט נישס אזויפיל, פאר דעם נאָמען ייִד. קורץ, — מיט דעם אָפּווארפן די פרומפאנאטישע ארט דענקען און פילן עפנט זיך דעם אופגעקלערטן א וועג צו א „לײַטיש" און „ערלעך" געזיכערט לעבן און געזעלשאפטלעך אָנזען; דאָס איז אויך דער וועג צו בירגערלעכער גלײַכבארעכטונג.

די קולטור־פּראָפּאגאנדע אין בילדער האָט זיך געוואָרפן מיט דער גאָרער קראפט אף דעם ייִדישן אָפּגעפרעמדט־זײַן פון א וועלט. דאָס געטאָ האָט דערהאלטן בא אירע אונטערטעניקע דאָסדאָזיקע אָפּגעפרעמדקייט מיט דעם אײַנרעדעניש, אז דאָס שטאמט פון גוורע און ייִכעס, פון גײַסטיקער אויסדערוויילטקייט און שעפע, און מיט דער פּראקטיק פון דעם אָפּזונדערן זיך פונעם ארומיקן לעבן: דער „גוי" איז נאריש, ווילד, פארדאָרבן; מעמיילע דארף מען זיך פון אים דערווײַטערן. ייִדישע שרײַבער האָבן מיט שפּאָט און האס גענומען ברעכן דאָסדאָזיקע אײַנרעדעניש, דעם ייִדישן ייִכעס. זיי האָבן געוויזן, אז דאָס „קלוגע" פאָלק ייִסראָעל איז דאָס נארישסטע, דאָס הינטערשטעליקסטע, לעבט מיט אזיִאטישע האסאָגעס און באגריפן אינמיטן אן אופגעקלערטער וועלט; — אז דער נארישער „גוי" האָט אונדז איבערגעיאָגט מײַלנווײַט אין בילדונג, אין וויסן, אין פארשטאנד פאר פּריוואט־און געזעלשאפטלעך לעבן, און אז מיר דארפן זיך לערנען באם „גוי" סייכל.

נאָך מער: זיי האָבן געמאָנט נישט בלויז פארשטענדעניש פארן „גוי", טאָלעראנץ פאר אים; — זיי האָבן געמאָנט זיך ב ר י ד ע ר ן מיטן „גוי".

פארשטייט זיך, דער „גוי" איז דאָ געווען אבסטראהירט און אידעאליזירט. פאקטיש האָט דאָס געהייסן די מיטעלע און געבילדעטע נישט־ייִדישע שיכטן, און מע האָט ניט געזען די אָרעמקייט, די קנעכטשאפט, דאָס פינצטערניש בא „גויִים" גופע, דעם פארשקלאפטן אומיוורעדיקן פויער, דעם פארקלויסטערטן הינטערשטעליקן שטאָטישן שטאנד, די אונטערדריקטע פעלקער, קורץ, — אזיִאטישקייט אָן א שיר. פאר די אלע אונטערדריקטע וועט איר דאָ נישט זען קיין אינטערעס, נישט הערן קיין וואָרעם מוטיק וואָרט. אָבער אין א סוויוועּ פון פאראכטונג און האס צום ייִדן, וואָס די הערשנדיקע קלאסן און די רעגירונג האָבן געפּלאנצט און זאָרגעוודיק דערהאלטן, אין א סוויוועּ פון ייִדישער גײַוועּ און פאראכטונג צום „גוי", — געהער דאָס צו מוט צו זאָגן דעם ייִדן: מע דארף ברעכן די וואנט פון אָפּגעזונדערטקייט, פארפרעמדקייט, אומצוטרוי. שטרעק דו אויס דער ערשטער די האנט; דער קעגנצאד איז שוין גרייט מיט פרייד זי אָנצונעמען. און פאר יענער צײַט איז דידאָזיקע פּראָפּאגאנדע

געוועזן פּראָגרעסיוו: זי האָט געהאָלפן צו ברעכן פון אינעווייניק די ווענט פונעם יידישן געטאָ.

די ברידערונג איז דאָ געוועזן נישט בלויז א הומאניטארער פּרינציפּ; — דאָ האָט נאָך געשטעקט אַ וויכטיקע פּאָליטישע אידייע: די אידייע פון א היים, פון בירגערשאַפט. מע האָט באדארפט געבן דעם יידן א היים, וואָרעם ער האָט זי נישט געהאַט. דער ארום האָט געגאָלטן פאר „פּאָניע גאנעוו"; א ייד האָט זיך געהאלטן אין לאנד פאר א פרעמדן, פאר אן אָפּקומער אין „גאָלעס" בא „גויים". יידישע שרייבער האָבן דערפילט אין זיך א שטארק בירגער־געפיל, און דאָסדאָזיקע געפיל האָבן זיי גענומען מיט אקשאָנעס און אויסדויער פּריידיקן און פלאנצן אין דער יידישער מאסע.

דאָס איז געוועזן א טייל פון דעם שטרייט קעגן דער יידישער אויסגעטאָנענקייט פון א וועלט, א טייל פון דער פּראָפּאגאנדע פאר אוילעמהאזע, פאר איינוואָרצלען זיך אין דער מאטעריעלער וועלט (זע ווייטער). איבערגעזעצט אף דער פּאָליטישער שפּראַך: ווערן א בירגער אף ד ע ר וועלט דארף מען אָנהייבן פון זיך פילן פאר א בירגער אין לאנד. יידישע שרייבער האָבן געהאט מוט און ווייטזיכטיקייט דאָס צו זאָגן אין די ערגסטע צייטן, אין די צייטן פון רעקרוטשינע און גירושים: זיי האָבן אריבערגעקוקט איבער דעם היינט צום מאָרגן.

פאר דער ברידערונג האָט מען געמאָנט קאָרבאָנעס. מע דארף אראָפּווארפן פון זיך נישט בלויז די יידישע קליידונג, די אויסערלעכע יידישקייט ביכלאל; — מע דארף זיך אָפּזאָגן פון אזא נאציאָנאל באהעפט־מיטל, ווי די שפּראַך אויך. יידישע שרייבער, וואָס יידיש איז געוועזן א וויכטיקער טייל פון זייער גייסטיק אייגנס, זיינען קיין „יידישיסטן" נישט געוועזן. די „חבה", דעם נאציאָנאלן סענטימענט, האָבן זיי אריבערגעטראָגן אף העברעיש. יידיש איז באם גרעסטן טייל געוועזן א וואָכעדיקע זאַך, א געצייג פאר אופקלער־ארבעט אף דערווייל, און מע דארף דאָס סאָפּקאָלסאָף באזייטיקן, ס'זאָל נישט שטערן דער ברידערונג. יידיש וועט זיך אליין באזייטיקן, ווי ווייט דורך דער קולטור־פּראָפּאגאנדע אף דער שפּראַך וועלן מענטשן ווערן געבילדעטער, וועלן זיך מאכן פאר אייגן די לאנדשפּראַך, וועלן נעענטער ווערן צו דער ארומיקער סוויווע.

אין אזאַ שפּראַך־אָריענטאציע לאָזט זיך שטארק פילן די ווירקונג פון דעם פארמעגלעכן און געבילדעטן שיכט. יידישע שרייבער טראָגן אריבער אף א גרויסער מאסע קולטור־מעגלעכקייטן, וואָס רעאל זיינען זיי בלויז בא דעמדאָזיקן שיכט. אָבער דידאָזיקע ווייטע אָריענטאציע האָט נישט געשטערט דער לעבנספּראקטיק: זייער וויכטיקסטע ארבעט, די געזעלשאפטלעכע קריטיק, האָבן יידישע שרייבער געטאָן אף יידיש, און אומבאוווּסט פאר זיך האָבן זיי געשאפן א מאָדערנע ליטעראטור.

אין דעם קולטור־קאַמף איז דאָס געגאנגען נישט בלויז אין דורכצוזעצן א נייע מאָדערנע גייסטיקייט אָנשטאָט דער אַלטער. די קולטור־פּראָפּאגאנדע האָט געצילט אסאך ווייטער: זי האָט גענומען ברעכן די ספּעציפיש־יידישלעכע סיסטעם גייסטיקייט, — די נ ע ז י ר ע ס, דאָס אויסגעטאָנענקייט פון דער רעאלער, מאטעריעלער וועלט, — אווינס, וואָס האָט נישט געהאט זיין גלייכן בא קיין פאָלק, בא פרום־גלויביקע בא אנדערע פעלקער אויך נישט. די יידישע ליטעראטור האָט גענומען שטרייטן פאר רעאליזם און מאטעריע, פלאנצן פארשטאנד פאר דער זאכן־וועלט, פאר געזונטע כושים.

די ליטעראַטור האָט זיך דאָ געפונען אַן אויסגעצייכנטן וועג: זי האָט געשטרעבט פאַרהאַסט צו מאַכן די קאָנקרעטע ייִדישלעכע מאַטעריִע. אין בילדער פון דעם גערגעלע מיטן קנאָפּ, פון דעם ייִדישן שלומפּער, פון דעם שטרויענעם גוף, פון דעם ייִדישן הילעך, פון דער וויסטער ייִדישער שטוב, פונעם גאָרן אַלטפּרענקישן נעזירעס־שטייגער האָט זי געוויזן די ה ע ס ל ע כ ק ײ ט פון דער ייִדישער מאַטעריִע. פון דער־דאָזיקער העסלעכקייט האָט מען איצט אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון הייליקייט, פון עפּעס העכערע צוועקן, וואָס זיי פאַרענטפערן קלאָמערשט דעם ביטל צו מאַטעריִע, און די געיאָגטע ייִדישלעכע מאַטעריִע איז געבליבן אין איר עקל מוטער־נאַקעט, אָן אַ שום פאַרענטפער. ייִדישע נעזירעס, די פאַרהאַסטע מאַטעריִע איז אידעאָלאָגיש אַ רעזולטאַט פון אָ ר ע מ ק ײ ט, נישט פון געטלעכער אויסדערוויילטקייט; מע איז מעוואַטל דאָס, וואָס מע האָט נישט. ס'איז אַן אומגליק, נישט קיין קרוין.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט אין אַ פאַרוויינט וועקסן וועלטל פאַרפירט אַ שטרייט פאַר אוילעמהאַזע, פאַר לעבן און פרייד: די וועלט איז אויך אַ וועלט! דער קולטור־שטרייט בײַ עלטערע ייִדישע שרײַבער איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר צו מאַטעריִאַליזירן דאָס ייִדישע דענקען און לעבן.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דערדאָזיקער אוילעמהאַזע־פּראָפּאַגאַנדע דער שטרײַט פאַר די רעכט פון יוגנט־ליבע, פון ראָמאַנטיק. מיט דעם גאַנצן אימפּעט, מיט שפּאָט און מיט ערנסט, האָט די ייִדישע ליטעראַטור אַטאַקירט דעם באַלעבאַטישן שידעך מיט זײַן טאַכלעס, מיט זײַנע ייִכעס־און לאָמדעס־אַמביציִעס. זי האָט אַנטפּלעקט דעם פאַרברעך קעגן דעם האַרצבאַגער, קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, האָט געוויזן דאָס אומגליקלעכע פאַמיליִענלעבן, ביפּראַט די רעציכעס קעגן דער פאַרקנעכטער פרוי; זי האָט געמאָנט די עמאַנסיפּאַציִע, די פולע גלײַכשטעלונג פאַר דער פרוי אין דער פאַמיליִע, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און פרײַהײַט ביכלאַל קעגן דער טראַדיציִע, קעגן דעם ייִדישלעכן יאָך.

דאָס האָט מער פאַר אַלץ געשטימט מיט דעם מעהוס פון ליטעראַטור און האָט דער ייִדישער ליטעראַטור געעפנט אַ נאַטירלעכן וועג צו דער יוגנטס האַרץ און מויעך. אָבער אומדירעקט האָט דאָ ליטעראַטור דערלאַנגט אַסאַך מער: אין אַ וויכטיקן לעבנספּראַט האָט זי אופגעוועקט בײַ יוגנט אַ קריטיש געפיל קעגן די טאַטעס, קעגן זייער גאָרן לעבנשטייגער, לעצט פאַרהאַסט געמאַכט בײַ דער יוגנט דעמדאָזיקן שטייגער. אופגעוועקט אין איין ווינקל, האָט אָבער דאָס קריטישע געפיל געמוזט טון זײַנס: עקבערן און זוכן ווײַטער און פאַרמעסטן זיך אַף דער גאָרער ייִדישלעכער סיסטעם.

אין וועג איז דער קולטור־פּראָפּאַגאַנדע געשטאַנען אַ רעליגיִעזע טעאָריע און פּראַקטיק. די טעאָריע האָט פּאָרויס באַשטימט די צוועקן פון דעם מענטשנס לעבן און שטערבן; די פּראַקטיק האָט דאָסדאָזיקע לעבן אויסגעפורעמט. די קולטור־פּראָפּאַגאַנדע האָט נישט געוואָגט און נישט געוואָלט אָפּן רײַסן די עמונע. אין דער מאַסקילישער פּראָגראַם האָט דאָס ביכלאַל געהאַלטן נישט גלאַט מיט רעליגיִע. פאַר דער וועלט און פאַר זיך איז מען געוועזן פרײַדענקעריש; פאַר דער ייִדישער מאַסע איז מען געוועזן „פּרינציפּיִעל" רעליגיִעז. אין דער מאַסקילישער נאַציִאָנאַל־פילאָזאָפיִע האָט דאָס געהייסן, אַז די ייִדישע עמונע (פאַרשטייט זיך, אַ „געלײַטערטע", אַ רעפאָרמירטע)

איז דער איינציקער באהעפט און דאָס איינציקע עקזיסטענץ־רעכט פונעם היסטאָרישן קאָלעקטיוו יידן. אין דער פּראַקטיק איז עמונע בא אלע עקספּלואַטירנדיקע קלאסן א באַקאנט אויסגעפּרוווט מיטל צו באהערשן דערמיט די מאסע, יעדנפאלס זי נישט ארויסצולאָזן פון די הענט. ספּעציעל בא די עלטערע יידישע שרײַבער האָט דאָס געהאלטן אזוי: א טייל זייערע זײַנען לויט זייער דערציִונג און לעבן געווען דיזעלבע רעליגיִעזע מענטשן, וואָס יענע באלעבאַטישע יידן. אנדערע האָבן פּאָשעט נישט גע־וואַגט אָנצורירן די גרונטפעסטן פון דער עמונע: יענע צײַטן האָט דאָס געשטעלט אין דער גרעסטער געפאר די פּראָפּאַגאַנדיסטן גופע, נישט בלויז די פּראָפּאַגאַנדע. פון פּרינציפּיעלע און אָפּאָרטוניסטישע מאָטיוון וועגן איז דעריבער די טאַקטיק דאָ וועןן: ארויסרײַסן דעם גיפט בא דער טעאָריִע און אראָפּרײַסן די פּראַקטיק. מע האָט געפּרוווט ווײַזן, אז „כאָכמע" (וויסן) איז אַ געבענטשטע פּאָר, אן עכטע שטיץ פאר עמונע. מע דארף בלויז אָפּלײַטערן די עמונע פון דעם פאנאטישן פרעמדן ווילדפלייש, וואָס האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט.

דאָסדאָזיקע ווילדפלייש איז געווען צום אלעם ערשטן די רעליגיִעזע פּראַקטיק: די גוזמע מיצוועס און כומרעס, וואָס האָבן געפּענטעט דעם מענטשן פון נעגל אָפּ־גיסן ביז קרישמע לייענען זײַן גאנץ לעבן, האָבן ארופגעלייגט א שטעמפּל פון בארג סינײַ אף יעדער קער און ווענד, אָנגעהויבן פון טוירע־לערנען, פון מוירע פאר וועלטלעך וויסן, און אויסגעלאָזט מיט דער באָרד און מיט דער קאַפּאָטע. מע האָט געוואָלט בעסיין האָבן א מין פילאָזאָפישע עמונע, וואָס זאָל נישט פּרעטענדירן אף קיין הערשערישער ראָלע אינעם פּראַקטישן לעבן. צו דערדאָזיקער פּראָגראם האָט נאָך געהערט טאָלעראנץ צום פרײַדענקער, א מין אָפּטיילן דעם שולכן־אָרעך פונעם נאַציִאָנאַל־יידישן לעבן: מע קען זײַן א גוטער ייִד נישט בלויז אָן א באָרד,— אָן דער פרומער יידישקייט ביכלאל. עמונע האָט נישט צו זאָגן נישט פאר מענטשלעכער מאָראל, נישט פאר דער יידישער איידע. די שליסל צו אן ערלעך לעבן, ווי צו די טויערן פון הימל, ליגן נישט אין די הענט בא דער איידע. נישט זי האָט דעם בונד מיט גאָט פאר דעם גאנצן קלאל און נישט זי טראָגט אף זיך די פאראנטוואָרטונג פאר דעם יאָכידס טון און דענקען. מעמיילע האָט די איידע אויך קײַן רעכט נישט פאר שאצן און קאָנטראָל; קורץ,— „עמונע איז א פּריוואט־זאך". אזוי ארום האָט מען געשטעלט דעם יאָכיד פאר זײַן אייגן געוויסן, פּרינציפּיעל אָפּגענומען בא דער איידע די אויבערעכט אף אים.

דאָס איז געווען א קאָמפּראָמיס מיט עמונע, בא א טייל—אן אופריכטיקער, בא אנדערע — אן אויסגעקליגלטער, פון פּראַקטישע צוועקן וועגן. אָבער איין זאך האָט מען שוין דאָ פּרינציפּיעל דערלאנגט: מע האָט באפרײַט דעם יאָכיד פון דער איידעס רעליגיִעזער אַפּוטראָפּסעס. אזוי ארום האָט מען זיך פארמאָסטן אף דעם טעראָר פון יידישקייט מיט געוואלד, געעפנט א וועג פאר פרײַער קריטיק און פאר פארוועלטלעכן דאָס טעאָקראַטישע געטאָ.

אין דעם געבײַ פון דער פּראַקטיש־רעליגיִעזער יידישקייט האָט מען פאָרמעל נישט גערירט דעם פונדאמענט;—מע האָט אָבער גענומען זעצן פענצטער. די שווערסטע שטיינער אין קאָפּ האָט דאָ געכאַפּט דאָס כ ס י ד ע ס. דער פארמעסט פון דער אטאקע האָט געמוזט שטימען מיט דער קראַפט, וואָס כסידעס האָט דעמאָלט פארמאָגט אין יידישן לעבן אין אוקרײַנע, פּוילן, גאליציִע, די „נאַיִווע" מאסקילים, און יידישע

שרייַבער אויך צווישן זיי, האָבן דאָס אסאך קלאָרער און וויַטזיכטיקער פארשטאנען, ווי די געבילדעטע פרײַדענקער און עסטעטן אין צענדליקער יאָרן ארום, וואָס האָבן פּאָעטיזירט כסידעס און צוגעקלערט א טעאָריִע, אז כסידעס איז אין זײַן צײַט געווען שיר נישט א דעמאָקראטישע „רעוואָליוציִע" אין ייִדישלעכן שטייגער, א פּראָגרעס קעגן דער ראבבאָנישער ייִדישקייט. די עלטערע ייִדישע שרײַבער האָבן אויסגעצייכנט געזען סײַ די פארסאמטע וואָרצלען, סײַ די פארדאָרבענע פרוכט פון כסידעס. כסידעס איז שוין צו זייער צײַט געווען נישט סטאם א שיטע אין ייִדישקייט, — ס'איז געווען א שטארקע אָרגאניזאציִע, מיט פעסטע צענטערס,—רעבײִשע הויפן,—איבערגעפלאָכטן מיט עקאָנאָמישע אינטערעסן פון א געוויסער גרופּע, וואָס האָט מיט גוטייִדישקייט עקספּלואַטירט די פאנאטיזירטע כסידישע מאסע; מיט א שטארקן אפּאראט: גאבאָים, מעקוראָווים, מאמאָדעס־אופּמאָנער א. אז. וו. כסידעס האָט שוין דעמאָלט אין דעם גרעסטן טייל קעהילעס געהאט די קאָהאָלשע פירונג אין דער האנט, מיט דער גאָרער רעכטלעכער און עקאָנאָמישער קראפט פון קאָהאָל. כסידעס האָט זיך ניכנע געמאכט קלײקוידעש, האָט ניכנע געמאכט דעם קליינעם מענטשן: מע האָט צו יעדער צײַט געקאָנט אים ארויסרײַסן דעם ביסן פון מויל, געקענט אָפּגעבן זײַן קינד פאר א רעקרוט, אים צעשיידן מיט ווײַב און קינדער א. אז. וו.

די רעבײִשע הויפן האָבן באליגט די מאסע מיט א ספּעציִעלן שטײַער—מאמעדגעלט, מיט פּידיוינעס, האָבן געמאכט דערפון פארמעגנס און געשפּײַזט א מאכנע לייִדיקגייער, וואָס האָבן באדארפט דערהאלטן דעם רעבײִשן אווטאָריטעט. קעדיי דעמדאָזיקן אווטאָריטעט צו דערהאלטן,—האָט מען נאָך געדיכטער געמאכט דאָס פינצטערניש אין ייִדישן לעבן: פאר זינד האָט שוין איצט געגאָלטן נישט בלויז וועלטלעכע קענטעענישן, די לאַנדשפראך א, ד. גל. אפילע טאנאך, דיקדעק איז שוין איצט געווען טרייף, און קרום האָט מען געקוקט אף דעם לאמדן, דעם געמאָרע־לערנער: דאָס שמעקט שוין מיט ליטווישער מיסנאגדעס. א ווילנער ראָוו האָט נאָך געקענט געבן א האסקאָמע אף י. ב. לעווינזאָנס „תעודה בישראל";—אינעם כסידישן וואָלין, אין לעווינזאָנס היים, האָט מען פון דעם בוך אפילע קנאפּ וואָס געוווּסט; מע האָט דאָס פארשפּאָרט צו ברענען.

זויהער און מיקווע און מעלאווע־מאלקעס איז איצט געוואָרן דאָס וויכטיקסטע אין ייִדישקייט. דער רעבע האָט געקריגן די שליסל צו פּארנאָסע, צו געזונט, צו קינדער, צו אלע מאטעריִעלע גיטער; בא אים האָט מען דאָס באדארפט פּויעלן און געבן דערפאר פּידיוינעס. די רעבײִשע הויפן זײַנען געוואָרן גוואלדיקע נעסטן פון פּאראזיטיזם; זיי האָבן אָפּגעריסן א מענגע כסידים, דערהויפּט די יונגעלײַט, פון יעדער באשעפטיקונג. דעם יאָך פון ארבעט האָט מען ארופגעוואָרפן אף דער „אישע" און דערפאר געשענקט איר ביטל און פאראכטונג. געשטיצט אף די רעבײִשע הויפן, האָט מען אָרגאניזירט דעם שארפסטן טעראָר קעגן די אופגעקלערטע, קעגן אנדערש־מיינער, אָפּטמאָל קעגן ניט־כסידים סטאם, און מע האָט זיך דערבײַ נישט געשייט פאר קײַנע מיטלען. קורץ,—כסידעס איז געווען די קריגערישסטע, רעאקציִאָנערסטע קראפט, האָט אָפּגעוואָרפן דאָס ייִדישע גײַסטיקע און געזעלשאפטלעכע לעבן וויַט צוריק. די שווערע קאטאסטראָפעס, וואָס האָבן געטראָפן די ייִדישע מאסע סאָף 18־טן, אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט: די לעצטע קאזאקן־פּאָגראָמען (1768 א. וו.), דאָס צעפאלן פון פּוילן; די פּאָליטישע רעדיפעס: דאָס טרײַבן צענדליקער טויזנטער ייִדן פון די

דערמער, פון דעם גרענעץ־ראיאָן, די קאַנטאָניסטן־פּלאָג א. אז. וו. — דאָס אלץ האָט דעם כסידעס צוגעשפּילט: פון הונגער־נויט, דערנידערונג און פארצווייפלונג האָט כסידעס געצויגן די שטאַרקייט.

ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס קימאט אלע עלטערע יידישע שרייבער, פון י. ב. לעווינזאָנען אָן, האָבן זיך געוואָרפן אף כסידעס און אהער געצילט זייערע גיפטיקסטע פיילן. מיט סאטירע און שפּאָט, מיט וואָר און מיט גוזמעס, מיט דעם גאנצן ארסענאל, וואָס ברענענדיקער האס און ווייטיק פארמאָגט, האָט מען זיך גענומען רייסן און בייסן די כסידישע פּלאָג. מע האָט פון איר אראָפּגעריסן דעם שלייער פון הייליקייט און יידישקייט, אויסגענוצט פאר דעם צוועק אפילע דעם אווטאָריטעט פון טוירע: מע האָט דאָס ארויסגעשטעלט פאר דער ווילדסטער געצנדינערײַ, מע האָט, אָפּטמאָל אין מעגוזעמדיקע בילדער, אנטפּלעקט דאָ דעם שווינדל מיט יידישקייט, ארויסגעשטעלט דאָס גאָרע כסידעס פאר א געמיינער באנדע פארדארבער און בלוטזויגער. קורץ, — מע האָט זיך געפירט אזוי ווי אין קריג, און מע האָט דורכאנאנד געריסן דעם פאָלק די אויגן, בלינדע זאָלן דערזען.

דער קריג קעגן כסידעס איז איינע פון די שענסטע זײַטלעך אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור־געשיכטע. געציילטע מענטשן, צומיינסטנס אָרעמע און עלנטע, האָבן זיך דאָ געשטעלט קעגן א שטארקער, פארצווײַגטער אָרגאניזאציע, וואָס האָט זיך געשטיצט אף אווטאָריטעט און האָט פארמאָגט גענוג רעפּרעסיעס קעגן די צעשטערער. זיי האָבן זיך די ערשטע צײַט ווייניק אף וועמען געהאט צו שטיצן. די דערשלאָגענע, פאנאטיזירטע מאסע האָט געלעבט מיט דער אינערציע פון יאָרן און געוויינשאפטן, מיט מוירע און ניכנעקײַט; דידאָזיקע מאסע האָט מען ערשט באדארפט געווינען. א שטיקל שטיץ איז דאָ געווען די רעגירונג: זי האָט, פון אירע צוועקן וועגן, אויך געררוידעפט דאָס כסידעס און געשטיצט די אופגעקלערטע; דערפון זאָל נאָך ספּעציעל גערעדט ווערן. אָבער אין דער קאָנקרעטער סיטואציע, אין די פארוואָרפענע שטעט און שטעטלעך, בא דער פארקויפטקייט פון רוסישע באאמטע, האָט דידאָזיקע שטיץ נישט געקענט זײַן איבעריק גרויס. דאָסזעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן דער שטיץ און שוץ, וואָס יידישע שרײַבער האָבן געקאָנט האָבן בא דעם ביסל אופגעקלערטע גווירים און אקציזניקעס. קורץ, — יידישע שרײַבער האָבן דאָ אסאך אײַנגעשטעלט; דאָ האָבן זיי אָפּגעוואָרפן יעדן קאָמפּראָמיס און האָבן באהארצט געטאָן זייערס.

דאָ איז שוין דערמאנט געווען, אז מיט דעם קולטור־שטרײַט איז מען נישט אויסן געווען בלויז א נײַעם גײַסטיקן שטייגער. דאָס איז געווען א טייל פון א גרעסערער סאָציאלער פּראָגראם, פון א סאָציאלער רעפאָרמע, מיט דעם צוועק גרינטלעך צו ענדערן דאָס גאָרע יידישע לעבן. די עלטערע יידישע שרײַבער, יעדנפאל א גרויסער טייל זייערער, זײַנען געווען רעאליסטן. זיי האָבן פארשטאנען, אז מיט קיין בוך איז מען נישט זאט, אז אפילע די קולטור־באנײַונג קאָן קיין וואָרצלען נישט לאָזן אין דער געוואלטיקער יידישער אָרעמקייט און לופטגייערײַ, — די עמעסע שפּײַזערן פון דער קולטורעלער הינטערשטעליקייט. מיר הערן שוין אין י. ב. לעווינזאָנס „העפקער־וועלט”: „וועלכער האָט דען הי א גרונטאָוונע פארנאָסע?” מיר הערן דעם געשריי קעגן מיעסע יידישע פארנאָסעס, קעגן די „פּעקל־מאכערס” (קאָנטראבאנדיסטן), קעגן לופטגייערײַ, קעגן עקספּלואטירן דעם אָרעמאן. די מאסע דארף האָבן א זיכער,

ערלעך שטיקל ברויט און מענטשן־רעכט, און מע דאַרף איר ווײַזן דעם וועג דערצו.

די קריטיק איז דאָ געווען געווענדט צום אַלעם ערשטן קעגן פאַראזיטישע פאַרנאָסעס, וואָס שטימען שוין נישט מיט דעם נײַעם עקאָנאָמישן שטייגער אין לאַנד, קעגן ליידיקגייערײַ. מע האָט נישט סטאַם געקרעכצט אָף ייִדישער אָרעמקייט; — מע האָט פאַרמיִעסט ייִדישע שענקערײַ, פאַקטערײַ, לופט־פאַרנאָסעס. כוץ דעם מאָראַלישן פראָ־טעסט קעגן פאַראַזיטישקייט, האָט דאָ געשטעקט עקאָנאָמישער און פאָליטישער פאַר־שטאַנד, אַז דידאָזיקע פאַרנאָסעס קענען שוין נישט שפײַזן די גרויסע ייִדישע מאַסע און אַז ווײַטער קאָן זיך דאָס אַזוי נישט ציִען: ייִדן זײַנען שוין איצט איבער דעם פאַרהאַסט, און דערמיט וויל מען באַרעכטיקן פאָליטישע און עקאָנאָמישע קייטן פאַר ייִדן.

אין דער פאָזיטיווער האַסקאָלע־פראָגראַם איז, ווי באַקאַנט, געשטאַנען ערדאַר־בעט, פראָדוקטיווע אַרבעט ביכלאַל. ספעציעל ערדאַרבעט האָבן מאַסקילים ניט סטאַם געפריידיקט, — זיי האָבן דאָס אידעאַליזירט, פאָעטיזירט. די עלטערע ייִדישע שרײַבער זײַנען אין דעם פראַט געווען ניכטערער, רעאַליסטישער. דאָ איז נאָך זייער אָנגע־לייגט געווען דער לײַטישער סויכער, וואָס אַרבעט סאָליד, אָן שווינדל־געשעפטן, דער דאָקטער, דער בוכהאַלטער, דער קאָפמענטש, אָבער דאָ האָט מען שוין גענומען רעאַביליטירן אַרבעט, פיזישע מי אויך: דער ערלעכער אַרבעטמענטש, דער „נהנה מיגיע כפו" איז אויך אַ נוצלעכער גליד אין דער געזעלשאַפט, און אַרבעט איז קיין כאַרפּע נישט. מע האָט גענומען ברעכן דעם ייִכעס פון „באַ מיר אין דער מישפּאָכע איז, דאַנקען גאָט, נישטאָ קיין איין באַלמעלאָכע", די אַמביציִע פון איידעלע באַלע־באַטישע הונגער־פאַרנאָסעס און ליידיקגייערײַ.

אין דעמדאָזיקן טייל פראָגראַם האָט ליטעראַטור געמוזט זײַן שוואַכער, איידער אין דער קולטור־פראָפּאַגאַנדע: די טעמע איז געווען צו פובליציסטיש, און ווידער האָט מען יענע צײַטן נישט געקענט ווײַזן קיין רעאַלע וועגן צו דעם צוועק. פאַר־שטייט זיך אויך, אַז דאָ האָט מען נישט דיפערענצירט דעם אַרבעטער פון דעם אַר־בעטגעבער (דעם באַלמעלאָכע): צו אָרעם אין עקאָנאָמישער מאַטעריע איז געווען דאָס ייִדישע לעבן, צו אָרעם אין סאָציאַלע באַגריפן זײַנען געווען די שרײַבער (צום־טייל די צײַט אויך), צו שטאַרק זײַנען זיי געווען פאַרבונדן מיט דער קלייןבירגער־לעכער סוויווע. אָבער שוין דאָס עצעם רעאַביליטירן מענטשלעכע מי און דעם אַר־בעט־מענטשן אין יענער סוויווע, יענע צײַט, איז געווען פראָגרעסיוו און ווײַטזיכטיק און האָט געמאַכט אָן אָנהייב פאַר סאָציאַל דערציִען די ייִדישע מאַסע. די אַרבעט־פרײַנטלעכקייט אין דער שפעטערדיקער ייִדישער ליטעראַטור קען זיך פאַרופן אָף אַ שטיק ליטעראַטור־טראַדיציע.

צו די אָביעקטן פון געזעלשאַפטלעכער קריטיק אין דער ליטעראַטור האָט נאָך געהערט קאָהאָל. נאָך כסידעס איז קאָהאָל געווען דער אָביעקט פון די שאַרפסטע אַטאַקעס, ביפראַט אַז כסידעס גופע, ווי די פרומפאַנאַטישע רעאַקציע ביכלאַל, וואָלט נישט געהאַט די טקיפעס אָן קאָהאָלשער שטיץ. קאָהאָל האָט אין ייִדישן לעבן גע־שפילט דיזעלבע ראָלע, וואָס דער פעאָדאַל־ביוראָקראַטישער רעזשים אין גאַנצן לאַנד. ס'איז געווען אַן אָליגאַרכיִע פון די אייבערשטע פאַר צענדליק גווירים, פראָ־צענטניקעס, „שיינע ייִדן", וואָס די רעגירונג האָט זיי איבערגעגעבן די הערשאַפט

אף דער איידע, און זיי האָבן געקוקט אף דער איידע, ווי אף א קוואַל פון זייער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער מאכט. די עלטערע יידישע שרייבער, שוין פון י. ב. לעווינזאָנען אָן, האָבן אופגעדעקט די שענדלעכטטע עקספּלואטאציע, וואָס די קאָהאָלסלייט באגייען קעגן דער יידישער מאסע. די שווערסטע לאסטן: רעקרוטן־געבן, מעלוכע־שטייערן, קאָהאָל־אָפּצאָלן א.ד.גל., וואַרפט מען ארוף אף די אָרעמ־סטע, אף די שוואכסטע, מיט אומפארשעמטע גנייוועס און רעציכעס און מיט פאר־שידענע שמאדשטיק צאפט מען די קאָהאָלשע קאסע. מע לאָזט נישט צו קיין שום קאָנטראָל, מע האלט זיך נישט פארפליכט אָפּצוגעבן רעכענונג, און די עצעם לאסטן האלט מען פאר א בייטש קעגן יעדן ווידערשפעניקן: ווי איז צו דעם, וואָס וועט וואגן זיך אקעגנשטעלן, אויסווייזן אוולעס, אפילע מאָנען רעכענונג; קאָהאָל וועט אזוינעם צעטרעטן ווי א וואָרעם.

דידאָזיקע קליקע ניצט אויס פאר איר הערשאפט נישט בלויז די רעגירונג־מאכט; זי דעקט זיך מיט דעם אווטאָריטעט פון יידישקייט אויך. זי עקספּלואטירט די קול־טורעלע הינטערשטעליקייט פון דער מאסע און זעט מיט אלע מעגלעכקייטן דידאָ־זיקע הינטערשטעליקייט צו דערהאלטן, צו פארייביקן זי, מיט דעם אווטאָריטעט פון טוירע און מיט דער „געבאָט“ פון יידישער אכדעס. זי האָט זיך גענומען דעם קאָנ־טראָל איבער דעם מענטשנס פירונג, אף דעם יאָכידס לעבן און שטרעבן, האָט אים זיך ניכנע געמאכט, און זי פארדארבט דאָס יידישע לעבן אסאך מער ווי די אויסער־לעכע פּלאָגן און רעדיפעס.

אין דער אטאקע קעגן קאָהאָל האָט די נייע יידישע בורזשואזיע געהאם איר אייגענעם מיין: אנטקעגן קאָהאָל האָט זי דאָ אוועקגעשטעלט דעם ליבעראלן אינדי־ווידואליזם, דאָס שטרעבן זיך פריי צו מאכן פון סאָציאל־אָרגאניזירטער יידישער גע־מיינשאפט, נישט קיין פּרינציפּן פון א העכערער סאָציאלער אָרגאניזאציע. בא יידי־שע שרייבער פארנעמט דאָ דעם אויבנאָן (אזוי ווי אין אַנדערע פראגעס) די גע־זעלשאפטלעכע קריטיק. די יידישע ליטעראטור האָט אופגעדעקט א געפערלעכע וווּנד, וואָס פארדארבט דאָס יידישע לעבן, געוועקט קריטיק און זעלבשטענדיקייט, דעמאס־קירט פאלשע פאָלקספארזאָרגער, אראָפּגעריסן פון זיי דעם שלייער פון הייליקייט, פון אכדעס, און דערמיט גרינטלעך אונטערגעריסן קאָהאָלס אווטאָריטעט, די אָרגאניזיר־טע שטיץ פון דער יידישלעכער רעאקציע און ווילדקייט.

אין קולטור־באנייונג, אין סאָציאלער איבערשיכטונג, אין דער רעפאָרם פון קאָהאָל א. ד. גל. האָבן יידישע שרייבער, אזויווי מאסקילים בכלל, געזען דעם וועג צו בירגערלעכער עמאנסיפּאציע. די טעאָריע איז באקאנט: עמאנסיפּאציע דארף מען פארדינען, און מע וועט זי אונדז געבן אזוי גיך, ווי מיר וועלן פארטיק ווערן מיט זיך. דאָ זעט מען קיין סימען נית פון פּאָליטישן קאמף; מע שטעלט אויס אף דער וווילגעוויגטקייט און גערעכטיקייט פון דער רעגירונג און מע זינגט איר לויבנגעזאנ־גען. סע קאָן אויסזען ווונדערלעך, ווי אזוי מענטשן, ווייטזעער בכלל אין יידישן לעבן, האָבן נישט דערזען די געדיכטע רעאקציע ארום, ביפראט ניקאָלייס דעם 1־טנס צייטן, די ביטערע פיין, וואָס דידאָזיקע רעאקציע האָט פארשאפט ספּעציעל יידן. נאָכמער: מע האָט אין א געוויסער מאָס רעאביליטירט די רעגירונג, געשטיצט זי אין יידישן לעבן.

דאָס איז נאטירלעך פאר דעם ניי־אופגעקומענעם בורזשואזן שיכט: ער איז גע־וועז פארבונדן מיט דער רעגירונג („פּאָדריאדן“, אקציז — ארענדע) און מיט די קלאסן אין

לאנד, וואָס האָבן געשטיצט די רעגירונג. די נײַע ייִדישע בורזשואַזיִע האָט נישט
געהאַט קיין שום פּאָליטישע טראַדיציִע (אויב נישט צו רעדן פון דער געטאָ־טראַדי־
ציִע): זי איז פאַקטיש געווען די פּריווילעגירטע; פון דעם ייִדישן „גאָלעס" האָט זי
נישט געליטן (מע האָט זיך אויסגעקויפט פאַר געלט); זי האָט זיך געפילט דערהויכט
און דערהויבן, אַזויווי דער אופגעקומענער, וואָס מע האָט אים דאָס ערשטע מאָל
אַרײַנגעלאָזט דורך דער פּאָדערטיר; מעמיילע האָט דאָ פון קײַן פּאָליטישן קאַמף,
אפילע פון קײַן פּראָנדע קײַן רייד נישט געקאָנט זײַן. צו דעם וועט ערשט קומען
שפּעטער, אין די 70־ער יאָרן, בײַ די געבילדעטע קינדער, וואָס האָבן שוין פון דעם
ייִדישן „גאָלעס" נישט געוווּסט, און זיי זײַנען שוין געווען פאַרבונדן מיט דער פּראָג־
רעסיווער רוסישער אינטעליגענץ. דערווײַל אָבער, בײַ די טאַטעס, איז געווען דאַנק־
באַרקייט, מוירע און האכנאָע. עטוואָס שפּעטער, נאָך די „רעפאָרמעס" אין די 60־ער
יאָרן, נאָכדעם ווי די ייִדישע פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן זיך דערזען, צומטייל יורי־
דיש, און נאָכמער פאַקטיש, קימאַט ווי גלײַכבארעכטיקט מיט דער „אַלטגעזעסענער
באַפעלקערונג",— איז שוין געווען ב א ג ײַ ס ט ע ר ו נ ג פאַר דער רעגירונג, און אַלעק־
סאַנדער דער וו־טער האָט דאָ געהייסן „מלך חסד". פון ייִדישע שרײַבער איז עפּשער
י. אַקסנפעלד דער אײנציקער, וואָס, לויט זײַן סאָציִאַלער לאַגע (פריִער צושטעלער
פאַר דער אַרמיי, דערנאָך נאָטאַרעס און אַדוואָקאַט), האָט ער געהערט צו די פּריווי־
לעגירטע, מעמיילע האָט ער געקענט האָבן די פּאָליטישע אָריִענטאַציִע פון די פּרי־
ווילעגירטע. דער גרעסטער טייל ייִדישע שרײַבער האָבן געהערט צו די אָרעמע און
געדריקטע. זייער אַרויסקוק אין ייִדישן לעבן אויף דער רעגירונג נעמט זיך פון סאָציִ־
אַל־פּאָליטישער אומגעשולטקײַט און פון זייער ספּעציפישער לאַגע. זיי האָבן אויך גע־
שטעקט איבער דעם קאָפּ אין געטאָ; דאָ האָט מען געפירט אַ פאַרצווייפלטן שטרײַט
קעגן כסידעס, קעגן קאָהאָל, קעגן דער גאָרער ייִדישער הינטערשטעליקייט; מע איז
פאַקטיש געווען אָפּגעריסן פונעם אַרומיקן לעבן, ביפּראַט נאָך (אין ייִדישע שטעט
און שטעטלעך!) פון דער גרויסער פּאָליטיק אין לאַנד, און מע האָט זיך שלעכט אָריִ־
ענטירט, וואָס אין לאַנד טוט זיך. דער עצעם פאַרצווייפלטער שטרײַט האָט אויך גע־
טריבן צו דער רעגירונג אין די אָרעמס. אין דעם עלנט, אומבאַהאָלפנקייט קעגן דעם
טעראָר פון קאָהאָל און כסידעס איז די רעגירונג געווען (האָט געקענט זײַן) זייער
איינציקע שטיץ. די רעגירונג האָט פירגענומען די באַקאַנטע רעפאָרמעס אין ייִדישן
לעבן: די רעפאָרמע פון דער ייִדישער דערציִונג (דאָס נײַע ייִדישע שול־וועזן), די
רעפאָרמע פון קאָהאָל, קאָלאָניזאַציִע, דאָס אַרײַנציִען ייִדן אין מיליטער־דינסט א.אז.וו.
זי האָט דערבײַ געהאַט אירע אייגענע צוועקן: צו פאַרענטפערן דערמיט די עקאָנאָ־
מישע און רעכטלעכע רעפּרעסיִעס קעגן ייִדן, צו דענאַציִאָנאַליזירן די ייִדישע מאַסע
און צו צעברעכן די ייִדישע „אַכדעס" („אַ מעלוכע אין אַ מעלוכע"), צו באַוועלטיקן
דורך רוסיפיקאַציִע (און מיט דער הילף פון רוסיפיצירטע ייִדן) די ניט־לאַנג אָפּגע־
נומענע פּוילישע געגנטן א. אז. וו. אָפּן דאָזיקן וועג האָט זיך די רעגירונג געטראָפן
מיט די מאַסקילים: יענע זײַנען אליין געקומען צו רעפאָרם־פּראָגראַם, פון „נאַציִאָנאַל־
רעפאָרמאַטאָרישע" צוועקן וועגן, און האָבן געמונטערט דערצו די רעגירונג. ס'איז
געווען נאַטירלעך, אַז די רעגירונג, וואָס האָט געזוכט אַ שטיץ אינעווייניק בײַ ייִדן, זאָל
פּראָטעזשירן די פּראָפּאַגאַנדע פון דערדאָזיקער גרופּע, זאָל זיך שטעלן קעגן דעם טע־
ראָר פון דער גרופּעס סאָנים. אַ טייל מאַסקילים האָבן דאָ דערזען אַ נאַטירלעכן

פאַרבינדעטן; א טייל,— צווישן זיי יידישע שרײַבער,— צומיינסטנס דעמאָקראַטישע מענטשן,— האָבן דאָ געהאַט אין אויג די הילף, וואָס זיי האָבן געקענט קריגן בא דער רעגירונג אין שטרײַט קעגן דער היימישער רעאַקציע. דעם געוואַלטיקן פּרעס פון דער יודאָזיקער רעאַקציע האָבן זיי דירעקט ניט געפילט; גרעסערע לאַנד-פּערספּעקטיוון זײַנען זיי פּאַקטיש געווען פרעמד: מע איז געווען דערצו ניט דערוואַקסן; און די סיטואַציע איז געווען אזא, אז נאָך דעם דערשטיקן דעם אופשטאַנד פון די דעקאַב־ריסטן, איז די רעגירונג קימאַט ביז די 70־ער יאָרן די איינציקע געבליבן אפן פערד.

יידישע שרײַבער האָבן זיך נישט געשײַט צו ברעכן דאָס נאַציאָנאַלע „אכדעס", אָנצונעמען די „פרעמדע" הילף קעגן „אייגן פאָלק" (ווי נאַציאָנאַל־ליבעראַלע פּובלי־ציסטן און היסטאָריקער וואַרפן זיי דאָס אויס), און דאָס איז געווען יענע צײַט בא־רעכטיקט, ווײַל ווי רעאַקציאָנער די רעגירונג איז נישט געווען, איז קאָהאָל געווען נאָך רעאַקציאָנערער, ווײַל די רעגירונג האָט בא יענער סיטואַציע, קעגן איר ווילן געשפּילט א פּראָגרעסיווערע ראָלע אין יידישן לעבן.

———

אין דער ליטעראַרישער אַרבעט בא די עלטערע יידישע שרײַבער איז פאַראַן א מערקווערדיקע אייגנטימלעכקייט, וואָס טיילט זיי שאַרף אויס פון דער האַסקאָלע־ליטעראַטור ביכלאַל. די מאַסקילים, ביכלאַל זייערע פירנדיקע פּערזענלעכקײַטן, פון י. ב. לעווינזאָנען אָן, האָבן געאַרבעט אויף 2 פראָנטן: קריטיק און אַפּאָלאָגיע. מע האָט ניט בלויז קריטיקירט דאָס יידישע לעבן (פאַר אינעווייניקסטן געברויך), מע האָט דאָס פאַרענטפערט אויך (פאַר דער וועלט). מע האָט דורכאַנאַנד געטײַט אויף יידישע אופטוען, אויף יידישע פאַרדינסטן פאַר מענטשלעכער קולטור. מע האָט געטײַט אויף דער מאַרטירערישער יידישער געשיכטע: פון דאַנען, פון היסטאָרישע וואָגלענישן און ווילדע רעדיפעס, שטאַמט אלדאָס בייז, וואָס ס'האָט זיך אָנגעקליבן אין יידישן לעבן. אין געטאָ האָט מען אונדז פאַרשפאַרט, ניט מיר זײַנען אליין געקומען אהין. אויף דער „וועלט" ליגט א כויוו גוט צו מאַכן דאָס היסטאָרישע אומרעכט.

אנדערש איז אָבער בא יידישע שרײַבער: קיין שום אַפּאָלאָגיע! מע מאָלט בלויז שוואַרץ און מע וואַרפט די שולד בלויז אויף זיך אינעווייניק (לעווינזאָן דער יידיש־שרייבער אויך אזוי)! סע קען אויסווײַזן וווּנדערלעך, וואָס יידישע שרײַבער דערזעען נישט דעם אויסערלעכן פּרעס, יידישע געשיכטע. אין קינסטלערישע ווערק ווידער, וואָס, ווי־ניט־ווי, האָט מען דאָ געהאַט צו טון מיט אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע פּי־גורן אויך, איז שווער זיך פאָרצושטעלן אזא פאַרטיילונג פון ליכט און שאָטן, אז דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שיינע, דאָס מענטשלעכע איז קימאַט א מאָנאָפּאָליע פון א הײַפל אופגעקלערטע אינטעליגענץ און סאָכרים; אלדאָס איבעריקע אין פאָלק איז שלעכט, מיִעס און פאַרדאָרבן. און דאָס האָבן געטון אייגענע, געטרײַע פאָלקס־פרײַנט, ניט קײַן ווײַטע קרויווים, פאַרזאָרגער! וואָס איז דאָ געווען?

ס'איז געווען א מערידע! א נײַער שיכט, א שיכט, וואָס וועט זיך שפּעטער קלאָר אויספאָרמירן פאַר א יידישער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע, האָט אופגעהויבן אַן אופשטאַנד אין געטאָ קעגן מיטלאַלטער, קעגן דער קאָהאָלש־כסידישער אָליגאַר־כיע, האָט זיך אָפּגערעכנט שאַרף מיט א צעפוילטן, אונטערגייענדיקן קלאַס. די מע־רידע האָט נישט געשווינט און נישט געקענט שווינען: אזוי ווי יעדע מערידע האָט זי

נישט געקענט און נישט געוואָלט זײַן גערעכט. די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור איז געווען שאַרף אָנגעזאָפּט מיט געזעלשאַפטלעכער קריטיק, אַנדערש וואָלט זי אַפילו נישט געקענט אויפקומען: ווער האָט דאָס באַדאַרפט דעמאָלט ייִדישע ליטעראַטור! ס'איז נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע טריבונע, האָט קינסטלערײַ געמוזט נעמען אויף זיך אַזאַ פונקציע. די קריטיק אָבער האָט געמוזט זײַן אַזוי שאַרף, פאַרניכטנדיק, אַזוי ווי שטיקנדיק און פאַרסאַמט איז געווען די גאַרע לופט אין געטאָ, מיט דער פאַרשלאָפנקייט פון דורעס, מיט דעם טעראָר פון קאַהאַל און כסידעס, מיט דער גאַלעס־טעאָריע, מיט אַרויסקוקן אויף ניסים. האָט מען געצילט אין איין פונקט, געריסן און געביסן די פאַלשע פירער און פאַריינווועגס געשפּעט און געכוויזעקט איבער דער גאָרער איידע, וואָס לאָזט זיך פירן, נישט געלאָזט פאַר איר נישט קיין פאַרענטפער, נישט קיין ראַכמאָנעס.

ערשט מענדעלע האָט געבראָכן דידאַזיקע טראַדיציע: ער האָט געלאָזט דער קליאַטשע עפענען דאָס מויל, האָבן מיר דערהערט אַן אָנקלאָג קעגן די גרויסע פאַר־דאַרבערישע קרעפטן, קעגן דער סיסטעם הערשנדיקע קלאַסן און עקספּלואַטאַציע, וואָס ווירקט אין דער געשיכטע און וואָס פאַרוויסט דאָס ייִדישע לעבן אויך. אָבער דאָס איז שוין געווען קימאַט צום סאָף פון יענעם הערויִשן פּעריאָד אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז דאָ פאַרגעשטעלט אין דער איצטיקער זאַמלונג. דערווײַל אָבער איז געווען קריטיק און מע האָט זיך געפירט ווי אין קריג. אַ נײַער אויפשטײַגנדיקער קלאַס האָט זיך נישט בלויז פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן דאָס אַלטע;—ער האָט אויך פאַרמאָגט טקיפעס און זיכערקייט אין זײַנע קרעפטן, אַז ער וועט אויפבויען דאָס נײַע. דערפון נעמט זיך די אומבעראַכמאָנעסקייט: מיר אַליין זײַנען די שולדיקע; אין אונדזערע הענט ליגט בעסער און שענער צו מאַכן אונדזער מאָרגן; לאָמיר נאָר פאַרשטיין, וואָס מיר באַדאַרפן, און לאָמיר דאָס פעסט וועלן.

———

דער ווערט פון יעדער ליטעראַטור, ביפראַט פון אַ ליטעראַטור אין אַ קריטישער עפּאָכע, מיט אַ פּאָזיטיווער סאָציאַלער פּראָגראַם, דערקענט מען ערשט אין יאָרן אַרום, לויט דער יערושע נאָך, וואָס זי האָט געלאָזט, לויט איר ווערט נאָך אין אַ נײַער צײַט. די עלטערע ייִדישע שרײַבער האָבן אונדז צום אַלעם ערשטן איבערגע־לאָזט אַ ליטעראַטור, ד. ה. אַזוינס, וואָס צו זייער צײַט איז דאָס נאָך נישט געווען. צו זייער צײַט איז געווען שרײַבער פאָלקופּקלערער; ערשט זיי האָבן געשאַפן דעם לייענער און האָבן מעגלעך געמאַכט אַ ליטעראַטור, ד. ה. אַ נײַע וועלטלעך־קינסט־לערישע קאַטעגאָריע אין דער גײַסטיקער קולטור פון דער ייִדישער מאַסע. זיי האָבן אָבער נישט בלויז געוויזן אַ וועג פאַר ליטעראַטור — זיי האָבן געגעבן אַ טראַדיציע פון געזעלשאַפטלעכקייט און געזעלשאַפטלעכער קריטיק, פון אַ לעבעדיקן רעאַלן פאַר־בונד צווישן ליטעראַטור און די סאָציאַלע נויטן פון דער צײַט,— אַ טראַדיציע, וואָס מיר האָבן זיך צו איר אומגעקערט אין ראַטנפאַרבאַנד און וואָס בײַ איר וואָלטן זיך געמעגט לערנען „עסטעטן“ און „פײַנגײַסטער“ אין אַלע ייִדישע ווינקלעך. פאַר דעם ווערט ווידער פון זייער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און פּאָזיטיווער פּראָגראַם איז אַ גענוגער איידעס דער איצטיקער צושטאַנד נאָך פונעם ייִדישן לעבן אין די „דעמאָ־קראַטישע“ לענדער. אין וויכטיקע טיילן, דערהויפט אין די קריטישע, איז די עלטערע

ייִדישע ליטעראַטור פאַר יענעם צושטאַנד נישט פאַרעלטערט (דערציִונג, כסידעס, לופט־פאַרנאָסעס, די גאָלעס־טעאָריִע אין אַ נײַער פאָרמאַציִע א. ד. גל.).

די עלטערע ייִדישע שרײַבער, אַזױװי דער דעמאָקראַטישער טײל מאַסקילים ביכלאַל, זײַנען קינדער פון זײער צײַט און פון זײער קלאַס. זײ זײַנען געװען באַגײַסטערט פאַר אידעאַלן פון אַ דעמאָקראַטיע, פון אַ װעלטלעך אױפגעקלערט מאַטעריעל־קרעפטיק קלײנבירגערטום. אָבער פאַר זײער צײַט זײַנען זײ געװען רעװאָליוציאָנער; זײ האָבן פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט זאַכן, װאָס אױספירן זײ איז באַשערט געװען דוירעס שפּעטער, צומטײל בלײַבט דאָס נאָך אױסצופירן. דאָס װיכטיקסטע,— פּראָדוקטיװיזירן דאָס ייִדישע מאַסן־לעבן בײַ אַרבעט און ערדאַרבעט,— בלײַבט נאָך פאַר די „דעמאָקראַטישע“ מעדינעס נישט־פאַרענטפערט ביז הײַנט. ערשט די ראַטנמאַכט,— שױן מיט אַנדערע אידעאַלן און פון אַנדערע קלאַסן־צװעקן װעגן,— האָט אַרױסגעװיזן דעם װילן און די פעיִקײט אַזױנס צו פאַרװירקלעכן.

פאַר זײערע אידעאַלן האָבן זײ זיך אײַנגעשטעלט, געשטריטן, אַ טײל פון זײ,— מיט מוט און אידעאַליזם, װאָס פאַרדינט רעספּעקט. מיט אַ קריטיש אױג פאַר דעם, װאָס איז אונדז איצט פרעמד און װײַט, פאַר דעם, װאָס האָט שױן היסטאָריש אָפּגעשפּילט די ראָליע, קענען מיר איצט שאַצן דאָס, װאָס יענע עלטערע ייִדישע שרײַבער האָבן אױפגעטון, דאַרפן דאָס לערנען און קענען.

קיִעװ, 27 נאָיאַבער 1928.

ייצכאָק-בער (איציע-בער) לעווינזאָן.

(1860—1788)

י. ב. לעווינזאָן (ריב״ל) איז דער גײַסטיקער פֿאָטער פֿון דער האסקאָלע־באוועגונג אין רוסלאנד. ער איז געבוירן אין קרעמענעץ (וואָלינער גובערניִע) דאָס יאָר 1788, האָט געקריגן א פֿרומיִדישע דערציִונג, אָבער זײַן פֿאָטער, וואָס איז געווען אביסל אָנגעשמעקט מיט וועלטלעכע קענטעניִשן, האָט מיט אים שוין געלערנט טאנאך און רוסיש,—יענע צײַטן זייער א זעלטענע זאך. מע האָט אים כאסענע געמאכט צו 18 יאָר און ער האָט געגעסן קעסט באם שווער אין ראדיוויל (געוו. וואָלינער גוב.). אינגיכן געט ער אָבער זײַן פֿרוי און נעמט זיך פֿאר ליטעראטור, שרײַבט מעליצע־שירים. שפּעטער, איבער א קרענק, קומט ער קײַן גאליציִע. דאָ, אין בראָד און אין זשאָלקיעוו באגעגנט ער זיך מיט די זײַלן פֿון דער האסקאָלע יענע צײַט, מיט יאָסעף פּערל, נאכמען קראכמאל א. אנד. דערמיט איז שוין באשטימט זײַן לעבנסוועג. א שטיקל צײַט איז ער לערער אין דער רעפֿאָרמירטער יִדישער שול אין בראָד, שפּעטער (אין 1820) קערט ער זיך אום קײַן רוסלאנד, איז דאָ א שטיקל צײַט הויזלערער בא א רײַכן סוחער אין באַרדיטשעוו. פֿון 1823 אָן באזעצט ער זיך פֿעסט אין קרעמענעץ און הייבט אָן פֿירן א סיסטעמאטישע ליטערארישע און געזעלשאפֿטלעכע ארבעט פֿאר די האסקאָלע־אידעאלן.

דאָ, אין קרעמענעץ, האָט ער אָפּגעוווינט אין עלנט און אין אָרעמקײַט זײַנע איבעריקע יאָרן, פֿארהאסט אין דער פֿאנאטישער יִדישער סוויווע, מיט געציילטע פֿרײַנט און אסאך טאלמידים אין פֿארשיידענע עקן אין „טכום״, געארבעט קראנקערהייט און איז געשטאָרבן דאָס יאָר 1860.

ריב״ל האָט דער ערשטער בא רוסלענדישע יִדן קלאָר פֿאָרמוליִרט די געזעלשאפֿטלעכע פּראָגראם פֿון דער האסקאָלע. שוין אין זײַן „תעודה־בישראל״, וואָס איז געוואָרן א מין מאניפֿעסט פֿון דער האסקאָלע (געדרוקט צוערשט אין ווילנע 1828 מיט דער האסקאָמע פֿונעם ווילנער ראָוו), רעדט ער וועגן לערנען און דערציִונג און ווײַזט, אז מע דארף און מע מעג לערנען העברעיִש מיטן דיקדעק, אז מע מעג לערנען פֿרעמדע שפּראכן, וועלטלעכע וויסנשאפֿטן ביכלאל, אז דאָס איז נייטיק און ניצלעך אין לעבן און אז דאָס שאט ניט צו גוטער יִדישקייט. דאָ דערמאנט ער שוין, אז מע דארף לערנען א מעלאָכע, ארבעטן ערד. אין א צווייט גרונטווערק „בית יהודה״ (1839) גיט ער אָן א רעפֿאָרם־פּראָגראם:

1) מע דארף גרינדן שולן, קינדער זאָלן דאָרט לערנען וועלטלעכע קענטעניִשן און א מעלאָכע אויך, נישט בלויז יִדישקייט.

2) מע דארף פּויעלן בא דער רעגירונג, זי זאָל געבן יִדן ערד, וויי־ניקסטנס פֿאר א דריטל פֿון דער יִדישער באפֿעלקערונג.

3) מע דאַרף רעפאָרמירן דאָס ראַבאָנעס און דאָס קאָהאָל־וועזן: מע זאָל אויס־קלײַבן אַן אויבערראָוו איבערן גאַנצן לאַנד מיט אַ קאָנסיסטאָריע בא אים, ער זאָל פירן אַלע רעליגיעזע ייִדישע איניאָנים, שטעלן רעכטע ראַבאָנים, מאַגידים א. ד. גל. אין יעדער שטאָט זאָל זײַן אַ מאַגיד, ער זאָל זײַן אַ מאָראַלישער, אַ געזעלשאַפט־לעכער פירער, ניט בלויז אַ באַלדאַרשן.

4) מע דאַרף אויסקלײַבן פירער („פרנסים״) אין גאַנצן לאַנד, זיי זאָלן האָבן צו־זאָגן אף ייִדישע געזעלשאַפטלעכע זאַכן.

5) די ראַבאָנים זאָלן פאַרבאָטן לוקסוס בא ייִדן, סײַ אין קליידונג, סײַ אין הויז־פירונג, ווײַל לוקסוס דעמאָראַליזירט און פאַרשאַפט קינע און סינע צו ייִדן בא דער אַרומיקער וועלט.

דידאָזיקע פּראָגראַם איז געווען יענע צײַט אַן אַנטדעקונג פאַר רוסלענדער ייִדן און איז געוואָרן פאַקטיש די פּראָגראַם פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג. אף ריב״לס ווערק האָבן זיך דערצויגן די מאַסקילישע טויער פון זײַן צײַט און אַ דאָר שפּעטער.

אין אַנדערע ווערק (אַלע אף העברעיִש) האָט זיך ריב״ל אָפּגעגעבן מיט אַפּאָלאָ־געטיק, זיך אָנגענומען פאַר דעם טאַלמוד און פאַר דער ייִדישער עמונע קעגן אָנפאַלער אף ייִדישקײַט („זרבבל״, „אחיה השלוני״), מיט העברעיִשער פילאָלאָגיע („בית־האוצר״), מיט ריינוואַשן ייִדן פון „עלילת־דם״, בלוט־באַשולדיקונגען, („אפס דמים״), ער האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר סאַטירע־שריפטן קעגן כסידעס.

ריב״ל האָט פאָרמולירט די פּראָגראַם פון דעם נײַ־אויפקומענדיקן בורזשואַזן שיכט בא ייִדן, וואָס מיט זײַנע עקאָנאָמישע אינטערעסן איז ער געווען פאַרבונדן מיט דעם פּי־נאַנץ־און האַנדלס־קאַפּיטאַל אין לאַנד, מיט דער רעגירונג. דערדאָזיקער שיכט האָט געשטרעבט צו עמאַנסיפּאַציע. דאָס ייִדישע געטאָ, מיט דער עקאָנאָמישער און קול־טורעלער הינטערשטעליקייט, האָט אים געשטערט, און ער האָט זיך פירגענומען רע־פאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן, מיט דעם אויסקוק אף דער רעגירונגס הילף.

ריב״ל האָט נישט געשטרעבט צו שאַפן קײַן מאַסן־באַוועגונג אַרום דער האַס־קאָלע־פּראָגראַם. ער האָט דעריבער געשריבן אף העברעיִש פאַר ווילקענער און האָט זיך געצויגן צו דער רעגירונג, זי זאָל אויספירן זײַן רעפאָרם־פּראָגראַם, ער האָט נאָכאַנאַנד דערלאַנגט מעמאָראַנדומס צו רעגירער וועגן פאַרשיידענע רעפאָרם־פּלענער. דאָס יאָר 1823 האָט ער דערלאַנגט דעם טראָנפאָלגער אַ שריפט וועגן גרינדן שולן און סעמינאַרן; דאָס יאָר 1831—אַ שריפט דער רעגירונג וועגן רעפאָרמעס אין ייִדישן רעליגיעזן לעבן און אין שול־וועזן; דאָס יאָר 1834—דעם קייזער ניקאָלײַ דעם 1־טן וועגן באַטיילן ייִדן מיט ערד און ווידער וועגן ייִדישער דערציִונג. לויט זײַנעם אַ פּראָעקט האָט די רעגירונג פאַרמאַכט דאָס יאָר 1837 אַלע ייִדישע דרוקן, געלאָזט נאָר צוויי מאָנאָפּאָל־דרוקן אין ווילנע און אין זשיטאָמיר, רעוווידירט דורך די ראַבאָנים אַלע העברעיִשע ספאָרים (אַ טייל פון זיי פאַרברענט), פאַרווערט צו דרוקן געוויסע קאַבאָלע־און כסידעס־ספאָרים און אײַנגעפירט אַ שטרענגע צענזור פאַר ייִדישע ספאָרים ביכלאַל.

די צאַרישע רעגירונג האָט פון אירע צוועקן וועגן געשטיצט אף איר שטייגער די מאַסקילים און זייער האַסקאָלע־פּראָגראַם: זי האָט אָנגעהויבן אַ ייִדישע שול־רעפאָרם, פאָרמעל אָפּגעשאַפט קאָהאָל, געפּרוווט רעפאָרמירן ייִדישע ראַבאָנעס, געשטיצט צום־טייל ייִדישע ערדאַרבעט. ספּעציעל האָט די רעגירונג געשטיצט לעווינזאָנען גופע

און זײַן ליטעראַרישע אַרבעט. לעווינזאָן האָט געקריגן 1000 רובל אױף אַרויסצוגעבן זײַן „תעודה בישראל" און שפּעטער נאָך 3000 רובל אַ סובסידיע פֿאַר אַנדערע ווערק.

לעווינזאָן זעט אין דער רעגירונג אַ פֿאַרבינדעטן, וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע מיסיע אין יידישן לעבן, און שטיצט דאָ איר אויטאָריטעט. אַפילו אין באַשרײַבן די קאָנ־טאָניסטן־פּלאָג (אין „העפקער־וועלט") שטעלט ער דעם טראָפּ מער אױף קאָהאָלשע רעציכעס, איידער אױף דעם עצעם־פּלאָג.

אַזוי ווי אַ גרויסער טייל מאַסקילישע פֿירער יענע צײַט און אַ צײַט שפּעטער איז לעווינזאָן געווען פּרינציפּיעל קעגן יידיש. זײַן פּראָפּאַגאַנדע־שפּראַך איז געווען העברעיִש.

זײַן פֿאַרהאַלטונג צו יידיש האָט ער פֿאָרמולירט אין ערשטן מאַניפֿעסט (תעודה־בישראל): יידיש איז אַ פֿאַרדאָרבענער מיש־זשאַרגאָן, יידן דאַרפֿן אײַנפֿירן בײַ זיך ענטפֿער ריין־טײַטש, אָדער די רײַכע, שיינע רוסישע שפּראַך.

אױף יידיש איז באַקאַנט בלויז לעווינזאָנס אַ ביכל „לוח המכס" (איבערגעזעצט דעם רוסישן צאָל־טאַריף) נאָך גאָר פֿון די יונגע יאָרן, די „העפקער־וועלט", — אַ שאַרפֿע אַטאַקע אױף קאָהאָל, צומטייל אױף כסידעס, — און אַ סאַטיריש ליד „פּורים־שפּיל".

אין דער „העפקער־וועלט" מאָלט לעווינזאָן מיט די שוואַרצסטע פֿאַרבן, און דאָך זייער רעאַליסטיש, דאָס יידישע לעבן אין זײַן צײַט: דאָ האָט איר די יידישע קאָהאָל־פֿירער, די יידישע „פּניי" מיט זייערע אונטערלעקער, — אַ גוט־אָרגאַניזירטע באַנדע בלוטצאַפּערס, וואָס, צוזאַמען מיט כסידישע רעביים, עקספּלואַטירן זיי די יידישע מאַסע, האַלטן די גאַנצע מאַסע אין דער מוירע מיט רעקרוטן־נעמען, מיט מעסירעס, מיט פֿאַרשיידענע אָפּצאָלן. איר האָט דאָ די גאַנצע סיסטעם עקספּלואַטאַציע, די שטײַערן, אָפּצאָלן, די טאַקסע א. אז. וו., ווי אַזוי זי פֿירט זיך, און דעם פֿרומען שלייער, וואָס מ'האָט אױף איר אָנגעטאָן; די גרוילן בײַם קאַנטאָניסטן־נעמען, די פּאַ־ראַזיטישע יידישע פּאַרנאָסעס און די אומגעהײַערע אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט פֿון דער יידישער מאַסע. אַלס אַ קעגנבילד שטעלט ריב"ל אַרויס רײַסן (ווײַסרוס־לאַנד), וואָס דאָרט זאָל דאָס יידישע לעבן זײַן בעסער, עפּשער פֿאַר אים גופֿע מער אַ מאָשל איידער ווירקלעכקייט.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס גראָד דאָסדאָזיקע ווערקל האָט לעווינזאָן געשריבן אױף יידיש, בעיס אױף העברעיִש האָט ער וועגן דעם יידישן לעבן גערעדט מער טעאָרע־טיש, אויסגעמיטן צו אַטאַקירן קאָהאָלשע רעדלפֿירער, די רעאַלע ווייטיקן פֿון דעם יידישן לעבן.

„העפקער וועלט" איז שוין געווען באַקאַנט אין מאַנוסקריפּט די 30־ער יאָרן פֿון 19 יאָרהונדערט. פֿאַר לעווינזאָנס לעבן איז דאָס נישט געדרוקט געוואָרן: יענע צײַטן וואָלט קיין יידישע דרוק אין רוסלאַנד אַזאַ זאַך נישט געדרוקט. אָבער געשריבע־נערהייט איז דאָס אין קאָפּיעס גוט באַקאַנט געווען אין די מאַסקילישע קרײַזן.

עפּשער האָט די פֿאָלקסטימלעכע שפּראַך און די פֿאָרמע געווירקט אױף אַנדערע יידישער שרײַבער אויך (עטינגער, גאָטלאָבער און אַנד.).

צום ערשטן מאָל האָט שאָלעם־אַליכעם אויפֿגעזוכט דעם מאַנוסקריפּט, וואָס אין אים פֿעלט דער סאָף, בײַ בערנאַרד נאַטאַנזאָן און אָפּגעדרוקט אין דער „פֿאָלקס־ביבליאָטעק" (קיעוו, 1888). שפּעטער האָט נאַטאַנזאָן איבערגעדרוקט אין אַ באַזונדער

בראָשור די „העפקער־וועלט" מיט א צווייטן טייל צו דעם. דער „צווייטער טייל" איז אָבער גאָר אן אנדער זאך, ס'איז א מין באארבעטונג פון לעווינזאָנס א סאטירי־שער שריפט אף העברעיש „עמק רפאים", דעריקער אָבער, ס'איז שטארק אָפּגע־פּרעגט, צי איז דאָס בעעמעס לעווינזאָנס. גיכער — ניט!

די „העפקער־וועלט" ברענג איך דאָ מיט א קליינער קירצונג אינדערמיט (וועגן דעם ווי די טוירע פארווערט פאלש צו שווערן).

ליטעראטור: ז. רייזען „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", ווארשע, 1923; דער־זעלבער: „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאָלאָגיע", וו, ווילנע, 1928.

יִצחאָק־בער לעווינזאָן.

די העפקער-וועלט

באָך וויסאָקע
פאַן דאלעקע.
(א גויִיש ווערטל).

ר׳ זאָרעך. גוט מאָרגן, ר׳ פײַטל!

ר׳ פײַטל. גוט מאָרגן, גוט יאָר! — אוי ביטער, ביטער, נישטאָ קיין קויכעס, נישטאָ, נישטאָ, אוי!

ר׳ זאָרעך. זעצט אײַך, ר׳ פײַטל, לעבן מיר אף דער פריזבע, רוט אײַך אביסל אָפּ, זעצט אײַך לעבן דעם ייִדן, נישקאָשע—נישקאָשע!

ר׳ פײַטל. ווער איז דער ייִד? אפּאָנעם אן אוירעך עפּעס! שאָלעם־אלייכעם! פונוואנען איז א ייִד?

אוירעך. פון רײַסן.

ר׳ פײַטל. א סקלאָווער? א מאָלעווער? א וויטעבסקער, הא? איך הער נישט פונוואנען!

אוירעך. א מאָלעווער, דאָס הייסט, נישט אינגאנצן א מאָלעווער, און פאָרט א מאָלעווער, א וויטעבסקער אויך אַביסל, און א שטיקל דובראָוונער, און הײַנט בין איך גאָר א קורלענדער.

ר׳ זאָרעך. ווי א ליטוואק פון עלף שטעט; אשטייגער, ווי א פידקאמענער־בראסלעווער־ירושאלמי!

אוירעך. כאַ, כאַ, כאַ, א געלעכטער, כלעבן! אוי, מאריך־יאָמים זאלט איר זײַן, זיידעניו! ס׳איז גאָר פורים־שפּיל מיט דעם אלטיטשקן, לעבן זאָלט איר הונדערט און צוואנציק יאָר! זעצט אײַך דאָ, איר האָט נעבעך גאָר קיין קויעך נישט, זעצט אײַך, נישקאָשע!

ר׳ זאָרעך. פונוואנען גייט איר עס דאָ? עפּעס גייט איר מיר אָנגעזאָטלט, ר׳ פײַטל! גייט איר נישט פון א באדעקנסל, פון א בריסל, עפּעס פון א סימכעלע,—הא?

ר׳ פײַטל. אוי, א סימכעלע! א מיסע מעשונע זאָלן זיי אײַנעמען הײַנטיקן טאָג מיט זייערע סימכעלעך!

ר׳ זאָרעך. וואָס איז עפּעס א נײַס, ר׳ פײַטל?

ר׳ פײַטל. איך גיי עס דאָ פון א שוועלע. טאָג און נאכט שוועס, אסיפּעס, האראָכעס [1], יאבעדעס און וועלכע שווארצע יאָר, פארצאפּלט זאָלן זיי ווערן, ריי־בוינע־דעאלמע קולע [2]! טאָג און נאכט שוועס! ווי זאָל השי״ת [3] אקעגן אונדז א פרײַ מוט באווײַזן? אינדערעמעס: „יאק מי דאָ באָהא, טאק באָך דאָ נאס״ [4], זאָגט אן אָרל [5] א שפּריכוואָרט, איז עס, האמאוודיל, גאָר א טוירע!

1) פארטייקן די שטײַערן אף יעדער פאמיליִע. 2) האר פון דער גאַנצער וועלט. 3) „השם-יתברך״—גאָט.
4) אַזוי ווי מיר צו גאָט—אזוי איז גאָט צו אונדז. 5) א קריסט.

ר׳ זאָרעך. וואָס איז ווידער פאַר א שוועס?

ר׳ פײַטל. זאָל אײַך אזוי וויסן שלעכטס, און מיך און אלע ייִדן! פרעגט מיך בעכיירעם, אויב איך וויים, וואָס איך האָב געשווירן, און נאָך ווֶעמעס טאַטע־מאַמע! מינאַסטאַם עפּעס פּעקל־מאַכערס [1] געשעפטן. מע האָט מיר געהייסן שווערן,—האָב איך געשווירן; עפּעס זאָגן,—האָב איך געזאָגט; וואָס און ווען—וויים איך נישט, אָסער!

אוירעך. איך פאַרשטיי נישט, סטײַטש, ווי טאָר מען שווערן, אז מע ווייסט נישט, וואָס און ווען? עס מעג זײַן אקעגן א ייִדן אָדער אקעגן א גוי; אָך איז מיר, די האָר שטעכן מיר אין קאָפּ: סטײַטש פאַלש שווערן! דאָס איז דאָך די גרעסטע אוויירע אין דערוועלט, מע קען דאָך קײַן קאַפּאָרע נישט האָבן ניט בעוילעם האזע [2] און ניט בעוילעם האבאָ [3], וואָס איז דאָס בא אײַך, עפּעס גאָר א „העפקער וועלט״, ראַכמאָנע־ליצלאָן [4]!

ר׳ זאָרעך. די געמאָרע זאָגט: וואָלט מען נאָר געווען די צאַדיקים: כּאַנאַניע, מישאָעל, וואַאַזאַריע געשלאָגן, העטן זיי בעוואַדײַ אווידעזאָרע [5] געדינט; יעסורים קאָן קיינער נישט אויסהאַלטן!

אוירעך. סטײַטש, ווער נייט אײַך דען, איר זאָלט ליגן זאָגן? מיילע שווערן נייט מען אײַך עפּשער, אָבער זאָגן איז דאָך די ברייִרע, בא אײַך; וואָס איר ווייסט, דאַרפט איר זאָגן!

ר׳ פײַטל. א געלעכטער, כּלעבן, מיט דעם ליטוואַק! סטײַטש! איך האָב געהאַט א ברייִרע ניט צו זאָגן, ווי מע הייסט? מע וואָלט אָף מיר די שמאַד אַרופגעלייגט און מע וואָלט מיך אויקער מעהאַשוירעש [6] געווען!

אוירעך. גאָר עפּעס א פאַרקערטע וועלט!

ר׳ זאָרעך. פאַרשטייט זיך, איר האָט ניט געלערנט די געמאָרע: „זאַ פּראַוודאַ ביוט״ [7]... ווי איז דען בא אײַך אין רײַסן מיט די פּעקל־מאַכערס?

אוירעך. בא אונדז האָבן די ראַבאָנים כּיירעם געגעבן, מע זאָל גאָרנישט פּעקלען. דעם פּעקל־מאַכער נעמט דער ראָוו מיט קאָהאָל און זײַנען אים מויסער [8] צו דער פּאָליציִע, צי מיט פּעק, צי אָן פּעק; מע גיט אײַן אן אָביאַוולעניִע [9]: באַשער דער און דער איז אן אויכער ישראָעל [10]. אונדזערע ראַבאָנים האָבן נאָך געלערנט אין יוירע דייע [11], אז עס איז א גרויסע מיצווע א פּעקל־מאַכער מויסער צו זײַן צום מאַלכעס [12], מע זאָל מיט אים פּאָסטופּײַען פּאָ זאַקאָנו [13], ווײַל ער איז אן אויכער איסראָעל און איז גוירעם [14] קלאַל־ייִסראָעל פיל שלעכטס.

ר׳ פײַטל. זאָגט־זשע אזוי, מײַן לעבן, דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש, מאַריך יאָמים [15] זאָלן זיין אײַערע ראַבאָנים! בא אונדז ליגן זָאבער די לאָמדים [16], די ראַבאָנים גאָר אין דער ערד, מײַנע סאָנים! בא אונדז פירן אָבער כסידישע רעבײִים דאָס רעדל. זיי קוקן ניט אין טאַכלעס אַרײַן, זיי זאָגן: „זיי קוקן אין הימל אַרײַן״. זייערע קינדער אליין האָבן אָפּט שטעקן געלט אין פּעקל. סטײַטש, א פּעקל־מאַכער איז דאָך בא די רעבײִים גאָר דאָס אייבערשטע פון דעם שטייסל! ווער גיט מער

---

1) קאָנטראַבאַנדיסטן. 2) אָף דער וועלט. 3) אָף יענער וועלט. 4) גאָט באַהיט. 5) פרעמדע געטער, געצנדינערײַ. 6) אויסגעריסן פונעם וואָרצל, אָנגעטון אלדאָס־בייז. 7) פאַר דעם עמעס שלאָגט מען. 8) מ׳גיט אים איבער. 9) א מעלדונג. 10) באַליידיקט ייִדן, טוט שלעכטס ייִדן. 11) א ראַבאָנישע סייפער. 12) רעגירונג. 13) טון ווי דער געזעץ הייסט. 14) פאַרשאַפט. 15) דערלענגערן די יאָר, לאַנג לעבן 16) געמאָרעס־לערנער.

געלט דעם רעבֿן, ווי א פֿעקל־מאכער? ווער איז מער כאָשעוו בא זיי, ווי א פֿעקל־מאכער?

ר׳ זאָרעך. וואָס כאַפּט איר זיך נאָר גראָד אָן אין די רעבֿײִם? גלויבט מיר, רעבֿײִם זײַנען אויך גאָרנישט שולדיק. קיין לאָמדים זײַנען זיי נישט, אָבער ערלעכע ייִדן, כלעבֿן, זײַנען זיי. די פּליאַסקעס [1]) זייערע דרומלען זיי אײַן א קינד אין בויך, אָבער זיי אלײַן זײַנען גלאַטע ייִדן. דער רעבֿע וויל אויך לעבֿן, אוביפּראַט ער האָט נעבעך קײַן אנדער פּאַרנאָסע נישט, וואָס דען זאָל ער טון? פֿון דער ביטערער פּאַרנאָסע וועגן מוז מען קאָנען א מויפּעסל [2]) אויך באַווײַזן א ברייטע האָט מען?

אוירעך. נאָר בא אײַך אין וואָלין גילטן די נאַרישקייט; בא אונדז ווייסט מען גאָרנישט, וואָס איז עס א רעבֿע, וואָס איז עס א באַל־מויפּעס [3]). בא אונדז זײַנען נאָר כאָשעוו לאָמדים, כאַכאָמים, אזוי ווי פּאַרצײַטן איז געווען, ווי אונדזערע כאַכאָמים האָבן זיך נויעג געווען. פֿאַרוואָס הערט מען נישט קיין רעבֿײִם אין דער גאַנצער וועלט? איך בין געווען אין ערעץ ייִסראָעל, אין איטאַליע, אין אשקענאַז [4]) און נאָך אין קאַמע מעדינעס [5]),—מע ווייסט גאָרנישט, וואָס איז עס ראַבֿײִם, וואָס איז עס אָנשטעלן. עס איז דאָ גרויסע לאָמדים, גרויסע כאַכאָמים, עמעסדיקע ייִדן מיט ייִרעס שאָמאַיִם [6]), קאָנען אמאָל שטיין פֿאַר א סראָרע [7]), פֿאַר א מעלעך, ווען דער אוילעם באַדאַרף עפּעס א נייטיקן אינטערעס; קוקן אמאָל אַרײַן אין קאָהאָלס זאכן, דער געמיינער מאַן זאָל כ״ו [8]) נישט געקריוודעט ווערן. זיי גיבן אכטונג, עס זאָל זײַן ערלעך קאָהאָל, ערלעכע ראַטמאַנעס, ערלעכע טוערס, וואָס זאָלן אויסעק זײַן בעצאָרכיי ציבור בעעמונע [9])...

ר׳ פֿײַטל. פּונקט ווי בא אונדז, האַמאַוודיל [10]), פּאַרנעס־כאַדאָשים [11])־גאַנאָווים, ראָצכים, לייגן זיך נאָר, זיי זאָלן רײַך ווערן פֿון אָרעמעלײַט! אינדערעמעס איז הײַנט געוואָרן בא אונדז זייער פֿיל אָרעמעלײַט; מע באַגאַזלט זיי, מע באַראַבעוועט זיי טאָג און נאַכט.

אוירעך. נאָך וואָס מאַכט מען אזוינע לײַט פֿאַר קאָהאָל?

ר׳ פֿײַטל. ס׳טײַטש, זיי מאַכן זיך אליין!

אוירעך. ווי הייסט? מע מוז דאָך זיי באַלאָטירן [12]) מיט א וויבאָר!

ר׳ פֿײַטל. יאָ, מע באַלאָטירט, נאָר ווי אזוי באַלאָטירט מען אָבער? עס איז פֿאַרהאַנדן עטלעכע נעגידים אין שטאָט, אבי זיי זײַנען בלאָט—מינאַסטאַם ניט אומזיסט, מע שטעקט זיי עפּעס אָפּ: דעם—כסימע־געלט, דעם—א מאַטאָנעלע; מע מאַכט סודעלעך אָף זיי, און מע טיילט זיי נאָך צו האַלבע קערבלעך אויך. דער איבעריקער געמיינער אוילעם מוז שוין בעוואַדע נאָכזאָגן „אָמיין". דער ליגט דאָך גאָר אין דער אַדאָמע בא אונדז: ער איז קלאַל באַם נאָגיד אָן עוועד קנאַני [13]), וואָרעם נאָר עפּעס—אָט שטעלט מען אים שוין אַרײַן צען זעלנער צו האָדעווען, אָט מאָנט מען אים קאַשע־געלט א קערבל, וואָרעם די נעגידים זײַנען דאָך איינס מיט קאָהאָל; אָט

---

1) א פּראַכטלעכער נאָמען פֿאַר כסידים. 2) א וווּנדער־זאַך, אָן איבערנאַטירלעכע זאַך. 3) איינער, וואָס ווײַזט איבערנאַטירלעכע זאכן. 4) דײַטשלאַנד. 5) אין א צאָל לענדער. 6) גאָטספּאָרכט. 7) א האַר, א הויכגעשטעלטע פּערזאָן. 8) כאַסווּעשאָלעם — גאָט באַהיט. 9) טון ערלעך געזעלשאַפֿטלעכע געשעפֿטן. 10) אָפּגעשיידט, מע טאָר ניט פֿאַרגלײַכן. 11) גאַבאָיִם, קאָהאָל־פֿירער. 12) באַלאָטירן. 13) אָן אייביקער קנעכט.

נעמט מען אים גאָר זײַן קינד, א בעניאָכיד, אוועק פאר א רעקרוט. די מוזן שוין אלץ טון, וואָס דער נאָגיד, אָדער קאָהאָל הייסט,—הא?

אוירעך. עס איז דאָך עפּעס בּא אײַך גאָר סדאָם, ראכמאָנע ליצלאָן!

ר׳ זאָרעך. מײַן ליבער ר׳ פײַטל, לעמאָשל, ווי וואָלט ער נאָך געזאָגט, אז ער זאָל וויסן די איבעריקע היגע כעפצעלעך, אז דאָס הייסט שוין בּא אים סדאָם?

ר׳ פײַטל. אפאָנעם, עס האָט גאָר א שיר אָדער אָן ערעך, ווי מע ווערט פארשווארצט? אָוי, רבש״ע[1]!

אוירעך. כלעבן, עס גייט מיר פּאָרט נישט אין קאָפּ ארײַן, עס זאָל אזוינע עפנטלעכע רעציכעס געשען! נו, שרײַבּט מען אין א גובערניִע ארײַן; פאר נויט—קײַן פעטערסבורג אליין!

ר׳ זאָרעך. בּא, בּא, בּא! בּאָך וויסאָקע, א פאן דאלעקע![2].

ר׳ פײַטל. אמער פרעגט א קאשע, מײַן ליבער ייִד, דארף מען בעסער ווי דער קייסער, זאָל מאריך־יאָמים זײַן, האָט אזוי געטראכט פאר דעם יושער בּא רעקרוטן נעמען, אז עס זאָל אלץ ערלעך צוגיין?

אוירעך. נו, סטײַטש? בּא אונדז גייט טאקע זייער ערלעך צו. איז דען בּא אײַך נישטאָ קײַן אָטשערעדנע קניגע?[3].

ר׳ פײַטל. טא, עס איז דאָ! נאָר בּא דער אָטשערעדנער קניגע מאכט ערשט קאָהאָל מיט די אָדאוושיקעס[4], וואָס זײַנען, כעשבוינעס, וואָס באכעשבּענען זיך זייער גוט לעכאטכילע, ווי אזוי זיי זאָלן שטעלן דעם סיידער פון די גיכטאָווים[5], אז עס זאָל אויסקומען טאקע אף דעם אָרעמאן, וואָס זיי ווילן.

אוירעך. וויאזוי, לעמאָשל?

ר׳ פײַטל. לעסאָטע שטעלן זיי פונפאָרנט די אלע, וואָס זיי טויג, אז עס זאָל אזוי געזונג זײַן אף דרײַ יאָר; נאָך דרײַ יאָר וועט מען בּאדארפן מאכן א נײַע קניגע, וועלן זיי ווידער אזוי אויסדרייען, עס זאָל אויסקומען ווידער אף דאָס זייעריקע.

ר׳ זאָרעך. אינדערעמעס, זינט מע נעמט רעקרוטן האָט מען נאָך ניט אוועקגעגעבן קײַן אוישערס קינד, קיין שום טאקיפס קינד, קיין שום פאקטערט קינד, קיין שום בעסמעדרעש־בּאָכער, נאָר אָרעמעלײַטס קינדער, נעבעך, ערלעכע באלמעלאָכעס קינדער, וואָס העלפן זייערע עלטערן ארבעטן, ערלעכע מעשאָרסים, ערלעכע באהעלפערס.

אוירעך. יאָ, וואָס טוט מען אָבער מיט א בעניאָכיד, לעמאָשל? דעם קאָן מען דאָך שוין נישט אוועקגעבן פּאָ זאקאָנו[6]!

ר׳ זאָרעך. טא, אזוי ווי איר טײַנעט, אלץ פּאָ זאקאָנו, זײַנט איר בעוואדע גערעכט, בּא א דין־טוירע, הייסט עס; אָבער מע גיט דאפקע אוועק איין און אייציקע ערלעכע קליינע קינדערלעך פאר צוועלף יאָר, ווײַל מיט א קינד קאָנען זיי מאכן אלע שווינדל.

ר׳ פײַטל. איר זאָלט זען, מײַן פרײַנט, ווי מע שלעפּט פיצלעך קינדערלעך, ווי די כאזיירים, פון דער מוטערס שויס! דאָס ראכמאָנעס צעברעכט דאָס הארץ!

---

1) ריבוינע שעל אוילעם. 2) גאָט איז הויך, דער פאן (פּאָרעץ) איז ווײַט. 3) א בוך, ווו די פאמיליִעס, וואָס האָבן באדארפט געבן רעקרוטן, זײַנען פארשריבּן לויט דער ריי נאָך. 4) Отдавчики, אָפּגעבער. 5) פארשריבּענע. 6) לויט דעם געזעץ נאָך.

כאַטשע אַזוינע קינדערלעך, פּיציקלעך, וואָס מע ווייסט, אַז די פּריסוטסטווע וועט זיי בעוואַדע נישט צונעמען, כאַפּן זיי די לאָוצעס (כאַפּערס) אויס, דען זיי ווייסן, אַז די מוטערס וועלן די העמדער פאַרקויפן און זיי אָוועקגעבן, זיי זאָלן אָפּלאָזן זייערע קינדער. ווי קאָן מען דאָס גאָר אויסהאַלטן, אַז מע זעט קליינע קינדערלעך בעטן, די פאָטער און מוטער זאָלן זיי בלינד מאַכן אָדער עפּעס אַן אַנדער מום מאַכן, כדי זיי זאָלן פּאָטער ווערן פון שרעקן...

אוירעך. ווייסט איר, אַז סדאָס איז נאָך אַ הונט געווען אַקעגן אייער קאָהאָל מיט אייערע אַדאָוטשיקעס מיט זייערע רעציכעס אוגנייוועס, ווי איך פאַרשטיי!

ר' זאָרעך. איך האָב האַנאָע, איר קומט שוין אַביסל צום סייכל.

ר' פּייטל. איר מיינט, איר זיינט שוין פּאַרטיק מיט די גנייוועס? זיי האָבן באַך טויזנט באַליאַטשקעס, צושפּרינגלעך פון אַלע זייטן; זיי דאַנקען גאָט אַבי זיי טראַכטן נאָר אויס אַ נאָמען, ווי די נעסינע[1] זאָל הייסן: דאָס איז „קאַשע־געלט", דאָס איז עפּעס אַ ניי שלימאַזל, דאָס איז „טורמע־געלט".

אוירעך. וואָס איז עפּעס פאַר „קאַשע־געלט"? דאָס איז עפּעס אַ נייע זאַך! עפּשער האָדעוועט קאָהאָל די פייגעלעך שאַבעס־שירע מיט קאַשע? כלעבן, אַ קאָשע־רער מינעג! אין וואָלין קאָן זיך אָבער אַלץ טרעפן.

ר' זאָרעך. זיי האָדעווען קלוימערשט מאַסקוויטער[2].

אוירעך. סטייטש, דער קייסער גיט דאָך זיי גרויפּן?

ר' זאָרעך. דאָס באַהאַלט שוין קאָהאָל זיך. איך וואָלט זיי שוין דאָס אויך מויכל געווען, נאָר די גאַנצע קאַשע, לעמאָשל, וועט אַנטרעפן אַמאָל צען קערבלעך אַ וואָך; צום סאָף מאַכט מען רייסטערס, וואָס טרעפט אָן הונדערט קערבלעך אַ וואָך, כאָטשע עס איז אַמאָל גאָר נישטאָ קיין כאַיִל, און מע האַלט דערביי נאָך נע־מאָנים, סיפּאַקעס[3]. דער אָרעמאַן ווערט בעוואַדע גוט אויסגעריסן; קיין אוישער, קיין טאַקיף גיט ב"ה[4] נישט אַ קאָפּיקע; וואָס טויג עס אים? ער נעמט בעסער אַ כיי־לעק! אַז ער איז שוין גאָר דער פרומער, איז ער זיך מעיאַשעו: „אַבי מענע ני זאַטשיפּייע"[5])...

אוירעך. דער אוישער, אַפּאָנעם, צאָלט גאָרנישט, ווי איך זע?

ר' זאָרעך. עס פאַרשטייט זיך! מעל פּירט ער זיך אַריין אָן טאַקסע, הייוון אָן טאַקסע, זאַלץ און איטלעכס פּיצל; — נאָר דער עוויען צאָלט.

ר' פּייטל. פאַרגעסט נישט, אַז דער אוישער האָט טאַקע אַליין אַ כיילעק אין דידאָזיקע טאַקסעס.

ר' זאָרעך. ווער קאָן אויסדערציילן, וויפל שמאַדשטיק דאָ שטעקט נאָך בא דעם פאַרדינגען און בא דעם דינגען? עס ווערט אַלץ געמאַכט מיט אַזוינע מאַמזער־שטיקלעך, מיט אַזוינע זאַביעגעס[6]), מיט אַזוינע גנייוועס, וואָס די האָר גייען קאַפויר!

ר' פּייטל. דער אָרעמאַן איז טאָמיד דאָס קאַפּאָרע־הינדל! זעט, מיין פריינט, וויפל אָבמאַנסטווע קאָהאָל מיט די איבעריקע סיפּאַקעס טוען, מוז דער אוילעם נאָך אַרויסגעבן אַ קוויטאַנציִע אַלע יאָר, אַז זיי זיינען ערלעך געווען, און די אָרעמעלייט, וואָס מע האָט בא זיי די הויט אַראָפּגעצויגן מיט פאַלשע נעסינעס און האַראָכעס, די־

1) שטייער, אָפּצאָל. 2) סאָלדאַטן. 3) די, וואָס רייבן זיך אַרום קאָהאָלשן קאָפּ. 4) באָרוך־האַשעם, אַנקען גאָט. 5) אַבי ס'רירט מיך ניט אָן. 6) קונצן.

דאָזיקע אָרעמעלײַט מוזן זיך, נעבעך, אַליין נאָך כאַסמענען אף דער קוויטאַנציִע, און, אַז מע דאַרף דערוף שווערן, מוזן זיי שווערן אויך.

אוירעך. אוי, דאָס פאַלשע שווערן צו הערן שפּאַרט מיר אויס די נעשאָמע!...

ר' פײַטל. עס האָט אַ פּאָנעם, נאָר די אווײרע אַליין טוען זיי? טאַ! די, וואָס האַנדלען מיט טרייפע סכוירעס [1], זײַנען דאָך אָן דעם אויוועך קאָל אווײרעס [2].

ר' זאָרעך. אוי! די ראַזבויניקעס שפּילן נאָך דערצו אַ פרומע ראָלע, פּאָרן אַלע־מאָל צו גוטע־יִדן אף שאַבעס, לייגן אַלץ אין דער יִרע [3] אַרײַן, און בּיפּראַט דער גראָשן איז בּאַ זיי גרינג, זיי זײַנען פּונקט ווי די קאָרטעזשניקעס [4].

ר' פײַטל. בּאַ דעם איז זיך דער גראָשן אַ מאַמזער; אָט אין אַ שאָ פאַרדינט ער הונדערט רענדלעך, מיילע איז ער נאָך קלוימערשט, יִמאַך שמוֹי [5] זאָל ער ווערן, אַ בּאַלצדאָקע אויך; שטעלט זיך שיין פּורים, כאַנעקע, ערעוו יאָמקיפּער, רויש כוידעש עלעל אף דעם הייליקן אָרט, שטעלט כסידים אַמאָל אַ טרונק, גיט אַ נע־דאָווע אף האַכנאָסעס־קאַלע [6], קויפט אַטאָ־האָרייסע פאַר צוואַנציק קערבּלעך, איז קלוימערשט אַ גרויסער יִרעס־שאָמאַיִם.

אַוירעך. נע פאַסטע אי נע גאַנווע [7] !...

ר' זאָרעך. און דערבּײַ ווי מאַכט ער ניִשט אַמאָל אַ סימכעלע, אַ בּרייטן בּריס, אַ בּרייטע כאַסענע, אַ פּידיען־האַבען, און קאָסקעט דערמיט אַזוי אײַן דעם אוילעם.

ר' פײַטל. האַקלאַל, מע שפּילט דאָ מיטן לעבּן; איך וויל אײַך גאָר אַזוי גראָבּן ניִשט דערציילן.

אוירעך. דערציילט-זשע מיר כאָטשע ראַשע־פּראָקים [8], איך וועל שוין דאָס, וואָס מען טאָר ניִשט אויסזאָגן, אַליין זיך שטויסן.

ר' פײַטל. ווו עס איז ערגעץ אַ סלעדסטווע [9], האָט שוין דער אָרעמאַן, נעבעך, זײַן אָפּקומעניש, דען פּלוצים קאָן מען אים נעבעך אַזוי אוועקשלעפּן פאַר דרײַסיק מײַל, און דערוויַל ווערט ער אויסגעריסן אומזיסט און אומנישט; אוביפּראַט דאָ איז אַלץ אַזוינע אויסגעשטעלטע יאַבעדניקעס, און דערבּײַ האָבּן זיי דאָך פיל בּאַקאַנט־שאַפט מיט די קליינע אַדוינימלעך [10], מיט די אונטערשלאַקן. געלט איז דאָך ניט כאָשעוו, אַ פינף און צוואַנציקער, אַ פופציקער איז דאָך בּאַ אַזוינע קײַן געלט ניִשט! מיילע וואָס קאָן הײַנט, נעבעך, אַן ערלעכער מאַן, אַ ספּאָקאָינער, און דערבּײַ אַן אָרעמאַן מיט צען פינגער, אַקעגן אַזוינע בּײַשטיין? וואָס העלפט עס, עס איז אַ העפקער-וועלט.

אוירעך. פאַרשטייט איר, ווי איך זע, האָט אַ פּאָנעם, אַז הי איז נאָך דאָס ערגסטע פון אַלע עסער מאַקעס [11]. זיי האָבּן טאַקע אַ שעם אין דעם ווינקל פאַר זאַקאָניקעס, בּעריעס, מעכאַבּלים [12]; זיי מוזן דערצו נאָך עפּשער קאָנען גוט שרײַבּן רוסיש, פּויליש; אוביפּראַט ר״ידן פּויליש און רוסיש... גאָר שין־טעס, [13] הא?

ר' זאָרעך. אַ, אײַזן, מעכילע! גלויבּט מיר, איר האָט נאָך ניט געזען אַזוינע אַמעראַצים, זינט איר לעבּט. גלויבּט מיר די גרעסטע היגע טויזנט-רוכעסניקעס, מעכילע,

1) געמיינט קאָנטראַבּאַנד. 2) בּאַגייען אַלע זינד. 3) פרומקייַט. 4) קאָרטנשפּילער. 5) אָפּגעמעקט זײַן נאָמען. 6) כאַסענע צו מאַכן אָרעמע מיידלעך. 7) פאַסט ניִשט און גאַנווע ניִשט. 8) סכעמע, דעם איקער 9) следствие א געריכט-אויספאָרשונג. 10) האַרן, דאָ געמיינט: בּאַאַמטע. 11) צען פּלאָג, לויט דער צאָל פּלאָג, וואָס גאָטוזאָל האָבּן געשטראָפט פּאַרען אין מיצראַיִם. 12) פאַרדאַרבּער, אָנשיקעניִשן. 13) מיסטאַמע אָנהייבּ-אויסיעס פון צוויי ווערטער, עפּשער: שעמען טויוו (גוטער בּומל) אָדער: „שעם טאָוו״ (אַ גוטער נאָמען דאָ, לויט דעם זינען-נאָך: גאָר גוט, גאָר געהויבּן.

קאָנען קיין רוסיש קוויטל ניט איבּערלייענען, נישט אָן אדרעס אָנשרייבּן. גלויבּט מיר איך האָבּ געהערט אמאָל א היגן מאכער, אַן אַלץ מיט־אַן־אַנדער, וואָס קאָהאָל האָט אים בּויכער געוועזן, ער זאָל זיין דער דאבּרען [1] מיט א סראָרע עפּעס, וואָלט איר זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, איר זאָלט הערן, ווי ער האָט געשמועסט · גוייש, רוסיש, פּויליש, און עפּעס קייזעריש. לאָז שוין זיין כאָטשע, ווי עס איז, איז איט־לעכס וואָרט געווען צעקאַליטשעט מיט טויזנט גרייזן; עס איז געווען א בּושע און א כאַרפּע! און אַז עס האָט זיך אים שוין גאָר אויסגעלאָזט לאָשן אינמיטן, האָט ער אויסגעפּירט דאָס איבּעריקע מיט די פינגער, ווי א מאַרשאָס [2] קאַשיע. פּונדעסט־וועגן וועט איר נישט קריגן איינעם אין שטאָט, וואָס ער האַלט זיך נישט פאַר א ווילקענענדיקן און האָט א האָזע, ווי פּינטע [3], בּלאָזט פון זיך, ווי א אינדעק אום ערעוו פּייסעך, שיסט בּאַלד מיט פּאָזיוועס, מיט פּראָזבּעס [4].

אַוירעך. וואָס־זשע איז דער ליארעם מיט דיזע פּיליסטראַנטן [5], מיט דעם וואָס זיי זיינען יאַבּעדניקעס, מאָסרים, טויזנט־רוכעסניקעס?

ר׳ פּייטל. גאָרנישט, נאָר מיט אַזעס, מיט כוצפּע, מיט גנייוועלעך, האַמצאָעלעך [6], מיט האַרמאָעלעך [7]. אין דעם זיינען זיי טאַקע קלוימערשט מעכאַבּלים, און דערבּיי גרויסע יאַבּעדניקעס, מעשונע־מופקאָרים... קיין סאָכרים איבּער פעלד [8] איז דאָך הי נישטאָ, זייער ווייניק מעשונע, דריי אָדער פיר, די זיינען טאַקע אין דער עמעס ערלעכע לייט און דערבּיי אשירים. ווייטער זיינען דאָך אַלע נעגידים אָן געלט; מע לעבּט נאָר פון דעם ווינט: א פּעקעלע, א קוויטעלע אָף א פּאָרעך, פון עפּעס א היסמאַנעסל [9], פאַקטער־לאָשן און אמאָל א מעסירעלע הינטערוויילעכס; דערבּיי פון די גנייווישע טאַקסעלעך, עפּעס פון דער זייט א לעק, א שמעק, קיין טאָך איז אַלץ נישטאָ!... זעט, מיין פריינט, אָט דעם יונגנמאַן, וואָס דאָ שטייט אין מאַרק אַזוי בּרייט אויסגעשטשאָגלט מיט א לאַסטעקענער בּעקעשע, די פּאָלעס פאַרשאַרט, מע זאָל דעם רויטן אונטערשלאַק מיט די בּרייטע דאָמען אַרויסזען, האַלט די הענט אין די הויזן־קעשענעס מיט א פיין האַלדזטיכל, גאָר מיט דער גאַנצער מאָדע!

אַוירעך. דער, וואָס האַלט א רויטן פּאַראַסאָל אין דער האַנט?

ר׳ פּייטל. יאָ, יאָ, דער מעכוטן מיט דעם אָנשטעל, מיט דער האָזע!

אַוירעך. ער האָט א פּאָנעם פון א נאָגיד, וואָס ער איז עפּעס א לייפּסקער סויכער, א פּראָדוקטן־הענדלער.

ר׳ פּייטל. אָט! א שילאַטן־שאַמעס בּאַ פּאָדריאַטשיקעס, א גרויסער אַזעס־פּאָ־נעם, א בּאַרימער, א ליגנער, האַקלאַל, א גוטער שייגעץ, האָט זיך אַריינגעדרייט צווישן פּאָדריאַטשיקעס און איז געוואָרן א טוער. לויפט קיין זשיטאָמיר אַליין מיט א בּויד, מיט א גרויסן גלאָק; פאָרט ניט קיין ד׳ אַמעס [10] אָן א סאַמאָוואַר; פרעגט אַלץ נאָך דעם קורס פון סיגנאַציִעס קלאָמערשט; לאָזט ניט דורכגיין קיין פּאָטשטאַ־ליאָן די גאַס, פרעגט אַלץ, אויבּ עס איז נישט אָנגעקומען עפּעס עטלעכע טויזנט רובּל סיגנאַציִעס אָף זיין נאָמען; ליגט צעלייגט מיט פּאַפּירן, דאָס הייסט, ער אָט־פּראַוועט אַלץ די פּאָטשט. ווען מע בּאַגעגנט אים, זאָגט ער אַלץ, ער גייט פון דעם גובּערנאַטאָר, פון דעם פּראָקוראָר, — שעקער ווי די אַווידעזאָרע!

[1] דער ריידער. [2] איינער פון די שאַרפזיניסטקע געמאָרע דערקלערער. [3] א נאָמען פון א פּאָפּולערן ייִדישן גוויר אין אַמסטערדאַם אין 17 יאָרהונדערט. [4] בּיט־בּריוו, געריכט־פּאַפּירן. [5] פּוסטע בּארימער. [6] אופּטון. [7] שווינדלשטיק. [8] אין ווייטע שטעט און געגנטן. [9] א קאָהאַלשע שטעל, אופּטראַג. [10] פיר איילן

ר׳ זאָרעך. וואָס כאפּט איר זיך גראָד אָן אין אים? ער איז שוין דאָס הינ־טערשטע פון דעם בענטשן, מע שמועסט אָבער פון דער גילדענער פּאָן קלוימערשט.

אוירעך. שיין באקליידט, כלעבן, א שיינער פּאָרעך און א גרויסער דאלעס! אָט, אפּאָנעם, ווי איך זע, איז הי, נעבעך, דאָ זייער פיל געמיינע לײַט, אָרעמע באלמעלאָכעס, באלעבאטים, וואָס מוזן שטארבן פאר הונגער!

ר׳ פײַטל. וואָס דען מיינט איר? ווער ס׳איז נעבעך אן ערלעכער מאן ליגט אין דער אדאָמע. וויפל, מיינט, איר זײַנען דען גאָר אָט די, וואָס בלישטשען אין שטאָט? דרײַסיק אָדער פערציק פּארשוין. דאָס איז זיער פּער[1]. דער קלאל, ווער עס קאָן זײַן עפּעס א טוער אין שטאָט, דער לעבט דערופון. דעם איבעריקער אוילעם האָרעווען, רײַסן קריע, פּארדינען, נעבעך, מיט דעם ביטערן שוויס זייער גראָשן. וואָס העלפט עס, זיי מוזן האָרעווען אף פרעמדע ווײַב און קינדער, זייער גאנץ דאָברע מאזל נעבעך גייט ארײַן אין די פּארשמאָדערטע נעגידים: זיי זויגן זיי אויס טאָג און נאכט מיט נעסינעס, מיט די טאקסעלעך, מיט רעקרוטן־געלט, מיט אָקסן־געלט,—השי״ת זאָל זייער ראכמאָנעס פאר זיך נעמען!

אוירעך. וואָס איז דאָס „אָקסן־געלט״?

ר׳ זאָרעך. האָט מען בא אײַך גאָרנישט געגעבן קײַן אָקסן בעשאס־מילכאָמע?

אוירעך. יאָ, מע האָט געגעבן פון דער שטאָט, נאָר דערנאָך האָט דאָך דער קייסער געצאָלט אכאס וועאכאס[2],—האָט קאָהאָל ווידער איטלעכן אָפּגעגעבן.

ר׳ זאָרעך. הי האָט אָבער קאָהאָל געמאכט רײַטערס. אף דער שטאָט, וואָס האָט געמאכט דרײַמאָל אזוי פיל, וויפל מע האָט באדארפט אף אָקסן, און דערבײַ טויזנטער שווינדל; און דערנאָך, אז דער קייסער האָט אומגעקערט דאָס געלט, האָבן זיי עס זיך באהאלטן.

ר׳ פײַטל. אז עס איז נישט געווען די רעקרוטן, פלעגט אמאָל קאָהאָל דאָס קאדאָכעס האָבן אזוי גראָב דעם אָרעמאן צו בארײַסן; מע האָט טאקע פאָרט מוירע געהאט; דער געמיינער אוילעם פלעגט זיך טאקע אמאָל ארופכאפּן אף זיי און זיי גוט אָפּזידלען, און האָבן זיך טאקע אמאָל געקלאָגט פאר א גובערנאטאָר; דער פּא־כאד איז נישט אזוי גרויס געווען. הײַנט, זינט מע נעמט רעקרוטן, ציטערט, נעבעך, דער געמיינער אוילעם דאָס מויל צו עפענען; האקלאל, ער איז גאָר פארקויפט באם אוישער, ווי אן עוועד קנאני, ווי זאָגט אן אָרל א שפּריכוואָרט „אי ביע, א פּלא־קאטי ניע דאַיע״[3] ...

אוירעך. איר האָט בא מיר א פּאָנעם ווי איינער, וואָס שמײַסט זיך אין באָד און שרײַט: גוואלד, עס טוט מיר וויי! שמײַס דיך נישט און שרײַ נישט! און ווער הערט אײַך דאָ?

ר׳ פײַטל. ברודער לעבן, איר זײַנט בעוואדע זייער גערעכט, נאָר וואָס העלפט עס? „באָך וויסאָקע, א פּאַן דאלעקע״!

ר׳ זאָרעך. איר מיינט נאָר דאָס אליין? עס איז בא אונדז אלע זאכן, באָרוך האשעם, אָן א סיידער, אָן א יוישער! איר זאָלט זען, וואָס בא אונדז טוט זיך מיט דער טאקסע פון פלייש,—צאָרעס איבער צאָרעס!

---

1) דאָס שײַנדל, דער אויבנאָן. 2) איין און איינס. 3) ער שלאָגט און לאָזט נאָך גיט וויינען אויך.

ר׳ פײַטל. די טאקסע פארדינגט זיך פריער בא קאָהאָל מיט די נעגידים, וואָ־ רעם נאָר זײ הײסן דאָך די „אָבטשעסטווע“. און ווער דינגט? טאקע זײ אלײן; מײלע מאכן זײ זיך אלע שווינדל דערבײַ.

ר׳ זאָרעך. עס איז נאָר א בושע און א כארפע פאר אומעס־האָוילעם, וואָס עס טוט זיך פאר א גוואלדן און האריגעס דאָנערשטיק נאָך ווארעמעס בא דער יאטקע! דער גײט אהײם מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ; די ייִדענע גײט אהײם הײזעריק, פאר־ ווײנט, די האלט זיך באם קאָפּ, די בא דער זײַט; די זיצט אף א פּריזבע, האלט זיך פּידבאָקעם און פאַרהוסט זיך; די כאלעשט!

אוירעך. שײנע פּאראדקעס בא אײַך! וואָס זאָגט, לעמאָשל, בא אײַך א מא־ גיד, א ראָוו אף אזעלכע איניאָנים? פארוואָס זאָל מען טאקע ניט אויסשטראָפן דעם אוילעם, אשטײגער, שאבעס באטאָג אין בעסמעדרעש?

ר׳ פײַטל. ווו האָט איר שוין א מאגיד אין אונדזער ווינקל? שוין מער ווי דרײַסיק יאָר, אז די רעבײַים האָבן זײ פאריאָגט, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט. בא אונדז שמײַסן די כסידים אין באָד א מאגיד, א באלדארשער, א מוכיעך [1], אז ער וויל נאָר עפּעס מוסער זאָגן. אויב ער קומט נאָך אָפּ מיט שמײַסן אלײן, איז ער נאָך א פּאָרעץ, אבי מע זאָל אים נישט מאכן עפּעס א בילבל, אָנשטעלן אף אים עפּעס א מופקערעס אָדער א קרימינאל, גאָט ווײסט וואָס; דעריבער ווײַכן זײ דאָס ווינקל, ווי אן איפּעש.

אוירעך. וואָס דען טוט, לעמאָשל, דער אוילעם אום שאבעס, אום יאָנטעוו?

ר׳ פײַטל. די פלעסקערס, די כסידים טרינקען בראנפן, טאנצן באם רעבן, אָדער דאָרט, ווו עס איז ניטאָ קײַן רעבע, טאנצן זײ גלאט אין כסידים־שטיבל, אין די באָטעמעדראָשים; און דער פּראָסטער אוילעם גײט ארום פלוידערן. דענסטמאָל איז די רעכטע צײַט צו יאבעדען, קאָל האקלאָטעניעס ווערן דעמאָלט געמאכט, קאָל האָרישעס, קאָל האבײזע זאכן! עפּשער די אלטפרענקישע ייִדן נאָך, אָדער עפּעס עטלעכע ערלעכע פּראָסטאקעס, — ליגן זײ זיך אינדערהײם, צעלײגט אף דעם בעט נאזניק; מע עסט ארבעס, מע שײלט ריבן, מע לײענט „שיווכע באל שעם טאָוו“ [2], מע זאָגט עפּשער טילים אויך, מע געגנעצט און מע זינגט יאָמים־נוראָים־ניגונים.

אוירעך. אוי, געשעדיקט זאָלט איר ווערן! עס איז גאָר פּורים מיט אײַך!

ר׳ פײַטל. עס איז אָבער אלץ עמעס, גלויבט מיר, עס איז פּונקט אזוי, עס פעלט ניט א האָר!

אוירעך. לעמאָשל, דער רעבע זאָגט קײנמאָל נישט עפּעס מוסער? מײלע טוירע, — קאָן ער נישט, שענק איך אים!

ר׳ פײַטל. ער זאָגט דאפקע טוירע צוויי מינוט צום שאָלעש־סודעס, גרויסע סוידעס, מעכילע, עס קיצלט אזש באם פּופּיק, נאָר מוסער קײנמאָל נישט! וועלכער רעבע זאָגט מוסער? ער זאָגט אמאָל א יונגנמאן, וואָס קומט זיך בענטשן, ער זאָל גײן אין מיקווע ארײַן און זאָל לײגן צוויי פּאָר טפילן; דערצײלט אים, אז ער האָט א הויכע נעשאָמע, ער זאָל טאָמיד פּאָרן צו אים און זאָל אים געבן אף פּידיוינעס [3] פארוואָס, מײנט איר, רופט מען זײ „גוטע ייִדן“? ווײַל זײ זײַנען זײער גוט... מע

---

1) א שטראָפער. 2) וואונדער־מעסעס פון ר׳ ייִסראָעל באל־שעם־טאָוו, דעם גרינדער פון כסידעס.
3) געשאנק דעם רעבן, ער זאָל אויסבעטן, וואָס ער פארלאנגט.

מעג אויוער זײַן קאָל אווייערס שעבאטוירע[1], אבי גיט זיי געלט, וועלן זיי שווײַגן... און אז זיי זאָגן שוין אמאָל טוירע, פאַרקריכן זיי אזוי ווײַט, אז...

אויר ע ך. ווי קומט צו זיי טוירע? ווו האָבן זיי עס אָנגעצאפּט?

ר' פײַטל. זיי הערן אין הימל מעאַכוירע־האַפּארגעד[2], אמאָל זאָגן זיי, מע דערלאַנגט זיי אַראָפּ אהער, בעשאס שאָלעש־סודעס, פון דעם אוילעם האָעליען[3], אמאָל פון דעם גאניידן, ווי א ווײַבערשע רעפּוע.

אוירעך. טאקע? ווי קומען זיי אין הימל אַרײַן?

ר' פײַטל. סטײַטש? ווער איז נאָך אזוי א מעכוטן אין הימל ווי זיי? זיי זײַנען דאָך דאָרטן גאָר אויסגעקאָכט, פּשיטע! אפילע ניגונימלעך דערלאַנגט מען זיי אַראָפּ פון דעם הימל! ע־הע־הע! איר זײַנט דאָך גאָר א פּריץ[4], ר' קאָרעוו!

ר' זאָרעך. לאָזט צו רו די רעבײַים, זיי זײַנען שוין הײַנט אויך, מעכילע, נישט דאָס, כלעבן, טאקע בא די כסידים אליין! זיי ריידן זיך איינס אף דאָס אנדערע קאָל האָראָעס[5], די ריידן אף זייער רעבן, און יענע ריידן אף זייער רעבן, וואָס מע רעדט ניט אף קיין שום פּאָשע־ייִסראָעל[6]! עס איז הײַנט דאָ קאמע מינים כסידים אין אונדזער מעדינע, גאָר גוזמאָעס, ווי בא א שוסטער קאָפּעטעס פון קאָל מין: רוזשער־נע, טשערנאָבילער, סטרעליסקער, סאווראנוער, מעזשיבעזשער, קאָצקער לאבקאָרים, אָסטרער, סטעפּעניער, נעשכיזער ווארנימשקעס, סטאָלענער; דאָס לייגט זיך איינס אף דאָס אנדערע די שמאד ארוף.

אויר ע ך. מיר דאַכט זיך, אז זיי זײַנען אלע גערעכט. פון וואָס לעבן זיי אָבער? ווער האלט זיי אויס?

ר' זאָר ע ך. דאָס שלעפּט מען אלץ פון דעם, וואָס איז קלוימערשט א שטיקל באלעבאָס, און בעעמעס האָט ער אליין קיין טאָך פּארנאָסע נישט.

ר' פײַטל. בעוואדע! וועלכער האָט דען הי א גרונטאָוונע פּארנאָסע?

אויר ע ך. באוויִנעססיינו האָראבים[7], ווי ייִדן זײַנען הי אזוי פּארפירט געוואָרן, ראַכמאָנע ליצלאָן, אין קאָל האזאכן! און דער עמעס איז, מע איז זיי מעוואזע בא אומעס־האָוילעם[8] ערגער, ווי די ציגײַנער, האמאוודיל! השי״ת וויסט צו וואָס זיי קאָנען כ״ו קומען!

ר' זאָר ע ך. און דערבײַ נאָך די הײַנטיקע גענג מיט דעם היגן ברייטן פּירעכץ; מוז מען טון קאָל האפּאסלאָנעס[9], מע זאָל קאָנען נאָכטאנצן דעם נאָגיד

ר' פײַטל. איר זאָלט זען אביסל א קאפּצן, וואָס האָט ניט א טאָג איבערצוקר־מען, מאכט א כאסענע, קײַן נאדן גיט ער נישט, ער גיט א שובעד[10] אף זײַן א קאַפּצן, און קליידער מוז ער מאכן, פּופּצן פלאַטיעס. ער רײַסט די ערד און־קאפּצנט. ער מוז מאכן א שטערנטיכל מיט אוירינגלעך, א שובע, א סאליפּ פון ראצע־מאָרע און נאָך וועלכע שווארצע יאָר. און הײַנט כאָסן־מאטאָנעס: א שטרײַמל, א סויבלען היטעלע, א טאלעס מיט שפּאניר, ווייס איך! מע וואָלט געקאָנט דערפון האָבן א גאנצע גאָספּאָדארסטווע: פעלדער, בעהיימעס און שאָף.

---

1) אלע זינד, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין דער טוירע. 2) הינטער דער וואנט, הינטעו די קוליסן. 3) פון דער אייבערשטער וועלט, פון הימל. 4) אן אומגעניטער מענטשן. 5) אלדאָסבייז. 6) א זינדיקן ייִדן. 7) איבער אונדזערע גרויסע זינד. 8) פעלקער פון דער וועלט, ארום און ארום. 9) אלע שענדלעכע, שלעכטע זאכן. 10) א פארפליכט.

אויר ע ך. יאָ, פעלדער, בעהיימעס און שאָף; באַ, באַ, באַ, וואָס וואָלט פאַק קאָשע געווען, אז מע זאָל האָבן פעלדער, בעהיימעס און שאָף, אזוי ווי די טוירע האקדוישע האָט געהייסן, אזוי ווי אווראָם, ייִצכאָק, יאנקעוו און די שוואָטים האָבן זיך נויעג געווען! מוישע ראבייִנו, דאָוויד האמעלעך ע״ה און אלע אונדזערע עלטערן אין ערעץ ייִסראָעל, און אפילע דערנאָך, אז מע האָט זיי פארטריבן אין פרעמדע לענדער, זײַנען זיי נאָר געווען אקער־לײַט, און האָבן מעגאדל געווען בעהיימעס און שאָף. אפילע אונדזערע טאנאָיִם וועאמויראָיִם אליין האָבן זיך אויך אזוי נויעג געווען. די געמאָרע הייסט נאָך, מע זאָל ארבעטן אין פעלד, ווײַל דער מענטש האָט דערפון זייער אן ערלעכן גראָשן און קיין שום קינע וועסינע, און דערבײַ גרויס פארנאָסע אין פראָסטן שטייגער, און דערבײַ ווערט מען געשטארקט אף א/ע אייוורים, וואָרעם ארבעט שטארקט דעם מענטשן זייער...

ד״ר שלוימע עטינגער.

(ארום 1800—1856)

שלוימע עטינגער איז געבוירן אין ווארשע די ערשטע יאָרן פון 19 יאָרהונדערט (גענוי איז דאָס געבוירניאָר ניט באַוווּסט) אין א ייִכעס־ראַבאָנישער פאַמיליִע. זײַן פאָטער איז פרי פארשטאָרבן, און ער האָט זיך דערצויגן בא א פעטער (דעם פאָטערס א ברודער), מענדל עטינגער, ראָוו אין לענטשנע. וועגן מענדל עטינגער גיט מען איבער, אז ער זאָל האָבן געקענט דײַטש, און וועלטלעכע קענטענישן זאָלן בא אים געווען זײַן ניט אָפּגעפרעגט; האָט שוין שלוימע געקאָנט דאָ קריגן א בעסערע דער־ציִונג, איידער דאָס ראָוו ייִדישע קינדער אין פוילן. נאָך מער האָט אָבער געהאט צו זאָגן, וואָס ער איז אָנגעקומען, נאָך גאָר א יונג באָכערל, פאר אן איידעם אף קעסט קיין זאמאָשטש. זאמאָשטש איז יענע יאָרן געווען א שטיק צענטער פון האסקאָלע אין פוילן: דאָ האָט מען געקאָנט טרעפן יאנקעוו אייכנבוים, שפּעטער לערער און אינספעקטער אין דער זשיטאָמירער ראַבינערשול, שימשן בלאָך, א כאוּוער נאכמען קראָכמאלס (איינער פון די זײַלן האסקאָלע אין גאליציִע) א. אנד. דאָ איז געווען אזא שטוב ווי יאָסעף צעדערבוימס (אלעקסאנדערס פאָטער), ווו ס׳פלעגן ארײַנגיין מאס־קילים אויך. דער יונגער שלוימע האָט זיך געהאט בא וועמען צו לערנען און ער האָט צײַט געהאט צו לערנען:

פאר פארנאָסע האָט געזאָרגט די פרוי, גאָלדע: זי האָט געהאלטן א גלאָז־קראָם. האָט ער שוין יענע יאָרן זיך אויסגעלערנט פויליש, דײַטש, העברעיִש. ער האָט זיך פארנומען דילעטאנטיש מיט מאָלערײַ אויך, און דער כיישעק צו מאָלערײַ איז בא אים געבליבן די שפּעטערדיקע יאָרן: אים האָט מען צו פארדאנקען דעם איינציקן פאָרטרעט, וואָס איז געבליבן פון יאנקעוו אייכנבוים, געמאָלט לויט דעם זיקאָרן נאָך.

אינגיכן האָבן זיך אָבער די גליקן געפעלט, ס׳איז צוגעקומען א קינד, און שלוימע האָט געמוזט אָנהייבן צו קלערן וועגן א „טאכלעס״. אָרטיקע „אופגעקלערטע״ האָבן אים גערעטן צו פאָרן קיין בערלין שטודירן אף דאָקטער. שלוימע לאָזט זיך דעמאָלט אוועק קיין אָדעס צו בעטן הילף בא א רײַכן אופגעקלערטן שוואָגער, וואָלף.

אין אָדעס האָט ער קײַן שטעל נישט געקאָנט קריגן, אָבער דאָ האָט אים די אופגעקלערקע ייִדישע געזעלשאפט (די „בראָדער״), וואָס ער האָט געטראָפן באַם שוואָגער אין הויז, אופגעמונטערט מיט אן ערנסט צו פאָרן קײַן לעמבערג שטודירן. אגעוו וועט ער זיך דאָרט קענען פארפולקומען אין מאָלערײַ אויך. דער שוואָגער האָט אים צוגעזאָגט מאטעריִעלע שטיץ. שלוימען איז אויסגעקומען אויסצושטיין א גע־ראנגל מיט זיך גופע: פאָרן קיין לעמבערג — דאָס האָט געהייסן, נאָך ביז וואָס־וועז, שוין ווערן א „דײַטש״: אונטערהאקן די פּייעס און זיך אָנטאָן „דײַטשעריש״,

ד. ה.,—טון אזוינס, וואָס בא דעם גרויסן ייִדישן אוילעם, בא זײַן פרוי גופע, הייסט דאָס „העפקיירעס", אָבער ער האָט דאָס געפּויעלט בא זיך און איז אוועק קיין לעמבערג.

קיין לעמבערג איז ער אָנגעקומען בעערעך דאָס יאָר 1825 און איז דאָרט אַרײַן אין מעדיצינישן אינסטיטוט. פּאַקטיש האָט ער דערבײַ באַדאַרפט דורכמאַכן א גימ־נאַזיִע־קורס אויך, אָבער די פעיִקייטן זײַנען אים בײַגעשטאַנען. אין אָנהייב 1830 האָט ער פאַרענדיקט זײַן שטודיום און איז געקומען אהיים מיט דעם טיטול מעדיקער. זאמאָשטש האָט אים זייער גוט אופגענומען און געקרוינט מיט דעם טיטל „דאָקטער טינגער".

אלס דאָקטער איז ער געוואָרן זייער באַליבט, אָבער קײַן רעכט צו פּראַקטיקירן האָט ער, לויט דעם רוסישן געזעץ, נישט געהאַט: ער האָט פּריִער באַדאַרפט האַלטן עקזאַמען בא א רוסישן אוניווערסיטעט; האָט ער זיך גענומען גרייטן. דער פּוילישער אופשטאַנד (1830), שפּעטער די כאָלערע (1831) האָבן אים געשטערט. אָבער בעייס דער כאָלערע האָט די מאַכט אים גערופן און געהייסן אַרבעטן אלס דאָקטער. דאָס האָט אביסל פאַרשטאַרקט זײַן פּאָזיציִע. דער מעדיציִנישער אינספּעקטער האָט אים אויך פּראָטעזשירט און געהייסן דעם אַפּטייקער אַרויסגעבן רעפּועס אף עטינגערס רע־צעפּטן. אינגיכן האָט מען עטינגערן באַשטימט אפילע אלס דאָקטער אין שטאָטישן שפּיטאָל.

ער האָט געהאַט א גרויסע פּראַקטיק, אָבער די פּראַקטיק האָט אים ווייניק גע־געבן: מע האָט געוווּסט, אז ד"ר עטינגער וועט זיך נישט דינגען. אין ייִדישן „העק־דעש" האָט ער מיסטאַמע געאַרבעט גאָר אומזיסט און שוין פאַר איינוועגס פאַרשפּאָרט דאָרט א פאַרמאַצעווטע אויך. ער האָט געלעבט אין דאַכקעס. אָבער נאָך מער האָט אים געאַרט די אומזיכערע, האַלבלעגאַלע לאַגע: ער האָט פּראַקטיקירט פּאַקטיש מיט דעם גענאָד פונעם אינספּעקטער און אַפּטייקער. יעדער בײַט האָט אים דאָ גע־קאָנט אומוואַרפן און גאָר רויִנירן. האָט ער זיך ווידער גענומען גרייטן צו די עקזאַ־מענעס; ס'האָט אים אָבער ניט געגליקט. איין מאָל איז ער געפאָרן קײַן וואַרשע (בעערעך 1833—1834), מיט א רײַכן שוואָגערס הילף. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן, אופגעגעסן דאָס געלט, געמוזט דערנאָך גיין צום עקזאַמען שוואַך צוגעגרייט און געקריגן דעם טיטל „מעדיצינער פון דעם צווייטן גראַד" („לעקאַרזש", א מין פעלד־שער). דער דיפּלאָם האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו היילן בלויז דרויסנדיקע קראַנ־קייטן, ניט קײַן אינעווייניקסטע.

שפּעטער, בעערעך דאָס יאָר 1845, האָט ער געמאַכט א צווייטן פּרוּוו. ער האָט שוין דאָסמאָל געמוזט דאָס טון: אין זאמאָשטשער אַפּטייק איז ניט געבליבן זײַן אַלטער פּראָטעקטער; ס'איז געקומען אן אנדערער, און עטינגערס פּראַקטיק איז געבב־ליבן הענגען אף א האָר. א מענטש שוין אין די פערציקער, מיט א פאַמיליִע פון 7 קינדער, מאַטעריִעל שטאַרק געדריקט, האָט זיך עטינגער ווידער געלאָזט קיין אָדעס צום רײַכן שוואָגער און פון דאָרט קיין כאַרקאָוו צו האַלטן באם דאָרטיקן אוניווער־סיטעט (מע דאַרף געדענקען, אז די אלע נעסיִעס האָט מען יענע צײַט געמוזט מאַכן מיט דער אַקס, און זיי האָבן געדויערט וואָכנלאַנג). צום עקזאַמען האָט מען אים ניט צוגעלאָזט, ווײַל אין די לעמבערגער דאָקומענטן האָט געפעלט יעדיִעס וועגן פיזיק און כעמיִע. נאָך א שווער וואַנדערניש עלף כאַדאָשים איז ער געקומען אהיים מיט

ליידיקע הענט. דאָ האָט ער נאָך געהאַט אַסאַך אויסצושטיין פון דער גרוי, וואָס האָט אים ניט איינמאָל פאַרביטערט די יאָר.

ס'איז שווער צו זאָגן, אויב איבער דעם, וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט פרייַ פּראַקטיקירן אַלס דאָקטער, אָדער איבער מאַסקיליש־אידעיִשע מאָטיוון, נאָר עטינגער האָט זיך אינגיכן גענומען פאַר לאַנדווירטשאַפט. מיט קרויווימס הילף האָט ער געקויפט 65 מאָרג ערד אין זשדאַנאָוו (בײַ זאַמאָשטש), זיך באַזעצט דאָרט מיט דער פאַמיליע און גענומען פירן אַ ווירטשאַפט. אַ געוויסע שטיק איז נאָך געווען די האַכנאָסע פונעם הויז אין זאַמאָשטש, וואָס די קרויווינס האָבן אים געקויפט בעת ער איז געווען אָפּגעפאָרן. אַ צווייט מאָל האָט מען אים גערופן צו אַרבעטן אַלס דאָקטער בעת דעם כאָלערע אין זאַמאָשטש דאָס יאָר 1855; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט אין דער קאָלאָניע, און דאָ איז ער אינגיכן געשטאָרבן (1856). באַלייט האָט אים די גאַנצע שטאָט. מע האָט מוחל געווען זײַן דאָקטערײַ און אופגעקלערטקייט פאַר זײַן פאָלקסטימלעכקייט און ייִדישקייט: ד״ר עטינגער האָט געפירט אַ ייִדישלעכע שטוב, אופגענומען בײַ זיך פרײַנטלעך ראַבאָנים. אָבער זײַנע קינדער האָט ער שוין דערצויגן הײַנטוועלטיש. וועגן זײַנע קינדער ווייסן מיר נאָך, אַז צוויי זין, מיכל און יאַנקעוו, האָבן שטודירט אין דער וואַרשעווער ראַבינערשול. אַגעוו: דער לעצטער האָט זיך שפּעטער געשמאַדט; דאָס איז ווילהעלם עטינגער, דער באַקאַנטער (צו זײַן צײַט) פאַרלעגער פון רוסישער מעדיציניִשער ליטעראַטור אין פּעטערבורג.

שוין אין דער פריִער יוגנט און אַלס איידעם אויף קעסט איז עטינגער באַקאַנט און באַליבט געווען אין זאַמאָשטש אין מאַסקילישע קרײַזן אַלס ווערטלזאָגער און גראַמענמאַכער. מיר האָבן שוין געזען, אַז עטינגער האָט פאַרמאָגט קינסטלעריש־מאַלערישע פעיִקייטן. ווי אַזוי ער איז געקומען צו ליטעראַטור, און דערצו נאָך אויף „פּראָסט־ייִדיש״, — דאָס דערציילט ער גופא אין אַ פּראָספּעקט צו אַ געפּלאַנטער אויסגאַבע פון זײַנע ווערק אַזוי (בערעך אין די 40־ער יאָרן):

„פאַר עטלעכע יאָרן האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך. איינס האָט געהייסן „די גענאַרטע וועלט״ און דאָס אַנדערע „אַלטערליי״. ביידע ביכלעך זײַנען איבערגעזעצט און גאָר איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דײַטש אויף ייִדיש. דאָס ערשטע הייסט אויף דײַטש „דער טאַרטוף״ און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן״. עך האָב צוגעזען, אַז די ביכלעך זענען זייער אַסאַך מענטשן געפעלן, דעהײַנע אַזעלכע, וואָס זענען גרויסע קענערס, און אַזעלכע, וואָס זענען פּראָסטאַקעס. די ערשטע, בין עך מיר מעשאַער, האָט עס געמוזט געפעלן, ווײַל זיי האָבן געזען אַזוי עפּעס, וואָס זיי האָבן נאָך ביז אַהער נישט געזען אויף ייִדיש לאָשן געשריבן; און די אַנדערע, — ווײַל זיי האָבן עפּעס געלייענט אַ מײַסע־בוך... דאָס וועט איטלעכער אַליין שוין אײַנזען, אַז ווייניקסטנס האָט מיר דער פּלאַן צו שרײַבן אין פּראָסטע ייִדישע לאָשן געמוזט געפעלן, וואָרום עך האָב איך מעך טייקעף געפּרוווט, אויב עס איז מײַן קויעך אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לאָשן צו שרײַבן. דאָס ערשטע, וואָס עך האָב געשריבן, איז געווען איינציקע מעשאָלים און קאַטאָווועסלעך (אויף דײַטש הייסט דאָס: עפּיגראַמע). עך האָב געזען, אַז זיי זענען דעם אוילעם זייער שטאַרק געפעלן. מע האָט בײַ מיר צעכאַפּט אַלס, וואָס עך האָב נאָר געשריבן, און איטלעכער האָט זעך עס איבערגעשריבן, נאָר, ווי דער שטיי־

נער איז, מיט סאמע פעלערס און גרײַזן. ווי עך האָב דאָס געזען, האָב עך מעך מעיאשעוו געווען און האָב מיר אליין ארויסגעטראכט אסאך מעשאָלים און קאָטאָוועסלעך (עפּיגראמע) און צום סאָף גאָר א גאנץ טעאטער־שטיק. עך האָב מעך אָבער אף מיר אליין נישט געוואָלט פארלאָזן און האָב דאָס געשריבענע געגעבן צו לײנען זעלכע מענטשן, וואָס זענען זייער געשיקט און האָבן שוין געליינט זייער אסאך ביכער אף אנדערע לעשוינעס, און ווידער זעלכע מענטשן, וואָס זײַנען גאָר פּראָסטאקעס און קענען נישט מער נאָר דאָס ייִדישע לאָשן, קעדיי עך זאָל פון איטלעכן הערן, וואָס ער וועט דערצו זאָגן. די געשיקטע מענטשן האָבן עס געלויבט נאָך זייער שטייגער און די פּראָסטאקעס נאָך זייער שטייגער. ביידע אָבער האָבן מעך אָנגעהויבן צו בעטן און בעטן מיך נאָך איצט זייער, אז עך זאָל דאָס, וואָס עך האָב געשריבן, לאָזן דרוקן"

דאָ האָבן מיר עטלעכע אָנווײַזן אף אמאָל: אין לעמבערג איז שוין די 20־ער יאָרן פון 19 יאָרהונדערט ארויס עפּעס וועלטלעכע ביכלעך אף ייִדיש; דאָרט און פון דידאַזיקע ביכלעך האָט עטינגער געקריגן דעם כיישעק צו שרײַבן אין „פּראָסטע ייִדישע לאָשן"; דאָרט האָט ער, ניקער, אָנגעהויבן צו שרײַבן אויך, דאָס הייסט, צווישן 1825—1830. שרײַבן, וועד שמועסט דרוקן, וועלטלעכע זאכן, טעאטער־שטיק, לידער א. ד. גל. אף ייִדיש איז געווען אזוי נײַ און געוואגט, אז עטינגער האָט גע־וואָלט פריִער הערן לײַטנס מיינונג, וואָס וועט מען זאָגן דערוף. דאָס איז די בעסטע כאראקטעריסטיק פאר דעם צושטאַנד פון ייִדישער ליטעראטור יענע יאָרן און פאר עטינגערס אופטו: עטינגער איז ניט בלויז איינער פון די ערשטע ייִדישע פאָלקס־שרײַבער. ער האָט א נײַעם וועג געוויזן, ער איז געווען אין פּוילן דער פּיאָנער, דער אָנהייבער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור, אזויווי אקסנפעלד איז דאָס געווען אין אוקרײַנע.

אָבער עטינגער איז א פּיאָנער נאָך אין איין וויכטיקן פּראט: זײַנע ווערק זײַנען קינסטלעריש אסאך רײַפער און פרײַער, איידער מיר זעען דאָס צו בא ייִדישע שרײַבער יענע יאָרן און אפילע א שטיקל צײַט שפּעטער. עטינגער איז אויסן קינסט־לערישע צוועקן (און פארמאָגט טאלענט דאָס אויסצופירן), מאָראליסטישע צוועקן, ניט סיטאם האסקאָלע־פּראָפּאגאנדע. עטינגערס וויכטיקסט ווערק, די דראמע „סערקעלע", איז א ריעאליסטישע זאך, מיט לעבעדיקע טיפּן, גענומען פון דער ארומיקער ייִדישער סוויווע. מיר האָבן פּערעצן פאר אן איידעס, אז פון זײַן א מומע „האָט ד"ר עטינ־גער זײַן „סערקעלע" געמאכט. שרײַט שטענדיק: „אוי מײַנע קויכעס" [1]. פול מיט לעבן זײַנען אלע איבעריקע פארשוינען אין דער דראמע. דאָ איז גיכער צו מערקן א מאָראליזירנדיקע טענדענץ ביכלאל, איידער ספּעציִעל א האסקאָלע־טענדענץ: די פאלשע סערקעלע, די געוועזענע אָרעמע מעל־ייִדענע, וואָס בארויבט מיט א קונץ איר ברודער און באהאנדלט מערדעריש זײַן טאָכטער, קריגט לעסאָף איר שטראָף, דער שווינדל דעקט זיך אויף, די ערלעכע און די לײַטישע קריגן זייער פארדינטן לוין. די האסקאָלע־מאָראל לאָזט זיך זען אין דעם, וואָס דאָס שלעכטע שטעקט צומייינסטן אין דעם אלטן דאָר, און דאָס גוטע אין דעם נײַעם.

אָבער דער יונגער דאָר שטרײַט דאָ ניט קעגן אלטן פאר האסקאָלע־אידעאלן, און קיינער האלט דאָ נישט קײַן האסקאָלע־רעדעס. דאָס איז א שטרײַט פון אידעא־

1) זע „ייִדישע וועלט" № 6, 1913, ז. 6.

ליזם און מענטשלעכקײט קעגן גראָבן מאַטעריאַליזם און פאַרדאָרבנקײט, די עצעם פאַרטײלונג פון ליכט און שאָטן צווישן די צוויי דווירעס איז אויך געטאָן מיט אַ געוויסן קינסטלערישן טאַקט: מוישע (סערקעלעס מאַן), אַ ייִד פונעם אַלטן דאָר, איז בעעצעם נישט אַזוי פאַרדאָרבן; זײַן אומגליק איז, וואָס ער פאַרמאָגט קײן כאַראַקטער נישט און לאָזט הערשן איבער זיך דער פאַרדאָרבענער סערקעלען. און פאַרקערט, פרײדע־אַלטעלע (פרידעריקע), סערקעלעס טאָכטער, פונעם יונגן דאָר, איז דאָ געוויזן און איר גאָרער קאָמישקײט (די פאַלשע ציוויליזאַציע) און פאַרדאָרבנקײט (עגאָאיזם, גראָבער מאַטעריאַליזם). אַגעוו, איז דאָס דער פּריסטער אופטו, ווען אַ מאַסקילישער שרײַבער לאַכט אויס די פאַלשע געבילדעטקײט ביכלאַל; דעמדאָזיקן מאָטיוו טרעפן מיר בײַ לינעצקין ערשט אין צענדליקער יאָרן אַרום. (אויך בײַ מיכל גאָרדאָן: דאָס ליד „די וואַרע בילדונג און די פאַלשע בילדונג“). דאָס קעגנבילד, דאָס שײנע און ערלעכע אין כאַראַקטער און זיטן זעען מיר אין דעם אינטעליגענט, אין דעם סטודענט מאַרקוס רעדלעך, און אין דעם רײַכן סויכער, דאָוויד („דער פרעמדער“) סערקעלעס ברודער, וואָס באַווײַזט זיך פּלוצים גאָר צום סאָף. אַגעוו, בײדע רעדן זיי דײַטש (דער סטודענט — שטענדיק, דאָוויד — בלויז אין די רעפּליקעס „צו זיך אַלײן“), אָבער דאָס געהערט נישט צו עטינגערס פאַרהאַלטונג צו ייִדיש; דאָס געהערט צו זײַן רעאַליזם: אויפגעקלערטע האָבן דעמאָלט גערעדט דײַטש, און ער גיט דאָ איבער זײער דײַטש, אַזויווי ער גיט איבער שמעלקעס „ליטווישע שפּראַך“ אַזויווי שפּראַך־אײגנטימלעכקײטן פון אַנדערע העלדן. אָבער גראַד דאָ ייִד דער דײַטש־רעדער זאָגט מוסער פרידעריקן, וואָס רעדט שלעכט דײַטש: „פאַרוואָס רעדסטו נישט ליבער ייִדיש? וואָס שעמסטו זיך ייִדיש צו רעדן?“ מיט סימפּאַטיע און מיט אַ לעבעדיק געפיל פאַר הומאָר זײַנען דאָ געמאָלט די דינסטמענטשן אין דער דראַמע, דערהויפּט כאַווע און כאַיִם. די דראַמע איז פול מיט האַנדלונג, ניט מיט רעזאָנירנדיקע דראָשעס. קורץ, — מיר האָבן דאָ אַ ווערק פון אַ האַסקאָלע־שרײַבער, געשריבן מיט רעאַליזם, ניט ספּעציעל קײן האַסקאָלע־פּראָפּאַגאַנדע. פון דער האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע האָט עטינגער גענומען דאָס אַלגעמײַנמענטשלעכע, די עטישע פּרינציפּן (באַציִונגען צווישן מענטשן); ווײניקער גיט ער זיך אָפּ מיט דער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און מיט דער פּאָזיטיווער פּראָגראַם פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג.

די מאָראַליסטישע טענדענץ זעען מיר אויך צו אין עטינגערס לידער, מעשאָלים, עפּיגראַמעס. אָבער אין אײניקע זאַכן שטעקט שוין דאָ די האַסקאָלע־טענדענץ אויך. דאָס וויכטיקסטע אין דעם פּראַט איז די „שמאַטעס“. אין אַן אַלעגאָרישער פאָרמע לאַכט ער דאָ אויס ייִדישע גאַדלעס און ייִכעס, און לעסאָף מונטערט ער ייִדן צו גײן דינען אין מיליטער, זיך ניט שעמען מיטן זעלנער, ראָט זײ זיך נעמען אַ מוסער פון „אַנדערע“ עמונעס, פון ייִדן אין אַנדערע לענדער. מע דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן די צײַט פון דער קאַנטאָניסטן־פּלאָג, וואָס האָט אַזוי שווער געטראָפן די ייִדישע מאַסע. אין אַנדערע לענדער — אַ מאָטיוו, וואָס איז אונדז שוין באַקאַנט פון אַקסנפעלדן, — דער וועג צו עמאַנסיפּאַציע, ווי אַזוי די נײַ־אויפגעקומענע ייִדישע בורזשואַזיע האָט דאָס פאַרשטאַנען. אין „דאָס פאַנעלע“ בעט אַ ייִד בײַם פּאָרעץ, וואָס זײַן טאָכטער האָט ער געראַטעוועט פון פײַער, אַ שטיקל פעלד צו באַאַרבעטן (נישט קײן קרעטשמע, ווי מע האָט זיך באַדאַרפט ריכטן). אין „דאָס קאַטשקעלע“ רעדט ער וועגן דער שלעכטער ייִדישער דערציִונג, מוסערט, פאַרוואָס שעמט

מען זיך מיט דער מעלאָכע און מע וויל מאַכן די זין פֿאַר ראַבאָנים. דיזעלבע טענדענץ (מעלאָכע איז א שיינע זאַך) קאָן מען אויך זעען אין דעם מאָשל „דער לייב מיט די ן״. אין „די שיידים״ לאַכט ער אויס די אומוויסנדיקע מעלאַמדים. „די אסיפֿע״ (דער טיגער, דער בער, דער הערש, דער פֿוקס, דער אייזל פּרעטענדירן צו זײַן רעגירער בא כײַעס) איז אַן אָפֿן אָנצוהערעניש אף קאָהאָלשער פֿירונג. א שאַרפֿע אָנצוהערעניש אף פֿאַלשער פֿרומקייט איז דער מאָשל „די פֿרומע בערן״: ס׳איז אַן אונטערגאַנג בא כײַעס, זוכט מען כאַטאָים. מע איז מויכל דעם לייב, וואָס ער האָט צעריסן א מענטשן, דעם וואָלף, וואָס האָט זײַן אייגענעם טאַטן אומגעבראַכט א.אז.וו. נישט דערפֿון נעמט זיך די גזיירע. דער שולדיקער איז דאָס מײַזל: סע האָט צעריסן דער רעבעצנס טבֿינעס. אין „וויטעלע״ האָבן מיר א סאַטירע אף דער גאָטספּאָרכטיקער ייִדענע, וואָס האַלט אין איין דאַווענען און טון מיצוועס, ווײַל אָבער קײַן אָרעמאַן קײַן שטיקל ברויט נישט געבן. אין „הולך רכיל״ רירט ער אָן דעם כסידישן רעבן: ער גיט סגולעס, קאַמייעס, ער באַגליקט אקאָרעס מיט קינדער, אָבער קײַן האַפּסאָקעס פֿאַסט ער נישט, קײַן צדאָקע גיט ער נישט און שטילערהייט קאָן ער פֿאַרקויקן ייִדישקייט אויך.

עטינגערס ליטעראַרישע יערושע איז ניט איבעריק גרויס: אָרום און אָרום, שוין צוזאַמען דערמיט, וואָס ד״ר מ. ווײַנרײַך, דער רעדאַקטער פֿון דער קריטישער אויסגאַבע „עטינגערס קסאָווים״ (ווילנע 1925, 2 בענד), האָט געקאָנט אַרויסבאַקומען פֿון עטינגערס געבליבענע מאַנוסקריפּטן, באַטרעפֿט די יערושע א „טעאַטער־שטיק״ — „סערקעלע״, פֿראַגמענטן פֿון צוויי ניט־פֿאַרענדיקטע דראַמאַטישע שטיק, בא א 300 לירישע, עפּישע לידער, מעשאָלים, קליינע מײַסעלעך און קאַטאָוועסלעך אין גראַמען (א היפּשער טייל פֿון זיי איז באַאַרבעט פֿון פֿרעמדע קוועלן). אָבער עטינגער האָט ניט דערלעבט צו זען קיין איין שורע זײַנע געדרוקט. קוידעמקאָל האָט דאָ געשטערט די צענזור: דער „מאַסקיל״, דער צענזער טוגענדהאָלד, האָט דאָס יאָר 1843 אַזוי „פֿאַריכט״ עטינגערס „סערקעלע״ און מעשאָלים, אַז עטינגער האָט גערעדט דערפֿון מיט גרויס צאָרן און האָט אין אַזאַ פֿאָרמע זײַנע ווערק ניט געוואָלט דרוקן. דאָס איז אָבער געווען ניט די איינציקע מעניִע: פֿון דעמזעלבן בריוו (צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט), ווו מיר דערהערן, ווי עטינגער האָט זיך פֿאַרהאַלטן צו דער צענזורס ווילדע שטיק, קריגן מיר אויך צו הערן, אַז פֿאַר אָפּדרוקן די דערמאַנטע זאַכן (אָדער צושטײַער) האָט מען געוואָלט בא אים 40 רובל (א ייִדישע דרוק וואָלט זיך אין פּוילן אף אַזאַ זאַך, ניקער, געפֿונען). אָבער עטינגער האָט אַלע זײַנע יאָרן געלעבט אין דאַכקעס, און 40 רובל איז פֿאַר אים געווען צו א גרויסע מאַטבייע. באַם לעבן זײַנען זײַנע ווערק אַרומגעגאַנגען צווישן אוילעם אין קאָפּיִעס און זײַנען געווען גוט באַקאַנט. ערשט דאָס יאָר 1861 האָט איינער גאָנשאַראָווסקי אָפּגעדרוקט אין שטעטל יאָהאַניִסבורג (פּרײַסן) די דראַמע „סערקעלע״ פֿון א פֿאַרגרײַזטער קאָפּיִע. אין 1875 האָט מען דידאָזיקע פֿאַרגרײַזטע אויסגאַבע איבערגעדרוקט אין וואַרשע, און אין אַזאַ פֿאַרדאָרבן געשטאַלט האָבן מיר זי געקענט ביז די לעצטע פּאָר יאָר. די פּיעסע „סערקעלע״ האָט מען עטלעכע מאָל אופֿגעפֿירט אף דער סצענע, צומייסטנס ליבהאָבער (אין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול, 1863; אײַן מאָלעוו־פּאָדאָלסק א.אז.וו.) אָבער זיכער פּראָפֿעסיִאָנעלע אַרטיסטן אויך.

די מעשאָלים, קאַטאָוועסלעך האָבן זיך געדרוקט,—אויך שוין נאָך עטינגערס טויט,— אין „קול מבשר", אין „וואַרשעווער יידישע צײַטונג", אין פעטערבורגער „יידישן פאָלקסבלאַט". געזאַמלטערהייט האָט זיי אַרויסגעגעבן עטינגערס זון, ווילהעלם, צו פעטערבורג (1889, 1890) מיט די ענדערונגען, וואָס צענזור און קאָרעקטור האָבן אַרײַנגעבראַכט; 1920 האָט מען די דאָזיקע אויסגאַבע איבערגעדרוקט אין וואַרשע („נײַער פאַרלאַג").

אָבער עטינגער, שוין לאַנג א געשטאָרבענער, האָט געהאַט גליק אויך: דאָס איז דער ערשטער, און דערווײַל דער איינציקער, יידישער שרײַבער, וואָס ס'האָט זיך געפונען אף אים אַן אויסלייזער. נאָך א גרינטלעכער אַרבעט איבער עטינגערס געדרוקטע זאַכן, געבליבענע מאַנוסקריפּטן, איבער וואַריאַנטן, איבער ביאָ־און ביבליאָגראַפישע פּראָטים, א. אז. וו. האָט ד"ר מאַקס ווײַנרײַך אַרויסגעלאָזט דאָס יאָר 1925 אין וואַרשע א קריטישע אויסגאַבע „עטינגערס קסאָווים". דאָרט קריגן מיר צום ערשטן מאָל צו זען א גרויסן טייל עטינגערס ווערק אין זייער עמעסער, נישט געפעלשטער געשטאַלט, איינציקע ביז איצט אומבאַקאַנטע זאַכן עטינגערס, און דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז מעגלעך געווען צוזאַמענצונעמען וועגן עטינגערס לעבן און שאַפן (ביאָגראַפיע, בריוו, הישטאַדלעסן בא דער צענזור א. אז. וו.), קריטיש קאָנטראָלירט און געלײַטערט.

פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זײַנען גענומען די פּראָטים, וואָס איך גיב דאָ וועגן עטינגערן, אויך די פראַגמענטן פון דער דראַמע „סערקעלע" און דער מאָשל „די שמאַטעס".

קעדיי צו האָבן א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די פראַגמענטן פון „סערקעלע" ברענג איך דאָ אין קורצן דעם סיוזשעט פון דער דראַמע.

דאָוויד גוטהערץ (אין דער דראַמע פיגורירט ער ערשט צום סאָף אַלס „פרעמדער"), א פאַרמעגלעכער אופגעקלערטער סוחר, פאַרלאָזט איבער עפּעס א פּאַסירונג אין זײַן לעבן די היים (לעמבערג) און פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע. ער לאָזט בא דער שוועסטער סערקעלע און בא איר מאַן מוישע דאַנציגער, אָרעמע מעל־הענדלער, זײַן איינציקע טאָכטער הינדע און זײַן פאַרמעגן. די דאַנציגערס לאָזן אַרויס א קלאַנג, אַז דאָוויד איז אַין וועג אומגעקומען, און מע מאַכט א פאַלשע צוואָע, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָט ער אָפּגעזאָגט סערקעלען. סערקעלע, א טיראַנישע פרוי, פירט איצט א רײַכן שטאַט און טיראַניזירט הינדען און דעם מאַן מוישען, א מענטשן מיט א שוואַכן כאַראַקטער, וואָס האָט שוין ביטער כאַראָטע אף דעם שווינדל און ראַכמאָנעס אף הינדען. נישט ווײַטער פון דער מוטער איז אַוועק דאָס טעכטערל פריידע־אַלטעלע: זי האָט איבערגענומען די אויסערלעכע ציוויליזאַציע, רופט זיך פרידעריקע, שעמט זיך מיט יידן און יידיש אַון וויל א ראָמאַן מיט א רײַכן „ברויטיגאַם", וואָס זאָל גיין אף איר וועג. אַזאַ איינער שאַרט זיך צו;—דאָס איז גאַוורױעל הענדלער, א ספּעקוליאַנט, א שווינדלער, וואָס קוואַפּעט זיך אף פרידעריקעס רײַכן נאַדן. סערקעלע מיינט, אַז הענדלער איז רײַך; געפעלט איר אויך דער שידעך, און ס'האַלט שוין בא טנאָים. גאַוורױעל הענדלער וויל אָבער ניט וואַרטן אף די קינפּטיקע גליקן און גאַנוועט דערווײַל אַוועק בא סערקעלען א קעסטל צירונג, וואָס איז איר געבליבן פונעם ברודער. אין שטוב גייט אַרײַן א סטודענט מאַרקוס רעדלעך, אַן איידעלער, געבילדעטער מענטש. ער גיט א שטונדע פרידעריקן, אָבער אין שטוב ציט אים די

גוטע, איידעלע הינדע (די פּאָר האָט זיך ליב). סערקעלע וויל האָבן, אז רעדלעך האָט בא איר געגאנוועט דאָס צירונג. זי פּײַניקט הינדען זי זאָל אויסזאָגן; זי שטעלט אָן דעם שאדכן ר׳ יויכענען און גאוורִיעל הענדלער, זיי זאָלן אויספאָרשן רעדלעכן; לעסאָף לאָזט זי בינדן רעדלעכן מיט הינדען און זיי פירן צו פּאָליציי.

אין שטאָט קומט אומגעריכט דאָוויד גוטהערץ („דער פרעמדער"). אין אן אכסאניע באם ליטוואק ר׳ שמעלקע טרויניקעס צעפרעגט ער זיך וועגן סערקעלען. אהער קומט צו גאוורִיעל הענדלער און לייגט אים פאָר צו קויפן א קעסטל צירונג. ער דערזעט אין איין צירונגשטיק זײַן ווײַבס פּאָרטרעט און פאלט כאלאשעס. סערקעלעס דינסט־מיידל כאווע דערקענט איר געוועזענעם באלעבאָס. גראָד פירט מען פארבײַ די גע־בונדענע הינדע און רעדלעך. הינדע דערקענט דעם פּאָטער. ס׳קומט פּאָר א רירנדיקע סצענע, ווי אזוי גוטהערץ וויל זי פריִער נישט צולאָזן צו זיך איבער דעם כשאד פון דער גנייווע; דערנאָך קלערט זיך אלץ אויף. גוטהערץ פארייניקט די געליבטע פּאָר. אף הינדעס ביט איז ער מויכל סערקעלען, לאָזט איר דאָס פארמעגן און טוט גוטס מיט פרידעריקען. זי איז שוין מאסקים איצט צו כאסענע האָבן פאר דעם פראָסטן יידן שמעלקע טרויניקעס (פריִער איז ער איר נישט אָנגעשטאנען). נישט פארגעסן זײַנען אויך די געטרײַע דינסטמענטשן כאווע און כאים: גוטהערץ פארייניקט זיי. גאוורִיעל הענדלער קריגט זײַן שטראָף.

אין די געגעבענע פראגמענטן ברענג איך די סצענעס: וויאזוי גאוורִיעל הענד־לער פארטראכט צו גאנוועַנען דאָס צירונג, ווי אזוי מע פּײַניקט רעדלעכן און הינדען, זיי זאָלן זיך מודע זײַן אף דער גנייווע.

ש. עטינגער

סערקעלע

אָדער

די יאָרצייַט נאָך א ברודער

גאָר א נייַ טעאטער־שטיק
אין פינעף אופצ׳עֶן.

דריטער אופצי.

ערשטער ארייַנקום.

ר׳ גאוורי׳על אליין.

(ער ליגט אף דער קאנאפע האלב אויסגעטאָן) א מאשקן זאָל מען זיך פארזעצן און קלוג זאָל מען זייַן, — אצינד וועט זיך מיר דאָס ערשט א וועלט עפענען. ר׳ מוישע דאנ־ציגערס איידעם! ווער וועט מיר זייַן גלייַך? — איך וועל זיי דאָס אלע אימירצעשעם בא דער נאָז ארומפירן! מיילע דער מעכוטן איז זיך דאָך טאקע א פראָסטער גראָ־בער יונג, ער קען דאָך ניט א ציילעם פון אן אלעף; בא אים וועל איך זייַן דער ראָוו. דער מעכוטענעסטע וועל איך אזוי דעם קאָפּ פארדרייען, כאָטש עס דאכט זיך איר, אז זי גייט אין ספאָדעק, אז זי וועט אליין ניט וויסן פון איר לעבן צו זאָגן. און מייַן קאלע, דער פריילן פרידעריקע, באדארף איך דאָך נאָר איינמאָל צו זאָגן, אז זי איז זייער שיין, האָב איך זי שוין אינגאנצן געקויפט. גאוורי׳על, דו לויכסט, דו ביסט א יונג מיט שפּאָרן! (ער רוט זיך אביסל אָפּ) יאָ, אלץ רעכט, אלץ גוט, וואָס טוט מען אָבער מיט דעם פארשווארצטן סילעק? [1]) ווו נעמט מען כאָטש טויזנט רייניש מינץ? און די פייַנע בעריעטע שפארט זיך דאָך דאפקע אייַן, אז איך זאָל טייקעף בא די טנאָים מעסאלעק זייַן [2]), און דאָס, אז נאָר בא איר זאָל דער סילעק ליגן אייַנגעלייגט, — וואָס טוט מען אצינדערט? (ער הייבט זיך אוף פין דער קאנאפע או גייט א פּאָר מאָל אין שטוב ארוף און ארא̇פּ און טראכט) זאָל איך עפשער זאָגן, אז איך קען אצינד נישט מעסאלעק זייַן, ווייַל איך בין איצט פארשטעקט מיט מייַן געלט אין סכוירעס? סערקעלע איז אָבער אויך נישט פון די נאראָנים, וואָס זייַנען צען אום א גראָשן, וועט זי זאָגן (ער שפעט נאָך, ווי סערקעלע שמועסט): אוי, מייַנע קויכעס! מייַן אלטע־לעבן, זאָל שטארק און געזונט זייַן, איז דאָך אָנדאָס ערשט אלט דרייַצן יאָר,

1) דעקונג, אָפּגעבן דאָס, וואָס מע האָט זיך פארפליכט. 2) ארייַנטראָגן די צוגעזאָגטע סומע. דאָ האנדלט זיך דאָס פון זייַן טייל געלט צום שידעך.

איך קאָן נאָך באשטיין צו ווארטן, ביז איר וועט דאָס געלט איַינקאסירן! און וואָס וועט זיַין? איך האָב מוירע, זי וועט זייער לאנג מוזן ווארטן. (ער טראכט ווידער אביסל נאָך) זאָל איך עפשער אלטען גאָר דעם סאָד אויסזאָגן, אז איך האָב קיַין געלט נישט? נו, וואָס וועט זיַין? — אז א נארווארפט אריַין א שטיין אין גאָרטן אריַין, קענען דאָך אים צען קלוגע אויך שוין נישט ארויסנעמען; אלטעניו וועט גיין טייקעף דערציילן דער מאמעניו, און די מאמעניו דעם טאטעניו, און דערנאָך, גאווורילעניו, מעגסטו דיר שוין אופנייען א טאָרבעניו און גיין אין די היַיזער. (ער טראכט נאָך, דערנאָך גיט ער א געשריי) ווארט, עס איז דאָ! נאָר וואָס העלפט דאָס! (ער טראכט וויַיטער, פלוצלינג גיט ער זיך א כאפּ באם שטערן און שמועסט שטילער) א־הא! אז דאָס זאָל מיר געראָטן! גויט ברעכט איַיזן, האָט איינער אמאָל געזאָגט. (ער גייט ארום אין שטוב און מאכט מיט די הענט, אזוי ווי איינער קלערט נאָך; דערנאָך זאָגט ער גאנץ פּאמעלעך) הערסטו, גאווריִעל, מיר געפעלט עס. איך זאָג דיר, עס איז גוט און נאָך בעסער. גאווריִעל! ביסט א ווילער יונג! (ער רוט זיך אָפּ אביסל) כ'לעבן, איך זאָל מיך איצט קענען דערלאנגען, וואָלט איך מיר אליין איצט א קוש אין פּיסקל אריַין געגעבן! (ער קוקט זיך אום אין אלע ווינקעלעך) איך זאָל נאָר וויסן ווו עפּעס ליגט! די לײַט האָבן זיך אלע געלייגט שלאָפן נאָך דעם עסן. אצינד העט, כ'לעבן, די רעכטע צײַט געוועזן עפּעס צו טון (ער גייט צו דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט, און האָרכט; דערנאָך גייט ער צו דער טיר, וואָס גייט אף דער גאס ארויס, און פאריגלט זי; דערנאָך גייט ער צו דער קאָמאָדע און פּרווט, אויב זי איז אָפן) שלעכט, פארשלאָסן! (ער גייט צו דער שאפע און פּרווט, אויב זי איז אָפן) ביטער, אויך צוגעמאכט (ער ווייזט מיטן פינגער אף סערקעלעס שלאָפכיידער) איך זאָל נאָר וויסן, אז עס וועט דאָ קיינער נישט אָנקומען, העט איך דאָרט אביסל בוידעק־כאָמעץ געוועזן. ע, אז מע שטעלט נישט איַין, נעמט נישט אויס. (ער וויל גיין אין שלאָפכיידער אריַין און האָרכט) מיר דאכט זיך, מע גייט, (ער ווערט בייז און גיט זיך געשווינד א וואָרף אנידער אף דער קאנאפּע) געשעדיקט זאָל ער ווערן!

פּערטער אופצי.

עס איז נאכט, אף דעם טיש ברענט זיך א ליכט.

ערשטער אריַינקום

ס ע ר ק ע ל ע, ג א ו ו ר י ע ל (זיי זיצן ביידע באם טיש).

ס ע ר ק ע ל ע. הינט זאָלן ווינען אין אזא שטאָט! מע זאָל אין אזוי א גרויסער שטאָט נישט קענען קריגן איין מענטש, וואָס ער זאָל מיר קענען עפּעס אן אייצע געבן!

ר' ג א ו ו ר י ע ל. גלויבט מיר, מיַין ליבע מעכוטענעסטע־לעבן, אז איך ווייס איַיך אין דער זאך גאָרנישט צו ראָטן. וואָרן בא אזוי אן אינטערעס איז דאָס בעסטע, אז מע טוט נאָר נאָך זיַין אייגענעם סייכל; וואָרן איר, זאָלט לעבן, ווייסט דאָך בעסער פון איטלעכן, ווו איר האָט געהאט דאָס קעסטל שטיין; און קענט אלע איַיערע הויזלײַט און איַינגייערס זייער גוט; — נו, דאכט זיך מיר, אז איר וועט מיט איַיער קלוגן סייכל מער קענען פּויעל זיַין, ווי אונדז אלע.

ס ע ר ק ע ל ע. אוי, מיַינע קויכעס! ווייסט איר, עס האָט מיך פון פריִער אָן, — אף אלע וויסטע וועלדער געזאָגט, — אָנגעכאפּט אָן א זיַיט א קלעמעניש, אז איך ווייס גאָרנישט, ווו איך ביך ערגעץ אין דער וועלט. הערט־זשע צו, מיַין ליבער

ר׳ גאווריִעל! איך האָב מיר גאָר אנדעריש מעיאשעוו געווען: מײַן דייע העט געווען אז איר זאָלט אײַך אביסעלע מיט רעדלעכן צעשמועסן, נאָר, פארשטייט איר מיך? אזוי קלוג, טאקע קלוג, אז ער זאָל זיך גאָר נישט שטויסן. דאָס הייסט רעכט, איך באדארף דאָך אײַך נישט צו לערנען. און איך וועל מיר אַליין נעמען צו הינדע? און זי ווידער אביסל אויספאָרשן; און איך זאָג אײַך, אז דאָס הארץ זאָגט מיר אלץ, אז מיר וועל׳מיר אוואדע מיט גאָטס הילף אלץ בא זיי געוואָר ווערן.

ר׳ גאווריִעל. דאָס, זעט איר, מעכוטענעסטע־לעב, האָט מיר נישט פאריבל, רעדט איר ווי א קינד. וואָס מיינט איר, רעדלעך איז עפּעס א נאר? רעדלעך וועט זיך נישט טייקעף שטויסן, ווי איך וועל נאָר אָנהייבן מיט אים צו שמועסן, נאָך וואָס איך בין צו אים געקומען? אוביפראַט נאָך, אז ער איז יאָ א גאנעוו, וועט ער זיך נישט היטן מיט איטלעכן וואָרט, וואָס ער וועט רעדן? — איבער דאָס איז מײַן אייצע גאָר אנדערשט, אז איר זאָלט לעסאַטע גאָר אינגאנצן לאָזן גיין און אײַך גאָרנישט וויסן מאכן, אויב עס פעלט אײַך גאָר עפּעס, און איך בין אײַך באַטועך, אז אין א קורצער צײַט וועט אלץ ארויסקומען ווי בוימל אפן וואסער. וואָרן דער גאנעוו וועט דאָך דאָס צירונג אוואדע עמעצן וועלן פארקויפן, און ווער, זאָגט מיר נאָר, קען דאָס הי נישט אײַער צירונג? — וועט מען אײַך אוואדע אלץ אָפּברענגען אין שטוב ארײַן גאָר אומגעריכט.

סערקעלע. נו יאָ, איר זײַנט עפּשער גערעכט; מיינט איר אָבער, אז איך וועל עס ביז דעמאָלט קענען אויסהאלטן? וועל איך קענען רוען? וועל איך קענען לעבן? איז דאָס גאָר פאר מײַנע קויכעס אזוי א ווייטיק אויסצוהאלטן? אָט גייט יאָנטעוו־לעב, אין וואָס גייט מען אין דער הייליקער שול ארײַן? איך וועל דאָך אפילע נישט אמאָל קענען אף דער גאס ארויס מיך ווײַזן, אוי, מײַנע קויכעס!

ר׳ גאווריִעל. איך פארשטיי אָסער נישט,— האָט מען אײַך דען גאָר דאָס גאנצע צירונג אוועקגעטראָגן? ווי קען מען ריידן, עס האָט דאָך אײַך פאָרט נאָך עפּעס געמוזט בלײַבן?

סערקעלע. וואָס טײַטש? ווי אזוי האָט מיר געקענט בלײַבן, אז מײַן גאנץ צירונג איז געלעגן נאָר אין איין קעסטל, און דער גאנעוו האָט דאָס אינגאנצן צוגע־נומען; — נו ווי אזוי איז מיר געבליבן? צו דעם אַלעם אָבער איז דער פינצטערער גזאר־דין אזוי גרויס, אז דאָס האָט דאפקע גראָד אָן דעם טאָג געדארפט צו געשען, ווען דאָווידס יאָרצײַט איז, און דער גאנעוו האָט דאָס נאָך אזוי אָפּגעטשיפּערט, ווײַל ער האָט געוווסט, אז עס קומט אָן דעם טאָג קײַן שום שטיקל צירונג נישט אף מײַן לײַב ארוף! אוי, ווינד און וויי איז מיר! איך ווער דאָך שוין טאקע שיר נישט מעשוגע פאר צאָרעס! און דאָס ערגסטע איז נאָך, אז עס ווייל מיר אפילע קיינער קיין אייצע נישט געבן, וואָס איך זאָל טון, אוי, מײַנע קויכעס! עס איז, כ׳לעבן, טאקע עמעס, אז ווען דער וואָגן פאלט, זײַנען די רעדער צו שווער.

ר׳ גאווריִעל. נו אדראַבע, וואָס קען מען אײַך דאָ פאר אן אייצע געבן? — אָסער, אויב איך ווייס!

סערקעלע. נו, בעט איך דאָך אײַך, פאָלגט מיר נאָר דאָס איינע מאָל און שמועסט מיט רעדלעכן. וואָס האָט איר מוירע? ער וועט דאָך אײַך קײַן פּאטש נישט געבן! איך, ווייסט איין גאָט, קען דעם גאנעוו נישט אין פּאָנעם ארײַן קוקן.

ר׳ גאוורִיעל. נו, ווייסט איר זשע וואָס, מעכוטענעסטע־לעב? איך וועל אײַך שוין דאָס אויך צוליב טון, איר זאָלט דערנאָך נישט זאָגן אזוי אָבער אזוי, נאָר דאָס איינע וועל איך אײַך נאָך בעטן, אז איר זאָלט מיר אויך עפּעס נאָכגעבן.

סערקעלע. נו זאָגט נאָר, זאָגט וואָס?

ר׳ גאוורִיעל. איר זאָלט מויכל זײַן שיקן נאָך ר׳ יויכענען, אז ער זאָל מיר אויך אביסל העלפן; און איר מעגט באָטועך זײַן, אז איך וועל מיט אים באנאנד דעם באָכער אויספרעגן, וועלן מיר אוואדע פון אים געוואָר ווערן אפילע דאָס, וואָס ער האָט אונטער דעם לעבער, וואָרן וואָס צוויי איז פאָרט נישט איינער.

סערקעלע. יאָ, דאָס איז עמעס, נאָר ווען קען דאָס זײַן?

ר׳ גאוורִיעל. ווען איר ווילט, פונמײַנעטוועגן, כאָטש נאָך הײַנט.

סערקעלע. נו, גוט, אָט גיי איך טייקעף שיקן נאָך ר׳ יויכענען, און איר קענט אײַך דאָ ביידע אנידערזעצן און אים לאָזן ארײַנרופן; איך וויל אפילע גאָר־נישט דערבײַ זײַן (זי הייבט זיך אויף אוועקצוגיין).

ר׳ גאוורִיעל. ווו איז ער דען, דער באָכער? ער איז דאָך אוואדע בא זיך אין דער היים. ווער וויס, אויב ער וועט גאָר וועלן אהער קומען?

סערקעלע. ע, וואָס רעדט איר! ער איז שוין דאָ בא מיר, דער אכבראָש! איך האָב מוירע געהאט פאר דעם, אז ער וועט נישט קומען, האָב איך אים געלאָזט אהער פארנארן און האָב אים געהייסן זאָגן, אז מײַן מוישע רופט אים; און ווי ער איז אהער געקומען, האָב איך אים שוין נישט מער געלאָזט אהיים, און אזוי זיצט ער דרינען אין קיכשטוב, און צוויי שאמאָסים פילנעווען אים.

ר׳ גאוורִיעל. דאָס האָט איר זייער גלײַך געטון. איצט אָבער מאכט זשע שוין גאָר קײַן שיִעס נישט און שיקט טייקעף נאָך ר׳ יויכענען, וואָרן עס וועט שפּעט ווערן, און זײַט אים טאקע מודיִע נאָך וואָס, און גרייט אָן עפּעס א טרונק, קעדיי ער זאָל גיכער קומען, וואָרן ער האָט דאָס נישט פײַנט.

סערקעלע. איך וועל שוין דאָ אלץ ארײַנשיקן (זי וויל אוועקגיין).

ר׳ גאוורִיעל. איקער שאָכאכטי [1]), קומט נאָר צוריק, נאָך איינס האָב איך אײַך צו פרעגן,

סערקעלע. (קערט זיך אום צוריק) וואָס נאָך ווילט איר, וואָס?

ר׳ גאוורִיעל. וואָס וועט אָבער זײַן, אז רעדלעך וועט זײַן אזוי א קלוגער יונג און וועט זיך האלטן בא איין וואָרט? וואָס וועט איר טון, אז ער וועט נישט וועלן מודע זײַן דעם עמעס, הע?

סערקעלע. פאר דעם זאָרגט אייך גאָרנישט! אז ער וועט דאָ נישט וועלן מודע זײַן, וועט ער שוין ערגעץ אנדערש מודע זײַן! טוט איר נאָר דאָס אײַעריקע און זאָרגט אײַך גאָרנישט פאר מיר, איך וועל שוין טון דאָס מײַניקע (זי גייט אוועק).

צווייטער ארײַנקום

ר׳ גאוורִיעל (אליין).

פאר איר קויעך זאָל זי דאָס האָבן, וואָס זי וועט בא אים אויספאָרשן! רעדלעכן האָט זיך אויך גראָד דעמאָלט פארגלוסט אהער צו קומען מיט הינדען זיך צו שפּילן!

---

[1]) די הויפּטזאך האָב איך פארגעסן, א ריידנסארט.

דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן: אז זי האָט זיך איינמאָל איינגערעדט, אז רעדלעך האָט זי באגאנוועט, איז שוין אן עק! און אז עס זאָל דאָ אפילע שוין קומען דער נאָסי פון באָוול [1], וועט ער איר דאָס שוין אויך נישט קענען אויסרעדן. א ראכמאָנעס, כ׳לעבן! זי וועט אים אוואדע אָנטון געברוינטע לייד, ער וועט זיך דאָס נעבעך א קריע רייסן [2]. גאָר קוליקאָווער מישפּעט! [3] איך מוז אָבער פּאָרט זען אים עפּעס א טויווע צו טון, איך מוז זי זען צו בעטן, אז זי זאָל אים כאָטש נישט אָפּגעבן אין קרימינאל ארײַן. איך ווייס אָסער נישט, וואָס מע הייבט דאָ אָן מיט אים צו ריידן! נאָר עס וועט דאָך זײַן א קערמעש [4]. זי מיינט, אז פון ר׳ יויכענענס וועגן האָב איך דאָס געהייסן אָנגרייטן א שוועך [5]; — ניין, ניין! איך אליין, נעבעך באדארף די מײַסע! גאוורי͏ָעל, מאך דיר א הארץ!

דריטער ארײַנקום

ר׳ גאוורי͏ָעל, ר׳ יויכענען, כאי͏ָם. (מיט א לאנטער [6],
א פלאש מעד און צוויי גלעזער).

ר׳ יויכענען. גוטן אָוונט אײַך, ר׳ גאוורי͏ָעל!

ר׳ גאוורי͏ָעל. גוטן אָוונט, גוט יאָר, באָרוך־האבאָ, ר׳ יויכענען!

ר׳ יויכענען. (צו כאי͏ָמען) גיי־זשע און רוף אים ארײַן און זאָג אים גאָרנישט, ווער עס רופט אים; הערסטו?

כאי͏ָם. (גייט אוועק) גוט.

ר׳ יויכענען. דעם מאסע־מאטן, האָט אפּאָנעם, האָב איך אײַך צו פארדאנקען; איר האָט דאָס געמוזט נארײַען, מע זאָל שיקן נאָך מיר.

ר׳ גאוורי͏ָעל. ווער, איך? אָטער! איך ווייס מער נישט, סערקע האָט מיך געשיקט אהער רופן, און ווי איך בין געקומען, האָט זי מיר געזאָגט, אז זי האָט נאָך אײַך אויך געשיקט, אז מיר זאָל׳מיר דאָ זען ביידע בא רעדלעכן אויסצופאָרשטן, אויב ער האָט איר קעסטל צירונג גענומען. און ס׳אנדערע, וואָס ארט אײַך דאָס? אָט, מעד איז דאָ גענוג.

ר׳ יויכענען. יאָ, דאָס איז שוין רעכט. (ער זעצט זיך און גיסט אָן ביידע גלעזער) נאָר נאָך וואָס האָט מיר דאָס געטויגט? איך זאָג אײַך דעם עמעס, עס וועט די גאנצע שטאָט פארדריסן, מע זאָל פלוצלינג נעמען אן ערלעכן יונג און אים מאכן פאר א גאנעוו. קומט מײַן שמוע אפיר [7], איך קום אויך הי אין נעגידישע הײַזער ארײַן און האָב אים עטלעכע מאָל געהערט לויבן פאר אן ערלעכן סטודענט. אפילע ר׳ דאָוויד, אָלאָוו־האשאָלעם, האָט זיך אמאָל ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט, אז ער וויל אים גאָר געמען פאר אן איידעם. איך האָב מיך דעמאָלט געריכט אסאך שאדכאָנעס צו פארדינען.

ר׳ גאוורי͏ָעל. נו, עס איז דאָך אָבער שוין פארפאלן. גלויבט מיר, אז די גאנצע מײַסע איז מיר אליין אויך נישט ניכע, און איך האָב, כ׳לעבן, כאראָטע, וואָס איך

---

1) דער אויבערהאר פון באָוול. דער נאציאָנאל־רעליגי͏ָעזער הויפּט בא יי͏ִדן אין אלטע צײַטן אין לאנד באָוול. 2) פּײַניקן. 3) א ווילד־אומגערעכטער מישפּעט, ווו אייגער קומט אָפּ פאר א צווייטנס שולד, לויט דעם נאָמען פון א שטעטל קוליקאָוו (בא לעמבערג), ווו אזוינס איז פאָרגעקומען. 4) א סודעלע; א טרונק. 5) מאשקע. 6) לאמטערן. 7) א ריידנסארט בא דעם שאוכן, כ׳ יויכענען.

האָב דער מעכוטענעסטע גאָר צוגעזאָגט מיך צו פּאָרען ארום דעם אייסעק, נאָר מיר זײַנען דאָך שוין אין דער ארבעט, מע קען דאָך עס שוין נישט בעסער מאכן, (ער טרינקט) לעכאַים, ר׳ יויכענען!

ר׳ יויכענען. לעכאַים אולעוראָכע! (ער טרינקט) קיין כײַעס נישט פון א גלעזל מעד!

פערטער ארײַנקום.

ר׳ יויכענען, ר׳ גאוורִיעל, רעדלעך, צוויי שאמאָסים (פירן אים).

רעדלעך. וואס וואָלט איר פאָן מיר? ווּהין פירט איר מיך?

ר׳ יויכענען. האָב נאָר גאָר קײַן מוירע נישט, אונדז וועל׳מיר דיר דאָ גאָרנישט טון. (צו די שאמאָסים) און עץ גייטס אײַך צוריק ארײַן; אז מע וועט אײַך דארפן, וועט מען אײַך שוין ארײַנרופן.

שאמאָסים. (גייען אוועק).

ר׳ גאוורִיעל. (צו רעדלעכן) זעצט אײַך אנידער. (צו ר׳ יויכענען) ווי געפעלט אײַך דער מעשאָרעס, דער שויטע! נאָר צוויי גלעזלעך האָט ער ארײַנגעבראַכט! (ער טרינקט אויס זײַן גלעזל מעד, גיסט ווידער אָן און גיט רעדלעכן) טרינקט א גוט גלעזל מעד!

רעדלעך. איך דאנקע אינען, איך טרינקע קיינע גײַסטיקע געטרענקע.

ר׳ גאוורִיעל. נישקאָשע, טרינקט, טרינקט, איר שטודירט דאָך דאָקטערײַ; עס מוז דאָך בא אײַך אין די ביכער אויך שטיין געשריבן, אז מעד איז זייער א געזונטע מאשקע?

ר׳ יויכענען. נו, וואָס נייט איר אים דאָ? קומט מײַן שמוע א פיר, פרעגטס נישט דעם רויפע, נאָר דעם כוילע: מיר צו מײַנע מערידן, ווייס איך, מאכט דער מעד זייער גוט; פונדעסטוועגן האָב איך פײַנט, אז מע נייט מיך, איך זאָל דאפקע טרינקען (ער טרינקט).

ר׳ יויכענען. צי דאכט זיך מיר, איך האָב דיך אמאָל געזעען אויבן בא ר׳ יִיצכאָק רויטפעלד?

רעדלעך. מעגליך.

ר׳ יויכענען. פלעגסטוּ דאָרט אָפט ארײַנצוקומען?

רעדלעך. ווען עס מיר די צײַט ערלויבטע.

ר׳ יויכענען. דו האָסט דאָרט עמעצן געמוזט געבן א שאָ?

רעדלעך. נײַן.

ר׳ יויכענען. וואָס דען ביסטו דאָרט געווען פאר א מעכוטן?

רעדלעך. ער איזט מיט מיר אויס איינער שטאדט אונד איזט צוגלײַך מײַן בעס־טער פרײַנד.

ר׳ יויכענען. דײַן פרײַנט? אָך איז מיר! ר׳ יִיצכאָק רויטפעלד — דײַן פרײַנט? ווי קומסטוּ צו אים? דו רעדסט דאָך עפּעס נארישקייט! ער איז א גרויסער אוישער און פון שיינע לײַט דערצו, כאָטש ער גייט דײַטש; מיילע, ווי קומסטוּ צו אים?

רעדלעך. ער פלעגט מיט מײַנעם זעליגן פאטער אין דער אינטימסטן פרײַנד־שאפט צו לעבן אונד איזט עס נון מיט מיר.

ר׳ יויכענען. דײַן טאטע האָט געהייסן זעליק?

רעדלעך. מײַן פאטער וואר ר׳ סאלאמאָן רעדליך אויס פראג.

ר׳ יויכענען. ר׳ זאלמען רעדלעך פון פראָג? — איך האָב אויך אמאָל פייסעך געהאלטן אין פראָג באַ איינעם ר׳ זאלמען רעדלעך, נאָר, קומט מײַן שמוע אפיר, איין רויטע קו איז פאראנען? מיסטאָמע האָבן דאָרט געמוזט זײַן צווי ר׳ זאלמען רעדלעכס; וואָרן דער, וואָס איך האָב באַ אים געגעסן פייסעך, איז געווען א גרויסער גוויר, א גרויסער אדיר, און צו דעם זייער א קאָשערער ייִד, כאָטש ער איז געגאנגען דײַטש. איך האָב מיר דאָרט באַ אים געהאט א קינצלעכן יאָנטעוו! די מאכאָלים! די מאשקאָעס! עס איז עפּעס געווען אין איטלעכן טויזנט טאמים, און אלץ אין זילבערנע קיילים! איך געדענק אזוי ווי הײַנט, מע האָט דעם אנדערן טאָג פייסעך אינדערפרי אופגעגעבן אפן טיש א צימעס, — דאָרט אין טיף־דײַטשלאנד רופן זיי עס אָן אף דײַטש „א צאָמאס“, — קען איך בענעמאָנעס שווערן, אז דער טאם ליגט מיר נאָך אין מויל. און ווער שמועסט נאָך דעם עסן, האָט דער מענטש אביסל אָנגעהויבן צו שיטן מיט טוירע, מעגט איר מיר גלויבן, קומט מײַן שמוע אפיר, מע קען דאָך נישט אלץ אזוי געדענקען, אָבער איך זאָג אײַך, איך בין גאָר ניוול־וועניש־טוימעם [1] געוואָרן, — עס איז עפּעס געווען מאָסעק־מידוואש! [2] (ער טרינקט).

ר׳ גאוורִיעל. (צו זיך אין דער שטיל) דער טאם פון דעם צאָמאס ליגט אים נאָך אין מויל, און די טוירע קען ער נישט געדענקען!

ר׳ יויכענען. און איסרע־כאג [3], צום געזעגענען, האָב איך נאָך געקריגן זייער א פײַנעם צײדע־לעדערעך [4]. איך זאָג אײַך, איך האָב פון דעם ר׳ זאלמען אזוי מעקאבל טײַנעג געווען [5], וואָס איך קען אײַך גאָרנישט דערציילן אזוי פיל. מיילע, אז דו ביסט יאָ א פרעגער, האָסטו דאָך אים געמוזט קענען? זײַן ווײַב האָט געהייסן לייע. זי מעג הייסן לייע, וואָרן אזוי א צנוע [6], אזוי אן אישע־קשיירע [7] איז גאָר באַ אונדז נישט בענימצע; האָסטו זיי געקענט?

רעדלעך. (ווישט זיך אויס די אויגן און וויינט). אָ, לײַדער זינד זי בײַדע ניכט מער [8]

ר׳ יויכענען. אזוי? זיי זענען גאָר ארויס פון פראָג? עס איז מיר אפילע א גרויס כידעש. — צו האָבן זעלכע נאכלאָעס [9] אין אזוי א גרויסער שטאָט ווי פראג איז, און זיך פלוצלינג גאָר פון העלער הויט אויסצוציִען? ווו וווינען זיי אצינד?

רעדלעך. (וויינט זייער שטארק און ווײַזט מיט דעם פינגער ארוף צום הימל). דאָרט, וואָ יעדער אונטערשיד אויפהערט; דאָרט, וואָ יעדער נאך וואהרען פארדינסטן בעלאָהנט ווירד; דאָרט, וואָהין, די וועלטליכן גיטער היר צוריקלאסענד [10], יעדער מענטש וואנדערן מוס.

ר׳ יויכענען. וואָס? ר׳ זאלמען איז געשטאָרבן? באָרוך־דײַען עמעס [11]! אָ ווא! אשאָד, א גרויסער שאָד, כ׳לעבן, א קאָשערער ייִד געווען! און לייע אויך? דאָס הייסט א צאָרע, ראכמאָנע־ליצלאָן [12]. (ער איז זיך אביסל מעיאשעוו) מיילע, זאָג־זשע מיר נאָר, איך בעט דיך, עס האָט עפּעס געמוזט איבערבלײַבן א באָכערל נאָך זיי?

---

1) שטארק איבעראשט. 2) זיסער פאר האָניק. 3) דער טאָג, וואָס נאָך יאָנטעוו. 4) שפּײַז אפן וועג, — געזעגן־מאטאָנע. 5) פארגעניגן געהאט. 6) א ריינע, זיטלעכע פרוי. 7) אן ערלעכע, פרומע פרוי. 8) נישט פאראן. 9) גיטער. 10) דאָס מאטעריִעלע גוטס דאָ לאָזנדיק. 11) געלויבט איז דער עמעסער ריכטער. (גאָט); — א פאָרמולע, וואָס איז אָנגענומען צו זאָגן בעייס מע דערמאנט א פארשטאָרבענעם. 12) גאָט זאָל אויסהיטן.

קומט מײַן שמוע אפיר, איך דערמאן מיך נאָך אזוי ווי היינט, איך האָב דאָרט געזען זייער א שיין ייִנגעלע באם טיש זיצן; ווו איז עס נעבעך אהינגעקומען?

רעדלעך. (ווישט זיך אויס די אויגן) אָ, דיזעס באָכערל האָט ניט נור אליין זיינע בראפע, ליבענסווירדיגע עלטערן, זאָנדערן אויך איר גאנצעס הינטערלאסענעס[1] פערמעגן דורך פארשידענע אונגליקספּילע פערלאָרן אונד שטייט יעצט אויף דען פונקט אויך זיינען גוטן רוף צו פארלירן[2].

ר' יויכענען. וואָס? דאָס פארמעגן האָט ער אינגאנצן אָנגעווירן? איך בין אוועק[3], אזוי אן אשירעס! אזוי א האָב, ווי אין דעם הויז האָט געשטעקט! אָ ווא! ווייסטו, איך פלאָץ שיר פאר אגמעס־נעפעש! (ער טרינקט) מיילע, זאָג מיר נאָר, זאָלסט מיר געזונט זיין, ווער איז ער דאָס דער גוטער ראָוו, וואָס דו זאָגסט עפּעס, אז דער קליינער וועט אים פארלירן?

רעדלעך. איך רעדע היר פאָן קיינען ראָוו, זאָנדערן פאָן דעם גוטן רוף, דאָס הייסט, פאָן דעם שעם־טאָוו[4], דען דער יונגע רעדלעך יעצט פערלירן זאָל.

ר' יויכענען. דעם שעם־טאָוו מיינסטו? דערצייל מיר נאָר, איך בעט דיך, ווי אזוי פארלירט מען דאָס א שעם־טאָוו? (ער טרינקט).

ר' גאוורִיעל. (טרינקט אויך) פונדעסטוועגן באדארפט איר נישט אזוי צו וויינען, מיין ליבער ר' רעדלעך, וואָרן מאלעס עס שטארבט אין שטאָט אן אוישער אָדער א שיינער ייִר, פונדעסטוועגן יאָמערט מען גאָרנישט אזוי שטארק.

רעדלעך. הערן זי ערשט, דאן ווערדן זי צו אורטיילן וויסן. דיזער ר' סאלאמאָן רעדליך זאמט זיינער פרוי לייע זינד, נאָכדעם צוויי יארע באשטענדיג קראנק ווארן, אין איינעם מאָנאטע געשטאָרבן. נאך ווערענד אירעס לעבנס ערבטען די בערימטעסטן ערצטע אונד אפּאָטעקער די איינע העלפטע אירעס פערמעגענס, זאָ ווי די אדפאָקאטן די אנדערע העלפטע נאך אירעם טאָדע, אונד איהר צוריקגעלאסענעס באָכערל ווורדע גענעטיגעט צו דער מילדטעטיקייט איינעס פרעמדן נאמענס ר' דאוויד גוטהערץ, דער איין אלטער בעקאנטער זיינער עלטערן וואר, זיינע צופלוכט צו נעמען. דיזער ר' דאוויד נאם זיך דיזעס קינדעס אן אונד פערטראט ביי דיזעם די פאטערשטעלע. אלס אבער דער קעלך דערליידן נאך ניכט צום איבערפליסן פאָל וואר, זאָ געפיל עס דער פאָרזעהונג, אין מיט דען טייערסטן זיינער יעצטיגן קאָסטבארקייטן צו ערפילן: נעמליך, דיזער ר' דאוויד גוטהערץ שטארב פלעצליך אויף זיינע רייזע נאך אמעריקא אונד זעצטע זיינע שוועסטער סערקעלע אלס אוניווערזאל־ערבין זיינעס גאנצן פערמעגנס איין. נון מוסטע דיזער איינציגע זאָן דעס ר' סאלאמאָן רעדליך זיין שטיקכען בראָט מיטלסט לעקציאָן געבן מיזאם פערדינען. איינע דיזע לעקציאָנען האטע ער בא געגאנטער סערקעלע צו געבן... (ער גיט זיך פלוצלינג א שטעל פאר ר' יויכענען) אונד שטייט יעצט פאָר איניען פאָן דיזער סערקעלע איינעס שענדליכן דיבשטאט באשולדיקט[5] (ער וויינט).

---

1) איבערגעלאָזט. 2) און ער האלט דערביי צו פארלירן זיין גוטן נאָמען אויך: 3) אן אויסרוף פון פאר־צווייפלונג, אזוי גוט, ווי: איך עק זיך, ס'איז נאָך מיר. 4) א גוטער נאָמען. 5) הערט פריִער אויס, וועט איר וויסן ווי צו באטראכטן (די זאך). דערדאָזיקער ר' סאָלאָמאָן רעדלעך און זיין פרוי לייע זיינען גע־שטאָרבן אין איין כוירעש, נאָכדעם ווי זיי זיינען צוויי יאָר נאָכאנאנד קראנק געווען. נאָך בא זייער לעבן האָבן די בארימטסטע דאָקטוירים און אפּטייקערס געיארשעט איין העלפט פון זייער פארמעגן; די אנדערע העלפט האָבן די אדוואָקאטן צוגענומען נאָך זייער טויט. דאָס באָכערל, וואָס איז געבליבן נאָך זיי, האָט געמוזט אָנקומען צו דער מילדקייט פון א פרעמדן, פון איינעם ר' דאָוויד גוט־

אלע. (בלײַבן זיצן א פּאָר מינוטן גאָר שטיל).

ר׳ גאװריִעל. מײלע, האָט דאָך עפּעס אפּאָנעם, אז איר אלײן זענט דאָס ר׳ זאלמענס זון?

ר׳ יױכענען. װאָס? דו ביסט דאָס ר׳ זאלמענס בעניאָכיד?

רעדלעך. לײַדער בין איך עס זעלבסט. (ער װײנט און פארהאלט זיך דאָס פּאָנעם מיט פאטשײלע).

אלע. (בלײַצן װידער זיצן א פּאָר מינוטן שטיל).

ר׳ גאװריִעל. (צו זיך אין דער שטיל). גאװריִעל! געדענק אָן דיר אלײן, לעמאנע־שעם מאך דיר א הארץ! (ער טרינקט) דער מעד איז זײער גוט, טרינקט, ר׳ יױ־כענען!

ר׳ יױכענען. (טרינקט, צו רעדלעכן) לעכאִים, ר׳ זאלמענס זון! (ער טרינקט אויס, גיסט װידער אָן און גיט רעדלעכן) טרינק, כ׳לעבן, א גלעזל מעד, ׳טרינק, טרינק, װעסט א האנאָע האָבן; דער מעד איז אביסל מעכאיע, טרינק, איך בעט דיך.

רעדלעך. איך דאנקע אינען, איך טרינקע װאוהאפטיג קײנע גײַסטיגע געט־רענקע.

ר׳ יױכענען. נו, קומט מײַן שמוע אפיר, עס איז טאָמיד זײער גוט, אז מע צעשמועסט זיך אביסל. זאָג־זשע מיר איצט אָבער, אדעראבע, אז דו ביסט יאָ ר׳ זאלמענס זון, אז איך האָב יאָ געקענט דײַן טאטן און דײַן מאמען,—פון װאנען קומט דאָס, אז דו זאָלסט אזױ א נישט שײנע זאך טון? מאָל דיר, דו האָסט דאָך אװאדע אמאָל געמוזט לערנען כומעש און װײסט דאָך, אז עס שטײט בא אונדז אין דער הײליקער טױרע אָנגעשריבן, לױ סיגנױװ?[1] קומט מײַן שמוע אפיר, דאָס איז דאָך עפּעס גאָר קײַן שטײגער נישט, און אז עס גײט שױן א מענטש יאָ אמאָל שלעכט, מוז ער שױן פאר דאס װערן א גאנעװ?

ר׳ גאװריִעל. אװאדע, איז עמעס, שיקט זיך דאָס גאָר פאר אזױ א יונגן מאן װי איר זענט?

רעדלעך. הערן זי, מײַן ליבער ר׳ גאװריִעל! איך זאָלטע אײַגנטליך, אינדעם עס מיר זעהר גוט בעװוסט איזט, דאס אלע מײַנע װאָרטע פרוכטלאָז בלײַבן װערדן, אירע פראגע אונבעאנטװאָרטעט לאסען, דען איך װײס זעהר גוט, דאס איר אױס פּאָראורטײל יעדן ייִדישן סטודענטן פיר אײנען מענשען האלטעט, דער יעדעס אונ־רעכט, יא, זאָגאר יעדעס לאסטער, גאנץ אָנע געװיסנסביסע אױסצואיבן פעהיג זײַ, אונד זאָלטע דארום שאָן מײַנע װאָרטע שפּארן; אללײן איזט יענע זעלבסטבעװוסטהײַט, דאס מאן פּאָר דעם אלמעכטיגן גאָט מיט רײנעם געװיסן ערשײַנען קענע, אױך הינרײכנד געגוג, דעם קורצזיכטיגען מענשן פאָן זײַנער אונשולד צו איבערצײַגען.

הערץ, װאָס ער איז געװען זײַנע עלטערנס אן אלטער באקאנטער. דערדאָזיקער ר׳ דאָװיד האָט זיך אָנגע־נומען פאר דעם קינד און האָט אים פארביטן דעם פאָטער. אָבער אז דער בעכער פון לײַדן איז נאָך נישט געװען פול צום איבערגיסן זיך, איז דאָס דער האשגאָכע (גאָט) געפעלן געװען אים צו דערפולן מיט אײגער פון זײַנע טײַערסטע איצטיקע קאָטטבארקײטן: בעמלעך,—ר׳ דאָװיד גוטהערץ איז פלוצים געשטאָרבן אף זײַן רײַזע קײַן אמעריקע און ער האָט געמאכט זײַן שװעסטער סערקעלע פאר דעם אײנציקן יורעש פון זײַן גאנץ פארמעגן. ר׳ סאָלאָמאָן רעדלעכס אײנציקער זון האָט דעריבער געמוזט מיט מי פארדינען זײַן שטיקל ברױט מיט געבן לעקציִעס. אײנע אזאַ לעקציִע האָט ער געהאט צו געבן בא דער דערמאנטער סערקעלע. און איצט שטײט ער פאר אײַך, אָנגעקלאָגט פון סערקעלען אין א שענדלעכער גנײװע.

1) זאָלסט נישט גאנװענען.

אונד איזט עס דען ניכט איינעס יעדן פּפליכט, זיך אויך פֿאַר דיזעם צו רעכטפֿערטיגן, אונד, ווי ווײַט מעגליך איזט, צו פערטײַדיגן? אלזאָ, מײַן ליבער ר׳ יויכענען, נור דיזע פּפליכט אליין איזט עס, וועלכע מיך דאצו נעטיגעט, היר אָדער אין דער הייליגן שולע בײַ אלעם, וואָס נור הײַליג איזט אין דער וועלט, אין געגנווארט דעס היזיגן ערענווערטן ראבינערס מיטלסט אבלעגונג איינעס פירכטערליכן שווורעס מײַנע אונשולד צו בעצײַגן [1].

ר׳ גאוורִיעל. א שוועע? באַ! — דאָס איז עפּעס פאר טערקעלען קיין גרויסער מוירע־מוירײַנע [2].

ר׳ יויכענען. (צו גאוורִיעלן). האָט מיר נישט פאריבל, פארוואָס? א שוועע איז טאקע א שוועע, נאָר, קומט מײַנע שמוע אפיר (צו רעדלעכן), ר׳ גאוורִיעל מיינט נאָר, איז דען סערקעלע אזוי א נאר, אז זי זאָל אײַך גלויבן אף א שוועע?

רעדלעך (כאפּט זיך אָן מיטביידע הענט באם קאָפּ) נון, ווען אויך מײַן ערשטער שוואור, דען איך אין מײַנעם לעבן אבצולייגן בעשלאָסען האבע, נון ווען אויך דיזער מיר זא אויסערסט שווערע שריט מיך ניכט צו רעטטען פערמאג — (ער הייבט אוף ביידע הענט קעגן דעם הימל) נון, זאָ רעטע דו, דו אלוויסענדער גאָט, דײַן אונשולדיגעס געשעפּף פֿאָן דיזער שענדליכן פערליימדונג! [3] (ער וויינט).

ר׳ גאוורִיעל. (צו זיך אין דער שטיל) איך קום דאָ אויך גענוג אָפּ כיבעט־האַקיוועער [4].

ר׳ יויכענען. פונדעסטוועגן באדארפסטו נישט אזוי צו וויינען, וואָרן, קומט מײַן שמוע אפיר, סערקעלע איז אויך נישט זייער אומגערעכט. באַ איטלעכן מענטש איז דאָס זײַניקע זייער טײַער; נאָר דאָס גלײַכסטע העט געווען, אז דו זאָלסט דיך פּאָרט מעיאשעוו זײַן און זאָגן דעם עמעס; וואָרן איך מוז דיר מעגאלע זײַן [5], אז סערקעלע וועט אוואדע נישט שווײַגן, און איך האָב זייער מוירע, אז דו וועסט פון איר נישט גוט אָפּשנײַדן.

ר׳ גאוורִיעל. און איך זאָג אײַך אויך, מײַן ליבער ר׳ רעדלעך, אז איך האָב אויך זייער מוירע דערפאר, וואָרן איר קענט נאָך גאָרנישט די סערקעלע, וואָס דאָס פאר א מענטש איז.

---

1) הערט, מײַן ליבער ר׳ גאוורִיעל! אזוי ווי איך ווייס זייער גוט, אז אלע מיינע רייד זײַנען ארויסגעוואָרפן, וואָלט איך אייגנטלעך באדארפט נישט ענטפערן אף אײַער פרעג, וואָרעם איך ווייס זייער גוט, אז, מאכמעס פאָרורטייל, האלט איר יעדן ייִדישן סטודענט פאר א מענטשן, וואָס איז פּעִיק אָפּצוטון יעדער אומרעכט, אפילו יעדע מִיעסע זאך, אָן כאראָטע; — וואָלט איך דעריבער באדארפט אייגנטלעך שפּאָרן מײַנע רייד. יעדער ווייסט אָבער, אז מע קען קומען פאר דעם אלמעכטיקן גאָט נאָר מיט א ריין געוויסן, און דאָס איז שוין גאנץ גענוג צו איבערצײַגן דעם קורצזיכטיקן מענטשן, אז מע איז אומשולדיק. און צי איז דאָס נישט קײַן כוויו פאר יעדן איינעם זיך צו רעכטפארטיקן פאר אזוינעם (פאר א קורצזיכטיקן) אויך און זיך צו פארטיידיקן, ווי ווײַט מעגלעך? בעקיין, מײַן ליבער ר׳ יויכענען, בלויז דידאָזיקע פליכט צווינגט מיך צו באווײַזן מײַן אומשולד דורך א שרעקלעכער שוועע דאָ אין דער הייליקער שול, פאר דעם היגן געאכטן ראָוו, באַ אלץ, וואָס איז נאָר הייליק אין דער וועלט. 2) „מוירע-מוירײַנע״ (לערער פון אונדזערע לערער) איז ביכלאַל א טיטל פון א ראָוו; דאָ אין דעם זינען: נישט שטארק איבערצײַגנדיק. 3) נו, אויב מײַן ערשטע שוועע, וואָס איך האָב באשלאָסן צו געבן אין מײַן לעבן, אויב דערדאָזיקער אויסערסט שווערער טריט פאר מיר, קאָן מיך ניט ראטעווען... איז ראטעווע דו, דו גאָט אלצווייסער, דײַן אומשולדיק באשעפעניש פון דערדאָזיקער שענדלעכער פאלשער באשולדיקונג. 4) די פײַן, וואָס א זינדיקער קומט אָפּ נאָך דעם טויט, לויט דער פאָרשטעלונג פון פרומע. 5) אופדעקן, דערציילן.

רעדלעך. (וויינט שוין נישט, נאָר שמועסט מיט קויען) גלויבן זי מיר, מײַן ליבער ר׳ גאווריעל, דאס איך דיזע סערקעלע זעהר גוט קענע אונד פיללייכט פיל בעסער אלס יעדער, דער זי קענט; יעדאָך פירכטע איך זי יעצט, טראָץ אירעס אויסערסט באָזהאפטן כאראקטערס, גאנץ אונד גאר ניכט, דען גאָט דער וועלטנריכטער ווײַסט, דאס מײַן געוויסן רײַן זײַ אונד ווירד, האָפענטליך, אויך דאס הערץ דעס קרימינאל־ריכטערס זאָ לײַטן, דאס זײַן אורטײַל מײַנער אונשולד ענטשפרעכן ווירד [1].

ר׳ גאווריעל. (צו ר׳ יויכענען). מיילע, וואָס טויג מיר דאָס, מאכט זשע שוין א סאָף, וואָרן ווי איך זע אײַן, וועלן מיר דאָ הײַנט מיט אים צו קיין עק נישט קומען. מיר האָבן דאָס אונדזעריקע געטון, און גענוג. מאכט אן עק.

ר׳ יויכענען. (גיסט אָן ביידע גלעזלעך און נייגט אויס די פלאַש) אן עק איז אן עק! קומט מײַן שמוע אפיר, אונדז האָ׳מיר געטון, וואָס עס איז נאָר אין אונדזער יעכוילעס [2] געוועזן, (ער טרינקט אויס) און אן עק.

ר׳ גאווריעל, (שרײַט) שאמאָסים! קומט ארײַן!

שאמאָסים. (קומען ארײַנצוגיין).

ר׳ יויכענען. (צו רעדלעכן) איצט גיי מיט זיי צוריק, פונוואנען דו ביסט געקומען. (צו די שאמאָסים) און הייסט טאקע אין איין וועגס סערקעלען ארײַנקומען.

שאמאָסים. גוט, גוט.

רעדלעך. גוטע נאכט, מײַנע הערן.

ר׳ גאווריעל. און ר׳ יויכענען. (ביידע מיט אמאָל) גוט נאכט, גוט יאָר.

רעדלעך. מיט די שאמאָסים (גייען אוועק).

פינפטער ארײַנקום.

ר׳ יויכענען, ר׳ גאווריעל.

ר׳ גאווריעל. (צו זיך אין דער שטיל) געלויבט צו גאָט, אז איך בין שוין דעם פארשווארצטן קלאָפּאָט פּאָטער געוואָרן.

ר׳ יויכענען. (נייגט אויס די פלאַש) פארוואָס האָט איר אָבער נאָך אזוי ווייניק מעד געהייסן ארײַנברענגען?

ר׳ גאווריעל. און אז איך זאָל שוין געוועזן הייסן, וואָלט מיך סערקע טייקעף געוועזן געפּאָלגט?

ר׳ יויכענען. ע, ווי קען מען רעדן, קומט מײַן שמוע אפיר, עס איז דאָך דאָ קיינער נישט איר מעשאָערס! זי העט אויך גאנץ גערן, מע זאָל איר ארבעטן אומזיסט, איך וועל איר אָבער נישט שענקען, נישקאָשע.

---

[1]) גלויבט מיר, מײַן ליבער ר׳ גאווריעל, אז איך קען זייער גוט סערקעלען, עפשער אסאך בעסער ווי יעדער אנדערער, וואָס קען זי. און דאָך האָב איך פאר איר איצט גאָר און גאָר קיין מוירע נישט, ניט געקוקט אף איר אויסערסט-בייזן כאראקטער; וואָרעם גאָט דער וועלטריכטער ווייסט, אז מײַן געוויסן איז ריין, און איך פארהאָף, אז ער (גאָט) וועט אויך אזוי פירן דעם קרימינאַל-ריכטערס הארץ, אז זײַן פסאק זאָל שטימען מיט מײַן אומשולד. [2]) מעגלעכקייט.

זעקסטער אריינקום.

ר׳ יויכענען, ר׳ גאוורױעל, סערקעלע.

סערקעלע. (קומט אריין צו לױפן) נו? האָט ער מוידע געווען?

ר׳ גאוורױעל. בא: עפּעס אזוי, עפּעס אזוי... מע קען נישט ארויס פון אים.

ר׳ יויכענען. וואָס זאָל איך אייך דאָ אסאך דערציילן און אָנבריִען? איך וועל אייך ליבער זאָגן בעקיצער און קיין שיִעס נישט מאכן. מיר האָבן אים דאָ גענוג געפּאָרשט, אהין און אהער, איינער אף דער זייט, און אײנער אף דער אנדערער זייט; קורץ, קומט מיין שמוע אפיר, מיר האָבן ביידע, איך ווי א גוטער פריינט, און ר׳ גאוורױעל ווי אייער כאָסן, אונדזערע רייד נישט געזשאלעוועט, מיט גוטן און מיט בייזן; וואָרן, קומט מיין שמוע אפיר, אז מע וויל עמעצן א טױווע טון, מוז מען דאָך פּרווון אף אלע זייטן. איך האָב באזונדער אין אים אריינגערעדט, און אייער כאָסן, זאָל לעבן, האָט זיך באזונדער זייער אסאך מי געגעבן אין דער זאך; מיר האָבן אים געשטראָפט און מוירעס געמאכט און דערנאָך ווידער געבעטן מיט גוטע ווערטער, וואָרן, קומט מיין שמוע...

סערקעלע. (איז זייער אומגעדולדיק, זי פּאלט אים אין די רייד אריין) קומט מיין שמוע אפיר אהין, קומט מיין שמוע אפיר אהער, און צום סאָף ווייס איך אלץ נישט, וואָס ער האָט געזאָגט. זאָגט מיר נאָר דאָס איינע וואָרט: האָט ער מוידע געווען, צי ניין?

ר׳ יויכענען. מוידע געווען, הייסט עס, האָט ער, פּראוודע [1]), נישט, נאָר ער זאָגט, אז ער וויל גיין אין שול אריין אין קיטל און טאלעס שווערן בא א רייניקייט, אז ער ווייסט נישט פון נישט צו זאָגן.

סערקעלע. (שמייכלט מיט קאס און מאכט כויזעק) פּשיטע?! זעט איר, דאָס איז גאָר קיין קאטאָוועס נישט! רעדלעך וויל גיין שווערן! אָ וואו! עס גייט זיך גאָר א מוירע אָן. (צו ר׳ גאוורױעל) איך פארשטיי אָסער נישט, וואָס שווייגט איר נאָך, ר׳ גאוורױעל? רעדט איר אייך אויך דאָס איין, אז איך בין דער נאר און גלויב אָן דעם הולטייס שווועס?

ר׳ גאוורױעל. איך האָב שוין דאָס דאָ פריִער געזאָגט צו ר׳ יויכענען.

סערקעלע. מיילע, וואָס קומט מיר דאָ דערפון ארויס, פון די רייד? איך האָב מיר אצינד שוין גאָר אנדערש מעיאשעוו געווען; איך וועל מיר שוין מיט אים אן אייצע געבן. נישקאָשע, סערקע איז נאָך נישט געשטאָרבן. ער האָט זיך גוט דערפרעגט. איך וועל נאָר אָבער נאָך איין פּרווו מאכן און הינדען אביסל אויספרעגן; עפּשער וועל איך בא איר עפּעס מער פּויעלן, ווי איר האָט בא אים געפּויעלט. וואָרן, ווי איך זע איין, איז מיט פרעמדע הענט נאָר גוט פייער צו שארן.

ר׳ גאוורױעל. איך בעט אייך, מעכוטענעסטע־לעב, וואָס זיינט איר אונדז כוישעד? מיר האָבן אוואדע גענוג געטון. אז ער האלט זיך אָבער בא איין וואָרט, — דאכט זיך מיר, העלפט שוין קיין טאליען אויך נישט.

ר׳ יויכענען. נו, אדעראבע, וועלן מיר זען וואָס איר קענט; וועלן מיר זען, אויב איר וועט בא הינדען עפּעס מער געוואָר־ווערן, און גלויבט מיר, אז איך ווינטש עס אייך בעטאם לעוו [2]), אז איר זאָלט מער פּויעל זיין ווי מיר, נאָר (ער ציט אוף די פּלייצעס) מיר דאכט זיך, אז אייער טירכע, נעבעך, איז גאָר אומזיסט.

---

1) עמעס. 2) מיטן גאנצן הארצן.

ר׳ גאווריָעל. אי, פאַרוואָס? איך האַלט מיט דער מעכוטענעסטע, אז פון הינדען קען זײַן; זי וועט זי נאָר אַביסל סטראַשען, וועט זי טײַקעף מוידע זײַן.

סערקעלע. און אז זי וועט אפילע נישט וועלן מוידע זײַן, איז דאָך נאָך דאָ עפּעס א קרימינאַל אף דער וועלט, אוי מײַנע קויכעס!

ר׳ יויכענען. עס מוז שוין שפּעט זײַן? (ער שטייט אוף) איך וועל שוין גיין אהיים; און אײַך, סערקעלע, בעט איך, איר זאָלט אײַך פאָרט נישט אזוי אײַלן מיט דעם קרימינאַל, וואָרן, קומט מײַן שמוע אפיר, עס איז פאָרט בעסער מיט גוטן, ווי מיט בייזן.

ר׳ גאווריָעל. דאָס איז ר׳ יויכענען זייער גערעכט, וואָרן אזוי א זאַך קען זיך אמאָל אוועקשלעפּן א צײַט, איידער מע קומט אמאָל איבער הונדערט יאָר צו א סאָף, און דערווײַל קאָסט געלט. אָט קומט דער מעכוטן, זאָל לעבן, אויך. כ׳לעבן! איבערלייגט אײַך דאָ נאָך אמאָל דעם גאַנצן אינטערעס מיט אים, איידער איר הייבט אָן אין גרויסע דראָכים ארײַנצוגיין.

סערקעלע. אָ, דאָ האָט איר אָנגעטראָפן דעם רעכטן באַל-אייצע [1]. אוי, מײַנע קויכעס! (זי ווינקט צו זיי, זיי זאָלן נישט דערציילן ר׳ מוישען).

זיבעטער ארײַנקום.

ר׳ מוישע, סערקעלע, ר׳ גאווריָעל, ר׳ יויכענען.

ר׳ מוישע. (קומט גאַנץ שטיל ארײַנצוגיין, פאַרטראַכט און אומעטיק, און קוקט זיך גאָרנישט אום צו קיינעם).

ר׳ יויכענען. גוטן אָוונט, ר׳ מוישע!

ר׳ מוישע. (קוקט זיך אום) גוטן אָוונט, גוט יאָר, ר׳ יויכענען! באָרוך-האַבאָ! וואָס פאַר א גאַסט זײַנט איר דאָ אזוי שפּעט?

ר׳ יויכענען. איך האָב געהערט פון אײַער גנייווע, בין איך אויך אהער גע־קומען געוואָר ווערן, וואָס עס טוט זיך, צי ווייסט איר שוין עפּעס, צי נישט. וואָס מיינט איר, מײַן ליבער ר׳ מוישע, ווער האָט דאָס געקאָנט טון?

ר׳ מוישע. איך מיין גאָר פּראָסטע: אזויווי זי האָט עס פון אלדע שוואַרצע יאָר גענומען, אזוי האָט זי עס ווידער צו אלדע שוואַרצע יאָר צוריקגעגעבן! אָט פרעגט זי, איך פלעג איר טאָמיד...

סערקעלע. (פאַלט אים אין די רייד ארײַן און לאָזט אים ניט אויסרעדן) וואָס שמועסט איר דאָ מיט אים? וואָס ער קען אלץ זאָגן! איך האָב עס פּלוצלינג גאָר אליין אוועקגעגעבן! איך זאָל נישט הײַנט גאַנץ פרי אליין מיט מײַנע אייגענע הענט ארײַנלייגן אין קעסטל דאָס שטערנטיכל מיט די צווייערליי פּערל און צושליסן מיט דעם שליסעלע און האָב נאָך דאָס שליסעלע צוויי מאָל איבערגעדרייט, דערנאָך דאָס קעסטל טיף אונטערן שטרוי בא מיר צוקאָפּנס אין בעט ארונטערגעשטופּט! איך ווייס ניט, עמעץ זאָל טאַקע האָבן צען קעפּ פון אויג-מעלעך-האַבאָשן, העט ער זיך אויך נישט געשטויסן, אז דאָרט שטייט גאָר א קעסטל, אוי ווי, מײַנע קויכעס! האָט זיך דען גאָר נאָך פאַרלאָפן אזוי א מײַסע? איז דען נאָך גאָר אין דער וועלט אזוי א שטראָף דערהערט געוואָרן, ווי אף מיר איז דאָ געקומען?

---
1) ראַטגעבער.

ר׳ מוישע. אי, איך האָב טאָמיד געוווסט, אז דער סאָף וועט אזוי זײַן; איך האָב דיר אייביק געזאָגט: „סערקע! אין דעם געלט וועסטו קײַן בראָכע נישט האָבן!״ אוי, פרעג נישט, סערקע, מיר האָבן זיך געקויפט מאפטיר! אוי, האלעווײַ אונדזער סאָף זאָל אמאָל גוט זײַן.

סערקעלע. (צו ר׳ יויכענען און צו ר׳ גאוורי׳עלן) וואָס טויגן מיר דאָ זײַנע מעשה־גענע רייד? וואָרן ער ווייסט נעבעך אליין, וואָס ער פּלוידערט? נו, מיילע, פאר הײַנט איז שוין אן עק, וואָרן עס איז שוין אַנדאָס שפעט. איר מעגט אײַך שוין גיין געזונטערהייט; נאָר מאָרגן, אימירצעשעם, בעט איך אײַך, איר זאָלט ביידע ווידער קומען צו גיין, וואָרן, איך ווייס פיל, טאָמער באדארף מען עפּעס? אוי, מײַנע קויכעס!

ר׳ גאוורי׳על. נו, נו, איך וועל אוואדע שוין מיט דעם באגין דאָ זײַן, וואָרן איך וועל אוואדע נישט קענען שלאָפן די נאכט.

ר׳ יויכענען. איך וועל אוואדע אויך קומען צו גיין, נאָר איך בעט אײַך נאָך אמאָל, סערקעלע: האָט אין זין, וואָס איך האָב אײַך דאָ פריִער געבעטן, וואָרן, קומט מײַן שמוע אפיר, טוט עס נישט אים, נאָר זײַן טאטן אין קייווער צוליב; איך האָב אים זייער גוט געקענט, ער איז געווען א קאָשערער ייִד.

סערקעלע. נו, נו, איך וועל אײַך שוין צוליב טון. גוט נאכט, גייט געזונטערהייט.

ר׳ יויכענען און ר׳ גאוורי׳על. (ביידע מיט אמאָל) גוט נאכט! גוט נאכט, ר׳ מוישע! (זיי גייען אוועק).

אכטער ארײַנקום.

ר׳ מוישע, סערקעלע.

סערקעלע. מוישע! מוישע! דו ווילסט מיר נאָך צום איבעריקן דעם טויט מאכן! זאָג מיר, וואָס ווילסטו? וואָס ווילסטו נאָך פון מיר האָבן? די פרעמדע מענטשן זײַנען אין שטוב, און דו רעדסט דיר זעלכע ווערטער? זאָג, זאָל איך דיר נישט עפשער שיקן נאָך דעם ראָוו, אז דו זאָלסט פאר אים מיסוואדע זײַן? אוי ווײ, מוישע, מוישע! ווו איז דײַן סייכל אַהינגעקומען? כ׳לעבן, עס איז מיר נאָר א גרויס כידעש, וואָס דו שטעלסט דיך ניט אנידער אף דער גאס פאר איטלעכן אויס־שרײַען אלץ, וואָס דו ווייסט! דער טאטע, אָלעוו־האשאָלעם, פלעגט זייער עמעס צו זאָגן, אז מיט א ייִד איז נאָר גוט אין שול ארײַן צו גיין. עס גייט אים גאָרנישט אָן, וואָס איך בין שוין אזש קראנק פאר צאָרעס, אוי ווײ, מײַנע קויכעס! (זי וויינט) וועל איך קענען די נאכט כאָטש אן אויג צוטון? עס גייט אים גאָרנישט אָן: האָט מען אים באגאנוועט,—נו, האָט מען אים באגאנוועט!

ר׳ מוישע. אוי ווײ, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, וואָס? נו, וואָס זאָל איך דיר טון? איך פרעג דיך, ווייס איך דען, ווער דער גאנעוו איז?

סערקעלע. וואָס טײַטש? עס האָט דאָס קיינער נישט געטון, נאָר דער גאנעוו, דער רעדלעך! און ווען עס זאָל דאָ קומען די גאנצע וועלט פון מינכע[1] און פון מארעוו צונאנד און זאָל מיך אָפּשפּארן, האָט עס פאָרט קיינער נישט געטון, נאָר ער, דער אכבראָש, דער גאנעוו!

1) פארגרײַזט בא סערקעלען, אָנשטאָט: „מיזרעך״.

ר׳ מוישע. אוי, איך ווייס שוין גאָרנישט, וואָס דו קענסט אַלץ אויסטראַכטן! פּלוצלינג קען דיר גאָר אײַנפּאַלן, אַז אַף דעם הימל איז אַ יאַריד! וואָס טײַטש? איז דען נאָך דאָ אַזוי אַן ערלעכער יונג, ווי רעדלעך איז? פּלוצלינג איז ער גאָר בּאַ דיר געוואָרן אַ גאַנעוו! זאָג מיר, וואָס ווילסטו נאָך פון אַנדערע די אוויירעס אַראָפּנעמען, האָסטו עפּשער ווייניק צו טראָגן אָן דײַנע? אוי, איך האָבּ געַנוג!

סערקעלע. אוי, מײַנע קויכעס! זע נאָר, וואָס פאַר אַ שלימעזאַלניק דו בּיסט; אַדעראַבּע, הער נאָר אַליין צו! ווי איך בּין הײַנט נאָכמיטאָג פונעם שלאָף אופגעשטאַנען, איז דאָ קיינער נישט געווען אין שטוב, נאָר דער גאַנעוו, דער רויצייעך, מיט דעם שלימאַזל, מיט הינדען, אומשטייענגעזאָגט. און זי איז דאָך אַליין מוידע, אַז ווי זי איז אַרײַנגעקומען אין שטובּ אַרײַן, האָט זי נאָר אים אַליין דערוויסט, וואָס ער האָט דאָ געטון,—וויל זי דאָך נאָך נישט אויסזאָגן דעם עמעס. און עפּשער וועט ער מיר דאָס אויך אָפּלייקענען? האָבּ איך דען נישט מיט מײַנע אייגענע אויערן געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו דעם פּיראָניעס[1], אַז ער איז שוין זייער גליקלעך, ער האָט פּערל און דימעטן געַנוג? פרעג אים, לאָז ער מיר זאָגן אין די אויגן אַרײַן, אויבּ עס איז ליגנט, דער גאַנעוו? ווו האָט ער דאָס גענומען, דער רויצייעך, דער דראַבּ? ווו האָט ער גענומען פּערל און דימעטן? וואָס? אַ מאַלעך האָט אים עפּשער פונעם הימל עפּעס אַראָפּגעוואָרפן? געזונט זאָל ער אַזוי אין זיך האָבּן!

ר׳ מוישע. און אַז דו וועסט מיר דאָ זאָגן בּיז מאָרגן, האָט ער עס פּאָרט נישט געטון. ער וועט נישט טון אַזוי אַ זאַך!

סערקעלע. נו גוט, מיילע, איך און דו האָ׳מיר עס נישט געטון; אַלטעניו אויך נישט; כאַים... האָט דאָך גאָר קײַן סייכל דערצו נישט. פאַר כאַיען, כאָטש זי איז דאָך גאָר אַן אויסוואורפלינג, וועל איך שווערן, אַז זי איז קיין גאַנעוו נישט, וואָרן זי גייט דאָך איבּער אַלעס טאָמיד אַליין, אַזוי לאַנג זי איז בּאַ מיר, און עס פעלט קיין מאָל נישט אַפילע אַף אַ האָר. פאַר ר׳ גאַוורִיעלן, ווייסטו דאָך אַליין, איז מע מעג אַפילע אומגעציילטע רענדלעך אַנידערלייגן; און ס׳אַנדערע, ער איז דאָך דעמאָלט גאָר געווען אַף דער פּאָטשט. און ווײַטער איז דאָך קײַן שום בּען־אָדאָם[2] דאָ נישט געווען. נו, זאָג־זשע איצט דו אַליין! איך ווייס נישט, מע זאָל טאַקע אַנידערזעצן צוויי פּיצעלעך קינדער, וועלן זיי אויך נישט קענען אַנדערש זאָגן, אַז נאָר אַ הייִמישער גאַנעוו האָט דאָס געטון, און דאָס נאָר רעדלעך, אוי וויי, מײַנע קויכעס! פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט בּין איך געוואָרן, אַז איך האָבּ דיך פאַר אַ מאַן, און אַז דו קענסט נאָך זאָגן: „ער וועט נישט טון אַזוי אַ זאַך”!

ר׳ מוישע, יאָ, יאָ, איך זאָג עס נאָך, ער וועט אַזוי אַן אוויירע נישט טון.

סערקעלע. אַוואַדע טוט ער גאָר קײַן אוויירעס נישט, דער הולטײַ! האָסטו אים ווען געזען קושן די מעזוזע? האָסטו אים ווען געהערט בּענטשן, קרישמע לייענען? דאַוונט ער? לייגט ער טפילן? קושט ער ציצעס, ווי עס קער צו זײַן? ווייסט ער ווי אַ שאַבּעס, אַ יאָנטעוו בּעקאָוועד צו האַלטן? זעסטו, ווײַבּלעך, מיידלעך, אַז ער דערזעט, דאָ לעבּט ער, דער דראַבּ! דאָ קוועלט ער, דער אויסגעלאַסענער מענטש. נאָר וואַרט נאָר, וואַרט, איך וועל אים שוין בּאַגראָבּן! לאָז מען אים נאָר אײַנפירן אין דער פּאָליציי אַרײַן, לאָז ער נאָר כאַפּן אַזוי אַ דרײַסיק שטעקנס, וועט ער שוין מוידע זײַן, דער רויצייעך.

---

[1]) אָנשיקעניש. [2]) קיין מענטש, קיינער.

ר׳ מוישע. נו, גיי שוין און טו דיר שוין, וואָס דו ווילסט; איך וואש מיר גאָר דערפון די הענט אָפּ; איך וויל דערפון גאָרנישט וויסן, איך האָב שוין גענוג! לאָמיך זען, אדעראבע, ווי דו וועסט וויַטער מיט דיַינע שפּעקולאַציַעס די וועלט אויספירן (ער וויל אוועקגיין).

סערקעלע. נו? ווו גייסטו, ווו? ר׳ שמועל וועט דאָך דאָ באַלד קומען. ווייסטו דען נישט, אז מע מוז מאָרגן גאַנץ פרי איַינרייַכן אין דער פּאָליציי אריַין? — איך האָב דאָך געשיקט נאָך אים.

ר׳ מוישע. שרייַב דיר און טו דיר, וואָס דו ווילסט; צו זעלכע מייַסים קענסטו דיר שוין אליין אַן אייצע געבן (ער הויל ווידער אוועקגיין).

סערקעלע. שיק מיר כאָטש אריַין הינדען.

ר׳ מוישע. (בלייַבט שטיין בא דער טיר און קוקט אָן סערקעלען מיט דעם גרעסטן קאַס) זאָג מיר, וואָס ווילסטו נאָך פון דער אָרעמער באַגאַזלטער יעסוימע, נעבעך, האָבן? איז זי דען שוין נישט אין דער ערד?

סערקעלע, וואָס האָסטו אזוי מוירע, איך וועל דאָך איר דאָ נישט א שטיק אָפּבייַסן? האָב קייַן מוירע נישט, איך וועל איר גאָרנישט טון; איך וויל נאָר האָבן, זי זאָל מיר דאָ עפּעס צונייען. וואָס ציטערסטו אזוי איבער איר?

ר׳ מוישע. הער נאָר, סערקע! איך וועל זי דיר דאָ אריַינשיקן, נאָר וועסטו איר כאָלילע עפּעס וועלן טון, אזויווי דייַן טעוועלע [1] איז, זאָלסטו וויסן, סערקע, אז איך בין דאָ אין דער אנדערער שטוב! (ער גייט אוועק דורך דער טיר. וואָס איז אין דער רעכטער זייַט.)

נייַנטער אריַינקום.

סערקעלע (אליין).

איך וועל מיט איר פריַער אביסל מיט גוטן שמועסן, טאָמער וועט זי מיט גוטן מוידע זייַן. וועט זי זיך אָבער האלטן בא איין וואָרט, ווינטש איך מיר, אָסער, נישט אין איר הויט צו שטעקן! האָט זי זיך יאָ פאַרליבט אָן דעם רעדלעכן, וועל איך זיי שוין זעןביידע כאַסענע צו מאכן אויך. נישקאָשע, ער וועט שוין כאַראָטע האָבן, וואָס ער האָט נישט געוואָלט קומען; איך וועל זיי שוין ביידע אויסרייַסן, ווי די הינט!

צענטער אריַינקום.

סערקעלע, הינדע.

הינדע. (הינדע בלייַבט שטיין בא דער טיר, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, און וויינט).

סערקעלע. קום נאָר אהער, הינדעלע, קום אהער נעענטער, נאָך נעענטער, האָב קייַן מוירע נישט, קום אהער נעענטער, נאָך נעענטער, אזוי; זעץ דיך דאָ, מייַן לעבן, נעבן מיר אנידער אף דער קאַנאַפּע.

הינדע. (גייט מיט מוירע אלעמאָל ביסלעכווייַז נעענטער און זעצט זיך).

סערקעלע. האָסט שוין געטרונקען דאָס ביסל קאווע, מייַן האַרץ? זעסטו, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צוקער אריַינצושיקן...

---

1) פאַרקלענער־פאָרמע פון טעווע („טבע״) — נאַטור.

הינדע. (װײנט הױך און קושט סערקעלען די האַנט).

סערקעלע. (לאַכט קלױמערשט) הע הע הע, נו גײ שױן, נאַר, װײן נישט! איך װײס אַלײן, אַז עס אַרט דיך זײער, װאָס איך האָב דאָ אַזױ אַ גרױסן שאָדן געהאַט; נאָר פונדעסטװעגן באַדאַרפסטו נישט אַזױ צו װײנען, דו קענסט דאָך מיר כאָלילע־װעכאַס קראַנק װערן, און װאָס איז דאָס עפּעס, אַסאַך ברידערן־טעכטער האָב איך דאָס? — אױ, מײַנע קױכעס! עס טוט מיר נאָר אײן זאַך באַנק, — די דימעטענע אױרינגלעך און די קלײנע פּערלעך מיט דעם פּאַרמאַארל, װאָס איך האָב מיר טאָ־מיד געכאַזערט, אַז װען דו װעסט אימירצעשעם אַ קאַלע װערן, װעל איך זײ דיר שענקען, — האָב איך אױך ערשט אײַערנעכטן אין דעם קעסטל אַרײַנגעלײגט, אױ װױ, מײַנע קױכעס! (זי קוקט הינדען שטאַרק אין פּאָנעם אַרײַן; זײ שװײַגן בײדע אַ פּאָר מי־נוט גאַנץ שטיל).

הינדע. מומעניו, איר האָט דאָך מיך עפּעס געהײסן אַרײַנקומען, איך זאָל עפּעס צונײען? װאָס זאָל איך צונײען?

סערקעלע. עס װעט גאָך, מײַן לעבן, צײַט זײַן מאָרגן אױך. הער נאָר צו, מײַן קינד! איך זאָג דיר דעם עמעס, איך האָב מיר שױן לאַנג אַ מאַסקאָנע געמאַכט [1], איך זאָל מיך מיט דיר, מײַן האַרץ, אַביסל צעשמועסן. דו װײסט דאָך, אַז כוץ דעם אַלעם, װאָס דו ביסט נעבעך אַזױ יונג פּאַריאַסעמט געװאָרן, האָסט קײן טאַטן און קײן מאַמע נישט (זי װישט זיך די אױגן) און העסט געקענט, כאָלילע־װעכאַס, צו װער װײסט װאָס נאָך קומען, װען איך זאָל דיך נישט געװען צו מיר אין מײַן הױז אַרײַנעמען, — אױ, מײַנע קױכעס! — איך מײן, כוץ דעם אַלעם, האָב איך דיך דאָך אַזױ ליב, טאַקע װי מײַן אײגן קינד, און מיר דאַכט זיך, אַז דו אַלײן קענסט נישט זאָגן, אַז דו האָסט װען באַ מיר אַ קשיװודע [2] געהאַט! — אי װאָס, איך בײזער מיך אַמאָל אַף דיר? דאָס, מײַן לעבן, װעסטו, דאַכט זיך מיר, אַלײן אײַנזען, אַז איך מײן אַלץ נאָר דיר לעטױװע, װאָרן דו ביסט דאָך גאָר קײן נאַר נישט און זעסט דאָך; פאַרװאָס אַרט מיר נישט, אַז איך זע אַ פרעמד קינד עפּעס אַ נאַרישקײט טון? פאַרװאָס? װײַל איך דערמאַן מיך, אַז אַזױװי אײנער רעדט: „רעבע! די קו איז אײַערע".

הינדע. (װײנט און קושט סערקעלען די האַנט).

סערקעלע. מײלע, זעסט דאָך אַלײן, אַז כאָטש איך װײַז נישט אַרױס, אָבער אינעװײניק אין האַרצן ביסטו מיר אײַנגעבאַקן, האָב איך דיך אַזױ ליב, װי מיך אַלײן. דו זאָלסט נאָר װעלן גוט און פרום זײַן, װי זײַן ליבער הײליקער נאָמען געבאָטן האָט, אױ, מײַנע קױכעס! װאָס פאַרלאַנג איך דען, מײַן לעבן, פון דיר, װאָס? איך פאַרלאַנג דאָך נישט פון דיר, אַז דו זאָלסט, כאָלילע־װעכאַס, איבערן דאַך אַרי־בערשפּרינגען; איך װיל נאָר האָבן, דו זאָלסט מיר דערצײלן איטלעכס פּיצעלע, װאָס דו װײסט נאָר פון אים, פון רעדלעכן, מײן איך. און גלױב מיר, זאָל מיך גאָט שטראָפן אַף מײַנע יונגע יאָר, אױב עס װעט דיר, אָדער אַפילע אים כאָטש אַ האָר געקרימט װערן; װאָרן װאָס איז דאָס עפּעס, — אַ נאַר בין איך? איך װײס נישט? און אַז מע מאַכט יאָ שױן אַמאָל אַ קלײן פּעלערל, מײנסטו, עס איז עפּעס כײַעס? אָסער! דער מענטש איז דאָך קײן מאַלעך נישט. נישקאָשע, מײַן לעבן, פאַר מיר האָט, אָסער, נישט אופזיך [3], מעגסט מיר אַלץ דערצײלן.

---

1) באַשלאָסן. 2) אַ קריװודע, אַ שלעכטע באַהאַנדלונג. 3) מאַכט נישט אױס.

הינדע. גילדענע מומעניו, בייזערט אײַך נאָר נישט, וועל איך אײַך שוין אלץ דערציילן! איך וויס, ווען איר וועט מיך נאָר אויסהערן, וועט איר מיר אוואדע מויכל זײַן. (זי קושט סערקעלען די האנט) איר זײַנט דאָך מײַן הארצעדיקן טאַטנס שוועסטער; איך וויס אליין, אז איך האָב זייער א גרויסע אוולע געטון, וואָס איך האָב אײַך ביז אהער נישט דערציילט.

סערקעלע. נו, נו, האָב קײַן מוירע נישט, דערצייל מיר נאָר אלץ, אָבער נאָר דעם עמעס. דעם עמעס, מײַן לעבן, האָט גאָט ליב; ווערסטו זען, מײַן קינד, אז ווערסט קײַן כאראָטע נישט האָבן; אוי, מײַנע קויכעס!

הינדע. עס וועט זײַן אין דעם א יאָר צוויי, ווען איר זײַנט געווען אין וואַרעמבאָד, געדענקט איר? געדענקט איר? — בין איך דעמאָלט, ווי איר וויסט, עפּעס שלאָף געוואָרן. איר זײַנט נישט געווען, און דער פעטער זאָל לעבן איז אויך גראָד געהאט ערגעץ אוועקגעפאָרן. דערווײַל איז מיר אין מײַן קרענק אלע מאָל ערגער געוואָרן, אזוי, אז איך האָב שוין גאָר קײַן קויעך נישט געהאט אפילע ארומצוגיין איבער דער שטוב. רעדלעך אָבער פלעגט, — איך בעט אײַך, מומעניו, בייזערט אײַך נאָר נישט...

סערקעלע. דערצייל נאָר, דערצייל ווײַטער. נו? איך וועל מיך, אָסער, נישט בייזערן. ביסט דאָך א נאר, אז איך שווער מיך! דו ווייסט דאָך, אז א שוועסטער איז בא מיר טײַער, דערצייל נאָר, דערצייל, — רעדלעך אָבער פלעגט...

הינדע. רעדלעך אָבער פלעגט טאָג און נאַכט בא מיר צו זיצן. ער האָט מיר שוין איינמאָל געהאט געזאָגט, אז איך זאָל מיר לאָזן רופן א דאָקטער. „איך", האָט ער געזאָגט, האָב זייער מוירע, הינדעלע, אז דו ביסט זייער קראנק". איך האָב מיך אָבער זייער געשעמט פאר אים צו זאָגן, אז איך האָב קיין געלט נישט צו באצאָלן דעם דאָקטער. ווי ער האָט אָבער געזען, אז עס ווערט מיר אלע טאָג ערגער, איז ער געגאנגען און האָט מיר געבראכט צו פירן א דאָקטער. איך בין דערנאָך געלעגן און האָב גאָרנישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. ערשט אז איך האָב אָנגעהויבן עפּעס צו מיר צו קומען, האָט מיר ערשט כאים דערציילט, ווי איך האָב אלץ גערעדט אויס דעם וועג, און אז איך ליג שוין צוועלף טאָג אין בעט, און אז איך בין שוין איינמאָל אזוי כאָרעוו געווען, אז רעדלעך האָט זייער געיאָמערט און האָט גערופן דרײַ דאָקטוירים, און אז איך האָב זייער אסאך אײַנעמעניש פון דער אפּטייק גענומען; קורץ,— עס איז גאָר קײַן קאטאָוועס נישט געווען, וואָס איך האָב אלץ געקאָסט. איך בין דערנאָך, געלויבט צו גאָט, געזונט געוואָרן און האָב ערשט דערנאָך געוואָר געוואָרן, אז דאָס איז אלץ געווען פאר רעדלעכס געלט. ער האָט פונמײַנעטוועגן גאנצע נעכט נישט געשלאָפן און אלע זײַנע קליידער און זאכן, אפילע דאָס זייגערל, פארקויפט. איך האָב עטלעכע מאָל געבעטן און האָב אים געזאָגט, אז איך וועל זען אים דאָס ביסלעכווײַז אָפּצוגעבן, וואָס איך האָב אים געקאָסט...

סערקעלע. (פאלט איר אין די רייד ארײַן) נו, וואָס איז? בא איטלעכן מענטש איז זײַן געזונט דאָס טײַערסטע; נו, וואָס איז, מײַן לעבן, האָסטו אים פאר דאָס אצינד געהייסן נעמען דאָס קעסטעלע מיט דעם צירונג, נישט וואָר, מײַן קינד!?

הינדע. (קוקט אָן סערקעלען) וואָס? זאָל גאָט היטן! איך האָב פארקויפט די אוירינגלעך, וואָס איך האָב געהאט פון דער מאמען אָלעהאָ־השאָלעם; ער האָט אָבער קײַן איינציקן קרײַצער נישט געוואָלט נעמען בא מיר. געזאָגט האָט ער אָבער, אז

פונמיינעטוועגן וואָלט ער זיין גאַנץ לעבן אויך אוועקגעגעבן, און איך באַליידיק אים זייער, אַז איך וויל אים אָפּגעבן, און פון דעמאָלט אָן... (זי בלייבט פּלוצלינג שטיל שטיין און שעמט זיך...)

ס ע ר ק ע ל ע. נו? וואָס פון דעמאָלט אָן?

ה י נ ד ע. און פון דעמאָלט אָן האָב איך ערשט אָנגעהויבן איינצוזען, ווי ליב ער האָט מיך (זי קוקט סערקעלען שטאַרק אָן).

ס ע ר ק ע ל ע. נו יאָ, דאָס איז שוין רעכט. וואָס האָט איר אָבער היינט נאָכמי־טאָג דאָ געטון, הע?

ה י נ ד ע. גילדענע מומעניו! איך וועל אייך זאָגן דעם רעכטן עמעס. ער איז דאָ געווען און מיר געזאָגט, אַז ער זשאַלעוועט מיך, וואָס איך ליַיד בא אייך זייער גרויסע צאָרעס, אַז איר פאַרגינט מיר ניט אפילע דאָס ביסל עסן. האָב איך אים געזאָגט, אַז עס איז גאָר ליגנט, אַז ער איז זיך גאָר טויע. אַדעראַבע, איר זיינט זייער גוט קעגן מיר. האָט ער מיך פאַר די רייד אָנגעהויבן זייער צו איבערבעטן און האָט מיר אַ... אַ קוש געגעבן. האָב איך אָבער מוירע געהאַט, עס זאָל נישט עמעץ גראָד אָנקומען, האָב איך אים זייער געבעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, האָט ער נישט געוואָלט, האָב איך אים ווידער געבעטן, און ווייס אליין נישט, ווי איך פאַל אויס... אים אויך אַ קוש צו געבן. (זי בלייבט שטיל שטיין און שעמט זיך).

ס ע ר ק ע ל ע. אַלץ עמעס. (שוין אביסל מיט קאַס) איך בין דיר שוין דאָס אויך מויכל; וואָס האָט ער אָבער געזאָגט, אַז ער האָט פּערל און דימענטן גענוג? האָט ער דען שוין דעמאָלט געהאַט גענומען דאָס קעסטל מיט צירונג, הע?

ה י נ ד ע. פּלוצלינג! ווי פאַלט איר אויס, ער וועט פּלוצלינג נעמען אייער קעסטל מיט צירונג? ער? ער ווייסט גאָרנישט פון דער גאַנצער מייסע; ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ווען איך האָב אים ליב, מעג שוין די גאַנצע וועלט האָבן פּערל און דימעטן, וויפל זיי ווילן; אַז ער האָט נאָר מיך, האָט ער שוין פּערל און דימעטן גענוג!

ס ע ר ק ע ל ע. און מיין קעסטל מיט צירונג ווו איז?

ה י נ ד ע. וואָס פרעגט איר מיך? ווייס איך?

ס ע ר ק ע ל ע. (גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל אויף מיט קאַס) וואָס? דו ווייסט נישט? דו ווייסט נישט, אַז רעדלעך האָט געגאַנוועט מיין צירונג? וועמען ווילסטו דאָס נאַרן, דו ליידאַטשקע? דו מיינסט, עפּשער וויל איך האָב ביז אהער מיט גוטן געשמועסט, מיינסטו, אַז דו וועסט מיך שוין גאָר אָפּנאַרן? איך וועל דיר אָבער ווייזן, אַז איך הייס סערקע! (זי שרייט אַלעמאָל העכער מיט דעם גרעסטן קאַס) וואַרט נאָר, איך וועל אים נאָר לאָזן קייטעלעך אָף די הענט און אָף די פיס אָנטון, ער וועט שוין זאָגן דעם עמעס! לאָז מען אים נאָר אַזוי אַריינוואַרפן אַ פּאָר הונדערט קאַנטשיקעס, אַז דאָס קאָכעדיקע דאַם 1) זאָל פון אים רינען ווי וואַסער, וועט ער שוין זאָגן, ווו מיין צירונג איז! שטיקווייז וועל איך לאָזן פון אים לעבעדיקערהייט רייסן; און דו, דו גאַנעווטע, מוזט שטיין דערביי און צוזען, צוהערן מוזטו, דו בעסטיע, ווי ער וועט קוויטשען און שרייען, אַז דאָס קאָל וועט גיין ביז אין הימל אַריין! פאַרפוילן וועל איך אים לאָזן אין קרימינאַל; און דו, אויסוואורפלינג, וועסט אַלע טאָג מוזן פון אים קופּעס־וויַיז די ווערים אַראָפּשאַרן! ניין, איך וועל נישט רוען, איך וועל נישט זשאַלעווען.

1) בלוט.

איך וועל נאָך לייגן דאָס לעבעדיקע אף דעם טויטן, איך וועל מיך צום איבעריקן בע־דאלעס שטעלן, און דאָס מײַניקע—מוז ער מיר אָפּגעבן!

ה י נ ד ע. (האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט זיך מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעם פארהאלטן; פּלוצלינג לויפט זי צו צו סערקעלען און פאלט פאר איר אנידער אף דער ערד) מומעניו! ניין, ניין, ניין, איך קען שוין לענגער נישט אויסהאלטן, ניין, מומעניו!

ס ע ר ק ע ל ע. (שרײַט זייער הויך מיט דעם גרעסטן קאס) נו, זאָג זשע מיר טייקעף, ווו איז מײַן צירונג? ווו האָט עס רעדלעך אהינגעטון? זאָג, ווו איז מײַן האָב? ווו איז מײַן פּראצע?

ה י נ ד ע. (שטייט אוף און ציטערט) ניין, ניין, רעדלעך איז נישט קײַן גאנעוו!

ס ע ר ק ע ל ע. (לויפט צו הינדען און הייבט אוף ביידע הענט און וויל זי שלאָגן. דערווײַל גיט זיך אן עפן די טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט, און ר׳ מוישע קומט ארײַן צו לויפן און גיט סערקעלען א וואָרף אנידער אף דער קאנאפּע און כאפּט הינדען בא דער האנט און לויפט מיט איר אוועק דורך דער טיר, וואָס ער איז געקומען. סערקעלע שרײַט גאנץ הויך, מיט א יעמערלעך קאָל: אוי וויי! אוי וויי, מײַנע קויכעס. דער פאָרהאנג לאָזט זיך אראָפּ).

די שמאטעס.

מיט א סכוירע זייער שטארק באפאקט
גייט זיך אמאָל אף דעם גרויסן טראקט
א וואָגן, מיט פיר פערד איינגעשפאנט,
און דער פורמאן, די בייטש אין דער האנט.

נאָר עך [1] סאָכרים, וואָס וועט דאָס לייגען,
עך זאָלט נישט טראכטן, זאָלט נישט מיינען,
דאָס איז עפּעס פאר אייך א סכוירע.
ניין, ניין, האָט נאָר נישט קיין מוירע,
עס איז קיין זיידנצייג, נישט קיין טוך,
עס איז קיין הענטשקעלעך, קיין שיך,
נישט קיין אטלאס, נישט קיין מארסעלין,
נישט קיין פּערקאליק, נישט קיין מושלין,
אויך קיין ראָזינקע, אויך קיין מאנדל,
נישט קיין קאווע, קיין צוקער־קאנדל,
אויך נישט קיין סויבל, נישט קיין בערן,
נישט קיין מעסערלעך, נישט קיין שערן.
„וואָס דען, — הער איך דאָרט איינעם פרעגן, —
פירט מען דאָס דאָרט אף אזוי א פור״?
שמאטעס פירט מען, פון שרייבערס וועגן,
שמאטעס, זיי זאָלן האָבן פּאפיר.

אזוי טרייבט אָן שטיל די בריקע מיט פערד
דער באלעגאָלע אף דעם גרויסן טראקט.
מע האָט קיין שום שאָרעך נישט געהערט,
אפילע די בייטש האָט נישט געקנאקט.

און מיט גרויס דערשרעק און בעהאָלע
הערט פלוצלינג אונדזער באלעגאָלע
פון דער בריקע א שרעקלעך געשריי.
די שמאטעס שרייען: אוי וויי! אוי וויי!
טשעקאווע צו הערן וואָרט פאר וואָרט,
וואָס די שמאטעס שרייען און קלאָגן.
פאָרט דער פורמאן ניט אוועק פון אָרט
און האָרכט, וואָס איטלעכע וועט זאָגן.

---

1) איר.

דאָס געפּילדער און געוויינערײַ
איז אָבער געוואָרן מיין און מיין,
אז דער פורמאן האָט פאר גרויס געשריי
קיין איינציק וואָרט נישט געקענט פארשטיין.
איצט גייט ער זיך אהין צו דער פור
און זאָגט: „זײַטס נאָר אביסעלע שטיל;
זאָגטס נאָר איטלעכער באזונדער מיר,
וואָס ער ליארעמט אזוי, וואָס ער וויל".

„וואָס זאָל'מיר נישט וויינען, נישט קלאָגן,
הייבט אָן אן אלטע שמאטע צו זאָגן:
הער צו און שטעל אוף מויל און אויערן.
איך קום ארויס פון א ווײַטן לאנד,
פון מאנטשעסטער בין איך געבוירן,
א גרויסע שטאָט אין טיף ענגלאנד;
פון דאָרט האָט מיך א סויכער גענומען
און איז מיט מיר אהער געשוווּמען,
און דאָ האָט מיך געקויפט אף א יאריד
א קאָשערער טײַערער, גוטער ייִד,
וואָס עס פלעגן פון לאנגע יאָרן
אסאך מענטשן צו אים צו פאָרן
מיט זייער באקאָשע און באגער
און אים צו דערלאנגען א קוויטל.
און איך בין דאָס געווען ביז אהער
דאָס ווערעכל [1] פון זײַן שטריימהיטל".

— וואָס גלײַבסטו דײַנע צו מײַנע לייד?!
פאלט א שמאטע ארײַן אין די רייד:
מײַנע לייד זײַנען מער פון אלע,
וואָס ליגן מיט מיר אין דער קופּע;
איך בין דאָך געווען בא א קאלע
א זײַדן קלייד אונטער דער כופּע;
מיך האָט מען באטאנצט און באזונגען,
מיך האָט מע באשפּילט און באקלונגען".

„ווי קענסטו דיך פארגלײַכן צו מיר! —
שרײַט פון הינטן א שמאטע אפיר:
דו מאכסט מיר אויך גאָר צופיל ווענן
און בארימסט דיך אויך עפּעס זייער;
ווייסטו דען ווער איך בין געווען?
איך בין געווען דער רעבעצנס שלייער".

---

1) דאָס אייבערשטע.

„אָ ווא! — שמייכלט זיך א שטיק ווערטל
מיט א צעריסענעם הויז באנאנד:
און אז מען איז יאָ שוין א גערטל [1],
איז מען אלץ נאָך נישט קיין עלעגאנט".

„פינצטער, — שרייט איינער, — איז מיר און שווארץ!
אוי וויי! א לאָך איז מיר אין מיין הארץ,
צעריסן איז נעבעך מיין געמיט!
איך בין דאָך יאָ פון איידל געבליט,
איך בין דאָך יאָ געווען עפּעס גוטס,
איך בין געווען א בּארוואנדער [2] שפּיץ;
מיך האָט מען דאָס מיט פּערל געצירט
און מיט גילדענע קייטן געשנירט;
איך האָב דאָך טאקע מיידלעך באשיינט,
איך האָב דאָך טאקע ווייבּלעך באכיינט".

„איך בין געווען, — שרייט ווידער איינע,
א קינצלעכע פירהאנג, א שיינע".
„איך — א ליילעך אף דעם כאָסנס בעט".
„איך — דער גאבּעטעס קאָפּנטיכל".
„איך בין געווען א טיי־סערוועט".
„און איך גאָר דעם מאגידס נאָזטיכל".

— „וואָס האָט עך איך דאָ אציגד דערמאנט? —
שרייט דאָרט א שמאטע נעבּן דער וואנט:
איערע רייד טויגן אף קאפּאָרעס,
דערציילטס בעסער איצטיקע צאָרעס.
איך בין קיינעם מעקאנע לעסאטע,
נאָר די פרומע הייליקע שמאטע.
זי איז זיך גאָר טאָמיד פריי פון דיר,
זי זעסטו קיינמאָל נישט אף דיין פור.
טייקעף בא איר ערשטן ארויספאָר
איז זי א כופּע עטלעכע יאָר,
דערנאָך, אז זי קומט פון די קויכעס,
ווערט גאָר אויס איר א שיין פּאָרויכעס.
דאָ גייט עס איר גאָר ווי צום בעסטן,
וואָרן מע באלייגט זי מיט טרעסטן [1],
איטלעכער ייִד באזונדער, איש־בּעיִש [2],
גייט צו און גיט דעם גאנצן גרויסן קוש.

---

1) א פיינער שטאָף. 2) בּראבאנטער; פון בראבאנט.
3) א גילדענע אָדער זילבערנע לייסט צו באזוימען. 2) יעדער איינער.

ווערט זי ווידער צעריסן אצינד,
לויפט מען און מאכט אויס איר גאנץ געשווינד
א מענטעלע צו סייפער־טוירעס,
און דערנאָך גאָר א שיין קאפוירעס;
און צום סאָף, איך מיין, שוין גאָר צולעצט,
אז זי ווערט צעריסן און פארפעצט,
מע מיינט, זי קען שוין גאָר נישט ניצן,
הייבט ערשט אָן א ייִד זיך צו פוצן,
לייגט א לאטע איבער א לאטע
און מאכט אויס דער הייליקער שמאטע
א קינצלעך שיין יאָמקיפער־היטל.
אצינד דינט זי גלײַך מיט דעם קיטל,
ביז מען לייגט מיט געוויין און געשריי
אין דער ערד ארײַן זיי אלע דרײַ.
צו וואָס זענ׳מיר אונדז אָבער געקומען?
אונדז מיטאמאָל צומאכן דעם עק,
פירסטו אונדז דאָרט ערגעץ אוועק
איבער בערגער און איבער טאָלן,
אונדז צו קאָכן, אונדז צו מאָלן,
אונדז צו האקן און אונדז צו רײַבן,
עס זאָל פון אונדז נישט בלײַבן,
און פרעגסט דיר נאָך אזוי מיט כיין:
„וואָס איז דאָס דאָ פאר א געוויין?״

„איך, — זאָגט דער פורמאן,— העט שוין גערן,
אז עך זאָלט שוין אמאָל אופהערן
צו שרײַען און וויינען דאָ און דאָרט;
לאָזטס מיך כאָטש אויך שוין ריידן א וואָרט!
איך האָב ביז אהער שטיל געשוויגן,
נאָר עך האָט אלע הויך געשריגן;
שווײַגט זשע עך איצט שוין אביסל שטיל,
לאָזט מיך אויך שוין זאָגן, וואָס איך וויל.
וואָס עך זײַנט געוועזן ביז אהער,
ווייסט עך דאָך אליין, זײַנט עך נישט מער,
וואָרן עך זײַנט דאָך זייער צעריסן,
צעשטיקלט, צעפיצלט, צעביסן,
געלעכערט, פארפוילט און צעקראָכן,
צעשיט, צעהאָגלט, און צעשטאָכן.
אדעראבע, זאָגטס, וואָס האָט עך דערפון,

1) גראָב פאפיר, פאק־פאפיר. (דער טראָפּ אף דעם טראָף „בע)״.

וואָס עך האָט אַלץ גאָר יִכעס אין זין?
וואָס טויג אײַך דער פײַנע־בעריע,
צו וועלכער זאַך איז ער אײַך ניצלעך?
וואָס טויג די זײַדענע מאַטעריע,
אַז זי איז צעפּליקט אַף פּיק־פּיצלעך?
גלויבטס מיר, האָט עך אין מײַנע אויגן
כאָטש נאָך צו עפּעס געקענט טויגן,
האָט עך נישט געדאַרפט צו זײַן בא מיר
און נישט צו ליגן דאָ אַף דער פּור.
איצט באַדאַרפט עך נאָר דאָס צו קלערן,
וואָס עס זאָל אַצינד אויס אײַך ווערן.
ענקער קלערן איז אָבער אומזיסט,
וואָרן ווער הייבט אויף שמאַטעס פון מיסט?
איבער דאָס פאַרלאָזטס אײַך נאָר אַף מיר,
זײַטס נאָר געדולדיק א קורצע־צײַט,
אין וועל אויס אײַך מאַכן שיין פּאַפּיר,
און אויס אײַך שמאַטעס וועט ווערן לײַט.
אויס דיר, צעריסן גראָב שטיקל זאַק,
וואָס ביסט פון אַלע שמאַטעס דער בראַק,
וועט זייער נישט זײַן גענוג פאַר דיר,
אַז דו וועסט ווערן ביבעלע־פּאַפּיר?[1]
אַלע קינצלעכע שיינע זאַכן,
וואָס א באַלמעלאָכע וועט נאָר מאַכן,

אַלץ, וואָס דער וועלט קען עפּעס ניצן
וועסט פאַרפּאַקן און באַשיצן.
אויס די גוטע שמאַטעס די ריינע,
אָבער נאָך נישט די גאַנץ שיינע,
וועלן ווערן גוטע פּאַפּירן
צו מאָלן און ליטאָגראַפירן,
און מע וועט זיך מיט זיי ניט שעמען
אופצוהענגען אין שיינע רעמען
בא אַלע גרעסטע לײַט אומעטום
אין די שטובן אַף די ווענט אַרום.
און ספאָרים וועט מען אַף זיי דרוקן,
וואָס ס'וועלן אין זיי אַרײַנקוקן
נאָך גאָר שפּעטער, אין א ווײַטער צײַט,
זייער געלערנטע און קלוגע לײַט.
דאָס דינסטע פּאַפּיר וועט זײַן גאָר רײַך,
מע וועט דאָס גאָר האַלטן מיט גאָלד גלײַך;
אויס איטלעכן קליינעם בלעטעלע

ווען ווערן א באנקאָ־צעטעלע,
עס וועט שטארק באליבט זײַן בא דער וועלט,
וואָרן עס וועט ווערן אליין געלט".

שטיל האָבן די שמאטעס געשוויגן,
קיינער האָט נישט גערעדט א שום וואָרט;
„ווי־יאָ!" האָט דער פורמאן געשריגן,
און אוועקגעפאָרן פון דעם אָרט.

———

צווישן מײַנע ברידער
הער איך א גערודער;
פון גרויס ביז קליין
א געשריי, א געוויין;
פון יונג ביז אלט
שרײַען אלע געוואלט:
לאָמיר וויינען, לאָמיר קלאָגן,
לאָמיר לויפן טילעם זאָגן,
לאָמיר אויסנעמען די ספאָרים,
לאָמיר גיין רײַסן קוואָרים!
וואָס באדארף מען שוין מער?!
מע נעמט שוין יידן צום מיליטער!

דאָרט רעכנט איינער זײַן ייִכעס אויס,
אז דער סמ"ע [1] קומט פון דער מישפאָכע ארויס.
דער דערציילט, אז דער באל־„עקדה" [2]
איז געוועזן זײַן שוויגערס א זיידע.
דעם האָט דער „איסור־והיתר" [3]
אָנגעקערט אן אלטער פעטער;
און יענעם דער „טוען־ונטען" [4],
א געשוועסטערקינדס מעכוטן.
אצינד וויל מען זיי אָנטאָן מונדירן
מיט רויטע און שווארצע קעלנער
און זיי גאָר לערנען מושטירן
גלײַך מיט אנדערע זעלנער!
איז זשע יאָ אזוי א צאָרן
נאָך גאָר דערהערט געוואָרן?

[1]) פארקירצט דער נאָמען פון א ראבאָנישן סייפער „ספר מאירת עינים". מיטן נאָמען פונעם סייפער באצייכנט מען אָפטמאָל דעם אווטער זײַנעם. [2]) דער מעכאבער פונעם ראבאָנישן סייפער „עקדת יצחק". [3]) א סייפער. [4]) א סייפער.

שאַטס, שאַטס, גילדענע ברידער!
לאָזטס מיך נאָר אביסעלע צו רו,
זייַטס נאָר נישט אזוי קידער־ווידער
און הערטס מיך נאָר אביסעלע צו;
זייַטס נאָר געדולדיק א פּאָר מינוטן!
מע וויל אייַך, אָסער, נישט טון קייַן שלעכטס;
מע גייט נאָר אויס אף ענקער [5] גוטן,
מע וויל אויס אייַך מאכן עפּעס רעכטס.
מעיוכאָסים זענט עך אלע מיטאנאנד,
א זעלנער זייַן איז בא אייַך א שאנד.
עמעס, עך זענט מעיוכאָסים פון אייביק אָן,
כאָטש עך האָט נישט וואָס אָנצוטאָן.
עך זענט בא אייַך זייער גרויס,
כאָטש עך גייט נאקעט און בלויז.
גיי דיר דאָס שטיקל טאלעס פארזעצן,
מע זאָל דיר דרויף כאָטש פיר גילדן לייַען,
גיי דיר אין דער בלאָטע די פיס פארנעצן,
גיי לויף אין די גאסן „האנדעלע״ שרייַען;
און קום שפּעט אין דער נאכט אהיים,
פאל מיד אנידער ווי א שטיק ליים;
האנדל און וואנדל דיך גאָר צו טויט
און עס וועטשערע א טרוקן שטיקל ברויט,
און דערנאָך גיי פרעג דאָרט וועמען,

אויב דו האָסט דיך מיט א זעלנער צו שעמען!
ווער, זאָגט מיר, צווישן אייַך,
איז דעם ערלעכן זעלנער גלייַך?
ער דארף נישט צו לייַען, צו באָרגן,
נישט צו טראכטן און נישט צו זאָרגן,
און גייט אָנגעטאָן גאָר ווי א לייַט,
און האָט זייַן עסן צו דער צייַט.
נעמט אייַך א רייַע פון אנדערע עמונעס,
קוקטס אָן די ייִדן אין אנדערע מעדינעס!
לוסטיק און פריילעך
דינען זיי דעם מיילעך,
מיט זייער גוף און זייער נעשאָמע,
צי איז שאָלעם, צי איז מילכאָמע.
האלט דו נאָר פון גרויס ביז קליין
אלע זאכן ריין און שיין,

5) אייַער.

פאָלג דו נאָר די אָפּיצירן
און לערן פלײַסיק דאָס מושטירן;
פיר דיך אוף אין ערלעכן שטרײַך,
און עס וועט דיר קיינער נישט זײַן גלײַך.
גאָר אָן ליארעם, אָן געשריי,
מיט דעם הארץ געטרײַ,
גאָר מיט סימכע און פרייד,
זײַ נאָר טאָמיד אָנגעגרייט
צו לויפן אפילע אין פײַער ארײַן
אויסצופירן דעם מיילעכס פלאן;
וואָרן די גוטע, וואָס גייען אין קרוינען,
ווייסן שוין איטלעכן ווי צו באלוינען.

ייִסראָעל אַקסנפעלד

(1866—1787)

ייִסראָעל אקסנפעלד איז געבוירן דאָס יאָר 1787 אין א פרומפאנאטישער ייִדישער פאמיליִע אין נעמיראָוו (פּאָדאָליער גוב). ער האָט געקריגן די טראדיציִאָנעלע ייִדישע דערציִונג אין כיידער און אין בעסמעדרעש. אין דער יוגנט איז ער געווען אַ פאר־ברענטער כאָסיד, איז „געפאָרן" צו נאכמען בראצלעווער און געווען כאווער מיט נאָסענען, נאכמענס גרעסטער מעקורעוו, שפּעטער דער ארויסגעבער פון נאכמענס ווערק. די עלטערן האָבן אים פרי כאסענע געמאכט, אָבער מיט דער פרוי האָט ער ניט געהאט קיין גוט לעבן און ער האָט זיך מיט איר צעשיידט, נאָך אין דער יוגנט האָט ער זיך אָנגעשמעקט מיט וועלטלעכע קענטעניש; שפּעטער האָט ער זיך אויס־געלערנט רוסיש, פּויליש, דײַטש. אין דעם פראנצויזיש־רוסישן קריג (1812) איז ער געווען צושטעלער בא דער רוסישער ארמיי. זײַנע געשעפטן האָבן אים געבראכט דעמאָלט קיין דײַטשלאנד; דאָרט האָט ער דערזעען פאר זיך „א נײַע וועלט" מיט „אופגעקלערטע" ייִדן.

די היספּײַלעס פאר דעם נײַעם ציוויליזירטן לעבן און דעם קאָנטראסט אקעגן דער אָרעמקייט און פינצטערניש אינעם קליינשטעטלדיקן ייִדישן לעבן אין רוסלאנד,— דאָס קריגן מיר צו הערן פון מיכל בעלפער, איינעם א העלד אקסנפעלדס אין דער דערציילונג „דאָס שטערנטיכל", וואָס האָט אין זיך א געוויסן אווטאָביִאָגראפישן מאטעריִאל. די עקאָנאָמישע פּאָזיציִע און דאָס באגעגעניש מיט דער גרויסער וועלט באשטימען שוין אקסנפעלדס ווײַטערדיק לעבן און דענקען. דאָס יאָר 1824 באזעצט ער זיך אין אָדעס, גיט אָפּ עקזאמען און ווערט נאָטארעס און אדוואָקאט. דאָרט האָט ער א צווייט מאָל כאסענע מיט א טאָכטער פון א בראָדער אופגעקלערטן ייִדן, אבעלע הורוויץ, און זײַן הויז ווערט א צענטער פאר אָדעסער מאסקילים און גע־בילדעטע. זײַנע דרײַ זין לאָזט ער שוין שטודירן אין פאריזש.

אין 1864 קלײַבט ער זיך גופע איבער מיט זײַן פרוי קיין פאריזש און פאר־ברענגט דאָרט די לעצטע פאָר יאָר ביז זײַן טויט (1866).

צווישן ייִדן אין ברעסלע, וואָס אקסנפעלד באשרײַבט זיי מיט אזא היספּײַלעס אין דעם „שטערנטיכל" (מיכל בעלפערס רייד), האָט ער געקאָנט זען ארן וואָלפסאָנס קאָמעדיִע „לײַכטזין אונד פרעממעלייא", געשריבן אף ייִדיש (ייִדיש פון דײַטשישע ייִדן יענע צײַט), געדרוקט אין ברעסלע דאָס יאָר 1796. האָט געקאָנט זען ווי מע נוצט סײַ די ייִדישע פאָלקסשפּראַך, סײַ די דראמאטישע פאָרמע פאר מאסקילישע פראָפּאגאנדע־צוועקן: אויסצולאכן דאָס מיִעסע, דאָס הינטערשטעליקע אין אלט־פרענקישן ייִדישן לעבן און הייבן דאָס נײַע, דעם רעפאָרמירטן ייִדישן שטייגער.

עפשער האָט ער געזען יִצחק־בער לעווינזאָנס „העפקער־וועלט“, וואָס איז שוין אין מאנוסקריפּט געווען באקאנט דעם מאסקילישן אוילעם אין די דרײַסיקער יאָרן. אביסל די פאראנענע מוסטערן, אָבער נאָך מער שרײַבער־טאלענט, דאָס אויסגע־צייכנטע קענען דאָס יִדישע לעבן, זײַן אייגענע שווערע יוגנט און די ווירקונג פון דער סוויווע בראָדער „אופגעקלערטע“ אין אָדעס, האָבן געקאָנט ארופּברענגען אקסנפעלדן אף דעם געדאנק זיך צו נעמען פאר דער פען און מוסערן יִדן דאפקע אף „פּראָסט יִדיש“, אינזינען געהאט די גרויסע יִדישע מאסע, נישט די ווילקע־נער (ווי י. ב. לעווענזאָן). אזוי ארום איז ער געוואָרן איינער פון די ערשטע צוויי יִדישע פאָלקס־שרײַבער (זע וועגן ד״ר עטינגער).

אקסנפעלד האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן בעערעך אין די 30־ער יאָרן: „דער ער־שטער יִדישער רעקרוט אין רוסלאנד“ האָט געמוזט געשריבן זײַן, ווי ס׳איז צו זען פונעם אינהאלט, גאָר אינגיכן ווי מ׳האט אײַנגעפירט רעקרוטשינע פאר יִדן (1827). ער האָט אָנגעשריבן פאר 30 יאָר ארום 300 דרוקבויגן. דאָס יאָר 1862 האָט ער איבערגעגעבן א. ב. גאָטלאָבערן א רייסטער פון זײַנע ווערק, אויסגערעכנט 26 נישט געדרוקטע דראמעס, קאָמעדיעס, דערציילונגען, ראָמאנען. פאר דעם לעבן האָט ער אָבער זייער ווייניק געדרוקט. שוין נישט צו רעדן דערפון, וואָס אף אזוינע שארף־אַנטיכסידישע זאכן וואָלט זיך יענע צײַטן קיין פארלעגער נישט געפונען, — ס׳איז נישט געווען אפילע די יִדישע דרוק, וואָס זאָל זיי דרוקן פאר געלט. אין רוסלאנד (כוץ פוילן) האָט די רעגירונג פארמאכט אין 1837 אלע יִדישע דרוקן; ביז 1862 האָט מען דערלויבט צו האלטן נישט מער ווי צוויי דרוקן: אין זשיטאָמיר (די געוויסע סלאַוווטער שאפּירעס) און אין ווילנע (די ראָמס). ביידע דרוקן זײַנען געווען קאָנצעסיאָנירט בא דער רעגירונג; בעכיין האָבן מיר דאָ א דרוק־מאָנאָפּאָליִע די זשיטאָמירער דרוק איז געווען א נעסט פון כסידישער פארלעגערײַ; דאָ האָט מען קיין העברעיִשן מוסער־סייפער, אפילע קיין אלטן כקירע־סייפער, אף דער שוועל נישט געלאָזט. די לערער פון דער זשיטאָמירער ראבינער־שול פלעגן מוזן דרוקן זייערע ווערק אין דער פרעמד (ווארשע, אויסלאנד). עטוואָס „ליבעראלער“ איז געווען די ראָמס דרוק אין ווילנע; דאָ האָט מען שוין געקאָנט דרוקן א האסקאָלע־סייפער (אשטייגער: י. ב. לעווינזאָנס ווערק), אָבער נישט אזוינע „טרייפענע“ זאכן ווי אקסנפעלדס אנטיכסידישע ווערק, דערצו נאָך אף יִדיש. ס׳האָט דערלאַנגט אזוי ווײַט, אז אקסנפעלד האָט זיך געמוזט ווענדן צום בילדונג־מיניסטער (אוואראָוו), ער זאָל ווירקן אף ראָמס דרוק, מע זאָל דרוקן זײַנע (אקסנפעלדס) ווערק. די ווילנער דרוקער האָבן מאָטיווירט: זיי קאָנען דאָס נישט דרוקן (ס׳האָט זיך גע־האנדלט קאָנקרעט פון „ספר חסידים“ אף יִדיש, א זאך, וואָס ס׳איז צו אונדז נישט דערגאנגען), ווײַל דאָס ווערק „אנטהאלט אין זיך בלויז זילזולים קעגן דער כסי־דישער סעקטע, מיט די שארפסטע באשולדיקונגען סײַ קעגן דער סעקטע־גופע, סײַ קעגן רעביִים, מיט אומאָנשטענדיקע, אויסגעלאסענע, לעצאָנישע דיבורים קעגן זייערע מינהאָגים... דאָס דרוקן דעם סייפער אין אונדזער דרוקערײַ (וואָלט) אונדז פארשאפט גרויסע העזייקעס, וואָרעם דורכדעם וועלן קעגן אונדז שטארק אופגע־בראכט ווערן די כסידים... און זיי וועלן אופהערן צו נעמען פון אונדזער דרוקערײַ יִדישע ספאָרים“. קעדיי רײַנצוואשן זיך אנטקעגן די כסידים האָבן די ווילנער דרוקער געוואָלט האָבן א דירעקטע פאראָרדענונג פון דער רעגירונג. דער בילדונג־

מיניסטער האָט אָבער אזוי ווײַט די מאסקילים נישט געוואָלט צו הילף קומען, שפּעטער (אין די 50 יאָרן, אין 1860) האָט אקסנפעלד זיך מישטאדל געווען צו באקומען א דערלויבעניש צו עפענען אין אָדעס אן אייגענע דרוק, אלץ מיט דעם צוועק צו דרוקן זײַנע ווערק; ער האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט פּויעלן [1].

אקסנפעלדן איז געבליבן איין ברירע: דרוקן זײַנע ווערק אף אייגענעם כעשבן אין אויסלאנד; אָבער בא אזא לאגע האָט ער קיין סאך נישט געקאָנט אופטאָן. ערשט אין 1861 (אָדער 1862), אין עלטער פון 75 יאָר, האָט ער אָפּגעדרוקט אין לײַפּציג צוויי זאכן: א טעאטער־שטיק — „דער ערשטער יידישער רעקרוט אין רוס־לאנד" און א דערציילונג „דאָס שטערנטיכל אָדער שאבעס־כאנעקע אין מעזיביז". אף מער האָט בא דעם טיפן זאָקן קיין ענערגיע און מיסטאמע קיין מיטלען נית געקלעקט. אין 1864 האָבן אקסנפעלדס פּארערער, ד"ר שוואבאכער, אָסיפ ראבי־נאָוויטש (דער געוועז. רעדאקטאָר פון „ראזסוועט"), לעווינזאָן און ד"ר פּינסקער, זיך געווענדט צו דער ניט־לאנג געגרינדעטער געזעלשאפט „מפיצי השכלה" אין פּע־טערבורג, זי זאָל אָפּקויפן פאר א סומע 400 רובל אלע אקסנפעלדס ווערק מיט דעם צוועק זיי ביסלעכווײַז אָפּצודרוקן, אָנגעוויזן די מײַלעס פון די ווערק, וואָס שטימען מיט דער טענדענץ פון דער געזעלשאפט ביכלאל. די „מפיצי השכלה" האָבן אָבער אָפּגעזאָגט מיט דעם אויסרייד, אז לויט דעם סטאטוט נאָך מעגן זיי ארויס־געבן בלויז אף רוסיש און העברעיש.

דאָסזעלבע יאָר האָט אקסנפעלד, ווי שוין דערמאָנט, איבערגעצויגן קיין פּאריזש, און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין 1866. זײַנע ווערק האָט ער אָפּגעזאָגט זײַן פרײַנט ל. מאריינוס אין אָדעס.

אין 1867 האָט מאריינוס צוזאמען מיטן אָדעסער יידישן דרוקער און פארלעגער מ. ביילינסאָן ארויסגעגעבן אקסנפעלדס א קאָמעדיע: „מאן און ווײַב, שוועסטער און ברודער". דאָס יאָר 1868 האָט יאָסעף לערנער ארויסגעלאָזט א קריטישע בראָשור, א לויב־געזאנג פאר אקסנפעלדס ווערק. דאָס האָט מיסטאמע אופגעמונטערט די גע־זעלשאפטלעכע איניציאטיוו. מיט דער איניציאטיוו פון דעם אָדעסער קולטור־טרעגער מוישע זשוויף האָבן א. פעלדמאן און ג. אײַנימער אין 1869 פירגענומען א גע־זעלשאפטלעכע אקציע: זאמלען אבאָנענטן אף ארויסצוגעבן אקסנפעלדס קסאָווים. אָנ־הייב 1870 האָבן זיי פארעפנטלעכט וועגן דעם אן אופרוף אין „קול מבשר"; דאָס־זעלבע יאָר האָבן זיי ארויסגעלאָזט צוויי דראמאטישע ווערק: „די גענארטע וועלט" און קבצן־עושר־שפּיל", און דערבײַ זײַנען זיי געבליבן שטיין. עפּשער האָט דאָ גע־האט צו זאָגן די צערודערונג און שפּעטער די אפּאטיע, וואָס דער פּאָגראָם אין אָדעס דאָס יאָר 1871 האָט ארײַנגעטראָגן אין די קרײַזן פון דער יידישער אינטעליגענץ. וואָס איז געוואָרן מיט די איבעריקע אקסנפעלדס מאנוסקריפּטן, צי זײַנען זיי נאָך געבליבן ערגעץ, — דאָס איז ביז הײַנט נית באוווסט, נישט געקוקט אף די באמיונגען פון אייניקע יידישע ליטעראטור־היסטאָריקער.

וועגן וואָס האָט אקסנפעלד געשריבן? ער האָט געשריבן וועגן דעם, וואָס איז זײַן צײַט געווען אָנגעווייטיקט אין לעבן פון דער יידישער מאסע בא דער יידישער

---

1) זע וועגן דעם ש. גינזבורג: „נײַעס וועגן יישראָעל אקסנפעלדר" אין די „פילאָלאָגישע שריפטן" פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ב. II, ווילנע, 1928, (ז. 43—54).

אינטעליגענץ אין די אויגן. קוידעמקאָל—וועגן כסידעס, וואָס פארפינצטערט דאָס יידישע לעבן, צאמט אָפּ די יידישע מאסע מיט אן אײַזערנער וואנט פון דער אױר־מיקער וועלט; וועגן „צאדיקים“ שווינדלער, און זייערע טעלערלעקער, וואָס עק־ספּלואטירן אפן שענדלעכסטן אויפן די גרויסע מאסע פאָלקסמענטשן מיט „ניסים“־מאכערײַ און אוילעמהאבע און לאָזן איר נישט קומען צו קיין וויסן, צו קיין אַר־בעט־לעבן. ווי וויכטיק ס׳האָט אקסנפעלדן אויסגעזען דער שטרײַט קעגן כסידעס און ווי אזוי דארף מען דעם שטרײַט פירן, — דאָס קומען מיר צו הערן פון אקסנפעלדן גופע, אין זײַן א ביט־בריוו צום בילדונג־מיניסטער אין 1841 בא דער פאָרעדער־מאָנטער געלעגנהײַט וועגן דרוקן זײַנע ווערק אין ראָמס דרוק. יידישע שרײַ־בער האָבן זיך שוין געמיט צו באפרײַען יידן פון דער שעדלעכער כסידישער ווירקונג, פון דער סעקטע, „וואָס באהאלט אונטער דער מאסקע פון פרומקייט הארבע מאָראלישע כעסרוינעס, פארדארבט די זיטן און שטערט דער בילדונג“. זיי האָבן אָבער גאָר נישט געקאָנט אויספירן, ווײַל זיי האָבן געשריבן אף העברעיִש, אף דײַטש, ד. ה. שפראכן, וואָס די יידישע מאסע פארשטייט זיי נישט. „עס איז, אלזאָ, נייטיק געווען אָנצווענדן אן אנדער מיטל: שרײַבן אף אזא שפראך, וואָס איז פאר־שטענדלעך דעם פאָשעטן יידישן אוילעם, ארויסגעפינען קאָמישע און צוגלײַך בא-לערנדיקע געשעענישן פונעם ווירקלעכן לעבן, צוציִען דעם לעזער מיט א מײַסע, אזוי אז אומעטום זאָל ארויסטרעטן דער עמעס, אָבער אין א פײַנער פאָרם פון א אינטערעסאנטער דערציילונג. אָט די שווערע ארבעט האָב איך גענומען אף זיך.

דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, איז „סייפער־כסידים“, א מין „דאָן קיכאָט“, ווו די סאטירע, דידאקטיק און דערציילונג וועגן די אזוי־גערופענע „גוטע־יידן“ זײַנען אזוי צונויפגעבונדן, אז דער אוילעם וועט זיך דאָרשטיק אָנכאפּן אָן דעם אינהאלט פונעם ווערק: אים וועט קלאָר ווערן זייער ווילדע צוויִעס, ער וועט מוזן דערפילן א פאראכטונג צו דער גאנצער כסידישער סעקטע, — און דערמיט ווערט דערגרייכט מײַן ציל.

אף דערזעלבער שפראך האָב איך אָנגעשריבן אויך עטלעכע דראַמעס און קאָמע־דיִעס. דאָ איז דער לעבנשטייגער פון די כסידים, פאָרגעשטעלט, אין סצע־נישע האנדלונגען, און, נישט קוקנדיק אף די גרויסע שוועריקייטן (דער פאָשעטער ייד האָט ניט אפילע דעם מינדסטן באגריף וועגן טעאטער, אקטן און סצענעס), האָב איך פונדעסטוועגן זויכע געווען, אז אלע אָדעסער געבילדעטע יידן האָבן געלויבט מײַנע ווערק“.

אקסנפעלד האָט געשריבן וועגן קאָהל, וואָס איז פאר איינס מיט די „גוטע יידן“, וועגן דער פארדאָרבענער יידישער דערציִונג, וועגן פאראזיטישע יידישע פארנאָסעס א. אז. וו.

די ארויסגעבער פון אקסנפעלדס ווערק אין 1870 שרײַבן וועגן דעם אזוי אין דעם ארײַנפיר צו דער „געגנארטער וועלט“ (אויך אין זייער אופרוף אין „קול מבשר“):

„אומעטום זעען מיר, ווי דער מעכאבער לאכט אויס די אלע נארישע אבערגלויבישע זאכן אָדער מינהאָגים, וואָס האָבן זיך מייעסוויִז צוגעקלעפּט מיט דער צײַט צום יידישן פאָלק. אומעטום זעען מיר, ווי ער גיט צו פאר שטיין אלע פעלער און שלעכטע מידעס, וואָס האָבן זיך בא יידן מיט דער צײַט אײַנגע־קאָרעניִעט“.

„מיר זעען אויך אין אַלע זײַנע שריפטן, ווי ער האָט זיך גענסטאַרעט די ייִדן צו דערמאָנען, זיי זאָלן זיך בעסער נעמען צו אַן ערלעכער אַרבעט און אוועקוואַרפן די פּאַרנאָסע פון אַ וואָכערער, אַ פאַקטאָר, אַ שענקער און דעסגלײַכן, וואָס דורכדעם איז דער ייִד מעוווזע אומעוווזע געוואָרן און איז געקרויגט מיט אַזוינע זיסע צונעמען בײַ זײַנע קריסטלעכע מיטבירגער“.

וועגן אַקסנפעלדס צוועקן און ליטעראַרישער מאַניר שרײַבן זיי נאָך:

„באַזונדערס פאַרדינט דער מעכאַבער געלויבט צו ווערן פאַר דער גוטער קאַוואָנע און פאַר דעם איידעלן צוועק, וואָס מיר זעען אַרויס אין אַלע זײַנע שריפטן. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געראַדעוועט צו באַשרײַבן אויסגעטראַכטע באַוועמײַסעס, כאָטש דאָס געפעלט אַפילע אַסאַך מענטשן: ער האָט... זיך גענסטאַרעט צו שרײַבן נאָר פון דעם נאַטירלעכן לעבן: אין זײַנע טעאַטער־שטיק זעען מיר מײַסעס, וואָס האָבן זיך בעעמעס פאַרלאָפן אָדער וואָס קענען זיך טרעפן בײַ ייִדן, און מענטשן, וואָס האָבןווירקלעך געלעבט אָדער וואָס געפינען זיך נאָך אַצינד אונטער ייִדן“.

דער פריִער־דערמאָנטער לערנער שרײַבט אין זײַן בראָשור „Критический разбор появившихся недавно на еврейско-немецком жаргоне сочинений И. Аксенфельда“ (אָדעס 1868).

„מערקווירדיקער פאַר אַלץ איז, וואָס אין זײַנע ווערק איז קלאָר דער ציל, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט... מיר זײַנען געווען פאַרכידעשט, מיט וואָס פאַר אַ קענטשאַפט ה' אַקסנפעלד האָט פאַרשטאַנען צו באַרירן קימאַט אַלע פראַגן, וואָס זײַנען נעגײַע דער פאַרבעסערונג פון דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד. גוט באַקאַנט מיט דעם באַדײַטנדן טייל פון אונדזערע גלויבנס־ברידער, וואָס איז פון קאַדמוינים אָן פאַרזונקען אין אומוויסנקייט, קענענדיק גוט די סיבעס, וואָס גיבן די יעניקע דעם פאַנאַטיזם אין פאָלק און דערלאָזן ניט קיין שטראַל בילדונג אין דעמדאָזיקן כוישעך, ווי אַשטייגער די צאַדיקים און כסידים, וואָס מערן זיך וואָס פון טאָג און לוי־דײַ וואָס זיי העצן דאָס פאָלק זיך פעסטער צו האַלטן פאַר די פאַרצײַטיקע זאַבאַבאָנעס, באַמיִען זיי זיך נאָך מיט קאָל האַמיטלען אָפּצונעמען בײַ זיי דעם מינדסטן זאַכלעכן באַגריף, — קענענדיק דאָס אַלץ איז ה' אַקסנפעלד מוטיק אַרויסגעטראָטן קעגן די סאָנים פון דער אויפקלערונג, און אין אַלע זײַנע ווערק באַקעמפט ער די־דאָזיקע אונטערדריקער פון פאָלק, וואָס זויגן זײַן בלוט און עקספּלואַטירן זײַנע פעיִקייטן און קויכעס. פונקט אַזוי האָט ער געקעמפט קעגן דער גלײַכגילטיקייט פון דאָס ראָווי ייִדן צו די שולן, וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן צו דערציִען די ייִדישע יוגנט, און באַמיט זיך צו ווײַזן, ווי ווײַט נייטיק עס איז אַ סיסטעמאַטישע דערציִונג, ברענגענדיק דערבײַ אין מאַנכע ווערק זײַנע בײַשפּילן אויס דעם לעבן פון די ייִדן אין אַנדערע מעדינעס פון מײַרעוו־אייראָפּע. האַקלאַל, ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין שטריך, קיין איין טאַדלדיקן מינעג, קיין איין שוואַכע זײַט, און דאָס אַלץ איז אים געלונגען אָפּצומאָלן ווונדערלעך ריכטיק, — אַזוי אַז אַפילע די, קעגן וועמען זײַנע ווערק זײַנען געווענדט, קענען ניט לייקענען די וואַרהאַפטיקייט פון זײַנע טיפּן“ [1].

---

1) ציטירט לויט ז. רייזענס „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“ (364—365).

וועגן קינסטלערישקייט און רעאַליטעטקייטן אין אַקסנפעלדס ווערק זאָגט דערזועלבער אוטאָר ווײַטער:

„ער באַזיצט דעם טאַלענט איבערצוגעבן אַלץ, וואָס ער באַמערקט, אין די ריכטיקסטע פאַרבן, אַזוי אַז זײַנע ווערק קענען אונדז געבן אַ געטרײַעם באַגריף, אין וואָס פאַר אַ לאַגע די רוסישע ייִדן האָבן זיך געפונען מיט פופציק יאָר צוריק" (אָנהייב 19 יאָרהונדערט, — נ. ש.).

דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן: אַקסנפעלד שטרעבט צו ווײַזן אין זײַנע ווערק דאָס קעגנבילד, דאָס פּאָזיטיווע אויך, די נײַע „אויפגעקלערטע" מענטשן, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אין דער פּרומפּאַנאַטישער סוויווע, האָבן אָבער דורך אַ גליקלעכער געלעגנהייט געקריגן אַביסל בילדונג און פירן אַ נײַ לעבן „צו גאָט און צו לײַט". בײַ אַנדערע האַסקאָלע־שרײַבער איז דאָס צומיינסטנס די אינטעליגענץ, בײַ אַקסנפעלדן איז דאָס די נײַ־אויפגעקומענע ייִדישע בורזשואַזיע, צושטעלער („פּאָדריאַטשיקעס", אַקסמאַן, מיכל בעלפער אין דעם „שטערנטיכל"), רײַכע סאָחרים (אַרן קליגער אין דעם „ערשטן ייִדישן רעקרוט"), וואָס האָבן שוין געזען אַ וועלט, וואָס מיט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן זײַנען זיי שוין פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און ווילן נאָכטון די אויפגעקלערטע דײַטשישע ייִדן: זײַן אַ ייִד בײַ זיך אינדערהיים, „אַ מענטש" — פאַר לײַטן. זיי האָבן זיך נאָך נישט גאָר אָפּגעריסן פון דער ייִדישער סוויווע, האַלטן שטאַט, נאָר אַזוי, אַז דאָס זאָל נישט שטערן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, זייער פּריוואַט־לעבן ביכלל. מע האַלט נאָך פון „ייִדישקייט" (מער עפּשער פון שטאַט וועגן, איידער מיטן האַרצן), אָבער מע האָט זיך שוין אָפּגעטרייסלט פון כסידעס, פון „פּאַנאַטישקייט" ביכלל, מע גיט די קינדער אַ מאָדערנע דערציִונג, מע קעמפט קעגן דעם אַלטפרענקישן ייִדישן שטייגער, מע וויל ווערן גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער אין לאַנד.

איך ברענג דאָ גרעסערע אויסצוגן פון אַקסנפעלדס „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט אין רוסלאַנד". אין דער ערשטער סצענע זעען מיר די קאָהאָלשע קנופּיע, נאַרישע, אומוויסנדיקע „פּאַרנעסים", קאָהאָלשע פאַרזאָרגער, וואָס פירן אַ שטאָט ייִדן בײַ דער נאָז. ס'איז נאָר־וואָס אָנגעקומען די „גזיירע" פון רעקרוטן־נעמען בײַ ייִדן. די „פּאָלקס־פירער" זײַנען אַזוינע באַטלאָנים, אַז די גאַנצע זאַך קומט זיי אומגעריכט; זיי ווייסן נישט, וואָס דאָס איז און ס'איז בײַ זיי רעכט, אַז אויב זיי וועלן זיך נישט צעשרײַבן, אַז זיי האָבן געקריגן דאָס פּאַפּיר, וואָס די סאָלדאַטן האָבן געבראַכט פאַר קאָהאָל פון דער שטאָט, זײַנען זיי פּאָטער פון רעקרוטן־געבן.

בלויז איינער, פּינכעס דער רויטער, וואָס האַלט די שטאָט־אַרענדע, שוין אַביסל פון „הײַנטיקער וועלט", פּרוּווט געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס רעקרוטן־געבן איז אַ „כעסעד... קעדיי ייִדן זאָלן האָבן גלײַכע רעכט און אַ כאַזאָקע אין דער מעדינע, ייִדן זאָלן ניט זײַן ווי גיירים אין דער מעדינע", אַז יעדנפאַל איז דאָס נישט געווענדט אָן דעם, צי קאָהאָל וועט כאַסמענען דאָס פּאַפּיר אָדער נישט. מע הערט אים אָבער ניט. אַ פינצטערע, אומבאַהאָלפענע, איבערגעשראָקענע, ביטער־עקספּלואַטירטע מאַסע קוקט דידאָזיקע „פירער" אין מויל אַרײַן, אָן אַ סימען פון פּראָטעסט, און שרײַט אין איין קאָל, מ'זאָל ניט כאַסמענען דאָס פּאַפּיר. לעסאָף לאָזן זיך די „פירער" נאָך אָן אייצע צו דעם רײַכן אָקסן־הענדלער, צום אויפגעקלערטן אַרן קליגער.

אין די דורכגעלאָזטע סצענעס קומט פאָר אזוי: ארן קליגער האלט, אז ס'איז קיין גזיירע נישט: „דער קייסער הייסט, אז ייִדן זאָלן אויך געבן רעקרוטן, וועט שוין א רעכט זײַן, אז ייִדן זאָלן אויך גלײַך מיט יענע (מיט קריסטן.—נ. ש.) אומעטום וווינען און אומעטום האנדלען". ער ראָט די פארלאָרענע קאָהאָלסלײַט כאסמענען דאָס פאפיר און זאָגט צו צוקלערן עפּעס אן אייצע וועגן קריגן א רעקרוט.

ער פאלט אף אזא אופטו: אין שטאָט דרייט זיך ארום א לעבעדיקער יונג, נאכמען דער גרוי'סער, וואָס האָט ניט פײַנט דעם טרונק, מאכט לידלעך און לאָזט זיך נישט שפאנען אין יאָך ייִדישקייט. מע קוקט אף אים, געוויינטלעך, ווי אף אן „אומלײַט". נאכמען איז פארליבט אין א „לײַטיש", באלעבאטיש מיידל פרומעלע (פינכעס דעם רויטנס טאָכטער), און האָט, פארשטייט זיך, נישט קיין שום האָפענונג, אז איר טאטע־מאמע זאָלן באשטיין אף דעם שידעך, אָדער אז ער זאָל קומען צו איר אף אן אנדער וועג. רעדט מען אײַן דעם פּאָשעטן, פארליבטן יונג דורך איינער כאנציע, קלאָמערשט א שאדכנטע, אז פרומעלע איז אין אים פארליבט, אז זי איז גערן צו ווערן זײַן קאלע, נאָר ביטנײַ, אז ער זאָל זיך אליין, פרײַוויליק, אײַנגעבן פאר א רעקרוט. פאר א סימען גיט אים כאנציע איבער א פינגערל, קלאָמערשט פון פרומעלען. נאכמען לאָזט זיך אײַנרעדן און מע נעמט אים צו, א קאָרבן פאר קאָהאָל.

אין דער לעצטער סצענע, וואָס איך ברענג זי גאנצערהייט, שפּילט זיך אָפּ א דראמע: פרומעלע מיינט דאָס אסאך ערנסטער מיט נאכמענען, ווי באלעבאטישע מויכעס האָבן זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, און שטארבט פון הארצווייטיק, ווען זי דער־הערט, ווי אזוי מע האָט אים אומגליקלעך געמאכט און ער איז אף אלצדינג בא־שטאנען פון אירעטוועגן. אף איר קוקנדיק, ווערט איר מוטער מעשוגע. אלע קוקן זיך ערשט ארום, ווי ווילד זיי האָבן געהאנדלט אין דער גאנצער מײַסע.

דער „ערשטער ייִדישער רעקרוט" האָט נישט אין זיך די כאראקטעריסטישע אנטיכסידישע מאָטיוון און די אופקלער־פּראָפּאגאנדע, ווי אַשטייגער „דאָס שטערנ־טיכל", דערפאר איז אָבער די דראמע זייער וויכטיק מיט איר בירגער־מאָטיוו, א זאך, וואָס טרעפט זיך אין אזא פאָרמע זעלטן אין די ייִדישע שריפטן יענע צײַט. אקסנפעלדס פאָזיטיווע „העלדן", פינכעס דער רויטער און ארן קליגער, ד. ה. די אופגעקומענע ייִדישע בורזשואזיע, פירן א פּראָפּאגאנדע פאר בירגערלעכקייט, ייִדן זאָלן שטרעבן צו דערווערבן זיך „רעכט אומעטום צו וווינען און צו האנדלען" (דער אָנהייב פון א שטרײַט פאַר בירגערלעכער עמאנסיפּאציע). אקסנפעלד פירט די־ דאָזיקע פּאָליטיש־דערציִערישע ארבעט אין א שווערער, קריטישער פּאָזיציע, אף דעם בײַשפּיל פון דער פארהאסטער, אומענטשלעכער „רעקרוטשינע" פון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן.

דער צווייטער וויכטיקער מאָטיוו אין דער דראמע, דאָס איז דער ראָמאנטיזם, — די פּערזענלעכע דראמע נאכמען — פרומעלע, — פּראָפּאגאנדע פאר די רעכט פון יוגנט־ליבע קעגן דעם ייִדישן טאכלעס און געשעפט־שידעך.

ליטעראטור: ז. רייזען: „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע", ווארשע 1923. דער־זעלבער: „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ב. I, ווילנע 1926.

י. אקסנפעלד

דער ערשטער
יידישער רעקרוט אין רוסלאנד
בשנת ה׳ תקפ״ז. דענצמאָל איז דער אוקאז אָנגעקומען
אָדער א מייַסע פון קלאמערשט כאָסן־קאלע

1־טע סצענע

גיביוואלער קאָהאָל זיצט בא דעם פארנעס־כוידעש [1] שלוימע פסאיאָכע אום שאבעס.

גאווריעל שעד. כאָטשע איך בין, מעשונע, גאָרניט קיין שאמעס ניט, האָב איך גערופן דעם רענדאר ר׳ פינכעס דעם רויטן, מעשונע, צו קאָהאָל. (ער קוקט זיך ארום און דערזעט ר׳ פינכעסן). האָט מיר, מעשונע, ניט קיין פאריבל, איך האָב ניט געזען, אז איר זענט געקומען, אָט שמועסט פון דער מאָני [2] וואָס איז, מעשונע, נעכטן אָנגעקומען. מעמאָנעפשעך, אז קאָהאָל זיצט, מוזן זיי זאָגן, וואָס מ׳האָט צו טון. מע־מאָנעפשעך, דארף מען שיקן נאָך א טרונק. אפילע בא א בארמינען [3] זיצט מען ניט אָן טרינקען. וואָס שווייַגט איר. פארנעס־כאָדאָשים, מעמאָנעפשעך.

פינכעס דער רויטער. וואָס וויל די שטאָט, אדעראבע, זאָגט, אז אזא ביטערע גזיירע [4] איז אף יידן אויסגעאנגען, מוז די שטאָט זען עפעס צו טון; דאָס איז קיין קאטאָוועס ניט.

שלוימע פסאיאָכע. קאָהאָל מיינט, אז מע זאָל זיך גאָרניט כאסמענען אף דער מאָני. קאָהאָל איז קאָהאָל, און א שטאָט איז א שטאָט. קיין גוטער־ייִד איז ניטאָ צו פרעגן. דער... זאָל לעבן האָט נאָך ניט אָנגענומען די גזיירע. נאָכוואָס זאָל זיך קאָהאָל כאסמענען?

פון דרויסן. (הערט מען א געשריי פון יידן און פון יידענעס) — לאָז דער אויסגעריסן ווערן, ווער עס האָט דערינען א כיילעק, דער, וואָס הייסט, קאָהאָל זאָל כאסמענען. ר׳ שלוימע איז גערעכט. בראָכע, וואָס שווייַגט איר, וואָס לאָזט איר באגראָבן, וואָס לאָזט איר אויסרייַסן די גאנצע שטאָט? בראָכע, לאָזט אייַער מאן ניט כאסמענען.

פינכעס. אז איר האָט מיך פונדעסטוועגן גערופן, מעג איך מיר אהיים גיין. דראבסטווע שעלטן און ווייסן ניט פארוואָס. נאָר איר זענט דאָך, מישטיינס געזאָגט, פארנעס־כוידעשער, זענט איר אזוי בלינד, אז איר מיינט, עס וועט זיך אינדערינען, אויב איר וועט אייַך כאסמענען, אָדער נישט.

---

[1]) א גאבע, א מיטגליד פון דער קאָהאָל-פארוואלטונג. [2]) דאָ געמיינט — דאָס פאפיר, וואָס איז אָנגעקומען וועגן רעקרוטן־געבן. [3]) א טויטן. [4]) פלאָג., א שלעכטע רעגירונגס-פאראָרדענונג.

ו ע ל ו ו ל ג י ל י ו ו א ט ע. לעמאָשל, ווי זאָגט מען עפּעס, קום אַרײַן, קום אַרויס. לעמאָשל, אַז מע זאָל נישט באַדאַרפֿן קאָהאָלס כּסימע, וואָלט מען דאָך ניט געהייסן כאַסמענען קאָהאָל. לעמאָשל, איך לייג קאָוועד אַף אײַך, ר׳ פּינכעס. ווי זאָגט מען עפּעס; אַ מענטש איז ווי אַ שטיקל קרײַד, אַז מע שרײַבט, שרײַבט עס אַרויף און אַראָפּ: לעמאָשל, גאַנץ קאָל־הקאָהאָל, זיצט, מע האָט אײַך ליב, לייגט מען קאָוועד אַף אײַך. לעמאָשל, ווי זאָגט מען עפּעס: עס פֿאַלט נישט אַ שפּאָן ביז ס׳איז ניט עפּעס דראָן. יעכּידים זײַנען אויך דאָ, וויל מען, לעמאָשל, אַן אייצע האַלטן. ווי זאָגט מען עפּעס: די יונגע קײַען, וואָס די אַלטע שפּײַען. און אַז די סאָלדאַטן זײַנען געקומען פֿונעם גאָראָד און האָבן געבראַכט דעם אוקאַז פֿון נעקרוטן [1], לעמאָשל, איז דאָך טאַקע, ווי מע זאָגט: שנײַך די נאָז און שמיר דאָס פּאָנעם. לעמאָשל, איר האַלט די שטאָט־אָרענדע (ער וויל ווײַטער מאָשלען, רײַסט זיך אַרויף צום טיש די באַלעבאָסטע).

ב ר אָ כ ע. איך הער דאָס גאָרניסט. איך וועל דיר באַגראָבן צען איילן אין דער ערד אַרײַן, אַז דו וועסט כאַשמענען די גזיירע אַף ייִדן, הערשטו, סלוימע, דײַן לעבן איז קיין לעבן ניט. וואָס, ייִדן זאָלן וויינען אַף דיר? איך האָב איין בעניאָכיד, זאָל איך אים אײַנשטעלן? כאַשמע ניט, הערשטו; וואָס, ייִדן זאָלן מיר פֿאַרסעלטן? איך וועל דיך אויסרײַסן, אַז דו וועסט נאָר אָנרירן אַ פּען.

ש ל ו י מ ע פּ ס א י אָ כ ע. שעלט ניט, פּלוך ניט, איך וועל מיך אוואַדע ניט כאַסמענען, בעשום אויפֿן וועל איך ניט כאַסמענען.

ב ר אָ כ ע. וואָס, דוווילשט דאַפֿקע כאַשמענען, וועל איך דיר די פּייעס אויסרײַסן, איך וועל דעך אויסנעקערן, אַז דײַן נאָמען וועט אויסגערישן ווערן, איך הער דאָס גאָרניט.

ש ל ו י מ ע. (זעט, אַז זי איז טאַקע טויב, דעריבער הערט זי ניט, זאָגט ער הויך צו איר) איך וועל מיך ניט כאַסמענען. (ער שאָקלט מיטן קאָפּ ניין) גיי שוין, אַרורע [2], איך כאַסמע ניט (זי גייט אַוועק.)

פּ ו נ ד ר ו י ס ן. בראָכע זאָל טאַקע ניט דערלאָזן. וואָס, אַ שטאָט צעקוילען? אַז סע געפֿעלט עמעצן ניט, לאָז ער ניט וווינען הי; די שטאָט וועט ניט בענקען. נישקאָשע; מע וועט לויפֿן צו ציפּרען אויך, זי זאָל ניט דערלאָזן.

ו ע ל ו ו ל ג י ל י ו ו א ט ע. (הענגט זיך אַרויס פֿונעם פֿענצטער און שרײַט אַרויס צום אוילעם) בראָכע, לעמאָשל, איז גערעכט. מיר וועלן פֿאַר אוואַדע ניט כאַסמענען; ניין! די סאָלדאַטן זײַנען דאָך נאָר צוויי, לעמאָשל; קאָהאָל קאָן מען ניט נייטן; אַז מע וויל ניט, וויל מען ניט, ווי זאָגט מען עפּעס, לעמאָשל: געפֿעלט דיר ניט, בעט דיר באַזונדער (ער קערט זיך אום אין שטוב אַרײַן צו די אַלע, וואָס שטייען און זיצן) די שטאָט איז אין גוטע הענט. לעמאָשל, ווי זאָגט מען עפּעס, איאָ, לעמאָשל: אַ יאָר איז אין אַ שטעקן ניט אַנגעבונדן.

פּ י נ כ ע ס. (שטעלט זיך אויף און זאָגט הויך צו אַלע) האָט מיר ניט קיין פֿאַריבל, ר׳ שלוימע און ר׳ וועלוול, און איר אַלע ייִדן, איר פֿאַרשטייט גאָרניט, וואָס איר שרײַט, איר ווייסט נעבעך ניט, אַז די ביטערע גזיירע איז ניט פֿון אײַך. אונדזער קייסער יר״ה [3] האַלט דאָס פֿאַר אַ כּבֿוד, און האָט געגעבן אַן אוקאַז, אַז ייִדישע קינדער זאָלן אויך זײַן סאָלדאַטן; אײַער האַסקאָמע דאַרף מען גאָרניט. וואָס די סאָלדאַטן

[1] רעקרוטן. [2] שלאַק. [3] געקירצט: „ירום הודו״, געהויכט זאָל ער ווערן.

הייסן, איר זאָלט אײַך כאַסמענען, איז נאָר, אז זיי האָבן אײַך אָפּגעגעבן דאָס פּאַ־פּיר. ווערט איר ניט כאַסמענען, בלײַבט אלץ די גזיירע א גזיירע (ער ווישט זיך מיט א פאַטשיילע אויס די טרערן פון די אויגן און רעדט מיט א ווייבענדיק קאָל) נאָך וואָס זאָלט איר זיך אליין פירזאָגן אזעלכע נאַרישקייטן? איך וועל אײַך באַווײַזן, אז איר זײַנט אין טאָעס: אָט וועל איך רופן די סאָלדאַטן פונעם גאָראָד און וועל זיי זאָגן, זיי זאָלן צוריק גיין אָן אײַער צעשרײַבן אין ביכל, וועלן זיי אוועקגיין. בעסער זאָל מען לייענען דאָס פּאַפּיר, וועט מען וויסן וואָס צו טון, די שטאָט זאָל ניט דאַרפן צו צאָלן שטראָף דעריבער, אז מע וועט ניט אָפּגעבן דעם נעקרוט צו דער צײַט.

אלע. גוט איז אײַך צו זאָגן; איר האָט א מיידל, וועט איר זען גיכער כאַסנע צו מאַכן אײַער פרומען. מיר וועלן די קליינע מיידלעך אַפילע אויך זאַרעס כאַסנע מאַכן, ווי אין דער רעדיקציִע [1]) איז געווען; אָבער מיט די ייִנגלעך, וואָס וועט זײַן? ווער וועט דאָס קאָנען צוזען, זײַן ייִנגל זאָל ווערן, כאָלילע, א נעקרוט? (אלע הייבן אָן צו וויינען. פונדרויסן וויינט מען אויך. א געיאָמער, א געוויין, א געכליפּערײַ) ר׳ פּינכעס! האָט גאָט אין האַרצן, איר זײַנט א גוטער, אײַער ווײַב איז א דימענט, איר גיט פיל צדאָקע, אלע האָבן אײַך ליב; פאַרוואָס זאָלט איר הייסן כאַסמענען? ניין, ניין, בעשום אויפן נישט, לאָמיר גאָרניט צונעמען דאָס פּאַפּיר אָדער די מאָני צוריק געבן די סאָלדאַטן.

פּינכעס. מײַר האָב איך קיין קויעך ניט; אז איר ווילט אָנאַרבעטן א צאָרע, און הערט וואָס דער ראָוו, דער... (ער האַלט זיך אײַן) זאָגט אײַך פיר. לאָזט מיך אוועקגיין, מיר רײַסט מײַן ייִדיש האַרץ, אז איך זע, ייִדן זײַנען נאָך אזוי אײַנגעשפּאַרט און ווילן מיך ניט הערן, אז איך גיב אײַך צו פאַרשטיין מיט סייכל.

שלוימע פּסאַיאָכע. נו, וועלוול, שיק גאַוורִיעלן, ער זאָל רופן אהער די צוויי סאָלדאַטן, וועלן מיר אינעמעסן זען, אויב סע איז אזוי, ווי ר׳ פּינכעס זאָגט. ווי זאָגט איר, ייִדן, פּרוּוון מעג מען, א, וואָס זאָגט איר, ראַבויסים? ר׳ וועלוול, זאָגט אַרויס דעם אוילעם, וואָס שטייט אין דרויסן, אז מע שיקט רופן די סאָלדאַטן אף א פּרוּוו; זיי, דער אוילעם, זאָלן זיך ניט דערשרעקן, ר׳ וועלוול!

וועלוול גיליוואַטע. (בייגט זיך אַרויס און שרײַט הויך) לעמאָשל, ר׳ שלוימע און אלע זאָגן, מע זאָל שיקן רופן די סאָלדאַטן; לעמאָשל, ווי זאָגט מען עפּעס: פאַר א כופּע מוז מען זיך קריגן, לעמאָשל.

פונדרויסן. — נאָר ניט כאַסמענען, נאָר ניט כאַסמענען. מיר האָבן שוין אוועקגעשיקט צו ציפּרעלען אויך, זי זאָל ניט לאָזן דעם מאַן ר׳ פּינכעסן כאַסמענען! נאָר נישט כאַסמענען, ניין, ניין! און צוריק געבן דאָס פּאַפּיר די סאָלדאַטן טאַקע.

גאַווריִעל שעד. עפּעס הינטישע פּיס האָב איך, מעשונע, קיין שאַמעס בין איך נישט, צו באַנעצן דעם פּיסק גיט מען נישט, נאָר איך גיי פאָרט, מעשונע, און וועל ברענגען אהער די סאָלדאַטן; זיי זײַנען בא ליפּשע דער מויד. ווער ווייסט,

[1]) אין אן אנדער אָרט דערקלערט דאָס אקסנפעלד אזוי: „וואָס זיי זאָגן, דאָס וואָרט „רעדיקציִע", — איז אויך אזא מײַסע: נאָך פאַר פּוילן האָט דער פּוילישער סענאַט געוואָלט מאַכן פאַר ייִדן די אייגענע גזיירע, אז דאָס מיידל 18 און דאָס ייִנגל 20 יאָר זאָל מעגן כאַסנע האָבן (דאָס הייסט: מע זאָל נישט טאָרן כאַסנע האָבן פריִער פאַר דידאָזיקע יאָרן. נ. ש.). האָבן די נאַראָנים אָנגענומען די טאַקאָנע פאַר א ביטערער גזיירע און מע האָט געשווינד, קליינע פּיצעלעך קינדער פון 8 יאָר כאַסנע געמאַכט".

וויפל זיי האָבן אף קאָהאָל אָנגעטרונקען. איך וועל אויך אף קאָהאָלס כעשבן, מעשונע, א גרויסן טרונק בראנפן טון טאקע. טאקע מעשונע א גרויסן. מעמאָנעפשעך, אז די סאָלדאטן טרינקען בא איר, מעמאָנעפשעך, מעג איך אויך, מעשונע, א טרונק בראנפן טון (ער גייט אוועק. דאָ בלייבט שטיל; אלע זײַנען ווי פארטויבט אף עטלעכע מינוט).

וועלוול גיליוואטע. לעמאָשל, איר, ר' פינכעס, האָט פריִער געזאָגט, אז מיר וועלן אָנארבעטן א באָרע, לעמאָשל, וואָס מיינט איר דערמיט? ווי זאָגט מען עפּעס: פון א קאָלטענע טוט דער קאָפּ ניט ווײ. לעמאָשל, וואָס קאָן דאָ זײַן פאר א צאָרע, לעמאָשל? ווי זאָגט מען עפּעס: פון א כאזער־שווענצל קאָן מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן. לעמאָשל, איך בין אן איבערגעשראָקענער, ר' שלוימע ווייסט. נו, לעמאָשל, אז איר זאָגט, אז עס קאָן, לעמאָשל, ארויסקומען א צאָרע. ווי זאָגט מען עפּעס: א שטעקן האָט צוויי עקן, לעמאָשל, נאָר, ר' פינכעס, כלעבן, זאָגט, וואָס האָט איר, לעמאָשל, געמיינט דערמיט?

פינכעס. (הייבט זיך אוף און רעדט הויך, אז די פונדרויסן זאָלן אויך הערן). הערט, ראַבויסים, איך בין פון א קליין שטעטל, פון טעטיִעוו, נאָר אז מײַן טאטע האָט געלעבט און איך בין ייִנגער געווען, האָב איך די גאנצע יאָרן אין באַרדיטשעוו מיך געריבן צווישן די גרעסטע לײַט און האָב מיך אויסגעלערנט רוסיש און ייִדיש שרײַבן און לייענען. איך האָב מיך געגנוג אָנגעהערט צווישן די בראָדער און צווישן אנדערע מענטשן, וואָס זײַנען געניט און וואָס זײַנען געווען אף דער וועלט, אין אנדערע מעדינעס, אכוץ אין פּייטערבאַרג און אין מאָסקווע. מיר ייִדלעך אין קליינע שטעטלעך קענען נעבעך גאָרנישט און ווייסן גאָרנישט; דעריבער מעג איך אײַך זאָגן, אז איר פארשטייט דאָ ניט, וואָס דאָ איז. מיר מיינען, דאָס איז א גזיירע. אנדערע גרעסטע לײַט זאָגן, אז דער קייסער האָט ייִדן דערמיט א כעסעד געטון, קעדיי ייִדן זאָלן דערמיט האָבן גלײַך רעכט און א כאזאָקע [1] אין דער מעדינע, ייִדן זאָלן ניט זײַן ווי גיירים [2] אין דער מעדינע. מיר ווייסן לעסאטע נאָך ניט, וואָס דערפון וועט ווערן; נאָר סײַ־ווי־סײַ טאָרן מיר ניט זײַן א קעגן ראָצן האקייסער יר"ה [3]. אונדזער דין־טוירע [4] זאָגט אונדז, אז דינע דערמאלכוסע דינע [5]. אף פּראָסט ייִדיש הייסט דאָס, וואָס דער קייסער יר"ה הייסט, מוז מען אקוראט אזוי פאָלגן ווי אנדערע מיצוועס, וואָס שטייען אין דער טוירע. נאָר פארשטייט איר מיך, אז עמעצער וויל ניט פאָלגן עפּעס א מיצווע, אָדער ער טוט אן אוויירע אקעגן דער טוירע, וועט אים השעם־ייִסבאָרעך [6] שטראָפן. ווער עס פאָלגט אָבער ניט, וואָס דער קייסער הייסט, אכוץ, וואָס גאָט וועט אים שטראָפן, וועט ער געשטראָפט ווערן טייקעף טאקע. כאסוועכאָלילע [7], אז איר וועט מיט אײַער אקשאָנעס ניט וועלן געבן קיין רעקרוטן, וועט איר מיט גוואלד געבן, און קאָהאָל וועט מוזן שטראָף צאָלן, אכוץ וואָס מע וועט זיי עפּשער אוועקשיקן קיין סיביר. איך ווייס, אז פון דער נײַ איז דאָס ביטער; איך ווייס, אז ייִדן זײַנען ביז אהער פרײַ געוועזן פון רעקרוטן, איז אף אמאָל זייער שווער צו דערטראָגן, א ייִדיש קינד אוועקצוגעבן פאר א רעקרוט. פארגעסט אָבער ניט, אז די גזיירע איז שוין; וואָס וועט דאָ

---

[1]) דא: רעכט פון אײַנגעבירגערטקייט. [2]) פרעמדע. [3]) אקעגן דעם קייזערס ווילן, געהויכט זאָל ער ווערן. [4]) געזעץ פון דער טוירע. [5]) די געזעצן פון דעם לאנד (רעגירונג) זײַנען געזעצן (מע דארף זיי פאָלגן). [6]) גאָט. [7]) ס'זאָל זיך גאָר נישט טרעפן.

העלפן אײַער ניט־וועלן? מיר רײַסט מײַן האַרץ, איך פֿיל דאָס גאַנץ גוט, וואָס דאָס ביטערניש איז, אַ מאַמע זאָל איר זון מוזן אוועקגעבן, אָדער פֿאָטער און מוטער זאָלן זען זייער קינד אוועקנעמען פֿאַר אַ רעקרוט (פֿון אײַנעווייניק און פֿונדרויסן הערט מען אַ גרויס געוויין, אַז פּינכעס קאָן ווײַטער ניט רעדן; ער וויינט אויך. דאָס דויערט עטלעכע מינוט. אַז עס ווערט שטילער, רעדט ער ווײַטער). נאָר פֿאַרגעסט ניט, אַז עס קאָן נאָך כאָלילע ערגער ווערן. דער זאַקאָן איז, אַז די פּאַרנעס־כאַדאָשים, וואָס פּאָלגן ניט, נעמט מען זיי אוועק פֿאַר רעקרוטן. נו, פֿאַרשטייט איר, אין וואָס פֿאַר אַ סאַקאָנע איר ברענגט די שטאָט, אין וואָס פֿאַר אַ סאַקאָנע איר ברענגט די פּאַרנעס־כאַדאָשים דורך דעם, וואָס אײַך דאַכט זיך אַ נאַרישקייט, אַז נאָר אין אײַער כסימע איז געווענדט. מער וויל איך אײַך ניט זאָגן.

ב ר אָ כ ע. (האָט געהאַט אײַנעם געבן זיך, וואָס האָט איר אין אויער אַרײַנגעזאָגט אַלץ, וואָס פּינכעס האָט דערציילט און געזאָגט. אַז זי האָט דערהערט פֿון סאַקאָנע, טוט זי זיך אַ שטופּ דורך אַלע און לויפֿט אַרויף ביז אויבנאָן צום מאַן, מיט בײדע קולעקעס) הערשטו, סלוימע, דו וועשט פֿאַר אוואַדע געסע־דיקט ווערן, אַז דו וועשט דיר ניט כאַשמענען. וואָש, איך זאָל האָבן אַ מאַן אַ נעקרוט, ניט דערלעבן זאָלן דאָש די שאָנים, זאַרעש זאָלשטו בעטן די מאָשקוויטער, זיי זאָלן וואַרטן ביז נאָך האַוודאָלע און דו זאָלשט דיך כאַשמענען. דײַן לעבן איז קיין לעבן ניסט, איך וועל דיך אויסרײַסן, איך וועל דיר דעם טויט מאַכן, מעסוגענער הונט, וואָש, דו ווילשט דיך וואַרפֿן אין פֿײַער אַרײַן? אַ, איך וועל אַליין בעטן די מאָשקוויטער, וועלן זיי וואַרטן, און דו מושט דיך כאַשמענען. הערשטו, מעסוגענער הונט, ייִמאַך־וועזיכרוי [1]) זאָלשטו ווערן. (זי לויפֿט אוועק און וויל גיין אַקעגן די סאָלדאַטן, דערווײַל קומט אַרײַן גאַוורי־על שעד מיט די צוויי סאָלדאַטן. אײנער אַ גאַנץ הויכער: אַ שוואַרצער, מיט אַ לאָך אין דער באַק; דער אַנדערער אַ קלײנער מיט אַן אָפּגעשאָסענער האַנט. די סאָלדאַטן זײַנען ניט שטאַרק שיקער, נאָר גאַוורי־על שעד איז זייער שיקער).

ג א ו ו ר י ע ל ש ע ד. מעשונע, האָבן שוין די סאָלדאַטן געוואָלט צוריק גיין אין גאָראָד אַרײַן, האָב איך זיי אויף מאָסקוויטעריש טאַקע געזאָגט, אַז כאַטשע קאָהאָל וויל זיך ניט כאַסמענען, מעשונע גאָר, (ער הייבט אָן צו פֿאַלן פֿון די פֿיס), אַ רועך אין ליפּשעס טאַטן אַרײַן, זי האָט מיר, מעשונע, געגעבן פֿון דער האַנט דעם טרונק־בראַנפֿן, ליפּשען די מויד זאָל, מעשונע, טאַקע אין איר טאַטן אַ רועך אַרײַן, (ער קאָן ווײַטער ניט).

ו ו ע ל ו ו ל ג י ל י ו ו א ט ע. (שפּרינגט אַפֿיר פֿון אונטערן טיש און פֿאַרטשעפּעט מיט אַ העקעלע פֿונעם אַרבל דאָס טישטעך און שלעפּט אַלץ מיט זיך, און האָט גאָר ניט צײַט, שיט ער אויס אַלע ברעקלעך מיט אַלע שאָלעכצן אַרויף אויף די ייִרן, וואָס שטייען דאָ. ער וויל אָפּטשעפּען און קאָן נישט מאַכמעס קאַס, מוז ער דאָ טאַקע אַזוי מיט אַלעם אָנגעטשעפּעטערהייט רעדן) לעמאָשל, אַ רועך אין דײַן טאַטן אַרײַן, דו שיקעריסקע. ווי זאָגט מען עפּעס, לעמאָשל: פֿאַר אַ געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן ניט ווײַזן. — אַ רועך אין דײַן טאַטן אַרײַן! לעמאָשל, אַז קאָהאָל וויל ניט כאַסמענען, ווי זאָגט מען עפּעס: מער געהאַרט, מער גענאַרט, — אַזאַ שעד, אַזאַ שיקעריסקע, לעמאָשל, דאַרף זאָגן די סאָלדאַטן, אַז קאָהאָל וויל זיך, לעמאָשל, ניט כאַסמענען. אויף מיר ציטערט די הויט, לעמאָשל, בראָכע (ער גייט צו צו בראָכען און שלעפּט דעם טישטעך מיט זיך), וואָס, איר וועט, לעמאָשל, דאָ שווײַגן? (ער ראָמט איר אין אויער אַרײַן).

---

[1]) די פֿאָרמול איז געוויינלעך: „ייִמאַך שמוי וועזיכרוי״, — זײַן נאָמען און געדעכעניש זאָל אָפּגעמעקט ווערן.

ב ר אָ כ ע. (דערשרעקט זיך און גייט מיט וועלוולען איניינעם צו צום מאן) דיַין לעבן וועט קיין לעבן ניט זיַין, איך וועל דיך אוישריַישן, מעסוגענער הונט! קום, וועלן מיר בעטן די מאָשקוויטער, זיי זאָלן ווארטן ביז נאָך האוודאָלע; איך וועל זיי סענקען א האלב ברויט און ראָשל פון אוגערקעש, וועלן זיי סוין ווארטן, נו, גיי סוין, באַ־גראָבן זאָל איך דיך, איך וועל דיך אוישריַישן. זאָג, סלוימע, זיי צו פון קאָהאָל עפּעש, סיקערישקע, א סעד איז טאקע א רועך. וואָש האָט אזא סעד די מאָשקווי־טער געדארפט זאָגן, אז קאָהאָל וויל זיך ניט כאשמענען? (זי גייט צו צו די סאָלדאטן און זאָגט זיי עפּעס שטילערהייט. וועלוול גיליוואטע און שלוימע פּסאיאָכע שושקען זיך אויך מיט די סאָלדאטן).

ג א וו ו ר ִי ע ל ש ע ד. (האלט זיך שטארק צו בא דעם טיש און רעדט מיט קויעך) מעשונע, מעג מען העטעריסקע[1], און שיקעריסקע טאָר מען ניט, מעשונע, פארוואָס? איך בין גאָר ניט קיין שאמעס, נאָר אז קאָהאָל הייסט, גיי איך. ליפשען דער מויד זאָל א רועך אין איר מאמען אריַין! אז זי האָט מיר גגעבן פון דער האנט, האָט זיך מיר דער קאָפּ פארדרייט, אָבער שיקער בין איך, מעשונע, ניט שיקער. (ער וויל צוגיין צו די סאָלדאטן; שלוימע פּסאיאָכע לאָזט אים ניט. זיי ראנגלען זיך ביידע, ביז גאוורִיעל שעד פאלט ארוף אף א בענקל און צעברעכט דאָס בענקל).

ד י ס אָ ל ד א ט ן. (זיַינען קלוג און ווי זיי זעען, אז אלע בעטן זיי, זיי זאָלן ווארטן ביז נאָך האוודאָלע[2], זאָגן זיי, ביין, און וויַיזן, אז זיי מוזן צוריק גיין אין גאָראָד אריַין).

ב ר אָ כ ע. (הייבט אָן צו שריַיען גאָר ניט מיט איר קאָל און טשעפּעט אָפּ דעם טיש־טעך פון וועלוול גיליוואטעס העקעלע אין איינוועגס) געוואלד וועל איך סריַיען, וואָש וויל די סטאָט האָבן פון מיר? אָטו ווילן די מאָשקוויטער צוריקגיין אין גאָראָד אריַין און אוישזאָגן, וועט מען מיַין מאן אוועקסיקן אפן שיביר. וואָש ווילט איר, די סטאָט זאָל בליַיבן אָן א קאָפּ? אָך איז מיר, איך בין דאָש גאָר ניט מויסע־מעכויעוו[3], סלוימע, ווארף דיך אָפּ פון פארנעש־כוידעסאפּט! איך זאָג דיר, איך וועל דיך אויש־ריַישן, געַנוג געוועזן פארנעש־כוידעס! אז דו בישט דער קאָפּ פון דער סטאָט, נו? וואָש סוויַיגסטו? וואָס סווייגטו איר, ראבוישים, מיַין מאן זאָל זיַין א נעקרוט, וואָש? (זי רייסט זיך בא דעם פּאָנעם און שריַיט) געוואלד, געוואלד, געוואלד!

ש ל ו י מ ע פּ ס א י אָ כ ע. (מיט א וויינענדיק קאָל) וואָס זיַינט איר אויסן אף מיַין לעבן? און איר, וועלוול, וועט אויך גיין קיין סימביר! ראבויסים, פארשליסט די טיר, לאָזט די סאָלדאטן ניט אוועקגיין.

י ִי ס ר אָ ל י ק ד ע ר א ו ק ר ײַ נ ע ר. אָט פאָלגט מיך, לאָמיר גיין צו ר׳ ארענען, ער וועט אן אייצע געבן, ווי אזוי די סאָלדאטן איַינצוהאלטן. (ער הייבט זיך אוף און גייט פריִער אוועק).

א ל ע. יאָ, צו ר׳ ארענען! (די גאנצע האָלאָטע גייט צו ר׳ ארענען, די סאָלדאטן בליַיבן מיט בראָכען).

ב ר אָ כ ע. (גייט אין אלקער אריַין און ברענגט אריַינצופירן די שנור ציוויען) סטאָך, דו הערשט, אז אף מיר איז א צאָרע, מע וויל דעם סווער אוועקסיקן אפן שיביר אָדער אוועקגעבן פאר א נעקרוט, און דו האָשט אזא געזונט הארץ און קומשט ניט אריַינ־צוגיין! און אז מע וועט דיַין מאן נעמען פאר א נעקרוט, וואָש וועשטו טון, א! נאָר א שוינע אין כטוב איז א סנור.

---

1) „העטעריסקע״ (העבר.) — װאָס רעכט לויט דעם יִדישן דין צו נעמען פּראָצענט (מע דאדף דאָס ספּעציִעל באוואָרענען). דאָ איז דאָס א שפּיל צום וואָרט „שיקעריסקע״ (שיקער). 2) א געגעט אף וויַין שאבעס־צונאכטס; נאָך האוודאָלע איז שוין פּאָרמעל אויס שאבעס און מע מעג טון פארשיידענע ארבעטן.
3) איך בין גאָרניטש פארפליכט (דאָס אויסצושטיין).

ציוויע (גאָר א יונג ווײַבל, הויך געוואַקסן. זי איז אפילע שיין, נאָר זייער מובערעס, איז דאָס פּאָנעם פול מיט פּלעקן. שווארצע אויגן, שווארצע ברעמען, א קליין מײַלעכן, גייט אָנגעטאָן אין א זײַדן מונדירל א נײַס, א ווײַס מושלינען פארטעכל, א קליין שמאָל ראצמארן ברוסטיכל באלייגט מיט שפּאנערלעך, א קאניק מיט איין אויבל, און א מאָדנע שליירל מיט א רויט יאמפּערקעלע א שמאָלס מיט א שטערנ-טיכל. פּארקרימט נעבעך דאָס פּאָנעם ווי א מובערעסע, וואָס איז אף דער צײַט). וואָס ווילט איר, שוויגער, איך האָב ניט געקענט ארײַנגיין, ווי איר, אז אזויפיל פּרעמדע ייִדן זײַנען אין שטוב, און הערש־לייב האָט מיך ניט געלאָזט, ער האָט געזאָגט, די מאמע רײַסט זיך דאָרטן, לאָז זי זיך רײַסן, און דו זיץ דאָ מיט מיר. אָט איז ער, לאָז ער זאָגן.

בראָכע. וואָש קוקשטו אף אים, פּראָ אים [1]) זאָל מען דעם טאטן הארגענען און די מאַמע אף טויט הארגענען, ארט אים ניסט, דו בישט דאָך אָבער די קלוגע, נו, ווי האָט אָט מען אזא טאָטערש הארץ גאָר ניסט ארײַנצוקומען?

הערש־לייב. (א געזונטער יונג מיט א קליין בערדל, א הויכער, מיט שווארצע אויגן, נאָר זיי ווײַזן אויס פון נארישע אויגן, צוויי גאנץ לאנגע פּייעס, גלײַכע, דאָס בערדל און די פּייִס זײַנען געלב-לעך, א ברייט פּאָנעם מיט בלייכע באקן, א ברייט מויל מיט זייער גרויסע ציין, און די צוויי הענט הענגען אראָפּ. ער גייט אין א ראצעמארע פּיאָם מיט איין טטראקע, א נײַע זיפּעצע, אין א נײַ שטרײַמל; אונטער דעם שטעקט ארויס אן אלטע יארמיקע [2]) פול מיט פּעדערן, א גארטל, א שמאָלן, א זײַדענעם מיט א ווײַסן פּאס, נאָר די קרײַקע, וואָס ער האָט פּאר אן אונטער-גארטל, האָט עס א פּאָנעם ווי צוויי גארטלעך. באזונדער דער זײַדענער און באזונדער דער קרײַקענער, און שיך מיט זאָקן, ביידע צעריסן) ווייסטו, מאמע, מײַן ווײַב איז שענער פון דיר, און איז מובערעס אויך, און דו נישט. אז איך האָב זי געדארפט האָבן אין אלקער, זאָל זי זיצן! וואָס שרײַסטו אף איר, זי איז מײַן ווײַב, ניט דײַן ווײַב, און פּאָטער.

בראָכע. (האָט האלב ניט געהערט, דערצו איז ער דאָך איר אייגענער נאר, מאכט זי זיך ניט וויסנדיק און רעדט מיט די מאָסקוויטער, און די מאָסקוויטער ווילן אלץ אוועקגיין, זי לאָזט זיי נישט). וואָש וועל איך טון, געסעדיקט זאָלשטו ווערן מיט דײַן טאטן דעם מעסוגענעם הונט. די מאָשקוויטער ווילן צוריק גיין אין גאָראָד ארײַן; איך וועל געוואלד סרײַען אין די גאשן.

הערש־לייב. נאָך וואָס האָסטו דיך פארקאָכעט אין די מאָסקוויטער? לאָזן זיי גיין צו אַלדע רוכעס. אנומעלט איז א מעלאמעד געלאָפן און האָט געוויינט, אז מע האָט אים ארײַנגעשטעלט 2 מאָסקוויטער. לאָזן זיי גיין, און פּאָטער. (ער עפנט די טיר, די מאָסקוויטער זאָלן ארויסגיין).

בראָכע (שלאָגט זיך אין קאָפּ ארײַן און שרײַט גוואלד) געסעדיקט זאָל ער ווערן מיטן פּאָטער, דעם מעסוגענעם הונט, געוואלד, געוואלד!

ציוויע. הערש־לייב, נאָך וואָס לאָזטו ארויס די מאָסקוויטער? אז די מאמע זאָגט: ניין און בעט מע זאָל ניט לאָזן אוועקגיין, מינאסטאַם דארף מען אזוי; פּאָלג מיך און לאָז זיי ניט ארויס.

הערש־לייב (פארשליסט ווידער די טיר און שטעלט זיך אקעגן די מאָסקוויטער, זיי זאָלן ניט ארויסגיין. דערווײַל זײַנען מענטשן געקומען צו לויפן, וואָס האָבן געהערט דעם געוואלד פון בראָכעס; קאָנען זיי ניט ארײַן, גייען זיי צום פענצטער און קוקן ארײַן). נאָך וואָס האָסטו, מאמע, געמאכט א געוואלד, דעריבער האָב איך דיך ניט געפּאָלגט, אז ציוויע האָט געזאָגט: הערש־לייב, לאָז נישט, לאָז איך ניט, און פּאָטער.

די סאָלדאטן (זעען און פארשטייען ניט, וואָס דאָ טוט זיך, גייען זיי צו און טוען א וואָרף הערש-לייבן פון דער טיר, און עפענען און לויפן ארויס, בראָכע מיט הערש-לייבן לויפן נאָך).

---

1) פון זײַנעטוועגן. 2) יארמעלקע.

5־טע סצענע. בא דעם נאָגיד ר׳ ארן.

(ר׳ ארן באַל־מאַכשאָווע, אָדער ר׳ ארן קליגער, זיצט אין דער פעדערשטער סאליע גאַנץ פרי אין א זײַדענעם כאלאט בא א טישל פול מיט ספאָרים און ביכער, פארטיפט אינעם לייענען. א פען מיט א טינטער און פאפיר ליגט אויך אף דעם טישל. ס׳קומט אריַין פונעם גערטנדל, וואָס פאַר די פענצטער, אָן א שלייער נאָר מיט א פאטשיילע צוגעבונדן דעם קאָפּ, פערעלע).

פ ע ר ע ל ע (מיט א גרויס געלעכטער, אַז ארן דערשרעקט זיך און וואַרפט אַוועק די ספאָרים און אַלץ) ארן, דו זאָלסט וויסן, ווער בא מיר דאָ איז געווען און וואָס מע איז בא מיר געווען אַזוי גאַנץ פרי, אַז די גאַנצע שטאָט שלאָפט, טרעף, ווער? (זי לאַכט און קאָן ניט רעדן פאר לאַכן).

א ר ן. אַז דו וועסט אַזוי לאַכן, וועל איך טאַקע אַלץ ניט וויסן. זע נאָר אָבער, אַז זיי מעגן מיך רופן באַל־מאַכשאָווע: אַז דאָ פאר די פענצטער האָסטו מיט עמעצן גערעדט, און איך האָב אפילע ניט א קוק געגעבן. איך בעט דיך, פערעלע, הער שוין אויף צו לאַכן.

פ ע ר ע ל ע. איך מוז מיך דערמאָנען, אַז דער אוקאַז איז אָנגעקומען ייִדן צונעמען פאר סאָלדאַטן, איך זאָל אויפהערן צו לאַכן, נישט אַנדערש קאָן איך שטילן דאָס לאַכן. ווייסטו ווער דאָ איז צו מיר געקומען צולויפן? טאַקע נאָר הערש־לייב נאַר. אַנו, טרעף וואָס? דו וועסט ניט טרעפן ביז איך וועל דיר אויסזאָגן: געדענקסטו, מײַן ליבער באַל־מאַכשאָווע, אַז דאָווּיד דער גראָבער האָט זײַן מיידל ציוויעלע, דאָס שיינע מיידל, געשווינד אַוועקגעגעבן פאר א ווײַב דעם הערש לייב נאַר, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַזאַ יוסטער באַלעבאָס א קרעמער זאָל זײַן איין איינציק מיידעלע און דאַפקע א שיין מיידעלע געבן א שטאָט־נאַר, און דערצו דעם אַנדערן זונטיק געמאַכט טייקעף די כאַסענע. איאָ, דו ווייסט, וואָס מ׳האָט אין שטאָט געמומלט, געדענקסטו?

א ר ן. יאָ, איך געדענק, איך האָב דאָס אָבער ניט געוואָלט הערן, ווײַל אין האַלט דאָס פאר א ליגן. נו, זאָג שוין, איך בעט דיך!

פ ע ר ע ל ע. איך מוז ניט פארגעסן, אַז מע נעמט, נעבעך, ייִדן פאר סאָלדאַטן, וואָרעם איך וועל ווײַטער ניט קאָנען רעדן (זי טוט א זיפץ). הערש־לייב צעיאָגט זיך גלײַך צו מיר און פרעגט מיך, איך מוז דיר טאַקע מיט זײַן לאָשן נאָכדערציילן: „פערעלע, פערעלע, איר זײַט א קלוגע, זאָגט מיר, צו וויפל כאַדאָשים האָט א ייִדענע א קינד?" איך ענטפער אים, אַזוי ווי איך האָב מיך געשטויסן, ווּהין די שײַלע גייט: „אַזעלכעס ווענדט זיך אינעם טאָטער, אַמאָל איז א טאָטער גאָר א שלימאַזלניק, קאָן זײַן 10 יאָר נאָך דער כאַסענע זאָל דאָס ווײַב ניט האָבן קיין קינד; א בעריעס א ווײַב מאַכט צום יאָר א ברים, און א גרויסן בעריעס ווײַב צו 9 כאַדאָשים; א גאַנץ קלוגער יונג — קאָן זײַן צו 7 כאַדאָשים". פרעגט ער: „און אַז 4 כאַדאָשים?" ענטפער איך אים: „אָ־אָ, דאָס מוז זײַן א קלוגער און א בעריע, וואָס זײַן גלײַכן איז ניטאָ". אף דער טשוועע בלײַבט מײַן הערש־לייב שטיין אָפן דאָס מויל אין איין סימכע און ווײַזט מיטן מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט אף זײַן האַרץ דורכאַנאַנד עטלעכע מאָל. איך מאַך מיך, ווי איך פאַרשטיי אים קלוימערשט ניט. מאַכט מײַן הערש־לייב שוין צו דאָס מויל און זאָגט: „איך בין דאָס דער בעריע, דער קלוגער, וואָס מײַן גלײַכן איז גאָר ניטאָ. ווי לאַנג האָב איך גאָר כאַסענע, ערשט 4 כאַדאָ־

שים, און מײַן ווײַב ציוויע גײט שוין צו קינד, די באָבע איז שוין בא איר, איך האָב זי אליין גערופן". כא, כא, כא (זי לאכט).

אַרן. (לאכט אויך און גיט פּערעלען א קוש) דו זאָלסט וויסן, ווי דו מאכסט נאָך דעם הערש־לייב נאר, וואָלסטו דיר אליין געדארפט א קוש געבן, נאָר דאָס גליק פאַר איר איז, וואָס דאָס שטעטל איז אצינד פאַרפּינצטערט מיט די יִדישע רעקרוטן, זיסט וואָלטן זיי געמאכט א גאנצע סימכע דערפון. איך מוז טייקעף גיין בעטן דעם קאָמיסאר, ער זאָל אהין שיקן א פּאָר רייקים 1), זיי זאָלן פון ווײַטנס אכטונג געבן, אז די בעסמעדרעש־דראבעס זאָלן אהין ניט ארײַנפאלן; דערווײַל איז זי נעבעך א קימפּעטאָרן, און אן ערשלינג, און די פּסאיאָכיכע אליין מוז מען אויך זען, זי זאָל ניט שלאָגן. דו, מײַן פּערעלע, ווייסט נישט, וואָס פאר א רעציכע עס שטעקט אין א מיִעסער יִדענע אין אזא פאל. דאָ ווײַזט זי ארויס, אז, געלויבט צו גאָט, וואָס זי איז מיִעס, אָבער זי איז ערלעך. א שאָד, איך ווייס גאָר ניט, וואָס דאָ וועט זיך טון און ווי אזוי מ׳העלפט דאָ. גאָר כאלאָשעס, זי וועט זיך מוזן געטן מיטן נאר, א, עפּשער נישט? ווי נעמט מען דעם נאר אהער, איך וועל אים עפּעס אויסשטעלן, וועט זי מעגן בלײַבן זײַן ווײַב. איך בעט דיך, פּערעלע, דערמאָן מיך דרינען. דער־ווײַל קומט, אָט קומט אונדזער ר׳ פּינכעס דער רענדאר. פון דיר, פּערעלע, זאָל ער דאָס ניט געוואָרע ווערן, האלט אים דאָ אויף אביסל, ביז איך וועל צוריק־קומען פונעם קאָמיסאר. דאָס מוז מען געשווינד פארזאָרגן, דאָ איז א סאקאָנע פון 2 נע־פאשעס. (בא די הינטערשטע וועריטער גייט ר׳ ארן איבעם אנדערן כיידער ארײַן זיך אָנטון, און פּינכעס דער רויטער קומט ארײַן).

פּינכעס דער רויטער. (אין א קאמלעטענער קאפּאָטע, אין א ספּאָדעק, נעמט אראָפּ דעם ספּאָדעק בא דער טיר) גוט מאָרגן! איאָ, איך בין שולדיק, איך האָב געדארפט נעכטן קומען, נאָר איך האָב נישט געקאָנט קומען איבער מײַן ציפּרען. זי איז נעבעך קראנק געוואָרן איבער דעם אוקאַז. איך גיב איר צו פארשטיין און רעד איר אויס, אז אין שטעטל געפינען זיך אזעלכע יונגען, וואָס טויגן נאָר פאר סאָל־דאטן, זי וויינט און וויינט, און זאָגט, אז זי קאָן ניט אופהערן. בא מיר אין שטוב איז טישעבעאָוו. איך פרעג זי אפילע: מיר האָבן דאָך נאָר איין מיידל, וואָס וויינט זי מער פון די, וואָס האָבן יִנגלעך? זי שרײַט פונעם שלאָף: וואָס נעמט איר מיר אוועק מײַן קינד, מײַן איין־איינציק קינד? הײַנט שלאָפט זי אביסל, האָב איך מיך ארויסגעכאפּט אהער, ווײַל איך ווייס, ר׳ ארן האָט מיט מיר עפּעס צו רעדן. ר׳ ארן איז אוועקגעגאנגען אין הויף ארײַן מיסטאָם.

פּערעלע. ער וועט באלד צוריק קומען. אײַער ציפּרע איז דאָך קלוג, וואָס נעמט זי זיך אזוי צום הארצן? גלויבט מיר, אז אין מיר וויינט אויך מײַן הארץ, אז איך דערמאָן מיך, וואָס די מאמעס וועלן לײַדן, אז מע וועט בא זיי אוועקנעמען קינדער (זי רעדט מיט א ווײנענדיק קאָל און ווישט זיך מיט א פאטשיילעכן די אויגן) פאר רע־קרוטן, נאָר וואָס קאָנען מיר דערצו העלפן? אָט ווערט מען קראנק. איך וועל הײַנט זײַן בא אײַך, וועל איך איר אויסרעדן. זאָגט־זשע, און פרומעלע מוז נעבעך אויך זײַן פארוויסט, אז די מאמע ליגט אין בעט. איך ווייס, ווי דאָס קינד האָט ליב די מוטער און ווי ציפּרע האָט ליב דאָס טעכטערל. איינס און א שיינס איז בעסער פון

---

1) דאָ געמיינט: סאָלדאטן, פּאָליציסטן.

אסאך קינדער ניט־געראָטענע. אָט גייט שוין מײַן ארן. װעל איך מיך קאָנען גיין אָנטאָן (קומט ארײַן; פערעלע גייט אוועק אין דעם אנדערן כיידער ארײַן).

א ר ן. איאָ, איר ווייסט ניט, וואָס איך האָב דאָ אזוי געבעטן, איר זאָלט קומען צו מיר? איר זײַנט מיר נאָך א באלכויוו צו דערציילן די מײַסע פון אײַער ציפּרען, ווי אזוי זי איז פּאָטער געוואָרן פונעם גאנעוו פישל בילענקי פון טעטיִעוו, און ווי אזוי איר האָט ארײַנגעפלאָכטן אין דעם ראָווס אָנשטעל מיט די מייסים, אײַער ציפּרען זאָל ער מוזן געטן. כאָטש איר וועט פרעגן, הײַנט איז אוואדע ניט די צײַט פון אזעלכע מײַסעס; דער טערעץ איז אָבער, ווי איך וועל אײַך דאָ געבן צו פארשטיין, אז אונדז איז דאָס גראד אציגדערט נייטיק; ווארעם פארגעסט ניט, אז אף די ביטערע פארנעט־כאדשים ר׳ שלוימע מיט ר׳ וועלוול איז זיך ניט סוימעך צו זײַן רעקרוטן אָפּצוגעבן, איז דאָס אף אונדז מוטל. דאָ וועט, אזוי ווי מיר דאכט, אויך מוזן אָן אָנשטעל זײַן דעם איינעם רעקרוט אָפּצוגעבן. געלויבט צו גאָט, אז נאָר איין רעקרוט. איך האָב א רעקרוט, וואָס זאָל זיך אליין שטעלן, וועט דאָס שטעטל פּאָטער ווערן א הולטײַ און אָפּגעבן א רעקרוט. טרעפט, וועמען איך מיין? (ווי ער שמועסט דאָ, קומט ארײַן פערעלע אָנגעטאָן און געשלייערט).

פ י נ כ ע ס ד ע ר ר ו י ט ע ר. עפּעס שטויס איך מיך, אז איר מיינט נאכמען דעם גרויסן, נאָר דער נאכמען איז א בעניאָכיד דער מוטערס, און א בעניאָכיד נעמט מען ניט, אזוי ווי איך האָב געלייענט דעם אוקאז. דערצו איז קאָשע, וועט גאָר אזא נאכמען וועלן גיין זיך יאווען, אזא ווינט, אזא צאָרע, אזא זאוועריוכע, ווי טרעט מען גאָר צו צו אים? אָנשטעלן געשיקט זיך צו מאכן מיט איינעם, וואָס איז מעיושעוו [1], נאָר שלעכט, מוז מען זיך אן אייצע געבן; אָבער אזא שלימוינעס [2], אזא וויכער, אזא שלימאזל, וואָס קאָן אים רירן?

א ר ן. דאָס וועל איך אײַך שוין שפּעטער זאָגן, נאָר איר מוזט מיר דערציילן אײַער אָנשטעל, טאָמער וועט מיר עפּעס צונוץ קומען. איך האלט פון דער געמאָרע: מיקאָל מעלאמדײַ היסקאלטי [3], איר זאָלט וויסן, ר׳ פינכעס, אז די כאָכמע פון רעפּועס איז אף געניטשאפט; אלע אנדערע כאָכמעס זײַנען נאָר אלץ צונויפגעקליבענע, צונויפגעזאמלטע מײַסעס איניינעם געמאכט געוואָרן.

פ ע ר ע ל ע. ציפּרע אײַער ווײַב האָט מיר אמאָל דערציילט די גאנצע זאך; איך קאָן אָבער שוין אקוראט ניט געדענקען מײַן מאן נאָכצודערציילן. ער זאָגט, דאָס קאָן אים צונוץ קומען.

פ י נ כ ע ס. אז עס גייט אײַך דערינען, מוז איך מיך אנידערזעצן ניכטערנערהייט און אײַך דערציילן.

פ ע ר ע ל ע. בא אונדז וועט איר דאָך אויך וועלן טרינקען טיי; אָט ברענגט מען ארײַן, און עפּעס צו פארבײַסן אויך, נאָר מײַן מאן גארט אזוי, בעט איך אײַך אויך (אלע זעצן זיך).

פ י נ כ ע ס. וואָלט מיר ניט אזוי געוועזן אפן הארץ, וואָלט איך אײַך די מײַסע געקאָנט לאנג און ברייט דערציילן, נאָר אזויווי איך בין גאָר פארביטערט, מײַן ציפּרע איז שלאף, און איבער וואָס? איבער דעם אוקאז, וויל איך אײַך בלויז צוליב טון, אָבער, קעדיי עס זאָל אײַך צונוץ קומען, בעקיצער דערציילן. מײַן ווײַב ציפּורע האָט,

1) געזעצט, באטראכט. 2) אזוי גוט ווי שלימעזאלניצע. 3) פון אלע מײַנע לערער האָב איך אָפּגעלערנט (בין איך פארשטאנדיק געוואָרן).

נעבעך, געהאט א מאן דעם פישל בילענקי אין טעטיעוו. דער איז געווען, כוץ וואָס א גראָבער יונג, גאָר פון דעם אונטערשטן גאטונג, א גראָבער, שלעכטער יונג, נאָך דערצו א גאנעוו. אז עס האָט זיך אָבער ניט געטראָפן עמעצער, וואָס זאָל דאָס ווייבל אויסלייזן פון דער שיוויע[1], איז זי נעבעך טאקע גוט פארשווארצט געוואָרן פון דעם גראָבן יונג און פון זיין פאסקודנע יונגע טאָכטער, א גרושע[3], וואָס קיין הונט וואָלט זי אויך ניט גענומען. אז איך בין אהער אריינגעגאנגען, האָט די שאטיע[3] געמיינט, אז איך, דער אלמען פינכעס, וויל זי נעמען. זי האָט זויערן כיין געמאכט, ווען איך בין אריינגעקומען אהין. איך האָב אָבער גרויס ראכמאָנעס געהאט אף דער ציפּרען, נעבעך, נאָר עס איז קיין שום טאכבולע[4] נישט געווען דער ציפּרען ארויסצוהעלפן. זי פלעגט וויינען פאר מיין מוטער און פאר מיין פאָטער, מע זאָל איר ארויסהעלפן פאָטער צו ווערן. מאָלט אייך, אז מיין אלטער טאטע האָט געזאָגט, נו, פינכעס, באווייז דו דיין קלוגשאפט, העלף דעם ווייבל, נעבעך! גראד אז עס האָט געטראָפן די מייסע, ווי דער פישל מיט דער פאסקודנע טאָכטער האָבן אוועקגעגאנוועט בא דעם זאטקעווצער אוירעך 600 רענדלעך.

ארן. איך געדענק, איר האָט מיר דערציילט, אז דער אוירעך האָט אים געגעבן צו באהאלטן איבער שאבעס דאָס געלט, און ער האָט דערנאָך געלייקנט.

פינכעס: נו, הייסט דען דאָס ניט געגאנוועט? מיין טאטע פלעגט זאָגן, פאר־וואָס רופט מען דאָס, וואָס א שניידער גאנוועט, יִיטער[5], וויל ער איז מעיאטער[6] דעם וועג, וואָס א פראָסטער גאנעוו מוז גיין גאנווענען, און דער שניידער גאנוועט בא זיך אינדערהיים, (ארן און פערעלע לאכן). דאָ בא דער מייסע איז דער פישל ארומגעגאנגען גאָר ווי געקאָכט. בא זיך איז ער שוין געווען אן אוישער מיט די 600 רענדלעך; די פאסקודנע טאָכטער אויך, וואָרעם זיי האָבן בא זיך מיסטאָמע אָפּגעשמועסט א שווערע אָפּצושווערן; און אפילע אז דער ראָוו האָט געהייסן פאסטן און נעכטיקן אין שול איידער מע גייט שווערן, האָבן זיי דאָס געהאלטן פאר א קינדערשפּילעכן. ציפּרע, נעבעך, האָט דערפון נישט געוווסט, האָט זי אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן: מיין מאן, דער אוירעך איז דאָך עפּעס פאָרט נישט מעשוגע! א ייד וועט זיך פלוצים אויסטראכטן 600 רענדלעך! מיין פישל האָט איר דערלאנגט א גרויסן פאטש, און נאָך איינעם, און נאָך איינעם, און דערצו האָט ער געשריען: ער וויל זי דאפקע געטן, זי טויג אים נישט, זי איז נישט קלוג, זי טויג נישט צו דער פּארנאָסע. וווהין לויפט זי? צו מיין מאמע און צו מיין טאטן! דער דאיען ר' געדאליע, וואָס אין טעטיעוו, איז דעם טאטנס צי דער מאמענס א קאָרעוו, א גרויסער שויטע, און אז דער טאטע זאָל אים הייסן אין פייער ארייַן, וואָלט ער אויך געגאנגען. מיין טאטע האָט נאָך דעם דאיען געשיקט, ער זאָל אריינגיין צו פישלען, — עפּעס קער ער אים אויך אָן; — אויב איר ווייסט, אז איטלעכער נאר איז זיך קלוג, נאָר אלע אנדערע קער ער אָן א נאר, — און האָט אים מעכאבעד געווען מיט א מיצווע: אָדער ער זאָל שאָלעם מאכן טייקעף, אָדער מעקאבל קיניען[7] זיין אף א געט. מיין פישל און די טאָכטער, דערצו איבער נאכט זיינען זיי דאָך געווען אשירים, האָט דער

---

1) געפאנגענשאפט. 2) געגעטע. 8) נארישע פרוי. 4) מיטל. 5) „יִיטער" (העבר.) א ספעציעלער טערמין פאר דעם רעשט, וואָס בלייבט באם שניידער פונעם באשטעלערס שטאָף און וואָס דער שניידער לאָזט זיך. 6) פארשפּאָרט. 7) אַ פּראָצעדור, וואָס איר באטייט איז, אז איינער פארפליכט זיך עפּעס. דאָ, א שטייגער, פארפליכט זיך צו געבן דער פרוי א געט.

פישל באלד מעקאבל קיניען געווען, אויפיראט א געט אָן א קסובע[1]. אָט וועט ער נעמען א ווײַב אויך מיט רעדלעך, וועט ער שוין גאָר לויכטן. איך האָב דאָס צוגעזען און צוגעהערט. די ציפּורע ווײנט אָבער ווײַטער: סטײַטש, דער פישל וועט מאָרגן כאראָטע האָבן און וועט זי ניט וועלן דערנאָך געטן.

פערעלע. ווי קאָן מען כאראָטע האָבן, אז ער האָט מעקאבל קיניען געווען בא דעם דאיען?

פינכעס. אז מען קאָן אוועקגאנווענען בא אן אוירעך א בײַגארטעלע מיט רעדלעך, קאָן מען א קאבאָלעס־קיניען נאָך גרינגער אוועקגאנווענען.

ארן. נו, קומען מיר דאָך צום אָנשטעל, וואָס איך וויל דאָ הערן.

פינכעס. איר געדענקט דאָך, וואָס איך האָב אײַך דערציילט, אז אונדזער קלוגער ראָוו אין טעטיִעוו, ווי ער האָט געזען דער פישל וויל אָפּשווערן פאלש, האָט ער געהייסן זײַן קלוגן שאמעס, לייזער, וואָס איז אין דער יוגנט א מארשאלעק געווען, מאכן צורעכט עטלעכע באקאנטע מענטשן אין שול ארײַן פארשטעלן פאר מייסים, קעדיי, אז מע וועט באנאכט פישלען פאר דער שווע ארײַנלאָזן נעבעטיקן אין שול ארײַן, זאָלן זיי אים וועלן קלוימערשט ווארגן.

ארן. נו, וואָס האָבן געהאט די מייסים צו אײַך, איך פארשטיי ניט.

פערעלע. איך האָב, כלעבן, שוין פארגעסן. האָט פישל טייקעף פאר די מייסים מוידע געווען. סטײַטש, אז איר מייסים ווייסט, אז ער האָט געגאנוועט, מוזט איר דאָך וויסן, ווו עס ליגט, גייט און גיט אָפּ דעם אוירעך! — האָט ער זיך ניט געשטויסן.

ארן. גאנאָווים זאָלן אזוי קלוג זײַן ווי פערעלע כ"ו[2], וואָלטן זיי אָבער קיין גאנאָווים ניט געווען, אָבער, אז זיי זאָלן יאָ גאנווענען, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן. איך בעט דיך, פערעלע, לאָז שוין עקן ר' פינכעסן, און מיר וועלן שווײַגן ביז צום עק. דערציילט, ר' פינכעס!

פינכעס. דער סעקרעט פון די מייסים האָב איך געוואָר געוואָרן פון דעם קלוגן שאמעס. ער איז געגאנגען ווערבעווען בא אונדזער שאָכן א מענטשן, איינעם לעמל צונג. האָב איך עפּעס דערשנאפּט און האָב דעם שאמעס געשענקט 6 גילדן, ער זאָל בעסער מיך נעמען. בין איך דאָ געווען א מעס אין שול און האָב דעם פישלען, — נאָכדעם אז ער האָט שוין אויסגעזאָגט גאנץ הויך פאר די מייסים, ווו דאָס געלט ליגט, און, ווי איר ווייסט, האָט דער ראָוו מיט נאָך עטלעכע אונטערגעהערט אין פּאָלעש, — האָב איך אים א ווארג געגעבן אף א קאָל, ווי יענע מייסים האָבן געמאכט, ער זאָל געבן א געט דעם ווײַב, און ער האָט מיר, דעם מעס, טקיִעס־קאף[3] געגעבן, אז דעם אנדערן טאָג זאָל ער זי געטן. ער, פישל, מיינט דאָך אז־איעם, אז דאָס זײַנען פאָרט מייסים געווען, האָט ער טאקע דעם אנדערן טאָג איר געט געגעבן.

פערעלע. נו, האָט זיך אויסגעלאָזט א כאסענע מיט ר' פינכעסן.

פינכעס. גלויבט מיר, איך שווער אײַך בא גאָט, אז איך האָב דאָס גאָרניט אין זינען געהאט; איך האָב דאָס אלץ געטון פאר ראכמאָנעס. נאָר מײַן טאטע און מאמע

1) „קסובע" — א מין כאסענע־קאָנטראקט; אויך די סומע, וואָס איז פארשריבן אין דער קסובע, און וואָס די פרוי דאַרף קריגן בא א געט אָדער פון דער יערושע נאָכן מאנס טויט. 2) כאס־ווּעשאָלעם — גאָט באהיט! 3) א האנט־שלאָג; געבן א טקיִעס־קאף, — הייסט זיך עפּעס פארפּליכטן.

האָבן זי ליב געהאט ווי אן אייגן קינד און האָבן מיך קימאט גענויט, איך זאָל ציפּרען נעמען. ערשט אין א יאָר ארום האָבן מיר כאסענע געהאט ביז הונדערט יאָר, נו, ר' ארן, קאָנט איר דאָ עפּעס א נוץ האָבן?

ארן. זייער פיל; אפילע ווען איך וועל ניט מיט מייסים צו טון האָבן, זע איך, אז מענטשן גלויבן זייער גרינג. נו, וועט מיר אויך געראָטן א פּלאן, מיר זאָלן האָבן באלד א רעקרוט, און קיינער זאָל ניט ווייגען, נאָר דורך גלויבן.

פּינכעס און פּערעלע. מעגן מיר אויך וויסן פון דעם פּלאן? דאָס מוז דאָך עפּעס קלוג און גוט זײַן.

ארן. איך וויל אליין אף מיר ניט שטעלן, דעריבער וויל איך, איר זאָלט הערן און זאָלט מיר אײַער דייע זאָגן, ווי אײַך וועט דאָס געפעלן. הערט נאָר, איך מיין, אז דער נאכמען דער גרויסער זאָל זיך גאָר אליין שטעלן. א האקדאָמע מוז איך אײַך זאָגן, דאָס, וואָס איר ביידע ווייסט: נאכמען דער הולטײַ, דער מאיאסעניק[1], ווי מע רופט אים הי אין שטאָט, איז פארליבט, אָדער ווי היגע ייִדן שמועסן, אײַנגעליבט אין אײַער פרומעלען. איך וועל שיקן צו אים כאנציען פאר א שאדכנטע קלוימערשט. די כאנציע, ווּעלוול גיליוואטעס ווײַב, איז א גאנץ קלוגע ייִדענע; זי וועט אים איינרעדן, אז זי וועט אויספירן דעם שידעך, — וואָס ארט דאָס אײַך, — נאָר ביטנײַ, ער זאָל זיך אליין שטעלן פאר א רעקרוט. אײַערע אלע קאשעס, אז ער וועט זײַן א רעקרוט, ווי וועט ער קאָנען כאסענע האָבן, — דאָס איז בא אזא מענטשן גאָרנישט פאראנען. איר האָט דאָ אליין דערציילט, אז אן אלטער ייִד, דער פישל בילענקי, אז ער הערט, די מייסים זאָגן אים, זיי וויסן, ער האָט בא דעם אוירעך גענומען דאָס געלט, פרעגן זיי אים, ווו ער האָט דאָס געלט געלייגט, און ער זאָגט אויס, ווו און וואָס. די קאשע האָט פּערעלע טייקעף געפרעגט. דערפון זעען מיר, אז גראָבע מענטשן זײַנען ניט אזוי קלאָר. אין ווארשע איז געוועזן א פּראָפעסער, האָט ער געדרונגען, אז די הולטײַסקע מענטשן זײַנען א שטיק מעשוגע. האָב איך אים געזאָגט, אז אין אונדזער געמאָרע שטייט אויך די אייגענע סוואָרע: — איין אָדאָם איוועער אויירע עלע אים ניכנאס בוי רועך שטוס[2], האָט דער פּראָפעסער גרויס האנאָע געהאט, אז די דייע איז שוין פון אונדזערע כאכאָמים אָנגענומען פאר עמעס. דעריבער דאכט מיר, אז דער באָכער וועט כאנצען גלויבן, ווּעלן מיר פּאָטער ווערן אזא הולטײַ פון דער שטאָט, און א רעקרוט ווּעלן מיר אָפּגעבן, וואָס מע וועט אוואדע ניט בראקעווען. הערט נאָר ווײַטער: איך וועל אים דאָ אין איין שאָ אויסקליידן און וועל אים שענקען פון מיר עטלעכע זאכן; — וואָרעם ער קומט, ווען ער האָט שוין גאָר א נויט און ער איז הונגעריק אָדער גאָר נאקעט, צו קיינעם ניט, נאָר צו מיר, איך גיב אים טאָמיד א גרויסע נעדאָווע — וועט ער זײַן אויסגעקליידט, און זײַנע לידלעך, וואָס איך האָב אים אופגעשריבן (ער ווײַזט א קאָפּיע פון דעם, וואָס נאכמען האָט געזונגען בא ליפּשען אין שענק; „טאָקע נאָר נאכמען איז א ווילער יונג". פּינכעס לייענט דאָס און לאכט, ארן ווארט ביז ער האָט אָפּגעלייענט). דעם דין ווייסט איר נישט, כאָטשע א בעניאָכיד[3], אז ער שטעלט זיך אליין אל כעשבן האקאָהאָל[4] נעמט מען אים אָן. איך זאָג אײַך דעם עמעס, אז עפּשער טוט מען אים אויך א טויווע דערמיט. איך בעט אײַך נאָר בעסאָד צו האלטן מײַן פּלאן.

1) א צעלאָזטער יונג. 2) א מענטש טוט קיין אוויירע נישט, סײַדן ס'איז אים באפאלן די נארישקײַט. 3) אן איין־און־איינציקער זון בא עלטערן. 4) אף קאָהאָלס כעשבן, אפן כעשבן פון די רעקרוטן, וואָס קאָהאָל דארף צושטעלן.

פינכעס. אוואדע א טויווע, ער איז דעריבער אזא הולטײַ געוואָרן, ווײַל די נארישע מאמע האָט אים פארצויגן און האָט אים אלץ נאָכגעגעבן. נו, האָט זי איר געגעם אף דער וועלט, אז ער האָט זי געוואָלט שלאָגן, און איז שוין געוואָרן א שטאָט־קינד, ניט דער מאמעס קינד. ווײַטער און ווײַטער וועט ער ווערן א גאזלען, א רעצייעך אין וואלד, אף די וועגן, אף אלע שטרוזן. אוי, מאמעס, גײַט, זעט, וואָס פון פארציִען, וואָס פון נאָכגעבן קינדער קומט ארויס! מע הארגעט דאָס קינד און מע טוט א ראָע דער וועלט. א סאָלדאט וועט ער זײַן א גוטער; דאָרט וועט ער מוזן שטיל ווערן און וועט ניט טאָרן שיקערן, נאָר אויב איר קאָנט דאָס אויספירן, — ווייס איך ניט. כאנציען וועל איך אײַך אליין באלד שיקן. זי איז זייער קלוג, דאָס איז עמעס, נאָר ווי אזוי זי וועט אים אײַנרעדן, ווייס איך ניט.

פערעלע. און די בלינדע מוטער, מיינט איך, וועט מערוצע זײַן? מיך דאכט, כאָטש ער האָט זי געוואָלט שלאָגן, כאָטשע זי האָט כארפעס און בושעס דורך אים, וועט זי פאָרט ניט וועלן, דער זיסער בעניאָכיד זאָל זײַן א רעקרוט.

פינכעס. דאָס האָט איר גאָרניט אין זין צו האָבן. מע האָט מיר דערציילט, אז זי האָט אליין געבעטן, מע זאָל אים אוועקשיקן קיין סיביר אפילע. וואָס האָט זי אָנ־צוווערן, ער איז דאָך א פארלוירענער מענטש! נאָר כארפעס און בושעס האָט זי, נעבעך, אלע טאָג פון זײַנע מײַסעס. אזוי וועט זי זײַנער פּאָטער ווערן. טוט, ר׳ ארן! אויב עס וועט אײַך געראָטן, וועט דאָס זײַן א שטיק. איך מוז אהיים גיין, ווײַל מײַן ציפּרע איז, נעבעך, גאָר ניט געזונט; זי ליגט אלץ אין איין פײַער, זינט דער אוקאז איז געקומען, און שרײַט פונעם פײַער: געוואלד, מע נעמט בא איר אוועק איר קינד. זײַט געזונט! אז ציפּרען וועט אביסל בעסער ווערן, וועל איך ווידער קומען צו אײַך (פינכעס גייט אוועק).

ארן. הער נאָר, פערעלע, איך טאָר מיך ניט פארלאָזן אף זײַן שיקן, איך מוז דעם מעשאָרעס שיקן כאנציען אהער רופן און טאקע דעם נאכמען דעם גרויסן טײַ־קעף אויסקליידן. איך וועל הייסן אָנגרייטן אלטע זאכן גאנצע פון נאכמענס וועגן.

8־טע סצענע. אין ניביוואלע בא פינכעס דעם רויטן אינדערפרי דינסטיק.

כאנציע. (לאכט) דו זאָלסט געוועזן הערן, ווי ער האָט געשפרונגען פאר סימכע, און זאָלסט געוועזן זעען זײַן זינגען: „פרומעלע מײַן, פרומעלע זיס, א קאפּאָרע זאָל איך ווערן פאר איר פיס", — וואָלסטו געהאט א גאנץ יאָר צו לאכן. וואָס, זאָגט ער, פרומעלע מײַן, פרומעלע פײַן, זאָל נאָר א פּיפּס טון, וועל איך ניט א טראָפּן, ניט א קאפּ בראנפן נעמען אין מויל ארײַן, כא, כא, כא (זי לאכט), אז איך האָב אים גע־וואָלט ארופבערענגען, ער זאָל זיך פארשרײַבן אליין פאר א רעקרוט, האָב איך אים קלוימערשט געגעבן א פינגערל, וואָס עס איז ווערט א גראָשן. איך האָב אים גע־זאָגט, פרומעלע האָט אים דאָס געשיקט (זי לאכט) כא כא כא, האָט ער דאָס אביסל אָנגעהויבן צו קושן, און ווידער געשפרונגען, „פרומעלע מײַן, פרומעלע פײַן" גע־זונגען, און איז געוועזן גאָר־גאָר העט ארופצופליִען אין הימל ארײַן.

פרומעלע (איז שטארק פארטראכט און הערט פאָרט צו איטלעכס וואָרט און קוקט ארויס פונעם פענצטער). נו, אז איר האָט אים געזאָגט, ער זאָל זיך אליין פארשרײַבן פאר א רעקרוט, נו, וואָס האָט ער געענטפערט?

כאנציע. כא כא כא (זי פארהוסט זיך לאכנדיק) האָט ער זיך גאָר מעיאשעוו געווען, מיינסטו? ניט א מינוט! „פון פרומעלעס וועגן, אז מײַן פרומעלע הייסט, גיי איך אין פײַער ארײַן, אָדער אין וואסער ארײַן טייקעף. פרומעלע איז זיס, א קאַפּאָרע זאָל איך ווערן פאר איר פיס". דאָס האָט ער געזונגען און געשפרונגען, ווי א מעשוגענער, און אלץ געקושט דאָס מעשענע פינגערל.

פרומעלע. עפשער האָט ער געמיינט, דאָס פינגערל איז א טײַערס; ווער ווייסט, וויפל דאָס פינגערל איז בא אים אײַנגעשאצט?

כאנציע: וואָס רעדסטו, מײַן קינד, — אין דער פינצטער, ער האָט דאָס גאָר ניט אָנגעקוקט אפילע, נאָר וואָס איך האָב אים פירגעזאָגט, אז פון פרומעלעס האנט איז די פינגערל, האָט ער געקושט און געקושט. דו זאָלסט געווען זעען זײַנע האווײַעס, וואָלסטו געלאכט און דיך בא די זײַטן געהאלטן. אזא מאיאַסעניק! וואָס טויג אים געלט, וואָס טויג אים עפעס! „פרומעלע מײַן, פרומעלע פײַן, פרומעלע איז שיין, פרומעלע איז זיס, א קאַפּאָרע זאָל איך ווערן פאר איר פיס", — האָט ער געזונגען און געשפרונגען, אז איך האָב מוירע געהאט, עמעצער זאָל ניט דערזעען. זאָג, מײַן קינד, וואָס ביסטו אזוי פארמישט און בלייך?

פרומעלע. (טוט א שווערן זיפץ) איר זײַט דאָך א קלוגע, ווי אזוי האָט איר אים ארויסגעזאָגט אזא נארישקייט, ער זאָל זיך גיין פארשרײַבן אליין פאר א רעקרוט? דאָ גייט ער דאָך אוועק אף אייביק פאר א סאָלדאט.

כאנציע. כא, כא, כא! (זי לאכט און האלט זיך בא די זײַטן) איך זאָל נאָר די מאמע ניט אופוועקן מיט מײַן געלעכטער, איך קאָן מיך ניט אײַנהאלטן פאר געלעכטער. סטײַטש, פון פרומעלעס וועגן! אז איך האָב אים געזאָגט: פרומעלע זאָגט, אז אויב דו האָסט זי ליב, וויל זי, דו זאָלסט דיך גיין פאר דער גאנצער שטאָט פארשרײַבן פאר א רעקרוט, — אף דער מינוט האָט ער מיך ארומגעכאפט (פרומעלע לייגט אוועק דעם זאָק ארבעטן און זיפצט שטארק, און איז זייער בלייך און הערט זיך גוט צו), איך שעם מיך צו זאָגן, און גיט מיר א קוש. טייקעף, אז פרומעלע איז מײַן, פרומעלע פײַן הייסט, גיי איך גאנץ פרי און כאסמע מיך פאר א רעקרוט. און האָט מיר צוגעזאָגט, אז גאנץ פרי, וועט ער דאָ פארבײַגיין מיט דער סיפליקע[1] גרייטערהייט געכאסמעט. איך וויל דיך נאָר זעען און זאָגן „גוט מאָרגן" (זי טוט א קוק ארויס פונעם פענצטער) זע נאָר, אָט גייט ער, די צאָרע, אויסגעפוצט ווי צום טאנץ און קוקט טאקע גלײַך אהער. אזא לייד, אזא צאָרע טרעפט זיך ניט אין דער גאנצער וועלט! קוק אים נאָר אָן, ער מיינט, די וועלט איז זײַן. כא, כא, כא (זי לאכט און פארשטעלט זיך דאָס מויל), קוק נאָר, ווי אזוי ער איז אויסגעשטשאָגלט, ווי עפּעס רעכטס מישטיינס געזאָגט, — קראָפּעווע וואקסט הויך, — ווי מעכוערע[2] ער איז, גאנץ טשאקנדיק, אויסגעצוואָגן די פּייעלעך. וויי איז דער מאמע, וואָס האָט אזא צאָרע, א גוט קאַדעשל! זע נאָר, אָט קומט ער נעענטער, איך מוז מיר צוהאלטן דאָס מויל, איך זאָל אים ניט לאכן אין די אויגן ארײַן (פרומעלע ציטערט ווי אײַנע, וואָס האָט קאדאָכעס און רוקט זיך פּאָרט צו צום פענצטער).

פרומעלע. (טוט א זיפץ) וואָס זאָל איך טון, זאָל איך אים ענטפערן „גוט יאָר"?

כאנציע. (לאכט און האלט זיך צו דאָס מויל) כא, כא, כא, ענטפער אים קלוימערשט, (מע זעט אינעם פענצטער נאכמענען גיין זייער גוט אָנגעטון, אויסגעצוואָגן, א שטעקעלע אין דער אײַנער האנט, אין דער אנדערער האנט האלט ער א פּאפיר. ער גייט פאר די פענצטער און טוט א שאָקל מיט א

1) ביטבריוו, מעלדונג — (אז ער גיט זיך אײַן פאר א רעקרוט). 2) מיִעס.

סימכע און אביסל ד׳ערשראָקן דעם קאָפּ און זאָגט: „גוט מאָרגן״. פרומעלע קוקט שטארק צו אים און זאָגט ציטעריק: „גוט יאָר״) נו, שוין, ביסטו איבערגעקומען די גאנצע זאך, און פּאָטער (זי זעט, פרומעלע איז זייער בלייך און וויל זיך אנידערלייגן אף דעם אָנשפאר פונעם בענקל). וואָס איז דיר, פרומעלע? האָב קיין מוירע ניט, קיינער וועט ניט וויסן. ער האָט מיר געשוואָרן, אז ער וועט קיין שום מענטשן ניט זאָגן ניט א וואָרט. אָ, דערוף בין איך שוין באָרוך־האשעם קיין נאר ניט, איך האָב באוואָרנט (פרומעלע זיפצט שווער, און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן). גלייך דו ווייסט, וואָס פאר א טויווע דאָס איז פאר דער שטאָט, אזא מאיאסעניק פּאָטער צו ווערן אף אייביק! ווייסטו, וואָס ער האָט אביסל געטון נעכטן? מיין מאן איז געגאנגען איבערן גאס אין זיין מאסע־אומאטן [1]), קומט דער מאיאסעניק פון הינטן און גיט מיין מאן א שנאָל אין דער גוליע אריין און טוט א שפרונג אוועק. נו, ווי כאפּט מען אזא שפּרינגער? מיין מאן איז מעווייעש געוואָרן און האָט שיר געכאלעשט.

פ ר ו מ ע ל ע. (טוט קאם אזוי־ווי א לאַך) נו, דאָס איז פון יונגע מענטשן אקאטאָוועסל! אָבער אן ערלעכער, גוטער יונג איז ער דאָך; אָבער קיין שלעכטס, כאָלילע, האָט מען פון אים קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט. ער איז פּארשארט [2]) זי ווערט ווידער גאָר שטיל און בלייך און שטארק פינצטער, האַלט מיט איין האַנט זיך בײַ דעם הארצן, מיט דער אַנדערער האַנט האַלט זי זיך צו דעם מויעך און זיפצט שטארק).

כ א נ צ י ע. האָב מיר ניט פאריבל, יונגער סייכל! שטייטש, אז ניבעוואלע זאָל זיין א רעכטע שטאָט, וואָלט מען ניט געדארפט כאפּן אזא יונג און אָפּשמייסן! מיין מאן איז דאָך פּאָרט פארנעס־כויד׳ש און אן אלטער באלעבאָס אין שטאָט. זאָג נאָר, פרומעלע, ערשט האָסטו געלאכט און עפּעס ביסטו ווידער פארטראכט און זיפצסט, און דו ביסט אזוי טויט און אזוי פינצטער, א, וואָס, די מאמע איז נעבעך ניט געזונט? איך וויל דיך ווידער לאכנדיק מאכן, אז איך וועל דיר נאָך אמאָל דערציילן, ווי דער מאיאסעניק נאכמען האָט מיך ארומגענומען און האָט מיך א קוש געגעבן, האָב אים א רועך! ער האָט מיך שיר פארברענט מיט זיין פּיסק. אז־איך בין אמאָל געוועזן א יונג ווייבל, — שקאָדע [3]), וואָס איך בין היינט אן אלטע יידענע,—בין איך אמאָל אויך שיין, ווי דו קוקסט מיך אָן, געוועזן. מיין מאמע איז געוועזן א קרעמערן, פלעגן קומען פּריצים און פּריצעטעס: אָ יאקע טאָ פּיענקי—אָ, יאקע טאָ לאדנע. [4]) אמאָל איז, הערסטו, אריינגעקומען א יונגער פּאָרעץ, א שיינדיקער, און איז צוגעפאלן און האָט מיך, הערסטו, א קוש געטון, האָב איך דיר א גאנצן טאָג געוויינט. מיין מאמע, א גוטע מעליצע [5]) זאָל זי זיין, האָט מיך אויסגעשטראָפּט, הערסטו, מיט די ווערטער: מיין קינד, לאָז זיך דיר דאכטן, א הונט האָט א לעק געטאָן. נאָר דאָס געדענק איך, אז דער יונגער פּאָרעץ האָט מיר אויך אזא הייסן קוש געטאָן ווי פייער, האָב איך מיך נעכטן דערמאנט דאָס, וואָס מיין מאמע האָט מיר געזאָגט: אָט לאָז זיך דיר דאכטן, א הונט האָט א לעק געטאָן. גאָט וועט מיר דערפאר ניט שטראָפן; גאָט ווייסט דעם עמעס, אז איך האָב נאָר געטון, אבי די שטאָט צו פּאַטערן פון א נעקרוט. עפּעס א קאטאָוועס, זינט פריַיטיק אָן וויינען אלע מאמעס, וואָס האָבן קינדער! (פרומעלע ברעכט די הענט, זיפצט און איז זייער בלייך און פינצטער, און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. זי וויל עפּעס זאָגן און קאָן

1) געשעפט. 2) אקסנפעלד ניצט עטלעכע מאָל דאָס וואָרט אין זין פון „פארשייט״. 3) א שאָדע. 4) וואָס פאר א שענקייט! 5) א פארטיידיקערן, א גוטס־זאָגערן אף יענער וועלט.

דאָס מויל ניט עפענען; דער קאָפּ הענגט אַראָפּ). זאָג, מײַן קינד, וואָס זיפצסטו? געלויבט צו גאָט, ווי דאָס פײגעלע האָט געזאָגט: מײַן מאמע האָט קיין קינדער ניט געהאַט, איך וועל אויך קיין קינדער ניט האָבן. דײַן מאמע האָט, באָרעך־האשעם, קיין ייִנגלעך ניט, וואָס דארפסטו דיך צו זאָרגן? אָט קומט דער טאטע, וועט ער אונדז דערציילן, וויאַזוי דער מאיאסעניק נאכמען האָט אָפּגעגעבן דאָס פּאפּיר אין הויף (פּינכעס דער רויטער קומט אַרײַן און לייגט אנידער דעם קאַפּעליוש. ער קוקט זיך ניט צו צו פרומעלען, זי הייבט זיך קאַם אויף און וויל הערן, וואָס ער וועט דערציילן, זעצט זיך זוריק אף דער קאנאַפּע. זי איז בלייך ווי א טויטע און פאַרשרומפּן דאָס מויל. די אויגן זײַנען ווי פאַרגלייזט, און ברעכט די הענט).

פּינכעס. נו, כאנציע, איר זייט א באַל־מעלאָכעטע! [1]) איר זאָלט געוועזן זען, ווי דער נאכמען איז געקומען גלײַך אין הויף אַרײַן, ר' ארן איז אויך דערבײַ געוועזן. דער סאר [2]) האָט געמיינט טכילעס, עס איז עפּעס רעכטס, און דער קאַפּיטאַן ספּראווניק [3]) איז גראד געוועזן בא אונדזער גראף. איר ווייסט דאָך, אז בעניהעם [4]) איז דאָך אלץ מיט גרויס דערעכערעץ; — האָט דער ספּראווניק געזאָגט: גראף ניבי־וואלסקי, עמעצער איז צו דיר געקומען, האָט מען דאָ אַרײַנגעלאָזט דעם באָכער. ער האָט טאקע געשײַנט, (פרומעלע מאַכט צו די אויגן און האַלט זיך מיט דער האַנט באַם הארצן און ציטערט, בלייך, פינצטער ווי די ערד). גיט ער דעם ספּראווניק דאָס פּאפּיר און זאָגט מיט אזא כיישעק נאָך דערצו: איך וויל זײַן א רעקרוט פאר דער גאנצער שטאָט (פרומעלע טוט א שאָקל און אַ טרעס מיט זיך ווי א כוילע־נויפל [5])), און רעדט נאָך מישטיינס־געזאָגט, אזוי גוט פּויליש דערצו. ר' ארן און איך האָבן מיר גאָר געציטערט, ווי דער ספּראווניק און דער גראף האָבן אים אָנגעהויבן אָפּצורעדן: שטײַטש, אזא שיינער מענטש, אזא יונגער מענטש, זאָל זיך אליין אוועקגעבן אף זײַן גאנצן לעבן פאר א סאָלדאט (פרומעלע ווערט ווי פאַרמישט, און דאָס מויל איז איר פאַרצויגן, זי טוט ווידער מיט זיך א שטאַרקן טרעס). הערסטו, פרומעלע, דו הערסט ניט? ענטפערט דער באָכער: דאָס, וואָס איר זאָגט מיר, ווייס איך אליין, נאָר איך וויל אזוי, איך טו דאָס מיט גרויס כיישעק, איך האָב דערפון גרויס האנאָע. פארשווארצט איז די מאמע, וואָס האָט אזא זון! ער האָט אביסל געעפענט די פּאָשטשעקע און האָט געזאָגט, ער וויל זײַן א נעקרוט פאר ליבשאפט. קיינער האָט ניט פארשטאנען, וואָס ער מיינט, נאָר מיר (פרומעלע עפנט די אויגן און ציטערט מיט הענט און פיס). נו, האָט מען אַרײַנגעבראכט די גוטע, שווערע אײַזערנע קייטן און מע האָט דעם גוטן נאכמענען אָנגעטאָן אף ביידע פיס (פרומעלען באשלאָגט א קאלטער שווייס, זי פארווארפט דעם קאָפּ), און צוויי סטאָראָזשעס גוים צוגעשטעלט צו אים; טייקעף געשיקט נאָך קאָהאָל, זיי זאָלן וויסן דערפון. מיינט איר, מײַן נאכמען האָט זיך עפּעס דערשראָקן, אָדער ער איז אומעטיק געוואָרן? (פינכעס איז אזוי טאָרעד [6]) כאנציען די מײַסע צו דערציילן, אז ער זעט גארנישט צו פרומעלען. זי ווערט צונויפגעיויקלט, און איז ווי א טויטע, נאָר הערט אלץ וואס פינכעס, דער פאָטער, דערציילט, און גיט זיך א וואָרף אלע מאל ווי א כוילע־נויפל, אז די סליונע גייט איר פונעם מויל, און טוט דאָ בא די ווערטער א זיפץ). כאָלילע, ווי צום טאנץ איז ער געגאנגען! דער גראף האָט אים געגעבן א טרונקבראָנפן. האָט ער געזאָגט, ער טרינקט ניט א קאפּ, ניט א טראָפּן, פון נעכטן אף דער נאכט אָן (פרומעלע עפענט די אויגן). זאָרגט אייך ניט, כאנציע, איך בין ניט אוועקגעגאנגען פון דאָרטן, ביז דער ספּראווניק האָט אים געהייסן אין די שווערע קייטן

[1]) א מײַסטערן. [2]) האַר; דאָ: דער פּאָרעץ, וואס צו אים געהערט דאס שטעטל. [3]) פּאָליציי־שעף [4]) צווישן זיי. געמיינט: צווישן די „גרויסע לייט". [5]) איינער, וואס האָט די פאליקע (падучая). [6]) פארטאָן.

ארופליִיגן אף א וואָגן מיט 2 סטאָראָזשעס, און דעם ייִדן לאָווטשע [1]), גאוואַלד שער, רערצו מיט א ראפאָרט אוועקגעשיקט אין גאָראָד אריין. אָהאָ, ער איז שוין אף דעם וועג; פון דאָרט וועט ער שוין אייביק ניט צוריקומען (פרומעלע טוט ווידער א טרעס מיט זיך איינגאנצן און ווירט זיך שוין דערנאָך ניט, נאָר זי הערט גאָך אפאָנעם. פינכעס איז אָבער אלץ טאָ-רעד כאנציען צו דערציילן און זעט גאר ניט אהין צו פרומעלען. כאנציע איז אויך טאָרעד צו הערן און האט גרויס האנאָע דערפון). דער גאנצער הויף האָט זיך פארוואונדערט אף דעם כיישעק פון נאכמענען, א שיינער יונג איז ער צום שלימאזל (פרומעלע כאָרכלט און איז גאָר אויסן געבליבן. פינכעס קוקט זיך אום צו איר און ווערט זייער דערשראָקן). ווי איז מיר, פרומעלע, וואָס איז דיר, ביטער איז מיר, כאנציע, זעט נאָר! ער ברעכט די הענט און גייט צו צו איר און גיט גיט זיך א זעץ מיט ביידע הענט אין קאָפ אריין). איר זעט ניט, זי איז דאָך גאָר פארביי; ווי און אָך איז מיר, כאנציע, גיכער!

פרומעלע. מיט שטארקן הויכן געשריי, ווי איינער וואָס מע גיט אים מיט א האַק א זעץ אין קאָפ אריַין) אוי! (און פאלט אראָפ פון דער קאנאפע אף דער ערד ווי א קלאָץ. פון דעם שטארקן געשריי האָט זיך ציפרע אופגעכאפט פונעם שלאָף און קומט אריַין צולויפן באָרוועס, אין א צעוואָרפענע פאטשיילע, ניט צוגעבונדן, אף איר קאָפ; א קליידל, וואָס זי האָט געכאפט אף דעם הוילן העמד, האָט זי איין פאָלע פארטשעפעט, זי איז זייער דערשראָקן אין קראנק, דערצו איז זי זייער בלייך, כאָטשע זייער שיין, נאָר גאָר טאקע ווי א ווילדער מענטש לויפט זי ארוף אף פרומעלען. כאנציע און פינכעס זיַינען אויך זייער דערשראָקן. אלע דריַי שריַיען און ווייסן ניט וואָס צו טון. פרומעלע ליגט אויסגעשטרעקט אף דער עוד. מע רײַסט זי, מע שריַיט איבער איר; זי רירט זיך ניט. דערנאָך טוט זי נאָך א זאָג מיט א לאָשן, וואָס מע פארשטייט קאָם) מיַין נאכמען, מיַין נאכמען, איבער מיר, יאָ, איך בין דיַין, (נאָכדעם טוט זי א כאָרכל און הערט אוף צו לעבן).

ציפרע. (שריַיט ווי אן אומגעהיַיער און רײַסט זיך באם פאָנעם). מיין איין־איינציק קינד, מיַין פרומעלע, מיַין איין־איינציק קינד איז געשטאָרבן! (זי בלייַבט כאלעשן).

פינכעס. (שריַיט מיט א געוויין, וואָס רײַסט דאָס הארץ) געוואלד, ראטעוועט מיַין וויַיב ראטעוועט מיַין קינד; געוואלד, ראטעוועט, ראטעוועט! (דאָ זיַינען אריַינגעלאָפן פון דער גאס א פולע שטוב מיט מענטשן, און די שטוב איז באלעגערט; די מענטשן פאָרען זיך מיט פרומעלען און וויַיזן אייגער צום אנדערן, זי איז שוין טויט ווי אלע טויטע, און די וואָס פאָרען זיך מיט ציפרען, מינטערן זי. פינכעס לויפט איבער דער שטוב און צום פענצטער און שריַיט מיט א ביטער געוויין) געוואלד, וואָס פאר א שלאק, געוואלד, בימער איז מיר! (ער שלאָגט זיך אין קאָפ אריַין) לויפט נאָך דעם סארס דאָקטער, לויפט נאָך ר' ארענען, געוואלד, ווי און ביטער איז מיר!

כאנציע. (פאָרעט זיך שטארק מיט ציפרען צו מינטערן, שטופט זיך דורך וויינענדיקערהייט. די הענט ברעכט זי און שלאָגט זיך אין הארצן אריַין און אין קאָפ אריַין און יאָמערט הויך) ביטער איז מיר, אז אָך און ביטער! איך, איך בין געוועזן איר מאלעכאמאָוועס, טאקע נאָר איך! זיַי מיר מוחל, איך האָב דיך ניט רעכט געקענט, איך בין אן אלטע נארישע ייִדענע; איך האָב פארגעסן, אז דו ביסט נאָך יונג בלוט! ציפרעלע, ווי איז מיר, אייַער איין־און־איינציק קינד, ווי איז מיר און פינצטער, ראטעוועט, כאָטש ציפרען; פרומעלע איז א מעס, פרומעלע איז שוין געשטאָרבן. (זי שריַיט אזוי הויך איבער ציפרען די הינטערשטע ווערטער מיט אזא יאָמערדיק קאָל בעשאס מע מינטערט זי, אז ציפרע עפנט די אויגן. די אויגן און דאָס גאנצע פאָנעם איז אזוי ווילד, אזוי נישטאנע [2]) געוואָרן, אז זי זעט אויס ווי א מעשוגענע).

ציפרע. (וואַרפט אראָפ מיט קאָס די פאטשיילע פונעם קאָפ, וואָס כאנציע האָט איר צוגעבונדן, און בלייַבט באָרהייפטיק [3]), מיט א לאכנדיק־וויינענדיק קאָל) כא, כא, כא, א מיידעלע, א מיידעלע

---

1) א כאפער, א ספעציעלע אמט, וואָס קאָהאָל האָט אייַנגעפירט צו כאפן רעקרוטן. 2) פארענדערט.
3) מיט א ניט־צוגעדעקטן קאָפ.

זאָל ניט! א מיידעלע זאָל גיין אין כיידער אריַין. דער בעהעלפער איז געקומען נאָך דיר. אדי[1], פרומעלע, א מיידעלע, א מיידעלע, אדי, פרומעלע, א מיידעלע זאָל ניט! אדי, פרומעלע, גיי אין כיידער אריַין. פרומעלע, דו לעבסט (זי ציטערט ווי איינע, וואָס האָט קאדאָכעס). קאלט, וואַרעם, קאלט, אדי, מיידעלע, א מיידעלע זאָל גיין אין כיידער אריַין, כא, כא, כא (זי פלעסקעט מיט די הענט און וויינט און לאכט גאָר ניט מיט איר קאָל, און וויל זיך א וואָרף טון אף דער געשטאָרבענער פרומעלען, קומט אריַין דער דאָקטער מיט ארענען. דער דאָקטער גייט צ צו פרומעלען, טאפט און זוכט דעם דויפעק, ער טוט א מאך מיטן קאָפּ און מיט די הענט, אז דאָ איז שוין גאָר ניט צו ראטעווען. זי איז טויט,—וויַיזט ער, און רופט ארענען, ער זאָל הייסן ציפּרען אוועקטראָגן אין אנדערן כיידער אריַין. זי לאָזט זיך ניט און שלאָגט און לאכט און וויינט, מע נעמט זי אָבער מיט געוואלד. זי שריַיט מיט א מעשונע קאָל, מע טראָגט זי אהין אריַין און פארשליסט די טיר. דער דאָקטער גייט אויך אהין אריַין. ר׳ ארן שטייט און שושקעט זיך מיט כאנציען. כאנציע מאכט מיט די הענט און וויַיזט אף איר הארץ; זי שלאָגט זיך אין קאָפּ אריַין. ארן ווערט בלייַך ווי די וואנט און איז זייער דערשראָקן. דערוויַיל קומען צו גיין כעוורע שאמאָסים, נעמען פרומעלען און הייבן זי אָפּ און זאָגן, וואָס מע זאָגט בא א מעס, לייגן זי מיט די פיס בא דער טיר אף עטלעכע שטרויען, און דעקן זי איבער מיט א שווארצן. אלע, וואָס שטייען דאָ, שושקען זיך איינער מיטן אנדערן, כאנציע האָלאָסעט[2] און יאָמערט).

א ר ן. (גייט-צו צו פינכעסן, וואָס שלאָגט זיך אין קאָפּ אריַין און וויינט און שריַיט) ליבער, גוטער ר׳ פינכעס, א גרויס אומגליק, א ביטערער שלאק! ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אז פרומעלע האָט טאקע נאכמענען ליב, און דערפאר וואָס ער האָט זיך מאכדעוו געוועזן פאר איר, איז ער נאָך איר טיַיערער געוואָרן! איך האָב געטון נאָר מיטן סייכל און האָב פארגעסן, אז דאָרטן, ווו דאָס הארץ פילט, הערט אוף דער סייכל. איך וויל בעסער שוויַיגן, וואָרעם אין אזא שטעטל איז עס נאָך א שטיקל בושע אויך. איַיער אומגליק טוט מיר אקוראט אזוי וויי עפשער ווי איַיך. א ביטער אומגליק, א ביטערער שלאק פון גאָט!

פ י נ כ ע ס. (גיסט מיט טרערן און יאָמערט און שריַיט) מיַין איין־איינציק קינד, מיַין טיַיערע, גוטע, שיינע פרומעלע, וואָס ווארפסטו אונדז אוועק? דו ביסט גערעכט, איך וואָלט געדארפט דיך פרעגן, איך וואָלט געדארפט די מאמע צו פרעגן פריִער, אויב איך זאָל דאָס טון. יאָ, איך בין שולדיק! (ער שלאָגט זיך מיטן קאָפּ אין דער וואַנט אריַין און וויינט און יאָמערט הויך). וווּהין איך קער מיך, איז מיר אָך און וויי. דאָ ליגט מיַין איין־איינציק קינד מיט די פיס צו דער טיר (פון דרויסן און פון אינעווייניק הערט מען א גרויס געיאָמעריַי מיט א געוויין); דאָרט איז ציפּרע שלאָף און מעשוגע געוואָרן פאר צאר. (ער גייט אזוי האָלאָסעדיק אריַין צום אלקער. מע עפנט אים און מע לאָזט אים אריַין. מע הערט, דער דאָקטער לאָזט איר צו דער אָדער, און זי, ציפּרע, שריַיט, וויינט און לאכט: א מיידעלע, א מיידעלע זאָל גיין אין כיידער אריַין. ארן גיט געלט די כעוורע-שאמאָסים און וויַיזט מע זאָל גיכער צונעמען דעם מעס, קעדיי מע זאָל קאָנען יענע ראטעווען, און גייט אוועק פון פינכעסעס שטוב אהיים).

כ א נ צ י ע. (זיצט אף דער ערד לעבן מעס, א ליכט ברענט צוקאפּנס, און וויינט הויך מיט א געיאָמער, מיט א געשריי, און שלאָגט זיך מיט ביידע קולעקעס אין הארצן אריַין) פרומעלע, די שיינע פרומעלע, די גוטע פרומעלע, די קלוגע פרומעלע, אז אָך און וויי איז מיר, ביטער און זויער! דו ביסט א קאָשער, א ליכטיק קינד, ווינד איז מיר און אָך און וויי! איך בין כאיעוו[3], איך בין שולדיק, איך אליין האָב דיר דערציילט, ווי ליב ער האָט דיך געהאט, אז ער איז צוליב דיר געגאנגען פאר א נעקרוט, (זי רייַסט זיך מיט א קאָל, מיט א געיאָמער און לייגט דעם קאָפּ צו צום מעס). א פארשארטער יונג איז ער געווען,

---

[1]) אדיע. [2]) שריַיט. [3]) שולדיק.

נאכמען, אָבער קיין שלעכטס האָט ער קיינעם ניט געטאָן, האָסטו מיר געזאָגט, אז אָך און ווי איז מיר און ביטער! איך האָב דיר דערציילט, ווי ער האָט געשפּרונגען אין דער הויך, אז איך האָב אים געזאָגט, פרומעלע וויל זײַן דײַן קאלע, ביטער איז מיר און פינצטער און ווינד איז מיר און ווי! איך האָב דיר אליין דערציילט, אז איך האָב אים געזאָגט: נאכמען! פרומעלע זאָגט, דו זאָלסט זיך אליין שטעלן פאר א נעקרוט. האָט ער געזאָגט מיט א סימכע: טייקעף, זארעס! ווי איז מיר און אָך און ווינד איז מיר! אז איך האָב דיר אליין געוויזן, ווי ער האָט געשײַנט, אז ער איז פירגעגאנגען פאר דײַנע פענצטער און האָט דיר געזאָגט „גוט מאָרגן”, און דו האָסט אים געזאָגט „גוט יאָר”, ווי און אָך און ווינד איז מיר און ביטער! עס האָט דיר אפילע ניט קיינער צו באוויינען; די מאמע איז פאר צאָרעס מעשוגע געוואָרן, און דער טאטע מוז זיך פּאָרען מיט איר (זי רײַסט זיך באם פּאָנעם און שלאָגט זיך אין הארצן ארײַן און וויינט און קלאָגט. אז זי ווערט אביסל שטיל, הערט מען פונעם אלקער ציפּרען לאכן: כא, כא כא, א מיידעלע, א מיידעלע זאָל גיין אין כיידער ארײַן! און מע הערט פינכעכעס וויינען און האָלאָסען אר בעטן דעם דאָקטער, ער זאָל ראטעווען. וויל כאנציע ווײַטער אָנהייבן צו קלאָגן און צו יאָמערן, ווערט א גערעדערײַ צווישן אלע מענטשן, וואָס דערשרעקן זיך דאָ).

אלע. לאָזט דורך מאכליע די בלינדע; נאכמענס מאמע גייט, לאָזט זי ארײַן אין שטוב ארײַן!

מאכליע. (זייער א שיינע עלטערע יידענע, א הויכע, די אויגן זײַנען צו, א מיידל פירט זי, זי גייט אָנגעטאָן א ציצענעם שלאָפראָק, א ווײַסן, אין א שלייער, מיט א רויטער יאמפּערקע, קיין ברוסטוך אָדער א קלייד זעט מען נישט, ווײַל דער שלאָפראָק איז צו ביז ארויף. איר פּאָנעם איז מיט גרויס קאָס, זי ציטערט און פלאטערט פאר קאַס. מיט איין האנט האלט זי זיך אָן אין דעם מיידל, וואָס פירט זי, די אנדערע האנט האלט זי אין דער הויך, ווי א קולעק געמאכט, אזוי ווי מע וויל עמעצן שלאָגן. אזוי קומט זי ארײַן אין שטוב ארײַן און בלײַבט מיטן מיידל, וואָס פירט זי, שטיין בא דער טיר. זי זאָגט מיט א וויינענדיק קאָל און מיט ציטערדיקן קאָס, מיט אזא געשריי, אז אלע ווערן זייער דערשראָקן. דער דאָקטער עפנט אוף די טיר פון אלקער און גיט א קוק ארײַן, און דאָ הערט מען ציפּרען לאכן און שרײַען: א מיידעלע, א מיידעלע) ווו איז זי די שלעכטע אכבראָשטע [1]), די כאנציע, די פאלשע כאנציע? גיב מיר אָפּ מײַן קינד, מײַן איין־איינציק קינד, מײַן זון! מײַן נאכמענען, מײַן שײַנענדיקן זון האָט מען דורך דיר אוועקגעפירט פאר א נעקרוט (זי לאָזט אָפּ דאָס מיידל און שטרעקט אויסביידע הענט און זוכט אַרום זיך, און טאפּט ארום). גיב מיר אָפּ, אכבראָשטע, ווו איז זי, די פאלשע שלאנג? גיב מיר אָפּ מײַן זון, מײַן שײַנענדיקן נאכמענען! איך וויל דיך צערײַסן ווי א הערינג, מײַן קינדס מאלעכאמאָוועס, גיב מיר אָפּ מײַן זון, גיב מיר אָפּ מײַן זונס קאלע, די שיינע פרומעלע, גיב מיר אָפּ מײַן קינד, מײַן איין־איינציקן בעניאָכיד! ער איז געווען א פארשײַטער יונג, אָבער א גוטער יונג, א שײַנענדיקער יונג, מײַן קינד. שלאנג, כאנציע, אכבראָשטע, ווו איז זי? (זי וויינט און שרײַט נאָך שטארקער און ציטערט מיט הענט און פיס און מיט דעם גאנצן גוף) מײַן קינד זאָלסטו מיר אָפּגעבן, מײַן קינדס קאלע גיב מיר אָפּ! איך האָב דאָס פינגערל, וואָס ער האָט מיר באנאכט געשיקט, און א בריוול, וואָס ער האָט מיר געשיקט, איך זאָל עס עורשט איבער־מאָרגן עפענען. שלאנג, כאנציע, יימאכשמויניצע, פאלשעניצע, מײַן בעניאָכיד גיב מיר אָפּ! (זי טוט א טרעט נעענטער, טרעט זי אָן דעם מעס. די כעוורע־שאמאָשים שטופּן זי אוועק און זאָגן איר: מע טאָר ניט טרעטן אף א מעס) לאָזט מיר, לאָמיך כאָטש אָנטאפּן די טויטע קאלע פון מײַן זון, פון מײַן בעניאָכיד. דו האָסט דיך ניט צו שעמען, פרומעלע, מײַן זון

---

1) א זידלוואָרט.

קומט ארויס פון גרויסע לײַט; מײַן ערשטער מאן איז געווען ר׳ שלוימע כארעף, א גרויסער אוישער און א גרוישער כאָשעוו בא אלע סראָרעס. יאָ, זײַן פאָטער איז געוועזן דער גרעסטער מעיוכעס צווישן יידן. נאכמען קאָן אויך לערנען און שרײַבן, און איז א שײַנענדיקער יונג. גיט זי מיר אהער מיר די שלאנג, די פאלשע כאנציע, די יימאכשמויניצע, די אויכערטע [1] ווו איז זי? (זי פאלט אנידער כאלעש איבערן מעס).

---

1) פארדארבערן.

אײַזיק־מײַער דיק

(1814 ?[1]—1893)

א. מ. דיק איז געבוירן אין ווילנע. גענוי די דאַטע פון זײַן געבוירן איז נישט באַקאַנט; פאַרשידענע ביאָגראַפן גיבן אָן פאַרשידענע יאָרן: פון 1803—ביז 1815. זײַן פאָטער איז געווען א טוווע־הענדלער, א פרומער ייִד (כאַזן אין א שולכן) און ער האָט דערצויגן דעם זון פרום־ייִדישלעך אין כיידער און בא דער געמאָרע. א. מ. דיק האָט פרי כאַסענע געהאַט קײַן זופראַן. זײַן ערשטע פרוי איז אים פרי פאַרשטאָרבן, און ער האָט כאַסענע א צווייט מאָל קיין נעסוויזש, געווען א שטיק צײַט אַן איידעם אף קעסט. אין נעסוויזש האָט ער זיך באַקאַנט מיט א קאַטויליִשן גײַסטלעכן און שטילערהייט געלערנט בא אים דײַטש. שפּעטער האָט ער זיך אויס־געלערנט אביסל רוסיש און פּויליש אויך. א לאַמדן אין ייִדישן זינען איז ער געווען שוין פון די יוגנט־יאָרן.

סאָף די 30־ער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין ווילנע און דאָ געלעבט די ער־שטע צײַט פון געבן העברעיִשע שטונדן. ער איז געווען אײנער פון די פּיאָנערן אין דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין ווילנע; באַטייליקט זיך אין צונויפשטעלן דעם מעמאָ־ראַנדום וועגן פאַרבאָטן די אַלטפרענקישע ייִדישע קליידונג (1843), קאָרעספּאָנדירט מיט דעם בילדונג־מיניסטער אוּוואַראָוו וועגן דער ייִדישער שול־רעפאָרמע א. אז. וו. פאַר זײַן האַסקאָלע־פּראָפּאַגאַנדע איז ער אסאַך אויסגעשטאַנען פון ווילנער אָרטאָ־דאָקסן: מע האָט אים פאַרמאַסערט צו דער מאַכט, און א קורצע צײַט איז ער געזעסן אַרעסטירט. שפּעטער איז ער געווען לערער אין דער ערשטער ייִדישער מאָדערנער פאָלקסשול, וואָס איז געגרינדעט געווען אין ווילנע דאָס יאָר 1841. אזוי ווי א גרוי־סער טייל פּיאָנערן פון דער האַסקאָלע האָט זיך א. מ. דיק געפירט באַלעבאַטיש־ייִדישלעך, געהאַלטן, אז האַסקאָלע קאָן און דאַרף זיך פּאָרן מיט א „געלײַטערטער" עמונע. ער האָט געלעבט אלע זײַנע יאָרן אין דאַכקעס, דערהויפּט איז זײַן לאַגע שווער געוואָרן, ווען ס'האָט זיך פאַרמאַכט די שול, ווו ער איז געווען לערער. ער לעבט פון זײַנע פּילצאָליקע מײַסע־ביכלעך; דאָס קלעקט אָבער נישט אף דעם באַ־שיידנסטן לעבן, און זײַן פרוי העלפט אים צו מיט סאָכרערײַ און טענדלערײַ. די לעצטע יאָרן פון זײַן לאַנג לעבן פאַלט ער אַרײַן אין שווערער נויט. גוטע פרײַנט ווענדן זיך צו דער כעווורע „מפיצי השכלה" אין פּעטערבורג נאָך שטיצ פאַר דעם אַלטן, קראַנקן, פאַרדינטן פאָלקס־שרײַבער, קריגן אָבער גאָרנישט. א שטילער, א באַשיידענער האָט א. מ. דיק אָפּגעלעבט א לאַנג לעבן אין אַרבעט און אין נויט און איז שטיל אויסגעגאַנגען אין ווילנע דאָס יאָר 1893.

---

1) זע: פ. קאָן „ווען איז געבוירן געוואָרן אײַזיק־מײַער דיק" אין פילאָלאָגישע שריפטן פונעם ייִד. וויסנש. אינסטיטוט", ב וו, ווילנע, 1928, (ז. 329—344).

פאר ליטעראטור האָט זיך א. מ. דיק גענומען זייער פרי, מיסטאָמע נאָך אין די 40־ער יאָרן. ער האָט אָפּגעדרוקט א פּאָר ביכלעך אױף העברעיִש („מס' עניות", „האור, מחזה מול מחזה", „זפרונה"), איז אָבער אינגיכן אריבער צו יִדיש און האָט אָפּגעארבעט אין דער יִדישער ליטעראטור בא 40 יאָר (געכאסמעט: „אמ״ד", אָפּטמאָל אנאָנים). זײַנע ערשטע ווערק זײַנען געדרוקט נאָך אין די 50־ער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. אין די 60־ער, 70־ער יאָרן איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער יִדישער דערציילער, דערהויפּט אין ליטע, אין רײַסן.

א בען־דאָר, אײנער מוישע־קאלמן לאנדע, א געוועזענער שילער אין דער ווילנער ראבינער־שול, שרײַבט, אגעוו, וועגן דיקן דאָס יאָר 1868 (אין א קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ"): „און איידער איך וועל ענדיקן מײַן איצטיקן בריוו קאָן איך זיך נישט אײַנהאלטן נישט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן מײַן פרײַנט דעם געבילדעטן און יִדישן שרײַבער אײַזיק־מייער דיק (איש אמי״ד). דערדאָזיקער מאן מיט זיך פון זײַן יוגנט אָן ביז הײַנט פאר דעם יִדישן האמוין אופצוקלערן אים און צוציִען זײַן הארץ מיט אינטערעסאַנטע דערציילונגען. ער שוינט נישט זײַן צײַט און זײַן פען און מיט זײַן גרויסער באשיידנקייט וויל ער זײַן צווישן די דערשלאָגנסטע און געפאלנסטע. ער הייבט אוף א קריטישע בײַטש אין אלע זײַנע דערציילונגען (געשריבן אױף יִדיש־דײַטש) און מיט דער רוט פון זײַן מויל שמײַסט ער אלדאס שלעכטס, נארישקייט און פאלשע אײַנרעדעניש. ער לאָזט הערן זײַן פּאָלק זײַן שטראָף מיט קלוגשאפט און פארשטאנד אזויוי יענער דאָקטער, וואָס פארשטייט צו פארזיסן דעם רעצעפּט. ער האָט פײַנט שרײַבער־קאָוועד, וויל נישט ארויסשטעלן זײַן נאָמען, דעריבער באהאלט ער זיך (זײַן נאָמען, ב. ש.) אפילע אין זײַנע העברעיִשע ווערק".

לאנדע רופט ווײַטער אָן אייניקע העברעיִשע ווערק דיקס, דערציילט, אז דיק קלײַבט מאטעריִאל פאר א לעקסיקאָן („אוצר מלים") פון טאלמוד, מעדראָשים א. אז. וו. אין א באמערקונג רעכנט לאנדע אויס 55 געדרוקטע דיקס ווערק, וואָס ער האָט געלייענט (ביז 1868) און גיט צו: „און נאָך אסאך אזוינע, וואָס זײַנען געבויט אױף קריטיק" (געזעלשאפטלעכער. ב. ש.)[1]. די פּאָפּולערקייט פון זײַנע מײַסעס איז געווען אזוי גרויס, אז אינמיטן די 60־ער יאָרן האָט ראָמס דרוק געשלאָסן מיט אים אן אָפּמאך, און ער איז געוואָרן דער מײַסעס־צושטעלער פאר דערדאָזיקער דרוק, פלעגט צושטעלן בעערעך א דרוקבויגן א וואָך און קריגן דערפאר ביז 6 רובל. ער איז געווען דער פּרוכפּערדיקסטער יִדישער שרײַבער. זײַן ליטערארישער אינווענטאר איז ביז הײַנט נאָך נישט גענוי פעסטגעשטעלט; מע שאצט די צאָל דיקס ביכלעך פון 300 ביז 400. זיי זײַנען אסאך מאָל איבערגעדרוקט געווען. אין דערדאָזיקער צאָל איז פאראן אייגנס און איבערגעארבעטס, צומייניסטן קורצע מײַסעס פונעם יִדישן לעבנשטייגער, אויך באשרײַבונגען פון היסטאָרישע געשעענישן אין יִדישן לעבן, נאָענסטע און ווײַטע, ראָמאן־ארטיקע זאכן, אנעקדאָטן, וויצן.

אין זײַנע ווערק איז דיק א ל ע ר ע ר א פּאָלקספרײַנט. צומייניסטנס האָבן זײַנע ווערק דעם צוועק א ו פ צ ו ק ל ע ר ן דעם ברייטן עולם אױף די פעלערן פונעם יִדישן לעבן: שלעכטע דערציִונג, רעליגיִעזער פאנאטיזם און פארפרעמדטקייט צו א וועלט, דאָס יאָגן זיך נאָך געלט און קאָוועד, ייִכעס און געלט־שידוכים א. ד. גל. ער האָט זיך זײַן באלע־

[1]) זע: משה קלמן בן דוב בער לנדא „עלה נדף" אין „המליץ" 1868, נומ. 24.

באַטישן אידעאַל פֿונעם לעבן: בילדונג און וויסן, געפּאָרט מיט „וואָרער עמונע", ערלעכקייט אין האַנדלען און אין לעבן, באַשיידנקייט, פֿרײַנטלעכקייט צו מענטשן, שטיל, ערלעך פֿאַמיליִענלעבן. די צירונג פֿון דער פֿרוי איז „הערצנס־בילדונג, וואָרע יראת־שמים, מדות טובות, צניעות, דרך ארץ, טרײַשאַפֿט צום מאַן... אַ קלוגע ווירטן אין הויז, אַ קלוגע און גוטע מוטער צו קינדער און בפֿרט נאָך צו שטיפֿקינדער". פֿון דעם קוק לאַכט ער אויס און זאָגט מוסער דער הײַנטוועלטיקער פֿרוי, וואָס איז פֿאַרנומען מיט זיך און מיט מאָדעס. ער האָט אָבער אַן אויג פֿאַר דאָס סאָציאַלע אין לעבן אויך.

ער באַשרײַבט די וויסטע ייִדישע פּאַרנאָסעס, נאָך מער — דאָס ליידיקגייערײַ, און לערנט, אַז מע דאַרף זיך נישט שעמען מיט אַרבעט; פֿאַרקערט: אַרבעט איז אַ מאָראַלישער, אַ געזעלשאַפֿטלעכער מוז, אַ צירונג צו „חכמה" און „תורה". שוין אין איינער פֿון זײַנע ערשטע מעשׂיות „כײַציקל אַליין" (וואַרשע, 1864, אַ מין ייִדישער Недоросль) ווײַזט ער דעם אומקום פֿון אַ ייִדישער פֿאַמיליִע, און די וויכטיקסטע סיבה איז דאָ, וואָס מע האָט פֿאַרוואָרפֿן ערלעכע אַרבעט און אַ באַשיידן לעבן און מע האָט זיך געיאָגט נאָך האַנדל, נאָך געלט און ייִחוס. אָבער אַ „בעקאָוועדיקער סוחר" איז אין דערדאָזיקער סכעמע אויך זייער אָנגעלייגט. ער מוז אָבער פֿאַרשטיין צו האַנדלען ערלעך, זיך ניט יאָגן נאָך אַשירעס, לעבן נאָך די מיטלען נאָך און דערציִען זײַנע קינדער „צו גאָט און צו לײַט" („תורה" און „חכמה").

א. מ. דיק באַהאַלט נישט דעם מוסער־האַסקל פֿון זײַנע מעשׂיות. פֿאַרקערט, ער פּראָקלאַמירט דאָס אָפֿן: אַסאַך מאָל טרעפֿן מיר פּאָרעדעס צו דער „טײַערער לעזערן" (ער ווענדט זיך דורכויס צו דער לעזערן, נישט צום לעזער; ס'איז אַ שטיק טראַדיציִע, און פֿרויען זײַנען געווען פֿאַקטיש די אוידיטאָריִע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור יענע יאָרן און נאָך אַסאַך שפּעטער). אין דידאָזיקע פּאָרעדעס דערציילט ער ביטמיעס, אַז די מעשׂה איז געשריבן מיט אַ באַשטימטן מיין: צו ווײַזן די מעלעס פֿון אַ גוטער דערציִונג, פֿון אַ באַשיידן לעבן, פֿון ערלעכער אַרבעט, די נאַרישקייט פֿון יאָגן זיך נאָך ייִחוס, נאָך געלט א. אז. וו. דאָסזעלבע זאָגט ער נאָך אָפֿטמאָל אין נאָכוואָרט צו דער מעשׂה, מיט גראַמען דערצו. ער פֿאַרופֿט זיך אויף דעם אויטאָריטעט פֿון די „חכמים", ברענגט דורכאַנאַנד פּסוקים, מעמרעס פֿון דער געמאָרע א. אז. וו. מיט געוויסע סענטענצן, וואָס שטימען מיט דעם צוועק פֿון זײַן דערציילונג. אַמאָל ציט ער אַרײַן אַ פּאָסעק פֿון די „חכמי אומות עולם" אויך.

ער האָט אָבער אַלעמאָל אַ סיוזשעט, גענומען צומיינסטנס פֿון דעם רעאַלן לעבן, אָפֿטמאָל אַ געשפּאַנטע אינטריגע (פֿון דער פֿרעמד), און קאָן פֿאַראינטערעסירן די „לעזערן". ער איז דער „לעזערנס" אַ פֿרײַנט, וויל זי פֿאַרהיטן און פֿירן מיט זײַן געניטשאַפֿט און קענען אַ וועלט. דער גוטמוטיקער טאָן, אָפֿטמאָל סענטימענטאַל, פֿאָלקסווערטלעך, וויצן, אַמאָל אײַנגעהאַלטענער הומאָר, וואָס דיק פֿאַרווירצט דערמיט דעם מוסער־האַסקל, האָבן אים באַליבט געמאַכט בײַ דער „לעזערן": דיקן האָט מען געלייענט, און ער האָט געווירקט.

אָנגעהויבן האָט דיק צו שרײַבן אויף אַ ריינעם פֿאָלקסטימלעכן ליטווישן ייִדיש מיט דעם גאַנצן שפּראַכלעכן פֿאָלקלאָר פֿון דעמדאָזיקן דיִאַלעקט: פֿאָלקס־אויסדריקן, ווערטלעך, וויצן. שפּעטער איז אים צו זײַן גרונט־טענדענץ, — „באַלערן" דעם לייענער, — צוגעקומען נאָך איינע, — „אויסלײַטישן" די „מאַרקשפּראַך", און ער

האָט פֿאַרדאָרבן זײַן שפּראַך מיט דײַטשמעריזמען (דיקס שפּראַך איז דעריבער פֿאַרשעמט געוואָרן פֿאַר דײַטשמעריש), אויך מיט רוסיציזמען, וואָס ער פֿאַרטײַטש זיי אָפּטמאָל אַף אַן אייגענעם שטייגער. אָבער אַפּילע אין דערדאָזיקער פֿאַרדאָרבענער פֿאָרמע פֿאַרמאָגט דיקס שפּראַך אַסאַך קערנדיקן מאַטעריִאַל פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן ייִדיש יענע צײַט: די שפּראַך פֿונעם פֿאָלקסמענטשן, פֿון דעם „יודע ספֿר" א. ד. גל.

אַן אויסגעצייכנטער קענער פֿונעם ייִדישן פֿאָלקסלעבן, האָט דיק דאָס פֿאַרקערפּערט אין זײַנע ווערק, און דיקס ליטעראַרישע ירושע איז אַ וועגווײַזער צום ליטווישן ייִדישן לעבן פֿון זײַן צײַט: פּאַרנאָסעס, „לערנען", בילדונג, דערציִונג, פֿאַמיליִען־לעבן, זיטן, שטייגער, קליידונג, פֿאַרווײַלונג א. אז. וו.

איך ברענג דאָ דעם טעקסט פֿון דיקס „כּײַציקל אליין" (וואַרשע 1864, איבערגעדרוקט ווילנע 1887), אַביסל געקירצט.

איך דאַרף דאָ נאָך וואָרענען קעגן אַן איבערדרוק פֿון אייניקע דיקס „געקליבענע ווערק", מיט ד. קאַסעלס רעדאַקציִע, 2 בענד, וואַרשע 1922: ד"ר ווײַנרײַך האָט שוין געוויזן, ווי אַזוי דער רעדאַקטאָר האָט „געבעסערט" א. מ. דיקן („ביכער־וועלט", וואַרשע, 1922, העפט 4—5).

ליטעראַטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיִע, ב. 1 ווילנע 1926.

א. מ. דיק.

כײַציקל אלײן.

אײנע שײנע און װארע געשיכטע, װאָס עס האָט זיך געטראָפן אין דער שטאָט אילון [1] פאר א יאָר פינף און צװאנציק. עס איז דערפון צו לערנען מוסער און דערעכערעך און װי אזוי עלטערן זאָלן זײערע קינדער דערציִען. מיר האָבן דאָס מאטיק געװען פון דער רײַזע־באשרײַבונג פון ר׳ שלוימע פורקער פון האנאָװער, װאָס האָט גערײַזט אין יענער צײַט דורך דיזע לענדער, ער האָט זעלבסט דאָס געזען און האָט דאָס ריכטיק באַשריבן.

מאת **א. מ. דיק.**

װילנע 1887 (איבערגעדרוקט פון דער אויסגאבע: װארשע 1864).

למען הראות לך קורא נעימה מה גדלו דברי המשל הקדמוני, אום צו װײַזן דיר, מײַנע טײַערע לעזערן, װי װיכטיק און װאר עס זײַנען די רײד פון דעם אלטן שפּריכװאָרט: עס איז די גרעסטע קונץ צו זײַן פאָטער און מוטער, דאָס הײסט, קינ־דער צו ערציִען, און דאָך נעמען זיך דאָס אלע אָן,—מוז איך דיר דאָ באשרײַבן אײן קלײנע געשיכטע פון אײן געװיסן ר׳ שמערל שיפער, װי אזוי ער האָט ערצױגן זײַנעם א בעניאָכיד, װאָס מען האָט אים גערופן כײַציקל. ער האָט געמײנט אים און זיך גליקלעך צו מאכן און האָט דורך זײַנע נארישע ערציִונג און אופירונג געמאכט אומגליקלעך זיך און אים און, נאָך מער פאר זײ בײדע, זײַן װײַב, דען זי איז דורך דעם אװעק פון דער װעלט פאר דער צײַט און האָט געלאָזן דורך איר אומגליק נאָר אײן בײַשפּיל פאר אנדערע פרויען, דאָס עס זאָל זיך זײ ניט גלוסטן צו גלענצן צװישן גרויסע מענטשן, און מען זאָל זיך נישט װײַזן פאר אנדערע, אז זײ זאָלן גלויבן, דאָס מען איז זײער געהויבן.

לפני עשרים וחמש שנה, פאר א יאָר פינף און צװאַנציק האָט געװוינט אין דער שטאָט אילון אײן געװיסער נאָגיד ר׳ שמערל שיפער. דאָך אָבער, מײַנע טײַערע לעזערן, װען דו פארשטײסט לאָשן האקוידעש פּילײַכט, זאָלסטו נישט מײנען, אז ער װאר אײן פירשט בעעמעס, װי דער װאָרט נאָגיד באטײַטעט אף לאָשן האקוידעש. נײן! בא אונדז איז אונטער דעם װאָרט נאָגיד געמײנט גאָר א פּראָסטער מענטש, װאָס ער קאָן זײַן אויך פון אײן אָרדענערע פאמיליִע, נאָר ער איז רײַך און האָט אפולע געלט, אָדער אזוי גאָר, װען ער קאָן מאכן, אז מען זאָל מײנען, דאָס ער איז רײַך און האָט אפולע געלט. אף אזוי אײן אויפן װאר אונדזער ר׳ שמערל אויך אײן נאָגיד, נאָר ער איז געװען אײן יודײש סײפער און פון ערלעכע עלטערן, װאָס װארען קלײנע פאבריקאנטן, דען זײ האָבן געהאט אײן פאבריקל פון װאָלענע קאפּעלושן, מיצקעס, זאָקן און הענטשקעס. דערצו האָבן זײ נאָך גוט פארשטאַנען פארבערײַ, און אז זײ זײַנען געשטאָרבן, האָט דער ר׳ שמערל דעם פאבריקל איבערגענומען און האָט דאָס זײער גוט אײַנגעריכטעט און האָט זיך געלעבט זײער רויִק און צופרידן. דען

---

[1] פארשטעלט: װילנע.

ער האָט געהאַט דערפֿון, וויפֿל ער האָט געבראַוכט אַף זײַן פּאַרנאָסע, און ער האָט גאָר ווייניק געדאַרפֿט. און ווײַל די מעלאָכע איז זייער שטאַרק פֿאַרבונדן מיט דעם האַנדל פֿון וואָל, פֿלעגט עס זיך אָפֿט מאַכן, אַז וואָל פֿלעגט זיך הייבן, און ער, וואָס ער פֿלעגט אַלע מאָל האָבן זייער פֿיל זאַפּאַס, פֿלעגט ער אַלע מאָל פֿאַרדינען צוויי אָדער דרײַ הונדערט רענדלעך, און איז זיך אַזוי מיט דער צײַט ביסלעכווײַז געוואָרן גוט אין שטאַנד, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אַף אים, אַז ער איז איין נאָגיד. און ער, וואָס ער האָט בא זיך געוווּסט, ווי ווײַט עס פֿעלט אים נאָך צו א נאָגיד, האָט ער נאָך געמוזט האַלטן זײַן פֿאַבריקל און איז זיך אַזוי פֿון יאָר צו יאָר געוואָרן רײַכער און רײַכער אין פֿאַרמעגן. דאַדורך האָט ער זיך באַשלאָסן צו בלײַבן א פֿאַבריקאַנט, קאָלזמאַן ער וועט לעבן. דען ער האָט געוואָלט מעקאַיעם זײַן דעם פּאַרזאָג פֿון אונדזערע כאַכאָמים (אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות), דאָס הייסט: ליב האָב די אַרבעט און האָב פֿײַנט די גרויסקייט.

אך אשתו לא כן דמתה, אָבער זײַן ווײַב קונע האָט נישט אַזוי געמיינט, ווי ער. בא דעם ערשטן שטיקל פֿאַרדינסט האָט זי זיך באַלד געקויפֿט א בינטל פּערל; בא דעם צווייטן פֿאַרדינסט האָט זי אַרײַנגעכאַפּט גוטע דימאַנטענע אויערינגלעך, פֿינגערלעך, און האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צײַט צו סטראָיען אַף דעם נעגידעשן אופֿן און האָט זיך שוין אָנגעהויבן בא זיך גרויס צו האַלטן, און האָט אָנגעהויבן גיין רײַך געקליידט. און מיט דער צײַט האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן צו שעמען מיט איר פּאַרנאָסע; עס איז איר שוין נישט אָנגעשטאַנען, אַז מען זאָל איר רופֿן קונע די פֿאַרבערקע, קונע די קאַפּעלושניצע, קונע די הענטשקעמאַכערן. ניין, — האָט זי אַמאָל געזאָגט צו איר מאַן נאָך א פֿריילעכן בריוו, וואָס עס איז אָנגעקומען פֿון פּרײַסן, — גענוג מיר זאָלן זיך שמירן אַרום דעם קעסל און צו גיין מיט שוואַרצע הענט, ווען מיר זײַנען שוין אין שטאַנד צו גיין מיט ווײַסע הענט. ניט צו פֿאַרזינדיקן, מיר זײַנען שוין לײַטן גלײַך, מיר קאָנען שוין אונדזער שטעטל באַשטיין אָן דער זיסער פּאַרנאָסע. ר׳ שימשן דעמביצער איז, כ׳לעבן, נישט רײַכער פֿאַר אונדז, און פֿונדעסטוועגן וועט ער נישט וועלן טון א שידעך מיט אונדז, און דאָס איז נאָר מער נישט איבער אונדזער פֿאַר־פֿלוכטן קעסל. איז מײַן אייצע אַזוי, אַז מיר זאָלן אונדזער פֿאַבריקל צושליסן און מיר זאָלן אונדזער וואָל־געשעפֿט פֿאַרגרעסערן. מיר וועלן האַנדלען אין פּרײַסן; מיר וועלן קריגן א שעם, ווי אַלע סאָכרים, דען עס שטייט אונדז דאָס מער אָן, ווי אַנ־דערע סאָכרים, וואָס זײַנען פֿריִער געווען מעשאָרסים און דינסטן.

כדברים האלה, אַזעלכע רייד האָט זי אים שטענדיק אַרײַנגערעדט אין די אויערן, ביז זי האָט עס בא אים געפּועלט, און האָט צוגעמאַכט דאָס פֿאַבריקל און האָט אָנ־געהויבן צו האַנדלען גאָר זייער גרויס, און טכילעס מיט וואָל אַליין און דערנאָך מיט טוך אויך, און עס איז אים זייער גוט געגאַנגען. וואָס א יאָר איז ער אַלץ געוואָרן רײַכער און רײַכער. אָבער דערצו איז געוואָרן זייער פּירונג שאַרפֿער, און האָט מיט דער צײַט גע־קראָגן איין נאָמען פֿון א גרויסן נאָגיד און איז געוואָרן געאַכטעט באַלײַטן. און אין א צײַט פֿון א יאָר אַכט האָט מען שוין פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען א באַלמעלאָכע.

לבד זה [1]) האָט זיך אים געמאַכט איינע גוטע געלעגנהײַט צו האָבן בא זיך אין שטוב די גרעסטע לײַט פֿון שטאָט, ווײַל זײַן ווײַב קונע האָט אים געבוירן א ייִנגל. האָט ער געמאַכט איין ברייטן ברית מיט זייער א גרויסן מאַזלטאָוו. און ווער גייט

[1]) כוץ דעם.

עס ניט צו אזא רײַכן מאן? קורץ דערפֿון, אונדזער ר׳ שמערל איז געוואָרן גערע־כנט אונטער דער צאָל פֿון די נעגידים, און זײַן נאָמען האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן ווײַט און ברייט.

ויהי, עס וואר, אלס כײַציקל איז שוין אלט געוואָרן אכט יאָר, פֿלעגט בײַן־האָז־מאנים 1) בא אים צו קאָכען, ווי אין א קעסל, פֿון מעלאמדים. איין היגן מעלאמעד האָט ער בעשום אויפֿן נישט געוואָלט: עס האָט אים נישט געפּאסט, ווײַל ער האָט אמאָל געקנעלט בעוואדײַ מיט שנײַדערישע קינדער אָדער מיט א פֿארבערט, כאָלילע, און דאָס קאָן דאָך עפּעס דערמאנען פֿון זײַן פּריִערדיקן שטאנד, און אים קאָסט דאָך אָפּ אזויפֿיל געלט אום צו פֿארגעסן דאָס אלעס. דאהער פֿלעגט ער צו נעמען אלע מאָל נאָר איין נישטהיגן מעלאמעד און פֿלעגט אים צו געבן קעסט מיט אלע וויגאָדעס. און וואָס דער ייִנגל פֿלעגט ווערן עלטער, פֿלעגט ער אלץ צו נעמען א גרעסערן מע־לאמעד, דאָס הייסט — פֿון איין ווײַטערע אין שטאָט. און דערווײַלע האָט כײַציקל באקומען איין נאָמען פֿאר איין גרויסן אילוי 2). און בעעמעס וואר דער כײַציקל גאנץ דום, אָן טוירע, אָן כאָכמע און אָן דערעכערעץ. ער וואר זייער פֿארצויגן. די ליפּן זײַנען גע־ווען בא אים שטענדיק אײַנגעריכט אין קאווע, און ער פֿלעגט אלע נאכט אנטשלאָפֿן ווערן פֿאר וועטשערע. ער וואר שוין א באָכערל פֿון א יאָר צוועלף און וואר נאָך שווער אף איוורע; און דאָס איז געווען, ווײַל ער האָט גאָר קיין איוורע ניט גע־לערנט. און אזוי ווארן נאָך פֿיל זאכן, וואָס ער האָט נישט געוווסט, וואָס מען קאָן דאָס אלץ גאָר ניט אויסרעכענען; און האָט דאָך געהאט איין נאָמען פֿאר איין אילוי, דאָס צו צוועלף יאָר איז ער ארומגעגאנגען מיט געשוואָלענע בעקעלעך, וואָס מען פֿלעגט אים אלץ צו קנײַפּן בא יעדן שאָלעש־סודעס 3), בעשאס מען פֿלעגט אים פֿארהערן און זאָגן, אז דו ביסט שוין ווערט א שיינע קאלע. נו, וואר שוין אונדזער כײַציקל בא זיך זייער שטארק געהויבן און האָט זיך וויקלעך דורך דעם אופגעפֿירט פֿיל שענער, אלס אנדערע קינדער, וואָס זײַנען אין זײַנע יאָרן געווען, דאָס אלע טאטעס און מאמעס האָבן זיך געבענטשט מיט אים. און כײַציקל האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן אין די גאנצע שטאָט און אויך אין די פֿאָרשטעט ביז אונטער די קומענעס 4) און נאָדווײַטער.

ויהי, און עס וואר אלס כײַציקל איז געוואָרן באר־מיצווע 5), האָבן די עלטערן געמאכט א גרויסן מאָלצײַט. עס ווארן אײַנגעלאדן דערצו אלע ניכבאָדים, אלע גרוי־סע לאָמדים פֿון דער שטאָט, און כײַציקל האָט געזאָגט איין „חילוק״ 6). א פּאָר לאָמ־דים, דעם רעבנס גוטע פֿרײַנט, האָבן זיך געוואָלט ארײַנמישן און פֿרעגן אים א פּאָר גוטע קאשעס, האָט ער זיי פֿארענטפֿערט, איידער מען האָט אים נאָך גע־פֿרעגט. דער אוילעם האָט זיך זייער פֿארוווּנדערט דאריבער, און דער מעלאמעד איז, נעבעך, שטארק רויט געוואָרן, ווײַל כײַציקל האָט זיך מיט די אָפּגעשטעלטע טערוצים אף די באשטעלטע קאשעס צו גיך ארויסגעכאפּט, און האָט אויסגעזאָגט, ווי איינער וואָס זאָגט אויס דעם פּיסרען 7) פֿאר דעם רעטעניש. דאָך אָבער האָט עס קיינער נישט געשפּירט אָדער גאָר נישט געוואָלט שפּירן, ווײַל מען האָט געוואָלט, דאָס ער

1) די צווישנצײַט, געמיינט כאלהאמויִעד פּייסעך און סוקעס, ווען מעלאמדים נעמען אָן קינדער אף דעם באָעגטן „זמאן״ (סעמעסטער). 2) טוירע-קענער, שארפֿער קאָפּ. 3) די דריטע סודע שאבעס פֿארנאכט. 4) מיסטאמע: „קאמינעס״. דער אויסדרוק: „ביז אונטער די קאמינעס״ (פֿון א פֿאָרשטאָט „קאמינעס״ אין ווילנע) איז באקאנט אין ווילנע, און דאָס הייסט אזוי גוט, ווי ווייט (מיטיילונג פֿון כ. לייבאָוויטש). אין אנדער פֿאל: זײַן נאָמען האָט ווײַט געשעמט. 5) רעליגיִע-רייף, דאָס איז צו 13 יאָר. 6) א פּילפּל-דראָשע. 7) באשייד, אויסלייג.

זאָל שוין ענדיקן וואָס צום גיכסטן, און מען זאָל שוין בעסער וואָס נעמען אין מויל, אַלס אין די אויערן.

— אײַער ייִנגל דאַרף זײַן עפּעס אין רעכטע הענט, — האָט זיך אָפּגערופן צו אים איינער פון די לאָמדים, — וואָלט מען געקאָנט פון אים מאכן אַ רעכטע קיילע. איך האָב פאר אײַך אַ מעלאמעד גאָר איין וווּנדער, דער מויציטער. עס זײַנען געוואָרן פון זײַנע טאַלמידים כאַסאַנים אין די גרעסטע הײַזער. פאַרצײַטן האָט מען אים גערופן דער מויציטער אילוי.

ומה נקל, און וואָס איז נאָך גרינגער, ווי שאָדן צו טון איין מעלאמעד בא אזעלכע עלטערן, וואָס זײַנען אזוי שטאַרק פאַרנאַרט אין זייער קינד, ר׳ שמערל האָט קוים דעם זמאַן דערצויגן מיט דעם מעלאמעד און דערנאָך האָט ער געקראָגן דעם מויציטער.

מען קאָן נישט זאָגן, אז ער האָט נישט אויסגעזעען העסלעך און האָט געהאַט אַ געזונטן קאָפּ און וואַר אַ מאָל איין אילוי, און לערנען האָט ער פאָרט נישט געקענט אַף זײַן לעבענס־טאָג ניט. דען פון זײַן קינדהײַט אָן האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזן אין כאַריפעס [1]) און פּשעטלעך, און דעם עמעסן פשאַט [2]) האָט ער קיינמאָל ניט געוווּסט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין זאַך אין דער וועלט, פּונקט ווי כײַציקל אליין, און ער וואַר בא זיך זייער געהויבן און האָט פון קיינעם נישט געהאַלטן.

וכן און אזוי האָט ער צוגעבראַכט וויפל יאָרן. אמאָל וואַר ער אַ מעלאמעד, אמאָל אַ שאדכן, אמאָל אַ פּאָרוש [3]) און אמאָל אַ פאַרהערער [4]) דען ער האָט גוט געוווּסט אלע ערטער אין געמאָרע, וואָס מען פּרוּווט דערמיט איין ייִנגל, דען ער וואַר אין דעם אַ גרויסער בעריע, ווײַל ער האָט דערוף זײַן גאַנצן לעבן פאַרבראַכט און האָט זײַן קאָפּ אזוי ווײַט פאַרקרימט און פאַרדרייט דורך דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אַף יעדער זאַך איין פּשעטל מיט איין שטיקל כאַריפעס, וואָס איין מענטש מיט איין געזונטן פאַרשטאַנד פלעגט אָנצוגיין איין עקל עס צוצוהערן. דאָך וואַר ער אין זײַן צײַט אַ גילטיקע מאַטבייע און האָט זיך מיט זײַנע דומהײַטן צוגעשלאָגן צו איין גוטן גראָבן קאַרק און צו איין בײַכל, דען מען האָט אים פון אלע זײַטן געקעכלט.

ומי, און ווער פאַרשטייט דאָס ניט אליין, אז אזוי איין כויקער [5]), אזוי איין גרויס־שפּרעכער וואַר אָנגעמאָסטן פאַר אונדזער ר׳ שמערלס הויז. ער האָט זיך דאָ געפּענען אזוי וווּיל, ווי אַ פיש אין וואַסער. קוים וואַר ער דאָרט עטלעכע טעג, איז ער געוואָרן זייער טאַקעף בא דעם ר׳ שמערלען און בא זײַן ווײַב קונען, דען ער האָט זיי מאַפּלע [6]) געווען דעם כײַציקל גאָר אָן אַ שיר. ער האָט אַ קאָפּ פון איין מעכאַבל [7]) — האָט ער זיי געזאָגט, — די טפּיסע [8]) איז גרויס און די האוואָנע [9]) שפּילט. איין שאָדן, וואָס די פריִערדיקע מעלאמדים האָבן אים שטאַרק פאַרלאָזן. אזעלכן מוז מען דעם סייכל שאַרפן, און דאָס וועל איך טאַקע טון. און דאָס אליין וואַר שוין גענוג פאַר זיי, דאָס זיי זאָלן אים טײַער האַלטן, ווי זייער לעבן. אַף זיי קוקנדיק.

---

1) שאַרפזיניקע קונצשטיק, 2) טײַטש, באַטײַט. 3) אָן אָפּגעשיידטער פון הויז און פאַמיליִע, וואָס זיצט אין בעסמעדרעש און „לערנט״. 4) פאַרהערט כאַסאַנים געמאָרע־קענער. 5) פּאָרשער, פילאָזאָף. 6) וווּנדער דערציילט, גערימט. 7) אַ פאַרדאַרבער. דאָ — אָן אויסנעם, אַ זעלטענעם קאָפּ. 8) אופנאַם־פעיִקײַט. 9) פאַרשטאַנד.

האָט די דינסט (וואָס ער האָט אַף איר געקוקט, בעשאס אנדערע האָבן נישט געזען) אים שטארק צוגעזען, און זײַן בײַכל האָט געשטיגן פון טאָג צו טאָג, ווי בּא איין טראָגעדיקע. מען האָט אים מיט כּײַציקלען אָפּגעגעבן איין באזונדערן כּיידער מיט אלע וויגאָדעס, און ער האָט דעם ייִנגל מאדריך גשווען, ווי איין קאָנאָוואל דעם פערד, וואָס דארף אים ארויספירן אַף דעם פערד־מארק פארקויפן,— דאָס הייסט, ווי איין ייִנגל וואָס האלט שוין אַף דער מאדרייגע[1], מען זאָל טון מיט אים איין שידעך.

ומי, און ווער קאָן דאָס אויסשרײַבּן די גרויסע פריידן פון זיי בעשאס דער מויציטער פלעגט אָפּט צו זאָגן בּא איין גלעזעלע מאשקע צו שאָלעש־סודעס אַף לאָשן־קוידעש, דען דאָרט פלעגט ער ניט צו ריידן קיין „דברי חול“[2].— (כּײַציקל בנכם מובטחני בו שיהיה מורה הוראה בישראל), דאָס הייסט: אײַער זון כּײַציקל וועט געוויס אמאָל זײַן איין „מורה הוראה“[3] בּא ייִדן. ער זאָל נאָר אָנקומען צו גוטע שווער און שוויגער,— פלעגט דערבײַ צו זאָגן דער אָרעמער לאמדן, וואָס האָט דאָרטן שאבּעס געגעסן,— דאָס הייסט, וואָס זייער אויסקוק איז טאקע בעעמעס, דאָס דער איידעם זאָל בלײַבּן עפּעס בּא א טאכלעס אין לערנען, ווי מײַן שוויגער וואר אָלעהאָ־האשאָלעם. איך האָבּ נאָר איר צו דאנקען, וואָס איך בין אזוי ווײַט דערגאנגען. פאָטער און מוטער האָבּן זיך געפרעגלט, הערנדיק, און ווארן בּא זיך שטארק געהויבּן.

ויהי, און עס וואר אלס כּײַציקל איז געוואָרן מיט איין האלב יאָר עלטער, דאָס הייסט ער וואר אלט פערצעט האלבן יאָר, האָט שוין די טיר ניט גערוט פון שאדכאָנים, און זיי זײַנען אָנגעקראָכן א פולע שטוב. און מען האָט גערעדט שידוכים פון אלע שטעט; דער פון מינסק, דער פון פּינסק, אָבּער ניט איינער פון ליגאָווע[4], ווי דער שטייגער פון אלע גרויסע גווירים, וואָס זיי טוען נישט קיין שידעך פון די אייגענע שטאָט; אפילע איין מעלאמעד נעמען זיי נישט פון דער אייגענער שטאָט. מע האָט גערעדט מיט געלט, מיט ייִכעס, מיט קעסט, מיט א שיינע מיידל. דאָס ראָוו שאדכאָנים ווארן אויך נישט קיין היגע, זײַנען זיי אײַנגעשטאנען בּא דעם ר׳ שמערלען און געגעסן בּא אים. בּא יעדער מאָלצײַט ווארן עטלעכע שאדכאָנים בּא ר׳ שמערלס טיש, און שאבּעס פלעגט דאָרט אויסצוזען ווי איין גאסט־הויז, דען עס פלעגט געלאדן צו ווערן די מעכוטאָנימס מענטשן. דער מויציטער פלעגט טרינקען פיל כאריפעס און פלעגט צו זאָגן פיל כאריפעס, און דאָסגלײַכן כּײַציקל אליין פלעגט אויך צו זאָגן כאריפעס. אלע נאכט פלעגט צו זײַן בּא דעם ר׳ שמערלען גרויסע סעסיִאָנען איבּער די שידוכים, וואָס איז גערעדט געוואָרן בּאטאָג, און דער מויציטער איז געווען דער פרעזידענט דערבײַ, דען זיי האָבּן אים געהאלטן פאר איין וועלט־קלוגן מאן. ער האָט דאָך געקנעלט קאמע יאָרן אין גרויסע הײַזער און האָט שוין פארהערט וויפל כאסאנים און איז אליין אויך געווען וויפל מאָל א כאָסן און האָט יעדער מאָל אויסגענומען. מען האָט געשיקט רעשימעס[5] אין דער גאנצער מעדינע, אין אלע גרויסע שטעט, אין שקלאָוו און מאָלעוו און מען האָט זיך געריכט, אז עס זאָלן קומען פארהערערס פון קאמע מעקוימעס[6]. און דאָס אלץ האָט אונדזער ר׳ שמערלן זייער שטארק געשטערט

---

1) שטאפל, צושטאנד. 2) וואָכעדיקע רייד, ד״א—פלעגט ער שאבּעס נישט רעדן קיין ייִדיש. 3) א ראָוו. 4) ווילנע. 5) צעטלען. 6) אסאך ערטער.

אין זײַנע געשעפטן, דען דער מויציטער האָט אים נישט געלאָזן אוועקפאָרן. בא יעדן שידעך האָט ער געזאָגט: איר טאָרט פון דערהיים נישט אוועק, ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס באשערט. בא יעדעס מאָל, אַז עס איז געקומען איין פארהערער, ווי כײַציקל פלעגט נאָר אָנצוהייבן .צו זאָגן, פלעגט זיך שוין דער מויציטער אריַינמישן ווי איין בריטאן מיט זײַנע פאלשע כאריפעס און כײַציקל אליין פלעגט אויך אריַינפאלן אין זײַנע רייד, און עס פלעגט ווערן איין געשריי און איין טומל, און כײַציקל האָט אלע מאָל אויסגענומען. דער פארהערער פלעגט אוועקצופאָרן מיט איין שיינע מאטאָנע און דאָסגלייַכן איז דער מויציטער אויך באשענקט געוואָרן מיט איין בעגעד און מען האָט אים נאָך צוגעזאָגט, אז מען וועט אים זייער רײַך באשענקען, ווען עס וועט זיך אויס־פירן איין שידעך. און אזוי זײַנען איבערגערעדט געוואָרן זייער פיל שידוכים, און יעדער שידעך, ביז עס פלעגט נישט צו ווערן פון אים, פלעגט צו קאָסטן גענוג צײַט און גענוג געלט. און דערווײַלע האָט כײַציקל נישט געלערנט און האָט גאנצע טעג גע־האט אין זינען א קאלע. עס האָט אזוי געדויערט, איין שידעך אריַין און איין שידעך ארויס, א פארהערער נאָך א פארהערער, און עס האָט אלץ קיין האפט געהאט, ביז מען האָט גערעדט פון שכיז מיט ר' שלוימצען דעם גוויר. די שאדכאָנים האָבן אזוי לאנג געארבעט, ביז יענער האָט געשיקט איין באל־קויעך [1], און דער אייגענער וואר אויך איין פארהערער,— מען האָט אים גערופן ר' שעפסל די מאגידעכעס, ווײַל זי איז געווען זײַן שוויגער,— איין ייִד איין לאמדן, איין וועלט־מאן. עס האָט צו אים געהערט די ראבאָנע־שטיבל פון זײַן שווערס קייוער. נון וואר ער איין אָבעוואטעל, ער וואר ווירק־לעך א דרייקאָפּ, אָבער נישט ווי דער מויציטער. דען דער מויציטער האָט מיט זײַנע פאלשע טוירע פארדרייט דעם קאָפּ זיך אליין און אמאָל אויך דעם אנדערן, אָבער דער ר' שעפסל, ער האָט נאָר פארדרייט דעם קאָפּ דעם אנדערן, אָבער זיך גאָר ניט. און ווי ער האָט געהאט איין אָפענעם קאָפּ, אזוי האָט ער געהאט אָפענע מערידן און איין אָפענע האנט צו נעמען לאפקע. נון, דיזער גרויסער פארהערער האָט זיך נישט געלאָזט אזוי לײַכט פארשווינדלען פון דעם מויציטער. ער האָט זיך מיט אים געהאקט ביז שפעט אינדערנאכט, און כײַציקל פלעגט זיך אלע מאָל אריַינמישן ווי א זינ־גערל, וואָס מאכט באָם, ניט ווי עס פאסט. זײַן גליק אָבער איז געווען, דאָס דער ר' שעפסל די מאגידעכעס איז געווען אזוי פארברענט מיט דעם מויציטער אין דעם שטיקל געמאָרע, דאָס ער האָט גאָר פארגעסן אין כײַציקלען. און דאָס וואָלט געדוי־ערט ווי לאנג, ווען קונע, זאָל געזונט זײַן, וואָלט ניט דערלאנגט צום טיש ווײַן און ליקער מיט קאָנפעטורן און נאָך גוטע זאכן. האָט דאָס אײַנגעלאָשן זייער היציקייט, און זײַנען ביידע געוואָרן צווישן זיך גוטע פרײַנט, און כײַציקל האָט בא אים אויך אויס־גענומען, ווײַל ער האָט גוט געוווסט, אז ער וועט אויך גוט אויסנעמען (די שאדכאָנים האָבן אים עס פריִער געזאָגט). מען קאָן אנדערש ניט זאָגן,— האָט ער געזאָגט צו דער מוטער:—אײַער כײַציקל איז איין ווונדערלעכע קיילע; בא ר' שלוימצען וועט ער ארויסוואקסן איין גאָען־אוילעם [2]. כײַציקל איז געווען אביסל פארשוויצט און אביסל צעשראָקן, דאָך אָבער פריילעך. אבי איבערגעקומען, האָט צו איר דער מויציטער גע־זאָגט נאָכדעם,— עס איז א גוטע שטיקל סכוירע, איך האָב מײַנע קויכעס אָנגעוואָרן ביז איך האָב אים איבערגערעדט. ער שטארבט גאָר מאמעש פאר דעם ייִנגל. יעצט וועט שוין זײַן מיט מאזל טנאָים.

1) א באפולמעכטיקטן 2) א וועלט-געני.

וכן היה, און אזוי איז געווען. צומאָרגן האָט ר׳ שמערל געמאכט איין שארפע טנאָים. עס זײַנען געווען אײַנגעלאדן די גרעסטע לײַט. פאר גוטע פרײַנט האָט מען געמאכט איין שרעקלעכן מאָלצײַט. דער באל-קויען האָט באקומען צען דוקאטן, לע־וואד[1] קליינע מאטאָנעס; די שאדכאָנים האָבן געכאפּט פופציק רענדלעך, און דער מויציטער האָט אויך גענוג גענומען. אָף איבערמאָרגן איז זיך דער באל־קויען אוועק־געפאָרן און האָט אוועקגעפירט מאטאָנעס די קאלע פאר וויפל הונדערט רובל. אין א כוידעש ארום האָט מען אײַנגעלייגט דאָס געלט, מער ווי צוויי טויזנט רובל, און כײַציקל האָט באקומען איין גאָלדענעם זייגער מיט זילבערנע באטים[2]. און ר׳ שמערל מיט זײַן װײַב וואַרן פריילעך, ווײַל זיי האָבן שוין זייער קינד פארזאָרגט. און בא דעם מויציטער וואר דער עק גאנץ פאריסן; עס איז מיט אים גאָרנישט געווען צו ריידן. ער פלעגט צו דערציילן זײַן ניצאָכן, וואָס ער האָט אויסגעפירט קעגן דעם ר׳ שעפּסלען, ווי איינער, וואָס דערציילט עפּעס פון גוורעס און ניפלאָעס[3].

אָבער דיזע פריידע האָט ניט לאנג געדויערט, דען דער שכיזער מעכוטן איז אין א פּאָר כאדאָשים ארום געוואָר געוואָרן, דאָס ר׳ שמערל איז גאָר א באלמע־לאָכעס א זון, און ער אליין איז אויך געווען א פּארבער, און דאָס איז אים גאָר־נישט אָנגעשטאנען. האָט ער אָפּגעלאָזט דעם שידעך. האָט דאָס דעם ר׳ שמערלן מיט זײַן װײַב זייער געקרענקט. דערצו האָט דאָס זיי געקאָסט גענוג מי און געלט ביז זיי האָבן אָפּגענומען די מאטאָנעס און די שלישיט[4]. דער מויציטער האָט געמוזט פאָרן קיין שכיז און האָט געהאט דין־טוירעס[5] און קלאָפּאָט, ביז ער האָט אלץ מויצע געווען[6]. נון, איז דער מויציטער נאָך מער טאקעף געוואָרן בא זײַנע באלע־באטים. זיי האָבן אים אָרענטלעך באלוינט דערפאר באזונדער און האָבן אים שוין נישט געוואָלט פון זיך אוועקלאָזן, ביז כײַציקל וועט כאסענע האָבן אין א גוטן אויפן.

לא ארכו הימים, עס האָט נישט לאנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן גאָר אָף דאָסנײַ כײַציקלען צו ריידן שידוכים, און ער איז ווידער געוואָרן איין כאָסן מיט אזוי איין שווערענעס, ווי פריער, נאָר דער אָפּלאָזן איז שוין געווען פיל גרינגער. און אזוי איז געשען אמאָל זעקס, און יעדער שידעך האָט אלץ געקאָסט שאדכאָנעס און הויצאָעס־האטנאָים[7], און אָפּט אויך נאָך קנאס[8]. און אָן דעם מויציטער האָט זיך קיין שידעך נישט אָנגעהויבן און נישט אויסגעלאָזט, און אלץ נישט אומזונסט. ביז עס איז געקומען א גרויסער לאנד־שאדכן פון וואָלינען און האָט געמאכט איין ענדע צו די צאָרעס, דען ער האָט פאָרגעשלאָגן דעם ר׳ שמערלען איין שידעך פון בראָד מיט איין געוויסן נאָגיד און איין יאכסן ר׳ שימשן סאנדעגורער. ער האָט געהאט איין מיידל די יונגסטע, איין מוזינקע, זייער איין שיינע און איין געלערנטע. האָט זיך אים געוואָלט איר געבן איין מאן איין ליטווישן יינגל, וואָס זאָל זײַן איין ווילער און פון רײַכע על־טערן. ער מעג זײַן אין ייכעס נישט אזוי געהויבן, נאָר פון איין פרום הויז, און דער כאָסן זאָל זײַן איין מאסמיד[9], דען די בראָדער ייִנגלעך וואַרן שוין אין יענער צײַט האלבע דײַטשן און האלבע פראנצויזן אָף די הײַנטיקע מאָדע, און אים האָט זיך גע־וואָלט איין אלט־מאָדישן יינגל. דיזער שאדכן האָט דעם ר׳ שימשן פאָרגעשטעלט דעם

1) אָכוץ. 2) שיידלעך צו טפילן. 3) העלדישקײַטן און ווונדער. 4) איינגעלייגט געלט. 5) לאָדענישן באם ראָוו. 6) אויסגעפירט. 7) טנאָים־קאָסטן. 8) שטראָף־געלט פאר נישט האלטן דעם שידעך. 9) א פלײַסיקער געמאָרע־לערנער.

כײַציקל פאר אזוי איין קינד, ווי ער ווינטשט זיך אליין, מיט אלע מײַלעס, און דער פֿאָטער גיט אויך נאָדאן טויזנט דוקאטן. צוויי כאדאָשים האָט געדויערט איידער מע האָט זיך צוזאמענגערעדט דורך בריוו. דערווײַלע איז דער שאדכן געזעסן בא ר שמערלען אין שטוב אף אלעם גוטן. קורץ דערפון,—דער שידעך איז אויסגעפירט געוואָרן. עס איז געקומען איין באל-קויעך פון בראָד און האָט פארהערט דעם כאָסן, און עס האָט געגליקט, דען ער האָט גראָד מיט אים גערעדט אזוי איין איניען, וואָס ער האָט שויז אמאָל געלערנט. דערבײַ האָט דער באל-קויעך אויך וואָס אײַנגענומען, איז ער גאנץ ווייך געוואָרן. נון וואר איבערנײַעס גרויסע טנאָים, דאָס די שטאָט האָט געקלונגען. עס האָבן אים פיל נעגידים מעקאנע געווען מיט דעם שידעך.

אף דיזע טנאָים בין איך, שרײַבער פון דיזע געשיכטע, אויך געווען אײַנגעלאדן, דען צוליב געשעפט־זאכן בין איך געוואָרן איין אײַנגייער דאָרט אין שטוב פון עט־לעכע כאדאָשים.

ויהי, און עס וואר, אז דער אוילעם האָט אָנגעהויבן צו גיין אהיים, איז צו מיר צוגעגאנגען דער מויציטער און האָט מיך געבעטן אין ר׳ שמערלס נאָמען, דאָס איך זאָל נאָך איין קליינע ווײַלע בלײַבן. האָב איך געמיינט, פילײַכט וויל מען מיך דאָ דערהאלטן אף איין גוט גלעזעלע מאשקע, האָב איך געווארט. ווי אלע זײַנען שוין אוועקגעגאנגען, איז צו מיר צוגעגאנגען ר׳ שמערל מיט דעם מויציטער און האָבן מיך געבעטן, אז איך זאָל מאכן איין לאָשן־קוידעש-בריוו דעם מעכותן אין דעם כאָסנס נאָמען. און איך, וואָס איך האָב גוט געוווּסט, וואָס פאר איין טויגעניכטס ער איז, דער טאלמיד מיט דעם רעבן צוזאמען, איך האָב מיך געמאכט גאָרניט וויסנדיק און האָב געזאָגט צו דעם מויציטער.

— און איר אליין זענט קליין איין בריוו צו שרײַבן?

— פארשטייט איר מיך,—האָט ער אָפגעענטפערט, רויט ווערנדיק,—איך בין דאָך עפּעס פון די ליטווישע אילויִם, וואָס פארנעמען זיך נאָר מיט לערנען אליין. בא אונדז איז כאריפעס איין באזונדערע זאך און שרײַבעכץ איין באזונדערע זאך. איך וואָלט אויך מער ניט האָבן וואָס צו טון, נאָר צו פארנעמען זיך ווי איין קליין ייִנגל מיט טענטלערײַ, איין שיינער מאסע-אומאטן [1]) וואָלט עס געווען פאר מיר!

קורץ דערפון,—איך האָב ניט געוואָלט מיט אים ארײַנגיין אין ווײַטע וויקוכים; איך האָב אים געמאכט דעם בריוו און האָב אים איבערגעלייענט פאר זיי. עס האָט אים אָבער קיינער נישט פארשטאנען, נישט דער מויציטער, נישט כײַציקל און ניט דער פֿאָטער. נאָכדעם האָט מען די גאנצע נאכט געשוועכט.

כײַציקל איז געווען אין זעכצנטן יאָר, אָן סייכל, אָן געזונט, אָן ייִראס־שאָמאַיִם [2]), אָן דערעכערעץ, [3]) אָן טוירע, אָן כאָכמע [4]), אָן מוסער, אָן איין פעדער, מיט איין בלאס פּעניטל, דען פון עלפטן יאָר אָן האָט ער שוין אלץ געדענקט פון איין ווײַב און דאָס שאט זייער צו דער געזונטהײַט, ווי אונדזערע געמאָרע זאָגט (הרהורי עבירה קשה מעבירה גופא): דאָס דענקען און טראכטן פון דיזן שענדלעכן איניען שאדט פיל מער, ווי די אווירע זעלבסט. אָ, איר טאטעס און מאמעס, היט אײַערע יונגע קינ־דער, דאָס זיי זאָלן פון דעם איניען ניט געוואָר ווערן, וואָס איז זייער געפערלעך צום גוף און צום נעפעש, וואָס פארצערט דעם קערפער און שמוצט אײַן די זעלע

1) געשעפט. 2) גאָטס-פארכטיקייט. 3) דערצויגנקייט. 4) וויסן.

אזוי גיך, ווי איין פונק פײַער פארצערט איין גאנצן קאסטן פּולווער. דעריבער צו שרײַבן איז הונדערט בויגן פּאפּיר אויך ווייניק, נאָר פאר דעם קלוגן איז גענוג מיט איין ווונק, און פאר איין נאר איז טויזנט בויגן פּאפּיר אויך ווייניק. נון, לאָמיר צוריקגיין צו אונדזער געשיכטע.

ובכן כה וכה, און דערווײַל ווי אונדזער ר׳ שמערל האָט זיך אלץ דאָ געמעכוטנט און האָט אלץ מעקאבל־נאכעס [1] געווען פון זײַן הויקער און פון דעם מויציטער, וואָס ער האָט אים קרימער געמאכט פאר זײַן קאָפּ, האָט די צײַט דאָס רעדל אביסל איבערגעדרייט, און די געשעפטן פון אונדזער ר׳ שומערלען זײַנען געוואָרן פּלאָכע דען ער האָט געהאט צוויי שלעכטע יאָרן. די שידוכים האָבן בא אים אויך ארויסגעשלעפּט איין האלבן קאפּיטאל, און דאָך וואר ער נאָך פארבלענדט און האָט געזען מיט אלע מעגלעכקייט זײַן גרײַז אויסצופירן און האָט זיך נאָך מער בעדאלעס געשטעלט מיט דער כאסענע. דען ער האָט דאָך געמוזט פאָרן קיין בראָד, און עס איז אויסגעקומען דער זמאן כאסענע [2] אין כעשוון [3], וואָס די וועג איז דאמאָלס זייער שלעכט, האָט ער געמוזט דינגען צוויי בריקעס צו פיר פערד. מען האָט אָנגעבאקן און אָנגעפּרעגלט גאנצע קאסטנס; מען האָט געמאכט גרויסע מאָלצײַטן בעפאָר מען איז אוועקגעפאָרן; מען האָט ארײַנגעלייגט אין בויד איין בעטזאק מיט קליידער פאר דעם כאָסן, וואָס האָט געקאָסט מער ווי טויזנט רובל. געפאָרן איז ר׳ שמערל מיט זײַן ווײַב, מיט צוויי טעכטער מיידלעך, דער כאָסן מיט דעם מויציטער, איין בעהעלפער איין קעכין, איין דינסט, איין יונג און א פּאָר נעגידישע יונגע־לײַט מיט זייערע ווײַבער, מיט א באדכן פון ליגאָווע, וואָס ער האָט געהאט א שעם. די וועג וואר זייער שלעכט דער יאקרעס וואר גרויס; די רײַזע וואָס וואר מער אלס הונדערט און צוואנציק מײַל, האָט געדויערט א וואָך דרײַ. פאָרנדיק, האָט דער מויציטער געכאזערט מיט כײַציקלען די דראָשעס, די פשעטלעך. כײַציקל האָט דאָרט געדארפט בלײַבן אף קעסט, און דער מויציטער האָט זיך שוין געריכט דאָרט צו בלײַבן זײַנער איין ריעבע. נון, האָט ער שוין פאר זיך אליין אויך אָנגעגרייט פיל פשאָטים. די רײַזע האָט געקאָסט פיל געלט און געזונט. קומענדיק אהין, האָט כײַציקל אויסגעזען ווי א מויז אין סמעטענע, און ערשט דאָרט האָט אָנגעהויבן צו פליִען רענדלעך ווי שפּענדלעך, דען זיי האָבן דאָרט בא דעם מעכוטן געפונען איין רייכע הויז און זייער איידעלע מענטשן. ר׳ שמערל מיט זײַנע געסט זײַנען בא זיך אראָפּגעפאלן, ווי זיי האָבן דערזעען דאָרטן, וואָס פאר א פײַנע זין און איידעמס דער ר׳ שימשן האָט געהאט, גרויסע מופלאָגים, מושלאָמים און כאכאָמים [4]. די קאלע וואר זייער שיין און קלוג און זייער געבילדעט און דערצו שיין געוויקסיק, דאָס כײַציקל האָט אויסגעזען קעגן איר, ווי איין קליינער אפּע קעגן איין מענטש. עס האָט מער געפאסט פאר אים דאָרטן טעג צו עסן [5]. אלס איין איידעם צו זײַן. עס פארשטייט זיך פון זעלבסט, אז ער איז דאָרט באלד נישט געפעלן. דער ר׳ שימשן אָבער איז געווען זייער איין פרומער ייִד און איין גרויסער צאדיק, האָט ער אָנגעהויבן אײַנצורײדן די טאָכטער, אז זי זאָל אים דאָך ליבן. ער איז אפילע איין שצופּלער, האָט ער צו איר געזאָגט, ער איז איין בלאסער, ער איז אָבער איין אילוי, זײַן טוירע וועט דיך באקרוינען און באשײַנען. נישקאָשע, בא אונדז אין שטוב וועט ער ווערן

---

1) נאכעס קלײַבן. 2) דער כאסענע־טערמין. 3) נאָמען פון א ייִדישן כוידעש, בעערעך אָקטיאבער. 4) אלע דרײַ ווערטער — באצייכענונגען פאר גרויס געמאָרע־געלערנקייט. 5) „טעג״ עסן געוויינטלעך אָרעמע יעשיווע־באָכורים בא באלעבאטים (בא יעדן באלעבאָס א טאָג אין וואָך).

איין מענטש. זײַן אויסגעווייקטער פּאָנעם ווײַזט אויס, אז ער מוז זײַן איין גרויסער מאס-מיד, און טוירע איז דאָך די בעסטע סכוירע. די קאלע איז דאָך געווען איין גאנץ פרומע טאָכטער, האָט זי געפאָלגט דעם פאָטער און האָט פאר ליב אָנגענומען, וואָס נישט ליב איז. די זין און די איידעמס, די טעכטער מיט די שניר האָבן געוואָלט דעם אלטן אופעסן. דאָך אָבער דער אלטער איז געבליבן בא דאָס זײַניקע, ווײַל ער האָט קיין מוט געהאט אָפּצולאָזן דעם שידעך און מעוואיעש צו זײַן דעם ר' שמערלען מיט זײַן פאמיליִע, וואָס זיי זײַנען געקומען אזוי איין ווײַטן וועג און האָבן זיך מאר-בע־הויצאָע [1]) געווען, דערצו האָט דער ר' שמערל געשאָטן מיט געלט אין די הענט פון די דינערשאפט, וואָס וואָרן דאָרט, און יעדער האָט דערציילט פון כײַציקלען איין אנדערע כאָכמע. אויך האָט אונדזער ר' שמערל אין בראָד געקויפט זייער פיל פערל און האָט דערמיט באהאנגען די האלדז פון דער קאלע, דען האָט ער גוט פארשטא-נען, דאָס ער האָט מיט כײַציקלען איין צו גרויסן טריט געמאכט.

קורץ דערפון,—דער ר' שמערל האָט אָנגעווענדעט אלע מעגלעכקייט צו מאכן אומגליקלעך זיך און זײַן ווײַב און זײַן זון;—דאָס הייסט, מיט דעם, אז דער שידעך זאָל בלײַבן שידעך. דען דורך די גרויסע מאטאָנעס און גרויסע נעדאָוועס, וואָס ער האָט דאָרט געגעבן, האָט ער זיך געמאכט איין שעם אין בראָד פאר איין גרויסן גוויר, און האָט אויסגעפירט זײַן פארלאנג, און אין עטלעכע טעג ארום איז געווען די כא-סענע. דער כאָסן האָט געזאָגט א פּאָר דראָשעס; עס איז האלב געפעלן און האלב נישט געפעלן. נאר בלײַבט נאר, מעקעך בלײַבט מעקעך [2]); האלט זיך מיט דער דודע, דען עס איז שוין נאָך דער סודע. א טאָג צען איז דער ר' שמערל געבליבן אין בראָד נאָך דער כאסענע, קעדיי צו זײַן דערבײַ ביז כײַציקל זאָל געווינט ווערן מיט דער קאלע און מיט די הויז־לײַט.

אחר ימים עשרה, אין צען טעג נאָך דער כאסענע האָט זיך אונדזער ר' שמערל געזעגנט מיט כײַציקלען און מיט דער קאלע און מיט די מעכוטאָנים און האָט גע-לאָזן איבעראנײַס גרויסע מאטאָנעס די שניר און יעדערן באזונדער און האָט העכסט באַפרידיקט די דינערשאפט. און דער מויציטער האָט מויסער געווען [3]) כײַ-ציקלען נאָך עטלעכע פשעטלעך, וואָס ער זאָל דאָס געברויכן די ערשטע עטלעכע וואָכן אף הויצאָעס נאָך זײַן אוועקפאָרן. ער האָט אים אויסגעלערנט אף אזוי איין אופן, ער זאָל זיי זאָגן, אז עס זאָל זיי דאָרט דאכטן, אז יעדער פשעטל איז אים ערשט איצט אײַנגעפאלן, און האָט אים אויך איבערגעגעבן געוויסע קלאָלים, ווי אזוי ער זאָל זיך מיט זיי אמפערן אין לערנען. איבערהויפּט זאָל ער זיי אלעמאָל זאָגן: „ניין, איך מיין פארקערט, מען קען גאָר אנדערש זאָגן”,—ווײַל מיט דיזע ווערטער איז זייער לײַכט יענעם צו פארטומלען, דאָס יענער זאָל אָנהויבן צו טראכטן איבער דעם קאָפּ און זאָל אליין פאלן איבער איין קרומע זאך, און מיט אזוי איין אופן פלעגט ער אָפּט צו פארדרייען דעם גרעסטן מענטשן. אָבער כײַציקל וואר ניט אזוי פיפיק, ווי ער, און האָט דיזן קלאל זייער שלעכט אלע מאָל אָנגעווענדעט, ווי מיר וועלן דאָ באלד דערציילן.

און דער ר' שמערל מיט זײַן ווײַב זײַנען געפאָרן אהיים האלב פריילעך, האלב פארזאָרגט. איין ווײַלע האָט זיך זיי געדוכט, דאָס זיי האָבן שוין זייער קינד גוט פאר-זאָרגט, און עס וועט אים דאָרטן זייער גוט זײַן, און איין ווײַלע האָבן זיי, פארקערט,

1) זיך שטארק אויסגעבראכט. 2) א פאָלקסווערטל: געקויפט איז פארפאלן. 3) איבערגעגעבן.

געדענקט, דאָס ער וועט דאָרטן קיין קִיעם האָבן. אזוי האָבן זיי זיך איין גאנצן וועג אלץ געשלאָגן מיט די געדאנקען און זײַנען שיר מעשוגע געוואָרן טראכטנדיק, דאָך פאר מענטשן האָט מען געוויזן איין פריילעך פּאָנעם. מען איז נאָך אראָפּגעפאָרן פון וועג צו זען זיך מיט ווײַטע קרובים, רײַכע, און זיי צו דערציילן, מיט וועמען זיי האָבן געטון. מען האָט דאָרטן אף דאָס נײַ געהוליעט, און די רענדלעך זײַנען געפלויגן ווי שפּענדלעך. דערבײַ איז געווען זייער איין שלעכטער וועג. זיי האָבן זיך געשלעפּט צו פיר—פינף מײַל א טאָג, דען זיי זײַנען געפאָרן זייער שווער מיט גרויסע מאסאָעס, קאסטנס מיט זאכן, און דערבײַ צען פּאסאזשירן. עס האָט די רײַזע געדויערט צוריק א וואָך זיבן — אכט.

קורץ דערפון,—זיי זײַנען געקומען קיין לינאָווע צוועלף באנאכט, זייער מיד, און בא די ראָגאטקעס האָבן די סטראזשניקעס זיי געגעבן מאזלטאָוו, און זיי האָבן זיי געטיילט לעקעך און בראָנפן און האָבן זיי דערציילט די גרויסקייט פון דעם שידעך. אָבער די סטראזשניקעס האָבן זיך קוים אײַנגעהאלטן פאר לאכן, דען עס איז געווען פון וואָס צו לאכן, ווי דו וועסט באלד זעלבסט זען. נון, איז ר׳ שמערל מיט זײַנע לײַט ארופגעפאָרן צו זיך אף דעם הויף און האָבן געדאנקט און געלויבט, אז זיי האָבן זייערע ביינער געבראכט אהיים, ווײַל דער וועג וואר זייער שלעכט צו פאָרן, נישט מיט רעדער און נישט מיט שליטנס.

וימצאו, זיי האָבן אָבער געפונען די טירן מיט די לאָדן בא זיך אינגאנצן פארהאקט. האָט ר׳ שמערל אליין אָנגעקלאפּט אין טיר איין מאָל און צוויי מאָל ביז עס האָט זיך אָפּגערופן עפּעס א קינדערש באקאנט קאָל:

— ווער קלאפּט דאָס אין האלבע נאכט?

— מיר זײַנען שוין געקומען פון דער כאסענע,—האָט קונע געענטפערט מיט איין צעשראָקענער שטימע.

— איין שיינער שוין,— האָט זיך אָפּגערופן יענס קינדיש קאָל,— איך האָב געמיינט, דאָס איר זײַט אלע אויסגעשטאָרבן, מען זאָל זיך אזוי פיל זאמען!

— ווער איז דאָס עפּעס דאָרט פאר איינער, וואָס כאָכמעט זיך מיט אונדז,— האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שמערל, ווי איין צעמישטער, דען דאָס הארץ פון איין מענטשן איז איין זייגער,— עפּנט געשווינד, מיר זײַנען פארפרוירן.

— פאָטער, גאָר א נײַס, זיי דערקענען מיך שוין גאָרניט,— האָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב,— צען יאָר האָט כויזעק געווינט מיט זײַן ווײַב און האָט איר דערנאָך נישט דערקענט.

דאָ איז שוין געוואָרן ר׳ שמערל שטארק אין קאס און האָט איין קלאפּ געטאָן מיט דעם פוס אין טיר און זאָגט:

— וועסט מיר נישט זאָגן אף דער שטעל, ווער דו ביסט, און עפענען גלײַך די טיר, אזוי וועל איך הייסן אופברעכן די טיר און דיך בינדן לאָזן. עס מוז דאָ עפּעס נישט קיין גלאטע זאך זײַן; ווי קומט צו מיר אין שטוב ארײַן עפּעס איין יונגאץ? איך גיב קיין צוויי גראָשן, דאָס יִינגל מוז זײַן פון די נאכט־גאנאָווים, ער האָט זיך דאָ געוויס ארײַנגעלאָזט דורך דעם קוימען.

— ווי קומט אהער איין יִינגל, אָך, אָך!,— האָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב,— עס איז שוין אזוי געשווינד פארגעסן געוואָרן אין אזוי איין גיכע צײַט! נו זאָל זיך אײַך דאכטן, אז איך בין כײַציקל אליין. דאָס איז זיך אביסל געזאמט!

— א צאָרע מיר ניט געשען, אוי איין גזיירע ,איין כורבן, — האָט די מוטער אָנגעהויבן צו שרײַען, — איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן, איך בלײַב! וואָס איז דיר געשען? איין מאַפּאָלע וואָלט איך זיך אף דיר ריכטן, ערשט אכט וואָכן נאָך דער כאַסענע, און שוין אַנטלאָפן.

— גאָר איין נײַעס, אַנטלאָפן! — האָט כײַציקל געענטפערט, עפנדיק די טיר, — איך בין ניט אַנטלאָפן, זיי אליין האָבן מיר באַדונגען איין בריצקע מיט דרײַ פערד און האָבן מיר געהייסן פאָרן אהיים צו אײַך.

— אָבער אזוי גיך! — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער, ברעכנדיק די הענט.

— ווי דען ווילסטו, — האָט כײַציקל געענטפערט, — שלעפּן זיך בעסער מיט מאַסע אכט וואָכן, ווי איר מיט דארדעוואַטע פערד! דו וואָלסט זען מײַן פּורמאַנקע, א פּאָר קאַטעס מיט א ליידיקע בריצקע, מיר זײַנען געפלויגן קימאַט אינדערלופטן.

— ווו איז דײַנע זאכן, — האָט אים די מוטער געפרעגט, — עס האָט דאָך אונדז געקאָסט אזוי פיל בלוט! אוי, איך בלײַב פאַר צאָרעס!

— וואָס דאַרפט איר די זאכן, אבי איך בין דאָ אליין, — האָט ער געענטפערט און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, — וואָס צאַפּט איר מיר די דאָמים [1]), נישקאָשע, די זאכן זײַנען דאָרט דאָ אינגאַנצן!

ועתּה, און איצט וועלן מיר דאָ לאָזן שטיין כײַציקלען מיט זײַנע געקרענקטע עלטערן, וואָס האָבן זיך געוווּנטשן דעם טויט, און אים אויך, דעם כוצדעם, וואָס זיי זײַנען דורך אים בעדאַלעס געוואָרן, וואָר נאָך די שאַנדע גרויס אָן א שיר. גוטע פרײַנט וועלן צאַר האָבן, און סאָנים וועלן דערפרייט ווערן. לאָמיר נישט שטיין דערבײַ און זען, ווי זיי גריזען זיך אויף איינער דעם אַנדערן. מיר וועלן בעסער זען, ווי די זאכע איז צוגעגאַנגען מיט כײַציקלען אליין אין בראָד.

קוים זײַנען די עלטערן אוועקגעפאָרן, און ר' שימשן מיט זײַנע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצוזען אַרום כײַציקלען אליין. בא דעם ערשטן מאָל ריידן מיט אים אין לערנען האָבן זיי שוין גוט פאַרשטאַנען, ווי דער באַל-קויעך האָט זיי באַטראָגן; דען זיי האָבן אין אים דערקענט אלע זײַנע כעסרוינעס אף איין מאָל, אז ער איז אָן קויעך און אָן איין מויעך, און איז דערצו איין גרויסער נאַר און איין אַקשן. אלע זײַנע פּשעטלעך, וואָס דער מויציטער האָט אים אויסגעלערנט, האָט ער זיי פאַרנוצט אין איין טאָג. ער האָט זיי אויסגעפּלוידערט איינע נאָך די אַנדערע; האָט מען גלײַך פאַרשטאַנען, אז דאָס זײַנען נאָר אויסגעשטעלטע.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט זיך איין שוואָגער זײַנער מיט אים געאַמפּערט אין איין שטיקל געמאָרע, און כײַציקל האָט געהיט דעם קלאַל, וואָס דער מויציטער האָט אים איבערגעלאָזט, דאָס ער זאָל אַלץ זאָגן: ניין, עס איז נישט אזוי, אדעראַבע, פאַרקערט! האָט אים דער שוואָגער געזאָגט: דער „מהרש"א" [2]) אָבער מאַכט דאָך אזוי ווי איך זאָג. האָט כײַציקל אים געענטפערט: ניין, אדעראַבע, דער מהרש"א מאַכט גאָר פאַרקערט. האָט זיך דער שוואָגער אָפּגערופן: נו, לאָמיר אַראָפּנעמען דעם מהרש"א און זען. האָט כײַציקל געענטפערט: אדעראַבע, לאָז מען דעם מהרש"א נישט אַראָפּנעמען און נישט זען. און ער האָט געמיינט, אז ער האָט געזאָגט א גרויסע כאָכמע, דאַדורך לאַכט מען.

---

1) דאָס בלוט. 2) (מאַרשאָ) א געוויסער פּיירעש אף געמאָרע.

אין אכט טאָג ארום האָט ער געדארפט שרײַבן איין בריוו צו דעם פאָטער, האָט ער געבעטן דעם נײַעם רעבן, דאָס ער זאָל אים שרײַבן א בריוו, האָט מען אים געוואָלט לאָזן לערנען שרײַבן, האָט ער נישט געוואָלט און האָט געזאָגט: דער מוי־ציטער האָט אויך נישט געקענט שרײַבן און האָט קיין זײַטיקע זאך נישט געוווּסט, פונדעסטוועגן איז ער געווען א רעכטשאפענער מענטש. און ער האָט נישט געקאָנט לײַדן, ווי מען רעדט דאָרטן האלב דײַטש, ער פלעג דאָס צו רופן פאָ גאָיעסקע. אין איין געזעלנשאפט פלעגט ער צו זיצן, ווי איין גוילעם, דען ער האָט נישט פארשטאנען קיין וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט. אויסער דעם האָט ער ניט געוווּסט צו גיין דריין ארום זיך; די האָר שטענדיק פול מיט פעדערן און נישט אויסגעקעמט, און ווען ער האָט גע־רעדט, האָט ער זיך געשאָקלט און געקראצט, און פאר איין קריסט פלעג ער זיך דער־שרעקן און באהאלטן. בא טיש פלעג ער אנשלאָפן ווערן, ווי איין קליינער ייִנגל. און דאָך האָט נאָך דער ר׳ שימשן געוואָלט מאכן פון אים איין מענטש. ער האָט אים גע־דונגען איין גוטן מעלאמעד מיט גוטע לערער און פלעג אים אליין מאדריך צו זײַן [1], ער האָט אָבער אין די ערשטע צוויי וואָכן שוין גוט פארשטאנען, אז עס איז אף אים אומזונסט די מי מיט די ארבעט. דערצו האָט אים דאָס ווײַבל שטארק פײַנט גע־האט און האָט אים געהאסט, ווי דעם טויט. אין גאנץ בראָד האָט מען אים גערופן דער פײַנע-בעריע פון לינאָווע, אָדער ר׳ שימשנס אילוי, און נאָך אזעלכע שפּאס־נעמען, אז דאָס ווײַבל האָט זיך געשעמט צו שטיין אין זײַנע פיר איילן.

נון, האָבן שוין די איידעמס מיט די זין אָנגעהויבן ארײַנצורײדן אין דעם אלטן, אז ער זאָל ראכמאָנעס האָבן אף זײַן טאָכטער און זאָל פון דיזן שווײַן-קערל נעמען געט, איידער זי וועט ווערן מובערעס פון אים. דער אלטער האָט אפילע נישט גע־וואָלט; עס זײַנען אָבער צוגעשטאנען צו אים גרויסע לײַט און האָבן אים איבערגע־רעדט. און בא כײַציקלען האָט מען דאָס זייער לײַכט געפּועלט. די שוועגער האָב אים געוויזן איין בריצקע מיט צוויי שיינע פערדלעך און האָבן אים געפרעגט: כײַציקל ווילסט פאָרן אהיים? דאָ איז דאָ איין ווילע פור, וואָס פאָרט ליידיק און לויז קיין לינאָווע. — און ווי נאָך: האָט ער געענטפערט, — גוט, — האָבן זיי געזאָגט, — טאָמער וועסטו אָבער שוין ניט קומען צוריק? — נאט אײַך א האנט, אז איך וועל יאָ צוריק קומען, — האָט ער זיי געענטפערט. — מיר גלויבן דיר אָבער נישט, — האָבן זיי צו אים געזאָגט, מיר ווילן דיך האָבן אין דער האנט. דו זאָלסט דײַן ווײַב געבן געט, און ווען דו וועסט נישט צוריק קומען אין א פאָר כאדאָשים ארום, וועלן מיר איר אוועק־געבן צו איין אנדערן פאר איין ווײַב. — פאָטער, — האָט ער געענטפערט, — איך וועל נאָך אפילע פריִער צוריק קומען.

קורץ דערפון, — דער פורמאן האָט צוגעטריבן, און אונדזער כײַציקל האָט זײַן ווײַב געגעבן געט גיך און באלד, און ער האָט נישט מיטגענומען קיין שום זאך, דען ער האָט זיך גערעכט, דאָס ער זאָל באלד צוריקקומען, און איז אוועקגעפאָרן לעשאָלעם אהיים. און ער איז נאָך מיט א פאָר וואָכן געקומען פריִער אהיים, ווי זײַנע עלטערן פון זײַן כאסענע, און האָט זיי געעפנט די טיר, ווי מיר האָבן שוין פריער דער־ציילט, אז ער האָט זיך אף זיי געבייזערט, פארוואָס זיי האָבן זיך אַזוי לאנג גע־זאמט, און האָט זיי דערציילט, דאָס ער איז שוין א גאָרוש [2] אויך.

---

[1]) לערנען, דערציִען. [2]) א געגעטער.

נון, ווען מיר זיך אומקערן צו כײַציקלס עלטערן, וואָס זײַנען אויסן זינען געוואָרן הערנדיק.

ביום ההוא, אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס זיי זײַנען געקומען צו פאָרן פון דער כאַסענע און וואָס זיי האָבן נאָך געדאַרפט ענטפערן הונדערטער מענטשן: מיט מאזל זאָלט איר לעבן, אַף דעם מאזלטאָוו, וואָס מען האָט זיי געגעבן, און איין אנדערן האָט מען נאָך געדאַרפט מעכאַבעד זײַן אויך. דערצו האָבן זיי געמוזט שיקן איין מענטש קיין בראָד אָפּצונעמען די קליידער מיט די מאַטאָנעס און די שלישים אַרויסצונעמען, עס האָט געקאָסט געגנוג מי און הויצאָעס, אויסער כאַרפּעס און בושעס. עס האָט דערמיט געררישט פון לינאָווע ביז בראָד, און מען האָט דעם יונגגמאַן איין נאָמען געגעבן „כײַציקל אליין". און דאָס האָט ר' שמערלען אראָפּגעזעצט פון טראָפּ; ער איז אזוי קורץ געקומען [1], אז ער האָט געמוזט אָנזעצן. מיט די טעכטער האָט ער שוין געטאָן שידוכים מיט פּראָסטע יונגע־לײַט. איינער וואר איין שרײַבער, דער צווייטער וואר איין פּוטער־הענדלער, און זיי האָבן זייערע ווײַבער ערלעך און אָרנטלעך ערנערט. און כײַציקל איז אָבער אים געבליבן איין אייביקער הויקער. ער האָט אים נאָכאמאָל כאַסענע געמאכט מיט איין אָרעם מיידל און האָט אים גענומען צו זיך אַף קעסט.

צוויי יאָר נאָך דיזער מאפּאָלע האָט זיך נאָך ר' שמערל געראנגלט אלץ מיט זײַן גליק. עס האָט זיך אים אלץ נאָך געוואָלט שפּילן די ראָלע פון איין גוויר. ער איז אָבער געוואָרן א גרויסער יוירעד [2], אז ער האָט שוין די אָרעמקייט גאָר ניט געקאָנט באהאלטן פון דעם אוילעם, און ערשט האָט ער כאַראָטע געהאט, וואָס ער האָט זײַן פאבריקל אָפּגעלאָזט און האָט אָנגעהויבן גיין אין גדוילעס.

דער וואַרער סייכל אָבער קומט אלעמאָל צו שפּעט, ווי אָפּט איין כאָסן צו דער קאַלע. ער פלעגט אימער שילטן דעם מויציטער, די שאדכאָנים; ער פלעגט צו גריזען דאָס ווײַב, וואָס זי האָט אים דערצו צוגערעדט. ער האָט איר געגריזעט, ביז זי איז, נעבעך, קראנק געוואָרן און איז אוועק פון דער וועלט פאַר דער צײַט. און ער האָט נאָך איר אויך נישט לאנג געלעבט. ער איז, נעבעך, געשטאָרבן אין העקדעש. און כײַציקל דער אילוי, דער בען־גוויר [3] איז געבליבן א קאַפּצן, איין נישט, איין נאַר, אָן טוירע, אָן כאָכמע, אָן מעלאָכע און א מעטופּל מיט קינדער. פאַר גרויס ראכמאָנעס האָט מען אים געמאכט פאַר איין סטראַזשניק. ער האָט אָבער דערצו אויך ניט געטויגט, האָט ער געמוזט לעבן פון קיצווע [4]. און אז די קינדער פון שטאָט האָבן אים געזעען, פלעגן זיי אים נאָכשרײַען: „כײַציקל אליין, כײַציקל אליין!". און דיזער נאָמען איז אים געבליבן ביז אין זײַן טויט.

כן אחרית הכסילים, אזוי איז דער סאָף פון נאראָנים, וואָס פירן איין צו גרויסע ראָלע אין דער וועלט, וואָס שעמען זיך מיט זייער מעלאָכע און ווילן זיך פירן ווי גווירים. ניין, שלמה המלך עליו השלום האָט געזאָגט (טוב איש נקלה ועבד לו ממתכבד ואין כל) עס איז פיל גלײַכער צו זײַן בא זיך איין קנעכט אלס זיך צו האלטן גרויס און זײַן אָרעם און בלויז.

דער פּאָסעק זאָגט אין קהלת (ראה חיים עם אשה אשר אהבת) דו זאָלסט זען צו לעבן מיט דער פרוי, וועלכע דו האָסט ליב. זאָגט דערוף דער מעדרעש (אמר

---

1) פארענגט, פאראָרעמט געוואָרן. 2) א מאטעריעל-געפאלענער. 3) א גווירס א זון. 4) פון געשענקט ברויט.

רבי משום עדה קדושה קנה לך אומנות עם התורה), דאָס הייסט: צו די טוירע, וואָס דו ליבסט, זאָלסטו דיר לערנען איין מעלאָכע. נון, זאָגט דער מעדרעש דאָרט ווײַטער (למה קורא אותן עדה קדושה שהיו משלשין היום, שליש לתורה, שליש לתפלה, שליש למלאכה): פארוואָס האָט זיי רעבע גערופן מיט דעם נאָמען הייליקע איידע? ווײַל זיי פלעגן צעטיילן דעם טאָג אין דרײַ גלײַכע טיילען: איין דריטל האָבן זיי פארבראכט אין טוירע לערנען, איין דריטל מיט טפילע, און איין דריטל מיט איין מעלאָכע. און אזוי קאָנען מיר געפינען וויפל מאמאָרים אין געמאָרע און אין מעדרעש, דאָס מע מוז האָבן איין מעלאָכע אין דער האנט. און יעדער מענטש זאָל מעגאדעל־זײַן [1]) זײַנע קינדער, דאָס די וועלט זאָל דערפון האָבן א טויעלעס [2]), דאָס ער זאָל נישט זײַן קיין ליידיקגייער, איין פרעסער און איין שנאָרער. נאָר געלויבט איז דער אייבּיקער, אז אונדזערע צײַטן שעמען מיר זיך שוין נישט מיט קיין מעלאָכע. באַל־מעלאָכעס ווערן רײַך, פארלאָזן זיי נישט זייערע מעלאָכעס.

אויך די מעלאמדים אין אונדזערע יאָרן האָבן זיך גאָר אינגאנצן אומגעענדערט צו גוטן. מיר האָבן שוין מער ניט אונטער זיי קיין מויציטער, קיין כײַציקל. פון זיי זײַנען דאָ באלע־טאַלמוד [3]), באלע־מיקרע [4]), באלע־דיקדעק [5]), און וויסן, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט און ווייסן שוין צו לערנען מיט קינדער מיט איין גוטן סיידער און לאָזן אָפּ צײַט, דאָס די קינדער זאָלן לערנען אנדערע קענטעניסן און וויסנשאפטן.

נון, מײַנע טײַערע לעזערן, דו האָסט זיך פילײַכט פון דיזער געשיכטע אָנגעלאכט, דאָך אָבער זײַ וויסן, דאָס ניט דערפאר אליין איז זי געמאכט געוואָרן. מיר מיינען,

דאָס דו זאָלסט ווערן דורכדעם א קלוגע מוטער,
דאָס עס זאָל פון דיר ארויסקומען איין זון איין גוטער,
דאָס הייסט אזעלכער, וואָס זאָל אף דער וועלט נישט עסן אומזיסט,
און זאָל נישט זײַן ליידיק און וויסט,
דען וועלכער עס טוט זיך ערלעך געניערן,
דעם טוט די גאנצע וועלט ערן.

1) דערציִען. 2) נוץ. 3) געמאָרע־לערנער. 4) ביבל־לערנער. 5) העברעיִשע גראמאטיקער.

אווראָם-בער גאָטלאָבער

(1899 — 1811)

אווראָם־בער גאָטלאָבער (אב״ג) איז געבוירן אין אלט־קאָנסטאנטין (געוו. וואָלינער גובערניע) דאָס יאָר 1811. זײַן פאָטער איז געווען כאזן און קאָהאָל־שרײַבער אין שטאָט. זײַן ערשטע דערציִונג האָט אב״ג געקריגן אין כאדאָרים; שפּעטער האָט מיט אים דער פאָטער געלערנט דיקדעק, וואָס בא פרומע יידן איז שוין דאָס גופע געווען אָפּגעפרעגט. צו 14 — 15 יאָר האָט מען אים כאסענע געמאכט, און ער האָט געגעסן קעסט באם שווער, א רוזשינער כאָסיד, אין טשערניכאָוו. דאָרט ווערט ער אויך א הייסער כאָסיד, טוט זיך ארײַן אין קאבאָלע, זאָגט כסידעס און ווײַזט ארויס גרויסע פעיִקייטן. נאָך דעם רעקרוטן־אוקאז (1827), אויס מוירע פאר כאפּערס, פארלאָזט ער מיטן פאָטער רוסלאנד און וואנדערט א שטיק צײַט איבער גאליציע. דאָרט, אין טארנאָפּאָל, באקענט ער זיך מיט דעם געוויסן יאָסעף פּערל, און אונטער זײַן ווירקונג הייבט ער זיך אָן פלײַסיק אָפּצוגעבן מיט וועלטלעכער בילדונג. ער פארלירט זײַן פאָטער, קערט זיך אום צוריק קיין טשערניכאָוו, אָבער דאָ פארמאסערט מען אים פאר אפּיקאָרסעס, און דער שווער געט אים אָפּ. זײַנע קרויווים מאכן אים כאסענע א צווייט מאָל, קעדיי צו דערהאלטן אים בא יידישקייט, אָבער ער קאָן שוין אין דער סוויוע מער ניט בלײַבן, ער געט אָפּ די צווייטע פרוי און הייבט אָן ווידער צו וואנדערן. אין באַר, אָדעס, קעשעניעוו, דובנע א. אז. וו. באקענט ער זיך מיט אָנגעזעענע מאסקילים, שטודירט דײַטש, לעבט פון לערערײַ אין פארמעגלעכע הײַזער. אין 1832 יאָר קומט ער צו יִצכאָק־בער לעווינזאָן קײַן קרעמענעץ און ווערט רי״בל׳ס א הייסער אָנהענגער. ער האָט כאסענע דאָס דריטע מאָל, באזעצט זיך אין דובנע, פירט פראָפּאגאנדע פאר האסקאָלע. שפּעטער, אָנהייב די 40־ער יאָרן, ווען ליליענטאל פאָרט ארום איבער יידישע שטעט (אָף דעם אופטראָג פון בילדונג־מיניסטעריום) וועגן דער רעפאָרמע פון יידישן שולוועזן, העלפט ער ליליענטאלן. א מענטש שוין מיט א פאמיליע, האלט ער דאָס יאָר 1851 עקזאמען בא זשיטאָמירער ראבינער־שול און קריגט א לערער־שטעל אין א יידישער קרוינשול אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק, דערנאָך אין אלט־קאָנסטאנטין. ער לעבט אין גרויס דאכקעס, איז זיך מישטאדל צו קריגן א לערער־שטעל אין זשיטאָמירער ראבינער־שול, אָבער דאָס געראָט אים ערשט דאָס יאָר 1865. נאָכדעם ווי די ראבינער־שול ווערט פארמאכט (1873), בלײַבט ער אָן ברויט, וואנדערט ווידער איבער רוסלאנד, גאליציע, רומיניע, שפּארט אָן אין ווין, לאָזט ארויס פארשיידענע העברעיִשע ווערק, רעדאקטירט פון 1876 א זשורנאל „הבוקר אור״, לעבט פון שרײַבן, לערערײַ, שאדכאָנעס, פון ארומגיין איבער פארמעגלעך־הײַנטוועלטיקע הײַזער מיט זײַנע כיבורים, פון זײַנע גוטע פרײַנטס און טאַלמידימס גאָב. פאר זײַן לאנג וואנדער־לעבן טרעפט ער זיך מיט די אָנגעזעענסטע העברעיִשע

און יידישע שרײַבער, טוער פון זײַן צײַט, קריגט די האשפּאָע פון זיי, און אליין שטעלט ער אוף, אלס לערער, מיט זײַנע שריפטן און מינדלעכער פּראָפּאגאנדע, א דאָר טאלמידים־מאסקילים אין פארשיידענע ערטער, דערהויפּט אין וואָלין, (אגעוו, האָט ער געהאט א ווירקונג אף מענדעלען, לינעצקין, גאָלדפאדענען א. אנד.). דאָס איז דער אָנגעזעענער פּראקטיקער פון דער האסקאָלע, דערהויפּט אין אוקרײַנע, אזויווי ריב״ל איז געווען דער טעאָרעטיקער. די פּאָגראָמען אָנהייב די 80־ער יאָרן טרעפן שוין אב״ג אין טיפער עלטער, א געבראָכענעם מאטעריעל און גײַסטיק. ער ווערט נאצי־אָנאליסטיש, רופט יידן „צוריק אין שול ארײַן״, צו דער „מוטער־ציִען״; ער פאר־לירט שוין אָבער זײַן ווירקונג ביכלאל.

אף דער עלטער ווערט ער בלינד, פארברענגט זײַנע לעצטע יאָרן אין עלנט און פארגעסעניש בא א טאָכטער אין דובנע, דערנאָך אין ביאליסטאָק און שטארבט דאָרט דאָס יאָר 1899.

שרײַבן האָט אב״ג אָנגעהויבן נאָך אין די פריִע יוגנט־יאָרן. אזויווי דער גרעסטער טייל מאסקילים פון זײַן צײַט, האָט ער געשריבן דערהויפּט אף העברעיִש: שירים, פּובליציסטיק („מאמאָרים״) אפילע וויסנשאפטלעכע זאכן (וועגן קאראִימען), פּראָפּאגאנ־דירט פאר האסקאָלע, פּאָלעמיזירט מיט אירע און מיט זײַנע אייגענע קעגנער (קעגן קאָוונערן, סמאָלענסקין א. אנד.), וועקט רוסישן „פּאטריאָטיזם״. אין זײַנע מעמוארן אין „הבוקר אור״ א. אז. וו. איז פאראן זייער וויכטיקער מאטעריִאל צו דער געשיכטע פון זײַן צײַט, ספּעציִעל צו דער געשיכטע פון כסידעס און האסקאָלע.

יידיש איז בא גאָטלאָבערן, אזויווי בא אנדערע אָנגעזעענע מאסקילים, געווען א בײַזאך. וועגן זײַן יידיש־שרײַבן דערציילט ער: „אזוי־ווי איך האָב פון קינדהײַט אָן געהאט א נייגונג צו שרײַבן שירים, האָב איך אינעם זשארגאָן אויך אָנגעהויבן שרײַבן שי־רים. צי זײַנען זיי עפּעס ווערט געוו׳ען, צי ניין — ווייס איך ניט, ווײַל עס איז פון זיי ניט געבליבן קיין זייכער״ [1]). מע דארף נאָך דערצו צוגעבן, אז גאָטלאָבער האָט געיארשנט פונעם פאָטער ליבשאפט און פארשטאנד פאר פאָלקס־געזאנג. א גרויסע ווירקונג צו דערנעענטערן גאָטלאָבערן צו יידיש האָט געהאט מענדל לעווינס „משלי״ און „קוהלת״־איבערזעצונגען אף יידיש, וואָס גאָטלאָבער האָט זיי געזען נאָך גאָר אין די יוגנט־יאָרן. וועגן מענדל לעווין, ספּעציִעל וועגן דעמס אופטו אָנהייבן צו שרײַבן אַף דער פאָלקס־שפראך, שרײַבט גאָטלאָבער אין זײַנע זיכרוינעס מיט גרויס רעספּעקט: „דידאָזיקע איבערזעצונגען האָבן מיר אויך געגעבן דעם שטויס צוריידן צום פאָלק אף זײַן אייגענער שפראך. פון דעמאָלט אָן האָב איך גענומען פּרוּוון מײַנע קויכעס און שרײַבן ווערק אף דער שפראך״ [2]). אף גאָטלאָבערן האָט אויך געווירקט י. ב. לעווינזאָנס „העפקער־וועלט״ און נאָך מער ד״ר עטינגערס יידיש שרײַבן. דאָס יאָר 1837 איז גאָטלאָבער געווען אין זאמאָשטש, און ד״ר עטינגער האָט אים דעמאָלט פירגעלייענט זײַן „סערקעלע״.

די ערשטע צײַט, ביז ס׳איז נישט אופגעקומען דאָס וואָכנבלאט דער „קול־מבשר״ (אָדעס 1862 — 1872), האָט גאָטלאָבער פּאָשעט נישט געהאט וווּ צו דרוקן זײַנע יידישע לידער; אָבער אין מאנוסקריפּטן און אין פאָלקס־מויל זײַנען זיי געווען גוט באקאנט,

1) זע: גאָטלאָבערס „זיכרוינעס וועגן יידישע שרײַבער״ אין שאָלעם־אלייכעמס „יידישע פאָלקס־ביבלי־אָטעק״ ב. ו, קיִעוו, 1888, ז. 252. 2) ציטירט נאָך א. פרידקינס „אווראָם־בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע״, ווילנע 1924, ז. 176.

ספּעציִעל וועגן א ליד „דער בידנער יִשׂראָליק״, וואָס אופגעשריבן איז דאָס געווען אין 1843, דערציילט גאָטלאָבער, אז ס׳איז קימאט נישט געווען קײַן יִדיש הויז, וווּ מע זאָל דאָס נישט זינגען (געדרוקט איז דאָס געווען אסאך שפּעטער, ערשט אין 1876, אין „היועץ״ בוקארעשט, מיט י. ב. לעווינזאָנס נאָמען). אז דאָס איז נישט איבערגעטריבן, — דאָס הערן מיר פון א. י. פּאפּערנע: „גאָטלאָבערס לידער זײַנען געווען זייער באליבט און פארשפּרייט אין וואָלין און פּאָדאָליען. זײַן שילער א. גאָלדפאדן פלעגט זיי אָפט פּירזינגען אין דער זשיטאָמירער ראבינער־שול״ [1]. די קאָמעדיִע „דער דעקטוך אָדער צוויי כופּעס אין איין נאכט״ האָט גאָטלאָבער אָנגעשריבן נאָך דאָס יאָר 1838 [2]), אָבער געדרוקט איז זי געווען ערשט אין 1876 (ווארשע), און דאָס אויך מיט א פרעמדן נאָמען: יאָזעף ווערבעלינסקי, פון א פאַרגרײַזטן מאנוסקריפּט, וואָס איז ארומגעגאנגען אין אוילעם. אין פארשיידענע צײַטן איז גאָטלאָבערן אין זײַן וואנדער־לעבן פארפאלן געוואָרן אסאך ווערק זײַנע. ערשט מיט דעם אופקום פון „קול־מבשר״ הייבט זיך גאָטלאָבער אָן צו דרוקן אף יִדיש. אין 1862 (№ 3—5) דרוקט ער דאָרט „דאָס גרעבער־ליד״, אין 1863 — „דער אָרעמער אוישער״, אין 1864 — „דאָס זומער־פייגעלע״, „דער גענארטער מענטש״ א. אז. וו.

דאָס יאָר 1863 לאָזט ער ארויס אין אָדעס „דאָס ליד פונעם קוגל״. דאָס איז א פּאַראָדיִע אף שילערס „ליד פון דער גלאָקע״, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער בא מאסקילים. אזויווי בא שילערן דער גלאָק, אזוי באגלייט דאָ בא גאָטלאָבערן דער קוגל דעם יִדן זײַן גאנצן לעבנסוועג בא די וויכטיקסטע געשעענישן פון זײַן לעבן. דאָ זײַנען לײַכט אָפּגעשפּעט יִדישע מינהאָגים, דער אלטפרענקישער שטייגער. דאָסזעלבע יאָר דרוקט גאָטלאָבער א גרעסער ליד „דער סיים אָדער די גרויסע אסיפע אין וואלד, ווען די כײַעס האָבן אויסגעקליבן דעם לייב פאר א מיילעך״ (זשיטאָמיר). כײַעס קומען זיך צונויף אויסקלײַבן א מיילעך. פרעטענדענטן איז פאראן אסאך: דער אייזל, דער בער, די שאָף, דער העלפאנד, דער הונט, דער וואָלף, דער כאזער א. אז. וו. יעדער פרעטענדענט רעכנט אויס זײַנע מײַלעס און יענעמס כעסרוינעס, מאכט דערבײַ אָן עקסקורסיִע אין דעם לעבן פון מענטשן. דאָס איז אינגאנצן גענומען אן אלעגאָרישע סאטירע אף דעם יִדישן געזעלשאפטלעכן לעבן. ספּעציִעל אין די עקסקורסן געפינט גאָטלאָבער די געלעגנהייט אָנצורירן יִדישע רעדלפירער, פּניי, מענטשלעכע נארישקייט, ביִכלאל, אגעוו, העברעיִשע מעליצע־שרײַבער אויך. אין 1871 דרוקט ער אין „קול־מבשר״ א גרעסערע פּראָזאיִשע זאך „דער גלגול״ (איבערגעדרוקט, מיט אייניקע ענדערונגען אין ווארשע 1896). די טעמע, ווי אויך אייניקע פיגורן האָט ער גענומען פון י. ערטערס „גלגול־נפש״ (אין „הצופה לבית ישראל״), אָבער דאָ איז דאָס באַארבעט אסאך ברייטער, אָריגינעלער, צוגעגעבן אסאך אייגנס. וועגן דעם מוסער־האסקל פונעם ווערק זאָגט גאָטלאָבער: „טאָמער וועט זיך עמעצער א מוסער ארויסנעמען; טאָמער וועט זיך אָנשפּיגלען א כאָסידל, וואָס מאכט דעם רעבנס ניגונים, א כאזן, וואָס מאכט פון א מאָקעם־קאָדעש א קרעטשמע, א באלטאקסע, וואָס באראבעוועט אָרעמע־לײַט, א קריטיקער, א דאָקטער, א באל־האלוואָע, א פּאָדריאטשיק, וואָס

1) זע: א. י. פּאפּערנע „די ערשטע יִדישע דראמע און דער ערשטער יִדישער ספּעקטאקל״, „פּנקס״, 1923 (2-טע אופלאגע), ז. 187—188. 2) אין אן אנדער אָרט גיט גאָטלאָבער אָן די דאטע 1844, זע פרידקין, ז. 177.

פירט זיך שלעכט אוף; טאָמער וועלן זיי זיך ארומקוקן, אז זיי גייען אין א שלעכטן
וועג און וועלן זיך בעסערן".

דער „גלגול" איז א בײַסנדיקע סאטירע אף דעם גאַנצן יידישן לעבן: א כאָסיד א
שיקער ווערט פארברענט פון בראָנפן און מוז אויסשטיין פאר א טיקן עטלעכע גיל־
גולים: א פערד, א כאזן, א פיש, א באל־טאקסע, א הונט, א קריטיקער, אן אייזל,
א דאָקטער, א פיאווקע, א באל־האלוואָע, א כאזער, א פאָדריאטשיק (צושטעלער).
אין דעמדאָזיקן ווערק גיט ער א ברייט בילד פונעם יידישן לעבן. דאָ קריגן מיר צו
זען דאָס ווילדע, פארדאָרבענע כסידעס, דעם שווינדל מיט יידישקייט, פאראזיטיזם,
ליידיקגייערײַ, די אלע גיפטיקע געוויקסן, וואָס ווידמען זיך אין זומפ און זויגן אויס
די דערשלאָגענע יידישע מאסע. דאָ איז געוויזן אויך די מעכאניק, וויאזוי מע עקס־
פלואטירט די מאסע. נישט געשוינט זײַנען דאָ אויך די נײַע, די אופגעקלערטע: דער
דאָקטער, וואָס איז פאריינס מיטן כסידישן רעבן, דער שווינדלער דער פאָדריאטשיק,
דער מאָדערנער קריטיקער (מיסטאמע געמיינט גאָטלאָבערס קריטיקער אורי קאָוונער).

דאָס הינטערשטעליקע יידישע לעבן, ספעציעל די ווילדע יידישע שידוכים, דאָס פאר־
גלויבטקייט אין ייכעס און אין שטרײַמל, דאָס ווײַזט אונדז גאָטלאָבער אין דער פריער־
דערמאָנטער קאָמעדיע „דער דעקטוך אָדער צוויי כופּעס אין איין נאכט". יאָסעלע און
פריידעלע האָבן זיך ליב, אָבער בא די פאנאטישע עלטערן איז דאָס, פארשטייט זיך,
א זינד. יאָסעלעס פאָטער, א נעמאָן, וויל כאסענע מאכן זײַן זון פאר א בלינדער אף אן
אויג, ווײַל זי איז א ראָווס א טאָכטער. און פריידעלעס פאָטער, א פּאָשעטער ייד אן
ארענדאר, וויל זי אויסגעבן פאר א קאליקע לעמל,—א „בעזנאָסע" (אָן א נאָז) דערפאר
ווײַל זײַן פאָטער איז א האלבער רעבע. יאָסעלע צעשטערט די געפּלאנטע שידוכים
מיט א קונץ. ער שטעלט אָן אזויעלן, דעם דינער באם ארענדאר, ער זאָל פארהאלטן
אין וואלד ביז שפּעט אינאָוונט פריידעלעס מעכוטאָנים, וואָס דארפן אָנקומען דעם
טאָג צו דער כופּע; אליין פארשטעלט ער זיך פאר א נישט־גוטן, דערשרעקט דערמיט
אף טויט די אָנגעקומענע, בײַט זיך אין דער בעהאָלע מיט די קליידער מיט לעמלען,
פירט אים אָפּ צו דער בלינדער קאלע, און אליין, פארשטעלט פאר לעמלען, גייט ער
צו דער כופּע מיט פריידעלען. דער שווינדל דעקט זיך אוף שוין נאָך אלעמען.

כוץ ייכעס שפּילט דאָ אין דער קאָמעדיע נישט קיין קליינע ראָליע נארישקייט
און פאנאטיזם. א באל־שעם דערציילט זיך אָן בא יאָסעלען אפן באדעקנס ווילדע
מײַסעס, וויאזוי ער האָט געטריבן א דיבעק, וויאזוי ער האָט געשטרײַט מיטן באל־דאָ־
ווער ארויסצוקריגן פון זײַנע הענט א געגאנוועטע קאלע, און די כאסענע־געסט,—צווישן
זיי אויך דער ראָוו,—פאהאלטן זיך דערצו ערנסט. דערמיט איז שוין פסיכאָלאָגיש צו־
געגרייט די סיטואציע פאר יאָסעלעס קונצשטיק.

גאָטלאָבערס קאָמעדיע איז דער פּראָטאָטיפּ פון גאָלדפאדנס „ביידע קוני־לעמל".
גאָטלאָבער האָט דאָ אפילע ארײַנגעשטעלט אייניקע געזאנג־שטיק אויך.

פון אנדערע גאָטלאָבערס זאכן זאָל דאָ דערמאָנט זײַן: דאָס ליד „גזרה־דײַטש"
וועגן דער „גזיירע" אף יידישע קליידער, „שטיי אוף",—א וועקרוף פאר דער האס־
קאָלע־פּראָגראם (אין „ישראַליק" № 1, לעמבערג, 1875), לויט דעם מוסטער פון מיכל
גאָרדאָנס „שטיי אוף מײַן פאָלק".

פון נאָך די פּאָגראָמען, די צײַט פון דער רעאקציע אין דער העברעיִשער, צומ־
טייל אין דער יידישער ליטעראטור, זײַנען באקאנט גאָטלאָבערס לידער: „גייט אין

שול אריַין" און „די מאמע מיט די קינדער": ייִדן האָבן זיך אָפּגענארט, מע דאַרף גאָט בעטן, „ער זאָל אונדז פון די צאָרעס (פּאָגראָמען) באפרײַען"; און זיך אומקערן צו דער „געטרײַער מאמע — ירושלאַיִם".

בלויז דאָס ליד „די אסיפה" דערמאָנט אונדז דעם יונגן גאָטלאָבערן, וואָס האָט מיט שארפער סאטירע און וויץ געשטריטן קעגן דעם הינטערשטעליקן ייִדישן לעבן.

א היפּשן ווערט פאר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור האָט גאָטלאָבערס „זיכרוינעס וועגן ייִדישע שרײַבער" אין שאָלעם־אליכעמס „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק", ב. 1 (קיִעוו 1888). אגעוו, דאָרט האָט ער אויך געדרוקט „איש כאָסיד", א שטיק פּאראָדיִע אף דעם שאבעס־צונאכטיקן פּיזמען מיט דעם נאָמען.

געזאמלט זײַנען גאָטלאָבערס זאכן ארויס צום ערשטן מאָל דאָס יאָר 1927 אין ווילנע מיט דעם נאָמען „א. ב. גאָטלאָבערס ייִדישע ווערק", ארויסגעגעבן פון א. פרידקין און ז. רייזען.

איך ברענג דאָ פראגמענטן פון דעם „גלגול", גענומען פון דער אויסגאבע: וואַר־שע, 1896; „די אסיפה" פון „א. ב. גאָטלאָבערס ייִדישע ווערק", ווילנע 1927.

ליטעראטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראטור, פּרעסע און פילאָ־לאָגיִע", ב, 1 ווילנע 1926; א. פרידקין „אווראָם-בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע", (צונויפגעשטעלט לויט גאָטלאָבערס מעמוארן אין „הבוקר אור", „המגיד" א. אז. וו. ווילנע, 1920).

אווראָם־בער גאָטלאָבער.

„דער גילגל

איין

הומאָריסטישע ערציילונג“

א כעוורע־מאַן פון דער כעוורע־קאדישע דערציילט ווי ער האָט אליין געזעען א טויטע נעשאָמע (גילגל), און זי האָט אלעס פון כיידער ארויסגע־געבן, ווער זי איז.

איך בין שוין קאמע יאָרן א כעוורע־מאַן פון דער כעוורע־קאדישע. ווי דער שטייגער איז, בין איך פריִער געוועזן א מאַלאָטשע[1] און מיַין אייסעק איז געוועזן צו זיצן בא קראנקע, אָפטמאָל בא יעציִעס־נעשאָמע, דעריבער בין איך א גרויסער מייוון אף גסיסע, און אז איך לייג א פעדער אף דער נאָז, און זי רירט זיך נישט[2], ווייס איך געוויס, אז דער קראנקער איז געשטאָרבן, און איך טו אים זיַין ריעכט און באגראָב אים. גלויבט מיר, אז ס'איז שעקער ווֶעקאָזאָוו, וואָס די היַינטיקע אופגע־געקלערטע האָבן אָפּגעקלערט, אז מע באגראָבט ייִדן פאר דער ציַיט. שעקער, מע באַ־גראָבט קיַין ייִדן ניט צו פרי! גלויבט מיר, די פעדער איז דער בעסטער סימען; אז די פעדער רירט זיך ניט, פארוואָס זאָל מען ניט באַגראָבן? אוואדע, ווען די פעדער זאָל זיך נאָר א ריר טון, וואָלט מען זיך שוין ניט געיַילט אזוי גיך צו באגראָבן. אונדזערע אָוועס־אווויסיינו זיַינען, כ'לעבן, ניט מעשוגע געוועזן, וואָס עס פלעגט זיך אמאָל בא זיי טרעפן, אז מע האָט א מעס גאָר דערלאנגט א פאטש פון דער האנט[3], ווען ער האָט זיך גערירט נאָך דעם טויט; וואָרעם מעמאָ־נעפשעך: ביסטו א מעס, וואָס־זשע רירסטו דיך? גיי דיר אין דיַין רו אריַין. איַי־וואָס? טאָמער איז ער גאָרנישט געשטאָרבן? שעקער! דאָס קאָן ניט זיַין, מע האָט דאָך אים געלייגט א פע־דער אף דער נאָז. עלע וואָס דען, איז דאָך עס א ניט־גוטער, א רועך־האטומע[4], ראַכמאָנע ליצלאָן[5]! נו, נא־זשע דיר א פאטש און גיי!... נאָר איך בין דערוף ניט

[1] יונגער, אָנהייבער; א ספּעציִעלער טערמין בא כעוורע־קאדישע (נ. ש.). [2] ניט די נאָז מיין איך, נאָר די פעדער (אב״ג). [3] עס פארשטייט זיך, אז מע האָט אים פריִער מעכילע געבעטן [4] אן אומריינער גייַסט, א שעד. [5] גאָט זאָל אויסהיטן.

אויסן, איך וויל אײַך דערציילן א מײַסע, וואָס האָט זיך מיט מיר אליין פארלאָפן, אז איך בין נאָך געוועזן אַ מאָלאָטשע. נאָר פריִער מוזט איר וויסן, אז איך בין ניט עפּעס א ייִדלאק, וואָס דאכט זיך אים, אז א קו איז געפלויגן איבערן דאך. אזויווי איר זעט מיך, גאָר א פּראָסטער ייִד, גלויב איך ניט אַין אלע נארישקייטן. איך האָב קײַן מוירע ניט בּאנאכט אליין ארויסצוגיין; כאָטש עס טרעפט זיך טאקע מײַסעס, נאָר איך האָב פאָרט קײַן מוירע ניט. עס האָט זיך מיר שוין אמאָל געטראָפן צו שלאָפן אין א שטוב, וואָס עס איז דאָרט קײַן מעזוזע ניט געוועזן, פונדעסטוועגן בין איך געשלאָפן רויִק, גאָר אָן פּאכאד; — איך האָב, פּראוודע, די ציצעס געלייגט צוקאָפּן. איך בין שוין אמאָל בּאנאכט געוועזן אין א מיל, — מאָלט אײַך ניט איינער אליין, און דער מילנער איז דאפּקע געוועזן א קישעפמאכער, — און איך האָב זיך גאָרניט געשראָקן. עס פארשטייט זיך, אז נעכטיקן האָב איך דאָרט ניט געוואָלט פאר א מיליאָן. וואָרעם נעכטיקן אין א מיל, מוז מען דאָך שוין זײַן טאקע א העפקער־מענטש. מיילע, איך זאָג עס אקעגן דעם, איך וועל אײַך ניט פאָרזאָגן קײַן פּיזמען; אז איך זאָג אײַך, אן עמעסע טײַסע, מעגט איר מיר גלויבן.

די מײַסע איז אזוי געוועזן:

איך האָב אמאָל בּאגראָבן א מעס און האָב מיך אביסל אפּן בייסוילעם פארזאמט; איך האָב דאָרטן געדארפט אן אנדער מעס צאמען און א מאצייווע שטעלן. דערבײַ האָב איך, ווי דער שטייגער איז, אין אויהעל [1] — א פּאָר טרינק בראָנפן געטאָן און פארביסן מיט א רעטשן קיכל, האָב אביסל מאנעלאָשן געזאָגט, און בין מיר, ווי מײַן טעווע איז, פריילעך אהיים געגאנגען. גייענדיק אפּן וועג, בין איך פארבײַגעגאנגען פאר דער שטוב, ווו דער ייִד איז געשטאָרבן, וואָס איך האָב אים פאר א פּאָר שאָ בּאגראָבן. ווי דער מינהעג־ייִסראָעל איז, האָט שוין אפּן פענצטער געברענט א ליכט; דערבײַ איז געשטאנען א גלאָז וואסער, און א שטיקל לײַוונט, קלוימערשט א האנטעך, איז דערבײַ געהאנגען. איך טו א קוק — די נעשאָמע שטייט און וואשט זיך אוןווישט זיך אָפּ. קיין בּאל־פּאכדן בין איך ניט, איך גיי מיר אזוי צו צום פענצטער און טו די נעשאָמע א פרעג: שוין אזוי גיך? דו ביסט פריִער געקומען ווי איך, נאָר דאָס איז אפילע קײַן כידעש ניט, א מעס שוועבט. געלויבּט איז האשעם־ייִסבּאָרעך, וואָס מיר זעען זיך ווידער, — א סימען, אז דו ביסט שוין דײַן פּעקל איבערגעקומען, און דער מאלעך־דוימע [2] האָט דיך שוין פון די לאפּקעס ארויסגעלאָזט. אוואדע האלט איך עס מיר פאר א גרויסער זכיִע, ווײַל א מעס זעען מוז מען א גרויסע זכיִע האָבן!

איך האָב געהערט דערציילן, אז פארצײַטן האָבן גרויסע צאדיקים געזעען מייסים, וואָס פלעגן קומען צו זיי נאָך טיקן [3]. הײַנטיקע צײַטן, זינט כסידים האָבן אָנגעהויבן טרינקען טיקן [4] אין בעסמעדרעש און אין אלע קלײַזלעך, האָבן שוין אלע מייסים א טיקן געהאט, און ווײַזן זיך שוין ניט צום רעבן, דעריבער זעען די הײַנטיקע גוטע־ייִדן א רועך, קײַן מייסים זעען זיי שוין נישט. ביפראט איך, גאָר א פּראָסטער

1) א שטיבל פאר כעוורע־קאדישע־לײַט אפּן בעסוילעם. 2) דער מאלעך, וואָס נעמט דעם טויטן אפּן ערשטן פארהער. 3) דער צאדיק זאָל זיי ארויסגעבן א „טשוווע", ווי צו גוט מאכן זייערע זינד. 4) בראָנפן, וואָס כסידים טרינקען פאר א געשטאָרבענעם, ער זאָל האָבן דעם גאניידן, מע זאָל אים מויכל זײַן זײַנע זינד.

מענטש, דארף עס מיר אוואדע האלטן פאר א גרויסע זכיה א מעס צו זען. נו, אז האשעם־ייסבאָרעך האָט מיך יאָ מעזאקע געווען א מעס צו זען, וויל איך דיך פרעגן, מעס־לעבן, זאָלסט מיר זאָגן דעם עמעס, אויב עס האָט עפּעס א מאמעש, וואָס די אופגעקלערטע לײַט זאָגן, אז עס טרעפט זיך בא יידן, ווײַל זיי זײַנען גיך מעקאבער, אז מע באגראָבט אמאָל, כאס־ווע׳שאָלעם, א לעבעדיקן מענטשן? אָט האָב איך דיך אויך גוט באגראָבן, ביסטו נאָך אפילע ווארעם געווען, איאָ, איך האָב דיך ניט לעבעדיקערהייט באגראָבן?

— בא, זאָגט די נעשאָמע, אז מייסים זאָלן מעגן אויסזאָגן פונעם כיידער, וואָלט מען אסאך זאכן געוואָר געוואָרן, וואָס מע ווייסט זיי ניט. נאָר ווייסטו דען ניט, אז מייסים שווײַגן? אויב דו האָסט מיך באגראָבן טויטערהייט אָדער לעבעדיקערהייט, מעגסטו זיכער זײַן, אז עס וועט בלײַבן א סאָד, קיינער וועט עס ניט וויסן. ניט איטלעכער האָט א זכיה, ווי דו, מיט מייסים צו רעדן, און פאר דיר איז גלײַכער, דו זאָלסט זיך ניט אָנפרעגן. איך האָב אויך מייסים באגראָבן, און עס האָט זיך אף מיר קיינער ניט געקלאָגט. גלויב מיר, איך האָב א גרעסערן בייסאלמען געמאכט ווי דער, וואָס דו באגראָבט דאָרט די מייסים, וואָרעם א דאָקטער באגראָבט מער ווי א כעווערע־שאמעס.— א דאָקטער! — זאָג איך מיט גרויס פארוווּנדערונג, און האָב מיך א כאַפּ געטון צום היטל.— ווי הייסט? דו ביסט דען א דאָקטער געווען? דו האָסט זיך גאָר מיט פּאָדריאדלעך אָפּגעגעבן! א סימען וועל איך דיר זאָגן, אז דו ליגסט אפילע אין פרעמדע טאכריכים. האָב מיר קײַן פאריבל ניט, וואָס איך זאָג דיר דאָס, איך וויל דיר נאָר דערמאָנען, ווײַל איך האָב מוירע, אויב דו גייסט ניט ארום אפן אוילעם־האטויע [1].

— דערפאר האָב קײַן מוירע ניט, — ענטפערט מיר די נעשאָמע, — איך בין אפן אוילעם־עמעס [2], ניט אפן אוילעם־האטויע, און מיט די פרעמדע טאכריכים האָב איך מיר אף אונדזער בייסאָלמען ניט צו שעמען, וואָרעם ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס איך וויים, וואָלסטו געוווסט, אז אסאך פון די, וואָס עס שטייט אף זייערע מאצייווע׳ס געשריבן: „פּוי ניטמאן האגוויר האמעפורסעם” [3] און נאָך אזעלכע טיטלען, און וואָס בא זייערע ווײַבער און קינדער איז איבערגעבליבן אסאך טויזנטער יערושע, ליגן זיי אויך אין פרעמדע טאכריכים. אף מײַנע רייד, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אז איך בין געווען א דאָקטער, דארף דיר אויך גאָרניט קאָשע זײַן, איך רעד ניט פונעם וועג, איך בין טאקע געווען א דאָקטער, נאָר ניט אין דעם גוף, וואָס דו האָסט ניט לאנג באגראָבן. עס איז שוין דערינען זייער לאנג. פון יענעם גוף איז קײַן שטויב אויך ניט געבליבן. ניט א דאָקטער אליין בין איך געווען, איך בין אסאך מאָל מעגולגל געוואָרן און אלע מאָל בין איך עפּעס אנדערש געווען”.

די קאשע פון דאָקטער איז מיר פארענטפערט געוואָרן, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך דעם מעס א פרעג געטון: מיילע, אז דו ביסט ווידער א דאָקטער געווען, איז דאָך ווידער קײַן כידעש ניט, וואָס מייסים האָבן זיך ניט געהאט אף דיר וואָס צו קלאָגן;— א דאָקטער באגראָבט דאָך אוואדע ניט לעבעדיקערהייט?

— אף דעם, זאָגט די נעשאָמע, האָב איך דיר צוויי טערוצים צו ענטפערן:

---

1) די וועלט פון בלאָנדזעניש, א שטראָף פאר זינדיקע, זיי קאָנען ניט קומען צו זייער רו. 2) אף דער עמעסער וועלט (יענע וועלט). 3) דאָ ליגט באהאלטן דער בארימטער גוויר.

ערשטנס, ווער זאָגט עס דיר, אז איך מיין, זיי האָבן זיך אף מיר געהאט צו קלאָגן, וואָס איך באַגראָב זיי לעבעדיקערהייט? אדעראבע, אף מיר האָבן זיי צו קלאָגן גע־האט, וואָס איך מאך זיי טויט פאר דער צײַט. צווייטנס, מוזטו וויסן, אז אינעם לע־בעדיק באַגראָבן האָט אויך דער דאָקטער א כיילעק. וואָרעם אָן זײַן קוויטל באַ־גראָבט מען ניט.

— אָ־ווא! — האָב איך א געשריי געטון, — איז דאָך דער ראָוו אויך שולדיק, ער גיט דאָך אויך א קוויטל?

— פארוואָס דען מײַנסטו, — ענטפערט די נעשאָמע, — רופט מען א דאָקטער אויך רעבע? ווײַל ער טוט דאָס אייגענע, וואָס דער ראָוו, און דער ראָוו דאָס, וואָס ער. נאָר האָדיע שוין דערפון שמועסן; דו האָסט שוין בא מיר א האלבן מיטאָג אויסגע־נארט; דו ביסט שוין קימאַט געוואָר געוואָרן דאָס, וואָס איך האָב דיר ניט געוואָלט אויסזאָגן. אצינד לאָמיר אופהערן דערפון צו רעדן. און דו, מײַן ליבער כעוורע־מאַן, הער אוף איבערצופרעגן, פארגעס דיך ניט, אז דו רעדסט מיט א גילגל!

בא די ווערטער האָט די נעשאָמע אף מיר עפּעס ווי א בייזן קוק געטון, און איך האָב מיך טאקע אביסל דערשראָקן. פאר א פראָסטער נעשאָמע האָב איך קײַן מוירע ניט געהאט; נאָר א ג י ל ג ל, — דאָס איז שוין אן אנדער זאך; א ג י ל ג ל איז ניט קײַן קאַ־טאָוועס, פאר א ג י ל ג ל דארף מען זיך היטן, דאָס איז שוין, ראַכמאָנע־ליצלאָן, א מין דיבעק! [1] נאָר איך האָב מיר ווידער מעיאשעוו געווען, אז עס איז זײַן ליבן נאָ־מענס ווילן, איך זאָל רעדן מיט א גילגל, מינאַסטאַס דארף איך דאָך פון אים עפּעס וואָס געוואָר ווערן, קעדיי איך זאָל מוידיע זײַן די צאדיקים, זיי זאָלן אים מעסאקן זײַן [2]. איך האָב מיר געמאכט קוראַזש און האָב די נעשאָמע א פרעג געטאָן: האָסטו ניט עפּשער כיישעק, מײַן ליבע נעשאָמע, מיר צו דערציילן, וואָס האָט זיך מיט דיר פאַר־סירט זינט דו גייסט ארום אף דער וועלט? עפּשער וועל איך דיר קענען א טויווע טאָן, איך וועל נאָך דיר מישנײַעס לערנען. איך קען אפילו קנאַפּ, נאָר ניט ערגער פון אלע, וואָס לערנען מישנײַעס נאָך א מעס. דערצו וועל איך מוידיע זײַן אינעם קלײַזל, וועט מען טרינקען טיקן אלע טאָג פון דײַנעטוועגן...

— דאָס איז אלצדינג ניט נייטיק, — ענטפערט די נעשאָמע, — אײַער מישנײַעס קנאָרכן, אָן איווע, אָן טײַטש, העלפט פּונקט ווי א מעס באנקעס, און מיט דעם טיקן מאכט איר קאַליע. איך דארף, באָרוך־האשעם, אײַער לאַסקע ניט, איך בין שוין מײַנס אָפּ־געקומען, און דער גוף, וואָס דו האָסט באַגראָבן, איז שוין דער לעצטער ג י ל ג ל געוועזן, — איך וועל שוין מער ניט מעגולגל ווערן. נאָר פונדעסטוועגן וועל איך דיר צוליב טאָן, און וועל דיר דערציילן, וואָס האָט זיך מיט מיר איבערגעטאָן אין אלע גילגולים, קעדיי דו זאָלסט עס אופשרײַבן, און מענטשן זאָלן עס לייענען, טאָמער וועט זיך עמעצער א מוסער ארויסנעמען, און עס וועט אים א טויווע ארויסקומען. נאָר איידער איך הייב אָן צו דערציילן, מוז איך דיר פריִער דערמאָנען, אז איך דער־צייל דיר דאָ זאכן, וואָס זײַנען שוין זייער לאנג געשעען. וואָרעם פארגעס ניט, אז אין דעם גוף, וואָס דו האָסט ערשט באַגראָבן, בין איך אויך געוועזן קאָרעוו

---

1) א „גײַסט” פון א געשטאָרבענעם מענטשן, וואָס קומט ארײַן אין א לעבעדיקן נעפעש (מענטשן, כאַיע); א שטראָף פאר זינדיקע. 2) אים ארויסהעלפן, ער ז״ל אופהערן אָפּקומען זײַן גילגל-אָדער דיבעק-שטראָף.

צו זיבעציק יאָר. דעריבער, ווען עס וועלן אין מײַנע ערציילונגען פֿאָרקומען זאַכן, וואָס אזא גלײַכן טרעפֿט זיך עפּשער הײַנטיקע צײַטן אויך, זאָל קיינער ניט מיינען, אז דאָס גייט אף אים. עס קאָן זײַן, אז ער איז פּונקט אזוי ווי איך בין געווען אין דעם אָדער דעם גילגל. וואָרעם וואָס בין איך דען ניט געווען? — נאָר עס איז פֿאָרט ניט דאָס, ווײַל מײַנע גילגולים זײַנען שוין לאַנג געווען. אצינד הער צו, איך הייב שוין אָן צו דערציילן:

אז איך האָב געדאַרפֿט דאָס ערשטע מאָל א מענטש געבוירן ווערן, זײַנען מײַנע עלטערן פֿריִער א לאַנגע צײַט בעזדיטניקעס געווען. מענטשן האָבן זיי אָנגעהויבן צו זאָגן: „וואָס שווײַגט איר? פֿאָרט צו גוטע ייִדן! ווער דען וועט אײַך העלפֿן? בא זיי איז דאָך דער שליסל פֿון קינדער!“ מײַן טאַטע האָט אָבער פֿון גוטע ייִדן ניט געהאַלטן און האָט געגלויבט, אז נאָר בא גאָט אליין איז דער רעכטער שליסל, און ווען עס טרעפֿט זיך טאַקע אמאָל, אז א רעבע העלפֿט צו קינדער, איז דאָס נאָר מיט א נאָכשליסל; דעריבער האָט ער ניט געוואָלט פֿאָרן צו קיין רעבן. נאָר א ייִדענע איז דאָך ניט קיין מאַנספּאַרשוין! די מאַמע האָט צוגעהערט מענטשן, האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאָרען מיט גוטע ייִדן הינטער דעם טאַטנס וויסן און איז צו אַלע געפֿאָרן, ביז עס איז איר בא איינעם געראָטן. ער האָט אסאַך טפֿילעס פֿאַר־בראַכט און נאָך פּעולעס געטאָן און האָט מײַן נעשאָמע אראָפּגעבראַכט פֿון דעם „אוי־לעם־האַנגינע“[1] אין א גוף, אין מײַן מוטערס בויך ארײַן. מײַן מאַמע איז אויס בעזדיטנישקע און איז צו מאַזל מובערעס געוואָרן. דער טאַטע האָט געמיינט, אז גאָט האָט אים באַגליקט אף דער עלטער, אָן עמונע אין גוטע ייִדן, אָבער די מאַמע האָט געוווסט דעם עמעס, אז זי איז געהאָלפֿן געוואָרן אין זכוס פֿון צאַדיקים!

א כסידישער זינגער.

אז איך בין געבוירן געוואָרן אזא טײַער קינד, וואָס צאַדיקים האָבן זיך געמוזט מיִען, איך זאָל געבוירן ווערן, האָט מינאַסטאַם מײַן מאַמע, וואָס זי האָט שטאַרק עמונע געהאַט אין דעם רעבן, געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן, איך זאָל אויסוואַקסן א טאַכשיטיק קינד. דער טאַטע האָט זיך צו מיר טאַקע ווײַטער ניט געמישט, און די מאַמע האָט מיך דערצויגן נאָך איר גוסט. צו צען יאָר האָב איך שוין געוווסט דעם סאָד פֿון א טרונק בראַנפֿן און בין שוין געווען פֿול ווי א זאַק מיט מײַסעס פֿון גוטע ייִדן. די מאַמע האָט מיר געהאַלטן א מעלאַמעד, א יונגנמאַן, ניט צו לערנען מיט מיר[2] נאָר אף מײַסעס דערציילן, — דערצו איז ער געווען א גרויסער בעריע. דער מעלאַמעד, האָט מיך מעכאַנעך בעמיצוועס[3] געווען. איך בין ניט געגאַנגען א טריט אָן אים; אפֿילע געשלאָפֿן זײַנען מיר אינאיינעם. ער האָט מיר אסאַך סוידעס מעגאַלע געווען[4], אז צו פֿופֿצן יאָר בין איך שוין געווען א פּאַרטיקער כאָסיד מיט אַלעמען: מיט רעכט היפּש בראַנפֿן טרינקען, מיט א שטאַרקן ברען אין דאַווענען, מיט קאַלטע און וואַרעמע מיקוועס, מיט שיראַיִם־כאַפּן[5] פֿון רעבנס טעלער, — אפֿילע מיט כאַטעס־נעורימלעך[6]! די זײַנען מיר זייער צונוץ געקומען, ווײַל דורך דעם בין איך געווען דאַר ווי א פּלאָקן און עס האָט מיר געדרונגען פֿון די אויגן. דערצו האָב איך א פּאָנעם געהאַט ווי אַן

1) די וועלט פֿון מוזיק. 2) ער האָט אפֿילע קאַרג וואָס געקענט (אב״ג). 3) געלערנט און געוויינט מיצוועס צו טון. 4) אנטפּלעקט. 5) רעשט פֿונעם רעבנס עסן. 6) יוגנט־זינד.

אויסגעווייקטער הערינג פונעם באַשטענדיקן ווייקן אין מיקווע, און איבער דעם האָט מען ניט געקאָנט שטיין אין מײַנע פיר איילן: מער האָב איך מיר געפּליוסקעט אין מיקווע, מער האָב איך געשטונקען. דאָס קעפּל איז טאָמיד געווען פריש אָפּגעגאָלט, דער גאָרגל נאַקעט און מיט א גרויסן קנאָפּ, דאָס קאַפּאָטקעלע צעכראַסטעט, דאָס האַרץ אין דרויסן, — איבער דעם אַלעמען האָב איך געהייסן א זײַדענער יונגערמאַן און בין א גרויסער כאָשעוו געווען באַם רעבן, טאַקע פּאָשעט איין אויג אין קאָפּ!

צו אַלע מײַנע גאָלדענע מײַלעס, בין איך געווען א ווילער כסידישער זינגער אויך, וואָרעם דער רעבע האָט דאָך מײַן נעשאָמע אַראָפּגעבראַכט פונעם „אוילעם-האַנ־גינע". מײַן גרעסטע קונץ איז באַשטאַנען אין שרײַען, איך האָב איבערגעשריִען אַלע כסידים. דאָס, וואָס דאָס שרײַען האָט מיר געקאָסט, האָט קיינער ניט געוווּסט, נאָר איך אַליין; איך האָב מיר באַלד געמוזט קויפן א בענדל [1]. נאָר הערט עפּעס א כאָ־סיד א וועלט? וואָס איז עס מיך אָנגעגאַנגען? איך האָב געשריִען אָף א בײַקאָל, אָף א באַס, אָף א קוויטשלקע (פּיסטל); צו קידעש-לעוואָנע בין איך גאָר געווען א קעסלפּויק. דער רעבע האָט זיך אַזוי פאַרליבט אין מײַן זינגען, אַז איך בין געוואָרן דער גלאַוונע זינגער באַם טיש, און אָן מײַן זינגען האָט דער רעבע ניט געקאָנט האָבן קײַן אַליִעס-נעשאָמע [2]. קורץ, — איך בין צו מאַזל געוואָרן א ניגונים-מאַכער, איך האָב אַליין אויסגעטראַכט ניגונים צום רעבנס גוסט, מיט דווייקעס און היסלאַוועס [3]. אַז איך האָב געדאַרפט אַזאַ ניגנדל מאַכן, האָב איך געמוזט פריִער אַסאַך בראַנפן טרינקען, קעדיי היסלאַוועס און דווייקעס צו באַקומען און דעם רעבנס גוסט צו טרעפן. אַז איך האָב באַם רעבן געזונגען מײַנע ניגונים, האָב איך אויך פריִער גוז־מעס געטרונקען, קעדיי איך זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון דער מאַדרייגע [4], און דער רעבע זאָל רעכט זעען, וואָס פאַר א היסלאַוועס עס שטעקט אין מײַן ניגנדל. איך פלעג אָבער ניט נאָר באַם רעבן זינגען, איך פלעג זינגען באַ אַלע טישן און קערמעשלעך. סודעס ראָש-כוידעשלעך [5] פון אונדזערע לײַט, און סודעס-מיצוועלעך [6] האָבן מיר געהאַט אַלע טאָג, אַמאָל אי צוויי מאָל אין טאָג, און באַ איטלעכס זינגען האָב איך מער געטרונקען ווי געגעסן. איך בין געווינט געוואָרן צו טרינקען בראַנפן פּאָשעט ווי וואַסער, און דאָס טאַקע נאָר ריינע שפּירטעס ווי פײַער.

אַמאָל האָב איך געמאַכט א נײַע „דרויר-איקראָ" [7], וואָס גאָר די וועלט איז מיט דעם אוף געוועזן. דער רעבע פלעג זיך באַם „דרויר-איקראָ" אַזוי צעפלאַמען, אַזוי צעפלאַ־קערן, מיט אַזאַ דווייקעס, מיט אַזאַ היסלאַוועס, אַז דער אוילעם האָט געמיינט, עס איז פּאָשעט קלויס-האַנעפּעש [8]. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער „דרויר-איקראָ", דאָס דווייקעס, דאָס היסלאַוועס, דאָס קלויס-האַנעפּעש איז באַלד אין דער מאָדע אַרײַן. אַלע כסידים האָבן נאָר געזונגען דעם „דרויר-איקראָ", אַלע האָבן זיך באַם זינגען געדווייקעט, אַלע האָבן געהאַט היסלאַוועס ביז קלויס-האַנעפּעש, און איטלעכער האָט געוואָלט ווײַזן, אַז ער מאַכט פונקט ווי דער רעבע. ווער שמועסט איך, דער באַלמעלאָכע פונעם נײַעם „דרויר-איקראָ", וואָס פון מיר קומט די גאַנצע סימכע אַרויס, — איך האָב דאָך אַוודע געוואָלט ווײַזן, אַז איך פאַרשטיי באָרוך-האַשעם, ווי־

---

1) צו א ברוך אף דעם געווויסן אָרט. 2) די גרויסע באַגײַסטערונג, ווען די נעשאָמע גייט אַרויף אין די הימלען אַרײַן. 3) באַגײַסטערונג, ענטוזיאַזם. 4) פון דעם שטאַפּל; דאָ געמיינט: פון דער גרויסער באַגײַסטערונג. 5) א סודע אַלע נײַ-כוידעש. 6) א סודע באַ עפּעס א מיצווע-געלעגנהײַט. 7) א שטיק פון זמירעס, פרומע טיש-געזאַנגען. 8) די נעשאָמע גייט אויס.

אזוי דעם רעבן אריינצוברענגען אין אזא דוויקעס; האָב איך מיר געדווייקעט מער פון אלע, און קימאט מער ווי דער רעבע אליין. צו אזא מייסע דארף מען נייטיק א שטארקן טרונק בראנפן. אזוי־ווי בא מיר איז בראנפן גאָר א וואָכעדיקער גאנג געווען, האָב איך געמוזט די פאָרציִע פארטאָפּלען און דערצו נאָך שטארקערן שפירט גענומען. קורץ,— איך האָב אָנגעהויבן טרינקען לאקיר מיט א גרויס גלאָז.

אום שאבעס־צונאכטס, באם רעבן בא מעלאווע־מאלקע[1], האָב איך נאָך אמאָל מיין „דרויר־איקראָ״ געזונגען, נאָכדעם, ווי איך האָב אים שוין דעם שאבעס אמאָל צען געזונגען באם רעבן צו שאָלעש־סודעס, בא אָרכים שאבעס באטאָג, בא עטלעכע גלעזלעך אויסגעמישט ווײַן, בראנפן, מעד, ווישניאק און ווידער בראנפן, אין כסידים־שטיבל בא מינכע,— און אלע מאָל דערביי געטרונקען און היסלאוועס געהאט. בא מעלאווע־מאלקע מוז מען דאָך נעמען א קאפּ בראנפן, און ביפראט דער רעבע האָט מיר געגעבן מיט זיין האנט! דער רעבע אליין האָט אויך ניט געטרונקען קיין פּאָשעט בראנפן. ער האָט צו מיר געטרונקען „לעכאיִם״! און מיר געגעבן די האנט און האָט מיין האנט לאנג, לענגער ווי טאָמיד, געהאלטן. דערנאָך האָט ער נאָכאמאָל מיט גרויס היסלאוועס געשריִען: „לעכאיִם! לעכאיִם״! איך בין דיר מאוטיִען, אז דו וועסט (אימירצע האשעם) מיט גאָטס הילף מארעך־יאָמים זיין[2]. אף דער טוירע האקדוישע[3] שטייט: „קי הי כאיעכאָ וועאוירעך יאָמעכאָ״[4] — זי איז דאָס לעבן פונעם יידן און דערלענגערט זיינע טעג. דו, מיין קינד, ביסט בעעמעס מעקיים די טוירע! די עמעסע טוירע פון צאדיקים! דער אויר[5] פון דער טוירע! דעריבער זאָג איך דיר, אז דו וועסט אוואדע מאַרעך־יאָמים זיין! „לעכאיִם, לעכאיִם״! נאָך די ווערטער האָט ער גיך אויסגעטרונקען די קויסע און האָט טייקעף ווידער אָנגעגאָסן און האָט מיר דערלאנגט. איך האָב נאָר דעם קאָס אויסגעטרונקען,— אז עס טוט מיר ניט א פלאקער פונעם מויל און פון דער נאָז! — דער שפירט, וואָס איך בין שוין געווען פול ווי א פאס, האָט זיך דערהיצט און האָט זיך אָנגעצונדן און האָט אָנגעהויבן גאנץ פריילעך צו ברענען.

א פּאָשעטע סרייפע לעשט מען מיט פּאָשעט וואסער, און אין איטלעכער שטאָט איז דאָ דערצו פּאָזשארנע אינסטרומענטן. צו אזא סרייפע האלט מען פאר א רעפוּע נאָר געזאלצענע וואסער, און דעם רעבנס פּאָזשארנע קאָמאנדע[6] זיינען טאקע זיינע כסידים. דער רעבע האָט קאָמאנדירט און א גאנצער יאם פון זאלץ־וואסער איז מיר אריין אין מויל אריין. נאָר דאָס האָט מיר אויך ניט געהאָלפן, די גזיירע[7] איז שוין ניגזער געוואָרן, און איך בין, נעבעך, פארברענט געוואָרן. באם אוילעם איז געווען דעריבער צוויי דייעס: א טייל האָבן געזאָגט, אז דער רעבע האָט שוין פריִער געזען, אז עס איז אף מיר ניגזער געוואָרן מיסע[8], ווייל איך האָב מיר איינגעשפּארט מיט מיין היסלאוועס מאָשיִעכן אראָפּצוברענגען פאר דער צייט, האָט דער רעבע באם מאלכאמאָוועס אוועקגענומען דאָס מעסער, קעדיי ער זאָל מיר גאָרניט קאָנען טאָן. דעריבער האָט דער רעבע צו מיר מיט אזא היסלאוועס געטרונקען: „לעכאיִם״. דער מאלכאמאָוועס האָט זיך אָבער אן אייצע געגעבן און האָט מיך פארברענט מיט פייער. א טייל האָבן געזאָגט פּאָשעט: איך

1) א סודע בא כסידים ארויסצובאלייטן די מאלקע־שאבעס. 2) האָבן לאנגע יאָר. 3) הייליקער טוירע, 4) זי איז דיין לעבן, און צוליב איר וועסטו האָבן לאנגע יאָר. 5) די ליכטיקייט. 6) פייערלעשער. 7) גאָטס שטראָף. 8) טויט.

האָבֿ געוואָלט אראָפּברענגען דעם „סאר שעל טוירע״[1]), ווײַל דער רעבע האָט אָף מיר מעיִד געווען[2]), אז איך האָבֿ בעעמעס מעקײַעם געווען די טוירע; האָבֿ איך א טאָעס געהאט אין די קאוואָנעס[3]) און האָבֿ אראָפּגעבראכט דעם „סאר שעל אייש״[4]). אוא מײַסע האָט זיך שוין אמאָל געטראָפן בא איינעם פון די ערשטע עלטסטע גוטע־יידן... אזויוי עס געפינט זיך אין די הייליקע גוטע „טײַטש־ספאָרים״ געשריבן. נאָר געזאָגט אהער, געזאָגט אהין,— דאָס טײַערע קינד פונעם נאָכשליסל, דער זײַדענער יונגערמאן מיט אלע מײַלעס, איז געשטאָרבן, פארברענט געוואָרן. פון מיר איז גע־בליבן א האָלעוועשקע, און מע האָט די האָלעוועשקע באגראָבן. דער רעבע האָט אפילע דעם פרײַטיק־צונאכטס געזאָגט טוירע אפן פּאָסעק: „ואת שעיר החטאת דרש דרש משה והנה שרף״[5]) (ויקרא י׳, ט״ז) און האָט זיך איבער אים זייער געקוועטשט; די צוויי מאָל „ד אָ ר ו י ש ד אָ ר א ש״ האָבן אים זייער געארט, און האָט דערוף געזאָגט סוי־דעס, וואָס קיינער האָט זיי נישט פארשטאנען. שאבעס אינדערפרי האָט ער דעם אוי־לעם געזאָגט, אז איך בין בא אים געווען צו כאָלעם און האָבֿ אים געזאָגט דעם פּיירעש[6]) פונעם פּאָסעק, אזויוי די פּאמאליע שעל מײַלע[7]) איז אים מעפּארעש, נאָר וואָס — האָט ער ניט מעגאלע געווען[8]). אצינד, נאָך אסאך דוירעס, בין איך דיר מעגאלע, אז איך האָבֿ אים געזאָגט: „דורנוי, דורנוי! קאָהאָ טי דורעש? סאם סעביא דורעש!״ און אויב דו, מײַן ליבער כעוורע־מאן, פארשטייסט נישט מער נאָר ווי יידיש, בין איך דיר מעפּארעש אף פּראָסט יידיש, וואָס דאָס הייסט: נאר! נאר! ווען נארסטו, דו נארסט זיך אליין[9]).

א באַל־טאַקסע.

די נעשאָמע האָט ווידער געהאט אן אליע[10]) און איז ווידער אין א מענטשן מעגולגל געוואָרן, נאָר אין א מענטשן, וואָס שלינגט אויך אײַן זײַנע אָרעמע ברידער, אזויוי א העכט די קליינע פישלעך. איך בין געוואָרן א באַל־טאַקסע, וואָס דינגט אָפּ די טאַקסע פון דעם קאָשערן פלייש און זאָרגט דערפאר, אז אָרעמע לײַט זאָלן כאָלילע די קישקעס ניט צעשטופּן און זאָלן זיך ניט געוויינען פלייש צו עסן ווי די ווילדע כײַעס; אָבער אליין שלינגט ער ווי א פיש, בא אים בלײַבט דאָס פלייש מיט דעם געלט!

א באַל־טאַקסע איז זייער גוט צו זײַן. אויסער דעם וואָס ער עסט זיך אָן מיט דעם בעסטן פלייש און האָט אלע אײַטערלעך, אלע גריישלעך, קורץ — אלע בעסטע שטיקלעך, וואָס זײַן הארץ גלוסט,— האָט ער נאָך דערצו די גרעסטע דייע אין שטאָט, ווײַל איטלעכער דארף צו אים האָבן. די ראבאָנים און שאָכטים זײַנען זײַנע, זיי לעבן דאָך פון אים. די שאָכטים זײַנען דאָך אין די באָטע־מעדראָשים און די קלײַזלעך אלע טאָג, ווײַל א שויכעט מוז דאָך זײַן א פרומער ייד און פאָרן צום רעבן. אז די שאָכ־

[1]) דעד האר (מאלעך) פון דער טוירע. [2]) איידעס געזאָגט. פּאָרויסגעזאָגט. [3]) אין די געדאנקען, אין די שפּרוכן. [4]) דעם האר פון פײַער. [5]) מוישע האָט געפרעגט אף דעם ציגל, וואָס האָט געזאָלט געבראכט ווערן פאר א קאָרבן כאטאָס, איז דאָס שוין געווען פארברענט. [6]) טײַטש. [7]) די מאלאָכים אין הימל. [8]) ניט אויסגעזאָגט. [9]) ווײַטער דערציילט זיך, ווי אזוי ס׳הייבן זיך אָן די גילגולים, די וואָגלענישן פונעם זינגערס נעשאָמע: דער מאלעך־דוימע פארוואנדלט זי אין א כאזן, אין א פיש, דערנאָך אין א באל־טאַקסע. [10]) געהויבן געוואָרן.

טים זײַנען דעם באַל־טאַקסעס, זײַנען די באָטע־מעדראָשים און די קלײַזלעך דעם באַל־טאַקסעס. די קאַצאָווים זײַנען דעם באַל־טאַקסעס, זיי לעבן דאָך פון אים. די קאַצאָווים זײַנען פול אין אלע שענק־הײַזער און נאָך אין אזעלכע הײַזער, ווו עס קומען זיך צונויף מענטשן, וואָס מע דאַרף אָפּט זייער לאַסקע, אַז מע וויל עמעצן אַ שפּיצל אָפּטאָן. אַז די קאַצאָווים זײַנען דעם באַל־טאַקסעס, זײַנען די אַלע נוצלעכע מענטשן דעם באַל־טאַקסעס. די נעגידים זײַנען זײַנע, ווײַל כאָטש ער איז באַל־טאַקסע האָבן פונדעסטוועגן אַלע נעגידים, און ביפּראַט די גרעסטע, באַ אים כאַלאָקימלעך. דעריבער קען אים שוין דער איבעריקער אוילעם, געמיינע באַלעבאַטים, באַלמעלאָכעס און דעסגלײַכן אַ וואָרט ניט רעדן; מיט זיי טוט ער וואָס ער וויל. אויס די קאָנדיציִעס לאַכט ער זיך אויס; ער קוילעט סטערוועס, פּעגירעס, פֿאַרקויפט פֿאַרשטונקן, אומריין פלייש. אָרעמעלײַט גיט מען נאָר ביינער, און דערצו אַ פאַלשע וואָג;—ווער וועט זיך פאַר זיי שטעלן? אַז, לעמאָשל, דער גוויר פון דער שטאָט האַנדלט מיט אָקסן (און ער האָט דאָך אוואַדע אַ שטיקל כיילעק אין דער טאַקסע), און עס געפינען זיך באַ אים עטלעכע פּעגירעס, וואָס ווילן שוין טאַקע פּייגערן, שיקט מען זיי געשווינד אין שעכטהויז אַרײַן און מע לייגט זיי אַוועק אַף קאָשער. אָרעמעלײַט צעכאַפּן דאָס פלייש ווי פלאָדן. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון די נעגידים וועגן איז דאָ אַנדער פלייש. אַ מעקעך נעמט ער ווי אים טויג; אַ כיילעק גיט ער, אַז דער אָרעמאַן זאָל זיך ניט האָבן צו קלאָגן, ער האָט זיך כאָלילע איבערגעגעסן. אויסער דעם אַלעמען פֿאַרקויפט מען דאָך דעם אָרעמאַן גאָרניט קײַן פלייש; וואָס טויג די קאַפּצאָנים פלייש? ביינער זײַנען זיי קראַנק צו גריזען?! עס זײַנען אַפילע דאָ אין איטלעכער שטאָט מענטשן, וואָס נעמען פלייש ניט נאָר אָן טאַקסע, נאָר טאַקע גאָר אומזיסט. איך ווייס, דו מיינסט אוואַדע, מײַן ליבער כעווערמאַן, אַזעלכע, וואָס האָבן דערויף אַ פּראַווע, ווי, לעמאָשל, לערער פון יִידישע שולן, וואָס זײַנען באַפרײַט פון פּאָדאַט און דערצו זײַנען זיי דאָך געמיינע לײַט, וואָס לעבן פון געהאַלט און קומען צונויף דער שטאָט,— זיי ערציִען די קינדער. אויב דו מיינסט אַזוי, האָסטו אַ גרויסן טאָעס. ערשטנס, הערסטו דאָך, אַז איך זאָג ניט אָן טאַקסע, נאָר אומזיסט, און פֿאַרוואָס קומט לערערס אומזיסט? זיי פאַרלאַנגען עס גאָרניט, זיי פאַרלאַנגען ניט מער ווי זייער פּראַווע, אָן טאַקסע, און דאָס וויל זיי דער באַל־טאַקסע גאָרניט הערן. וואָס וועלן זיי אים טון? פאַר וועמען וועלן זיי זיך קלאָגן? פאַר די נעגידים? די נעגידים דאַרפן זיי ניט, די נעגידים גיבן ניט זייערע קינדער אין דער שולע אַרײַן. ווײַטער ערגעץ אַנדערש קאָן דער באַל־טאַקסע גיכער טרעפן, און ווו מע דאַרף געבן אַ קערבל, קאָן ער גיכער געבן. ווער דען, וועסטו פרעגן, נעמט פלייש גאָר אומזיסט?— ניט פאַרזינדיקן זאָל מען! עס איז, באָרוך־האַשעם, דאָ אין שטאָט פּאַקטוירים, יאַבעטניקעס, דאָנאָשטשיקעס; פאַר זיי האָט מען דאָס זיבניאָריקע קאַדאָכעס; זיי מוז מען דאָס מויל פֿאַרשטאָפּן, זיי זאָלן די סוידעס ניט אויסזאָגן! אַ קלייניקײַט איז דאָ סוידעס אין שטאָט? עסט, קינדער, פלייש אומזיסט, און קיטש!

איך בין געווען אַ באַל־טאַקסע אין אַ גרויסער שטאָט, פון קאַמע שאָנים [1]) די טאַקסע געהאַלטן, און נאָך אַזעלכע געשעפטן, צומיינסטן אַסאָקים, וואָס מע לייגט ווייניק אַרײַן און מע נעמט אַסאַך אַרויס. און דערפון, וואָס איך בין זייער קאַרג

---

[1]) אַסאַך יאָרן.

געוועזן און האָב קיין אָרעמאַן קיין שטיקל ברויט ניט געגעבן אומזיסט, און די, וואָס האָבן בא מיר געדינט, האָב איך געצאָלט ווי צומווייניקסטן און אָפט נאָך פון דעם ווייניקן אָפּגעריסן מיט פאַלשע פּרעטענזיעס,— פון די אַלע און נאָך אַזוינע זאַכן בין איך מיט דער צייט אַ גרויסער אוישער געוואָרן. איך האָב מיך געפירט זייער נעגידיש, עס הייסט: איך האָב געוווינט אין אַ שיינער דירע, מיט שיין מעבל, האָב געהאַט אַסאַך טיש־זילבער און אַזוי זילבערנע קיילים, לעמאָשל, אַ כאַנעקע־לעמפּל, אַ האָדעס, אַ מעגילע אין זילבער איינגעפאַסט, אַ זילבערנע פּושקע אף דעם עסרעג, און נאָך אַזוינע אַנטיקן. נאָר דאָס אַלצדינג האָט מיר ווייניק געקאָסט: אַ טייל זאַכן זיינען בא מיר געבליבן, וואָס אָרעמע אָפּגעקומענע נעגידים האָבן בא מיר פאַרזעצט פאַר אַ קלייניקייט, און עס איז אָנגעוואַקסן אַסאַך פּראָצענט, אַז עס איז שוין ניט קעדיי געוועזן אויסצולייזן. די פאַרשעמטע אָפּגעקומענע אָרעמע האָבן זיך אָפט גאָר געשעמט אויסצוזאָגן, און ווען עס האָט זיך אַמאָל געפונען איינער, וואָס האָט געווינט און געשריִען,— אַזעלכע זיינען געוועזן צומיינסטן אַלמאָנעס מיט יעסוימים,— נו, איז דאָך דערוף דאָ אַ דין־טוירע[1], און בא דעם דין־טוירע בין איך דאָך מינאַסטאַם גערעכט געוועזן. דער ראָוו האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, האָט געזוכט אין דעם און אין יענעם סייפער, האָט געקייַט די באָרד, געדרייט די פּייע,— קוועטש דיך הייַנט, קוועטש דיך מאָרגן, איך בין, באָרוך־האַשעם, אַן אוישער, איין אויג אין קאָפּ באַם רעבן, זאָל לעבן, און האָב אַ וועקסל אף העטער־איסקע[2], מינאַסטאַם מיט אַלע באוואָרענישן „כתקון מהר״ם ז״ל דלא כאסמכתא ודלא כטפסי דשטרי וכו׳ וכו׳״ ?[3] אוכעדוימע, אוכעדוימע. וואָס קאָן דער ראָוו זאָגן ? די אַלמאָנע האָט זיך גוט אויסגעווײנט, און דאָס זילבער איז בא מיר געבליבן. נאָר איין זאַך האָט מיר געקאָסט געלט: דעם רעבן האָב איך ניט געזשאַלעוועט און האָב מיך מיט אים קיינמאָל ניט געדונגען. האַלט מיך ניט פאַר קיין שוטע, מיין ליבער כעווערמאַן, איך האָב מיין געלט ניט אַרויסגעוואָרפן. דער רעבע איז ווערט געוועזן צען מאָל אַזוי פיל. דו מוזט וויסן, אַז איך האָב קאַמע יאָרן די טאַקסע געהאַלטן און דערצו קאַמע אָרענדעס אַרום, אין שטעטלעך און אין דערפער, און אַלצדינג פאַר אַ שיבעש געלט. מיר האָט ניט געסמייעט קיינער אויסצודינגען, דער רעבע וואָלט אים אויקער מין האַאוישרעש[4] געוועזן; עס וואָלט קיין ייִד פון זיין פלייש ניט געגעסן און פון זיין בראַנפן ניט געטרונקען, און ער וואָלט אינגאַנצן העפקער געוועזן;— פאַרשטייסטו שוין, וואָס דער רעבע איז ווערט? מיילע, דער רעבע האָט מיר געקאָסט געלט; פונדעסטוועגן האָב איך מיר דאָסדאָזיקע געלט אויך אָפּגעזוכט ווי ווייַט איך האָב געקענט. איך האָב שוין דערפאַר קיין ייִדן קיין נעדאָווע ניט געגעבן, אפילע דעם גרעסטן אָרעמאַן, ער האָט געמעגט פאַר הונגער שטאַרבן. איך האָב אָפּגעריסן אַ באַלמעלאָכע, אַז ער האָט בא מיר געאַרבעט, ער האָט אפילע געמעגט צו מיר צולייגן. אַ טרונק בראַנפן האָט בא מיר אַ ייִד ניט געטאָן אומזיסט. און אפילע מיין אייגן ווייַב מיט מיינע אייגענע קינדער האָב איך דעם ביסן פונעם מויל אָפּגעריסן. ווי דען? מע מוז דאָך די הוצאָע אויסשלאָגן. זאָג, אַ, בין איך עפשער אומגערעכט?

[1] אַ לאָדעניש באַם ראָוו, [2] אַ באוואָרעניש לויט דעם ייִדישן דין, אַז מע מעג נעמען פּראָצענט. [3] די פאָרמול פון דער פריִערדערמאָנטער באוואָרעניש. [4] אויסרייַסן פונעם (מיטן) וואָרצל, יענעם שאָרש אָנלערנען.

דאָ האָב איך מיך אָנגערופֿן צו דער נעשאָמע: ניין, מײַן ליבע נעשאָמע! דו ביסט ניט גערעכט געווען, און מיר דאכט, דו האָסט געמוזט דערנאָך ווײַטער מעגילגל ווערן, און ניט אין אזא באשעפעניש, וואָס לעקט האָניק. סטײַטש, דו ביסט דאָך עפּעס, ווערליק דו דערציילסט, גאָר א גאזלען, א רויצייעך געווען, אן אומבערעכ־מאָנעסדיקער מענטש, א בלוטצאפּער. איך פארשטיי ניט, וואָס פאר א רעבע דאָס האָט געקאָנט זײַן, וואָס דו ביסט בא אים געווען א כאָשעווו! דאָס איז ניט קײַן רעבע, דאָס איז א טאָטער!...

דער גילגל האָט מיר די האנט אף דעם מויל ארופֿגעלייגט: ש — שא! וואָס רעד־סטו? — זאָגט ער, — אז דו זאָלסט וויסן פֿון וועמען מע שמועסט, וואָלסטו דיך געשלאָגן הונדערט מאָל אל־כעט[1]), פאר דעם וואָרט, וואָס דו האָסט ארויסגערעדט. מײַן רעבע איז געווען ר׳ יוקיניו, זיכרוינע ליוורוֹאָכע![2]).

ר׳ יוקיניו, — האָב איך א געשריי געטאָן, — זײַן זכוס זאָל מיר און קאָל־ייִס־ראָעל בײַשטיין! ער איז אוואדע געווען א גרויסער צאדיק. נאָר פֿונדעסטוועגן פאר־שטיי איך ניט, ווי ער האָט געהאלטן פֿון אזא גאזלען.

ווי הייסט? — זאָגט די נעשאָמע, — ער האָט עס גערדאַרפֿט פֿון אלעמען וויסן? ווער וועט אים גיין דערציילן? דער גאבע איז מיט מיר בלאט געווען. איך בין געווען זייער א פֿרומער ייִד, בין געגאנגען אלע טאָג אין מיקווע, האָב געלייגט צוויי פּאָר טפֿילן; שאבעס בין איך געגאנגען אין א שטרײַמל און אין אן אטלאסענער זשיפּי־צע, די פּייעס זײַנען געווען פֿארוקט איבער די אויגן, דער האלדז אײַנגעדרויסן; אף די פּיס פּאנטעפֿעלעך. מיילע, וואָס נאָך האָט דער רעבע געקאָנט צו מיר האָבן? און ווײַטער, מוזטו וויסן, אז דער רעבע ווייסט אויך א כּילעק צווישן געלט און שמעלט. איין האנט וואשט די אנדערע. דער רעבע זאָל ניט געווען האלטן פֿון מיר, וואָלט איך ניט געהאלטן פֿון אים; פֿון וואָס זשע וועט דער רעבע לעבן, אז ניט פֿון אזוינע לײַט ווי איך? די אופֿגעקלערטע נעגידים, די דײַטשן וועלן אים ניט געבן, — און דער רעבע, מוזטו וויסן, דאַרף קײַן אײַנהאָרע אסאך האָבן. א קארעטע מוז ער האָבן, אפֿילע מיט הונט און א צאפּ צו די פֿערד; טײַערע דירעס, טײַערע מעבל, זילבער, און טאקע גאָלד אויך מוז ער האָבן, — ער איז דאָך א צאדיק, אן איידעלע, הייליקע נעשאָמע! און ניט ער אליין, — זײַנע קינדער, זײַנע זין, זײַנע טעכטער, שניר, איידעמס, אייניקלעך, קײַן בייז־אויג, אלע האלטן דינסטן, מעשאָרסים, אמען; דאָ דאַרף דאָך אוועקגיין אלע יאָר אן אשירעס! קײַן מאסע אומאטן[3]) טוט ער ניט, קײַן קראָם האָט ער ניט, קײַן גיטער אויך ניט, קײַן פֿאבריקן, קײַן קאָנטאָרן, קײַן פּאָדראדן, — מיילע ווו דען וועט ער נעמען? בא די כסידים, די גאָלע־פּיאטניקעס? זיי דאַרף ער נאָר צום רומל, ווײַל אָן כסידים איז מען קײַן רעבע ניט, אָבער קײַן פּארנאָסע ווערט ניט פֿון זיי. נו, אציגנד פארשטיי אליין, אז דער רעבע דאַרף פֿון מיר לעבן, קאָן ער שוין א מויל עפֿענען?

אוואדע, — זאָג איך, — איז עס אן עמעס, מע קאָן אנדערש ניט זאָגן. קײַן אפּי־קוירעס, כאָלילע, בין איך ניט. מינאסטאם אז דער רעבע ר׳ יוקיניו האָט אזוי געטאָן, איז אוואדע רעכט אזוי! דערצייל־זשע ווײַטער דעם סאָף״.

---

1) א געוויסע טפֿילע יאָמקיפּער, ווו מע רעכנט אויס די זינד און מע שלאָגט זיך אפֿן הארצן.
2) זײַן נאָמען זאָל צו גוטן דערמאָנט זײַן. 3) געשעפֿט.

דעם סאָף? — זאָגט די נעשאָמע מיט אַ גרויסן זיפץ, — האַלעוויַי וואָלט גאָרניט געווען קיַין סאָף! — עס איז מיר אין קיַין גילגל ניט אַזוי גוט געווען ווי באַל־טאַקסע־וויַיז. וואָס העלפט עס אָבער? קיין זאַך איז ניט אָף אייביק!

וואַיעהי האַיוים[1] איז אַרויסגעקומען אַ פּאָטשט, אַז די טאַקסעווערט באָטל; קאָשער פלייש זאָל זיַין גליַיך ווי טרייפע פלייש, עס זאָל קוילען ווער עס וויל. די בסורע האָט מיך ווי אַ דונער דערשלאָגן. אויסער דעם וואָס איך האָב פון דער טאַקסע געהאַט אַ שיינעם גראָשן, בין איך דאָך נאָך דורך איר אין שטאָט געווען ראָש־וועריישן[2], דער גרעסטער טאַקעף, דער גרעסטער איש־מעכובעד[3], און אַ כאָשעוו באַם רעבן, וואָס פלעגט אויך נעמען זיַין האַספּאָקע[4] פון דער טאַקסע און באַ אַלע, וואָס פלעגן באַקומען פלייש אומזיסט. האַקלאַל, אָן דער טאַקסע בין איך ווי אָן הענט און אָן פיס: אָן עק פון מיַינע שאָכטים מיט די קליַיזלעך און באָטע־מעדראָשים; אָן עק פון מיַינע קאַצאָווים מיט די שענק־היַיזער, און די איבעריקע היַיזער, וואָס האָבן פון זיי געהאַט הילף אין אַ נויט, אַז איך האָב באַדאַרפט עמעצן באַגראָבן. אויס טאַקעף. אויס איש־מעכובעד, אויס איש־כאָשעוו באַם רעבן און אי באַ אַלע גרויסע. בין איך דאָך פּאָשעט אויס מענטש! מיַינע סאָנים וועלן אופגעריכט ווערן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך הער שוין שמועסן באַ מיר הינטער די פּלייצעס: „לאָז ער נאָר אויס באַל־טאַקסע ווערן, — מיר וועלן אים וויַיזן, דעם דראַב, דעם באַרייַסער, דעם בלוטצאַפּער, ווער עלטער איז! ער וועט עס זיַין טאַקעף פאַר אונדזער געלט? ער וועט עס אונדז באַגראָבן און מיר וועלן נאָך אליין קוורע־געלט באַצאָלן? לאָז נאָר די טאַקסע באָטל ווערן, לאָז ער נאָר אויס טאַקעף ווערן, וועט ער נאָך אָפּגעבן כעשבן, ווו אונדזער געלט איז אַהינגעקומען". די ווערטער האָבן מיר שטענדיק געקלונגען אין די אויערן; ווו איך בין געשטאַנען אָדער געזעסן, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז מע שמועסט פון דער טאַקסע, פון מיר, ווי מע וועט מיך באַלד אָנלערנען. וואָס זאָל איך דיר פיל בריַיען, — איך בין קראַנק געוואָרן. איך האָב גערופן דעם דאָקטער; ער האָט פאַרשריבן, איך האָב געַנומען; עס האָט מיר אָבער גאָרניט געהאָלפן. דער דאָקטער האָט מיַין קרענק ניט פאַרשטאַנען, אַז עס איז גאָר אַ מאָרע־שכוירע. איך האָב געשיקט צום רעבן אַ פּידיען[5], האָט ער געזאָגט, איך וועל אַ־מירצעשעם געזונט ווערן, נאָר מע זאָל מיר צוזעצן נאָך אַ נאָמען. מע האָט אַזוי געטון, און טייקעף, ווי מע האָט מיר צוגעזעצט דעם ניַיעם נאָמען, טאַקע דעם אייגענעם טאָג, בין איך געשטאָרבן. מע האָט מיך באַלד באַגראָבן. איך קאָן ניט זאָגן, איך האָב זיך ניט צו קלאָגן, איך האָב אַפילע געהאַט אַ גרויסע לעוויַע. מיַינע קינדער האָבן געטיילט געלט אָרעמעליַיט פאַר דער מיטע. זיי האָבן געמעגט טיילן וואָרעם זיי האָבן אַ מעציִע געהאַנדלט, איך האָב פון זייערטוועגן גענוג געראַבעוועט און גאַנץ גוט אָפּגעהיט, — ווי איך בין געקומען אָף דעם אוילעם־האָעמעס, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז איך בין גאָר אומזיסט געשטאָרבן; די טאַקסע בליַיבט. עס האָט מיר אַפילע באַנק געטאָן, וואָס איך האָב מיר געיַילט צו שטאַרבן, נאָר וואָס העלפט עס! פאַרפאַלן, פון טויט קאָן מען ניט מער לעבעדיק ווערן![6].

1) מאַכט זיך אַמאָל. 2) דער ערשטער, דער אָנגעזעענסטער. 3) פיַינער (געשעצטער מאַן. 4) אויסקומעניש. 5) אַ געלט־געשאַנק דעם רעבן. 6) אין די וויַיטערדיקע גילגולים ווערט ער: אַ הונט, אַ קריטיקער, אַן אייזל, אַ דאָקטער, אַ פּיאַווקע, אַ באַל־האַלוואָע (אַ וואָכערניק).

א בּאַל־האַלוואָע.

א בּאַל־האַלוואָע איז איינער פון די נייטיקסטע מענטשן, וואָס אָן זיי קאָן די וועלט ניט אויסקומען. עס איז ניט מעגלעך, אז אלע מענטשן זאָלן טאָמיד האָבּן מעזומען געלט. עס קאָן קיינער ניט אויסקומען אָן בּאָרגן, אָן לײַען, און ווען דער בּאַל־האַלוואָע נעמט פּראָצענט פאר זײַן געלט, וואָס ער טוט יענעם דערמיט א טויווע, איז אויך גאָר קײַן אוולע ניט. וואָס איז זײַן געלט ערגער פון זײַן הויז, וואָס ער פארדינגט? עס וועט קיינער ניט זאָגן, אז עמעצער דארף אים געבּן אומזיסט זײַן הויז צו וווינען. פארוואָס־זשע זאָל ער אים געבּן זײַן געלט אומזיסט דערמיט צו האנדלען? זייער רעכט צו נעמען פּראָצענט, נאָר ווי אזוי? מיט יוישער, מיט א דע־רעך האטעווע [1], ניט דער בּאַל־האַלוואָע, ניט דער, וואָס לײַט, זאָלן האָבּן זיך צו קלאָגן. עולעכע לײַט טוען טאקע אזוי. זיי פארלײַען געלט, טוען יענעם א טויווע און נעמען דערפאר א קליינעם פּראָצענט, וויפל מע קאָן געוויינלעך פארדינען מיט אזא סומע. ביידע זײַנען צופרידן: דער וואָס לײַט, איז צופרידן פון דער טויווע, און דער בּאַל־האַלוואָע פון דעם קליינעם פּראָצענט.

איך זאָל געווען זײַן אזא בּאַל־האַלוואָע, וואָלט איך שוין מער ניט מעגולגל גע־וואָרן, און דער פּאָדראטשיק, וואָס דו האָסט אים הײַנט בּאגראָבּן, וואָלט גאָר אף דער וועלט ניט געווען, אסאך אָקסן, אינדעקעס, גענדז, קאטשקעס, קאפּהענער וואָלטן באם לעבּן געבּליבּן; אסאך בּוטעלקעס ווײַן און פּאָרטער וואָלטן ניט אופּגעקאָרקעוועט געוואָרן; אסאך כאַבּארניקעס וואָלטן ניט געהאט וואָס צו פארשיקערן און אין קאָרטן צו פארשפּילן; און דער שרײַבּער באם בּעסדן שוּל־מײַלע [2] וואָלט געהאט אסאך ווייניקער אוויירעס צו פארשרײַבּן. נאָר איך בּין ניט אזא בּאַל־האַלוואָע געווען, איך האָבּ מיך אנדערש נויהעג געווען. אז אָך און וויי איז שוין דעם געווען, וואָס האָט געדארפט אָנקומען צו מיר נאָך געלט! פינף, זעקס פּראָצענט א כוידעש האָט בּא מיר געהייסן א גמילעס־כעסעד. אָן א פּאָרמאלנע וועקסל, פארשטייט זיך, אז איך האָבּ ניט אנט-לײַען, נאָר לעיעסער בּיטאָכן [3] האָבּ איך נאָך גענומען א מאשקן, וואָס האָט געדארפט ווייניק־סטנס דרײַ מאָל אזויפיל ווערט זײַן, ווי די סומע, וואָס איך האָבּ געגעבּן. דאָס וועקסל האָט אָבּער אויך געמוזט זײַן אף דרײַ מאָל אזויפיל. האָט מיר, כאָלילע, דער בּאלכויוו פּונקט צו דער צײַט ניט אָפּגעגעבּן, אָדער ניט אינגאנצן אָפּגעגעבּן, האָבּ איך געלאָזט שאצן דעם מאשקן און האָבּ שוין דערצו מיטל געהאט, מע זאָל אים שאצן פאר א דריטל, ווי מיר איז געקומען; פאר דעם איבּעריקן האָבּ איך אײַנגעגעבּן דאָס וועקסל און האָבּ דעם בּאלכויוו זײַן פּארמעגן איבּערגעשריבּן, אים אײַנגעזועצט, אזוי לאנג אזוי בּרייט בּיז דאָס גאנצע וועקסל איז מיר בּאצאָלט געוואָרן, כוץ דעם מאשקן. שרײַען, וויינען, בּעטן, שעלטן האָט מיך ניט געארט; פאר פאלש שווערן האָבּ איך ניט קײַן מוירע געהאט; קיין דערעכערעץ האָבּ איך פאר קיינעם ניט געהאט; — איט־לעכער דארף בּאָרוך־האשעם האָבּן צו מיר און איך צו קיינעם ניט, וואָס הער איך די פּארכעס!

---

1) מיט א מענטשלעכן גאנג.

2) געריכט אין הימל.

3) פאר מער גאראנטיע.

צומיינסטן האָב איך געריסן פּראָצענט בא פּריצים; ניט ווײַל אַף יידן האָב איך, כאָלילע, ראַכמאָנעס געהאַט, כאַס־וועשאָלעם! ראַכמאָנעס איז ניט געשטאַנען אין מײַן צעטל. נאָר ווײַל אַ ייִד, ביפּראַט אַזאַ ייִד, וואָס לײַט בא אַזאַ טאַכשיט, ווי איך געלט, איז אַ קאַפּצן, אַ דאַלפן, און וואָס וועל איך בא אים גאָר אויסרײַסן, אַז איך וועל אים שוין איבערשרײַבן זײַן מאַיאָנטעק, און וועל בא אים שוין די בעבעכעס אוועקנעמען? וואָס קאָן דאָ מישטיינס געזאָגט פאַר אַ גליק זײַן? אַ פּאָרעץ איז אַן אַנדער זאַך! ער האָט אַ דערפל, אַ מיל, אַ גוראַלניע, טויקן, פּאָלווערקעס; דאָס איז אַ סכוירע, דאָ קאָן מען אַ ביינדל אָפּלעקן. אַ פּאָרעץ האָב איך געגעבן געלט בעקאָװעד־גאָדל; איך האָב מיך גאָרניט געײַלט אָפּצונעמען. אַדעראַבע, איך האָב אים נאָך אַלע מאָל צוגעגעבן פרישע עטלעכע גילדן, אַבי נאָר דאָס וועקסל איבערגעשריבן עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וועקסל האָט געמוזט זײַן אַף דרײַ מאָל אַזויפיל. שפּעטער, אַז ער איז שוין אַרײַנגעקראָכן אין אַזויפיל געלט, אַז ער האָט שוין ניט געקאָנט אָפּגעבן, האָב איך שוין פאַרלאַנגט אַ גאַנץ גרויסן פּראָצענט און, לעיִסער ביטאָכן, אַ וועקסל אַף פינף מאָל אַזויפיל און אַמאָל, אַז איך האָב נאָר געקאָנט אויספירן, — אַף צען מאָל אַזויפיל. אַזאַ כוויו האָב איך צומיינסטן גאָר געלאָזט לויפן אַ צײַט און גאָרניט געמאָנט; ווער שמועסט, אַז דער פּאָרעץ איז געווען אַן אַלטער, האָב איך אים גאָר געלאָזט לויפן. האָט ער אָבער נאָר אַן אויג צוגעמאַכט, בין איך טייקעף צוגעטראָטן מיט דעם וועקסל און האָב אָפּגענומען פאַר איטלעכן קערבל צען פופצן, צוואַנציק, — וויפל איך האָב נאָר געקאָנט. איז אָבער דער אַלטער אַן אַקשן געווען און האָט ניט געוואָלט מעס ווערן און עס איז מיר לאַנג געוואָרן צו וואַרטן, — נו, האָב איך מיר דערפאַר אין אים נויקעם געווען און האָב אים געמאַכט אַ ביטער עלטער. ער האָט געמוזט מיט די אויגן זעען, ווי איך פאַרקויף זײַן דאָרף; ער האָט געמוזט אַף דער עלטער אַרויס פון זײַן הויף, פון זײַן טאַטנס יערושע און זיך וואַלגערן אין דער פרעמד. אַ מיצווע! האָט ער ניט געזאָלט לײַען בא מיר קיין געלט! וואָס איז, איך האָרעווע אַף אוילעמהאַבע, האַ? עמעס טאַקע, דאָס עמעסע וועקסל מיט אָרנטלעך פּראָצענט וואָלט ער געקאָנט גרינג באַצאָלן, און עס וואָלט אים גאָר ניט שווער געווען. מע האָט נאָר דעריבער געדאַרפט דאָס דאָרף פאַרקויפן, ווײַל מײַן כעשבן האָט אָנגעטראָפן צען־פופצן מאָל אַזויפיל, וויפל עס איז פון אים געקומען, נאָר וואָס גייט דאָס מיר אָן? עס איז מײַן באַבעס דאַגע? אַ שיינע, ריינע קאַפּאָרע! ווו שטייט עס געשריבן, אַז ער דאַרף האָבן אַ דאָרף? אַז איך טאָר קיין דאָרף ניט האָבן, מעג איך האָבן געלט.

איך וועל דיר גאָר שענערס דערציילן: עס איז מיר נימעס געוואָרן זיך אַליין לאַנג דעם קאָפּ צו דולן, וואַרטן כאַדאָשים אַלע יאָרן לאַנג און דערווײַל מײַן ביסל מעזומען לאָזן אין פרעמדע הענט, האָב איך מיר אַמאָל מעיאַשעוו געווען און האָב אַזוי געטאָן. עס האָט מיך איינער געשיקט רופן צו זיך, איך זאָל אים אַנטלײַען טויזנט קערבלעך, אַ מענטש מיט אַ מאַיאָנטעק, נאָר בעשאַס־מײַסע האָט ער ניט געהאַט קיין מעזומען קערבל און האָט נייטיק געדאַרפט שפּילן אין קאָרטן, און אַן אַקטריסע אַ שיינע איז אויך גראָד געווען אין שטאָט. נו, וואָס טוט מען ניט אין אַזאַ נייטיקער צײַט? ער האָט מיך געגלעט, געקושט: „מאָיע קאָכאַנע, דײַ פּינינדזע!"[1] פּאָדאַם דענעג, יאַסנע פּאַניע[2] איך וועל געבן, נאָר אַ וועקסל אַף פינף מאָל אַזויפיל. דו

[1] מײַן טײַערס, גיב געלט. [2] איך וועל געבן געלט, געהויבענער האַר.

ווייסט דאָך, פאניע דאָבראָדזעיע, מײַן קלאל! — גוט, דאָס וועקסל איז פארטיק, נו, גיב געלט! — שוין! איך נעם דאָס וועקסל, לייען עס איבער, גוט! איך נעם מיך צו דער קעשענע — אנו: פשעפראשעם[1], פאניע! איך מוז א לויף טאָן אהיים, איך האָב פארגעסן דאָס געלט מיטצונעמען. אין דעם אויגנבליק קום איך צוריק. איך האָב ניט געוואַרט אף קײַן טשוווע און בין שוין אוועק מיט דעם וועקסל. מיינסטו, איך בין צוריק געקומען מיט געלט? א מאקע! וואָס איז, א גרויסע מיצווע, ער זאָל פארשפילן אין קאָרטן אָדער דער אקטריסע אוועקגעבן? אָן מיר איז מער מיצווע! אין עטלעכע כאדאָשים ארום האָט ער מיר אָפּגעגעבן מײַן געלט, דאָס גאנצע וועקסל מיט פראָצענט. מיינסטו עפשער, אז איך האָב אזוי געריסן און געראַבעוועט, האָב איך פונעם געלט גרויס האנאָע געהאט, האָב מיר טאנוגים אָנגעטאָן און ברייט געלעבט? מוז איך דיר זאָגן, אז מיך האָט מען אין שטאָט גערופן באם צונאָמען „כאזער”, ווײַל איך האָב געלעבט טאקע פּאָשעט ווי א פּראָסטער כאזער. איך האָב מיר א שטיקל ברויט ניט פארגונען צו עסן; איך האָב געדארט און געקוואַרט; איך בין טאָמיד ארומגעגאנגען פארשמאכט; איך האָב געלעבט, אז איך האָב געציילט קערבלעך. איך האָב געהאט א פרום ווײַב, — מינאסטאם אויך א גילגל, וואָרעם זי איז אויך געווען קארג, ווי איך, און האָט נאָר פראָצענט געריסן. זי פלעגט זאָגן אסאך טילעם; אין איר טילעמל איז אָבער געשטאנען: ריבוינע שעל אוילעם, קערבלעך! קערבלעך! אסאך קערבלעך! נאָך קערבלעך! די טכינע פון קנייטלעך־לייגן איז געוועזן: ריבוינע שעל אוילעם, קערבלעך! דאָס דאוונען פון וואָך, שאבעס און יאָנטעוו איז נאָר געוועזן: קערבלעך! קערבלעך! דאָס איז געוועזן איר יעציִעס־מיצראַיִם פייסעך צום סיידער, אירע קינעס אום טישעבעאָוו, איר פרייד און איר לייד, איר בראָכע און איר קלאָלע. „גאָט זאָל אײַך בענטשן מיט אסאך קערבלעך!” — האָט זי צוגעווונטשן דעם, וואָס האָט איר א טויווע געטאָן. „קיין קערבל זאָלט איר ניט האָבן!” — האָט זי געשאָלטן דעם, וואָס זי האָט זיך מיט אים געקריגט.

קורץ, — מיר זײַנען שיר פאר הונגער געשטאָרבן אין אוישער און אין קאָוועד וואָרעם קאָוועד האָבן מיר אויך געהאט. מע פלעגט אונדז בעטן אף אלע כאסענעס, ווײַל יעדער איז אונדז געלט שולדיק געוועזן — און נאָר דעסנטמאָל האָבן מיר זיך גוט אָנגעגעסן. ווען ניט די כאסענעס, וואָלטן מיר טאקע געוועזן אויסגעגאנגען פאר הונגער.

דאָס ווײַב, — קײַן גוטס זאָל זי ניט האָבן, — האָט מיך גאָר געקוילעט, ווײַל זי האָט נאָך מער ליב געהאט געלט פון מיר; האָט זי ארײַנגעשטופּט געלט אין אזעלכע ערטער, וואָס איז דאָרט פארפאלן געוואָרן, אבי מע האָט איר צוגעזאָגט אסאך פראָצענט. וואָס האָב איך געזאָלט מאכן מיט אזוינע באלכויוועס, וואָס מע האָט בא זיי ניט וואָס צו נעמען? זיי אײַנזעצן? דארף מען דאָך געבן קאָרמעוואָי[2]; זאָל איך נאָך לייגן דאָס לעבעדיקע אפן טויטן? — האקלאל, זי האָט מיך אומגליקלעך געמאכט. מײַן געלט איז פארפאלן געוואָרן; די רעוואָכים האָבן דאָס קערן אופגעגעסן. וואָס טוט מען?

אז איך האָב געזען, עס הייבט מיר אָן שלעכט צו גיין, מײַן געלט ווערט פארפאלן, בין איך געפאָרן צום רעבן, וואָרעם פון א גוטן ייִדן האָב איך שטארק געהאלטן.

---

1) האָב קײַן פאריבל ניט. 2) געלט אף צו שפּײַזן דעם אײַנגעזעצטן.

מײַן װײַב פלעגט זיך שטארק פֿאָרען מיט מאכשייפֿעס און זנאכארקעס און קאָרטנ־װארפֿערנס, נאָר איך האָב דערינען װײניק װאָס געגלױבט. אין דעם רעבן האָב איך מער עמונע געהאַט: איך װײס, פֿאָרט א צאדיק! מײלע, איך האָב דעם רעבן געגעבן אף א פֿידיען, — מינאסטאם ניט קײַן טארפֿאט אלאָפֿים [1]), װאָרעם געלט געבן איז מיר טאָמיד שװער געװען, מײַן האנט האָט נאָר געקענט נעמען, נאָר דעם רעבן מוז מען דאָך עפּעס געבן. דער רעבע האָט מיך געבענטשט מיט א פּאָסעק: „והלוית גוים רבים ואתה לא תלוה" [2]), דו װעסט אנטלײַען אסאך גױים, כאָטש דו װעסט קײנעם ניט אנטלײַען. איך בין געװען א שטיקל יודײַע־סײפֿער [3]), האָב איך מיך אָנגערופֿן: „סטײַטש, רעבע!" „לוי סילװע" איז דאָך טײַטש — דו װעסט ניט לײַען? — שװיטע! האָט זיך דער רעבע א בײזער געטון, װאָס איז, א באל־דיקדוק [4]) ביסטו גאָר, כאַס־װעשאָלעם? איך הײס, „לוי סילװע" זאָל זײַן די טײַטש: זאָלסט ניט אנטלײַען. פֿאָר אהײם, און לאָז דיך ניט אָנגײן! אװעקפֿאָרנדיק פֿונעם רעבן, זײַנען מיר זײַנע װער־טער אין קאָפּ ארײַן, און בין געקומען אף דער אײַצע צו מאכן פֿאלשע קװיטלעך אף רײַכע פּריצים. דאָס מיטל האָט געהאָלפֿן. איך האָב געקריגן א בעריע, װאָס קען די מעלאָכע, און האָב געמאכט קװיטלעך אף פּריצים, װאָס זײַנען שױן לאנג טױט, און בין געקומען צו זײערע קינדער מאָנען. די קינדער, װאָס האָבן ניט געװאָלט זײערע עלטערנס נאָמען שאנדע מאכן, האָבן געצאָלט.

טכילעס איז דאָס געשעפֿט זײער גוט געגאַנגען. אלע יונגע פּריצים האָבן געצאָלט די קװיטלעך, װאָס איך האָב נאָכגעמאכט אף זײערע געשטאָרבענע עלטערן; עס האָט קײנער א װאָרט ניט גערעדט. איך בין בא מיר אזױ שטארק געװאָרן אין דער דײע אז איך האָב פּאָשעט א האָזע געהאַט צו מאכן א קװיטל אף א לעבעדיקן פּאָרעץ און בין אים געקומען מאָנען. דער פּאָרעץ קוקט מיך אָן װי א מעשוגענעם: װען האָב איך בא דיר גענומען געלט? — סטײַטש, װען, זאָג איך, אָט איז דאָך דײַן קװיטל, עס שטײט דאָך אינעם קװיטל, קאָנסטו דען לײקענען, אז דאָס איז ניט דײַן כסימע? — דער פּאָרעץ איז שרעקלעך בײז געװאָרן און האָט מיך אָנגעהױבן צו פּאטשן. איך בין געפֿאלן צו דער ערד; ער האָט מיך געטרעטן מיט די פּיס, קורץ, — ער האָט מיך אזױ געשלאָגן, אז מע האָט מיך אװעקגעטראָגן אין א לײַלעך. איך האָב אכט טאָג געקרענקט און בין געשטאָרבן [5]).

[1]) א מעגוזעמדיק ציפֿער, אסאך. [2]) דו װעסט אנטלײַען אסאך פֿעלקער, אָבער דו װעסט (פֿאר זיך) ניט לײַען. [3]) װױלקענעװדיקער. [4]) אײנער, װאָס קען העברעישע גראמאטיק. [5]) די לעצטע צװײ גילגולים איז א חונט און א פּאָדריאטשיק.

די אסיפע

אַן אלטע מײַסע, נאָר שפּאָגל נײַ.

עס איז באקאנט פון אלטער צײַט,
אז נעגידים און אָרעמעלײַט,
וואָס געפינען זיך טאָמיד צווישן ייִדן,
זײַנען איינס פונעם אנדערן ניט צופרידן.
א ייִד קען זיך פאר א ייִד ניט בוקן,
פאר זײַן אייגענעם ברודער ניט בויגן דעם רוקן.

„איך מעג זײַן אָרעם, און דו רײַך,
פונדעסטוועגן זײַנען מיר ביידע גלײַך;
און עפשער האָב איך גאָר א טײַערע נעשאָמע,
און דו ביסט אינגאנצן א טאָמע [1].
עס פארדריסט דיך אפילע, מעגסט דיך קראצן,
א ייִדישע נעשאָמע קען מען דאָך ניט שאצן".

אזוי רעדט זיך אײַן דער אָרעמאן פון אלטע צײַטן,
און דעם נאָגיד שטעכט עס אין די זײַטן.
„דו, קאפּצן,— טראכט ער זיך,— איז דאָס עפּעס א טערעץ?
פארוואָס זאָלסטו ניט האָבן פאר מיר ד'ערעכערעץ?
טאַרבוס [2], שייגעץ! איך האָב דאָך די מאטבייע;
ווי קומסטו, אזעס־פּאָנעם, צו זאָגן א דייע!".

דאָס מאכלויקעס איז אזוי ווײַט געקומען,
אז די נעגידים האָבן זיך צונויפגענומען
און האָבן זיך געמאכט איין האנט, איין ראָט
ארויסצוטרײַבן די אָרעמעלײַט פון שטאָט.
„וואָס טויגן אונדז די קאפּצאָנים, מיר ווילן זיי ניט זען,
צו אלדע שווארצע יאָר זאָלן זיי זיך גיין!".

„יאָ,— רופט זיך אָן ר' יאנקל דער רײַכער,—
אוודע וואָלט אָן אָרעמעלײַט געווען גלײַכער;
עס פירט זיך אָבער אזוי ניט אין דער וועלט.
פארגעסט ניט, מיר האָבן טאקע א טאקסע [3], זי קאָסט אונדז געלט;
מיילע, דאָס פלייש קענען מיר אליין עסן,
איר מוזט דאָך אָבער ניט פארגעסן,
וועמען וועלן מיר פארקויפן די ביינער,
אז פון אָרעמעלײַט וועט ניט זײַן קיינער?
ווער וועט צאָלן פּאָדאַט [4], סוויעטשנאָי סבאָר [5]?
און וואָס וועלן מיר טון, אז ס'קומט אַ נאבאָר [6]?

---

1) אומריינער, אומווערדיקער. 2) אָפּשײַ. 3) א ספּעציעלער אָפּצאָל פון קאָשער ייִדיש פלייש. 4) שטײַערן. 5) א כּפּעציעלער שטײַער פון ייִדן אף אויסצוהאלטן די קרוינישע רוסישע שולן פאר ייִדישע קינדער. 6) רעקרוט־געבן.

אויך פאַרגעסט ניט: פון זייערע הענט
רײַסן מיר קאָשערע הונדערט פּראָצענט.
אצינד פאַרשטייט איר, וואָס באַטײַט
אַרויסצוטרײַבן די אָרעמעלײַט?
קלאַפּן, שלאָגן, ברעכן, די ביינער —
מאַכטייסע, — דאָס ווערט אײַך קיינער,
נאָר אַרויסטרײַבן, — היט אײַך ווי פאַר פײַער,
אַזאַ מײַסע ווערט אײַך קאָסטן טײַער" ! —

עס איז געבליבן דאָס ניט צו פאַרלאַנגען,
און די נגידים זײַנען זיך צעגאַנגען.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צײַט,
זײַנען געוואָר־געוואָרן די אָרעמעלײַט,
וואָס די נגידים האָבן געוואָלט מאַכן;
זיי האָט שטאַרק פאַרדראָסן אַזעלכע זאַכן.

„וואָס האָבן די נגידים אַ דייע צו זאָגן,
אַז אַף אונדזערע פּלייצעס מוזן מיר אַלץ טראָגן?
זיי אונדז אַרויסטרײַבן? אַ שיינער מאַסע־אומאַטן[1]!
מיר צאָלן פּאָדאַטס, מיר האַלטן סאָלדאַטן,
מיר לײַדן טאָמיד אַלע פּריזשימקעס[2],
אונדזערע בעבעכעס[3] שלעפּט מען פאַר נעדאָימקעס[4],
מיר לאָזן זיך ברענען, מיר לאָזן זיך בראָטן,
אונדזערע קינדער נעמט מען פאַר רעקרוטן,
און פון די נגידים האָבן מיר עפּעס אַסאַך?
וואָס קומט אונדז אַרויס, וואָס זיי זײַנען רײַך?
דעריבער מוז טאַקע צווישן אונדז בלײַבן,
אַז די נגידים זאָל מען אַרויסטרײַבן".

„ניין, — רופט זיך אָן אַן אָרעמאַן אַ געניטער, —
ניין, ראַבויסים, דער פּלאַן איז ניט קײַן גוטער;
די נגידים קומען צונויף, איר זאָלט ניט לאַכן,
ווען ניט זיי, ווער וועט אַ רייסטער[5] מאַכן?
ווער וועט געבן אייצעס, מאַכן טאַקאָנעס[6]?
שטעלן זאַקיציִעס[7], נעמען מאַשקאָנעס?
ווער וועט האָבן ראַכמאָנעס
אַף יעסוימים און אַלמאָנעס,
זיי צו ווײַזן אַ שטייגער פּאַרנאָסע אַ גרינגער,

---

1) אַ שיינע זאַך! 2) צוטשעפּעניש, רעפּרעסיִעס. 3) בעט־געוואַנט, שטובזאַכן. 4) נישט־דערצאָלטע שטײַערן. 5) אַ שטײַער־צעטל. 6) סטאַטוטן, אײַנפירן, — דאָ געמיינט — פאַר דער קאָהאָלשער פירונג.
7) „זאַקיציִעס" פלעגט מען רופן אַרײַנשטעלן אייגעם סאָלדאַטן אַף קעסט און דירע; ביכלאַל האָט דאָס געקריגן אַ באַטײַט פון אַ פּלאָג, אַן אָנשיקעניש.

צו גיין אין די הײַזער און שטאַרבן פֿאַר הונגער?
און אז עס וועט אַף יידן, כאַלילע, קומען רעדיפעס[1],
ווער וועט זיך סטאַרען, ווער וועט מאכן אסיפעס?
דרינען שטעקט א כאָכמע א טיפע,
נאָר נעגידים קענען מאכן אן אסיפע.
אן אסיפע! איר ווייסט ניט, וואָס דאָס באַטײַט,
ווײַל צו אסיפעס לאָזט מען ניט ארײַן אָרעמעלײַט;
בא דער אסיפע פארשליסט מען די טירן,
נאָר נעגידים פֿארשטייען דאָס רעדל צו פירן.
און אז מע מאכט אמאָל א קאפצן דאָס גליק,
ער זאָל זיצן בא דער אסיפע אן אויגנבליק,
לאָזט מען אים ארײַן נאָר מיט דעם טנײַ,
ער זאָל ניט זאָגן קײַן דייע דערבײַ.
ער מעג זיך טראכטן, וואָס ער וויל,
גאָר ניט גערעדט, שא, שווײַג שטיל!
ער מעג אפילע זײַן דער ראָוו אליין,
מוז ער האלטן די צונג צווישן די ציין.
דארויס, ליבע לײַט, קענט איר פארשטיין,
אז אָן נעגידים קענען מיר זיך ניט באגיין.
די אסיפע זאָל אײַך טאָמיד שטיין פאר די אויגן,
וועט איר וויסן, צו וואָס די נעגידים טויגן.
דעריבער מוזן טאקע די נעגידים בלײַבן
און מע טאָר זיי בעשום אויפן ניט ארויסטרײַבן".

אזוי איז בעמוסקעם־קולאָם[2] געבליבן;
מע האָט די טאקאָנע אין פינקעס פארשריבן:
„העיויס אזוי פון יאָמימ־ווענשאָנים[3]
זײַנען דאָ בא יידן נעגידים און קאפצאָנים,
מוז מען דאָך וויסן צו וואָס איטלעכער נוצט,
פארשרײַבן מיר עס אין פינקעס איצט:
צום רײַסן, צום בײַסן, קלאפן, שלאָגן
און אלערליי צאָרעס איבערטראָגן
דארפן אָרעמעלײַט אופשטעלן די פלייצעס;
און די נעגידים — ניצן אַף אסיפעס און אייצעס.
מיר מוזן זיי נאָכזאָגן דעם שוואַך[4] אָן כניפע:
זיי מאַכן אויסגעצייכנט אן אסיפע!" —
עס איז אפילע ניט נייטיק זיך צו כאסמענען דערבײַ,
נאָר לאָז זײַן: איינס, צוויי, דרײַ[5].

[1] פארפאָלגונגען פון דער מאכט. [2] מיט אלעמענס צושטימען. [3] פון לאנגע יאָרן אָן. [4] לויב.
[5] דער צאָל־באטײַט פון די אויסיעס א' ב' ג', די אָנהייב־אויסיעס פון דעם אווטאָרס נאָמען און פאמיליע־נאָמען: אווראָם בער גאָטלאָבער.

מיכל גאָרדאָן

(1892 — 1823)

מיכל גאָרדאָן איז געבוירן אין ווילנע דאָס יאָר 1823 אין א פאמיליִע, וואָס איר איז שוין נישט געווען פרעמד הײַנטוועלטישקייט. זײַן ערשטע דערציִונג האָט ער געקריגן אין כיידער און אין בעסמעדרעשׁ, אָבער שוין גאָר פרי האָט ער געלערנט פאר זיך טאנאך, דיקדוק, דײַטש. ער איז געווען באפרײַנדט מיט די געוויסע העברעיִשע דיכטער אד״ם הכהן לעבענזאָן און זײַן זון מיכה יוסף, און האָט אליין אויך געשריבן מעליצעדיקע שירים. צו 20 יאָר האָט ער כאסענע געהאט מיט י. ל. גאָרדאָנס שוועסטער (ניקער, אן איידעם אף קעסט) און האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אף יל״גן (זע). נאָך דעם טויט פון זײַן ערשטער פרוי (אין 5 יאָר ארום נאָך דער כאסענע) האָט ער כאסענע געהאט א צווייט מאָל קײַן נײַ־זאַגער (Жагоры). נײַ־זאגער איז דעמאָלט געווען פארשעמט מיט אירע „חכמים״ און מאסקילים; מיכל גאָרדאָן האָט דאָ געהאט א גוטע סוויווע און האָט אליין געווירקט אף אנדערע אגעוו, אף זײַן שויס איז קינדווײַז געוואקסן דער באקאנטער שרײַבער יאנקעוו דינעזאָן, און פון דינעזאָנס זיכרוינעס וועגן יענע יאָרן קריגן מיר א בילד פון מיכל גאָרדאָן:

א גוטער, ווייכער כאראקטער, ליב און מילד צו מענטשן, א קינדער־פרײַנט, וואָס האָט פארשטאנען א קינדס נעשאָמע און האָט זיך געקאָנט קויפן ליבשאפט בא קינדער[1].

אזויווי דער גרעסטער טייל מאסקילים אויטאָדידאקטן פון מיטלבאלעבאטישע פאמיליִעס יענע צײַט האָט מיכל גאָרדאָן נישט געהאט קיין שום באשטימטן פאך און איז לאכלוטן נישט געווען צוגעפּאסט צום פּראקטישן לעבן. אין נײַ־זאגער האָט ער נישט געהאט וואָס צו טון, האָט ער געמוזט אָנהייבן וואנדערן צו זוכן ברויט. אין די 60־ער יאָרן איז ער אָנגעקומען צום באראָן גינזבורג אף א בוכהאלטער־שטעלע אין פּאָלטאווע. דאָרט האָט ער זיך לאנג נישט געהאלטן און האָט דורכגעמאכט ווײַטערדיקע גילגולים; צומייִנסטנס איז ער געווען „הויז־לערער״ (מעלאמעד) אין רײַכע ייִדישע הײַזער: בא די געוויסע בראָדסקעס אין סמילע, בא ש. פּאָלינקאָווסקין אין גוט בעלאָזוריע, בא ש. בראָדסקין אין שפּאָלע; שפּעטער — אין טשערקאס, אין פּיריאטין. אין זלאטאָפּאָל האָט ער געהאלטן א פּאנסיִאָן פאר גימנאזיסטן א. אז. וו. ער האָט אלע זײַנע וואנדער־יאָרן געלעבט אין נויט און אין עלנט און איז געשטאָרבן פון א קרעפּס אין א שפּיטאָל אין קיִעוו דאָס יאָר 1892.

שרײַבן האָט ער אָנגעהויבן שוין אין די יונגע יאָרן, אף העברעיִש, זיך באטייליקט מיט „מאמאָרים״ אין „המגיד״, „השחר״, „הבוקר אור״ א. אנד. געמאכט

1) י. דינעזאָן „ערינערונגען״ אין „פּנקס״, (רעדאקציִע — ש. ניגער), ווילנע 1913, 1923, ז. 149—151.

א לערנבוך „תפארת בנים“ (פּעטערבורג 1881), אָנגעשריבן א קריטישן סײפער „שבר גאון“. אָבער שוין גאָר פרי האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער אַף ייִדיש אויך. אין ווילנע און אין נײַ־זאָגער האָט ער געמאכט די לידער „פון דער כופּע“, „מײַן דײַע“, „דער ייִד אין גאָלעס“ א. אנד. זײַנע לידער האָט מען געזונגען אין פאָלק; זיי זײַנען געוועזן זייער פּאָפּולער[1]. דאָס קאָן מען, אגעוו, זען דערפון, וואָס א. גאָלדפאדען האָט זײַן ליד „די כסידע“ (אין דער זאמלונג „די ייִדענע“ אָדעס, 1869) געמאכט צו זינגען מיט דעם מאָטיוו פון מ. גאָרדאָנס „איר זײַט דאָך ר' ייִד אין פּאָלטאווע געוועזן“ („דער געט“)[2]. אין 1868 האָט מ. גאָרדאָן אָפּגעדרוקט אין זשיטאָמיר א ביכעלע לידער „די באָרד, און דערצו נאָך אנדערע שיינע לידער. אלע פון א גרויסן כאָסיד“. יענע צײַט האָט ער, זעט אויס, נאָך נישט געקאָנט פויעלן בא זיך צו שטעלן זײַן נאָמען אַף דעם ביכעלע „זשארגאָנישע“, קריטיש־סאטירישע לידער, און ער האָט זיך געכאסמעט מיט דעם אַנאַגראַם „גר דל מך אני“. דאָס יאָר 1889 האָט ער איבערגעדרוקט די זאמלונג לידער אין וואַרשע: „שירי מ. גאָרדאָן. ייִדישע לידער פון מיכל גאָרדאָן“, איבערגעאנדערשט אייניקע לידער, צוגעגעבן אינטערעסאנטע באמערקונגען, וואָס כאראקטעריזירן די געענדערטע צײַט, אויך אייניקע נײַע לידער.

דידאָזיקע לידער אין צוויי אויסגאבעס—דאָס איז א שטיק געשיכטע פון א פײַנפילנדיקן, ערלעכן מאסקיל און פון זײַן צײַט, פון ליכטיקע טרוימען און האָפענונגען און ביטער אָפּגענארט. ער האָט אָנגעהויבן פון קריטיקירן דעם פרום־פארצײַטישן ייִדישן לעבנשטייגער: אין אזוינע פריִע לידער ווי „פון דער כופּע“ און „מײַן דײַע“ אטאקירט ער, ווי ער גופע זאָגט אין אן „אָנמערקונג“ צו זיי, „דעם קרומען נארישן פירונג אין שידוכים, וואָס ייִדישע עלטערן האָבן געטון מיט זייערע יונגע קינדער“. „אָט די אומצײַטיקע און קרומע שידוכים זײַנען געוועזן די גרעסטע סיבע פון דעם ייִדישן דאלעס“. מע זוכט ייִכעס, מע זוכט טוירע און מע זאָרגט לאכלוטן נישט, פון וואָס וועט מען לעבן נאָך „די קעסט“. דער סאָף איז: ביטערע נויט, געעלטערט פאר דער צײַט, און איין אויסוועג פאר דעם „שפּײַזער“: ווערן א מעלאמעד אָדער א „פּאָרעש“. אין „מײַן דײַע“ מונטערט ער די „פרײַנדין לײַע“ (ווי מיר האָבן שוין געזעען, — א לעבעדיקע פּערזאָן) זי זאָל זיך נישט לאָזן פירן און פארפירן פון עלטערן מיטן ייִכעס־און טוירע־שידעך: די וועלט וועט זי געוויס נישט האָבן און „יענע וועלט“ אויך נישט; זאָל זי האָבן איר „דײַע“ אַף א שידעך. דעם אײ־

[1] י. דינעזאָן דערציילט וועגן דעם: „זײַן לידעלע „צי זײַנט איר ר' ייִד אין פּאָלטאווע געוועזן, צי האָט איר דאָרט מיכל גאָרדאָן געזען“ (אין דער זאמלונג מ. גאָרדאָנס לידער, וואַרשע, 1889, הייסט דאָס ליד: „דער געט“; די ערשטע צוויי געבראכטע פערזן זײַנען דאָרט אביסל אנדערש; מ. גאָרדאָנס נאָמען איז דאָרט נישט דערמאָנט. נ. ש.) האָט ער אליין מיך אויסגעלערנט, איך זאָל עס זינגען .... די שוועסטער מײַנע און זייערע כאווערטעס .... האָבן שוין דעמאָלט געזונגען, געדענק איך, זײַנע לידער: „דער ייִד אין גאָלעס“, „די שטיפמוטער“, „די מאשקע“ און „הער צו, העגע לײַע, איך זאָג דיר איצט מײַן דײַע“ (אין געדרוקטן טעקסט הייסט דאָס „מײַן דײַע“, און די געבראכטע ערשטע 2 פערזן לייענען זיך אביסל אנדערש. נ. ש.). אָט די אייגענע העגע לײַע, וואָס איז דורך דעם לידעלע קימאט היסטאָריש געוואָרן, איז טאקע א קרויווע מײַנע. זי האָט בא מיכל גאָרדאָן געלערנט שוין אין יענע יאָרן דײַטש, רוסיש און פראנצויזיש, און, אז מע האָט געוואָלט מיט איר א שידעך טון און געבן איר א כאָסן, ניט אזעלכן ווי זי איז ווערט געוועזן לויט איר סייכל און בילדונג, האָט מיכל גאָרדאָן ספּעציִעל דאָס לידעלע אופגעשריבן און דאָס געגעבן זײַנע און אירע באקאנטע צו זינגען“. זע „ערינערונגען“ אין „פּנקס“ ז. 151.

[2] זע „די ייִדענע“ אָדעס, 1872 (צווייטע אויסגאבע), אינהאלט־פארצייכעניש.

גענעם מאָטיוו הערן מיר אין דעם ליד „זע דע פאר דעם געט": קעגן איר ווילן האָט מען איר אַ מאַן געגעבן, שווערע יאָרן, אָן ליבע, אָן פרייד, האָט זי פאר־בראַכט פאר אים; איצט מוז זי לויז ווערן.

אין די לידער „די באָרד" און „דער געט" („איר זײַט דאָך, רעב ייִד, אין פאָלק־טאווע געוועזן") לאכט ער אויס די פרומפאנאטישע ייִדישע פרוי, וואָס איז אויסער זיך דערפון, וואָס איר מאַן האָט אָפּגעשוירן די באָרד, גייט שוין קורץ געקליידט, „מע זאָגט" אפילע, אַז ער האָט שוין אמאָל פארפעלט קרישמע לייענען פארן שלאָף; זי וויל נישט אַנדערש אַ געט.

אזויווי דער גרעסטער טייל מאסקילים האָט מ. גאָרדאָן געגומען ערנסט דער רעגירונגס רעפאָרמעס אין ייִדישן לעבן און האָט געגלויבט, אַז דאָס איז דער וועג צו ייִדישער עמאנסיפאציע. דאָסדאָזיקע גלויבן האָט זיך נאָך מער פארשטאַרקט די ערשטע צײַט פון אלעקסאנדער דעם וו־טנס רעגירן, ווען די ייִדישע פארמעגלעכע און געבילדעטע שיכטן האָבן פאקטיש קימאַט דערלאנגט גלײַכבארעכטונג, און אין דער רוסישער געזעלשאפט האָט זיך געוויזן אַ ליבעראלע באַציִונג צו ייִדן (פאקטיש,—צו די געבילדעטע און פארמעגלעכע). מע פאראלגעמיינערט די לאגע פון די ייִדישע פריווילעגירטע גרופּעס און מע זעט דאָ אן אָנזאָג פאַרן גאנצן פאָלק. מע האָט מוירע, אַז די מעניִע זאָל דאָ זײַן אין „ייִדן", אין דער עקאָנאָמישער און קולטורע־לער הינטערשטעליקייט פון דער ייִדישער מאסע, אין איר פארפרעמדטקייט צום אַרו־מיקן לעבן, צום לאנד, און מע האלט אין וועקן „ייִדן" פאר בילדונג און צײַט־גײַסט, פאר בירגערלעכקייט און ברידערונג.

די באגײַסטערונג פאר אַ נײַער עפּאָכע פאר „ייִדן" הערט זיך אין די לידער „דער ייִד אין גלות" און „שטיי אוף, מײַן פאָלק", פיל לײַד און פּײַן איז אויסגע־שטאנען דאָס ייִדישע פאָלק אף זײַן היסטאָרישן וועג פאר זײַן עמונע, אָבער גע־נוג שוין:

איצט זענען שוין די פעלקער קליגער געוואָרן,
עס ווען באלד אוועק די פינצטערע יאָרן.

— — — — — — — — — — — —

טאָ זע זשע, פארגעס זשע דײַן אלטע סינע,
גיב אויך זיי די האנט מיט אַ פרײַנטלעכער מינע.

מיט גלויבן און ענטוזיאזם וועקט און מונטערט דער דיכטער דאָס פארשלאָפענע פאָלק:

שטיי אוף, מײַן פאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפן...

— — — — — — — — — — — —

די זון איז לאנג שוין ארויס אף דער וועלט.

דער דיכטער גיט אָן דעם פאָלק אַ גאנצע פראָגראַם:

כּאָלעם נישט פון אלטע צײַטן, ביסט אין אייראָפּע, ניט אין אַזיִע; טו אויס דײַנע אזיִאטישע קליידער; ווארף אוועק די גײַוועס, האלט זיך נישט פאר קײַן אויסדער־וויילטן, פאר קײַן אטאַ־בעכאַרטאָניק; האָב קיין מוירע נישט, אַז בילדונג וועט דיר שטערן צו גלויבן; אנטלויף פון כסידישע צאַדיקים. אפילע די ייִדישע שפּראַך, די שפּראַך פון זײַן פראָפּאגאנדע, שוינט נישט דער דיכטער:

דו רייד ניט אַ לאָשן, וואָס קיינער פארשטייט...

אָבער גאָר אינגיכן קומט די אנטוישונג; דער דיכטער האָט זיך אָפּגענאַרט: יידן לאָזן זיך שוין בילדן, אָבער „וואָס איז פון בילדונג, נעבעך, געוואָרן?" קלאָגט דער דיכטער. אַמאָל איז דאָס געווען אַ הייליקער אידעאַל, מע האָט געלערנט, שטודירט, געיידלט דעם מויעך און דאָס האַרץ. היינט איז דאָס „פאַלשע בילדונג", העפקיירעס, שאַרלאַטאַנעריע. געפּלאַצט האָט נאָך אַסאַך אַ וויכטיקערער טרוים יידן זיינען ווידער פאַרהאַסט, געיאָגט און געפּלאָגט ווי פריער. צו דער צווייטער אויסגאַבע פון זיינע לידער (1889) פילט מיכל גאָרדאָן, אַז אַזוינע לידער ווי „דער ייד אין גאָלעס" און „שטיי אויף, מיין פאָלק" וואָס אין 1868 האָבן זיי געקלונגען נאַטירלעך, פול מיט האָפענונג און פרייד, זיינען איצט ניט צו דער צייט. „אַלע גלענצנדע האָפענונגען זיינען צעפּלאַצט געוואָרן אַזויווי אַ פּוזיר פון זייפנבלאָזן" איבער דער „כאַיע ראָע" (אַנטיסעמיטיזם), זאָגט מ. גאָרדאָן אין אַן „אָנמערקונג" צו „דער ייד אין גאָלעס"; ער ווייסט שוין, אַז די מונטערע סטראָפעס פון זיין ליד האָבן „פאַרלאָרן זייער טאַם" און ער גיט צו נייע צווײ, ווו ער דריקט אויס זיין אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג.

ניט לאַנג האָט אָבער געוועדט מיין האַצלאָכע...

— — — — — — — — — — — —

די צאָרעס זיינען שוין איבער מיין קויעך. —

דאָסזעלבע זאָגט ער אין אַ באַמערקונג וועגן זיין „שטיי אויף, מיין פאָלק". „דאָס ליד איז אַרויס בישנאַס תרכ"ט (1868) אין דער צייט, ווען דער ייד האָט געהאַט גוטע אויסזיכטן, גוטע האָפענונג... די צייט איז בעה"ר (באַוווינוסיינו האַראַבים) פיל אַנדערש געוואָרן". ער דרוקט איבער דאָס ליד איבער „די עטלעכע סטראָפן, וואָס רעדן וועגן כאָכמע, בושע און דערעכערעץ".

אַ טיפע אַנטוישונג פילט זיך אויך אין זיינע לירישע לידער („מיין לעצטער טאָג", „מיינע יאָרן" „מיין לעבנסצייט"): ס'איז מאָטיוון פון אַ געבראָכן געמיט, פון שווער־דורכגעמאַכטע יאָרן, מיט אַ שטילן צאַר אויף דאָס לעבן, וואָס האָט אָפּגענאַרט:

האָסט מיר גענאַרט פון יאָר צו יאָר
ביז ס'זיינען פאַרשווונדן מיינע יאָרן...

מיט אַ גרינג געמיט איז דער דיכטער גרייט צו שיידן זיך מיט אַזאַ לעבן. מיר ווייסן שוין פון מ. גאָרדאָנס ביאָגראַפיע, אַז ער האָט געהאַט גענוג גרונטן פאַר אַזאַ אַנטוישונג.

אין ביכל טרעפן מיר נאָך אַנטיכסידישע מאָטיוון, וואָס זיינען באַקאַנט בײַ אַנדערע האַסקאָלע־שרייבער אויך: אָפּגעשפּעט כסידעס און ראַבײַים מיט זייערע „מאָפּסים" („מיין טשוווע", „דער באָרשט", „אַ נייער גויפעס" א. אנד.) מיר טרעפן אויך אַ פּאָר „נאַציאָנאַלע מאָטיוון" („באַר־מיצווע" און „מיין צוואָע"), אַ געמיש פון דעם נאַיוון מאַסקילישן גלויבן, אַז בילדונג און עמונע איז „אַ פּאָר פון גאָט", און פון אַ רעאַקציע קעגן דער „פאַלשער בילדונג", וואָס טרייסלט זיך אָפּ פונם נאָמען ייד. מיר געפינען דאָ אויך אַזאַ פאָלקסטימלעכן מאָטיוו, ווי „די מאַשקע".

מ. גאָרדאָן איז געווען פאָלקסטימלעך אין זיינע לידער, ווי אין זיין לעבן. ער גופע האָט געזען אין זיי אַן ערלעך־ערנסטן צוועק: צו לערנען, בילדן דעם פאָלקסמענטשן. ס'איז ניט איבערגעטריבן, ווען ער גופע דערציילט אין אַן אַנ־

מערקונג צו „פון דער כופע“ און „מײַן דייע“: „אין יענער צײַט ווען די לידער זײַנען ארויס און זײַנען באלד אומעטום אויסגעברייטעט געוואָרן, האָבן זיי בעוואדע זייער פיל געווירקט“. אין די לירישע לידער טרעפן זיך עכט־דיכטערישע שורעס, דערהויפּט אין „מײַן לעבנס־צײַט“.

פון מ. גאָרדאָן איז נאָך געבליבן א „געשיכטע פון רוסלאנד“ (זשיטאָמיר, 1869). דידאָזיקע געשיכטע איז בא אים אויך א מיטל אופצוקלערן דעם אוילעם: ער לאָזט זיך דאָ ארײַן אין די באקאנטע כקירעס וועגן „כאָכמע“ (וויסנשאפט) און עמונע[1], וועגן קינדער־דערציִונג א. אז. וו. פון דערדאָזיקער געשיכטע איז ארויס בלויז דער ערשטער טייל. פארמאָסטן האָט ער זיך אסאך ברייטער. ער האָט געוואָלט ארויס־געבן אף יִדיש פאר אופקלער־צוועקן אייניקע פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע ביכער: א געאָגראפיִע, א וועלט־געשיכטע א. ד. גל. אָבער ער איז דאָס ניט אימשטאנד געווען אויסצופירן. א פארלעגער פאר אזוינע זאכן איז שווער געווען צו געפינען. אף ארויסגעבן דעם ערשטן טייל „געשיכטע פון רוסלאנד“ האָט ער געקראָגן א ניש־טיקע שטיצע פון האראץ גינזבורג און פון דער געזעלשאפט „מפיצי־השכלה“. ווײַטער האָט זיך די געזעלשאפט אָפּגעזאָגט צו שטיצן „זשארגאָנישע“ ווערק.

איך ברענג דאָ פון מ. גאָרדאָן די לידער: „מײַנע לידעלעך“; „שטיי אוף מײַן פאָלק!“ (געקירצט); „א נײַער מויפעס“ (געקירצט); „מײַן דייע“; „די בילדונג“; „די מאשקע“; „מײַנע יאָרן“; „מײַן לעבנס־צײַט“; — אלע גענומען פון דער אויסגאבע „שירי מ. גאָרדאָן; יִדישע לידער פון מ. גאָרדאן“, ווארשע 1889.

ליטעראטור: י. דינעזאָן „ערינערונגען“ אין „פנקס“ (ווילנע, 1913, איבערגעדרוקט 1923); ז. רייזען: לעקסיקאָן פון דער יִדישער ליטעראטור, פּרעסע און פילאָלאָגיִע“ ב. I ווילנע 1926.

1) אין א באמערקונג צו דעם ליד „שטיי אוף, מײַן פאָלק“, צו דער סטראָפע וועגן עמונע און כאָכמע זאָגט ער: „דיזער סטראָף איז זייער דײַטלעך ערקלערט אין דער האקדאָמע צו דער געשיכטע פון רוסלאנד“.

מ. גאָרדאָן

מײַנע לידעלעך.

איר שטייט שוין איצט באם טיר פון דרוק,
טאָ וואַרט אַ ווײַלע, ניט לויפט געשווינד;
איך וויל אף יעדערן נאָך טון אַ קוק,
ווי יעדער פאָטער אף זײַן קינד.

איך קוק אף יענעם, איך קוק אף דעם,
איר זײַנט מיר קיינער ניט צום הארצן,
איר וועט מיר מאכן אַ בייזן שעם,
איר וועט מײַן פּאָנעם נאָר פאַרשוואַרצן.

איך מוז אײַך זאָגן, מײַנע קינדער,
איר האָט געהאַט נאָך גאנץ פיל ברידער;
איך האָב זיי ווי אָרעמע זינדער
פאַרוואָרפן און זע זיי ניט ווידער.

אויך איר זײַנט אָפט געווען אין סאַקאָנעס,
ווײַל פראָסטע ייִדלעך האָבן אײַך געשענדט;
זיי האָבן געזאָגט: איר זינגט באַדכאָנעס;
איך האָב פון אנגסט אײַך שיר פאַרברענט.

איך זע צווישן אײַך די צוויי דרײַ,
דורך וועלכע איך פלעג פיל צאָרעס האָבן,
אויך איר לויפט אין דרוק? אָ, האַלעווײַ
וואָלט איך אײַך יונגערהייט באַגראָבן!

איך זע נאָך עטלעכע ייִנגלעך,
דער איז אַ לעץ, דער אַן אזעס־פּאָנעם,
מיט שארפע ציין, מיט בייזע צינגלעך;
דורך אײַך האָב איך אומזיסטע סאָנים.

עס איז טאַקע עמעס אלץ, וואָס איר רעדט,
איר מיינט מאכן יענעם קליגער, בעסער,

בּאַ יענעם איז אָבער דער עמעס אַ כעט[1]
אים שטעכט דער עמעס ווי אַ מעסער.

און איר, די אויגן פול מיט טרערן,
פון אײַך וועט מען גאָר כויזעק מאַכן,
אײַער געוויין וועט וויל עס הערן!
איר ווײנט, ווען יענער וויל גאָר לאַכן.

איך זאָג אײַך, קינדער, מײַן מעווינעס:
דאָס בעסטע לידל אין יידישן לאָשן,
וואָס שמעקט מיט סליכעס[2] און מיט קינעס[2],
איז גאָר נישט ווערט אפילע אַ גראָשן.

עס ליגט ייסראָליק[3] צעקלאַפּט, צעשלאָגן,
מע דאַרף אים טרייסטן, אַמוזירן[4],
וואָס טויג אים יענעמס ווײנען, קלאָגן,
די וווּנדן זײַנע אופּצורירן!

ווי פייגעלעך פליִען פון זייער נעסט,
פליט איר פון מיר אין דער וועלט אַרויס;
איר מיינט איר וועט זײַן וואַזשנע געסט,
אָט הערט, וואָס איך זאָג אײַך פאָרויס:

דער וואַרגעבילדעטער וועט פאַרשטיין,
פון יעדעם ליד זײַן טאַם, זײַן צוועק;
פון אים טאַקע, נאָר פון אים אליין,
וועט איר נאָך עפּשער מיט קאָוועד אַוועק.

דער פאַלשגעבילדעטער, מיט ווײניק סייכל,
וועט אײַך אַ ווײַלע נעמען אין האַנט,
וועט טון אַ קוק, וועט טון אַ שמייכל;
איר וועט פון אים אַוועק מיט שאַנד.

און ווען אַ כאָסיד הערט אײַער קאָל,
ווינטש איך מיך ניט דערבײַ צו זײַן;
ער וועט אײַך שעלטן טויזנט מאָל:
אַ רוּעך אין אײַער טאַטן אַרײַן.

באַם פראָסטן אוילעם האָט אַ פּאָנעם
אפילע דאָס בעסטע פון אײַך אַלע,

[1]) אַ זינד. [2]) טשוווע און קלאָג-געבעטן. [3]) דאָס יידישע פאָלק. [4]) פאַרווײַלן.

ווי פראָסטע לידלעך פון באדכאָנים,
ווי פראָסטע גראמען פאר כאָסן־קאלע.

טאָ לויפט פון דרוק, אוועק פון ט־ר;
מײַן גוטע אייצע הערט נאָר צו,
און קומט געשווינד צוריק צו מיר,
און ליגט זיך רויִק אין אײַער רו.

איך זע, עס איז אומזיסט מײַן ריידן,
איר גייט גאָר ווײַטער, ניט צוריק;
נו, לאָמיר זיך כאָטש פרײַנטלעך שיידן.
נו, גייט געזונט, און גייט מיט גליק!

שטיי אויף, מײַן פאָלק! [1]

שטיי אויף, מײַן פאָלק, גענוג דיר שוין צו שלאָפן,
שטיי אויף און מאך שוין דײַנע אויגן אָפן,
וואָס איז אף דיר אליין אזוי א גרויס פלאָג,
וואָס דו אליין שלאָפסט ביז האלבן טאָג!

די זון איז לאנג שוין ארויס אף דער וועלט,
זי האָט שוין אלע מענטשן אף די פיס געשטעלט;
נאָר דו אליין ליגסט געקאָרטשעט, געבויגן
און האלסט נאָך פעסט פארמאכט דײַנע אויגן,

עס פליט די צײַט, זי שטייט ניט און ווארט,
האָסט פיל פארזאמט, דיך האָט ניט געארט.
פארזאָם־זשע ניט מער, זע, וואָס פארלירסט,
וואָס ליגסטו און כאָלעמסט און פאנטאזירסט?

1) דעם אוטאָרס באמערקונג:
דאָס ליד איז ארויס בישנאס ותרכ״ט (דאָס יאָר 1868—1869. נ. ש.) אין דער צײַט, ווען דער ייִד האָט געהאט גוטע אויסזיכטן, גוטע האָפענונג. האגאם די צײַט איז גע״הר (באוווינוויסיינו האָראבים,— איבער אונדזערע גרויסע זינד. נ. ש.) פיל אנדערש געוואָרן, פונדעסטוועגן האָבן די עטלעכע שטראָפן (סטראָ־פעס. נ. ש.), וואָס רעדן וועגן כאָכמע, בושע און דערעכערעץ, ניט פארלאָרן זייער טאם, זייער ווערט, ווײַל דיזע מײַלעס דארף דער מענטש אין אלערליי צײַטן, הען אין די גוטע, העון אין די שלעכטע, ווײַל אָן זיי איז דער מענטש גאָר קיין מענטש ניט. אין די אלע ספאָרים פון אלטע און נײַע כאַכאָמים, וואָס ווערט גערעדט וועגן כאָכמע, דערעכערעץ און בושע, ווערט גאָר ניט דערמאנט קיין שום אונטערשייד צווישן די גוטע צײַט פון דעם מענטשן און צווישן זײַן שלעכטע צײַט. וואָרעם די מײַלעס דארף דער מענטש האָבן אין אלערליי צײַטן, טאקע נאָר דעריבער אליין, ווײַל ער איז א מענטש.

וואָס ליגסטו און כאָלעמסט די נארישע כאלוימעס
פון אלטע צײַטן, פון גאָר אלטע מעקוימעס?
ניטאָ שוין יענע צײַטן, ס'איז גאָר א נײַע צײַט,
און פון יענע מעקוימעס ביסטו לאנג שוין גאנץ ווײַט!

דײַן פינצטערע אזיע, פונוואנען דו ביסט ארויס,
איז אדאיעם פינצטער, איר כוישעך איז גרויס;
ביסט לאנג שוין פון דאָרט, אין אייראָפּע ביסטו הײַנט,
טאָ זע־זשע נאָר ווי שיין די זון דאָ שײַנט.

עס שײַנט די זון, ס'איז ליכטיק און שיין,
דו ליגסט און שלאָפסט, ווילסט ניט אופשטיין.
שטיי אוף, מײַן פאָלק, גענוג דיר שוין שלאָפן,
שטיי אוף, מאך שוין דײַנע אויגן אָפן!

שטיי אוף פון געלעגער און שטעל זיך אנידער,
אזוי ווי אלע מענטשן גלײַך אויס דײַנע גלידער,
פארקרים ניט דײַן רוקן, פארבויג ניט דײַן קאָפּ,
און שער זיך ארום און וואש זיך גוט אָפּ.

טו אָן דײַנע קליידער, ווי אלע זיך קליידן,
וואָס דארפסטו די קליידער פון דײַן עלטערזיידן.
גיי אפן גאס ניט ארויס אין לאנגן כאלאט,
זאָלן מענטשן ניט ווײַזן: אָט גייט דער אזיאט.

דו רעד ניט א לאָשן, וואָס קיינער פארשטייט,
דײַן לאָשן איז פרעמד, פארמישט, פארדרייט;
דאָס לאָשן־האמדינע[1] איז קלאָר און ריין;
דו רעד אים, שרײַב אים, זאָל יעדער פארשטיין.

דו ביסט טאקע ניט קיין גרויסער באלטײַווע,
דו ביסט אָבער, מײַן ברודער, א גרויסער באלגײַווע;
דו מיינסט, אז דו אליין ביסט בא גאָט נאָר געאכט,
אָט די ווילדע גײַווע האָסטו פון אזיע געבראכט.

דײַן „אטאָ־בעכארטאָנו"[2] טוט דיר גרויסע ראָעס[3],
דאָס מאכט דיר בא מענטשן נימעס און מאָעס;

---

1) די לאנד־שפראך. 2) „דו האָסט אונדז אויסדערוויילט" (אָנהייב־ווערטער פון א געוויס געבעט); דער לאָזונג פון רעליגיעזן נאציאָנאליזם, אז ייִדן זײַנען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק בא גאָט. 3) שלעכטס.

דערצו העלפט קײַן רייד, דערצו העלפט קײַן טײַנעַן,
ביז װאנען די כאָכמע[1] װעט דײַן זינען באשײַנען.

נאָר זאָג־זשע, װאָס װילסטו פון כאָכמע ניט הערן,
דו מייגסט, אז כאָכמע קען דײַן עמונע שטערן;
דו װייס, אז כאָכמע —, נאָר די װארע און קלאָרע, —
איז צו דײַן עמונע די גאנצע פּאָדפּאָרע[2].

עמונע מיט כאָכמע איז דעם מענטשן נאָר מעכאיע;
עמונע אָן כאָכמע איז גאָר א װילדע כאיע.
א באל־עמונע[3] מיט כאָכמע איז א מענטשנפרײַנט,
א באל־עמונע אָן כאָכמע איז א מענטשנפײַנט.

א נײַער מױפּעס[4]

פון א צאדיק[5] בען־צאדיק[6]

א קליין שטעטל סטריװקע, איר שעם איז אָבער גרױס,
א גרױסער צאדיק װױנט לאנג שױן אין איר;
פון אים זײַנען דאָרט נאָך צאדיקים ארױס,
פיר זין האָט ער נאָר, צאדיקים אלע פיר.

אפן כסידישן צאדיק איז נעבעך א גזיירע[7],
אז װיפל זין ער האָט, מוז יעדער א צאדיק װערן.
כאָטש גאָר א פּראָסטאַק — א באל־אװײרע[8],
א צאדיק מוז ער זײַן, ס׳קען זיך די װעלט איבערקערן.

דעם צאדיקס קליין קינד, בעשאס ס׳ליגט נאָך אין װיג,
איז שױן א צאדיק, גאָר אין פאָטער געראָטן,
און װען ער װערט א באָכערל און רײַט אף א ציג,
זאָגען כאסידים: ער באָרעט[9] זיך מיטן סאָטן[10].

באלד נאָך זײַן כאסענע, בא דרײַצן יאָר, —
פארקױפט ער בראָכעס[11], נעמט קװיטלעך צו[*].

[1]) דאָ אין זיבען פון װיסן, בילדונג, אופקלערונג. [2]) אונטערשפּאר. [3]) א גלױביקער. [4]) א װוּנדער־זאך, װאָס דער כסידישער רעבע באװײַזט. [5]) א כסידישער רעבע. [6]) א רעבנס א זון. [7]) אן אָנשיקעניש, אַ מוז פונעם הימל; איראָניש. [8]) א זינדיקער. [9]) קעמפט. [10]) „סאָטן" — דער שלעכטער גײַסט, װאָס פירט אראָפּ מענטשן פון רעכטן, פרומען װעג. [11]) בענטשונגען.

[*]) אין פױלן רופט מען אלערליי צעטלעך מיט דעם נאָמען: „קװיטלעך". דער, װאָס קומט צום כסידישן צאדיק, ברענגט אים א פּידיען און דערצו לייגט ער ביי א צעטעלע, א קװיטעלע, אין װעלכן ס׳איז אופגעשריבן זײַן באקאָשע, װאָס ער פארלאנגט פון דעם צאדיק. (מ. גאָרדאָן)

מיט אלע טנועס פון צאדיק, ס׳פעלט ניט א האָר;
סע רופט אים יעדער: „רעבע״; ער זאָגט יעדערן: „דו״.

אין שטעט און שטעטלעך ווערט א גערודער:
א סטריוׁוקער פאָרט, באלד וועט ער אָנקומען,
אָט ערשט איז איינער געווען? דאָס פאָרט זײַן ברודער!
גרייט ווידער אָן יידעלעך, גרייט אָן די מעזומען[1].

נו, יידלעך, יידענעס, געשווינד צום צאדיק לויפט!
פאר בראָכעס, קאמייעס[2] ווארפט קערבלעך ווי מיסט,
לויפט גיך בעזדיעטניקעס, פרישע נעשאָמעלעך קויפט[3],
די בעסטע נעשאָמעלע פאר האלב אומזיסט.

עס לויפן אום די סטריוׁוקער אזויווי די מאזיקים,
דער ארויס, דער אריַין, און ליידיקן אויס די בײַטלעך;
ווי פיר בייזע וועלף זײַנען די פיר צאדיקים,
פון יידלעך, שעפּעלעך, שינדן זיי אָפּ די הײַטלעך.

אזוי זאָגן אפיקורסים; אָבער מיר כסידים וויסן,
אז די פיר סטריוׁוקער זײַנען פיר מאלאָכים מאמעש.
דער בוירע[4] פאָלגט זיי אלץ, וואָס זיי הייסן;
א מאלעך איז בא זיי אן אונטער־שאמעש.

זיי פאָרן, נעבעך, אום פון אונדזער טויווע וועגן;
ווען זיי וואָלטן זיצן אין דער היים ווי סראָרעס,
וואָלט אין ערגעץ ניט געווען קײַן זון און קײַן רעגן,
און אלע ווײַבער וואָלטן געווען אקאָרעס[5].

פיל מאָפּסים דערציילט מען פון די פיר סטריוׁוקער,
אָבער אלץ אלטע מאָפּסים מיט נײַע לאטעס,
דיזעלביקע מאָפּסים, וואָס פון אלטן פּיפּיוׁוקער,
ס׳איז נימעס צו הערן די אלטע שמאטעס.

אָט הערט א מויפעס, א מויפעס גאָר שפּאָגל נײַ,
וואָס האָט ערשט באוויזן פון די פיר איינער;
פון גאנצן שטעטל זײַנען אלע געווען דערבײַ,
אן עמעסער מויפעס, עס לייקנט ניט קיינער.

---

1) בארעס געלט. 2) אמולעטן, קליינע זאכן, — אָפטמאָל א פאפירל מיט אויפשריפטן פון פאנטאסטישע מאלאָכים, מיט באַשווערעניש, אײַנגעפאַסט אין א שיידל, — וואָס דער רעבע גיט צו טראָגן אפן האלדז, צו פארהיטן דעם מענטשן פון אלדאָס בייז. 3) דער רעבע זאָל פאר אײַך פּויעלן קינדער—פאר אַ פּידיען. 4) באשעפער; גאָט. 5) אומטרעכטיקע, זיי וואָלטן קײַן קינדער ניט געהאט.

דער איין סטריוּקער עסט ניט, — דאָס ווייסן אלע קלאָר;
אין גאנצן טאָג קומט קיין שפּייז אין זיין מויל אריין,
אכוץ געקאָכטע מילך, — איין גלאָז טרינקט ער נאָר;
עס זאָגן טאקע אלע: א מאלעך מוז ער זיין.

און גאָר ניט לאנג האָט זיך גראָד געטראָפן,
ער איז נעבעך קראַנק געוואָרן, — ניט היינט געדאכט;
מע איז געשווינד צו דעם דאָקטער געלאָפן,
מע האָט טאקע דעם דאָקטער געבראכט.

דער דאָקטער האָט באטראכט און באלד דערקענט,
אז אין דעם צאדיקס קרענק איז שולדיק די קעכן;
זיין גלאָז מילך האָט זי געקאָכט און צוגעברענט,
ער האָט אים געגעבן א מיטל צום ברעכן.

דער מיטל האָט געווירקט, עס האָט ניט געווערט,
ס'איז פון צאדיק ארויס דאָס, וואָס ס'האָט אים פארשאט
דאָס איין גלאָז מילך איז אָבער געוואָרן פארקערט
אף שטיקער פיש און פלייש, צימעס און קאָמפּאָט.

מיין דייע.

האָב ניט פאריבל, פריינדן לייע,
וואָס איך זאָג דיר אצינד מיין דייע;
איך בין דיין פריינט דער בעסטער,
כ'זאָג דיר ווי אן אייגענער שוועסטער.

ווען ס'קומען צו דיינע עלטערן שאדכאָנים,
מיט כאסאנים און מיט מעכוטאָנים,
זאָלסטו ניט שטיין פונוויטן,
ווי א מיידל גאָר פארציטן.

דו זאָלסט זיך גאָר ניט שעמען,
דו זאָלסט זיך א דייע נעמען,
זאָלסט וועלן וואָס דיר איז געפעלן;
וואָס דיר געפעלט ניט, זאָלסט ניט וועלן.

כאָטש דער פאָטער און די מוטער
זאָגן: דער שידעך איז א גוטער,
דארפסטו אליין אויך פארשטיין
צו זאָגן יאָ, צו זאָגן ניין.
געזען האָב איך שוין גאנץ גענוג
פיל עלטערן, וואָס זיינען זייער קלוג,

אָבער אין שידוכים זײַנען זיי בלינד,
זיי טוען פאר זיך, ניט פארן קינד.

זיי טוען נאָך דאָס, וואָס יענער טוט,
כאָטש זיי ווייסן קלאָר, אז ס'איז נישט גוט;
נאָר קעדיי עס זאָל ניט זאָגן יענער,
אז זײַנע מעכוטאָנים זײַנען שענער.

אָט יענער האָט אן איינציק מיידל,
גאנץ קלוג און שיין, פײַן און איידל,
זוכט ער אויס פאר איר א כאָסן
א מיִעס ייִנגל, אָן סייכל, אָן לאָשן.

ווײַל זײַנע עלטערן זײַנען יאכסאָנים,
א גאנצע מישפּאָכע פול מיט ראבאָנים,
און ער קען זאָגן אין געמאָרע א פשעטל [1],
ער וואקסט צו זײַן א ראָוו אין א שטעטל.

פון אן איידעם, וואָס וואקסט א ראָוו,
האָב איך געזען, ווערט דאָס־ראָוו
א מעלאמעד אָדער גאָר א פּאָרעש[2]
און דאָס ווײַבל, נעבעך, האָט קאָל־האצאָרעס[3].

נו, לאָמיר ריידן טאקע שוין גאָר צוריק,
וואָס איז דאָס דען פאר א גרויס גליק,
ווען זי האָט שוין דערלעבט די יאָרן,
און זי איז טאקע א רעבעצן געוואָרן?

עס איז ניט זיס די פארנאָסע ראבאָנעס,
אמאָל גאָר ביטער, גלויב מיר אף נעמאָנעס,
און די רעבעצנס קאָווער פון יאכנע־דוואָסען,
גלויב מיר, אז ס'איז ניט ווערט א גראָשן.

מיינסט עפשער ניט אוילעמהאזע[4], מיינסט אוילעמהאבע?[5]
אָ, גלויב ניט, דו שוטע, דו אלטע באבע,
אז דורך דעם ראָוו ווערט די רעבעצן הייליק,
און האָט פון אוילעמהאבע דעם גרעסטן כיילעק.

---

1) א קונציק־געדרייטן אויסטײַטש. 2) איינער, וואָס ווארפט אוועק ווײַב און קינד, טוט זיך אויס פון דער וועלט און זעצט זיך אוועק אין בעסמעדרעש „לערנען". 3) אלערליי צאָרעס 4) די וועלט, אונדזער לעבעדיקע וועלט. 5) יענע וועלט; דער „סכאַר" (לוין), וואָס פרומע און גאָטספאָרכטיקע קריגן נאָכן טויט.

מע גיט ניט אוילעמהאבע פאר א גאנץ געזינד,
מע גיט דעם איינעם נאָר, ווער עס פארדינט;
מיט דעם ארטיקל קען מען ניט בעשום אויפן
געשעפטן מאכן, ניט שענקען, ניט פארקויפן.

נאָר ווער איז דען צוריק אראָפּ פון אויבן,
ער זאָל דערציילן, און מיר זאָלן גלויבן,
וויפל אוילעמהאבע עס באקומט דאָרט יעדער,
וויפל באקומט דער ראָוו און וויפיל דער בעדער?

פון קלוגע לײַט האָב איך אמאָל געהערט,
אז טרעפן קאָן זיך דאָרט גאָר פארקערט;
דעם בעדער זאָל מען אוילעמהאבע געבן,
און שמײַסן זאָל מען דעם נארישן רעבן.

מע זאָגט, אז דאָרט איז א ראָוו גאָר קײַן מעיוכעס,
פיל ראבאָנים זײַנען דאָרט צווישן אלע רוכעס,
און דער גאניידן איז פול מיט פראָסטע ייִדן,
מיט באלמעלאָכעס, שנײַדער, שוסטער, שמידן*).

דען יעדער זוכט פארנאָסע, יעדער וויל פארדינען,
דער מיט די הענט, יענער מיט זײַן זינען,
דער כאָסיד — מיט פרומקייט, דער סויכער — מיט סכוירע,
דער שוסטער — מיט ארבעט, דער ראָוו — מיט זײַן טוירע.

נו, ווען דער פראָסטער שוסטער טוט גאנץ רעכט,
און דער באל־טוירע[1], דער ראָוו, טוט נאָר שלעכט,
טאָ זאָג, פאר וועמען פון זיי ביידן
איז דאָ דער געגעם און דער גאניידן?

גענוג אונדז ריידן פון גאניידן, פון געגעם,
גענוג אונדז ריידן פון דעם און יענעם;
זאָל זיך טון יעדער אזויווי אים געפעלט,
ער מעג מיט זײַן מיידל טון ווי מיט זײַן אייגן געלט.

עס ווערט דאָך יענער בייז, ווען מע רעדט;
זאָגן אים דעם עמעס, האלט ער עס פאר א כעט,
און וואָס קומט אונדז ארויס פון ריידן און פון לאכן,
מיר וועלן דאָך דעם נאר ניט איבערמאכן.

*) אין פוילן רופט מען שמידן מיט דעם רוסישן נאָמען: קאָוואליעס (מ. גאָרדאָן).
1) דער טוירע־לערנער.

דו ביסט נאָך טאקע יונג, אָבער האָסט פארשטאנד,
טו נאָך דער יעצטיקער צײַט און נאָך דעם שטאנד.
ווען זעסט א כאָסן און דיר געפעלט דער קערן*),
דארפסט פרעגן, צי קען ער א ווײַב ערנערן.

דיך זאָל גאָר ניט פארדריסן, דיך זאָל ניט ארן,
ווען דו וועסט הערן, עס געפעלט ניט די נארן,
אָדער ער געפעלט ניט די פראָסטאקעס,
די פראָסטע ווײַבער און די צוואַקעס**)[1]

די נארישע פראָסטאקעס און די צוואקעס
ווילן, מיר זאָלן גיין אזויווי די ראקעס,
נאָר קריכן אלץ צוריק, ניט ווײַטער גיין,
כאָטש פאלן און צעברעכן זיך א ביין.

און ווען מיר זאָלן פראָסטע ווײַבער הערן,
קען דאָך פון אונדז א גרויסער טאכלעס ווערן;
די פראָסטע ווײַבער האָבן גרויס מעווינעס,
נאָר אף א הויב, א קוגל און אף טכינעס,

איך פאָר שוין באלד אוועק, איך פאָר גאנץ ווײַט,
איך וועל זיך זאמען דאָרט א לאנגע צײַט;
איך ווייס, אז דו וועסט נאָך מיר ניט בענקען,
אָבער מײַן דייע זאָלסטו געדענקען.

די בילדונג

(די ווארע בילדונג און די פאלשע בילדונג)

בא הײַנטיקע צײַטן, בא הײַנטיקע יאָרן,
וואָס איז פון בילדונג, נעבעך, געוואָרן?
וואָס הייסט געבילדעט בא הײַנטיקער צײַט,
האָט עס פארצײַטן געהייסן פארשײַט.

*) דאָס וואָרט קערן איז א דײַטש וואָרט, דאָס הייסט די וועזענהײַט, דער רעכטער איקער. בא א שידעך מיינט דער אוילעם מיט דעם וואָרט „קערן" דעם כאָסן אָדער די קאלע (מ. גאָרדאָן). מעגלעך אָבער, אז דאָס איז פון העברעיִשן „קרן", אין דעם זינען: די אויסגעלײַענע סומע, די גרונט-סומע, נישט גערעכנט דאָס צוגעקומענע, ד. ה. דאָס אָנגעוואַקסענע פּראָצענט. דאָ, לויט דעם זינען נאָך: דער טאָך, דער איקער, דער מענטש אליין. נ. ש.). **) פרעמלער Ханжи. (מ. גאָרדאָן). 1) צווייפּענימדיקע, די פאלשע פרומאקעס, וואָס מאכן א פרומען אָנשטעל.

ווען א געבילדעטער האָט זיך געטראָפן,
האָט ער בעוואדע נעכט ניט געשלאָפן,
ער האָט געלערנט, געמוטשעט זײַן מויעך,
געארבעט, געטאָן מיט זײַן גאנצן קויעך.

געלערנט געמאָרע, געלערנט טאנאך,
געלערנט פארשטײן א פרעמדע שפראך,
היסטאָריע, געאָגראפיע, כעשבוינעס אלערהאנט,
אין ספאָרים געלייענט מיט קלאָרן פארשטאנד.

ער האָט געלערנט מיט גאנץ גרויס לוסט,
קעדיי נאָר צו וויסן, וואָס ער האָט ניט געוווּסט;
די בילדונג איז אים אין קאָפּ גוט ארײַן,
זײַן הארץ איז געוואָרן דורך בילדונג גאנץ פײַן.

די בילדונג מאכט דעם קאָפּ אופגעקלערט,
גיט צו פארשטײן וואָס מע זעט, וואָס מע הערט,
עס מאכט א ריכטיקן בילד פאָרגעשטעלט,
פון גאָט, פון מענטש און פון דער וועלט.

דאָסראָוו איז דאָס הארץ זײער פארווילדעט,
דורך ספאָרים, דורך ביכער ווערט עס געבילדעט.
אין ערגסטן בוך קען מען גוטעס געפינען;
פון ביטערע בלומען קלײַבן האָניק די בינען.

די בילדונג רייניקט דאָס הארץ גאנץ גוט.
פון שלעכטע מידעס, פון בייזעס בלוט;
עס מאכט א גוט קינד צו פאָטער און מוטער,
עס מאכט צו מענטשן א מענטש א גוטער.

אצינד איז די בילדונג שוין אומעטום,
אין גרויסע שטעט, אין שטעטלעך ארום;
אצינד ווערט בילדונג אלץ מער און מער,
ווײַל איצט קומט בילדונג גאָר ניט שווער.

דער באָכערל שטימט און שלאָפט זײער שפעט,
דרײַ שאָ געווערט דאָס מאכן זײַן טואלעט,
ער שמירט זיך און וואשט זיך מיט אָדעקאָלאָן
און זעט טאקע אויס א געבילדעטער האָן.

צו בילדונג האָט ער זיך גאָר פּלוצים געכאַפּט,
ער האָט שוין ערגעץ אַ ביכל דערטאַפּט,
ער קוקט הין און הער, ער האַלט שוין באַם עק,
ער טוט עס אַ וואָרף און לויפט שוין אַוועק.

ער האַלט שוין גאַנץ ווייַט אין דער פילאָזאָפיִע,
ער האַלט שוין גאַנץ ווייַט אין דער טעאָלאָגיִע[1]
ער קען דאָך שוין אַלע מאַניִרן פון אַמור*),
ער קען זייער גוט מאַכן דאַמען די קור[2].

אָט דאָרטן אַ מיידל שטייַט ווי האָלץ,
אויף איר ביסל בילדונג איז זי זייער שטאָלץ,
זי קען דאָך אַביסל דראַפּען קלאַוויר
און האָט שוין געלייענט ביכלעך דרייַ פיר.

פון וואָס איז איר בילדונג און פון וואַנעט?
זי האָט שוין געלייענט אַביסל ראָמאַנען,
זי האָט שוין, נעבעך, פיל טרערן פאַרגאָסן,
וואָס וואַנקע האָט זיך איבער טאַנקע דערשאָסן.

אַזעלכע בילדונג האָט גאָר נישט קיין ווערט,
דער קאָפּ בלייַבט דום ווי אַ קאָפּ פון אַ פערד,
דאָס האַרץ ווערט ערגער, פול שלעכטע מידעס,
די ערשטע קאַפּאָרע איז דאָס שטיקעלע ייִדיש.

מע הויבט באַלד אָן די מאָדע נאָכצומאַכן,
פון ייִדישקייט שפּעטן, פון ייִדן אָפּלאַכן;
וואָס גוט, וואָס שלעכט, — דאַרף מען ניט טראַכטן,
עס איז דאָך די מאָדע דעם ייִדן פאַראַכטן.

ווייַל זיי ווייסן ניט זייַן ריינע רעליגיִאָן,
ניט זייַן געשיכטע ביז יעצט פון אָנהויב אָן,
זיי ווייסן נאָר די רייד פון אַלע זייַנע סאָנים,
וואָס האָבן פאַרוואָרפן מיט בלאָטע זייַן פּאָנעם.

זיי ווייסן ניט די מייַלעס, נאָר זייַנע כעסרוינעס,
זיי ווייסן ניט די זכיִעס[3], נאָר זייַנע אַווינעס[4],
זיי זייַנען ניט בעסער פון די אַנטיסעמיטן;
פון זעלכע געבילדעטע זאָל גאָט אונדז באַהיטן.

1) די רעליגיִעזע וויסנשאַפט *) „אַמור איז דער מאַלעך פון ליבע. (מ. גאָרדאָן). 2) זייַן אַ קאַוואַליִער, „אוכאַזשעווען״. 3) זייַנע גוטע טועכטסן, זייַנע פאַדינסטן. 4) זינד.

די וואַרע בילדונג מאַכט גוט און מילד,
די פאַלשע בילדונג מאַכט שלעכט און ווילד,
דער וואַרגעבילדעטער איז אַ פײַנער מאַן,
דער פאַלשגעבילדעטער איז אַ שאַרלאַטאַן.

די מאַשקע.

נו, לאָמיר שוין מאַשקע טרינקען, ברידער,
מיר זאָלן דערלעבן צו טרינקען ווידער;
נו, לאָמיר שוין טרינקען, גענוג שוין עסן,
ווי קאָנט איר אַזוי לאַנג אין מאַשקע פאַרגעסן!
אָט ווען די מאַשקע וואָלט אונדז געפעלט,
ווי וואָלטן מיר לעבן אויף דער וועלט?

די מאַשקע מוז איך ערלעך האַלטן,
איך שטיי פאַר איר אויף ווי פאַר אַן אַלטן,
דען זי האָט געקענט מײַן עלטער־באָבען;
די באָבע פלעגט זי ליב האָבן.
פון איר האָב איך געיאַרשנט די מײַלע
צו טרינקען ביזן עק און אַלע ווײַלע.

בעשאַס אַ שאַדכן איז געקומען צום זיידן
דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַ שידעך ריידן,
האָט מען גערעדט און גערעדט, ס'איז געוואָרן נישט,
ביז וואַנען די מאַשקע האָט זיך אַרײַנגעמישט;
דורך מאַשקע איז געוואָרן דער שידעך געשלאָסן,
דער טאַטע איז געוואָרן דער מאַמעס כאָסן.

מע האָט טאַקע באַלד די כאַסענע געמאַכט,
געטרונקען מאַשקע די גאַנצע נאַכט,
מיט גרויסע גלעזער האָבן געטרונקען אַלע
לעקאָוועד דעם כאָסן, לעקאָוועד דער קאַלע;
דורך מאַשקע האָט דער טאַטע די מאַמע גענומען,
דורך מאַשקע בין איך אויף דער וועלט געקומען.

איך געדענק נאָך, אַז בײַ מײַן בריס
איז מאַשקע ניט אַראָפּ פון טיש;
געשריִען האָבן אַלע מאַזלטאָוו!
דאָס קינד זאָל לעבן און זײַן אַ ראָוו!

אָט דריבער טרינק איך א ראָוו־קאָס [1],
דאָס ראָוו טרינק איך גאָר אָן א מאָס.

באלד מע האָט מיך אנטוויינט פון ברוסט,
האָב איך צו מאשקע גענומען גרויס לוסט,
איך האָב נישט געוואָלט דער מאמעס קאשקע,
איך האָב נאָר געוואָלט אביסעלע מאשקע.
כ׳פלעג טרינקען מיט א לעפל פון א שיסל
און שרייַען: מאמע, גיב נאָך אביסל.

בא מייַן באר־מיצווע האָט מען מיר
געהייסן טרינקען אָן א שיר.
פון אלע מיצוועס איז די גרעסטע,
צו טרינקען מאשקע נאָר די בעסטע.
ווען איך טרינק מאשקע א גלעזער דרייַ,
בין איך פון אלע מיצוועס פרייַ.

ווען נאָר די מאשקע רעדט מיך אָן,
מעג איך שוין אלע אווירעס טאָן;
מע קען קיינמאָל מיך פאר עפּעס שטראָפן,
ווייַל טאָמיד בין איך ניט אויסגעשלאָפן;
איך האָב קיין בושע, קיין דערעכערעץ,
איך האָב מאשקע געטרונקען, — איז אף אלץ א טערעץ.

בעשאס מע האָט מיך צו דער כופּע געבראכט,
וואָס דארף איך די צאָרע? — האָב איך זיך באטראכט;
נאָר באלד האָט מען מאשקע געבראכט צו טראָגן,
די שעווע־בראָכעס [2] אף מאשקע צו זאָגן;
ווען איך וואָלט דאָ די מאשקע ניט אָנגעטראָפן,
וואָלט איך פון דער כופּע באלד אנטלאָפן.

דאָ זאָגט מיר די מאשקע קלוגע דיבורים:
דו שטיי גאנץ רויִק, האָב קייַן יעסורים,
דייַן ווייַב וועט דיר דאָס הארץ אויסעסן,
דו זאָלסט נאָר ניט אָן מאשקע פארגעסן;
דו וועסט פון דייַן ווייַב קלאָלעס הערן,
דורך מאשקע וועלן זיי בראָכעס ווערן.

---

1) דעם גרעסטן טייל בעכער, א היפּש ביסל. 2) די זיבן בענטש־פאָרמולעס, וואָס מע זאָגט בא א כאטענע־געלעגנהייַט.

און ווען דײַן ווײַב פארקרימט דעם נאָז,
טרינק דו באלד אויס א גרויסע גלאָז,
ווען זי וועט אף דיר טון א געשריי,
דו טרינק באלד אויס איינס און צוויי;
זאָל זי זיך שרײַען, ניט אופהערן,
און דו זאָלסט נאָר די גלעזער קערן.

אזוי איז טאקע פארצײַטן געשען
דער אייך־האַדאַס[1]) איז א ווײַנשטאָק געווען;
די כאווע האָט דעם אָדאָם אָנגערעדט,
ער זאָל טרינקען מאשקע, עס איז קיין כעט.
ווען אָדאָם וואָלט כאָלילע די מאשקע ניט ליבן,
וואָלט ער זײַן כאווע ארויסגעטריבן.

ווען דו ביסט געהויבן אָדער ארונטער,
טרינק נאָר די מאשקע און זײַ גאָר מונטער;
ווען דיר איז אמאָל די צײַט ניט גוט,
דו טרינק נאָר מאשקע, פארליר קײַן מוט.
דורך מאשקע ווערט יעדער שטאָלץ און פריילעך;
פון אן אונטער־שאמעס ווערט א מיילעך.

איך האָב די מאשקע ליב מיט איר זיס לאָשן,
עמעס, זי קאָסט מיר מײַן לעצטן גראָשן,
איך האָב שוין קיין געלט, נאָר אביסל נעמאָנעס[2]);
עמעס, איך גיב גאנץ גוטע מאשקאָנעס;
אבי איך בין לוסטיק און וויל ניט זאָרגן,
וואָס ארט מיך הײַנט, וואָס וועט זײַן מאָרגן?

מײַן ביסעלע יאָרן ווען איך וועל אויסלעבן,
וויל איך, מע זאָל מיר אין קייווער מיטגעבן
א פעסעלע מאשקע נאָענט בא דער וואנט,
א גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האנט;
צו טכיִעס האמייסים[3]) בין איך ווידער דאָ
און טרינק באלד מאשקע אין דער ערשטער שאָ.

דער בוירע[4]) זאָל נאָר מײַן טפילע צוהערן,
אז דער אקציז[5]) זאָל באלד באָטל ווערן.

---

[1]) דער בוים פון וויסן, פון דער כומעש־לעגענדע: די מוטער כאווע האָט אָנגערעדט איר מאן אָדאָם־האָרישענען ער זאָל פארזוכן פונעם אייך־האַדאַס, וועט ער קלוג ווערן. [2]) צוטרוי. [3]) ווען די טויטע וועלן צוריק לעבעדיק ווערן. [4]) באשעפער, גאָט. [5]) אָפצאָל, דאָ—פון בראָנפן.

עס זײַנען שולדיק די דורעס מיט זייערע אווייריעס,
וואָס מאשקע האָט נעבעך. אָף זיך די גזיירעס[1].
צאדיקים[2] זײַנען געווען אונדזערע אָוועס־אוויסיינו[3],
זיי האָבן ניט געוווסט פון אקציז און פּיטײַנע[4].

איך האָב געהערט פון פרומע לײַט,
אז גוט וועט זײַן אין מאָשיעכס צײַט:
פיל מאשקע וועט זײַן פאר אָרעם און רײַך,
פול מאשקע וועט זײַן איטלעכער טײַך.
איך וואָלט שוין דערלעבן, מאָשיעך זאָל קומען,
וואָלט איך ווי א פיש אין טײַך געשוומען.

נאָר זאָל זיך שוין זײַן ווי עס איז,
איך טרינק מײַן מאשקע און צאָל אקציז.
זאָל זיך אין טײַכן וואסער ליפן,
איך קען מײַן מאשקע אין שענקל קויפן;
די מיצווע פון מאשקע בין איך טאָמיד מעקאַיעם,
און זאָג אלע ווײַלע: לעכאַים, לעכאַים!

מײַנע יאָרן.

מײַנע יאָרן זײַנען פארשוווּנדן
אזוי געשווינד ווי א וואסערשטראָם,
און פול מיט צאָרעס, פול מיט ווונדן,
פאלן זיי באלד ארײַן אין טיפן טהאָם[5]

דו, שיינע וועלט, דו ביסט גאָר פּוסט,
דו ביסט פול מיט יאָמער, פול מיט קלאָג;
איך האָב אין דיר נאָך ניט געוווּסט,
פון קיין שום פריילעכן גוטן טאָג.

די יונגע יאָרן, די שענסטע טעג,
צום שיינעם פרילינג גלײַכט מען זיי,
זיי זײַנען מיר מיט שטורעם אוועק,
מיט שטארקע פרעסט, מיט גרויסן שניי.

דו, ליכטיקע זון, דו ביסט שיין אָן א שיר,
דעם שיינעם פרילינג האָסטו טאָמיד געבראכט,

1) אָנשיקענישן. 2) פרומע, גאָטספאָרכטיקע. 3) עלטער־עלטערן. 4) אָפּצאָל פונעם שענק. 5) אָפּגרונט־

אָבער נאָר פאר יענעם, ניט פאר מיר,
מיר איז דײַן טאָג א װינטער־נאכט.

דו, קלאָרע לעװאָנע, גײסט װי א מײלעך
צװישן די שטערן אלע ארום דיר,
די טונקעלע נאכט מאכסטו גאנץ פרײלעך,
אָבער נאָר פאר יענעם, ניט פאר מיר.

איך זע די ערד, זי איז באדעקט
מיט איר גאנץ שײנעם גרינעם קלײד;
אָט װערט אין מיר נאָך מער דערװעקט
מײַנע אלע צאָרעס, מײַנע אלע לײד.

פון גרױטע זאָרג איז קײנמאָל פרײַ
מײַן ביטער געמיט, מײַן זױער הארץ,
עס איז מיר נימעס דער כוידעש מײַ,
דער בלױער הימל איז מיר נאָר שװארץ.

ער זױעט דאָס טײַכל װי זילבער קלאָר,
עס רױשט דער װאלד, עס ברױזט דער װינט;
װײנט מיר דאָס הארץ, מיר דוכט זיך נאָר,
מע װײנט, מע שרײַט: אױ װײ, אױ װינד!

װען צו מײַן אױער קומט אָן אמאָל
א זיס געזאנג פון א סאָלאָװײ,
דוכט מיר, איך הער א ביטערן קאָל,
ער זיפצט, ער שרײַט: אױ װינד, אױ װײ!

קעדײ איך זאָל יענעם צו לאסט ניט װערן,
מוז איך אױך לאכן און פרײלעך זײַן,
כאָטש מײַנע אױגן װערן פול מיט טרערן,
זײ רינען צוריק אין הארצן אריַין.

װען איך בין נאָך געװעזן ייִנגער,
האָב איך נאָך אלץ געהאָפט, געװארט,
אז מײַן שװער לעבן װעט װערן גרינגער, —
אָ, פאלשע האָפענונג, דו האָסט מיך גענארט!

האָסט מיך גענארט, הײַנט זע איך קלאָר,
מײַן װונטש איז קײנמאָל דערפילט געװאָרן,
האָסט מיך גענארט פון יאָר צו יאָר,
ביז ס'זײַנען פארשװונדן מײַנע יאָרן.

מײַנע יאָרן זײַנען פֿאַרשװוּנדן,
אַזוי געשװינד װי אַ װאַסערשטראָם,
און פֿול מיט צאָרעס, פֿול מיט װוּנדן,
פֿאַלן זיי באַלד אַרײַן אין טיפֿן טהאָם.

איך בין אין דער װעלט טאָמיד אַ גער[1],
מײַן האַרצנסלײדן פֿילט ניט קײנער,
איך בין װי אַ שיפֿל, װאָס שװימט הין און הער,
אין מיטן יאַם צװישן שפּיציקע שטײנער.

איך האָב אַמאָל געפּרוּװט מײַן גליק,
זיך אָנצובינדן אין אַ גרױסע שיף,
האָט זי מיך געטאָן אַ שטױס צוריק,
כ'בין שיר אַרײַן אין יאַם גאַנץ טיף.

מײַן ביסל באַקאַנטע פֿלעגן מיר זאָגן,
מיר זײַנען דיר פֿרײַנט ביז אונדזער טױט,
אױ װײ, זיי האָבן מיך גאָר באַטראָגן[2],
זיי זײַנען מיר פֿרעמד אין מײַן נױט.

כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ ביטאָכן[3]
אױף מײַנעם אַ פֿרײַנט פֿון גרױסן שטאַנד,
מײַן האַרץ האָט ער מיר גאָר צעבראָכן,
איך בין פֿון אים אַװעק מיט שאַנד.

כ'האָב טױזנט פֿרײַנט פֿון יוגנט אָן
פֿאַר קײן שום שלעכטס, פֿאַר קײן שום זינד,
כ'האָב זיי כאָלילע קײן בײז ניט געטאָן,
כ'האָב נאָר געזאָגט: ברידער, זײַט ניט בלינד.

די טױזנטע פֿרײַנט מוז איך נאָך אַכטן,
זיי מײנען בעעמעס, זיי זײַנען גערעכט,
די עטלעכע פֿרײַנט מוז איך פֿאַראַכטן,
זיי זײַנען פֿאַלש, זיי זײַנען שלעכט.

איך האָב די פֿרײַנטשאַפֿט טאָמיד געפֿילט,
איך פֿלעג זײַן טאָמיד אַ פֿרײַנט אַ טרײַער;
איצט איז מײַן האַרץ װי אײַז פֿאַרקילט,
איך לױף פֿון מענטשן װי פֿון אַ פֿײַער.

1) דאָ אין זינען פֿון „אַפֿרעמדער". 2) אָפּגענאַרט. 3) אַ זיכערקײַט, פֿאַרלאָזט זיך.

ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פֿײַנט,
בין איך גאַנץ רויִק, מײַן האַרץ איז געזונט;
ווען איינער זאָגט מיר: איך בין דײַן פֿרײַנט,
שיט ער מיר זאַלץ אויף מײַן אָפֿן ווונד.

נאָר פֿאַלשע פֿרײַנט, אומזיסטע סאָנים,
טאָ וואָס האָבן מענטשן בא מיר פֿאַר אַ ווערט?
און וואָס האָסטו, וועלט, בא מיר פֿאַר אַ פּאָנעם,
אַז מיר איז אין דיר קײַן גוטס ניט באַשערט?

פֿיל מענטשן לעבן ווי פֿייגעלעך פֿרײַע,
וואָס פֿליִען, וואָס שפּרינגען, וואָס זינגען זיך אויס,
די וועלט איז זיי אַ מוטער אַ טרײַע,
זיי שפּילן ווי קינדער אין זייער מוטערס שויס.

זייער רויִק האַרץ איז טאָמיד דערפֿרייט,
זיי ווייסן גאָר ניט קיין זאָרג, קיין קומער,
ס'איז פֿינצטער און גליטשיק, ס'רעגנט און שנייט,
זיי שײַנט די זון ווי אין מיטן זומער.

זאָלן זיי זיך לעבן ווי אין גאַניידן,
מיטן גאַנצן האַרצן פֿאַרגין איך עס זיי,
איך וויל נאָר מײַן ביטער האַרץ אויסריידן,
פֿאַרוואָס איז מיר אַזוי ווינד און ווי?

פֿאַרוואָס איז מיר די וועלט גאָר פּוסט,
און פֿול מיט יאָמער, פֿול מיט קלאָג?
פֿאַרוואָס האָב איך אין איר ניט געוווּסט
פֿון קײַן שום פֿרײלעכן, גוטן טאָג?

איר, גליקלעכע לײַט, איך זינג ניט פֿאַר אײַך,
מײַן טרויעריק לידל איז פֿאַר מיר אַליין;
אײַער האַרץ איז פֿריילעך, איר זײַט מיר ניט גלײַך,
איר קענט גאָר דאָס לידל ניט פֿאַרשטיין.

ווען מײַן שווער לעבן דריקט מיך צופֿיל,
פֿון מײַן ביטער אַרבעט ווען איך בין מיד,
זעץ איך מיך אַפֿן שטיין דאָ אין דער שטיל
און יאָמער און זינג דאָס טרויעריקע ליד.

מײַן לעבנס־צײַט.

פון מוטערס לײַב בין איך ארויס
מיט גרויס געשריי, מיט גרויס געוויין,
אָבער איצט אין דער ערד, מײַן אייביק הויז,
וויל איך גאנץ שטיל און רויִק גיין.

אזוי ווי דורך אן אָפן טיר
ארויס אין גאס פון ענגן שטוב,
אזוי גאנץ רויִק גיי איך מיר
אראָפּ פון בעט, ארײַן אין גרוב.

אָט באלד איז מײַן קורץ לעבן אוועק,
אָט באלד קומט אָן זײַן לעצטע שאָ;
ניט לאנג זײַן אָנהייב — און שוין זײַן עק,
אָט ערשט געווען און באלד ניטאָ.

מיליאָנען יאָרן זײַנען פארשווומען
איידער איך בין אף דער וועלט געווען,
מיליאָנען יאָרן וועלן אָנקומען,
און איך וועל מער די וועלט ניט זען.

עס טוט אמאָל פון יאם א שפריץ
א טראָפּן וואסער פארן זונענשײַן,
און פאלט געשווינד אזויווי א בליץ
צוריק אראָפּ אין יאם ארײַן.

אזוי איז מײַן קורצע לעבנסצײַט,
אזוי איז מײַן גלענצענד לעבנסגליק,
עס גייט גאָר פלוצלינג ארויס פון אייביקײַט
און פאלט אין אייביקײַט געשווינד צוריק.

שמועל בערנשטײן

(געשטאָרבן פאר 1880).

ווען ש. בערנשטיינען האָבן מיר קימאט נישט קיין שום ביאָגראפישע יעדיעס, אפילע נישט די דאטעס פון זײַן געבוירן און טויט. מיר וייסן בלויז, אז ער איז געשטאָרבן נישט שפּעטער ווי דאָס יאָר 1880. דאָס דארף מען נעמען דערפון, וואָס אין דער ווארשעווער אויסגאבע פון בערנשטיינס „מאגאזין פון יידישע לידער" (1880) איז אָנגעוויזן אין א מוידאָע פונעם פארלעגער, אז דאָס פארלאג־רעכט האָט ער אָפּגעקויפט שוין בא דעם אוטאָרס אלמאָנע. אף דעם שארבלאט פון דערדאָזיקער אויסגאבע שטייט: „ש. בערנשטיין אויס קאמענעץ־פּאָדאָלסק". מיסטאמע האָט ער נאָך א צײַט געלעבט אין זשיטאָמיר, וואָרעם פון דאָרט איז פאראן זײַן א קאָרעספּאָנדענץ אין „קול מבשר" (1871, נומער 34). אז ער איז געווען אן אוקרײַנישער ייד,—דאָס זעט מען אויך דערפון, וואָס ער גראמט: „א קוק" און „צוריק", „שולן" און „גאָלן" (ראזירן) א. ד. גל. דאָס איז גאָר, וואָס מיר וייסן דערווײַל פון זײַן ביאָגראפיע.

דאָס יאָר 1869 האָט ער אָפּגעדרוקט אין זשיטאָמיר א ביכעלע „מאגאזין פון יידישע לידער פאר דעם יידישן פאָלק", 26 לידער און 11 עפּיגראמעס. דאָס ביכעלע איז איבערגעדרוקט געווען אין ווארשע (1880, 1884), אין בארדיטשעוו (1888—1891).

לויט די מאָטיוון פון זײַנע לידער איז ש. בערנשטיין אן אויסנעם פון זײַן דאָר שרײַבער: ער האָט נישט געשטורעמט דעם „פאנאטיזם", דעם פאָלקס הינטערשטעליקייט, האָט בעערעך זיך וויניק אָפּגעגעבן אפילע מיט כסידעס און „גוטע יידן" און האָט פּאָרמעל נישט געפריידיקט קיין האסקאָלע. דאָס איז מער מענטשלעכע מאָטיוון, צום אלעם ערשטן לירישע מאָטיוון. לירישע לידער געפינען מיר אין ביכעלע 10 (פון 26). אין דידאָזיקע לידער („דער בוך", „דאָס וויגעלע", די בײַקע", „די טרייסט" א. אז. וו.) זעט מען מאָטיוון פון לעבן און טויט, פון זיך יאָגן נאָך גליק און אָפּגענארט זײַן, פון פאלשע האָפענונגען, פון דעם ביסל טרייסט, וואָס מע קאָן נאָך געפינען אין לעבן א. אז. וו. דאָס איז אומעטיקע מאָטיוון פון א וויניק־געראָטן לעבן: מע קוקט אזויפיל ארויס אף גליק, און דאָס איז פאראן וויניק. מע שפּײַזט זיך מיט כאלומעס און מע בלײַבט צום נאר („די בײַקע"). איז פארלאנגט נישט צו פיל, נעמט דאָס ביסל לעבנספרייד, וואָס סע לאָזט זיך און פארשפּילט נישט די בעסטע יאָרן.

דערדאָזיקער טאָן קלינגט אויך אין זײַנע סאטירישע לידער: מע פירט אונדז בא דער נאָז („די נאָז"); מיט קיינע זייפן וועט מען זיך נישט אָפּוואשן פון מיעס און שלעכט („דאָס שטיקל זייף"); איין געטרײַען פרײַנט האָבן מיר: זיך אליין („אן עמעסער פרײַנט"). ווען ס'זאָל מעקוים ווערן, וואָס אלע ווינטשן זיך, וואָלט די וועלט

קיין קיִעם נישט געהאט; דעריבער „דארף זײַן ווי סע איז” („דער ווונטש” א. ד. גל.

צווישן דידאָזיקע סאטירישע לידער געפינען מיר אויך צוויי לידער וועגן „גוטע ייִדן”. אין א גוטמוטיקן טאָן לאָזט ער זיי זיך קלאָגן, אז זינט ס׳זײַנען אופגעקומען די אפיקאָרסים האָט אויסגעטריקנט דער קוואל פון די „פידיוינעס”; מע לאכט און מע שפעט פון זיי („ייִלעלאס צאדיקים”); גאָט טו א נעס און מאך צוריק פון ליכטיק פינצטער, וועלן מיר ווידער אופגעריכט ווערן („טפילאס צאדיקים”).

אין ביכעלע איז נאָך פאראן אייניקע „נאציִאָנאלע” לידער. אין גאנצע דרײַ לידער באזינגט בערנשטיין דעם שאבעס. דאָ הערן מיר דעם באקאנטן מאָטיוו: דער הונט, דער דערשלאָגענער א גאנצע וואָך, ווערט דער שאבעס־פרינץ. א פאָטער זאָגט אָן דעם קינד צו באר־מיצווע, ער זאָל נישט „אויסבײַטן דאָס רענדל” (נישט ווערן אויס ייִד); דאָס איז אונדזער שײַנדל און שטארקייט („דאָס גאָלדענע רענדל”).

לעסאָף: פאטריאָטיזם! צוזאמען מיט ליבעראלע מאסקילים, מיטן רוסישן ליבעראליזם ביכלאל, מאכט ער „הנותן תשועה” (א מין „באָזשע, צאריא כראני”) אלעקסאנדער דעם 2־טן, דער קייזערן און דעם „נאסלעדניק”. ער איז ניט דער איינציקער, געטאָן האָבן דאָס (אף העברעיִש) אייניקע האסקאָלע־שרײַבער און גראמענמאכער יענע צײַט און דאָס דערלאנגט אין די „הויכע פענצטער”. וועגן ש. בערנשטיינען איז אונדז אזוינס נישט באקאנט; אף „זשארגאָן” האָט אזוינס נישט געפאסט אויך

אין די לירישע מאָטיוון איז פאראן אן אופריכטיקער פאָלקסטימלעכער טאָן; די לידער זײַנען פאָלקסטימלעך אין אינהאלט, אין דער סימוואָליק, אין ריטם. אייניקע לידער זײַנען דעריבער געווען פאָפולער בא דער פאלקסמאסע.

פון ש. בערנשטיינען איז נאָך באקאנט א קאָמעדיִע „ר׳ יאָכצי דאל גייע”,—אָפּגעשפּעט דאָס גרויסן זיך מיט ייִכעס, (געדרוקט געווען צוערשט אין „קול־מבשר” 1871 נ׳ 21—31, און באזונדער: אָדעס 1872, קעשעניעוו 1884. דער נאָמען „ר׳ יאָכצי”,— א קאפצן, וואָס שאבעס ווערט ער גאָר אן אנדער מענטש, מיט דער „נעשאָמע יעסיירע”,—קומט שוין פאָר אין „מאגאזין” אין דעם ליד „שלום־עליכם”). אין „קול מבשר” האָט ש. בערנשטיין געדרוקט נאָך א נאָוועלע „די נעקאָמע אין צווייען” (1872, נום. 7—18). ער האָט געשריבן פובליציסטישע זאכן אויך, מיט דעם פסעוודאָנים „שלשום בר יענטע” (אנאגראם פון שמועל בערנשטיין) וועגן אקטועלע זאכן פון יענער צײַט: קעגן קאָהאָלשע רעדלפירער, קעגן דער ייִדישער אנטיסאָציִאלער צדאָקע (בעסער מאכן לײַ־קאסעס צו געבן קרעדיט דעם נויטבאדערפטיקן); רימט דעם געוויסן מאטיף פאר האסקאָלע צווי־הירש דײַנאָוו, וואָס האָט, אגעוו, זיך אײַנגעשטעלט צו רעדן אף „גאָטס ייִדיש” אין דער זשיטאָמירער ראבינער־שול, לאכט אויס דאָס דײַטשמעריש פון דעם „קול־מבשר” א. אז. וו.

אונטער דעם פסעוודאָנים, „שלשום בר יענטע” האָט ער אויך געדרוקט מיט דעם נאָמען: „א וועלט מיט וועלטעלעך, אָדער דאָס ייִדישע קויטיקע גרעט” אן אינטערעסאנטע נאָוועלע פון דער אונטערוועלט, ארויסגעפירט די „מומעס” מיט די הײַזלעך”, מיט דער פרומער גאבעטע, וואָס שארט זיי צו „סכוירע” א. אז. וו.,— געשריבן רעאליסטיש, מיט קערנדיקע שטריכן. ש. בערנשטיין איז, ווי ווײַט ס׳איז איצט באקאנט, דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראטור יענע צײַט, וואָס האָט ארויסגעבראכט אזוינע מאָטיוון. געדרוקט אין דאָס אין דעם איצט זייער זעלטענעם וואָכנ־

בלאט „ישׂראֵליק", וואָס י. ליִנעצקי און א. גאָלדפאדן האָבן ארויסגעגעבן אין לעמבערג אין 1875—1876, און איז דעריבער געבליבן ביז איצט אומבאקאנט. אין דעמזעלבן „ישׂראֵלעק" איז אויך פֿאראן ש. בערנשטיינס א פובליציסטישע זאך: „וואָס מאכט איר גוטס? ווי גייט עס אייַך"? (נומ. 4 פאר דאָס יאָר 1875).

איך ברענג דאָ פון ש. בערנשטיינס „מאגאזין" (ווארשע, 1880) דאָס לירישע ליד „די טרייסט", דאָס סאטירישע ליד „ילעלאס צאדיקים" און 5 עפּיגראמעס.

ליטעראטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ב. ו, ווילנע, 1926.

ש. בערנשטיין

די טרייסט.

.1

אום ווינטער, זעט,
ווי דאָס ביימל שטייט
נעבעך איינגעבויגן,
איר וועט עס קאם דערקענען.
די פייגעלעך זיינען
דערפון אוועקגעפלויגן.
וויי איז מיר,
קלאָגט עס פאר דיר,
וואיז מיין גרינער שאל?
מיין זון, מיין גליק,
מיין שיינע מוזיק,
מיין זיסער נאכטיגאל!
ווו זיינען מיינע בריליאנטן,
מיינע ראָסע־דימאנטן,
און מיין זיסער רייעך!
אוי, איך שטיי
טיף אין שניי,
נעבעך טויט און בלייך.

.2

די האָפענונג הייסט,
עס זאָל בלייבן א טרייסט.
אין דער שלעכטער צייט
אף שפעטער קוק
און זע, דאָס גליק
איז שוין גאָר ניט ווייט.
אין דער פינצטערער נאכט,
זעסטו, לייכט
דאָרט א גרויסער שטערן.
דאָס ווייזט יעדן,
אז נאָך פינצטערע ליידן

מוז פריילעך, לעכטיק ווערן.
די גרעסטע קעלט
אין דער וועלט
איז, כלעבן, ניט אף אימער.
נאָך אומגליק
שײַנט דאָס גליק;
נאָך ווינטער קומט דער זומער.
דער בייזער שוואט [1]
איז שוין גאַנץ ווײַט;
ער איז שוין באלד פארבײַ.
גאָר אומגעריכט
ווערסטו אופגעריכט,
עס קומט דײַן גליק, דײַן מײַ.
די זון וועט צוריק
אף דיר טון א קוק,
ווערסטו ווײַטער בליִען.
ווי א כאָסן צו א קאַלע,
וועלן די פייגעלעך אלע
צו דיר באלד קומען[2].
דײַן מוזיק
קומט באלד צוריק.
אָט קריכט שוין אָפּ דער שניי.
פול מיט דופט
קומט די לופ״.
אָט קומט שוין דײַן סאָלאָוויי.

3.

דו, ליידיקע פלאש,
מאך ניט קיין ראש,
האָף און שטיי גאָר שטיל.
די גוטע צײַט
איז שוין ניט ווײַט,
וועסט ווײַטער ווערן פול.
און דו, מענטש, אויך
באקלער נאָר מיט מויעך,
פארליר ניט קיין קוראזש;
עס וועט קומען צוריק
דײַן שטיקעלע גליק,
וועסטו ווערן א פולע פלאש.

[1]) דער נאָמען פון א ווינטער-כווידעש, בעערעך יאנוואר. [2]) גראמט זיך ניט מיט „בליִען״. עפשער דארף דאָ זײַן: „ציִען״.

יילעלאס צאדיקים [1]

.1

אונדזער גרויס גליק
איז ווי א כאָלעם פארפלויגן;
די וועלט איז געוואָרן קלוג,
זי האָט באקומען אָפענע אויגן.
אין אונדזער שיינער קונץ
האָט שוילעט [2] געווען און איינאָרע [2];
פארשפארט האָט מען אונדז
נעבעך, אף דער אָבאָרע [3].

איבער די כסידישע כאטאָים
לאָזט מען אונדז ניט אף דער וועלט
מעסאקן זײַן די רעשאָים
פארן ביסעלע געלט.

.2

ווו זײַנען די סראָרעס [4]
מיט זייער ביסל געלט?
ווו זײַנען די אקאָרעס [5]
רײַך, שיין ווי די וועלט?
די גרויסע סראָרעס
קאָנען זיך אָן אונדז שוין באגיין;
די רײַכע, שיינע אקאָרעס
ווערן ניפקעד [6] גאָר אליין.
איבער די כסידישע א. אז. וו...

.3

קלאָרע מעשוגאָים
פלעגן אונדז פּידיוינעס [7] ברענגען;
ווײַבער פון פשאָים [8]
אונדז געלט אָנהענגען.
אצינד מוזן מיר לעבן
פארשפארט ווי גאזלאָנים,
פון אלע איז אונדז געבליבן
לײַדאקעס, קאפּצאָנים.
איבער די כסידישע א. אז. וו....

---

1) די קלאָג פון די צאדיקים (כסידישע ראבײַים). 2) שוילעט און איינהאָרע—געוועלטיקן (טרעפן), א שלעכט אויג; מע האָט א „גוט אויג” געגעבן. 3) אוקרײַניש: — א שטאל פאר פי. 4) „הערשער”— רײַכע. 5) פרויען, וואָס קאָנען קיין קינדער נישט האָבן. 6) „ניפקעד ווערן” — דערמאָנט, אופגעריכט ווערן. דאָ אין זין פון האָבן קינדער. 7) געלט-געשאנק דעם רעבן. 8) זינד.

4.

אפיקוירסים זעט מען זיך מערן
איבער די וויסטע שולן[1],
פייעס האקן, שערן,
בערד פוצן, גאָלן.
ווי זאָלן אזוינע קלוגע
ניט לאכן פון אונדזער קונץ!
זײַנען זיי דען מעשוגע,
זאָלן גלויבן אין אונדז?
איבער די כסידישע א. א. וו...

5.

א ביטער שטיקל צײַט
איז אָף אונדז געקומען;
אפיקאָרסים יונגע לײַט
האָבן זיך אָף אונדז גענומען.
לוי דײַ[2] זיי ריידן און לאכן,
אונדז גיסט דאָס בלוט ווי וואסער,
באשרײַבן זיי נאָך אונדזערע זאכן
אין „מייליץ"[3], אין „קויל־מעוואסער"[4]
איבער די כסידישע א. אז. וו.

6.

קאָן נאָך זײַן א סוואָרע[5],
סע זאָל אונדז ווערן בעסער,
אז יעדע נײַע צאָרע
איז פון דער פריִעריקער גרעסער!
טאַקע צווישן אונדזערע ייִדלעך,
וואָס זײַנען אָף אונדז גרויסע מעווינים,
מאכן אָף אונדז לידלעך
און זינגען מיט אונדזערע ניגונים.
איבער די כסידישע א. א. וו...

---

1) מיסטאָמע, געמיינט די קרוינשולן, וואָס די רעגירונג האָט אין די 40־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט אײַנגעפירט פאר ייִדישע קינדער. 2) נישט געגוג וואָס. 3) א העברעיִשע צײַטונג „המליץ", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען דאָס יאָר 1860 אין אָדעס, פלעגט קעמפן קעגן כסידעס און פאנאטיזם. 4) א ייִדיש וואָכנבלאט, וואָס איז דערשינען די יאָרן 1862—1872 אין אָדעס, די ערשטע יאָרן,— אלס בײַלאגע צום פריִער־דערמאָנטן „המליץ". 5) א געדאנק, דאָ אין זינען פון מעגלעכקייט.

עפּיגראַמען אָדער גלײַכע װערטלעך

דער פֿױלער*)

דו עסט, ברודער, װי אַ פֿערד,
נאָר צום גײן ביסטו פֿױל!
אָט פֿאָלג מיך און טו פֿאַרקערט,
עס מיט די פֿיס און גײ מיטן מױל.

לאך ניט.

אַ גוטער־ייִד [1]), װאָס בענטש און שעלט,
האָט געשאָלטן גימפּלען, ער זאָל גײן פֿון דער װעלט,
װײַל גימפּל איז אַ יונג מיט שפּאָרן,
און גלױבט ניט אין דעם רעבן גאָר.
די קלאָלע איז אָבער מעקױעם געװאָרן,
נאָר װײסט איר װען? נאָך זיבעציק יאָר.

אַ געטרײַ װײַב**)

שטאַרבן מוז איך, מײַן געטרײַע דװאָסיע,
זאָגט אַזױ ביטער דער קראַנקער מאָסיע.
שװער־זשע מיר און זײַ מעקאַיעם [2]),
זאָלסט קײנעם נעמען, נאָר מײַן פֿרײַנט כאַיִם.
דװאָסיע װײנט און זאָגט אַזױ ביטער:
איך זאָל אַזױ זײַן דײַנע קינדער אַ מוטער,
אַזױ זאָל איך אױסלעבן די נאַכט,
װי איך האָב דאָס שױן לאַנג געטראַכט.

מײַן מאַגאַזין.

יענער האָט געעפֿנט אַ מאַגאַזין,
און איר האָט אים געגעבן לײזן,
איך האָב אײַך געעפֿנט אַ מאַגאַזין,
און האָב אײַך געגעבן צו לײזן.

דער עמעס.

דעם עמעס זאָג יעדן אױס,
קענסט ניט רעדן,—שרײַב עס אַרױס;
די פֿעדער איז די בעסטע צונג,
זי זאָגט אַרױס אַלצדינג.

---

*) פֿון דײַטשן. **) פֿון דײַטשן.

1) אַ כסידעשער רעבע. 2) פֿאָלג אױס.

יעהודע־לייב גאָרדאָן

(1892—1829)

י. ל. גאָרדאָן (פּאַרקירצט: יל״ג) איז געבוירן אין ווילנע דאָס יאָר 1829 בא פרומע פאַרמעגלעכע עלטערן און האָט געקריגן א פרום־ייִדישלעכע דערציִונג אין כיידער און בא דער געמאָרע. ייִנגלווייַז האָט ער געשעמט פאַר אן „אילוי״. מיט דער ווירקונג פון זייַן שוואָגער (זייַן שוועסטערס מאַן), דעם מאַסקיל מיכל גאָרדאָן, האָט ער זיך גענומען צו בילדונג, שטודירט שפּראַכן און וועלטלעכע קענטעניש. דאָס יאָר 1852 האָט ער אויסגעהאַלטן עקזאַמען בא דער ווילנער ראַבינער־שול און געוואָרן לערער אין א ייִדישער קרוינשול פריִער אין פּאָנעוועזש, דערנאָך אין שאַוול, אין טעלז. אין דערזעלבער צייַט האָט ער אָנגעהויבן צו שרייַבן שירים אף העבּ־רעיִש (די פּאָעמע: „אהבת דוד ומיכל״, די פאַבל־זאַמלונג „משלי יהודה״, „שירי יהודה״ א.אַז.וו.), וואָס האָבן אים געמאַכט א שעם פאַר דעם אָנגעזעענסטן העברעיִשן דיכטער. ער האָט זיך אויך באַטייליקט פּובליציסטיש אין די צייַטונגען „День“, „Голос“ א.אַז.וו. אין 1872 איז ער אָנגעקומען קיין פּעטערבורג פאַר א סעקרעטאַר פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט „מפיצי השכלה״; ער איז אויך געווען סעקרעטאַר אין דער נייַ־געגרינדעטער פּעטערבורגער קעהילע. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די „זאַמלביכער״ (אף רוסיש), וואָס די „מפיצי־השכלה״ האָבן אַרויסגעגעבן אין די 70־ער יאָרן, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין „המליץ״, אין רוסיש־ייִדישן „Восход“, גע־שריבן אויך העברעיִשע לידער, געקעמפט מיט דער פען קעגן דעם אַלטפרענקישן ייִדישן שטייגער, קעגן דער קאָהאָלש־ראַבאָנישער פירונג, פאַר די אידעאַלן פון דער ליבעראַלער ייִדישער בורזשואַזיִע: בילדונג און רוסיפיקאַציִע. איבער א מעסירע איז ער דאָס יאָר 1879 אַרעסטירט געווען און פאַרשיקט אין אָלאָנעצער גוב.; אין עט־לעכע כאַדאָשים אַרום האָט מען אים צוריק אומגעקערט. געשטאָרבן איז יל״ג דאָס יאָר 1892.

יל״ג האָט אָפּגעגעבן א היפּשן ליטעראַרישן טאַלענט, וויסן און א פרוכפּערדיקן שרייַבער־לעבן אף העברעיִשער ליטעראַטור און רוסיש־ייִדישער פּובליציסטיק. ער האָט פאַרמאָגט אַסאַך מער וויסן און טאַלענט, ברייטערע האָריזאָנטן, איידער דער גרעסטער טייל זייַנע העברעיִשע קאָלעגן. ער האָט געהאַט אף זיך די ווירקונג פון דער רוסישער קולטור, איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּעטערבורגער ליבעראַלער ייִדישער בורזשואַזיִע, איז פאַקטיש געווען איר וואָרטפירער. אין העברעיִש האָט ער שוין קאַם געגלויבט. אין איין ליד פרעגט ער זיך: פאַר וועמען מי איך זיך (מיט העברעיִש שרייַבן)? צי בין איך ניט דער לעצטער העברעיִשער דיכטער?

ער איז אָבער דאָך געבליבן בא זייַנע יוגנט־זיכרוינעס, געקעמפט אַלץ אין „המליץ״ קעגן ראַבאָנעס און באַטלאָנעס, נישט באַמערקט די טיפע ענדערונגען, וואָס

זײַנען פֿאָרגעקומען אין דער ייִדישער מאסע, דערהויפּט די 80־ער יאָרן פֿונעם 19 יאָרהונדערט (די גרויסע עמיגראַציע, דער אָנהייב פֿון א סאָציאַלער באַוועגונג א.אז.וו.), צו ייִדיש, צו דער שפּראַך פֿון דערדאָזיקער מאסע, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן מיט פֿאַראַכטונג: דאָס האָט געשטערט דעם אידעאַל פֿון רוסיפֿיקאַציע, מיט העברעיִש פֿאַר דעם „פֿײַנטעלע ייִד". שוין אין 1888, פֿיר יאָר נאָכן ערשטן מענדעלעס יוביליי, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט אים געגרופֿן מיטאַרבעטן אין דער „ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" באַדויערט ער אין זײַן ענטפֿער, וואָס ש"א, א מענטש מיט טאַלענט, וואָס וואָלט געקאָנט שרײַבן אויף רוסיש, העברעיִש, גיט זיך אָפּ מיט „זשאַרגאָן", און דערקלערט ש"א־ען, אַז ריידן זשאַרגאָן איז דאָס אייגענע, וואָס דורכגיין זיך איבער נעוסקי פּראָספּעקט (איינע פֿון די הויפּט־גאַסן אין פּעטערבורג) אַנגעטאָן אין א „לײַבסערדאַק". צײַט אויף צײַט האָט ער דאָך געשריבן א ייִדיש לידל, געדרוקט דאָס אין „קול־מבשר" (1866 א.אז.וו.), אין „ייִדישן פֿאָלקסבלאַט", „ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק"; מער האָט ער די לידער געהאַלטן אין שרײַבטיש: ער האָט זיך צו זיי נישט ערנסט פֿאַרהאַלטן, ס'איז בא אים געווען מער א שפּיל מיט דער „מוזע", קיין ערנסטע קולטור־פּראָפּאַגאַנדע האָט ער דערמיט נישט געוואָלט פֿירן. עפּשער אונטער דער ווירקונג פֿון זײַן פֿאַרלעגער (דעם געוויסן לייזער־ייִצחאָק שאַפּירע אין וואַרשע) האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס יאָר 1886 אין וואַרשע א זאַמלונג ייִדישע לידער מיט דעם נאָמען „סיכאַס־כולין" („וואָכעדיקע רייד"). אין דעם נאָמען שטעקט שוין אן אָנצוהערעניש, ווי אַזוי יל"ג באַציט זיך צום שרײַבן אויף ייִדיש. אָבער נישט געקוקט אפֿן נישט־ערנסטן מיין, האָט דאָס ביכל דאָך געהאַט א געוויסן ווערט פֿאַר יענער צײַט: ס'האָט מיט כויזעק און שפּאָט געטײַט אויף דעם פּרוּם־ייִדישן זומפּ. מיר טרעפֿן דאָ די באַקאַנטע מאַסקילישע מאָטיוון: א כויזעק אויף דער רעבײַישער מאַראָכע, וואָס גייט אונטער, ווײַל די וועלט ווערט קליגער און וויל שוין נישט שיטן מיט פּידיוינעס („שווערע צײַטן"); דאָס וויסטע ייִדישע קאָהאָל מיט זײַנע פּרומפּאַנאַטישע און שווינדלערישע פֿירער, וואָס זוכן „כאַטאָיִם", אַמפּערן זיך איבער נאַרישקייטן און האָבן קיין פֿאַרשטאַנד, קיין האַרץ נישט פֿאַר די רעאַלע נויטן פֿון דעם ייִדישן לעבן („וואָס איז בא דער אסיפֿע געבליבן"?) מיר טרעפֿן דאָ אויך די ווילדע רעציכעס פֿון קאָהאָל, פֿון די טאַקיפֿים מיט זייערע פּרומע אונטערלעקער; זיי גיבן אָפּ פֿאַר רעקרוטן די אָרעמסטע, קינדער פֿון האָרעפּאַשניקעס, און שאַנעווען די גווירים („איקעוו־האַקרײַע") א.אז.וו. אינעם לעצטן ליד טרעפֿן מיר שוין אויך אַזוינע שורעס:

> מיינסט, באַלמעלאָכעס זײַנען קיין מענטשן?
> מיט זיי טוט איר, וואָס איר קענט?

אין דעם ליד: „פֿאַר וועמען שרײַב איך?" פֿאַרופֿט ער זיך אויף דעם פֿאָלק סטאַם, אויף די „אָרעמע שוועסטער און ברידער", אויף דעם מעקלער, קאָראָבייניק (לאַנד־גייער), דעם קרעטשמער, פֿורמאַן. דער באַלמעלאָכע; דער האָרעפּאַשניק שפּילט דאָ קימאַט קיין ראָליע נישט.

יל"ג'ס לידער, אַלס פּראָגראַם־ליטעראַטור, זײַנען שוין געווען פֿאַרשפּעטיקט פֿאַר יענער צײַט, ווען זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן (1886). די געשעענישן זײַנען שוין אַריבערגעוואַקסן די מאַסקילישע סאַטירע־מאָטיוון. ס'האָט שוין געוירט און געזאַמלט זיך אין דער מאַסע דער סאָציאַלער פּראָטעסט, און א טייל ייִדישע אינטעליגענץ

האָט שוין געזוכט און געפונען אנדערע סאָציאלע, פּאָליטישע וועגן פאר דער באַפרייונג פון דער ייִדישער מאסע (ליבערמאנס סאָציאליסטישע פּראָפּאגאנדע א.אז.וו.). אָבער אין די קליינע פארוואָרפענע שטעטלעך האָט נאָך די מאסע געקרעכצט אונטער דעם שווערן פרום־ייִדישלעכן יאָך, און יל״ג׳ס לידער זיינען געווען פאר איר א שטיקל טרייסט; אנדערע, די הינטערשטעליקסטע, האָבן זיי די אויגן געעפנט. די לידער זיינען געשריבן אין א פאָלקסטימלעכן טאָן; אָבער מיט לאָמדישע אויסדריקן, האָבן געקאָנט נעמען דעם מער־ווייניקער פֿאָלקס־מענטשן. „סיכאס כולין" איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געווען.

איך ברענג דאָ י. ל. גאָרדאָנס: „פאר וועמען שרייב איך", „שווערע צייטן", „וואָס איז בא דער אסיפע געבליבן", „איקעוו-האקריע", פון דער אויסגאבע „שיחת חולין", לידער אין דער פאָלקטשפּראכע פאָן י. ל. גאָרדאָן", ווארשע 1886.

ליטעראטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ב. ו, ווילנע 1926.

י. ל. גאָרדאָן

פאר וועמען שרײַב איך.

מײַנע שוועסטער און מײַנע ברידער,
וועלכע האָרעווען די גאנצע וואָך
און ברעכן נעבעך די קראנקע גלידער
און שלעפּן ווי אָקסן דעם שווערן יאָך.

די קאָראבעלניקעס, וועלכע טראָגן
דעם שווערן פּאק אפן קרומען קארק,
און דער פורמאַן אף זײַן וואָגן,
און דער מעקלער אף דעם מארק.

און דער קרעטשמער, און דער קרעמער,
וואָס זײַנען יונגען בא דער גאנצער וועלט,
און די ייִדענע, וואָס זיצט באם שעמער [1],
בראָט זיך אין זון, קאָלייעט אין קעלט.

און די שענקערקע בא דעם גלעזל,
וואָס האָרעוועט נאָר אף אקציז און פּאטענטן,
וואָס ארבעט טאָג און נאכט ווי אן אייזל,
און איין גראָשן דעריאָגט ניט דעם צענטן.

און די קרעמערקעס, וועלכע בראָטן
די געפראָרענע פינגער אף דעם פײַערטאָפּ;
און אלע, וואָס ציטערן פאר זייער שאָטן,
כאפּן פאר יעדן די היטל אראָפּ.

און לעבן שטענדיק אין דאכקעס, אין זאָרגן,
און לעבן נאָר מיט ניסים, פון ווינט,
און ווייסן הײַנט ניט, אויב זיי האָבן מאָרגן,
א שטיקל ברויט פאר ווײַב און קינד. —

פאר אײַך, מײַנע אָרעמע שוועסטער און ברידער,
וואָס קענען קיין נאכעס אף דער וועלט,

1) א שטעלכן (פאר געבעקס א.ד.גל.).

פאר אײַך האָב איך דאָס ביכעלע לידער
צום צײַט־פאַרטרײַב צוזאַמענגעשטעלט.

און אז די וואָך פאַרגייט מיט אירע קלאָפּאָטעס,
און דער טאָג צום רוען קומט פאַר אײַך,
און איר טוט אָן די שאַבעסדיקע קאַפּאָטעס
און ווערט ווידער מענטשנגלײַך;

דענסטמאָל, אז איר האָט א פרײַע שאָ,
נעמט דאָס ביכעלע און קוקט אַרײַן,
און אז איר וועט האָבן אביסל האַנאָע,
וועל איך דאַדורך גאַנץ גליקלעך זײַן.

שווערע צײַטן.

נאָך א יאָר און נאָך א יאָר, —
די וועלט גייט אַלצדינג ווײַטער.
עס וואַקסט אַלץ אויף א נײַער דאָר,
דער מענטש ווערט אַלץ פאַרשײַטער.
ווער רעדט פון קיבעד אָוו וואָיים [1],
אז מע האַלט ניט פון דער טוירע,
ווער גלויבט נאָך איצט אין באַלשעם,
אז מע האָט פאַר גאָט קיין מוירע?!

ניטאָ שוין מער די שיינע צײַט,
וואָס אין ליבאַוויטשער געגנט,
האָט עס מיט כסידים פון נאָענט און ווײַט
און מיט פּידיוינעס [2] גערעגנט;
אז אונדזער רעבע, דער עמעסער ייִד,
האָט געוויזען גוווראָס־האַבוירע [3]
עלעל איז געווען דער גרעסטער יאַריד,
שיראַים [4] — די בעסטע סכוירע.

ווער עס האָט אַמאָל נאָר זויכע געווען
באַם רעבן שאָלעש סודעס [5] צו עסן,
וואָס ער האָט דאָרטן געהערט און געזעען —
צי קאָן ער עס צײַט לעבן פאַרגעסן?

---

1) בעקאָוועד האַלטן, פאָלגן פאָטער און מוטער. 2) געשאַנק־געלט דעם רעבן, ער זאָל פּועלן בא גאָט יענעמס פאַרלאַנג. 3) גאָטס שטאַרקײַט; וואָס גאָט קען. 4) דאָס רעשט פונעם רעבנס עסן, כסי־דים צעכאַפּן די רעשטן פונעם רעבנס עסן אזוי ווי א הייליקע זאַך. 5) די דריטע סודע שאַבעס פאַרנאַכט.

אז ער האָט געעפּנט זײַן הייליקן מויל
און טוירע האָט זיך געשאָטן,
אָדער ער האָט זיך (עס כאפּט מיר א גרויל!)
ראנגלען געכאפּט מיטן סאָטן.

ווער געדענקט ניט דעם גרויסן קרעכץ
באַם רעבנס שיר־האמיַַלעס [1],
א פּראסק נאָך לינקס, א פּראסק נאָך רעכטס
מאכמעס גרויס היספּיַַלעס;
א גלאָץ מיט די אויגן ארויף
אין גאניידן צו דעם אלטן —
וועלכע נעשאָמע און וועלכער גוף
האָט דאָס געקענט אויסהאלטן?

דאָס איז געווען א שיינע צײַט,
מאמעש מאלכוס־בייס דאָוויד [2]
ייִדן זײַנען געוועזן לײַט,
פּארנאָסע געהאט בעקאָוועד;
גאר אָן כאָכמעס, אָן האמצאָעס,
פּארלעבט פיל בעסער די יאָרן;
מע האָט נאָר געדארפט האָבן אף הויצאָעס
צום רעבן אריבערצופאָרן.

ווער עס האָט, לעמאָשל, קיין קינדער געהאט,
האָט זײַן ווײַב צום רעבן געשיקט,
און אין נײַן כאַדאָשים אקוראט,
האָט זי אים מיט א קאדעש [3] באגליקט.
איז געווען א כוילע אין דער מישפּאָכע,
איז דער רעבע געווען דער דאָקטער;
באַ יעדנס אייסעק לעמאזל בראָכע [4],
געפּרעגט דעם רעבן וואָס זאָגט ער.

פון יעדער גזיירע [5], פון יעדער נויט,
איז באַם רעבן געווען א מיטל;
אפילע פון גענעם און פון טויט
האָט געהאָלפן דעם רעבנס קוויטל.
דעריבער זײַנען מיר פון צאָרעס

1) א געבעט. 2) די מעלוכע פון דאָווידס דינאסטיע; דאָ: אזוי ווי ייִדן וואָלטן געווען אין ערעץ־ייִסראעל מיט אן אייגענעם קיניג.
3) א זון. 4) צו גליק. 5) א פאָלקס-אומגליק.

ניט געווען אזוי פארביטערט,
ווײַל דענסטמאָל האָבן אלע טראָרעס
פארן רעבנס דוך געציטערט.

אזוי האָבן ייִדן פארבראכט די יאָרן
אונטער זייערע פײַגנביימער;
דאָס עס וואָלט אלץ בעסער און בעסער געוואָרן,
איז געדרונגען פון א קאל־ועכוימער [1]:
מאדאָך, אז דער רעבע איז געווען איינער,
האָבן שיראַים געקאָסט א פייעס[2],
ווי וואָלטן מיר שוין געגריזעט ביינער,
אז אלע אייניקלעך ווערן ראביים?!

איצט איז אָבער אופגעוואקסן
א דאָר פון אפיקאָרסים,
אלץ מיט כאָכמעס, אלץ מיט פאקטן —
ווילן זײַן גאָטס יאָרשים;
מאכן פון כסידעס כויזעק, טורעס[3],
גיבן קיין גראָשן פידיען;
קיין ייִדיש הארץ, קיין ייִדישע צורעס —
וואָס זײַנען דאָס פאר א ייִדן?

איצט,—אָך און וויי צו אונדזערע יאָרן!
מוזן געבעך די ראביים
אליין פון שטאָט צו שטאָט אומפאָרן
אײַ[4]) זיי דערזעען א פידיען;
און אין יעדער קעהילע, וואָס זיי באַזוכן,
אין יעדער קרעטשמע באַזונדער,
מוזן אליין זיי די ווײַבלעך זוכן,
וואָס ווילן האָבן קינדער.

בילדונג, בילדונג דארפן זיי,
אין שקאָלעס מוז מען לויפן;
פאר א שטיקל זויהער[5]), אז אָך און וויי,
מעגט איר זיי פארקויפן.
אפיקאָרסים, שקאָצים און טרייפניאקעס,
ווערן זאָלט איר קאפּאָרעס!
דורך אײַך נאָר האָבן מיר די מאקעס,
דורך אײַך די גרויסע צאָרעס.

---

1) גרינג און שווער. אזא מין לאָגישע קאטעגאָריע: אז מע קאָן אויספירן א שווערערע זאך, קאָן מען דאָך א גרינגערע זאך געוויס אויספירן. 2) א פארצײַטיקע מאטבייע, באַ אונדזערע 1 1/2 קאָפּיקעס. 3) כויזעק, שפאס. 4) איידער. 5) א קאבאָלע־בוך, פארהייליקט באַ כסידים.

וואָס דאַרפן מיר אײַערע אײַזנבאַנען,
אַז מיר האָבן קפיצעס־האַדערעך [1]
און קענען קומען צום רעבן פון דאַנען
צײַט אין אַ כוידעש בעערעך!
וואָס דאַרפן מיר אײַערע שוואַרצע קונץ,
טעלעפאָנען, טעלעגראַמען?
„גילוי אליהו" [2] איז דאָ בא אונדז.
אַ רועך אין אײַער מאַמען!

דאָך אַצוועס [3] מאַכט מאָרעשכוירע' [4]
כעדווע [5] — רועך האַקוידעש [6].
דרום, ליבע ברידער, האָט קיין מוירע,
לעבט ווי אונדזערע זיידעס.
ייִדן זײַנען נאָך ניט גויסעס [7],
האָבן געלעבט און וועלן לעבן;
קומט אַהער, גיסט אָן די קויסעס, —
לעכאַיִם, לעכאַיִם דעם רעבן!

וואָס איז בא דער אַסיפע [8] פאַרבליבן?

זעט, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, מײַן ליבער ר' באָרעך,
איר ווייסט דאָך, איך בין אַ ייִשוווניק [9], אַן אוירעך,
מע האָט אונדז געזאָגט, אײַער גאַבע, ר' יאָסיע
האָט די וואָך געמאַכט אַן אַסיפע אַ גרויסע.

געוויס האָט מען דאָרטן, איך קען זיך מיר דענקען,
געשמועסט מיקויעך ייִשוווים און שענקען,
מיקויעך די איצטיקע צאָרעס, פּאָגראָמעס —
— טאָ זאָגט זשע, וואָס הערט זיך פאַר ייִדן נעכאָמעס [10]?

— נעכאָמעס פאַר ייִדן? איך בעט אײַך מעכילע! [11]
געוועזן איז געווען אַן אַסיפע אַפּילע;

1) איבערשפּרינגען דעם וועג; מיט אַ נעס דורכמאַכן אין דער קירצסטער צײַט דעם ווײַטסטן וועג, דאָ איז דאָס, ווי וועגן אַנדערע „ניסים", געזאָגט איראָניש. 2) דער נאָווי עליאָהו באַווײַזט זיך און אַנטפּלעקט סוידעס, פאַרבאָרגענע זאַכן. 3) טרויעריקײַט, בא כסידים איז אַ זינד זיך אַרײַנצולאָזן אין טרויעריקייט. 4) אומעט. שלעכט געמיט. 5) פרייד. 6) הייליקער גײַסט. כסידים האַלטן, אַז דער הייליקער גײַסט קומט נאָר אין פריילעכן צושטאַנד. 7) האַלטן נאָך נישט בא אויסגיין. 8) פאַרזאַמלונג. 9) איינער, וואָס וווינט אין דאָרף, אפן „ייִשעוו". די שטאָט-מענטשן האָבן זיי געהאַלטן פאַר „פאַרגרעבטע לײַט". 10) טרייסט,גוטע נײַעס. 12) האט קיין פאַריבל נישט.

וואָס אָבער זיי האָבן זיך דאָרטן געריסן,
אָט זאָל איך אזוי פון קיין צאָרעס ניט וויסן.

ווי איך האָב פון דער קנופּיע [1] צו הערן באקומען,
האָב איך מײַן בײַקענע היטל גענומען,
בין ווי א פארסאמטער צו קאָהאָל געלאָפן,
האָב אָבער דעם אָנהייב שוין ניט אָנגעטראָפן.

אז איך בין געקומען, האָט יאנקל מיט יידלען
געהאלטן באם קריגן זיך שוין און באם זידלען;
בא זיי איז אן אלטע מאכלויקעס [2] א גרויסע
אלץ איבער דעם פּאָסעק פון אטאָ־האָרייסע [3].

און הילעל מיט שאמען [4] האָבן אויך זיך מיט דווייקעס [5]
געאמפּערט, געפירט זייער אלטע מאכלויקעס
אויך ניט וועגן דעם, וואָס טוט אונדז איצט וויי,
נאָר אלץ וועגן דאָס אויסגעבלאָזענע איי.

ר׳ קאָפּל דער פּאָרעש [6], וואָס קוקט ניט אף ווײַבער,
דער האָט זיך געפּאָרקעט מיט יידל דעם שרײַבער:
„דו, מופקער [7], אפּאָנעם ווילסט אויך זאָגן דייעס —
„א ייד, וואָס ער גייט אָן באָרד און אָן פּייעס?!“

וואַרט, וואַרט, שרײַט דער שרײַבער, איך זאָג אײַך פּאָרמאלנע,
איך שרײַב באלד א פּראָסבע [8] צום סאמע קווארטאלנע [9],
דערציייל אים די מײַסע מיט דער מעל־קאָראָבקע [10],
שוין קרענק וועט איר האָבן ניט געלט מער א קאָפּיקע.

---

1) כעוורע, דאָ אין זין פון צונויפגיין זיך. 2) קריגערײַ. 3) „אטאָ־האָרייסע“, — א געבעט, וואָס מע זאָגט דאָס פראזעסוויַיז („פּאָסעק“־ווײַז) אין שול סימכעס־טוירע. מע רופט אוף יעדן שול־גייער צו א „פּאָסעק“. פאראן „שענערע“ פסוקים, פאראן „ערגערע“, מעמיילע פילן זיך דאָ אייניקע באליידיקט, און ס׳קומט צו קריגערײַ צווישן די שול־באלעבאַטים. 4) „הילעל“ און „שאמע“— נעמען פון צוויי טאנאָים, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין שאפן די געמאָרע. געוויינטלעך איז צווישן זיי א „מאכלויקעס“, א פּרינציפּיעלער קריג פאר אויסטײַטשן די־יענע „דינים“ (געזעצן, געבאָטן) פון יידישקייט, די טוירע; אָפטמאָל גייט דאָס אין נישטיקייטן, אשטייגער: אז א הון האָט געלייגט אן איי אום יאָנטעוו, איז צי מעג מען נוצן דאָס איי. דאָ טראָגט גאָרדאָן איבער די נעמען פון די טאנאָים אף די באלעבאטים, וואָס האָבן געמאכט א פארזאמלונג אין בעסמעדרעש, געוויינטלעך וועגן קאָהאָלשע צוועקן; זיי שפּארן זיך איבער אן „אויסגעבלאָזן איי“. 5) שטארק פארטיפט. 6) „פּאָרעש“,—אן אָפּגעשיידטער; איינער, וואָס ווארפט אוועק אלצדינג, אָפטמאָל זײַן אייגענע פאמיליע, טוט זיך אויס פון דער וועלט, און זעצט זיך אוועק „לערנען“ (געמאָרע) שטענדיק אין בעסמעדרעש. 7) אפּיקוירעס. 8) א ביט־בריוו; דאָ אין זינען פון אן אָנקלאָג, א מעסירע. 9) א פּאָליציי־באאמטער, וואָס האָט צו שאפן אף א טייל שטאָט. 10) „קאָראָבקע“ אָדער „טאקסע“,—א ספּעציעלער אָפּצאָל,

דער שנײַדערשער מאגיד[1], פון יאטקעווער געסל
האָט מוסער געדארשנט א יונג באַלעבעסל;
די שווארצע מאָן האָט ער אף אים אויסגעשאָטן,
און דער האָט געציטערט, געשטומט ווי א שאָטן.

דורך דיר נאָר, יונגאטש דו, דורך דיר, אפיקוירעס,
אָט לײַדן מיר אלע די צאָרעס, די גזיירעס,
מיינסט עפשער, טרייפניאק, אז מיר האָבן פארגעסן,
אז דו האָסט אום פייסעך בעבלעך געגעסן[2].

נו, האָב איך געטראכט זיך, אָט ווייס מען שוין קלאָר עס,
פונוואנען עס קומען אלע אונדזערע צאָרעס,
און איך האָב אויך אָקאָרשט געוואָלט זיי דערציילן
א פאָר שיינע מײַסעס פון מײַן שאָכנטע — קיילען.

מיטאמאָל דערזע איך, ווי בענצע דער פארבער,
וואָס האָט זיך צעהארגעט מיט לייזער דעם גארבער,
איז איבער דעם שולכן[3] אריבערגעשפרונגען,
דערלאנגט אים א פראסק, אז די וועלט האָט געקלונגען.

און לייזער, דער טוט גלײַך א שפּײַ אין קולאק,
וויל בענצען צוריק שוין דערלאנגען אין באק;
האָט אָבער געטראָפן גאָר מיר אין דעם קאָפּ,
אזוי אז מײַן היטל איז געפלויגן אראָפּ.

ווי איך האָב דערזען, אז עס האלט שוין באם שלאָגן,
האָב איך זיך בישטיקע[4] געשווינד אָפּגעטראָגן,
אזוי ווי די טיר איז געשטאנען האלב אָפן,
בין איך אָן א היטל אהיים זיך אנטלאָפן.
— וואָס איז אָבער דאָרטן בא קאָהאָל געבליבן,
צי האָט מען וואָס אָפּגערעדט, וואָס אָפּגעשריבן?
צי האָט מען געפונען אן אייצע, א מיטל?
— בא קאָהאָל, איר הערט דאָך, איז געבליבן מײַן היטל.

וואָס יידישער קאָהאָל פלעגט ארופלייגן אף די וויכטיקסטע שפּײַז-ארטיקלען, קעדיי דערפון אויסצוהאלטן ראבאָנים, שאָכטים און דאָסגלײַכן רעליגיעזע פונקציאָנערן, דעם „העקדעש" (שפּיטאָל) א.אז.וו. צומייסטנס איז די קאָראָבקע אָנגעגאנגען אף קאָשער פלייש; ס'איז געווען אָבער „קאָראָבקעס" אף אנדערע שפּײַז-ארטיקלען אויך; דאָ רעדט זיך וועגן א „קאָראָבקע" אף מעל. [1]) א זאָגער; א ספּעציעלע אמט פון א קאָהאָלשן טוירע-און מוסער (שטראָף) - זאָגער. אין ליטע האָט יעדע שולכן געהאט א מאגיד. [2]) צווישן ראבאָנים גייט אן אלטע מאכלויקעס, צי מעג מען ס׳ בעבלעך (פאסאָליעס) אום פּייסעך אָדער נישט. דער גרעסטער טייל האלט, אז מע טאָר נישט. [3]) דער טיש, וואָס שטייט אין בעסמעדרעש. [4]) שטילערהייט.

איקעוו האקריִע [1])

(א מײַסע פון פארצײַטן)

צו ענדע איז די שמוינעסרע, די הויכע [2]),
עס איז שוין נאָך כאזאָראס־האשאך [3]);
דער כאזן האָט שוין אויסגעקרייט „איין קאָמויכאָ״ [4]),
דער שטענדער האָט באקומען דעם פאטש;
דער שאמעס האָט שוין פארקויפט די אליִעס [5])
פאר דרײַצנטהאלבן גילדוין [6]).
נו, טאָ וואָס וואוּ־ט מען, וואָס מאכט מען שיִעס [7]),
פארוואָס נעמט מען ניט אויס [8]) שוין?

עפשער איז נאָך דער רעבע רעב ביירעך
שמוינעסרע ניט אויסגעגאנגען?
אָדער איז ער אפן צוירעך [9])
אפן דרויסן ארויסגעגאנגען?
ניין, דאָרט לײַכט זײַן קאָשערע צורע
דורך די זילבערנע אַטאָרע ארויס;
דער ראָוו איז דאָ, אלץ איז קעשורע [10])
טאָ פארוואָס־זשע נעמט מען ניט אויס?
באם אָרן־קוידעש אף די טרעפלעך
שטייט א אישע [11]) און טרעט ניט אָפּ;

1) פארהאלטן דאָס לייענען, געמיינט: פארהאלטן דאָס לייענען די טוירע שאבעס אָדער יאָנטעוו אי בעסמעדרעש. פארהאלטן דאָס לייענען, ד. ה. נישט לאָזן לייענען, מאכן דערבײַ א ראש, א ליארעם איז א מיטל צו פארהאלטן דעם אוילעם אין שול, ער זאָל זיך נישט צעגיין אהיים, דערבײַ עפעס זאָגן דעם אוילעם, עפעס מאָנען בא אים, פרווון עפעס אויספירן. 2) „שמוינעסרע״—א געבעט, וואָס מע זאָגט דאָס צוויי מאָל: 1 מאָל יעדער שטילערהייט פאר זיך, דאָס צווייטע מאָל — אינדערהויך, בלויז דער כאזן. 3) איבערכאזערן פון דעם כאזן; געמיינט די „הויכע שמוינעסרע״, וואָס דער כאזן זאָגט א צווייט מאָל (זע באמערקונג 2). 4) א געבעט. 5) דאָס אופרופן צו דער טוירע. די „סעדרע״ (וואָך-אָפשניט פון דער טוירע) טיילט מען איין אין עטלעכע טייל (שאבעס, געווײנטלעך, אין 7 טייל); מע „רופט אוף״ באלעבאטים צו שטיין בא דער טוירע באם לייענען זי; יעדן באזונדער צו א געוויסן טייל; דערבײַ מאכט דער אופגערופענער א בראָכע. די „אליִעס״ פארקויפט מען אף די באדערפענישן פון דעם בעסמעדרעש און דאָסגלײַכן רעליגיעזע גוימן. 6) אן אלטע מאטבייע, וואָס איצט ווייסט מען נישט איר ווערט. אזוי, מיט דעם נאָמען „גילדוין״, פארקויפט מען אליִעס פון אלטע צײַטן אָן; דערבײַ פארשטייט מען אין פארשידענע ערטער אונטער „גילדוין״ פארשידענע גילטיקע געלטווערטן (אשטייגער 3 קאָפּ., א.א.וו.). 7) דאָסזעלבע, וואָס ווארטן, „פּאָרקען זיך״. 8) „ארויסנעמען״, הייסט ארויסנעמען די טוירע פונעם „אָרן-קוידעש״ (הייליקער קאסטן, ד. ה. א שאפע פאר די טוירעס) און ביכלאל נעמען לייענען די טוירע. 9) א בייטיקע זאך,—אן איידעלער אויסדרוק פאר „ארויסגיין אין .דרויסן״, וואָס מע וויל דאָס נישט אָנרופן באם נאָמען. 10) ווי ס'דארף צו זײַן. 11) א פרוי.

די באָרוועסע פיסלעך, די נאַקעטע קעפּלעך —
דאָס זײַנען אירע קינדער ווי באָב;
זי האַלט מיט ביידע הענט דעם פּאָרויכעס [1]
און פון אָרן-קוידעש די טיר,
און שרײַט און וויינט מיט אַלע קויכעס,
די קינדער שרײַען מיט איר.

„וואָס האָט איר, ראָצכים [2], געוואַלד, באַנדיטן,
אַף מײַן לעבן זיך אָנגעזעצט?
פאַרוואָס האָט איר מײַן זון דעם דריטן,
אין קאַזאַרמע ארײַנגעזעצט? [3]
צוויי זין מײַנע דורך פאַלשע נעמען
האָט איר שוין פאַרטיק געמאַכט [4];
און איצט ווידער לאָזט איר נעמען
דעם דריטן הײַנטיקע נאַכט?

פאַראיאָרן ערעוו ראָשעשאָנע
האָט מיר געטראָפן די קויל —
מיט פינף אויפעלעך [5] אַן אַלמאָנע...
ניט זינדיקן זאָל מײַן מויל,—
נאָך זאַלמענס טויט גיט יאַנקל־לעבן
אונדז דאָס שטיקעלע ברויט,
איצט ווילט איר אים נאָך אויך אָפּגעבן; —
גיט בעסער אונדז דעם טויט.

אַזוי שרײַט ציפּע, וואָס האַלט דעם שעמער,
ווי מע שרײַט אין באָד אַפן פּאָל.
איר אַנטקעגן פון אַלמעמער [6]
הערט זיך נאָך אַ קאָל.
דאָרט שטייט אַ ווײַבל אָפּגעריסן,
בלייך און קראַנק, האַלב בלינד,
און אַפן שולכן [7] אין אַ קישן
ליגט אַ נייפּל־קינד.

---

1) דער פּאָרהאַנג, וואָס מיט אים פאַרהענגט מען דעם אָרן-קוידעש. 2) מערדער.
3) אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. 4) ד. ה. אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן. ס'איז געווען די ערשטע צײַטן פון רעקרוטן-נעמען בײַ ייִדן. די דינסט איז געווען זייער אַ שווערע, געדויערט 25 יאָר. מע פלעגט כאַפּן קליינע קינדער און זיי אָפּגעבן פאַר רעקרוטן. די רעגירונג האָט ארופגעלייגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר צושטעלן אַלע יאָר אַ געוויסע צאָל רעקרוטן אַף קאָהאָל. קאָהאָל פלעגט נעמען די אָרעמסטע און זיי אָפּגעבן, אָפטמאָל אונטער פאַלשע נעמען אָנשטאָט קינדער פון רײַכע, וואָס פלעגן זיך אָפּקויפן בײַ קאָ-האָל און בײַ די כאַפּערס פאַר געלט. 5) קליינע קינדער. 6) באַלעמער. 7) דער טיש אין בעסמעדרעש.

צײַט איר קימפּעט איז צװײ װאָכן
אײַנגאַנצן נאָך ניט פֿול;
זי איז פֿון בעט אַרױסגעקראָכן,
געקומען קאַם אין שול,
איז זי עפּשער פֿון גרױס צידקעס [1]
פֿון בעט אין שול געקומען?
נײן, די כאַפּער האָבן גיטקעס
מאַן די נאַכט גענומען.

„אַ בעניאָכיד — טײַנעט זי, — בײַ זײַן פֿאָטער
איז אָרטשיק דאָך מײַן מאַן,
דאָס ער איז פֿון רעקרוטן פּטור,
האָט מען מיר אײַנגעשאַצט אין נאַדאַן,
נאָך אונדזער כאַסענע, דאָס װײס די געסל,
איז נאָך ניטאָ קײן יאָר;
און אַ יונגער באַלעבעסל
איז דאָך פּטור פֿון נאַבאָר [2].

װאָס טו איך איצט? מיט מיר איז אַן עק!
װײ צו מײַנע יאָרן!
פֿאַרגאַנגענע נאַכט פֿון גרױס שרעק
האָב איך די מילך פֿאַרלאָרן!
זאָל איך מײַן קינד דערטרינקען? פֿאַרסאַמען?
לעבעדיק אין קײװער לײגן?
אָן אַ מאַמען, אָן אַ טאַטן, —
לאָז קאָהאָל דאָס קינד זױגן“!

צװישן די שטענדערס װערט געדרודערט, —
װאָס איז דאָרטן פֿאַר אַ לײַט?
די היטל פֿאַרקערט, די האָר צעפּודערט,
די קאַפּאָטע אַפֿן לינקן זײַט,
איז ער מיט האָזע אַרײַנגעלאָפֿן
און לױפֿט גלײַך אױבנאָן,
װו צװישן מיזרעך און צװישן צאָפֿן
שטײט די גילדערנע פֿאָן [3].

דאָרט שטײט אַ ייִד מיט צװײ מױרײנוס [4] —
ער הײסט ר׳ איצעק, ר׳ בער,
ער װױנט מיטן ראָװ אין נאָענטע שכײנעס,

1) פֿרומקײט. 2) רעקרוטן־דינסט.
3) די געהױבענע באַלעבאַטים. 4) „מױרײנו“ — אַ טיטל פֿון אַ ראָװ.

דער גאַבע איז זײַן שווער;
ער איז אַליין אויך א שטיקל לײַט
און א שיינער באַלעבאָס;
דאָס איז דער סבאָרשטשיק [1], — פון לאַנגער צײַט
פירט ער די שטאָט בא דער נאָז.

צו אים לויפט דער אזעס־פּאָנעם [2]
מיט גרויס אימפּעט צו:
„וואָס ווילסטו, שרײַט ער, פאַר יעוואָנים [3]
אונדז אלעמען מאַכן דאָ?
וואָס האָסטו, גאזלען, געלאָזט מײַן בענצען
ברענגען אפן פרענט?
מיינסט, באַלמעלאָכעס זײַנען קיין מענטשן?
מיט זיי טוט איר, וואָס איר קענט?

פאַר מײַן מישפּאָכע פאַר דרײַ יאָרן
האָב איך איין אָכאָטניק [4] געשטעלט;
איך בין בעדילע־דאַל געוואָרן,
דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט.
און הײַנט ביסטו פאַר א פלעשל מאַשקע
אים מעשאַנע־האַשעם [5], קאַלבויניק!
און שרײַבסט צו צו דער סקאַזקע [6]
פון כאַימקע דעם ייִמאַך־שעמויניק.

בעשאַס איך האָב געדאַרפט אַן אָרעוו [7] —
דענסטמאַל איז קיין גויעל [8] געווען,
איצט איז ר׳ כאַים מײַנער א קאָרעוו,
מײַן ברודער זאָל פאַר אים גיין! [9]
זײַנע פינף בענקאַרטעס [10] זײַנען קראַנק צו דינען?
טויגן פאַר סאָלדאַטן ניט?
איך זאָג אײַך, ראַבויסײַ, בלוט וועט רינען,
איר קענט גיט שמערל דעם שמיד!!"

אזוי יאָמערן נעבעך די ביידע ווײַבער,
אזוי ליאַרעמט שמערל דער שמיד;

---

[1] דער, וואָס מאָנט אויף די שטײַערן. [2] דער פאַרשטײַטער. [3] סאָלדאַטן. [4] איינער, וואָס גייט (פאַר געלט) דינען אין מיליטער אָנשטאָט אן אנדערן. [5] געענדערט דעם נאָמען. [6] א מין מעטריקע־בוך, ווי מע פלעגט פאַרשרײַבן די פאַמיליעס פון די אײַנוווינער; דאָ הייסט דאָס צוגעשריבן פאלש צו א פרעמדער פאַמיליע, וואָס דאַרף געבן א רעקרוט. [7] איינער, וואָס קאַווירט, גאַראַנטירט פאַר עמעצן. [8] אן אויס־לייזער — א פרײַנט, אַ קאָרעוו. [9] דאָ אין זינען פון גיין דינען (אין מיליטער־דינסט). [10] מאַמזיירים, דאָ אויך אין זינען פון געזונטע יונגען.

דער ראָוו, דער סבאָרשטשיק, דער קאָהאָלשער שרײַבער,—
זיי רירט דאָס אלצדינג נישט.
און דעם גאבעס פינף בענקארטעס
שטייען זיך אף זייער פלאַץ,
זיי שטייען זיך רויִק, און זיי ארט עס,
אזוי ווי די גרויע קאַץ.

זײַנען דאָס דיזעלביקע טײַערע ייִדן,
וואָס איך האָב אמאָל געזעען,
בעשאס מע האָט בא טײַטש אָנקליידן,
גויזער טאָנעס געוועזן? [1]
דענסטמאָל האָט דער ראָוו געוויינט ווי א ביבער,
דער סבאָרשטשיק האָט ליפּן געשטעלט,
די גאבאָים, שאמאָסים, דער גאנצער ציבער [2]
האָבן איבערגעקערט די וועלט.

איצט רירט זיי גיט קלאָגן און וויינען,
זיי זײַנען ווי פון שטיין,
זיי וואָלטן נאָר גערן מע זאָל שוין לייענען [3]
און גיכער צום טשאָלנט גיין.
זעט איר דאָרט ניט ר׳ כאיִמען
מיט די שפּאקולן אף דער נאָז?
ער זאָגט דערווײַל זיך אני מאמין *),
ווי ניט אים מייגט מען דאָס.

דער אנדערער גאבע, ער הייסט ר׳ כיִע,
דעם טאלעס איבערן קאָפּ,
איז זיך רויִק מאוויר־קריִע [4]
אָן איוורע, נאָר מיט טראָפּ [5].
ר׳ איציק, ר׳ בעֶר, דער איידעם דעם גאבעס,
איז געגאנגען בוראָכע מאכן [6].
ער זאָל דען הונגערן לעקאָוועד שאבעס?
ער האָט פײַנט אזעלכע זאַכן!

[1] „טײַטש-קליידן״—דאָס איז איינע פון די „רעפאָרמעס״, וואָס ניקאָלײַ דער 1-טער האָט געוואָלט אײַנפירן מיט גוואלד בא ייִדן: ייִדן זאָלן אַראָפּוואַרפן זייערע אלטמאָדישע אייגנאַרטיקע קליידונג, זיי זאָלן זיך קליידן „טײַטש״, ד.ה. אזוי ווי די ארומיקע באפעלקערונג. די פרומע פאנאטיקער האָבן דאָס אָנגענומען פאר א „גזיירע״ (א פאָלקס-אומגליק), פאר א פארשווערונג פון זייער רעליגיעז געפיל. אלס „פּראָטעסט״ און אלס א מיטל צו פויעלן בא גאָט, די „גזיירע״ זאָל אָפּגעשאפט ווערן, האָט מען „גויזער-טאָנעס״ געוועזן, אויסגערופן א פאסט-טאָג, אלע ייִדן זאָלן פאסטן. [2] די קעהילע. [3] די טוירע [4] לייענט די סעדרע פאר זיך. [5] ספּעציעלער ניגן פון טוירע לייענען. [6] מאכן קידעש.

*) ווי עס שײַנט, ווייסט נעבעך ר׳ כאיִם דער גאבע ניט, אז שאבעס זאָגט מען ניט קיין „אני מאמין״ (אָנמערקונג דעסזעצערס (י. ל. גאָרדאָן)).

דער ראָוו זיצט זיך ווי א סראָרע,
גאנץ רויִק אף זײַן אָרט,
ער בלעטערט קלוימערשט די געמאָרע,
און גלעט זיך נאָר די באָרד.
נעבן אים שטייט ר׳ יאָקל דער דאיען,—
זײַן מייכעש[1] לאָזט זיך אים ניט זעצן,—
ער שטייט און לערנט זיך דעם זאַיען
פון „טיזקערו״ גוט צו קוועטשן[2].

און ר׳ קאלמעלע, וואָס זאָגט דעם שיער[3],—
דער איז גאָר ניטאָ,
ער שטייט און וואשט די הענט באם קיִער[4],
א גאנצע האלבע שאָ.
ער זאָגט מיט קאוואָנע „אשער יאָצער״[5]
און ווישט זיך אָפּ די האנט
און זוכט ווען עס איז דער יוים־האקאָצער[6]
אין לוּעך[7] אף דער וואנט.

דעם סאָף פון דער מײַסע ווילט איר וויסן? —
אן אויסגעבלאָזענע איי!
אומזיסט האָבן זיך די גאל געריסן
די אומגליקליכע א שאָ צוויי.
דעם שמיד איז דער האלדז געוואָרן טרוקן,
ער האָט צו שרײַען אופגעהערט,
דער אלמאָנע האָט מען געגעבן אין רוקן,
אראָפּגעוואָרפן אף דער ערד.

די קימפּעטאָרן איז כאלאָשעס געפאלן,
האָט מען זי אין פּאָליש[8] ארויסגעבראכט.
אף דעם קינד האָט זיך געפונען אַ באלן,
דעם שולכן האָט מען טרוקן געמאכט.
דער כאזן האָט געשווינד אויסגענומען
און געזונגען „שמא יִיסראָעל״,
און אלע זײַנען צו זיך געקומען,
אופגעלעבט גאנץ קאָהאָל.

1) קראנקייט, געוויינטלעך מיינט מען דערמיט מערידן. 2) ער לערנט קלאָר ארויסצוברענגען דאָס אָס „ז״ אינעם וואָרט „תזכרו״ אין א געוויס געבעט; — א מיצווע! 3) א לעקציע געמאָרע פאר געמאָרע־לערנער. 4) א האנטפאס אין בעסמעדרעש, וואָס מע וואשט דערפון די הענט. 5) א געבעט ספּעציעל נאָכן „ארויסטרעטן״. 6) דער קירצסטער טאָג. 7) העברעיִשער קאלענדאר. 8) פּאָרהויז אין בעסמעדרעש.

דער באַל־קריִע [1] האָט אָנגעהויבן צו קרייען
און זיך שטאַרק צו שאָקלען;
דעם ראָוו האָט מען אופגערופן קויהען [2],
שלישי [3] געגעבן ר׳ יוקלען;
שישי [4] האָט זיך גענומען ר׳ כיִע,
ער האָט א פעטן ביינדל [5] האָלט.
און יעדער האָט באַקומען די אליִע,
פאַר וועלכע ער האָט ניט באַצאָלט.

און ר׳ איציק, ר׳ בער האָט געלייענט מאַפטיר [6]
מיט מעסיקעס [7] אַפן קאָל,
און האָט געגעבן האָלץ א קלאַפּטער
א נעדאָווע אַפן שפּיטאָל.
און יאַנקלען און בענצען און גיטקעס אָרטשיק
האָט מען צום פּריִאָם [8] געשטעלט,
און ר׳ איציק און ר׳ בער איז געבליבן סבאָרשטשיק,
און וועלט איז געבליבן וועלט.

1) דער וואָס לייענט פאַר די טוירע. 2) די ערשטע אליִע. 3) די דריטע אליִע, אויך א בּעקאָוועדיקע אליִע. 4) די זעקסטע אליִע, אויך בעקאָוועדיק. 5) דאָ אינזינען פון א שיינער אליִע. 6) די לעצטע אליִע. 7) זיסקייט. 8) צו סאָלדאַטן־דינסט.

י. וו. ש.

ווער איז דער אווטער,—דאָס בלײַבט אונדז דערווײַל אומבאַקאַנט. מע קען זאָגן בלויז האַשאָרעס: אין „קול־מבשר" 1862, № 1, איז פאַראַן א ליד „הכל הבל", גע־כאַסמעט יוסף ווײַנשטײן (לײַט דעם טאָן נאָך — פאַסט דאָס פאַר אונדזער אוו־טער). מעגלעך, אז דאָס איז אידענטיש מיט י.וו.ש. אָבער וועגן י. ווײַנשטײנען האָבן מיר אויך מער קײן ידיעס נישט.

אײנעם ווײַנשטײן, א לערער אין א פּריוואַט־פּאַנסיאָן פאַר ייִנגלעך אין באַרדי־טשעוו אין 1869, דערמאַנט א. צעדערבוים אין ביכל „די געהײמניסע פון באַרדיט־שעוו" (וואַרשע, 1870, ז. 53).

מיר ברענגען דאָ דאָס ליד „דאָס גילדענע קאַלב" (פון ק״מ 1867) איבער דעם געזעלשאַפטלעכן מאָטיוו: דעם שפּאָט אף דער געלטזאַק.

פון י.וו.ש. האָב איך נאָך באַמערקט די לידער: „דער אָרעמאַן" אין ק״מ 1862—1863, № 11, („ערגער איז פונעם טויט, אז א מענטש האָט נישט קײן געלט"); „דאָס פאַרבלאָנדזעטע קינד", אין ק״מ 1864 № 7 (א פאַרוואָרלאָזט קינד שלעפּט זיך אַרום אף דער וועלט און קוקט אַרויס אפן „טאַטן אין הימל, דאָס קינד מוז פריִער בעסער ווערן"; ניקער, אן אַלעגאָריע אפן „פאָלק ייִסראָעל"); „דאָס פײגעלע" (א מוס־טער פון נישט־געזאָרגט) אין ק״מ 1867, № 1; „די בעהײמעס,—נאָך קרילאָווס Гуси, אין ק״מ 1867, № 44.

י. וו. ש.

דאָס גילדענע קאלב.

ווער זיצט עס דאָרט
אויוונאָן צעשפּרייט,
די נאָז פארדרייט,
און רעדט ניט קיין וואָרט?

פיל מענטשן ארום,
די קעפּ געבויגן,
שטייען ווי שטום,
אראָפּ די אויגן.

איז ער עפּשער א גרויסער פּאָרעץ,
אָדער אזוי א סראָרע?
טאָמער א לאמדן, א כאָרעץ,
פארטראכט אין דער געמאָרע?

איז ער ניט א גרויסער כאָכעם,
עפּשער טוט ער גוטס דער וועלט,
און נעמט ניט קיין רעוואָכים,
אז ער לייַט יענעם געלט?

עפּשער אין א נויט,
עסט ער ניט אליין
און גיט יענעם ברויט?
ניין!

דאָרט זיצט אויוונאָן
א מיליאָן! —

בערל בראָדער (מארגוליעס).

(1815—1880 ?)

וועגן בערל בראָדערס ביאָגראַפיע (זיין עמעסער פאַמיליע־נאָמען איז: מארגו־ליעס) האָבן מיר צוויי ווערסיעס:

I. ד״ר מ. געלבער אין זיין ווערק Aus zwei Jahrhunderten דערציילט אזוי: בערל בראָדער איז געבוירן אין בראָד (גאַליציע) דאָס יאָר 1815. זיין פאָטער האָט געהאנדלט מיט ליים און ציגל. דעם פאָטער האָט בערל בראָדער אָנגעוואָרן נאָך אין די יינגל־יאָרן. די פאַמיליע איז פאַראָרעמט געוואָרן; בערל בראָדער האָט געמוזט פארלאָזן דעם כיידער און זוכן ארבעט. ער האָט זיך געשטעלט ארבעטן בא כאזער־האָר. אין עטלעכע יאָר איז ער געוואָרן אן איינקויפער פון כאזער־האָר בא א בראָ־דער פירמע, פלעג פאָרן צוליב דעם צוועק קיין רוסלאַנד.

ארום 1840 האָט ער כאסענע געהאַט און זיך באזעצט אין פידקאמען, נישט ווייט פון בראָד. ארום 1855 איז ער אוועקגעפאָרן צוליב די געשעפטן אף א לענגערער צייט קיין רוסלאַנד. ער איז שוין געווען פריער באקאנט מיט זיין ווערטל־זאָגן און גראַמען־מאַכן. אין די איינפאָר־הייזער פלעגט ער אָפטמאָל פירזינגען פאַר די געסט זיינע לידער. ביסלעכווייז האָט ער זיך אין דעם זינגען ארייַנגעצויגן אלס פראָפעסיאָנאַל און האָט געוואָרפן זיין פריערדיקע באשעפטיקונג. ער פלעגט זינגען זיינע אייגענע לידער מיט אייגענע מעלאָדיעס. צו אים זיינען צוגעשטאנען באַדכאָנים און מעשאָרע־רים, און ס'איז געוואָרן א מין טרופּע פאָלקסזינגער און „אָנשטעלמאכער“, וואָס זיי־נען באקאנט געוואָרן מיט דעם נאָמען: די בראָדער זינגער. ספּעציעל בערל בראָ־דער איז זייער פּאָפּולער געוואָרן. עטלעכע יאָר איז ער אויסגעפאָרן די גרעסערע יידישע שטעט אין רוסלאַנד; שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט קיין בראָד. דאָ פלעגט ער אופטרעטן בא פינקוסן אין גאסטהויז (א מין קאבארעט). נאָכדעם ווי בראָד איז פאַראָרעמט געוואָרן איבער אן עקאָנאָמישן קריזיס, האָט ער געוואנדערט מיט זיין טרופּע איבער גאַליציע, שפּעטער איבער רומיניע. געשטאָרבן איז ער בעערך אין 1880 נישט ווייט פון בוקארעשט.

II. אנטקעגן דערציילט מ. ל. פּעטשעניק אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ (וואַרשע) אזוי (דאָס זאָל זיין גענומען פון בערל בראָדער זונס מיטיילונג):

געבוירן איז אונדזער ב. ב. דאָס יאָר 1815 אין פידקאמען. דער פאָטער איז דאָרט געווען א געמאָרע־מעלאַמעד; שפּעטער האָט ער זיך איבערגעקליבן קיין בראָד. ב. ב. האָט נישט געוואָלט לערנען, האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן פאַר א באַ־העלפער. מע האָט אים כאסענע געמאכט, אָבער ער האָט אָפּגעגעט זיין ווייב און איז אוועק קיין יאס (רומיניע) צו זוכן א בעסערע באהעלפער־שטעל. שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט קיין בראָד, דאָ כאסענע געהאַט און זיך איבערגעצויגן קיין פיד־

קאמען. אינגיכן האָט ער אָנגעהויבן ארומצוּוואנדערן אלס לידער־זינגער און איז געוואָרן זייער פאָפולער.

1864 האָט ער זיך אומגעקערט אהיים צעבראָכן און קראנק. אינגיכן איז ער ווי־דער אוועק וואנדערן און איז געשטאָרבן אין קארלסבאד.

א. גאָלדפאדן, וואָס האָט נאָך אליין געקענט די בראָדער זינגער, שרײַבט וועגן זיי אין זײַן אויטאָביאָגראפיע [1]:

„מיט פילע יאָרן צוריק פאר דעם אָנפאנג פון אונדזער געשיכטע (ד. ה. פאר 1876. נ. ש.) האָבן זיך אין דער שטאָט בראָדי (אין גאליציען) געיאוועט א סאָרט „מינענזענגער", באקאנט מיט דעם נאָמען „בראָדער זינגערס". אזוי ווי באדכאָנים פלעגן אונטערהאלטן אין יענער צײַט דעם אוילעם אף כאסענעס, פלעגן די „זינגערס", אויסער כאסענעס, אונטערהאלטן דעם אוילעם א גאנץ יאָר קימאט, ווײַל דער אוילעם איז מיינסטנס באשטאנען פון פרעמדע סאָכרים, איבערהויפט רוסישע יידן, וועלכע פלעגן, פאָרנדיק פון לייפציגער מעססע (יאריד. נ. ש.), זיך אָפשטעלן אין בראָדי, וואָס איז דאמאָלס געווען דער הויפט־פונקט פון אלע אויסלענדישע מיסכאָרים. די לידל־זינגער האָבן אונטערהאלטן די פריילעכע סאָכרים, און עס איז געוואָרן א געשעפט.

ווען שפעטער, איבער דער גרויסער קאָנקורענץ, איז בראָדי געפאלן, האָבן די זינגערס געמוזט איבערטראָגן זייער געשעפט נאָך רוסלאנד (און ווי איינער פון די „בראָדער" האָט מיר דערציילט), זײַנען זיי געקומען נאָך ווארשע מיט דער האָפענונג אין דער יידן־באפעלקערטער פוילישער הויפטשטאָט פאָרצוזעצן זייער געשעפט. זיי האָבן אָבער דאָס ערשטע מאָל געליטן זייער א גרויסע נידערלאגע, ווײַל מע האָט דאמאָלס נאָך ניט פארשטאנען, אז מע זינגט א יידיש לידל דארף מען צאָלן געלט. מיט שווערער נויט האָבן זיי זיך צוריקגעשלעפט אהיים. ערשט שפעטער מיט א יאָר האָט א ווארשעווער רעסטאָראטער געהאט א גרויסן לאָקאל און האָט, פער פראָבע, באצויגן די „בראָדער", און אז דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גוט צו גיין, האָבן זיך די זינגערס אָנגעהויבן צו פרוכפערן און מערן און ארומגעפאָרן אין אלע קליינע יידישע שטעטלעך אין רוסלאנד, גאליציע און רומיניע.

אָנפאנגס האָט דער אינהאלט פון די יידישע פאָלקסלידער געטראָגן אַן ערנסטן כאראקטער. די מעלאָדיען זײַנען געווען אָנגענעמע, אָבער טרויעריקע, וויינענדיקע, נאָך דער דעמאָלדיקער פארפאָלגטער לאגע.

די „זינגערס" האָבן געזען, אז מיט דער מעטאָדע קענען זיי ווײַט ניט גיין צו אונטערהאלטן דעם פראָסטן אוילעם מיט „איך בידנע שוימער", „איך בידנע פאסטעך", „איך בידנע וואסער־פירער" א. א. וו. זײַנען זיי געפאלן אף א פלאן באם ליד „זיך קוסטומירן", — דאן האָט דאָס געהייסן זיך „פארשטעלן". אז ער האָט געזונגען דעם „באלעגאָלע", האָט זיך דער זינגער טאַקע אָנגעטאָן ווי א באלעגאָלע מיט א רויטן גארטל און איז ארײַנגעקומען מיט דער בײַטש און האָט, געוויינלעך, געמאכט די מימיק פון א באלעגאָלע, וואָס דאן האָט עס געהייסן: ער מאכט „אָנשטעלן". דערבײַ האָט ער נאָך געכאפט א טענצל, און דער אוילעם איז באלעבט געוואָרן".

---

[1]) „גאָלדפאדן־בוך". אויסגאבע פון יידישן טעאטער־מוזיי, ניו־יאָרק, 1926, ז. 50—51.

דאָ האָבן מיר א בילד פון די „בראָדער זינגערס״, פון זייער שווער וואנדער־לעבן, פון זייער אוידיטאָריע, פון זייער רעפּערטואַר, פון זייער ארט אופירן דעם רעפּערטואַר. דאָס איז נעגייע אונדזער בערל בראָדער אויך. אגעוו, אלע דריי לי־דער, וואָס א. גאָלדפאדן דערמאנט דאָ (אָן זייער אווטאָרס נאָמען), זיינען בערל בראָ־דערס. העיוויס ווי א. גאָלדפאדן דערמאנט דאָ זיין נאָמען נישט, איז גיכער צו גלויבן, אז ער גופא האָט בערל בראָדער פערזענלעך נישט געקענט, און די לידער האָט ער געהערט זינגען פון אנדערע, — א סימען, אגעוו, ווי פּאָפּולער בערל בראָדער און זיינע לידער זיינען געווען.

וועגן דערדאָזיקער פּאָפּולערקייט, ספּעציעל אין רוסלאנד, קומען מיר צו הערן אין יאָר 1867 פון נאָך א באקאנטער פּערזענלעכקייט, — פון י. י. לינעצקין. אין א פעליעטאָן „אויסגעבי... א שמאטע אף א שמאטע״[1] שרייבט ער דערעך אגעוו:

„איי דאָס, ווו זיינען זיי? (די יידישע „פּאטריאָטן״, וואָס ווילן סינטעזירן דאָס בעסטע פון כסידעס און האסקאָלע. נ. ש.)... זיי לאָזן זיך הערן, דער מיט א צייטונג, דער מיט א קלוג מוסער־סייפער... נאָר וואָס העלפט דאָס אָבער, אז גאָרניט דערוף קוקט דער נאראָד, בא זיי איז גאָר גלייכער א באָווע־מייסע, א לידל פון בערל בראָדער״.

בערל בראָדער, הייסט דאָס, האָט מען געקענט אין אוקריינע.

פון וואָס און ווי אזוי זינגט בערל בראָדער? א. גאָלדפאדן האָט שוין געגעבן א טרעפלעכע כאראקטעריסטיק: „ערנסט״ און „טרויעריק״, „נאָך דער דעמאָלטיקער יידישער פאַרפאָלגטער לאגע״. בערל בראָדער, וואָס האָט זיך אליין אָנגעליטן נויט און עלנט אין זיין יוגנט, אויך שפּעטער אף זיין וואנדער־לעבן, האָט א ווארעם גע־פיל פאר אָרעמקייט, פאר שווערער פּראצע, פאר דאָס פארכווישעכטע לעבן פון די אונטערשטע פאָלקס־שיכטן. דאָס זעט מען שוין פון דער ערשטער שורע צו די מייסטע לידער: „איך נעבעך בידנע פאסטעך״, „איך נעבעך שינדל־שלעגער״, „איך פינצטערער באלעגאָלע״, „איך נעבעך געמיינער כאזן״, „איך נעבעך זינדיקער מעלא־מעד״, „איך נעבעך געמיינער שאדכן״, „איך נעבעך אָרעמער וועכטער״, „איך פינצ־טערער וואסער־טרעגער״, „איך נעבעך באלדארשע״. דידאָזיקע שורע גיט שוין דעם טאָן: אן אָרעם דערשלאָגן לעבן, ניט־זיכערקייט מיט דעם שטיקל ברויט, שטענדיקע ניכנעקייט בא יענעם; א לעבן אָן פרייד, אָן טרייסט. דאָ שטעקן בערל בראָדערס אסאך אייגענע איבערלעבענישן. ער זעט דאָס סאָציאלע אומרעכט ארום, ער קען אָבער נישט דעם שולדיקן, נישט די וועגן צו בעסערס, און האָט שטענדיק אין מויל די אלטע פרומע פאָרמול:

און דיך, זיסער גאָט, בעט איך דיך זייער,
איך זאָל קיין פאסטעך זיין.

(„ליד פון דעם פאסטעך״).

פאר גאָט זאָל אופגיין מיין קלאָג,
איך זאָל קיין שינדל־שלעגער מער נישט זיין.

(„א ליד פון שינדל־שלעגער״).

---

[1]) אין „קול־מבשר״, אָדעס, № 20 פאר דאָס יאָר 1867.

זיסער גאָט אין הימל,—

— — — — — — —

— — — — — — —

דו מעגסט מיך מיט אלעם בענטשן,

אבי ניט מיט א וואסער־טרעגער.

(„א ליד פון א וואסער-טרעגער").

א. א. וו.

זײַן ראכמאָנעס שפּרייט זיך אויס אף דעם „אָפּגעקומענעם אוישער" אויך, און אפילע אף דעם „וואָכערניק", וואָס שטעלט „נעבעך" אײַן זײַן געלט, און אלע שעלטן אים. אין דעמדאָזיקן בינטל ווײַנענדיקס ווארפט זיך זעלטן דורך א מונטערער טאָן, ווי דאָס „ליד פון דעם טאָג מיט דער נאכט", „א ליד פון דעם גילדענעם מאָרגן" (נאטור־מאָטיוו), „א ליד פון א שוסטער מיט א שנײַדער" (פריילעכער „אמכאָ"־מאָטיוו).

צווישן די לידער טרעפן מיר אויך צײַט־מאָטיוון וועגן געשעענישן יענע צײַט, וואָס האָבן געווירקט אף דער פאָלקס־פאנטאזיע, ווי: „א ליד פון דעם קאָמעט־שטערן" (מע האָט זיך געריכט אף א קאָמעט, מע האָט זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן, צום סאָף זײַנען די שטערנזעער געבליבן ליגנערס); „ליד פון סרייפע אין בראָד", „א ליד ווי א רויבער האָט געשטאָכן הויזנער פון בראָד" (געמיינט דעם באנקיר און פארלאמענט־דעפּוטאט הויזנער, וואָס מע האָט אים דערשטאָכן דאָס יאָר 1858). פון געזעלשאפטלעכע מאָטיוון טרעפן מיר דאָ בלויז „א ליד פון די גזיירע־כאסענעס", מיסטאָמע געמיינט די געוויסע „בעהאָלע"־כאסענעס אין רוסלאנד, אין די 40־ער יאָרן פון 19 יאָרהונדערט און שפּעטער, ווען מע האָט כאסענע געמאכט קליינע קינדער, קעדיי צו ראטעווען די ייִנגלעך פון קאנטאָניסטן, און אויס מוירע פאר דער „גזיירע" צו כאסענע מאכן יונג (א רעגירונג-פארבאָט דאָס יאָר 1835 צו כאסענע האָבן פריִער פאר 18 יאָר, פאר מאנסבלען). קײַן אנטיכסידישע, קײַן אייגנטלעכע האטקאָלע־לי־דער זײַנען פון אים נישט באקאנט. עפּשער דערפאר, וואָס אים האָט געפעלט עלע־מענטאר וויסן.

דער עפעקט פון דידאָזיקע לידער האָט געשטעקט אין זייער אָפּשטאם, — אין דער קאָמבינאציִע פון וואָרט און געזאנג, אזוי ווי אין די אנאָנימע פאָלקס־לידער. בא בערל בראָדער איז דאָס ליד געבוירן געוואָרן צוזאמען מיטן מאָטיוו און אינזי־נען האָט ער געהאט די אוידיטאָריע צוהערער, נישט קײַן לייענער. פון ליטעראטור האָט ער גופע מיסטאָמע נישט געקלערט. דער קינסטלערישער ווערט פון די לידער פאר זיך איז מינימאל; ס'איז צומיינסטנס געגראמטע פּראָזע.

פון דידאָזיקע לידער איז בלויז א טייל (30) געווען געדרוקט, צוערשטן אין פּרעסבורג (נישט באקאנט גענוי ווען), און דידאָזיקע זאמלונג איז נאָכדעם אסאך מאָל איבערגעדרוקט געווען, גאנצערהייט און טיילווײַז, אין לעמבערג, ווארשע.

איך נוץ דאָ די אויסגאבע מיט דעם נאָמען: „שירי זמרה. דרײַסיג עהרליכע בראָדער לידער אין ריין יודעש לשון. יעדער ליד באזינגט זייער שיין פאר אלע קלאסן מענטשן. מע לערנט פון זייא זייער פיל חכמה. דען זייא זאָגען אויס ריכטיג דעם כאראקטער פון יעדערען און עס איז אגרויס פארגענוגין צוא לעזין", ווארשע 1882,

(פארלאג י. ל. מאָרגנשטערן). [1] פון דערדאָזיקער זאמלונג ברענג איך דאָ די לידער: „ליד פון בערל בראָדער״ „ליד פון דעם פאסטעך״, „א ליד פון א שינדל־שלעגער״, „א ליד פון די גזיירע־כאסענעס״, „ליד ווי א כאָכעם שמועסט צו דער וועלט״.

ליטעראטור: כוץ וואָס איז אָנגעוויזן אין טעקסט, נאָך: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאָלאָגיע״, ב. I, ווילנע 1926.

1) דאָס איז א קלאָגעדיקע אויסגאבע פון דער פאקנטרעגער־ליטעראטור. אין „אינהאלט״ איז אָנגעוויזן 30 לידער; געדרוקט זיינען בלויז 27. ס׳פעלט „פעקל־מאכער״, „באהעלפער״, (פונעם ?) „געשטאָרבענעם״. אנטקעגן איז דאָרט פאראן „א ליד פון א וואנדערער״, מיט א „צושפיל״, וואָס מיר געפינען דאָס („דער וואנדערער״ און „די טרייסט״) מיט א העברעישער איבערזעצונג בא וועלוול זבארזשער אין זיין זאמלונג „מקל נועם״, ט. ו, לעמבערג 1869, און ס׳איז גיכער צו גלויבן, אז ס׳איז וועלוול זבארזשערס, נישט בערל בראָדערס (אין „צושפיל״ פעלן אייניקע סטראָפעס: וואָס זיינען פאראן אין דער „טרייסט״; ס׳פעלן אייניקע דייטש־ליטעראַרישע אויסדריקן).

אף דעם שאר־בלאט איז אָנגעוויזן דאָס יאָר 1882; די צענזור־דערלויבעניש אף דער אנדערער זייט איז פון 1899. הייסט דאָס, אז ס׳איז איבערגעדרוקט פון מאטריצן, ערטערווייז איז קאם צו לייענען, און ס׳מוז פעלן ווערטער אויך.

בערל בראָדער

(מארגוליעס)

ליד פון בערל בראָדער.

איך, בראָדער בערל,
איך שרײַ צו אלע מענטשן:
הערט אויס ווערטער ווי פערל,
מיט כיין זאָל מיר גאָט בענטשן!
צוזינג:
איך בערל פון בראָד,
איך בין די קלענסטע בריה,
איך דאנק דיר און לויב דיר, דו זיסער גאָט,
פון דיר איז מײַן ישועה.

מײַנע ליבע גוטע ברידער,
הערט מיר נאָר צו,
און מײַנע שיינע לידער
און אויך צו דער שיינער מעלאָדיִע.
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

איז דען אזוי גרינג אָפּזאָגן,
אף יענעם א ליד צו מאכן,
בא קיין וואָרט זיך ניט אָנצושלאָגן
און אויס קיינעם קיין כויזעק צו מאכן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

פארוואָס זאָל מיך, בערל, נישט פארדריסן,
אז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט,
וויל קיינער פארנעמען מײַן שמועסן,
ווי טײַער עס האָט דעם ווערט!
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

אין יעדנס כאראקטער קלער איך גוט,
באליידיקט זאָל קיינער נישט ווערן,
צום סאָף זײַנען אומגליקלעך מײַנע שריט;
פארוואָס זאָל איך ניט ווייגען מיט טרערן?
איך בערל פון בראָד א. א. וו.

דער מויעך ווערט מיר אויסגעדאַרט
אַף יענעמס כאַראַקטער צו צילן;
פרעג איך אײַך: איז דען דאָס אַ זיסע אַרט,
פאַרוואָס זאָל דאָס קײנער ניט וועלן פילן?
יענעמס כאַראַקטער איבערצוזעצן
און אַלצדינג צו טרעפן קלאָר,
און קײן בריִע נישט אַראָפּצוזעצן
אפילע אַף דער מינדסטער האָר!

איך בערל פון בראָד א. א. וו.

ליד פון דעם פאַסטעך.

איך, נעבעך, בידנע פאַסטעך,
איך לעב דאָך גאָרניט אַף דער וועלט.
מע דערזעט פון דער היים ווען יעדער פרייט זיך,
ליג איך באַשטענדיק אין פעלד.
קענען מיר לעבט זיך יעדער באַרוט
און האָט זיך בעקאָוועד זײַן ברויט,
און איך בין פון די שאָף אַזוי מיד,
אַז איך בלײַב ליגן ווי טויט.

דער טאָג טרײַבט מיר פון דער היים אַרויס,
אַף דעם האַרץ ליגט נאָך דער שלאָף;
אַלע פעלדער לויף איך אויס
און מוז נאָר פאַסען די שאָף.
אומגליקלעך בין איך אַף דער וועלט,
איך רו נישט איין מינוט;
זינט איך בין צום פאַסען געשטעלט
זײַנען פאַרשאָלטן געוואָרן מײַנע שריט.

אַז איך לייג מיך אַנידער פון מײַן מי,
און דאָס האַרץ איז פול מיט שרעק,
קומט איינער אין דער צײַט ווען איך רו,
און גאַנוועט מיר אַ שעפעלע אַוועק.
איך כאַפּ מיך אויף, ווען עס הייבט אָן צו שאַריִען,
פאַרשעלט איך די נאַכט פון מײַן שלאָף:
אוי, וואָס האָב איך באַדאַרפט צו רוען,
עס איז מיר אויסגעגאַנגען אַ גאַנץ שטראָף!

די צווייטע נאכט גיי איך אין וועג
און האָב שוין גאָר קיין רו,
קומט א וואָלף אין גרעסטן געיעג
און כאפט מיר א שעפעלע צו.
ווי דער וואָלף איז צו מיר צוגעלאָפן,
און איך שטיי אין פרייען פעלד;
צו דעם, וואָס האָט מיך שוין צוויי טיבעס געטראָפן,
איז מיין לעבן אויך איינגעשטעלט.

צו דעם, וואָס איך, פאסטעך, בין,
מוז איך נאָך זיין א שוימער;
א גאנצן טאָג בורענט מיך די זון,
אז עס טריקענען מיינע ביינער.
פאר גרויס דאָרשט ברענט מיר דאָס הארץ,
דער דאָרשט גיט מיר קיין רו;
איך פאסע די שאָף און ווער פארשווארצט,
ווי ביטער איז, געבעך, מיין מי.

ווינטער פרירט מיר יעדער גליד,
די קעלט איז גאָר אָן שיר;
עס איז אָבער נאָך דאָס איינע גוט,
וואָס די שעפעלעך ליגן ארום מיר.
איך מוז צווישן זיי ארייינקומען,
ווי איינער אין זיין געצעלט;
די שעפעלעך זאָלן מיך ניט ווארעמען,
וואָלט איך געשטאָרבן פאר קעלט.

צו פאסען די שאָף, (האָט) דאָס א ווערט?
ווי קען איך שוין לעבן רעכט?
אז די שאָף פארבלאָנדזען צווישן די בערג,
דעמאָלט איז מיר זייער שלעכט.
שלעכט איז מיר אָן אן עק,
אז זיי גייען אף א פרעמד פעלד ארום;
מע נעמט בא מיר די שעפעלעך אוועק,
און מיך ווארפט מען נאָר ארום.

צו טאָגן אין פעלד, וואָס איז מיין ווערט!
און מיין געמיט איז מיר צעבראָכן.
צו ליגן אין פעלד אף דער הוילער ערד
און אליין אביסל יושקע צו קאָכן!

אינמיטן גיב איך אכטונג אף די שאָף
און אָן דעם קאָכן האָב איך פארגעסן ;
שפרינגט מיר א שעפּעלע אף דעם פײַער ארוף
און קערט מיר אויס דאָס עסן.
זומער גאַנץ פרי, ווען אין דרויסן איז שיין,
ווען יעדער שפּאצירן גייט,
ליג איך אין פעלד גאָר אליין,
האָב איך אויך אביסל פרייד.
כאָטשע די לופט שמעקט מיר פון אַיעדן מער,
און איך שעפּ קרעפטן אין מיר ארײַן,
און דיך, זיסער גאָט, בעט איך דיך זייער,
איך זאָל קײַן פּאסטעך זײַן.

א ליד פון א שינדל־שלעגער.

איך, נעבעך, שינדל־שלעגער,
מײַן פּארנאָסע איז מיר געשטערט ;
אף דעם דאך איז מײַן געלעגער,
און מײַן לעבן האָט גאָר ניט קײַן ווערט.
פון דער היץ ווערן מײַנע קרעפטן פארלוירן,
ווינטער שפּראָצט פון די הענט דאָס בלוט,
פארקאָוועט ווערן מײַנע אויערן,
פון דעם טאם ווייסט קיינער ניט.

אז איך באשלאָג א דאך אפן דריטן גאָרן,
און קײַן פּאָמאָצניק וויל מען מיר ניט געבן,
פארשעלט איך מיר מײַנע יאָרן,
עס ווערט מיר נימעס פאר מײַן לעבן.
איך בין שוין אויוון מיט די שינדלען,
שטעל איך מיך אנידער און רו מיך אָפּ ;
הייבט מיר אָן פאר די אויגן צו שווינדלען,
און עס דאכט זיך מיר, אָט איך פאל אראָפּ.

איך באשלאָג א דאך, וואָס ער איז שיף,
און דאָ נעבן אים זײַנען נידעריקע הײַזלעך צוויי.
פון דעם דאך פאלט דער גאנצער ריף,
און צווישן די באלעבאָטים א גרויס געשריי.
אף דעם ריף שטיי איך ווי אף א וואָג
און ווארט אויס, וואָס דער סאָף וועט זײַן ;

ניט גענוג איך האָב מיר אופגעהאלטן א האלבן טאָג,
כאפּ איך גאָר פון די שכיינים אין טאטן אריַין.

אז איך דארף באשלאָגן א דאך אן אלטן,
וואָס ער איז דורכויס פויל,
צווישן די שפּאלטן קאָנען זיך שטאָרעס [1]) באהאלטן,
איך פאָרך עס אום מיט דעם פולן מויל,
איך מעג ווי פאריכטן, איז אלץ צעבראָכן;
דער באלעבאָס שריַיט, ער איז ניט צעבראָכן אסאך,
דערנאָך וואָלט ער מיך גערן דערשטאָכן,
איך זאָל אים מאכן א נייַעם דאך.

אז איך מאך שוין דעם דאך גאָר נייַ,
און עס געפינט זיך א שפּארינקעלע,—איז מיר ביטער [2]);
ער שריַיט, איך האָב ניט געמאכט געטריַי,
איך האָב געמאכט דעם גאנצן דאך שיטער.
איך בין שולדיק, די שינדלען זיַינען קרום,
איך קאָן זיי נישט גוט צופּאסן;
גיט ער אף מיר דעם גרויסן ברום,
ער טוט פון מיר די הויט רייַסן.

מייַן געצייַג איז נאָר דאָס העקל,
וואָס פון דעם עס איך מייַן ברויט;
דאָס מאכט מיר מייַן לעבן עקל,
עס איז מיר ערגער ווי דער טויט.
איך מעג (זיך?) אפילע ווי מוטשען,
עס רעדט שוין מיר קיינער ניט א וואָרט;
הייבט מען מיר אָן צו דערקוטשען,
איך האָב געלייגט צוויי שינדלען אף איין אָרט.

בא דעם באדינגען שמועסט ער גוט,
און אז עס קומט צום צאָלן ווערט ער שטאָלץ;
ער ציט פון מיר טראָפּנווייַז דאָס בלוט,
ער וויל איך זאָל באשלאָגן פון האָלץ.
ניט גענוג איך האָב מיך געמוטשעט א גאנצן טאָג,
מוז איך נאָך ארבעטן ביז אין דער נאכט אריַין.
פאר גאָט זאָל אופגיין מייַן קלאָג,
איך זאָל קייַן שינדל-שלעגער מער ניט זייַן.

[1]) דאָס וואָרט ניט קלאָר. [2]) די לעצטע צוויי ווערטער קאם צו לייענען אין טעקסט.

א ליד פון די גזיירע־כאַסענעס.

וואָס זאָגט איר צו דער צײַט,
וואָס אַף דער וועלט איז הײַנט געשען,
ווי איינס דאָס אנדערע האָט אָפּגענאַרט
מיט די כאַסענעס וואָס עס איז געווען!
מע האָט גענומען קינדער פון פופצן יאָר,
וואָס זיי האָבן ניט געוווסט פון קײַן וועלט,
מע האָט אסענטירט א טאָג פופצן פּאָר,
אָן קליידער און אָן געלט.

נאָר די קליינשטעטל־לײַט
האָבן זיך די קעפּ פארדרייט;
זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאט קײַן צײַט,
און דאָס פּאָנעם איז געווען פול מיט פרייד.
ווו מע האָט א מיניען געקריגן,
האָט מען געשטעלט א כופּע;
דעם כאָסן האָט מען א שטרײַמל געליגן,
דער קאַלע האָט מען אָנגעטון דער באָבעס יופּע.

א מויד איז געגאנגען אפן מארק
אײַנקויפן פון יעדן מין,
איז מען איר פארלאָפן איבער דעם קארק
און מע האָט מיט איר א שידעך געטון.
דער באלעבאָס ווארט ביז אפדערנאַכט,
ער ווייסט ניט, וואָס מיט איר איז געשען;
דעם אנדערן טאָג האָט זי אויס דעם באלעבאָס געלאכט;
מע האָט זי ניט מער פאר די אויגן געזען.

א מויד האָט געטון אין מארק ארומגיין,
דאָס קלייד איז געווען אַף קויל פארברענט,
דעם אנדערן טאָג האָט מען זי דערזען,
האָט מען זי שוין נישט דערקענט.
פרעגט מען זי, ווי גייט עס דיר?
ענטפערט זי: וואָס טוט איר אויס מיר שפּעטן?
עס איז מיר נאָך ערגער ווי פריער,
איך וועל מיך נאָך די וואָך מוזן געטן.

אין א קליין שטעטל האָט זיך פארלאָפן,
זיי זײַנען געווען פאריקט [1];
אז דער כאָסן האָט די קאַלע אָנגעטראָפן,

---

1) מעשוגע.

האָט ער זיך גאָר דערקוויקט.
מע האָט אים צוגעזאָגט א ווײַסע קו,
און קל׳‧ער זײַנען געווען אף אים מוטל;
צום סאָף איז זי געפּייגערט גאנצפרי,
האָט ער זיך געמאכט פון דער פעל א קיטל.

אין קליינעם שטעטל איז געווען די גרעסטע גדולע
אף דעם קלענסטן און גרעסטן באַלעבאָט;
דער כאָסן האָט געמעגט האָבן א פערד און א קילע,
די קאלע האָט געמעגט זײַן אָן א נאָז.
די מעכוטאָנים האָבן גאָר אָנגעקוועלט,
זיי האָבן שוין ניט געהאט קײַן מוירע,
זיי האָבן זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט
צו פּאַטערן אזא זיסע סכוירע.

איין כאָסן א קויהען[1]) האָט דאָס אויך פּאַסירט,
ער האָט דאָס אויך געליטן,
ווי מע האָט אים אונטער דער כופּע געפירט,
האָט מען אים די קאַלע פאַרביטן.
די קאַלע האָט זיך זייער געפרייט,
זי האָט געמיינט; מע גייט דאָס געבעט בעטן.
ווי די מעכוטאָנים האָבן זיך נאָר אומגעדרייט,
האָבן זיךביידע געמוזט געטן.

מע האָט נאָר געזעען שטרײַמלעך פליִען,
כאָסן־קאַלע זײַנען געגאַנגען מיט מוזיק באַוואכט,
אין ראצעמאָרענע יופּעס אָנגעטון,
גלײַך ווי עס וואָלט געווען הוישאַנעראַבע באַנאַכט.
די מעכוטאָנים האָבן מיט די הענט געקלאַטשט;
אין הארץ איז געווען גרויסע צאָרעס.
דערנאָך האָבן זיך אלע צעפּאַטשט,
עס האָט געטויגט אף טישאָנצע[2]) קאַפּאָרעס.

אף קלעזמאָרים איז געווען א וועלט,
כאַזאָנים און דאַיאָנים האָבן אויך ניט דערלייגט;
קלעזמאָרים האָבן פאַרדינט פיל געלט,
און דאַיאָנים האָבן אף געטן נאָכגעפרעגט.
דאָס וועט אייביק בלײַבן,
עס וועט ניט פעלן די מינדסטע האָר;
דאַיאָנים וועלן געטן שרײַבן,
פאַר א קערבל וועט זײַן אן אם אף א גאַנץ יאָר.

---

1) דאָס וואָרט איז נישט קלאָר צו לייענען. 2) טויזנט.

ליד ווי א כאָכעם שמועסט צו דער וועלט.

וועלט, וועלט, קוק דיך נאָר אום
אף דעם אומרעכט! זע נאָר,
ווי דעם קלוגן איז שלעכט אומעטום
אין דעם הײַנטיקן דאָר!
דער כאָכעם איז עלנט און האָט גאָר קיין (ווערט) [1],
און דער נאר באגליקט הײַנט.
וואָלט נישט שענער געווען, עס זאָל זײַן פארקערט,
די זון זאָל האָבן אף די קלוגע געשײַנט?

וועלט, איך פרעג דיך אליין,
צי ביסטו מיט דעם עפּעס גערעכט?
אז דעם נאר זאָל טאָמיד גוט גיין,
און דעם כאָכעם זאָל, נעבעך, זײַן שלעכט?
צי ביסטו דען צו דעם געשטעלט געוואָרן,
דער נאר זאָל טאָמיד נאָר באגליקן,
אף דעם קלוגן ביסטו אין צאָרן
און טוסט אים נעבעך אונטערדריקן?

וועלט, וועלט, פארוואָס ווייסטו נישט
און פארוואָס ביסטו נישט אין קאס,
ווי דער נאר פארגיסט דעם קלוגנס בלוט
און מאכט גרין דאָס פּאָנעם, וואָס איז ווײַס?
דער נאר ווייסט נישט, ווי דעם קאָפּ צו טראָגן,
און דער כאָכעם גייט אין צענען אײַנגעבויגן.
פארוואָס זאָל דער קלוגער אומגיין ווי דערשלאָגן,
און דער נאר זאָל האָבן הויך געפלויגן?

וועלט, וועלט, פארוואָס ארט דיך נישט,
ווי דער נאר מיינט, אז ער איז קלוג,
און דעם כאָכעם האלט ער ווי פארמישט,
ווײַל ער האָט, נעבעך, גאָר קײַן גליק?
אוי גוואלד, עס וויל דיך גאָרניט בארירן
דאָס אָרעם און דאָס עלנט פון דעם קלוגן!
האָט א פּאָנעם, אז דו ווילסט אזוי אײַנפירן,
צום נאר זאָל קערן דאָס גאנצע פארגעניגן.

---

1) דאָס וואָרט „ווערט" שטעל איך לויט דעם זין נאָך און צום גראם. אין דעם געדרוקטן טעקסט פעלט דאָס (געדרוקט פון אָפּגעריבענע מאטריצן).

וועלט, וועלט, וואָס מאכסטו זיך פארשלאָפן
און האלסט פארשלאָפן דיינע ברעמען,
און ווילסט דעם נאר ניט שטראָפן,
נאָר דעם קלוגן לאָזטו נעבעך פארשעמען!
דעם נאר האָסטו מיט גליק באהאנגען;
שטאָלצירט ער און מיינט, דאָס איז זיין קראפט;
און דער קלוגער קאָן צו דעם נישט דערלאנגען,
ווייל ער האָט דערצו קיין בעריעשאפט.

וועלט, וועלט, וואָס איז דיר אזוינס געשען,
וואָס דו האָסט א הארץ ווי א שטיין!
דעם עמעס ווילסטו גאָרנישט איינזען,
ווי דער נאר ווערט נאָר גרויס און נישט קליין.
אוי וויי, גוואלד, אין גאָטעס ווילן,
א נאר לאָזטו באקומען א גוטן שעם,
און דעם קלוגן האלט ער ווי א דילן
און איז בא אים ווי אין דער קלעם!

וועלט, וועלט, מעגסט שוין אונטערגיין!
זון און לעוואָנע, פארלעשט אייער לעכט,
און שטערן זאָלן נישט מער שטיין,
ווייל איר זיינט בא מיר גאָרנישט גערעכט!
דאָס פאלשקייט זאָל ווערן אויסגעריסן,
שריי איך געוואלד פון דעם הארץ ארויס.
אז פון דעם עמעס ווילט איר ניט וויסן,
שריי איך, וועלט, וועלט, לאָז דיך אויס!

וועלט, וועלט, ווי גרויס דו ביסט,
ווער קען דען דערגיין דיין עק!
האָט דיך דען גאָט באשאפן אומזיסט
מינאסטאם צו דעם ריינעם עמעס וועק[1].

1) עפשער דאַרף דאָ שטיין: „צוועק״?

וואָלף ערנקראַנץ (וועלוול זבאַרזשער)

‏(1823 ? — 1883).

אין וואָלף ערנקראַנצס ביאָגראַפּיע, אַזוי ווי אין בערל בראָדערס, טרעפן מיר אויך פאַרשיידענע ווערסיעס וועגן איינצלנע פּראַטים; אַנדערע פּראַטים זײַנען נאָך נישט געניי פעסטגעשטעלט, כאָטש מיט וו. ערנקראַנצס ביאָגראַפּיע האָט מען זיך ערנסטער באַשעפטיקט ווי מיט אַנדערע, און שוין פון 1909 איז באַקאַנט פּראָפ. ווײַסבערגס אַרבעט:

Wölwel Zbarazer, der fahrende Sänger des galizisch-jüdischen Humanismus[1].

נישט גאַנץ גענוי פעסטגעשטעלט איז די דאַטע פון וו. ערנקראַנצס געבוירן; מע גיט אָן: 1812, 1823, 1826. וואָרשײַנלעכער זעט אויס צו זײַן איינע פון די לעצטע צוויי דאַטעס. זײַן פאָטער, מוישע ערנקראַנץ (געשטאָרבן אין תרי״ז, ד. ה. סאָף 1856 אָדער אָנהייב 1857), איז געווען שויכעט אין זבאַראַזש, גאַליציע (פון דער שטאָט נעמט זיך אויך דער צונאָמען: וועלוול זבאַרזשער).

וואָלף ערנקראַנץ רעדט פון אים (אין בריוו צום ברודער מייער) אַמאָל מיט דערעכערעץ און ליבשאַפט, — און אַנדערס מאָל — מיט אַ לײַכטער איראָניע וועגן זײַן פרומקייט און גלויבן אין שפּרוכן און אין „שמות". דער פאָטער האָט אים געגעבן אַ פרום־יידישלעכע דערציִונג אין כיידער און בא דער געמאָרע; אָבער וואָלף האָט זיך נאָך יינגלווײַז אָנגעשמעקט מיט האַסקאָלע און, ניקער, דעמאָלט נאָך און שפּעטער ערנסט געאַרבעט אף זײַן אַנטוויקלונג. יעדנפאַלס ווייסן מיר, אַז ער האָט געקענט רעכט העברעיש און דײַטש.

צו 18—19 יאָר האָט ער כאַסענע געהאַט, אָדער ווי מ'גיט אָן: מע האָט אים כאַסענע געמאַכט, קעדיי אים אָפּצורײַסן פון דעם „פאַלשן וועג". וועגן זײַן פאַמיליען-לעבן דעמאָלט האָבן מיר 2 ווערסיעס: לויט איין ווערסיע זאָל ער האָבן אינגיכן נאָך דער כאַסענע פאַרלאָזט זײַן פרוי און אַנטלאָפן קיין רומיניע; לויט אַ צווייטער, — זאָל די מײַסע זײַן פונקט פאַרקערט; די יונגע האָבן זיך ליב געהאַט, און די פרוי האָט אים געשטיצט אין זײַן נײַעם וועג[2].

---

1) אין Mitteilungen zur jüdischen Volkskunde, Hefte 31, 32, אויך סעפּאַראַט בא מ. קויפמאַן, לייפּציק. 2) ס'איז גיכער צו גלויבן דער לעצטער ווערסיע. אין אַ בריוו צום ברודער מייער פונעם 2 מערץ 1869 שרײַבט ער אין אַ שפּאַס-טאָן וועגן דעם ברודערס ווײַב ראָכל, וואָס ער האָט שטאַרק געשעצט און געליבט: „מיר געפעלט זייער דאָס ווײַב, וואָס דו האָסט. איך זוכע אויך זאָ וואָס. איך האַבע צוואַר דרײַ געפונדן, נור איינע האַטטע איינען מאַן, די צווייטע איז געשטאָרבן (אונטערגעשטריכלט פון מיר. נ. ש.); די דריטע האָסטו לאורך ימים".

מעגלעך, אַז אין אַ שפּאַס-טאָן דערציילט דאָ וואָלף מיט אַן ערנסט אינטימקייטן פון זײַן לעבן, און די צווייטע געשטאָרבענע פרוי מיינט ער זײַן אייגענע פרוי. פון דעם פאַרגלײַך מיט דער געראָטענער

אָבער די עלטערן פון ביידע צדאָדים האָבן זיך געמיט זיי צו צעשיידן, און וואָלף איז מיט דער פרויס העסקענס אוועק קיין רומיניִע. פון וואָס ער האָט אין די יונגע יאָרן געלעבט, — איז נישט קלאָר. ס'איז פאַראַן א סוואָרע, אַז ער איז אין זבאַראַזש נאָך געווען א מעלאַמעד (אגעוו, זיכער א מעלאַמעד איז געווען זײַן ברודער מייער). אין רומיניִע זאָל ער זיך געווען האָבן גענומען צו מיסכער, געפּאַטערט זײַן נאַדן און זיך לעסאָף גענומען פאַר מעלאַמדעס.

פּאָעזיע און שרײַבערײַ איז אים שוין דעמאָלט נאָענט געווען, קוידעמקאָל אַף דער האַסקאָלע־שפּראַך, אַף העבּרעיִש: אין 1848 האָט ער געדרוקט אין ווינער „כּוכבי־יצחק" א שיר „העור והפּסח" (באַאַרבעט דעם וויקועך „אַנטונינוס ורבי" פון דער גע־מאָרע); אין 1858 האָט ער געדרוקט זײַן „חזון למועד". די העבּרעיִשע ליטעראַטור און זײַן העבּרעיִש־שרײַבן האָט ער הויך געשעצט זײַן גאַנץ לעבן. נאָך אין 1874, ווען ער איז שוין געווען זייער פּאָפּולער אַלס יִידישער פּאָלקסזינגער, האָט ער אָפּ־געדרוקט אַף העבּרעיִש א לידער־זאַמלונג „שפתי ישנה". ס'איז באַקאַנט זײַן פּאָעמע „רומניה" אין „השחר". אין זײַנע בריוו דערמאָנט ער א ווערק „בנות אלהים", וואָס „איז שוין לאַנג באַרימט איידער דאָס איז נאָך אַף דער וועלט אַרויס" (נישט קיין דרוק־זאַך, נישט קיין מאַנוסקריפּט דערפון איז נישט באַקאַנט), און ער איז שטאָלץ, וואָס פּערעץ סמאָלענסקין (רעדאַקטער פון „השחר", דער וואָרט־פירער אין דער העבּרעיִשער ליטעראַטור יענע יאָרן), און אַנדערע אָנגעזעענע העבּרעער האַלטן שטאַרק פון זײַן העבּרעיִשער פּאָעזיִע. אפילע זײַנע באַרימטע יִידישע פּאָלקס־לידער („מקל נועם") און די פּאָעמע „מקל חובלים" האָט ער געדרוקט פּאַראַלעל מיט א העבּרעיִ־שער איבערזעצונג, און דאָס ערשטע ליד אין דער זאַמלונג „מקל נועם" ט. ו איז א לויבגעזאַנג צו העבּרעיִש („די העבּרעיִשע שפּראַכע").

באַרימט געמאַכט האָט אים אָבער זײַן יִדישע פּאָעזיִע, נישט די העבּרעיִשע. ער האָט שוין געהאַט פּאָרגייער: בערל בראָדער און זײַן כעוורע, און דער וועג איז שוין געווען אויסגעטרעטן. אין א שלעכטער צײַט איז דער מאַסקיל, דער פּאָעט, וואָלף ערנקראַנץ געוואָרן וועלוול זבאַרזשער דער פּאָלקס־זינגער. צו 1869 טרעפן מיר אים שוין אַן אויסגעפורעמטן: ער איז שוין באַליבט און פּאָפּולער, און לעבט פון פּאָרזינגען. בלויז פאַר דאָס יאָר 1869 טרעפן מיר אים אין בראָד, לעמבערג, דראָהאָ־ביטש, טאַרנאָפּאָל, טשערנאָוויץ, באַקוי (רומיניע), וואַרשע; מע רופט אים „מיט בריוו און דעפּעשן" קיין סטרי, בּאָרעסלאַוו, סאַמבאָר, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קיין מאָלדאַוויִע. ער האָט שוין געדרוקט 2 טייל „מקל נועם" און גרייט צום דרוק א דריטן טייל. ער איז באַפרײַנדט מיט דער יִידישער אינטעליגענץ אין גאַליציִע, אין רומעניע, און פּע־רעץ סמאָלענסקין דרוקט אין „השחר" א לויבגעזאַנג פאַר דעם „מקל נועם": ס'איז א גרויסער פּאָעט, „אזיווי געטע און שילער"; א שאָד נאָר, וואָס דאָס העבּרעיִש איז בא אים א „טפל" (בײַזאַך) און ער גיט זיך אָפּ צו־פיל מיט דעם „פאַרדאָרבע־נעם יִדיש".

ראָכלען דאַרף מען דאָן נעמען, אַז ער האָט זײַן פרוי געשעצט און געליבט. פון דער פראַזע: „איך זוכע אויך זאָ וואָס", ווי אויך פון דעם, וואָס פון 1869 אָן (זינט ט'איז געבליבן פון אים א גרעסערע צאָל בריוו צום ברודער מייער) דערמאָנט ער נישט קיינמאָל זײַן פרוי, דאַרף מען נעמען, אַז זי האָט שוין צו 1869 נישט געלעבט.

פון זײַן שפּעטערדיק לעבן איז באַקאַנט:

ער איז געווען אַ לעב-מענטש, האָט ליב געהאַט דעם טרונק 1) (דאָס האָט אַגעוו, מיטגעבראַכט די פּראָפעסיִע, דאָס שטענדיקע וואַנדערן).

ער איז געווען אַ „גוטער ברודער", איז געווען באַליבט באַ אינטעליגענץ, ווי באַ זײַן מאַטן־אוידיטאָריִע. מע האָט געשעצט אין אים אינטעליגענץ, פּאָעטישן, פײַנפילנדיקן גײַסט. מיט אַ באַזונדער צערטלעכקייט פאַרהאַלט ער זיך צו זײַן אָרעמען ברודער דעם מעלאַמעד, מייער, און צו מייערס פאַמיליִע, דערהויפּט צו יענעמס פרוי, צו זײַנע צוויי האַלב־שוועסטער און אַנדערע פאַמיליִענגלידער און העלפט זיי מאַטעריִעל מיט וואָס ער קען. וועגן זיך זאָרגט ער נישט; באַ זײַנע גרויסע פאַרדינסטן לײַדט ער אָפּטמאָל נויט, און ער לאַכט זיך אויס פונעם ברודער, ווען יענער ראָט אים צו זאַמלען באַ אים אַ קניפּל.

ער קרענקט אָפּטמאָל ערנסט צו 2). זעט אויס, אַז אין די 70־ער יאָרן האָט זיך אים געלעבט ערגער; עפּשער זאָל דאָ האָבן צו זאָגן זײַן קרענקלעכער צושטאַנד.

כוץ דער אַלטער באַזע (גאַליציִע, רומיניִע, מאָלדאַוויִע, צומטייל פּוילן) טרעפן מיר אים נאָך אין ווין, ווי געוויינטלעך, פאָרזינגען אין יִדישע רעסטאָראַנען און שענקען. פּערעץ סמאָלענסקין זאָל האָבן אויסגעפּועלט פאַר אים אַ פּענסיִע באַ ווינער גווירים; די גווירים האָבן אָבער אײַנגיכן כאַראַקטע געהאַט: זיי איז נישט אָנגעשטאַנען זײַן אויפירונג און כאַוורוסע מיט פריילעכע לײַט. מיר טרעפן אים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (דאָרט ער זאָל האָבן, לויט אייניקע ידיִעס, אַ צווייט מאָל כאַסענע געהאַט 3)), און ווידער אין גאַליציִע, רומיניִע. אין 1874 האָט זײַן אַ גוטער פרײַנט, מוישע אָרנשטיין, אַ שול־דירעקטאָר אין רומיניִע, געפּרוווט קריגן פאַר אים אַ פּענסיִע אָדער אַ גרעסערע שטיץ באַ דער „אַליִאַנס איזראַעליט" אין פּאַריזש, אָבער ס'איז נישט געראָטן: דער פּרעזידענט אַלבערט קאָן האָט געענטפערט פאַר דעם צוגעשיקטן ערנקראַנצס ביכל „שפתי ישנה" מיט אַ מעליצעדיקן דאַנק־בריוו און מיט 4 נאַפּאָלעאָנס... אין 1878 האָבן זײַנע פרײַנט אין רומיניִע געפּרוווט עפּעס מאַכן פאַר זײַנע ווערק, און ער האָט זיך געריכט אַף אַ היפּשער סומע. וואָס דערפון איז געוואָרן, — לאָזט זיך נישט זאָגן. דאָסזעלבע יאָר טרעפן מיר אין זײַן אַ בריוו אַ ידיִע, אַז ער קלײַבט זיך קיין רוסלאַנד. ער קלאָגט זיך ווײַטער אַף זײַן שלעכט געזונט און אַז ער האָט געהאַט אַ שרעקלעך־„אומגליקלעכן ווינטער אין גאַליציִען". ער איז שטאַרק דערשלאָגן, אין בראָד האָט ער „גאָרנישט נישט געמאַכט", און ער קען דעם אָרעמען ברודער נישט העלפן.

געשטאָרבן איז וואָלף ערנקראַנץ דאָס יאָר 1883 פון אַ לונגען־אָנצינדונג.

צווישן די „בראָדער זינגערס" איז וואָלף ערנקראַנץ דער שטערן, דער גלאַנץ. אויב ביכלאַל איז דער „בראָדער זינגער" (און בערל בראָדער אויך) געשטאַנען נישט

1) אין אַ בריוו פונעם 17/XII 1869 צום ברודער מייער שרײַבט ער: „הער לעבל (זײַנער אַ גוטער פרײַנט; אַף לעבלס אַדרעס פלעגט ער קריגן דעם ברודערס בריוו. נ. ש.) עפּנטע דעם בריוו (מייערס. נ. ש.) אונד קאַם אײַנס קאַפּעהויז אונד זאַגטע מיר מיט דיזעם אויסדרוק: וועלוול ערנקראַנץ, מע האַלט דיך אָפּאָנעם אין דײַן זבאַראַזש פאַר אַ גרויסן שיקער. אַ דאָקטער רייזנער ווינשט דיר פילע געשעפטע און ווייניק ווײַן. איך בין צוואַר ניכט פאַרבליפט געבליבן, אָבער וואָס ברויכט מאַן דאַס? ווי איזט מאַן גאָ אונפאָרזיכטיק? (דער אויסלייג איז דאָ צומטייל מײַנער. נ. ש.). 2) אין אַ בריוו צום ברודער מייער שרײַבט ער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם 9/I 1872: „9 מאָנאַטע וואַר איך קראַנק". וועגן קראַנק זײַן שרײַבט ער אין אַנדערע בריוו אויך. 3) אין אַ בריוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דעם 9/I 1872, אויך אין שפּעטערדיקע בריוו דערמאָנט ער וועגן דעם נישט.

העכער, אָדער נישט קיין סאך העכער, פאר זײַן אױדיטאָריע, פּאָשעטע פאָלקסמענטשן אָדער פרײלעכע סאָכרימלעך, — מענטשן מיט פּרימיטיװע האסאָגעס, װאָס כאַפּן זיך אַרײַן אין א שענקל, אין א זומער־גאָרטן, — איז װעגן װעלװל זבאַרזשער לאָזט זיך דאָס נישט זאָגן. ער איז נאָך געװען װאָלף ערנקראַנץ דערצו. א אינטעליגענט, מיט א געװיסער בילדונג, מיט האסקאָלע־אידעאַלן; ער האָט געזונגען נישט בלויז פאַר געלט און פאַר פאַרװײַלן. מערקװערדיק איז, װי מיר טרעפן בא אים אָפּטמאָל דיזעלבע טעמעס, װאָס בא בערל בראָדער. זאָל דאָ דערמאָנט װערן: „די גזיירע־כאַסענעס" „דער פאָלקסדיכטער" און דעם „דיכטערס טרייסט" (זע „איך בערל בראָ־דער"); „דער מלמד אין כאַל־האמויעד" („איך, נעבעך, זינדיקער מעלאמעד" בא ב. ב.) „דער כאַזן" (איך, נעבעך, געמיינער כאַזן" בא ב. ב.), דער אָפּגעקומענער אױשער" („א ליד פון אן אָפּגעקומענעם אױשער" בא ב. ב.) א. אז. װ. אָבער גראָד פון דעמדאָזיקן פאַרגלײַך געװינט װעלװל זבאַרזשער זייער אסאך.

ער איז א געזעלשאפטלעכער מענטש, און איז אױסן געזעלשאפטלעכע קריטיק; ער באַלערנט זײַן אױדיטאָריע. דאָס, װאָס מאסקילים שרײַבער און לערער האָבן אופגעטאָן מיט דער פען, אין קלאַס־צימער, — דאָס האָט ער אופגעטאָן אין װײַן־קע־לער, אף דער בינע, מיט זײַנע לידער. אין זײַנע לידער לאכט ער אױס דאָט כסי־דעס, — די גרעסטע פּלאָג פון זײַן צײַט, — קעמפט קעגן אומװיסן און אָבערגלױבן, שטעלט אנקעגן א מאָדערן אופגעקלערט לעבן. אין א איראָנישן טאָן מאכט ער א העספּעד אף געשעפטמאכערײַ, מעקלערײַ:

> דער שװינדל גייט מיט שװאַרצע קליידער,
> פאַרדעקט מיט א זאַק...

און שטעלט אנקעגן דעם לעבעדיקן אַרבעס־מענטשן:

> די מעלאָכע גייט, װי עס איז באַקאַנט,
> פריילעך נאָר און זינגט,
> מיט דעם גלעזל װײַן אין דער האַנט...

ער באַקלאָגט נישט פּאָשעט דעם אָפּגעקומענעם אױשער, אַזױװי בערל בראָדער, — ער דערמאָנט דעם „יוירעד", אז ער איז געװען דער באַל־טאַקסע, דער כאָשעװ בא פּאָליצײַ, דער טאַקעף אין קאָהאָל, דער דײַע־זאָגער באַם אָפּגעבן רעקרוטן, — דאָס גאַנצע פּעקל קאָהאָלשע זינד.

אין באַזינגען צײַט־געשעענישן זעען מיר דאָסזעלבע: די „גזיירע־כאַסענעס" איז בא אים א געלעגנהײַט אָפּצושפּעטן די הינטער־שטעליקייט פון די פאַנאַטיקער:

> מיר מעגן בענטשן, יידישע קינדער,
> דעם קײסער מיט טויזנט בראָכעס,
> װאָרעם זײַן גזיירע איז גאָר א װוּנדער,
> און די אַפּיקאָרסים אף צולאָכעס...

דאָסזעלבע זעען מיר צו אין ליד „דאָס ברענענדיקע כאָסידל"; ער ברענגט דאָרט אַרױס די סענסאַציע פון יענער צײַט: די מײַסע מיט ר׳ בערעניו׳ן (דער „לעװער"), דעם ריזשינער צאדיקס א זון, װאָס איז געװאָרן אן אפיקוירעס. דאָס כאָסידל זעט דאָ אײַן טיפע סודעס, פאַרבאָרגענע קאַװאָנעס:

ווען ער (דער כאָסיד; נ. ש.) דערזעט דעם רעבן עסן כאַזער,
דאַרף ער כאַפּן שיראַים...

דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס ווײַזט זיך אַרויס אין אַזוינע זאַכן, ווי „געשיכטע פון גאַלאַץ" (וועגן פּאָגראָם אין גאַלאַץ אין 1859) א. אז. וו.

וועלוול זבאַרזשער האָט אָפּגעװאָרפן דאָס פּרימיטיווע „ווײנענדיקס", וואָס מיר טרעפן דורכאַנאַנד בא בערל בראָדער. אין די לירישע לידער טרעפן מיר עלעגישע מאָטיוון („די נאַכטיגאַל", „דער עלנטער זוכט די רו", „דער מאַציווע-שלעגער" א. ד. ג.); אין די ליבע-לידער — דאָס צעבראָכענע האַרץ („דער אומגליקלעכער", „די געשטאָרבענע ליבע"). אָבער דאָ טרעפן מיר מונטערע טענער אויך („גוט צו לעבן, נישט צו זאָרגן", „דעם דיכטערס טרייסט" „דער פריילעכער מענטש" א. אז. וו.): די וועלט איז אויך א וועלט, און מע קאָן נאָך נעמען א גלאָז ווײַן, און א ליד איז אויך א זאַך, און פאַרזינדיקט נישט אײַערע יאָרן!

אין די לידער שפּרודלט מיט הומאָר, מיט פײַנער איראָניע, מיט קערנדיקן פאָלקסוואָרט און לעבעדיקע בילדער. מיר זעען שוין דאָ א פײַנערע שפּראַך אויך.

וועלוול זבאַרזשערס לידער זײַנען זייער פּאָפּולער געווען. זיי זײַנען אַרײַן אין רעפּערטואַר בא די פאָלקסזינגער. אייניקע, ווי „דער פילאָזאָף", „דער רעבע אַפן יאַם" און אַנדערע זײַנען געבליבן אין פאָלקס-מויל, אין דעם אוצער פון די אַנאָנימע פאָלקסלידער.

וו. זבאַרזשער האָט זיכער געהאַט א ווירקונג אף א. גאָלדפאַדענען. ווי גרויס ס'איז געווען גאָלדפאַדנס באַגײַסטערונג פאַר וועלוול זבאַרזשער, — דאָס זעען מיר פון אַזוינע ווערטער אין ג — ס ליד „דור הפלגה" (ניו-יאָרק, 1907, 1909):

איך וואָלט קאָנען, וואָלט איך בעטן
די „בעלת אוב", די צויבער-מאַכט,
וואָס האָט שמועלן דעם פּראָפעטן
פון דער ערד אַרופגעבראַכט,
זי זאָל יעצט מאַכן איר מאַנעוור
מיט איר געהיימען צויבער-טאָן,
אַרויסרופן מיר אויך פון קייווער
א גרויסע וויכטיקע פּערזאָן.
זיסע האָפנונגען און נעכאָמע,
סאַטיר און פריילעכע מאָראַל, —
ער איז געווען דעם פאָלקס נעשאָמע,
ער איז געווען זײַן אידעאַל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איאָ, מעכאַשייפע, באַפעל די גײַסטער,
לאָזן זיי גייען דעם העקסן-טאַנץ
און מיר אַראָפּברענגען דעם מײַסטער:
וועלוול זבאַרזשער ערנקראַנץ [1].

וואָלף ערנקראַנץ איז געווען דורכויס ליטעראַט. ער האָט אַסאַך געזאָרגט וועגן דרוקן זײַנע לידער. דער ערשטער טייל „מקל נועם" איז אַרויס אין ווין, שוין אין

[1] זע ב. אויסלענדער — או. פינקעל „א. גאָלדפאַדן". אַרויסגעגעבן פון אינסטיטוט פאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור, מינסק 1926, ז. 32.

1865 (איבערגעדרוקט אין לעמבערג 1869); די איבעריקע 3 טייל זײַנען ארויס אין לעמבערג 1869, 1873, 1878. א סאטירישע פּאָעמע „מקל חובלים״,— וועגן דעם פּריץ־ערדערמאָנטן רעבן ר׳ בערעניו, — איז ארויס אין 1869.

אייניקע לידער פון „מקל נועם״ זײַנען אַרײַן אין דער פּאַקנטרעגער־ליטעראַטור און זײַנען אסאך מאָל איבערגעדרוקט געווען אין ל. מאָרגנשטערנס קאפּיקע־ביכלעך (וואַרשע). דער אוקראַיִנישער דיכטער פראַנקאָ האָט איבערגעזעצט אף אוקראַיִניש ערנקראנצס אייניקע לידער („מאָשיִעכס צײַטן״, „דער כאָסיד איבער טעאַטער״).

איך ברענג דאָ ווײַטער די לידער:

„דאָס ברענענדיקע כאָסידל״, „קרעדיטס לעוואיע״, „דער אומגליקלעכער״, „דעם דיכטערס טרייסט״, „דער עלנטער זוכט די רו״, „גוט צו לעבן, נישט צו זאָרגן״, פונעם 1־טן און 3־טן טייל „מקל נועם״, די איינציקע, וואָס איך האָב איצט געקאָנט קריגן.

ליטעראַטור, כוץ וואָס איז אָנגעוויזן אין טעקסט, ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער יִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיִע״, ב. וו, ווילנע — 1927. וואָלף ערנקראנצס בריוו, מיט ד״ר ב. וואכשטיינס אַרײַנפירוואָרט אין די „שריפטן פון יִדישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט״ ב. וו, ווילנע 1928.

וואָלף ערנקראַנץ

(וועלוול זבאַרזשער)

דאָס בּרענענדיקע כאָסידל.

וואָס טרעבּען זיך ווידער די רעשאָים די ציין,
וואָס איז אָף זיי די גדולה?
קענען זיי דען גאָר פאַרשטיין
אונדזער הייליקן רעבּנס פּעולה [1]?
אוי, ר' בּערעניו איז מאָשיעך!
אוי, מיר וועלן עס דערלעבּן גיך!
דער עמעסער כאָסיד פאַרשטייט א טריף,
ווי זײַן סייכל איז אַזוי הויך,
ווי זײַנע אייצעס זײַנען טיף,
ווי ער רירט אָן מיט זײַן מויעך.
די הולטײַעס, די גראָבּע יונגען,
עס זאָל זיי זײַן ווינד און וויי,
די אפּיקאָרסים ווילן דרינגען,
אַז ער איז שוין גלײַך מיט זיי.

דער עמעסער כאָסיד דאַרף נישט פאַרגעסן,
אַז עס איז אַלצדינג לעשעם־שאָמאַיִם [2];
ווען ער זעט דעם רעבּן כאַזער עסן,
דאַרף ער כאַפּן שיראַיִם [3].
אוי, איך האָבּ דאָס אַליין געטאָן מיט פריידן!
אוי, איך האָבּ געפילט דעם טאַם פון גאַניידן!
דער עמעסער כאָסיד דאַרף פאַרשטיין,
מיט אָפענע אויגן דאַרף ער קוקן,
אַז עס איז גאָר קיין כאַזער געוועזן,
נאָר א גילגל [4] און געדאַרפט א טיקן [5].
דאָס איז געווען זײַן מאַראָכע,
ער זאָל האָבּן אַן אַליע [6],
דער רעבּע האָט געמאַכט איבּער אים א בּראָכע,
האָט עס געהאַט א יעשוע [7].

---

1) אופטו. 2) פון גאָטס וועגן. 3) רעשטן פון רעבּנס עסן. אין דעם דריקט זיך אויס בּא כסידים דאָס פאַרגעטערן דעם רעבּען, דאָס גלויבּן, אַז אפילע זײַן עסן איז אויך הייליק. 4) א זינדיקע נעשאָמע וואָס דאַרף אָפּקומען פאַר אירע זינד אָף דער וועלט, אויסשטיין פאַרוואַנדלונגען (אין א כאַזער א. ד. גל.). 5) א פאַריכטונג, מע זאָל דעם זינדיקן שענקען זײַנע זינד. 6) דערהויכט ווערן. 7) הילף. דער זינדיקער וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א כאַזער, איז דערמיט געהאָלפן געוואָרן.

ער האָט געזען אין הימל שטייט דער סאָטן [1]
און וויל מאכן גזיירעס ראָעס [2],
ער האָט דאָס נישט געקענט דערראָטן,
ער האָט נישט געוווסט וואָס.
אוי, וואָס טוט דאָס גוטע קעפּל?
אוי, ווי ווערט מען מיט אים א קנעפּל,
ער זאָל אויספּארשטיין די סוידעס אלע?
ער האָט קיין אנדער ברײרע
אָנצוקומען צו גאָט מיט א גרויסע יאילע [3]
און מעוואטל צו זײַן די גזיירע,
אונדזערע ייִדן זאָל זײַן ריין,
זאָלן נישט ארײַן אין דער טומע [4],
אין גאָטס וועג זאָלן זיי גיין,
די בני־ייִסראָעל די פרומע.

אז ער איז געגאנגען צו דעם מיסיאָנער
און האָט געגעסן און געטרונקען,
אוי, דו סאָטן, קום נאָר אהער!
האָט ער צו אים געוווּנקען.
אוי! עס איז געווען בא דעם סאָטן א פּליע [5],
ער האָט געמיינט ער האָט א מעציע:
אזא צאדיק, קאָשער און הייליק,
זאָל אין דער טומע גאָר פארזינקען,
ער זאָל עסן א טרייפענעם בייליק,
און זאָל יאין־נעסעך [6] טרינקען!
וועט ער זײַן פלאן אצינד אויספירן
מיט אונדזער הייליקע אומע,
ער זאָל די ייִדן גאָר פארפירן
אין דער טיפסטער טומע.

האָט דער סאָטן געטאָן א שפּרינג
ביז צום רעבן ר׳ בער
און גיט אים א פרעג מיט א לאך און א זינג:
„רעבע, ווו קומט איר אהער?
אוי, ר׳ בערעניו, עס איז שוין צײַט,
אוי, איר זאָלט זײַן פון מײַנע לײַט!
הערט איר, רעבע, נײַע זאכן;

1) דער בייזער גײַסט, דער פארפירער און דער פלאָגער. 2) בייזע אָנשיקעניש, שלעכטס טון ייִדן. 3) א געבעט די נאכט פון יאָמקיפּער, האָט א נאָמען פון א געוויין־געבעט. 4) אומווערדיקײַט, דאָ—געמיינט אפּיקאָרסעס. 5) א וווּנדער. 6) „טרייפן" ווײַן.

אך! מײַן פּלאַן איז גאָר א װוּנדער;
איך וויל אין סאַנדעגערע [1] שולן מאַכן,
עס זאָלן שטודירן ייִדישע קינדער
געדענק, דײַן ברודערל האָט געגעבן שויכעט [2]
איינעם, וואָס איז אופגעקלערט;
נאָר ווײַל ער איז זיך אין געלט קאָכעט
האָט ער דעם פּלאַן געשטערט״.

מוז ער נאָך זײַן מיט דעם סאָטן שאָלעם
נאָך סוידעס אויסצוקלערן,
און מוז נאָך עסן טרייפענע מאכאָלים,
ער טאָר גאָרנישט אופהערן.
אוי, דאָס דאַרפט איר ברידער וויסן,
אוי! אז ער געניסט דערפון קיין ביסן!
עס ווערט פּאַרברענט, מיינט מען, ער שלינגט;
עס בלײַבט אפילע קיין שיראַים ניט.
דער נעסעך טריקנט אויס, מיינט מען, ער טרינקט,
אבי ער נאַרט דעם סאָטן גאַנץ גוט.
הערט איר, הולטײַעס איר, זאָלט פאַרשטימען,
איר זאָלט דעם קאָפּ נישט דולן;
דאָס מויל וועט אײַך ווערן אָפּגענומען,
וועט איר קיין קויעך נישט האָבן צו בילן.

קרעדיטס לעוואיע.

דער שווינדל גייט מיט שווארצע קליידער,
פּאַרדעקט מיט א זאַק,
אין דער האַנט האַלט ער די שפּיצעכיקע פּעדער
און טראַטן [3] א גאַנצן פּאַק,
און ער גייט נאָך דער מיטע,
וויינט און שרײַט און קלאָגט:
נישטאָ די צײַט שוין, אָך, די גוטע!
זעט נאָר, וועמען מע טראָגט!

דער האַנדל גייט נאָך מיט געשריי
און גיסט מיט טרערן אויך;
ווינד איז אים און זייער וויי,
שרײַט ער מיטן גאַנצן קויעך:
די גוטע צײַט איז שוין פאַרשוווּנדן,

[1]) די רעזידענץ פון דער רוזשינער דינאַסטיע צאַדיקים. [2]) כאַבאַר (שוחד). [3]) וועקסלען.

ווען איך האָב באַגליקט;
ווער קאָן מיר היילן מײַנע ווונדן,
זעט נאָר, ווער דאָ ליגט!

מעקלערײַ גיסט מיט טרערן,
אַף איר איז די גרעסטע נויט:
וואָס קען דען פון מיר ווערן,
אז דער האנדל איז אויך באַלד טויט?
דער האנדל גוויסעט און שטאַרבט באַלד,
וויי איז מיר און וויינד!
זעט נאָר, מענטשן, און שרײַט געוואַלד,
ווען מע איז מעלאַווע [1]) אצינד!

און פּראָצענט ברעכט די הענט
און שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרײַן;
עס נעמט פון מיר שוין באַלד אַן ענד,
וואָס קען דען מײַן סאָף זײַן?
מעשאָרסים שטייען בא דעם קייווער
און זינגען א טרויער־ליד;
עס ציטערט זיי יעדן אייווער
געשטאָרבן איז קרעדיט.

מיר האָבן שוין נישט וואָס צו האָפן,
אָן קרעדיט וואָס זײַנען מיר?
די וועלט איז פאַר אונדז נישט מער א ען [2]),
פאַר אנדערע הערן פריִער [3])
ווי [4]) וועלן מעשאָרסים אייביק בלײַבן,
מיר וועלן דאָס גליק נישט האָבן;
אין דעם קייווער אין דעם גראָבן
איז אונדזער האָפנונג באַגראָבן!

און דער דאַלעס האַלט א פריידיק [5])
און זאָגט דאָס גוטע וואָרט:
קרעדיטס שטעלע איז שוין ליידיק,
איך בין אַף זײַן אָרט.
מע הערט שרײַען פון אַלע זײַטן,
פון וויינען איז מען מיד:
אוי, מיר מוזן שוין פאַרבײַטן
דעם דאַלעס פאַר דעם קרעדיט!

---

1) מע באַלייט; דאָ געמיינט — א טויטן. 2) אזוי, „א ען", שטייט אין טעקסט; קלאָר — א דרוק־גרײַז עפשער דאַרף זײַן: „אָפן"? 3) דידאָזיקע שורע איז אין דעם עקזעמפּליאַר, וואָס איך נוץ, צוגעשריבן באַם. ראַנד מיט א בלײַשטיפט. די גאַנצע סטראָפע איז דעפעקט געדרוקט. 4) עפשער דאַרף זײַן: „מיר"? 5) אַ דראָשע.

די מעלאָכע גייט, ווי עס איז באקאנט,
פריילעך נאָר און זינגט,
מיט דעם גלעזל וויַין אין דער האנט,
זאָגט: לעכאיִם! און טרינקט.
מיר האָט ער גאָרנישט פארדאָרבן,
איך בין געבוירן אין אן איַיבל.
ווען קרעדיט איז יאָ געשטאָרבן,
איך בין אלץ דאָס ווילע וויַיבל.

היַיזער, געוועלבער פון אלע זיַיטן
זיַינען פארשלאָסן פעסט;
עס איז נאָר אָפן בא די אדוואָקאטן
און דאָס שולדן־ארעסט.
פאָרט קיין ליַיפּציק, פאָרט קיין ווין
זיַין יאָרציַיט צו באקלאָגן;
ער האָט נישט געלאָזט אפילע א זון,
ער זאָל נאָך אים קאַדעש זאָגן.

אונדזער מיילִיץ [1] זאָל ער זיַין,
ער זאָל רוען דאָרט בעשאָלעם;
מיר קענען נישט פארגעסן אָן דעם מאן,
ער קומט אונדז אלץ צו כאָלעם.
ער איז דער רעכטער בען־אוילעמהאבע [2],
אין הימל איז זיַין געצעלט.
ייִסגאדל וועיִסקאדעש שמיי ראבע [3]!
ער איז שוין אף דער עמעסער וועלט!

דער אומגליקלעכער.

אין דעם אומגליק פארזונקען טיף
בין איך אין מיַינע יונגע טעג.
דו, האָפענונג, דיַין שיידע־בריוו
נעם פון מיר און גיי אין וועג.
דיַינע זיסע רייד, די גלאטע,
דיַין זיסער שמייכל, וואָס דו פלעגסט טון,
איז צו מיַין זעלע די מאטע
צינדערט נישט מער קיין מעדיצין.
ניין! ניין! דו וועסט מיך נישט מער נארן,
איך וויים, וואָס דו זאָגסט, — איז אלעס ליגן.

1) גוטסזאָגער, פארטיידיקער אף יענער וועלט. 2) איינער, וואָס אים קומט אוילעמהאבע, גוטער לוין אף יענער וועלט. 3) די ערשטע ווערטער פונעם געבעט נאָך א טויטן: געהויכט און געהייליקט זאָל ווערן דער גרויסער (גאָטס) נאָמען.

איז די ליבע, ווי מע זאָגט,
עפּעס, וואָס דעם מענטשן קוויקט,
פאַרוואָס בין איך אַזוי געפּלאָגט,
דורך דער ליבע אונטערדריקט?
דו, האָפענונג! עס איז אויך דײַן ווערק,
דו זוכסט מיר נאָר צו באַטריגן!
דו זאָגסט מיר צו גילדענע בערג,
צום סאָף איז דערנאָך אַלעס ליגן.
ניין! ניין! ניין! איך וועל נישט מער האַרן,
איך זאָל בעסערע צײַטן קריגן.
ניין! ניין! ניין! דו וועסט מיך נישט מער נאַרן,
איך ווייס, וואָס דו זאָגסט, — איז אַלעס ליגן.

קומט אַהער, איר דיכטער,
וואָס איר די ליבע פאַרגעטערט האָט,
זײַט אַליין די ריכטער
צווישן מיר און זייער גאָט.
זעט דאָס הימלשע טעכטערל,
זעט, ווי זי אַ מענטשן סיקירט [1]
מיט איר שיין זיס געלעכטערל;
מײַן זעלע פאַרגיפטעט, און זי נישט באַרירט!
אַך! ווי שלעכט אין מײַנע אויערן קלינגען
די ליבע־לידער, טויטן מיך שיר!
ווען איך הער אירע לידער זינגען,
קלאָגט און וויינט מײַן הערץ אין מיר.

דאָרט, וווּ צוויי הערצער שלאָגן,
וווּ צוויי זעלן האַרמאָנירן,
איז אַלעס לײַכט צו דערטראָגן,
קיין זאַך איז שווער אויסצופירן.
מיך ציט אַ מאַגנעט,
מיך באַהערשט איין הימלשע קראַפט,
און זי מאַכט פון מיר געשעפט.
ליבע! איז דאָס דײַן בעריעשאַפט?
איר, דיכטער, איר זענט ווילע יונגען,
איר האָט די ליבע פאַר אַ גאָט געקרוינט;
ווען אײַך טרעפט דאָס, וואָלט איר נישט געזונגען,
איר וואָלט, ווי איך, געקרעכצט און געוויינט!

---

1) ערנקראַנץ פאַרטײַטשט דאָס: באַליידיקט.

און ווען זי מיך סיקירט,
וועל איך זי נישט האסן, נאָר באדויערן;
דאָס שיינע פּאָנעם, וואָס זי פאַרפירט,
וועט דאָך נישט לאנג געדויערן.
אז עס איז פארפאלן, זאָלסטו נישט מיינען,
דײַנע פעלער, וואָס אצינד דו מאכסט,
דו וועסט אמאָל גוט באוויינען
יעדע שטונדע, וואָס צינד דו לאכסט.
ניין! ניין! ניין! שטאָט זי צו האסן
בלוטעט מיר אף איר מײַן הערץ;
דײַן קיינדל וועט דיר באלד נישט פאסן;
די יונגע צײַט איז זייער קערץ!

דעם דיכטערס טרייסט.

נעגידים מיט אײַער פארמעגן,
וואָס איז אײַך קיינער גלײַך,
ווען איך וויל מיר איבערלעגן,
בין איך גליקלעכער פון אײַך.

ווען סאָכרים פאלן מיט אײַערע טראטן[1],
האָט איר אין מויל די גאל;
מיר קאָן דאָס גאָר נישט שאטן
צו מײַן קאפּיטאל.

איך האָב פאר קיינעם נישט קיין מוירע;
מע איז מיך נישט מערא‌מע[2];
איך פיר מיט מיר מײַן סכוירע
און צאָל פאר איר קיין וואמע.

איך דארף נישט האלטן קיין טערמין
און קיין קרעדיט אויך;
מײַן לייפּציק און מײַן ווין
איז בא מיר אין מײַן מויעך.

זי ווערט קיינמאָל נישט פארצעגערט[3],
זי איז דאָ צו דער מינוט,
זי ווערט אויך נישט צוגעלעגערט,
זי איזטאָמיד פריש און גוט.

1) וועקסלען. 2) מע נארט מיך נישט. 3) פארהאלטן, פאר־זאמט.

איך האָב קיין מוירע פאַר קיין רעגן,
פאַר קיין שלעכטן וועטער;
ווען עס קומט קיין קינע נישט אנטקעגן,
באַהאַלט איך זי אַף שפּעטער.

מייַן סכוירע איז זייער טייַער,
זי קאָן נישט וואָלוול ווערן;
וואַסער אָדער פייַער,
קאָן זי נישט פאַרצערן.

איך לעב מיר רויִק און שטיל,
איך רו מיר אויס די ביינער;
איך פיר מיר אויס, וואָס איך וויִל,
עס שטערט מיר נישט קיינער.

מיך קען די צייַט נישט שרעקן,
זי גייט מיר גאָר נישט אָן;
איך דאַרף קיין כויוועס דעקן,
איך האָב נישט קיין פּיראָן [1].

ווער קאָן עפּעס פון מיר באַגערן,
עס איז דאָך מייַן אייגענער שטאָף!
גאָט! זאָלסט מיר נאָר באַשערן
מעווינים דאַרצוּאָף.

ווען איך דאַרף פאַרצערן,
קיין געלט האָט איך ניכט,
הויב איך אָן צו קלערן
און מאַך מיר איין געדיכט.

עס פעלט מיר קיינמאָל קיין שטאָף,
איך מאַך מיר באַלד א ליד;
איך קוויק מיך מיט א יעדן סטראָף
פאַרגייט מיר דער אַפּעטיט.

ווען מע מאָנט מיר דירע־געלט,
און איך האָב נישט צו דער שאַ,
גיי איך אַף דעם פרייַען פעלד,
און געפין מיר דאָרט א רו.

[1] צאָלונג, געלט־פאַרפליכטונג (העבר.: „פּרעון").

איך וועל מיר פלוצעם א באלעבאָס
דאָרטן אפס פרײַע;
איך שפאציר מיך אום אפן גרינעם גראָז
און מאך מיר לידער נײַע.

עס שמעקט מיר זייער שיין
דער זיסער אווער;
איך בין דאָרט נישט אליין,
דער פאסטעך איז מײַן כאווער.

ער לעבט אויך שטיל, אָן גערידער
אף דעם פרײַען פעלד;
ער זינגט אויך דאָרט זיך זײַנע נײַע לידער
און לאכט פון דער גאנצער וועלט.

ער ווייסט נישט פון קיין זאָרגן,
ער איז פרײַ פון אלע ליידן,
ער דארף בא קיינעם באָרגן,
ער פארדינט זײַן ברויט אין פריידן.

ער פאסעט זײַנע שאָף
און זינגט דערבײַ א ליד;
עס איז אים זיס זײַן שלאָף,
און עסט מיט אפעטיט.

ווי דער פאסטעך האָט מיך ערבליקט,
ווי איך שטיי און קלער,
בלײַבט ער ווי פאריקט,
ווי קום איך אהער:

איך בעט דיך, גיב מיר צו פארשטיין
ווי קומסטו אהער.
ווען דו ווילסט בעעמעס זען,
האָסטו אין שטאָט פיל מער.

איך וואָלט געקאָנט דורכקומען
מיט מײַנע בעהיימעס פונקט ווי דו,
זיי זאָלן אזוי פארשטימען
אזוי ווי דײַנע קי.

מיט די שטאָט־בעהיימעס איז שווער צו לעבן,
עס איז זיי שווער צו שטילן,
זיי לאָזן מיך מײַן קאָפּ אופהייבן
און זיי טוען וואָס זיי ווילן.

דער עלנטער זוכט די רו.

זאָג מיר, איך בעט דיך, דו ווינט,
דו שוועבסט דאָך אַף דער גאַנצער וועלט,
ווייסט נישט, ווו דער עלנטער זיך געפינט
צו רוען אַ געצעלט?
ווו רעציכעס האָט אופגעהערט,
מע האָט קיינמאָל נישט געקלאָגט,
ווו קיין אויג האָט נישט געטרערט,
דער גערעכטער ווערט נישט געפּלאָגט?
דער ווינט שווײַגט און בלײַבט שטיל שטיין,
זיפצט און ענטפערט: ניין, ניין!

זאָג מיר, דו טיפעס, דו גרויסעס מער,
דו שטורעמסט אזוי ווײַט
בא דײַנע אינזלען הין און הער,
ווייסט נישט ערגעץ אין אַ זײַט,
ווו דער פרומער געפינט אַ טרייסט,
צו רוען אַ זיכער אָרט?
ווייסט נישט ווי די שטאָט הייסט,
זאָג דאָס גוטע וואָרט!
דער יאם שטורעמט און ברומט: ניין!
איך האָב זאָ איין אָרט נישט געזען.

דו, שיינע לעוואָנע, מיט דײַן פראכט,
דו קוקסט דאָך איבעראל,
ווו עס איז שטיל בא דער נאכט,
פארדעקט מיט דער שווארצער שאל.
דו גייסט דאָך אויס די גאנצע וועלט
טאָמיד דורך די נעכט,
ווייסט נישט ערגעץ אַ געצעלט,
ווו דעם גוטן איז נישט שלעכט?
מ׳זעט זי אין אַ וואָלקן באַלד פארגיין,
זיפצט און ענטפערט: ניין, ניין!

זאָג־זשע דו מיר, מײַן זעלע פאָרט,
ליבע און האָפענונג דערנעבן,
ווו די זון גייט אַף יעדן אָרט,
ווו געפינט מען אַ רויִק לעבן,
ווו קיין שלעכטס איז נישט דערבײַ
מ׳לעבט נאָר אין פריידן,

פון זינד און זאָרגן איז מען פרײַ,
פון צאָרעס און פון ליידן?
זיי געבן אלע איין אנטוואָרט:
רויִק לעבט מען אין הימל דאָרט.

גוט צו לעבן, נישט צו זאָרגן.

דארום, איר קלוגע לײַט
האלט עס נישט פאר גרינג,
שאנעוועט די צײַט
זאָ לאנג איר זײַנט נאָך יונג.
נאָר זיך אלעס נאָכצוגעבן,
וואָס אײַער הארץ נאָר גלוסט;
ווען די יונגע יאָרן אוועקשוועבן,
איז אלעס גאָר אומזיסט.

קאָלזמאן עס איז נאָך פרי,
איידער עס ווערט נאכט,
לאָזט אײַך קיין זאָרג צו,
זײַט נים אָפּגעשוואכט.
נאָר נאָך קיינעם נישט צו פרעגן,
צו לעבן נאָר מיט פרייד;
די יוגנט איז אײַער גאנץ פארמעגן
איז זי אוועקצולאָזן לייד.

ווער זיך נאָר באדענקט,
מיט סייכל נאָר באטראכט,
איז קיינמאָל נישט געקרענקט,
איז קיינמאָל נישט פארשמאכט.
אַין דער צײַט, וואָס ער איז אין גליק,
ווייסט ער פון קיין שלעכטס,
און כאָלילע באַ דעם אומגליק,
וואָס העלפט אים גאָר דער קרעכץ?

פרעגט נאָר דעם קלוגן,
אויב ער זיך באקלאָגט,
ער לאָזט זיך דאָך באניגן
מיט דעם, וואָס ער פארמאָגט.
ער טוט אים נאָך קיין געלט נישט באנק,
עס טוט אים ווייניק ווי;

איך בין, זאָגט ער, גאָט זײַ דאַנק,
א מענטש, וואָס איך פֿאַרשטיי.

צופֿיל זיך צו פּלאָגן
איז, כלעבן, אויך נישט גלײַך;
נאָך געלט נאָר נאָכצויאָגן,
נאָר צו ווערן רײַך.
וואָס וועט ער דאַן פֿון דעם געלט האָבן,
אַז דאָס לעבן ווערט פֿאַרצערט?
מ׳וועט אים אויך אין קיין גאָלד באַגראָבן,
מ׳לייגט אַלע גלײַך אין דער ערד.

דאַרום זײַט זשע פֿריילעך,
מענטשן אויף דער וועלט;
יעדער איז א מעלעך
אין זײַן געצעלט.
און ווען דו ביסט אויך נאַווענאַד,
עס קאָן דיר גוט נישט גיין,
לייג דאָס אַלעס אויף א זײַט,
צו זאָרגן איז נישט שיין.

ייִצכאָק-יויעל לינעצקי

(1916—1839)

י. לינעצקי איז געבוירן דאָס יאָר 1839 אין וויניצע. זײַן פאָטער איז געווען דאָוו אין וו., א פײַערדיקער כאָסיד און א מעקובל. י. לינעצקי האָט געקריגן א כסידישע דערציִונג אין כײדער און אין דער כסידישער קלויז. שוין קינדווײַז האָט ער ארויס־געוויזן גרויסע פעיִקייטן און איז געווען פארשעמט פאר אן „אילוי“, אָבער אין דער־דאָזיקער סוויווע האָט מען גישט פארטראָגן נישט בלויז וועלטלעכע קענטענישן, א פרעמדע שפראך; דאָ האָט טאנאך און דיקדעק אויך געגאָלטן פאר אפיקאָרסעס, און אף דעם יונגן לינעצקין האָט מען געהאט א שטרענגע האשגאָכע. ער האָט זיך דאָך באקאנט מיט אָרטיקע מאסקילים און אָנגעהויבן שטילערהייט זיך אָפצוגעבן מיט האסקאָלע־ביכלעך. מע האָט דאָס באמערקט און, קעדיי אים אָפצוווענדן פונעם געפערלעכן וועג, האָט מען אים כאסענע געמאכט צו 14 יאָר פאר א 12־יאָריק מיידל. אז דאָס איז נישט געראָטן (י. לינעצקי האָט איבערגערעדט זײַן „פרוי“ אף זײַן וועג), האָט אים זײַן פאָטער אָפגעגעט און צו 16 יאָר כאסענע געמאכט א צווייט מאָל קיין ליפּאָוועץ. י. לינעצקי הייבט דעמאָלט אָן אן אָפענעם שטרײַט, האָט דערבײַ אסאך אויסצושטיין פון דער כסידישער סוויווע (מע זאָל אים אפילע האָבן געוואָלט אומברענגען, ארײַנ־ווארפן אין טײַך) און פון זײַן אייגענעם שווער. 1858 אנטלויפט ער קיין אדעס. דאָ גיט ער העברעיִשע שטונדן און לערנט זיך אליין וועלטלעכע קענטענישן און דײַטש, קעדיי אָנצוקומען אין ברעסלער ראבינער־סעמינאר. אפן וועג קײַן ברעסלע כאפט אים דער פאָטער איבער, פירט אים צום סאדעגורער רעבן און ברענגט אים צוריק קײַן וויניצע. י. לינעצקי לאָזט זיך שוין אָבער מער נישט שפּאנען. 1862 געט ער אָפּ זײַן צווייטע פרוי און אנטלויפט קיין זשיטאָמיר. דאָ קומט ער אָן אין דער ראבינער־שול, גייט זיך צונויף מיט די לערער, דערהויפט מיט א. צ. צווייפלען; ער האלט זיך דאָ אָבער נישט אײַן. 1863 פארלאָזט ער די ראבינער־שול און קומט קיין קיִעוו. דאָ איז ער ווידער העברעיִש-לערער און הייבט אָן צו שרײַבן „מאמאָרים“ און לידער אף העברעיִש און יִידיש. ער האָט כאסענע דאָס דריטע מאָל, — דאָס מאָל לויט זײַן הארצבאגער. 1865 איז ער אין אדעס; דאָ דרוקט ער אין „המליץ“ אן ארטיקל („לא תלך רכל בעמיך“) און ווערט א מיטארבעטער אין „המליץ“. העברעיִש שרײַבן פארלאָזט ער אָבער זייער גיך און מער קערט ער זיך דערצו נישט אום. שפּעטער פאלט ער נאָכאנאנד אָן אף די „מעיוכאָסים“ העברעיִש־שרײַבער [1]. א שטיקל צײַט (צווישן

[1] אין „מײַן ספר הזכרונות“ העפט 8 (אָדעס 14/XI 1883) שרײַבט ער וועגן זײַן ארטיקל „מאטעריאל צו דער רעפאָרמע“ (רעליגיעזער. נ. ש.): „איך וואָלט אייגנטלעך באדארפט שרײַבן אזא טרוד אין העברעיִשן, נאָר איך וויל שוין פון מײַן אלטן פרינציפּ ניט אראָפּ: 20 יאָר רעד איך מיטן פאָלק אין זײַן שפּראכע, ווײַל איך האָב עס שטערבלעך ליב און בין זיך מויסער נעפעש פאר זײַן א מינדסטער טויווע וועגן און לאָכיין דארף איך

1865—1867) וווינט ער אין ניקאָפּאָל אלס לערער. 1867 דרוקט ער אף יידיש די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ אין „קול־מבשר", דאָסזעלבע יאָר הייבט ער אָן צו דרוקן אין „קול־מבשר" מיט דעם פּסעוודאָנים „עלי־קצין הצחקיאולי" אין פעליעטאָנען א גרעסער ווערק „דאָס פּוילישע ייִנגל" וואס האָט אים געשאפן א שרײַבער־רעפּוטאציע, האָט אים פּאָפּולער געמאכט באַם גרויסן אוילעם לייענער און אים צוגעשמידט צו ליטעראטור. 1868 גיט דאָס צעדערבוים (רעדאקטער פון „המליץ" און „קול־מבשר") ארויס אין א באַזונדער ביכל, מיט א צוגאָב א צווייטן טייל. י. לינעצקי ווערט א פּראָפעסיאָנעלער שרײַבער (כוץ א קורצער צײַט מיסכערן), לעבט פון דער פען,—יענע צײַט—א גרויסע זעלטנקייט. אין יאָרן ארום האָט ער זיך געקלאָגט, אז צעדערבוים האָט אים געצווונגען ארומצוגיין מיט זײַן ווערק („דאָס פּוילישע ייִנגל") אין די פאָרמעגלעכע מאסקילישע הײַזער. 100 עקזעמפּליארן פון דעם ביכל—דאָס איז געווען לינעצקיס האָנאָראר. מיט דעם מין האָנאָראר קומט ער אָבער נית אויס און שפּעטער מענאכעם־מענדלט ער מיט שאדכאָנעס, מעקלערײַ, צוהאנדלען. אפילע מיט זינגען לידלעך אין ווײַנקערלערס.

א פּאָר יאָר ארבעט ער אין „קול־מבשר", דרוקט דאָרט פארשידענע פעליעטאָנען, אָבער ער רײַסט אײַן מיט צעדערבוימען, און הייבט אָן אליין ארויסצוגעבן זײַנע ווערק. 1869 גיט ער ארויס אין אָדעס א ביכל סאטירישע לידער „דער בייזער מארשעלעק" (איבערגעדרוקט אין ווארשע גאנצערהייט אין 1879, און אסאך מאָל טיילווײַז פאר דער פאקנטרעגער־ליטעראטור), 1875 גיט ער ארויס אין אדעס — „דער וועלט־לוח פון יאָר־אין כסף". 1875 דרוקט ער אויך אין זשיטאָמיר א ביכל „דאָס משולחת" און 1876 „דער כל־בוניק"; דאָס גרעסטע אָרט פארנעמען דאָ פעליעטאָנען, איבערגעדרוקט פון „קול־מבשר". די שווערע מאטעריעלע לאגע פון א פּראָפעסיאָנעלן יידישן שרײַבער יענע צײַט (צווישן 1872 און 1880 איז אין רוסלאנד נישט געווען קיין איין פּעריאָדישע אויסגאבע אף יידיש) צווינגט אים צו וואנדערן. 1875 הייבט ער אָן ארויסצוגעבן אין לעמבערג, צוזאמען מיט א. גאָלדפאדן, א וואָכנבלאט „דער אלטער ישראליק" (שפּעטער פּאָשעט: „ישראליק"). דעם גרעסטן טייל בלאט פּילט אָן לינעצקי גופא אונטער פארשידענע נעמען מיט ארטיקלען, פעליעטאָנען, וויצן אייגענע און איבערזעצונגען א. אז. וו. אגעוו, הייבט ער דאָרט אָן צו דרוקן א גרעסערע זאך „דער ליטווישער בחור", א מין העמשעך און אנטוויקלונג פון זײַן ערשט גרעסער ווערק „דאָס פּוילישע ייִנגל", אָבער אין דער ליטוויש־יידישער סוויווע. דער „ישראליק", וואָס איז געווען אויסגערעכנט אף רוסלאנד (דער גרעסטער טייל אגענטן איז אָנגעוויזן אין רוסלאנד), איז געווען א פארעוו אונטערהאלטונג־בלאט, אָן פּאָליטיק (ערשט אין № 15 הייבט זיך אָן א פּאָליטישע איבערזיכט) און איז אונטערגעגאנגען אף נומער 20 אָנהייב יאָר 1876, נאָכדעם ווי מע האָט פארבאָטן ארײַנצופירן דאָס בלאט קיין רוסלאנד. י. לינעצקי קומט צוריק קיין אדעס, הייבט אָן ארויסצוגעבן דעם „פּראקטישן פאָלקס־קאלענדאר" (1876, 1877, 1884—1888, 1899) און „לינעצקיס כתבים". 1876 לאָזט ער ארויס פון דער סעריע צווי ביכלעך „דער

איצט אויך רעדן אזוי, אז דאָס פאָלק זאָל פארשטיין און זאָל זײַן אן איידעס אף מײַן עמעס. און דעם פּוסטן קאָוועד פון העברעיש שרײַבן לאָז איך איבער די העברעישע פּראלער. דאָס פאָלק ווייסט, אז איך קען העברעיש, ווײַל סע ווייסט מײַן ייכעס זייער גוט און לאָכין דארף איך נישט קיין העברעישע וויוועסקעס ארויסשטעלן".

פריטשעפע״ און „דער סטאטעק״, — „קריטישע, סאטירישע און הומאָריסטישע מא־
מאָרים, געדיכטע, קארטינעס״, ווי ער רופט זיי. 1878—1882 פארנעמט ער זיך מיט
טוויע־האנדל אין קאכאָווקע. מיט דעם אופקום פון „כיבאס־ציון״ געווינט י. לינעצקי
ווידער אן ארבעט־פעלד. ער שרײַבט א ביכל: „אמעריקע צי ארץ ישראל״ (1882),
א גרעסער ליד „אהין אָדער אהער״ א. אנד. קלייניקייטן פאר „כיבאס־ציון״, פון דער
באוועגונג בלײַבט ער אָבער ווײַט; שפעטער, אין די צײַטן פון פאָליטישן ציוניזם
שטעלט ער זיך אפילע פײַנטלעך צו דער באוועגונג.

אין 1882—1883 גיט לינעצקי ארויס העפטן: „מײַן ספר הזכרונות״: לויט דער־
זעלבער פראָגראם, וואָס „לינעצקיס כתבים״ (מיר איז באקאַנט פון דעם „ספר־הזכ־
רונות״ 8 העפטן). אין דערזעלבער צײַט פארנעמט ער זיך מיט איבערזעצונגען:
לעסינגס „נתן דער חכם״ (אדעס 1880 און 1884), פיליפזאָנס „די בלוטיקע נעקאָמע
אָדער יאקאָוו טיראדא״ (1 טייל, ווארשע 1883). 1883 הייבט ער אָן ארויסצוגעבן
אין העפטן „די געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק״ לויט ד״ר גרעץ „מיט אייגענע סוואָ־
רעס און באמערקונגען בא פילע פאקטן און פערזענלעכקייטן״ (1 באנד אין 22
העפטן, אדעס, 1883—1885, II ב. 1887, V ב. 1888). 1885 האָט ער איבערגעזעצט א
טייל בערנשטיינס נאטורגעשיכטע, ארויסגעלאָזט א העפטל קלייניקייטן מיט דעם
נאָמען „א סטאטיע פון א פלוידערזאק״ (אדעס, איבערגעדרוקט פון „ישראַליק״), „גע־
אָגראפיע פאלעסטינאס״ מיט א קארטע פון פאלעסטינע. יענע יאָרן זאָל ער נאָך
האָבן אָנגעשריבן א קאָמעדיע (נישט געדרוקט און נישט אופגעפירט). 1886 הייבט
ער אָן ארויסצוגעבן אין באָטושאן (רומיניע) א וואָכנבלאט „נאציאָנאל״, שאפט זיך
דאָרט א דרוקערײַ. דאָס וואָכנבלאט שטעלט זיך אָפּ אף דעם 21־טן נומער, און
לינעצקי קומט ווידער קיין אדעס.

די יאָרן 1887—1888 באנײַט ער די אויסגאַבע „לינעצקיס קסאָווים״, העפטן צײַט אף
צײַט: „דער שופר״, „דער שנאָרער״, „דער פלאפלער״, „דער וויכער״, „דאָס דריידל״
א. אז. וו. (מיר איז באקאַנט 10 העפטן פונעם 28/IX 1887 ביזן 14/III 1888. נ. ש.),
2 העפטן „דער טעלעפאָן״ (אדעס 1887). דאָס יאָר 1888 דרוקט ער אָפּ אין שאָלעם־
אלייכעמס „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ „א וואָרעם אין כריין״, א מין העמשעך פון
דעם „פוילישן ייִנגל״ (שפעטער ארויס באזונדער מיט דעם נאָמען „ניט טויט, ניט
לעבעדיק, אָדער דעם פוילישן ייִנגלס א זון״, ווילנע, 1898) און „דאָס נײַע מחזורל
לימים נוראים״ אין „הויזפרײַנד, ב. I., לאָזט ארויס א ביכל „דער נײַער גורל־
וואָרפער... דער פויסער־כאָלעמניק אף 30 פארשידענע כאלוימעס״ (אדעס 1888).

1890 פראוועט ער אין אדעס זײַן 25־יאָריקן ליטערארישן יובילײ און לאָזט
ארויס א באשרײַבונג פון דער פײַערונג „חג היובל״ (1891). 1895 ארבעט ער גרינט־
לעך איבער (קימאט דאָפּלט אזוי די גרויס) זײַן יוגנטווערק „דאָס פוילישע ייִנגל״
מיט דעם נאָמען „דאָס כסידישע ייִנגל״ (געדרוקט אין אדעס בא די ברידער בלעט־
ניצקי). לינעצקיס ליטערארישע קאריער גייט צום סאָף. אף דער עלטער גיט אים א
שײַן דאָס גליק: א זון אן ארכיטעקט אין אדעס האלט אים אויס, און דער אלטער
שרײַבער פארשפאָרט צו זוכן צופעליקע ליטערארישע פארדינסטן. ער לאָזט נאָך
ארויס א פּאָר קלייניקייטן: אן איבערזעצונג פון י. ל. גאָרדאָנס „קוצו של יוד״
(אדעס 1904) א. אנד. און ווערט אנשוויגן. דאָס לעצטע מאָל לאָזט ער זיך הערן אין א
ביכעלע „פונעם יאריד״ (1909) צו זײַן 70־יאָריקן געבורטסטאָג, א מין לעבנס־ווידע,

פול מיט גאל קעגן זיך און אנדערע, נאָר ווייניק ווער ס'האָט דאָס באמערקט: לינעצקי איז שוין געווען לאנג א פארגעסענער. געשטאָרבן איז ער דאָס יאָר 1915 אין אָדעס.

וואָס און ווי אזוי שרייבט לינעצקי? נאָך אקסנפעלדן איז לינעצקי אין דער יידישער ליטעראטור קוידעמקאָל דער, וואָס האָט זיך שארף פארמאָסטן אף כסידעס און „גוטע יידן" און האָט זיי דערלאנגט דעם שטארקסטן קלאפ. דאָס וויכטיקסטע אין דעם פראט האָט ער אופגעטאָן אין זיין יוגנטווערק „דאָס פוילישע ייִנגל".

אין א פאָרמע פון אן אווטאָביאָגראפיע איז דאָ געמאָלט דער לעבנס־וועג פון א כאָסיד פון געבוירן ביז פארלוירן: די ווילדע דערציִונג, דער כיידער און די קלויז, די פרומפאנאטישע ליידיקגייעריי, דער אומגעהייערער דאלעס, דאָס לעפישע כאסענע־האָבן און פאמיליען־לעבן, די פאראכטונג צו דער פרוי און דאָס עקספלואטירן זי א אז וו. מיר זעען דאָ א ווילד־הינטערשטעליקע כסידישע מאסע, וואָס לעבט מיט מיטלאלטערישע זהאסאָגעס, א הונגער־לעבן און א ליידיקגייעריי, וואָס האָבן נישט זייער גלייכן בא קיין פאָלק. דידאָזיקע מאסע גייט ארום ווי אף אן „עולם התוהו"; דאָס רעאלע, אלטעגלעכע לעבן גייט איר נישט אָן. ס'איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס מע קומט איבער א טאָג, מיט וואָס מע דעקט צו דעם „זינדיקן" גוף. דעם אָל פון פארנאָסע און פון דער שטוב האָט מען ארופגעוואָרפן אף דער פרוי; זי איז די שפייזערן, און זי האָט דאָס מאזל און אָנזען פון אן ארבעט־פי, עפעס ווי בא א ווילדן אזיאטישן שייוועט אין א מידבער. די מאנסבעלשע מאסע איז פארטאָן אין יענער וועלט, מיט זופן „זוהר", און דערציילן דעם רעבנס מאָפטים, אונטער א גוואלדיקן היפנאָז פונעם רעבן און זיינע מעקוראָווים, — א היפנאָז, וואָס שליסט אויס יעדע קריטיק. דער רעבע און זיינע לייב־מענטשן — דאָס איז א גוט־אָרגאניזירטע באנדע, וואָס לעבט א גוטן טאָג, עקספלואטירט מעדעריש די דערשלאָגענע, פאנאטיזירטע כסידישע מאסע, איז יאַד־אכאס מיט אויסווורפן און פארברעכער צוזאמען צו מעלקן די מאסע, האלטן זי אין דער פינצטערניש און אונטערטעניקייט. דאָ איז נישטאָ אפילע קיין פרומקייט און קיין טוירע: דער רעבע און זיינע גאבאָים קאָנען קיין לאָשן־קוידעש־בריוול נישט אופשרייבן; די „טוירע" איז דאָ ווילדע אמעראצעס, שווינדל־פּאָקוסן מיט נישט־פארשטאנענע צעדרייטע פסוקים און ווערטער, אויסגערעכנט אף דעם מיסטישן גלויבן פון דער כסידישער מאסע, אז דאָ שטעקן גוואלדיקע סוידעס, וואָס נישט יעדן איז דאָס געגעבן צו פארשטיין. דעם רעבנס הויף איז א נעסט פון פארברעכן און אינטריגעס, קורץ, — א וועלט פון פאראזיטיזם, עקספלואטאציע, האנדל מיט יידישקייט און פינצטערן פאנאטיזם.

די גרעסטע קראפט פון דעם ווערק איז נישט אזוי, וואָס דאָרט איז דערציילט פונעם כסידישן לעבן, נאָר ווי אזוי ס'איז דערציילט. „דאָס פוילישע ייִנגל" איז נישט גלאט א סאטירע, — ס'איז א קאריקאטור אף דעם כסידישן לעבנשטייגער, א גראָטעסק, מיט מעשונע־געבראָכענע ליניעס און שרייענדיקע פארבן. דאָ איז קיין זאך נישט געגעבן אין דער רעאלער גרייס, אין דער נאטירלעכער סיטואציע. אלצדינג איז דאָ לעפיש, מעגוזמדיק, איגנאָרירט יעדע קינסטלערישע מאָס. גראָד אָבער דידאָזיקע קאריקאטורישקייט האָט צומיינסטן געשטימט מיט דעם צוועק יענע צייט — צו ווירקן אף א קולטורעל־הינטערשטעליקער, פאנאטיזירטער מאסע. דאָ האָט מען באדארפט ווירקן אף דער פאנטאזיע; מיט קיין לאָגיק און

קינסטלערישן געשמאַק האָט מען אַהער נישט געקאָנט צוקומען, און לינעצקיס מעגוזמדיקייט האָט דאָ צומבעסטן געקאָנט ווירקן. ס׳איז בעעצעם אַ פּובליציסטישע שאַרפע אַטאַקע קעגן כסידעס, געגעבן אין אַ פאָרמע פון אַן אווטאָביאָגראַפיע. ווי ווײַט לינעצקין האָט געפעלט יעדע קינסטלערישע מאָס, — דאָס איז צומבעבעסטן צו זען פון דער איבערגעאַרבעטער אויסגאַבע (1895): דאָרט האָט ער נאָך מער פאַרשאַרפט און פאַרשפּיצט יעדן לעפּישן פּראַט, אַרײַנגעפלאָכטן נײַע מעגוזמעדיקע פּראָטים, געמאַכט פונעם „פּוילישן ייִנגל“ אַ מעגושעמדיקן שאַרזש, וואָס קאָן ווירקן בלויז אַף דעם הינטערשטעליקסטן לייענער.

די אַטאַקע האָט געווירקט. איר רוישעם איז לאַנג געבליבן בא דעם ייִדיש־ליינער און פאַרשאַפט דעם אווטאָר פּאָפּולערקייט. וואָסער רוישעם דאָס האָט געמאַכט יענע צײַט, — דאָס קאָן מען צומבעסטן אַרויסזען פון אַזאַ פּראַט: דאָס ערשטע קאַפּיטל פונעם „פּוילישן ייִנגל“ איז געווען געדרוקט אין № 16 „קול־מבשר“ פאַר דאָס יאָר 1867; דאָס צווייטע קאַפּיטל קומט ערשט אין נומער 26. אינצווישן (№ 19—20) קומט לינעצקיס אַ זאַך „אויסגעביטן אַ שמאַטע אַף אַ שמאַטע“. דאָ פּרוווט ער צומטײל פאַרגלעטן די אַטאַקע אַף כסידעס און אַ בריקע טון די האַסקאָלע. שולדיק איז נישט די סיסטעם: „דער באַל־שעם איז געווען אַ גרויסער מאַן, אַ פּאַטריאָט“, שולדיק זײַנען מענטשן, כסידים, וואָס האָבן „פאַרביטן“ די שײנע סיסטעם. דאָסזעלבע איז מיט האַסקאָלע: מענדעלסאָן האָט זיך אויך נישט גערעכט, אַז „פון טעאָלאָגיִע זאָל ווערן אַ פויל־דע־קאָק, פון מעטאַפיזיק—אַ פּרעפּעראַנס“. „ביידע (דער באַל־שעם און מענדעלסאָן. נ. ש.) האָבן געהאַט אַ גוטן צוועק ייִדן אַרויסצושלעפּן פון דעם פאַרקאָוועטן און פאַרשפּאַרטן צושטאַנד, וואָס די מיסנאַגדים זײַנען געבליבן אין אים עטלעכע הונדערט יאָר... ביידע האָבן געלערנט אויספײַנען די נעשאָמע... נאָר ביידע סיסטעמען האָבן נאָך ביז איצט נישט דערלאַנגט זייער צוועק. פאַרקערט, זיי האָבן זיך נאָר געביטן מיט די כעסרוינעס: די כסידים פעלט כסידעס און די געבילדעטע בילדונג“.

דאָסזעלבע טרעפן מיר אויך אין אַ צווייטער זאַך לינעצקיס „איציקל בעריאַק און ביניאָמטשע דער תכשיט“, געדרוקט אין די נומערן 23—25: שולדיק איז נישט כסידעס, נישט דער רעבע: שולדיק זײַנען די פינצטערע כסידים.

וואָס הייסט דאָס? ניקער, אַז די רעדאַקציִע גופע האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דער שאַרפער אַטאַקע פונעם „פּוילישן ייִנגל“ און האָט געפּרוווט פאַרגלעטן דעם אײַנדרוק. לינעצקי האָט געמאַכט אַ קנייטש און האָט צוליב געטאָן.

אין „פּוילישן ייִנגל“ האָט זיך לינעצקי אָפּגערעכנט מיט כסידעס; דאָס איז אַ מין רעוואַנש פאַר זײַנע אייגענע פאַרפינצטערטע יוגנט־יאָרן. דערדאָזיקער מאָטיוו איז געבליבן גילטיק אין זײַנע שפּעטערדיקע שרײַבעכצן אויך, וואָס, אַגעוו, האָבן זיי שוין אָפּן, לויט דער פאָרמע נאָך, מער אַ פּובליציסטישן שטייגער. פּאַראַלעל דערמיט קומט צו נאָך אַ צווייטער מאָטיוו: די קריטיק אַפן ייִדישן לעבן ביכלאַל. מיר האָבן געזען פריִער, אין די פעליעטאָנען „אויסגעביטן אַ שמאַטע אַף אַ שמאַטע“, אַז ער שוינט נישט די „פאַלשע ציוויליזאַציִע“ אויך: „פויל־דע־קאָק“ און „פּרעפּעראַנס“. אין דער האַסקאָלע האָט ער זיך זייער גיך דערפילט אָפּגענאַרט. זעלטן טרעפט מען בא אים אַזאַ זאַך ווי דער קורצער שמועס „ייִדל כניאָק און יוילעקל שרײַבער“, ווו ער וויל אויפקלערן, אײַנגעבן כיישעק צו בילדונג, צו וויסן. צומיי־

סטנס איז דאָס געזעלשאַפטלעכע קריטיק, צעביטן אף קליינִיקייטן: א שטאָך „גוטע ייִדן" און זייערע כסידים, א ביס די פּרעפעראַנס־אופגעקלערטע, די געמאַכטע אריסטאָקראטן און זייערע „געבוּלבעטע" דאַמעס, א בריק ייִדישע שרײַבער, ו׳עדאַקטערס, א ריס סאָכרים, געשעפט־מענטשן און זייער פארגלויבטקייט אינעם „קערבל". ס׳איז א פאלשע וועלט, מיעס און ציניש, יעדער קלערט נאָר פון זיך, און אלע צוזאַמען דינט מען צום „קערבל" און מע בויגט דעם קאָפּ פאר דעם געלט־זאַק; אַמאָל מאַכט מען נאָך דעם אָנשטעל פון אידעאַלן און ערלעכקייט. אַרום און אַרום איז דאָס באַלעבאַטישע טײַנעס, אָן א באַשטימטער סאָציאַלער אידעאָלאָגיע (כוץ דעם אינסטינקטיוון האַס פון אָרעם און האַלב־געבילדעט צו רײַך און געבילדעט), אָן יעדן געזעלשאַפטלעכן רוקנביין.

געזאָגט איז דאָס אין א רײַסערישן, גאַליקן טאָן, מיט מעגושמדיקייט, וואָס איז אונדז שוין באַקאַנט; מיט בילדער און מיט אַ שפּראַך, וואָס ווייסן נישט פון קיין שום מאָס און ברענגען אַרויס דאָס גראָבסטע, דעם פוילן וויץ און גראָבן כויזעק, וואָס ווירקט אף אינסטינקטן.

ס׳איז געווען אַן אומגליק פאר לינעצקין, וואָס יענע צײַט האָט ער זיך געשטעלט צו לעבן פון דער פּען. נישט די ייִדישע פּרעסע, וואָס איז, אַגעוו, אַרויסגעגאַנגען מיט לאַנגיאָריקע איבעררײַסן, נישט די ליטעראַטור האָט דעמאָלט נישט געקאָנט אויסהאַלטן קיין פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער.

וועגן לינעצקיס מאַטעריעלער לאַגע קאָנען מיר זיך מאַכן א באַגריף, אַשטייגער, פון זײַנע ווענדונגען צו די לייענער. אין 1־טן העפט, „מײַן ספר הזכרונות" אדעס, 6/VII 1882, געפינען מיר אַזאַ ווענדונג: „קויפט, ייִדן, גיכער אויס דאָס העפט, וועל איך טייקעף דרוקן דאָס צווייטע, איך וועל אײַך נישט זשאַלעווען מײַן מאַרך און בלוט, נאָר זשאַלעוועט איר נישט אײַער אַלטן באַקאַנטן פאָלקס־שרײַבער 10 קאָפּעקעס פאר א בלאַט. אײַער איבערגעגעבנסטער לינעצקי". דאָסזעלבע טרעפן מיר אף דער הילע צום 22־טן העפט פונעם 1 באַנד „די געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק" (אדעס, 1885). ער מונטערט זײַנע אַבאָנענטן מע זאָל אַרײַנשיקן די 2־טע ראַטע שטיצן: „אַזאַ וויכטיק־נוצלעכעס נאַציאָנאַל־ווערק, און טאַקע „פּאָשעט א פאָלקס־שרײַבער, וואָס אַרבעט שוין 23 יאָר פאר זײַן פאָלק און איז שוין אָן אויגן און אָן א לונג געבליבן באַ די מיטעלע יאָרן... און דאָס איז דאָך מײַן איינציק מיטל צו לעבן באַ מײַן אָרעמער קרענקלעכער לאַגע... אַלזאָ, ברידער, בני ראַכמאָנים, שיקט גיכער אַרײַן די צווייטע 3 רובל און לאָזט נישט פאַלן א קראַנקן, אָרעמען פאַמיליענפאָטער און שוין 32 יאָר אײַער באַקאַנטער פאָלקס־שרײַבער, לינעצקי". מעמיילע האָט זיך לינעצקי געמוזט לאָזן אף אוואַנטוריסטישע ליטעראַרישע גענג, שאַפן זיך א ליטעראַרישן מאַרק, זיך צופּאַסן צום נידעריקסטן געשמאַק. זײַן קנאַפּע בילדונג, דאָס נישט־האָבן קיינע פּאָזיטיווע אידעאַלן, דער צעהיצטער טעמפּעראַמענט, שפּעטער די קינע צו מענדעלען און אַנדערע, האָבן דאָ מיטגעטאָן.

מיט דעם „פוילישן ייִנגל" און מיט עטלעכע פעליעטאָנען גאָר אין אָנהייב האָט לינעצקי פאַקטיש געזאָגט אַלצדינג, וואָס ער האָט געקענט. ווײַטער האָט ער אין קליינִיקייטן: פעליעטאָנען, פאַראָדיעס, אַנעקדאָטן, וויצן א. ד. גל. איבערגעכאַזערט, איבערגעקײַט זיך גופע, אָפּטמאָל אין ערגערע מוסטערן ווי פריִער. אין די 70־ער יאָרן איז ער געווען אַזוי פּאָפּולער ווי מענדעלע; שפּעטער איז ער לעצט געפאַלן,

זיך אָפּגעריסן פון ליטעראַטור און שרײַבער, געוואָרן וואָס אַמאָל הינטערשטעליקער, פאַרפרעמדטער. שוין 20 יאָר פאַר זײַן טויט איז ער געווען אַ פאַרגעסענער. ער האָט דאָס געפילט. אָבער שלעכט פאַרשטאַנען די סיבע. ער האָט באַשולדיקט יענעם, די נײַ־אויפגעקומענע שרײַבער, און דערפון געוואָרן נאָך גאַליקער, פאַרביטערטער.

פון לינעצקיס ליטעראַרישער ירושע בלײַבט פאַר גרעסערע קולטור־קרײַזן זײַן יוגנט־ווערק, דאָס „פּוילישע ייִנגל", אַ דאָקומענט וועגן דער צײַט און וועגן דעם שרײַבער.

איך ברענג דאָ: 1) אויסצוגן פון דעם „פּוילישן ייִנגל", גענומען פונעם „קול־מבשר" № 26, 42 (1867), 2) אַ פעליעטאָן־שטיק „אני־מאמין באמונה שלמה" פון דעם העפט „אַ סטאַטוע פון אַ פּלוידערזאַק, וואָס וועט זאָגן די וועלט", אָדעס, 1885, איבערגעדרוקט פון „ישראליק" № 2 (לעמבערג, 1875).

ליטעראַטור: ז. רייזען „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור", ב. II, ווילנע 1927; ר. גראַנאָווסקי: „ייִצחאָק יויעל לינעצקי (זיכרוינעס)" אין „פּנקס", אַ פערטל־יאָריקער זשורנאַל פאַר ייִדישער ליטעראַטור-געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיִע; ב. I, העפט 1—3, ניו־יאָרק 1927; העפט 3, ניו־יאָרק 1928 ספּעציִעל וועגן לינעצקיס קאַלענדאַרן: מ. שאַליט: „ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע לוכעס אין אונדזער ליטעראַטור", אין יאָרבוך „פון יאָר צו יאָר", IV, וואַרשע 1929.

י. י. לינעצקי.

דאָס פוילישע יינגל.

דאָ וועל איך באשרײַבן דעם סיידער,
פון מײַן גיין אין דארדעקע־כיידער [1].

מיילע, וואָס מיט מיר האָט זיך פאסירט ביז איך בין אלט געוואָרן 4 יאָר, איז אסאך צו דערציילן, אלקיין וועל איך אײַך באשרײַבן פון מײַן דארדעקע־כיידער. אָ, איך האָב גאָר פארגעסן! נאָך מיט א יאָר צוריק פאר דעם כיידער האָט מיך שוין דער טאטע אָנגעהויבן מעכאנעך צו זײַן [2] מיט מיצוועס. עפשער מיינט איר מיט אזוינע קליינע מיצוועס ווי די דײַטשן זײַנען מעכאנעך די קליינע קינדער, א שטייגער אויסלערנען דעם פאָסעק „טוירע ציווע“ [3], דעם טאטן מיט דער מאמע קושן אין די הענט פאר דעם שלאָף, דאנקען די עלטערן פאר איטלעכן עסן און טרינקען אוכעדוימע אזוינע מיצוועס, מיינט איר, האָט מיך דער טאטע געלערנט,— אָבער גאָר לוי! אדערבבע, גאָר פארקערט! דער טאטע פלעגט מיך טאָמיד לערנען, איך זאָל דער מאמען שטעלן א פײַג, און די מאמע פלעגט מיר ווײַזן, איך זאָל דעם טאטן רײַסן פֿאַ דער באָרד, און אז עמעצער איז ארײַנגעקומען אין שטוב ארײַן, פלעגן זיי מיך שוין ביידע מוטשען: א נאָ עפּראָ̣מל, זאָג אים!... ווייסט איר זשע, וואָס מע האָט פון מיר געוואָלט, איך זאָל זאָגן? „שאָלעם־אלייכעם, א גוטער ייִד“ [4]... אָפּגעבריט, נו מיילע, פון אזוינע מיצוועס שמועסט מען נישט. מיך האָט דער טאטע מעכאנעך געווען מיט אזא מיצווע, וואָס א ייִד פון 50 יאָר איז דאָס אויך ניט מעכויעוו צו טון. ווייסט איר זשע וואָס? אלע פרײַטיק פלעגט ער מיך נעמען מיט זיך אין מערכעץ [5] און פלעגט מיך מוטשען דאָרט אף דער אייבערשטער באנק מיט דעם בעזימל גאָר כוץ לעדערעך האטעווע [6], נאָר דאָס איז נאָך אלץ א קלייניקייט. אָט, אז ער איז מיט מיר ארופּגעגאנגען אף צעבראָכענע, שמאָלע, נאסע טרעפּ אין א קאלטן, פינצטערן, טיפן גרוב; א דאָ פלעגט מיר טאקע פאָשעט מײַן כײַעס אויסגיין! מאָלט אײַך פאר א קינד פון 3 יאָר, וואָס ווייסט מער ניט נאָר ארומלויפן באָרוועס אפן שיינעם ליכטיקן דרויסן, אז מע פירט אים גאָר ארײַן אין א גרוב, וואָס מע זעט ניט די ליכטיקע וועלט, נאָר איינס דאָס אנדערע שטופּט זיך, און אלעמאָל הערט מען עפּעס א פליסק אין וואסער און א ווידערקאָל פון א מענטשן, וואָס עס ווײַזט אויס, אז מע רעדט עפּשער פאר א מײַל, אין א פינצטערער מידבער, וואָס מע קאָן קיינמאָל ניט ארויס פון איר! מיילע קאָנט

[1] דער ערשטער כיידער, פאר גאָר אָנהייב־קינדער, ווו זיי לערנען לייענען. [2] צוגעוווינען, דערציִען.
[3] די טוירע האָט מען אונדז געגעבן א. אז. וו. [4] דאָ גייט דוכגעלאָזט: „א האלבן אונטערכיילעק“.
[5] באָד. [6] אויסער די נאטור-געזעצן, — אויסערגעוויינלעך,

איר שוין פאַרשטיין, אין וואָס פאַר א מין שרעק איך בין דעמאָלט געווען! הײַנט, אז ער האָט מיך גאָר פּלוצים א כאַפּ געטאָן בא די הענט און האָט מיך געטאָן א פּוץ אין מיקווע אַרײַן,—אוואדע בין איך ארויס אָן א נעשאָמע. נאָר דער טאטע האָט זיך דערמיט ניט געקילט און האָט מיך אזוי דרײַ מאָל אונטערגעטוקט, אז איך מעג אײַך שווערן, אז די אלע סצענעס, וואָס דער „שייוועט מוסער״ [1] שטעלט פאָר אין גענעם מיט די שלענג און מיט די עקדישן, זײַנען נאָך ניט א טויזנט־כיילעק פון די שרעק, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאט. נאָר וואָס האָב איך נעבעך געקאָנט מאכן? אוואדע איצטער דאנק איך אים דערפאר, וואָרעם פון די מיקוועס בין איך אזוי ריין געוואָרן, אזוי ציכטיק, אז איך קאָן מיך נאָך אדאיעם ניט ארומוואשן מיט די בעסטע ריסעווער זייפן!... נאָך אזוינע מינע מיצוועס פלעג ער מיך לערנען, נאָר וואָס נוצט עס מיר צו שרײַבן? אז איך ווייס, איר וועט גאָר לאכן דערפון, און באם טאטן איז דאָס געווען דער ערשטער כויוו אין דער וועלט. דעריבער איז גלײַכער, איך זאָל אײַך אָנהייבן דערציילן פון דעם דאַרדעקע־כיידער.

אז איך בין אלט געוואָרן 3 יאָר צו מאזל, אָדער צו שלימאזל, האָב איך דערהערט, אז מע שמועסט שוין פון מײַנעטוועגן מיקויעך א כיידער. איך בין אפילע געווען זייער צופרידן דערפון: כ'לעבן! מיר איז שוין אליין נימעס געוואָרן די היים: אז איך בין געווען העפקער ווי א הונט, קיינער האָט זיך אף מיר ניט אומגעקוקט! דער טאטע האָט מיך אינזינען געהאט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. אז ער האָט גאָר טאָג און נאכט באדאַרפט אומגיין נאָך מאַמאָדעס־געלט [2] פונעם רעבנס וועגן! די מאמע איז נעבעך געווען דערשלאָגן פון די קליינע קינדערלעך; איינס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט באם פארטעך, דאָס אנדערע בא דער ברוסט, און מיטן דריטן אף דער צײַט. נו, אוואדע האָב איך זיך מעכאיע געווען, אז איך האָב דערהערט: אין כיידער אַרײַן! איך האָב געמיינט, אין כיידער וועט מען אף מיר האשגאָכע געבן און איך וועל ווערן גאָר א פײַן יינגל. נאָר אז איך האָב גאָר פּלוצעם דערהערט א שמועס, ווי דער טאטע זאָגט צו דער מאמען: „ווי מיינסטו, לייטשע, צו וועמען זאָל איך אים אוועקגעבן? צו נאכמען טראסק, אָדער צו נעכעמיע שטורמאק?״. „דו דאַרפסט נאָך פרעגן, — ענטפערט די מאמע, — מינאסטאם צו נעכעמיע שטורמאק! מיר האָט הײַנט כאנציע די זאָגערן [3] דערציילט, אז נעכעמיע קען אסאך בעסער לערנען פון נאכמענען״. „נעכעמיע פאָרט זיך אָבער ניט צו אונדזער רעבן״? — האָט דער טאטע א פרעג געטון. „נו, וואָס זשע איז, זאָגט די מאמע — פאָרט ער קיין זאדקעוויץ! וואָס איז דער כילעק? אבי א צאדיק!״. „אי, שאטיע [4], — רופט זיך אָן דער טאטע מיט א בייזער, — דו ווייסט גאָרניט מאַ־דעקאָאמרע רעבעצן [5], ווי הייסט? אפאָנעם דער זאדקעוויצער איז דען עפּעס א גוטער ייִד? איך האָב פון דעם רעבנס מויל אליין געהערט, אז דער זאדקעוויצער איז א פּאָשעטער פלוידערזאק, און זײַן נעשאָמע האָט גאָר דער אלטער גענומען פונעם אוילעם־האלאָצע [6], א סימען, אז דער זיוועג איז געווען די בלינדע נאכט... ניש-

[1] פרום-פאנאטישער מוסער־סייפער, שרעקט זינדיקע מיטן גענעם און מיט פײַערדיקע ריטער. [2] א מין ספּעציעלער שטײַער, וואָס כסידים גיבן זייער רעבן. [3] א פרוי, וואָס „זאָגט פיר״ די ווײַבער דאָס דאווענען (צומייסטנס יידישע „טכינעס״, ספּעציעלע געבעטן פאר פרויען) אין שול. [4] נארישע פרוי. [5] וואָס די רעבעצן זאָגט; — א איראָנישער אויסדרוק, אזוי גוט ווי: דו פאַרשטייסט נישט גאָר נישט. [6] פון דער כויזעק-וועלט.

מער, וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן, אז דו ביסט גאָר א פּראָסטע בעהיימע"!, „איך ווייס?—זאָגט די מאמע, — איך זע, א ווערט פּאָרט צו אים, איז בא מיר זייער רעכט". „א קאשע, וואָס מע פּאָרט! — זאָגט דער טאטע מיט א געלעכטער, — מע פּאָרט אין דער ליטע אין די יעשיוועס אריַין אויך; נו, האָט עס דען עפּעס א מאמעש? עס איז נאָר א פאַרפירטע זאך! קארג האָט דער רעבע געקרעכצט הײַנטיקן שאבעס באם קוגל אף די יעשיוועס! האָט בעפּיירעש געזאָגט, אז די יעשיוועס מיט די ראבינער־שולן זײַנען גאָר אף איין אויפן, פון דאָרט וואקסן אפּיקאָרסים און פון די—מיסנאגדים![1]". „נו, — זאָגט די מאמע מיט א ראכמאָניס־פּאָנעם, — מי־נאסטאם פארשטייסטו דאָך מער פון מיר; נו, טו זשע ווי דו פארשטייסט!".

פון אזא שמועס האָב איך זיך שוין געשטויסן, אז אין כיידער איז נישט בעסער ווי אין דערהיים. קאך האווע[2]! אז די מאמע האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אריַינגעפירט צו נאכמען טראסק אין כיידער אריַין, איז מיר פינצטער געוואָרן אין מײַנע אויגן. אין שטוב איז געווען א בלאָטע איבערן גארטל; א פארשימלטע פּאָמענעצע איז געשטאנען בא דער טיר, פול מיט א ווערך, און פון אויבן איז ארומגעשווומען דאָס, וואָס האָמענען איז געפאַלן אין קאָפּ אריַין[3]... פון דער רובע האָט געזעצט א רויך ווי פרײַטיק אין באָד. דער רעבע איז געזעסן אויבנאָן, מיט א צעשפּאלטענער, פארשמאָלצעוועטער יארמעלקע און מיט א געלן בערשעטער טאַלעס־קאָטן פארוואָרפן איבער די פּלייצעס, און האָט זיך געשטעכעוועט בא דער רובע. אין איין האנט האָט ער געהאלטן א קאנטשיק מיט 5 רימעדלעך, מיט דער אנדערער האָט ער זיך געקראצט אין בוזעם דורך א גרויסער פּאזעכע, וואָס פאר א ווערסט וואָלט מען אויך געקאָנט ארויסזעען פון דעם קנאָפּ ביז אין פּופּיק גאָר אָן א טעלעסקאָפּ. די רעבעצן איז געלעגן קראנק אפן טויטן בעט. צוויי קליינע קינדערלעך זײַנען ארומגעקראָכן אף דער ערד מיט די העמדלעך פארשפּילעט. אפן טיש איז געשטאנען א גאנץ גרויסער קאָשעק מיט טעפּלעך, און א ראבער קאָטער מיט צוויי גרויע אויגן ווי דער מאלעך־דוימע שטייט און לעקט. צען פארסמארקעטע יינגלעך קוקן אין איין סידער אריַין, און דאָס איינע סידערל איז שוין אויך דרײַ מאָל אזוי גראָב, ווי עס איז געווען פון דער דרוק... דער רעבע קלאפּט מיטן קאנטשיק; די יינגלעך שרײַען נאגוואלט; די 2 קינדערלעך ווערן אָקערשט נישט צעריסן פאר געוויין. מײַן מאמע איז אוועקגעגאנגען און איך בין דאָ אליין געבליבן אין דער נײַער גאָסטיניצע...

די מאמע איז נאָר־וואָס ארויסגעגאנגען, איז דער רעבע א פירגעגאנגען פון הינטערן טיש און האָט מיר רעקאָמענדירט זײַן קאַנטשיק מיט די ווערטער: „זעסטו דעם קאנטשיק? אָט מיט דעם שמײַסט מען אזא יינגל, וואָס וויל ניט לערנען". און אזויווי ער האָט דאָס אויסגערעדט, האָט ער דערווײַל דערלאנגט עפּעס א יינגל מיטן קאנטשיק איבערן קאָפּ, קעדיי ער זאָל מיר באווײַזן, וואָס דער קאנטשיק באטײַט... מיט די רייד האָט ער מיך צוגעפירט צום טיש און האָט אופגעעפנט דאָס געוויסע סידערל און האָט מיך א פרעג געטון: „קענסטו עפּעס לערנען"? „ב־ב־ב־ניין!" האָב איך געענטפערט מיט א גרויס פלאטערניש, און האָב זיך צעוויינט. „שא, שא! וויין ניט, מײַן קינד!" האָט ער מיר געזאָגט און האָט מיר געטאָן

[1] קעגנער פון כסידעס. [2] אזוי איז דאָס טאקע געווען. [3] לויט דער לעגענדע נאָך האָט האָמאָנס טאָכטער בעטאָעס אויסגעקערט אף האָמענען א נאכט־טאָפּ.

א קניפּ אין בעקל. א דאָ האָב איך זיך נאָך ערגער צעוויינט... ער האָט מיך אני־דערגעזעצט אף דער קני און האָט מיר אָנגעהויבן צו ווײַזן אן אלעפבייז, און אז ער האָט מיר געוויזן די בייז, האָב איך פארגעסן די אלעף, און אז ער האָט זיך אומגעקערט צו דער אלעף, האָב איך פארגעסן די בייז. האקלאל, ער האָט א קוק געטאָן, עס איז שלעכט, האָט ער מיר אָנגעהויבן אײַנרעדן, אז איך וועל באַגערן צו לערנען, וועט מיר דער מאלעך ווארפן א גראָשן דורך דער סטעליע. איך האָב דאָס נאָר דערהערט, איז מיר גוט אין קאָפּ ארײַן, און וויפל ער האָט מיר שוין געטײַט מיטן טײַטל אין סידער ארײַן, האָב איך אלץ פאריסן דעם קאָפּ אף דער סטעליע, איך זאָל שוין זען דעם מאלעך מיטן גראָשן. האקיצער, ער האָט געזען, עס איז נאָך ערגער, האָט ער מיך אָנגעהויבן סטראשען, אז איך וועל ניט לערנען, וועט מען מיך שמײַסן מיט אײַזערנע קוקורוזעס, און די מאלכע־כאבאָלע [1] וועלן מיך אוועקטאסקען אונטערן אָרען־כוישעך (האָריי־כוישעך) [2]. זעט איר, אָט א דאָס אז איך האָב דערהערט, איז מיר שוין פארקילט געוואָרן אפילע דער מאמעס מילעך! איך האָב שוין נעבעך געוואָלט ארײַנקוקן אין סידער ארײַן, נאָר די שיידים [3] מיט די קוקורוזעס האָבן מיך שוין אזוי געשראָקן, אז איך האָב געמיינט, אז די אלעף איז א שעד און די בייז איז א קוקורוזע, ביז איך האָב מיטאמאָל אויסגעפלאצט א געוויין, און מע האָט מיך געמוזט אָפּפירן אהיים. באנאכט אין שלאָף האָט זיך מיר נאָך אלץ אויסגעוויזן, אז שיידים מיט פײַערדיקע קוקורוזעס גלאָצן אף מיר די אויגן און שרײַען: „זאָג אלעף, זאָג בייז״!...

איך ווייס אפילע, אז א פּויליש ייִדל אָדער א ייִדענע וועט דאָס לייענען, וועלן זיי זיך אויסלאכן אף אזוינע נארישקייטן און וועלן מיינען, אז איך דערצייל זיי נאָר א מײַסע, גלײַך ווי איך מיין גאָר ניט זיי... נאָר צום עמעס ווייס איך, אז אזוי ווי איך האָב זיך דעמאָלט דערשראָקן פאר די מאלכע־כאבאָלע מיט די קוקורוזעס, אזוי האָבן נאָך הײַנט אלע פּוילישע ייִדן מוירע פאר שיידים מיט רוכעס ווי פארן טויט, און זיי באדענקען זיך גאָר ניט, אז דאָס האָבן זיי נאָר ביערושע פונעם דארדעקע־כיידער, און האָבן קיין ראכמאָנעס ניט אף זייערע קליינע קינדער, מע זאָל זיי עפּעס אף א בעסערן אויפן דערציִען, זיי זאָלן שוין פארשפּאָרן פארברענגען זייער לעבן אין פּאכאד און אין מוירע. נאָר איך בעט אײַך, ווי אזוי זאָלן זיי אף די קינדער ראכמאָנעס האָבן, אז זיי גלויבן דערין ווי אינעם רעבן? קארג מאכט זיך אין פוילן מײַסעס מיט א לעץ אין קעלער? קארג טוט זיך דאָרט מיט די מייסיס אין שול [4]? קארג לויפט מען דאָרט צו די גוטע־ייִדן פון די קליינע שטעטלעך מיט א דיבעק [5]? און טאקע דעריבער באוואָרענען זיי זיך נאָך ווען די קינדער ווערן געבוירן מיט די טערפקע נעמען אונטער די שיר־האמײַלעסן [6] אף די פענצטער און אף די טירן. טאקע דעריבער שלאָגן זיי צו שמירעס [7] מיט שיימעס [8]

[1] מאלאָכים, וואָס פּײַניקן זינדיקע. [2] „בערג פון פינצטערניש״, פאנטאסטישע בערג ערגעץ אין פינצטער־לאנד; געמיינט אזוי גוט, ווי: ווו דער שווארצער פעפער וואקסט. [3] די טײַוולס. [4] אן אָבערגלויבן, אז באַנאכט קומען זיך צונויף די טויטע אין שול דאווענען. [5] אן אײַנרעדעניש, אז צו אײנעם איז ארײַן א „נישט־גוטער״, עמעצנס פארזינדיקטע נעשאָמע, און רעדט ארויס פון אים, טרײַבט אים צו טון פארשיידענע ווילדע זאכן. דער רעבע דארף ארויסטרײַבן דעם דיבעק. [6] געדרוקטע צעטלען מיט פאנטאסטישע נעמען פון מאלאָכים, העברעיִשע טעקסטן, וואָס דארפן פארהיטן די קימפּעטאָרן, דערהויפּט דאָס קינד, די טײַוול־קיניגן לילים זאָל דאָס נישט צונעמען, נישט דערשטיקן. [7] באהיט - צעטלען, דאָסזעלבע בעערעך, וואָס „שיר־האמײַלעסן״. [8] פאנטאסטישע נעמען פון מאלאָכים.

בא די קאמערן און די קעלערס, קעדיי אשמעדיי[1] מיט זײַן כעווריע שיידים זאָלן קיין שליטע[2] ניט האָבן צום הויז. און וואָס מער זיי באוואָרענען זיך, מער האָבן זיי מוירע, אז ניט איינמאָל פֿארומערן זיי זיך אליין דאָס לעבן, און פֿארשעלטן זיך יאָר און טאָג, וואָס זיי זײַנען גאָר געבוירן געוואָרן אף אזא מוטשעניניע. זיי וואָלטן זיך אליין גערן אײַנרעדן, אז עס ניטאָ קיין שיידים אף דער וועלט; און פֿריטיי[3] פֿירן זיי די קינדער אויך אף דעם אייגענעם דערעך, ווי זייערע נארישע טאטעס האָבן זיי געפֿירט. און צום עמעס, וואָס לאָזט זיך אויס? אז עס איז טאקע פֿאָרט דאָ א פֿארפֿירטע זאך! מע האָט נאָך קיינמאָל ניט פֿארביטן א קימפּעט-קינד אף א שעד; מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזועען קיין לעץ אין קעלער, מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, מייסים זאָלן דאווענען אין שול. און אז דער קוואָרעס-ייִד[4] גאנוועט די טאכריכים[5] פֿון די מייסים, נעמט ער מיט א שיר-האמײַלעס אין קעשענע? זעט איר, דאָס יאָ: א מעזוזע[6] מוז מען האָבן אין שטוב פֿאר א זייכער, אז מיר האָבן א גאָט, וואָס ער האָט אונדז ארויסגעצויגן פֿון מיצראַים און העלפֿט אונדז אויס אין אלע צאָרעס, און כוץ אים דארף מען קיין מוירע ניט האָבן, וואָרעם עס איז טאקע פּאָשעט ניטאָ פֿאר וועמען!... זאָגט מיר, וואָס טוט דעם רעבנס גאבע, אז ער פֿארנארט וועמען איך ווייס באנאכט אין בייס-האקאָוועד[7] ארײַן? דאָרט איז דאָך ניטאָ ניט קיין מעזוזע, ניט קיין שיר-האמײַלעס? וואָס טוט טאקע דער רעבע אליין, אז מע רופֿט אים צום איספּראווניק[8] אָדער צום סטאַנאָוואָי[8]? דאָרט איז דאָך אויך ניטאָ קיין מעזוזע! נו, האָט ער זשע דען דאָרט מוירע פֿאר א שעד? מיר דאכט, אז דאָרט האָט ער גאָר מוירע פֿאר עפּעס אנדערש.

קויל כאָסן וועקויל קאלע![9]
אף מײַן כאסענע בעט איך אלע!

וואָס זאָגט איר, מײַנע לעזער, איז שוין צײַט א 13-יאָריקן באָכער כאסענע האָבן? א? צי ניין? יאָ, וואָס שווײַגט איר? — איך ווייס, אז מײַן מעכוטן האָט נאָך צוריק מיט א יאָר געשריגן, אז עס איז שוין צײַט כאסענע צו מאכן! און איר שווײַגט גאָר! איר זײַנט, אפּאָנעם, זיך ערשט מעיאשעוו[10] וואָס איר זאָלט ענטפֿערן דאָרט. נאָר אויס! איך בין אויך אזוי קלוג ווי איר, איך ווייס, וואָס אײַער שווײַגן באטײַט. עס הייסט, ווי איינער רעדט: קוק נאָר אָן דעם לײַטישן פֿארשוין, וועמען מע גיט דאָ א ווײַב! מיר דאכט, ער איז נאָך פֿון די קינדערשע שיכלעך ניט ארויס! א יאָ, דאָס מיינט איר? זאָג איך אײַך, אז איר האָט א גרויסן טאָעס. פֿון די קינדערשע שיכלעך בין איך שוין לאנג ארויס! א סימען האָט איר, — אז איך גיי שוין פֿון פֿאראיאָרן דעם טאטנס פּאנטאָפֿל... און דאָס וואָס איך געפֿעל אײַך ניט פֿאר קיין לײַטישן פֿארשוין, דאָס הייבט מיך ניט אָן צו ארן; אבי איך געפֿעל דער

---

[1] דער קעניג בא די טײַוולס. [2] זאָלן נישט האָבן צו שאפֿן. [3] דערבײַ דאָך. [4] דער באגרעבער. [5] די טויטן-קליידונג. [6] געוויסע פֿרומע העברעיִשע טעקסטן, אײַנגעהילט אין א שיידל, צוגעקלאפּט צו דער טיר. [7] אן איידעלער אויסדרוק פֿאר א קלאָזעט. [8] אלט-רוסישע פּאָליציי-באאמטע בײַם צארישן רעזשים. ס'איז געווען א צײַט, ווען די רוסישע רעגירונג פֿלעגט פֿארפּאָלגן כסידישע ראבײַים. [9] די שטים פֿונעם כאָסן און די שטים פֿון דער קאלע. אזוי פֿלעגט שטיין אנגעשריבן אף „כאסענע-בילעטן“ [10] איר באטראכט זיך.

קאַלע! אנו, פרעגט זי נאָר אומיסטנע, וועט איר שוין הערן. זי זאָגט, אז איך בין בא איר אסאך כאָשעווער פון אלע אײַערע דײַטשן. א סימען וועל איך אײַך זאָגן, א זי האָט אליין דערציילט פאר איר באבען, אז זי האָט זיך פארליבט אין מײַן שאָטן! יאָ, איר וועט לאכן דערפון? און בא מיר איז דאָס זייער גוט צו גלויבן... איר זאָלט זיך נאָר וועלן איינמאָל צוקוקן צו א פויליש כניאָקל, ווען ער גייט אין גאס, און די זון שײַנט, און א ווינטל בלאָזט סאמע קעגן פּאָנעם, וואָלט איר דאָך אָנגעקוועלט קוקנדיק, ווי אזוי ער לייגט זיך אויס אפן שאָטן, ווי די צוויי קרײַזעלעך פליִען אין דער לופט און דאָס צאפּן־בערדעלע שטעקט פאר זיך; די פּאָלעס פונעם קאפטן צעשפּרייטן זיך ווי צוויי פליגל, און מע זעט ארויס צוויי ליטקעס ווי צוויי מאקאהינעס, אויבן גראָב און אונטן שמאָל, און די בענדלעך פון די ווײַסע טאכטוינים [1] הענגען ביז די ליטקעס, און אז ער טוט א שפּאן, טיילט זיך אָפּ אפן שאָטן די פּיאטע פונעם פּאנטאָפל אף אן ארשין די לענג, און די זון כאפּט זיך ארײַן אינדערמיט. און אז ער לאָזט אראָפּ די פּיאטקע צוריק, קלעמען זיך ארײַן די צוויי ציצעס פונעם טאלעס־קאָטן אין די פּאנטאָפל ארײַן, וואָרעם דער ווינט טרײַבט זיי אונטער, און די צוויי אונטער־שטע ציצעס ציִען זיך אויס אין דער לופט אזוי ווי די צוויי פּיס פון א טשאָרנעהאָז, ווען ער פליט אין דער הויך. א דאָס אלצדינג זעט מען אלץ אפן שאָטן. נו, קאָן מען זיך עפּשער ניט פארליבן אין אזא פיגור? הײַנט קאָנט איר שוין פארשטיין, אז אין מײַן שאָטן איז נאָך גרינגער געוועזן זיך צו פארליבן, וואָרעם איך בין דאָך געוועזן זייער קליין און געגאנגען בין איך אין א גרויסע פּאָר פּאנטאָפל מיט א גאנץ גרויס מיצל, אז אין מיר האָט מען טאקע מער ניט געזעען נאָר א שאָטן...

נו, האָט איר שוין עפּעס צו לאכן פון מיר? אײַ וואָס? וואָס וואָס? איר מיינט אוואדע, קיין פּארנאָסע וועל איך ניט קאָנען געבן א ווײַב! א? א דאָס מיינט איר טאקע? — כא־כא־כא! מער קיין דײַגעס זאָל איך ניט האָבן! פאר אײַערע ברידער, וואָס וואקסן אויס אין די שקאָלעס אָן טאטע־מאמע, איז דאָס אויך א דײַגע. מיינט איר, אז דאָס ווײַב דארף זיצן אין געמאָלטע דירעס ווי אן אויסגעפּוצטע ליאלקע, און איר זאָלט האָרע־ווען מיטן בלוטיקן שוויס? אָבער גאָר לוי! איך האָב דאנקען גאָט געזעען, וויאזוי מײַנע עלטערן פירן זיך. דער טאטע פלעגט ארומגיין נאָך מאמאָדעס־געלט פונעם רעבנס ווען, און די מאמע האָט מעפּארנעס געוועזן [2] די שטוב, פון וואָס? פון קנייטלעך־לייגן [3], פון גארן מעסטן [3], פון אײַנהאָרעס אָפּשפּרעכן [3], פון סגולעס, פון אָפּטון [3], פון מאצעס קאטשען, פון באָבערײַ, פון סארווערײַ, פון פלוידערײַ. זי פלעגט נעבעך האָרעווען ווי אן אייזל, און אז דער טאטע פלעגט קומען פונעם דאווענען, און אז עס איז אים אזוי גיך ניט געוועזן פארטיק דער אָנבײַסן, האָט זי שוין געהאט איר אויסקומעניש. און זי האָט נאָך אף אים דעם גרעסטן קאָווער געלייגט. דאָס שענסטע שטיקל פיש — פון וואָלצעס וועגן; דאָס בעסטע שטיקל פלייש—פון וואָלצעס וועגן. זי האָט פון זיך בעדײַ געריסן דארוף און דארונטער, אבי דעם טאטן געבן א שיין בולקעלע, א שיין רעטעכל, א פעט שטיקעלע פלייש; און זי אליין פלעגט עסן מאקעס, מײַנע סאָנים. נו, ווייס איך דאָך שוין, ווי אזוי מאן און ווײַב זײַנען זיך מעפּארנעס; נו, וואָס זשע האָב איך צו זאָרגן? וויפל מײַן ווײַב וועט נאָר קאָנען, וועט זי האָרעווען און וועט מיך אָפּהיטן. אײַ, זי וועט אמאָל קראנק ווערן אף א פּאָר כאדאָשים? איז אויך קיין גרויס אומגליק, דערוף איז דאָ א רעבע אף

[1]) אונטער־הויזן. [2]) געשפּײַזט. [3]) אזוינע זאבאָבאָנעס. אף פארהיטן אָדער ראטעווען פאר „א גוט־אויג", אויסבעטן א היילונג פאר קראנקע, א. ד. גל

דער וועלט! פאָרט מען אוועק צום רעבן, און מע עסט און מע טרינקט, און דאָס ווײַב לאָז זיך אזוילאנג מוטשען אינדערהײם, ביז זי וועט זיך אויסמוטשען. א, ווי זאָגט איר, בין איך געדעכט? נישמער וואָס האָב איך אײַך גאָר צו פרעגן דייעס, ווען איך זאָל כאַסענע האָבן? איך ווייס, פראָ אײַך, וואָלט איך נאָך געמעגט א 5-6 יאָר זיצן א באָכער. אײַ, די מוסער-ספאָרים ארבעטן מײַסים, אז מע זאָל גאָר כאסענע האָבן צו 12-13 יאָר! דאָס ארט אײַך דאפקע גאָרניט? נו, אז איך ארט ניט די מוסער-ספאָרים, דערפאר ארט מיך ניט, וואָס איר וועט לאכן, און וועל אף לעהאכעס כאסענע האָבן צו 13 יאָר, און גייט טוט מיך עפּעס!...

קורץ גערעדט, — מע מאכט מיר שוין כאסענע-קליידער; א גארדעראָב, מעגן זיך ווינטשן אלע גוטע יידישע קינדער אזוינס: צוויי לײַווענטע העמדער, א פּאָר ווײַסע טאכטוינים, א סיראָטשקעווע קאפּטנדל אף אינדערוואָכן און א איילענקיטייענעם אף שאבעס און יאָנטעוו, און א טולעבל פון דער מאמעס יופּע; נאָר קיין ארבל האָבן ניט געסטײַעט, האָט מען ארײַנגעשטעלט דעם טאטנס א פּאָר ווינטערדיקע טאכטוינים אין די ארבל ארײַן; א בערשעטער טאלעס-קאָטן מיט א פּאָר יוכטענע פּאנטאָפל. אזוי האָט מען מיך אָנגעטאָן און מע האָט מיך געפירט און שול ארײַן צום אופרופנס [1]. געדענק איך נאָך ווי הײַנט, אז מע האָט מיך אופגערופן מיט דעם גרויסן קאָל, בין איך צוגעגאנגען צו דער טוירע און האָב געוואָלט זאָגן די בראָכע, האָט מיך דער באלקוירע [2] א פרעג געטאָן: „קאָנסטו שוין בענטשן מעזומען [3]?" פאר אײַלעניש האָב איך אָנגעהויבן: „הערט צו, ראבויסים, מיר וועלן בענטשן!"

האקלאל, איך בין דאָס אלצדינג פּאָטער געוואָרן, נאָר איין זאך וועל איך ניט פארגעסן ווײַל איך וועל לעבן: דעם טאָג וואָס פארן ארויספאָרן, האָט מיך דער טאטע געשיקט מיטן שאמעס, איך זאָל זיך גיין געזעגענען צו די נעגידים און צו די לײַטישע באלעבאטים. אך! נאָך אצינד, אז איך דערמאָן מיך אָן דעם, עקט זיך מיר מײַן כאיעס, און איך שעם זיך פאר זיך אליין! ערשטנס, ווי איך בין נאָר ארײַנגעקומען צו א נאָגיד, האָבן פון מיר אלע מיידלעך געמאכט דאָס גרעסטע געלעכטער, אז עס וואָלט מיר ניכע [4] געוועזן, א גרוב זאָל זיך אופעפענען. און דער באלעבאָס, וואָס האָט אפילע ניט געלאכט, האָט ער מיר אויך נאָר געענטפערט: „פאָרט געזונט!", און איך בין געשטאנען און האָב געווארט, ער זאָל מיר געבן עפּעס דראָשע-געשאנק [5], וואָרעם דער טאטע האָט דאָך מיך דערוף געשיקט!... און אז דער באלעבאָס האָט מיך א פרעג געטאָן: „נו, וואָס שטייסטו?", האָב איך זיך קוים אָפּגעטראָגן בעכארפּעאובושע [6], ווי א מײַזל פאר א קאץ. מײַן בלוט האָט מיר געטריפט ווי פון א צאפּן. אוי! אז אָך און וויי איז צו מײַנע יונגע יאָר, מיט וואָס איך האָב זיי פארבראכט! נאָר איך בין דאָך שוין פארפאלן; אָבער אײַך, פּוילישע כאסאנימלעך, זאָג איך אָן, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן צו גיין זיך געזעגענען אין שטאָט! איבערן טאטנס דראָשע-געשאנק דארפט איר גיין מיט די טאָרבעס אין די הײַזער, און איר זאָלט זײַן אייביק צו שאנד און צו שפּאָט! גייט ניט! גייט ניט! וואָרעם איר וועט אייביק כאראָטע האָבן דערוף! אפילע אז גאָט וועט אײַך העלפן, איר וועט ווערן מענטשן, ווי

1) אן אלטמאָדישע צערעמאָניע: דעם שאבעס פאר דער כאסענע פלעגט מען פירן דעם כאָסן מיט פּאראד אין שול ארײַן; דאָרט פלעג מען אים „אופרופן" (צו דער טוירע) און אים געבן „מאפטיר". 2) דער וואָס לייענט די טוירע אין דער הויך. 3) דאָס בענטשן נאָכן עסן נישט ווייניקער ווי בא דרײַ מאנסבילן. 4) ליב. 5) געשאנקען, וואָס מע גיט כאָסן-קאלע צו דער כאסענע, געוויינטלעך—דעם כאסענע-אָוונט גופע. 6) שטארק פארשעמט.

איך האָב זיך אויסגעדרייט, וועט איר זיך אויך שעמען צו קוקן אין פּאָנעם דידאָזיקע, וואָס איר האָט זיך געזעגענט מיט זיי!... נישמער, וואָס? פאַרפאַלן! צוריק קאָן מען שוין נישט כאַפּן!

האקלאל, די פורן שטייען שוין, און מע פאָרט אף דער כאסענע. דאָס מיצל האָט דער טאַטע נישט געוואָלט אויסלייזן, און דער ייִד האָט דאָס ניט געוואָלט געטרויען אָן געלט. איז געבליבן, דער ייִד מיטן מיצל זאָל אויך פאָרן אף דער כאסענע. היינט איז געפאָרן אוורעמל כיריק, און דער שאמעס און נאָך עטלעכע כסידים; האקלאל,— מיט ווייבער און מיט די פּיפּקעס איז געוועזן אקעגן צוויי מיניאָנים [1]. מע האָט געכאַפּט אַביסל בראנפן און מע פאָרט! געדענקט זשע, פאַרלעקט [2] איז מען אויך געוועזן, און רעב אייבישעס מיצל פאָרט דאָך אויך מיט אונדז. דערצו האָט נאָך איטלעכער באזונדער מיטגעהאַט א שמירע פונעם רעבן אין קעשענע; נו, דאַרף מען עפּעס מוירע האָבן פאר עמעצן, א? פאָרט מען זייער פריילעך. ווי מע באגעגנט א גוי פאָרן, שלאָגט מען אים אָפּ אן אקס. טראָגט א גוי עפּעס פאַרקויפן אין שטעטל אריין, נעמט מען בא אים צו; מע זינגט און מע לאכט אף וואָס די וועלט שטייט. נאָר אינמיטן דרינען טראָגט אָן דער רועך א גלאָק. מע הערט א געשריי: סטאָי! מיינע כסידים זיינען גאָר ניכטערער געוואָרן, עס איז זיי פאַרקילט געוואָרן אין פּופּיק. דער גלאָק איז צו־געפאָרן, און איינער עפּעס מיט א רויטן קאָלנער,— מינאסטאם איז דאָס געוועזן דער סטאנאָוואָי,— האָט א פרעג געטאָן: „ווי אָטקודא?". „וואָס דאבערט ער?"— האָט דער טאטע א פרעג געטאָן דעם אוילעם מיט א פלאטערניש. „וואָס הערסטו דעם אָרל טאָמע [3]?", האָט זיך אוורעמל כיריק אָנגערופן, „ייִדעלעך, זייט מעהארער ביטשוווע [4]!" האָט דער שאמעס א זאָג געטאָן. „נו דא,— זאָגט דער רויטער קאָלנער,— א פּאשפּאָרט או וואס יעסט [5]?". „א־א־א־ די מייסע,— האָט זיך אָנגערופן אוורעמל כיריק און האָט זיך אומגעקערט צום רויטן קאָלנער, גיט א טרייסל מיט די צוויי פּייעס און האָט א זאָג געטאָן: „פּאני נאשטשאָ נאש פּאשפּאָרט, יאק מעני סאם טוט [6]?" דער רויטער קאָלנער איז ווילד אין קאס געוואָרן און האָט א קריץ געטאָן מיט די ציין: „סטופּיי... דוראק עטאקאָי, זשידאָווסקאיא כארא! טשטאָבי סעיטשאס בילי פּאשפּאָרטי! א קאָטאָרי איז וואס סטארשי [7]?" „ייִדעלעך, בעט גאָט, מיר זיינען פארביי",— האָט זיך דער שאמעס אָנגערופן. „טי סטארשי [8]?"— האָט דער רויטער קאָלנער א פרעג געטאָן דעם טאטן. „א־וו־ר־ע־מ־ל, וואָס זאָגט ער?",— האָט דער טאטע געפרעגט אין איין ציטערניש. „נעם דעם רעבענס שמירע אין דער האנט אריין,— האָט אוורעמל גע־ענפערט, ער פרעגט דיך אוואדע, וווהין דו פאָרסט". „א, פּאניע, יאקמעני יעכאלי ני זנאיע? נע ווסיליע [9]!" „אך טי, זשיד, סוויניא, אָציאָל, גאָוואָרי טשיסטים רוסקים יאזי־קאָם, טי נא סוואדבי יעדיעש? א זשעניך גדיע [10]?" דער טאטע האָט אים אָנגעקוקט און געשאָקלט מיט די פּלייצעס. „ניע זנאיו, פּאניע" [11]. „דער כאָסום! דער כאָסום!", האָט זיך עפּעס איינער אָנגערופן פון דער בריטשקע ארויס. „א, פּאני,— זאָגט אוורעמל

1) „מיניין"— א צענדליק; דאָס וואָרט איז גענומען פון רעליגיעזן געברויך. 2) שיקערלעך. 3) דעם אומריינעם, אימווערדיקן גוי. 4) באדענקט זיך אף איירע זינד. 5) צי האָט איר א פּאס. 6) צו וואָס אונדזער פּאס, אז מיר גופע זיינען דאָ. 7) אוועק, נאר איינער, זשידישער פּארצעף. באלד זאָלן זיין פּעסער, ווער איז צווישן אייך דער עלטסטער? 8) דו ביסט דער עלטסטער? 9) אָ, פּאָרעץ, מיר ווייסן ניט וווהין מיר פאָרן? אף א כאסענע. 10) א, דו, זשיד, כאזער, אייזל, רעד קלאָר אף רוסיש, דו פאָרסט אף א כא־סענע? און ווו איז דער כאָסן? 11) איך ווייס נישט, פּאָרעץ.

כּיריק,— דער כּאָסן ? אָט איז ער !" דער סטאַנאָוואָי האָט מיך דערזע׳ן, האָט ער עס אביסל אויסגעשאָסן א געלעכטער, אז ער איז זיך אזש פארגאנגען אַף א שאָ קעסיידער. דערנאָך האָט ער עפּעס מיט א בייזער מינע א זאָג געטאָן: „וואָט עטאָ טוואָי זשעניך ? כּאָראָשאָ, כּאָראָשאָ ; אָטליטשנאָ ! וואָט געראָי !!! א יעהאָ מעטריטשעסקאָיע סווידיע־טיעלסוואָ יעסט [1] ?" דער טאטע האָט ווידער געשאָקלט מיט די פּלייצעס. „אָך, זשיד פּראָקליאַטי, או וואס נאוורנע קאָנטראבאנדא יעסט ! הא [2] ?" און האָט אָנגעהויבן זוכן אין די טלימעקלעך. אַף צאָרעס דארף ער נאָך צום ערשטן טרעפן דאָס מיצל. ער האָט דאָס באטראכט און האָט א פרעג געטאָן : „א עטאָ טשטאָ ? [3]". „אָ צע אָ ? [4]— האָט זיך אָנגערופן דער ייִד פונעם מיצל. „אָ צע, פּאני, רעב אייבישע מיצל!" דער רויטער קאָלנער האָט זיך וויַיטער גוט צעלאכט און האָט מיר אָנגעטאָן דאָס מיצל און פרעגט מיך, „עטאָ דליא ניעוועסטי [5] ?" איך וויים דאָ גאָר ניט, וואָס צו טון, האָב איך זיך פאר שרעק זייער צעוויינט ; ביז יענער פון דער בריטשקע האָט זיך אָנגע־רופן:„ ס׳קעם טוט דיעלאָ זאוואָדיטסיא ? ס׳טאקימי נעוועזשאמי, טוניעיאטצי, סקאָטיני, ניע סטאָיט, יעי באָגו ; פּוסט אָני סעבע יעדוט ק׳טשאָרטו [6] !".

---

1) אָט דאָס איז דיַין כּאָסן, גוט, גוט, אויסגעצייכנט ! דאָס איז א העלד ! און זיַין מעטריקע (אָן אָפיציעל פּאפּיר וועגן געבוירן) איז פאַראן ? 2) א, פארשאָלטענער זשיד, איר האָט זיכער קאָנטראבאנדע ? א! 3) און דאָס וואָס איז ? 4) אָט דאָס אָ. 5) דאָס איז פאַר דער קאלע ? 6) מיט וועמען פארפּירסטו דאָ אָן אייסעק ? מיט אזוינע אמעראצים. ליידיקגייער, אומענטשן. ס׳איז נישט קעדייַ, אַף מיַין וואָרט, זאָלן זיי זיך פאָרן צו אלדי שווארצע יאָר".

די אני מאמינ׳ס [1]

אני מאמין בעעמונע שליימע [2], אז ווען די גוטע־יידן זאָלן נאָר גאראנטירט זיין ביז אין טויט מיט קאָוועד און געלט, וואָלטן זיי די מינוט געשלאָגן קאפּאָרעס מיט אלע זייערע פליאסקעדריגעס [3], סעדעכעס, גאבאָים און גאבעטעס און וואָלטן געוואָרן די ערשטע אריסטאָקראטן, מיט הויכאָפּצאסיקע לאקירטע שטיוועלעטן, מיט ברייט־לאמפּאסענע הויזן, מיט קאָסע זשילעטן מיט גאָלדנגעקנעפּלטע מאנישקעס, מיט הויכע צילינדער־הוטן, מיט פּענסנעען און מעדאליאָנען בא די גאָלדענע זייגערס, מיט שווארצע פּרעק און ווייסע האנטשן אף בעלער, מאסקעראדן און טעאטערן, מיט פּוילישע טאליעס קאָרטן אף סטאָס און פּרעפּעראנס און מיט נאָך, און נאָך, און נאָך...

א. מ. ב. ש. [4], אז אלע הײַנטיקע אריסטאָקראטן, ליבעראלן זאָלן געוויס גאראנטירט זיין ביז אין טויט מיט פליאסקעדריגעס, סעדעכעס, גאבאָים און גאבעטעס, וואָלטן זיי די מינוט געשלאָגן קאפּאָרעס מיט זייער לעצטן ביסל סאָוועסט, מיט זייער אָפּגעלאקירטן הומאנאָסט [5], מיט זייער אָפּגעקערטן ליבעראליזם און וואָלטן ארײַנגעקראָכן אין ווײַסע טאכטוינים מיט בענדלעך, אין פּאנטאָפּל מיט ווײַסע זאָקן, אין זשופּעצעס מיט סטראָקעס, אין ר׳ אייבּישעס לאפּן־מיצלעך, אין דרײַצנשפּיציקע מארדערנע שטרײַמלען, און וואָלטן זיך פארזאָרגט מיט שפּיצעכיקע צאפּן־בערדלעך, מיט דינגעגרײַזלטע פּייעלעך, מיט פארגלאָנצטע, איבערגעקערטע אייגעלעך, מיט ווארעמע, פארשטונקענע מיקוועלעך, מיט שמירעס, סגולעס און קאמייעס [6] אף שיי־דים־קסאוו, אפילע מיט שליסלען פון אקאָרעס [7] און מיט נאָך, און נאָך, און נאָך!...

א. מ. ב. ש., אז ווען א דעספּאָטישער כאזערשער גוויר זאָל עפּעס גראדע אין א שיינעם פרימאָרגן אופשטיין פלוצעם פון דער העלער הויט א פאָלקאָמענער געביל־דעטער מענטש,— ווי ר׳ עליעזער בען אזאריע, אַשטייגער, איז אלס יונגערמאן אָן א באָרד אופגעשטאנען א פרימאָרגן מיט 18 שורעס באָרד,—וואָלט ער באלד געשלאָגן קאפּאָרעס מיט אלע זײַנע בורזשואזן-קאָמפּאניעס און וואָלט זיך נאָר אונטערהאלטן מיט געלערנטע און געבילדעטע; ער וואָלט זיי געשטיצט מיט מיטל און געלט און וואָלט זיי געלויבט אין אלע גאסן, און פאר א מינדסטן ווילטעטיקן צוועק וואָלט ער ער אײַנגעלייגט די וועלט!

---

1) „אני מאמין״ — איך גלויב. די אָנהייב-פאָרמול פון די געוויסע 13 רעליגיעזע דאָגמאטן. 2) מיט דעם גאנצן גלויבן. 3) א שפּאָטוואָרט פאר כסידים. 4) פארקירצט: „אני מאמין בעעמונע שליימע״. 5) די לער פון מענטשן-ליבשאפט. 6) אמולעטן מיט סימבאָלישע אופשריפטן, באשווערונגען, וואָס דארפן פארהיטן דעם מענטשן פון בייזע גײַסטער, פון אלע אָנשיקענישן. 7) אומקינדערדיקע פרויען.

א. מ. ב. ש., אז ווען אן אָרעמער מאסקיל זאָל עפּעס פלוצעם אין א פרימאָרגן אופשטיין א גוויר, — אשטייגער, פון די דאָר־האמידבער־אוירינגלעך איז פלוצעם ארויס אן אייגל ... [1]) וואָלט ער טאקע שוין די מינוט געטריבן פון זיך אלע מאסקילים ווי די הינט; רעדן פון בילדונג און הומאנאָסט וואָלט ער זיך געשעמט, ווי א פּוסטער אפּיקוירעס שעמט זיך, אז מע געפינט בא אים אין קעסטל טאלעס און טפילן... זײַנע אלע הערצלעכע גוטע ברידער וואָלט ער שוין גאָר ניט דערקענט; ער וואָלט זיך גאָר ארומגעפּירט מיט מעקלערס, קולאטשניקעס און בורשזואזן און וואָלט זיך מיט אלע מעגלעכקייטן געסטארעט אראָפּצוווארפן פון זיך דאָס האסקאָלע־פּאָנעם און ארופשלעפּן אף זיך א צורע פון א דיעלאָווער [2])־סאָכרישן־גראָבן יונג!...

א. מ. ב. ש., אז דער פרינציפּאל ווייסט, אז זײַן קאסיר ווייסט מיקויעך דעם, וואָס ער שפּילט אונטער מיט זײַן פרוי. איי פּארוואָס שווײַגט ער? — וואָרעם דער קאסיר שפּילט זיך אונטער מיט זײַן קאסע! ווידער צוריק: דער קאסיר ווייסט, אז זײַן פרינציפּאל ווייסט מיקויעך דעם, וואָס ער שפּילט זיך אונטער מיט זײַן קאסע. איי, פּארוואָס שווײַגט ער? וואָרעם ער שפּילט זיך אונטער מיט זײַן פרוי. אזוי לאנג שפּילן זיי אלץ ביידע אין זשמורקעס, ביז דער פרינציפּאל מיינט, אז ער איז באלעבאָס איבער דער קאסירקע, און דער קאסיר, — ער איז באלעבאָס איבער דער קאסע. נו, איז דאָך דאָס אייגנטלעך פּאר ביידע זייער א גאָלדן געשעפט. ווי זשע קומט עס, אז מיט דער צײַט זאָל דאָס איבערגעריסן ווערן? דער טערעץ דערוף איז דאָס: די קאסע ווערט אלע מאָל יינגער און די קאסירקע אלע מאָל עלטער!...

א. מ. ב. ש., אז די אלע מאַסקילים שעבעדאָר [3]), וואָס שרײַבן אף מוישע מענדעלסאָן דאָס וואָרט: „ראבײנו”, טראכטן זיי בעיס־מײַסע בא זיך: מענדעלסאָן איז מיר אזא רעבע, ווי דער פרעמדער אוירעך איז מיר א פעטער. איי פּארוואָס שרײַבט ער פאָרט „ראבײנו? — דאָס איז, איינמאָל, כסידים אפּצולאָכעס; צווייטנס: אז ער וועט מענדעלסאָנען רופן: רעבע, ווי וועט מען אים עפּשער ניט רופן „טאלמיד”? — נו, איז זיך עס אוואדע קעדײַ!...

א. מ. ב. ש., אז די אלע וועקסלען, וואָס קרעדיטאָרן גיבן איבער צו קליינשטעטלדיקע אדוואָקאטן, זיי זאָלן פון די ב"כ [4]) געלט אופמאָנען, איז אזויווי זיי זעען ניט זייערע אויערן, אזוי וועלן זיי שוין אייביק ניט זעען ניט קיין געלט, ניט די וועקסלען צוריק. איי, וואָס? וואָס וואָס? — סטײַטש, די אדוואָקאטן גיבן זיך [5]) ראספּיסקעס [6]) פון זיך אף קאבאָלעס־האוועקסל [7]), דארפן זיי דאָך מוירע האָבן, טאָמער וועט ער?... ווער וועט? טאָמער וועט דער קרעדיטאָר?... וואָס וועט ער? טאָמער וועט ער אָנגעבן [8]) די ראספּיסקע? א? דאָס מיינט איר? — עט! דאָס איז טיפּשעס! איינמאָל, ווייסן זיי גאנץ גוט, אז דער קרעדיטאָר וועט פון זיך אליין ניט אָנגעבן, וואָרעם ווען ער קען אליין אָנגעבן די ראספּיסקע, וואָלט ער זיך אליין געקאָנט אנגעבן דאָס וועקסל לעכאטכילע! וואָס זשע דען? מוירע האָבן, טאָמער וועט מען די ראספּיסקע איבערגעבן אן אנדער אדוואָקאט? נו, דעם אנדערן הערט ער זיך אוואדע ווי טרײַטלס

1) לויט דעם כומעש האָבן יידן אין דער מידבער, אפן וועג פון מיצראים קיין פּאלעסטינע, אָפּגעגעבן זייער גאנץ צירונג און דערפון האָט מען געמאכט אן אָ־גאָט, א גאָלדן קאלב צו דינען. 2) פון деловой, געשעפטלעך? דאָ איז ניט קלאָר. 3) וואָס אין דאָר. קען אויך געמיינט זײַן: די אָנגעזעענסטע מאסקילים.
4) אָנהייב־אויסיעס פון באלע־כוויועס. 5) דאָך. 6) קוויטן. 7) געקויגן דאָס וועקסל. 8) עפּשער דארף דאָ און אין די איבעריקע פאלן שטיין: „אײַנגעבן”.

קאָטער; וואָרעם, אז יענער האָט אף אים אזא ראספּיסקע,— האָט ער זיך מינאסטאם אף יענעם אויך אזא מין ראספּיסקע; וועט זיך אייביק אויסקומען בא זיי דער כילעף[1] פון — נא דיר קארפּעס[2], גיט מיר פּלעדערוויטש!...[3]

א. מ. ב. ש., אז דעם הימלשן סייפער־האזיכרוינעס[4] האָט[5] אווּאדע אויך אָפּגעטראָגן פון דער ארכיוו און האָט אין אים געקריצט און געמעקט, געשאָבן און צוגעשטעלט וויפל אין אים איז ארײַן; וועהאָ־ראיע[6],— אז דער נײַער סייפער־האזיכרוינעס וויל זיך בעשום־אויפן אליין ניט לייענען[7]!— אײַ, דער אונסאנע־טויקעף[8] זאָגט זיך אָבער „אומעיילאָוו יִקאָריי[9]? — טייקע, בלײַבט א קאשע!...

א. מ. ב. ש., אז דער קאָמיטענט, וואָס קומט הייבן פּאָרשוס באם קאָמיסיִאָנער אין א פּאָר יוכטענע שטיוול מיט אן אָפּגעריבענעם פּעלץ, האָט ער דאפקע ניט א גראָשן באם פּופּעק. אײַ, יואָס זשע טראָגט ער זיך אזוי שענדלעך? וואָרעם ער וואָלט געוויס זיך אָנגעטאָן ווי די ג ר ו י ס ע גרוזיטעליעס[10], נאָר ער האָט פּאָשעט ניט פּאר עפּעס!... אײַ, ווו האָבן יענע גענומען אף אזוינע מאלבושיי־קאָוועד?[11]... יענע האָבן טאקע צוגענומען בא אים, ווײַל זיי זענען די ג ר ו י ס ע, און ער—דער ק ל יי נ ע ר!...

א. מ. ב. ש., אז וויפל די געאָגראפישע עקספּעדיציִעס וועלן ניט זוכן און געפינען אלץ נײַע לענדער, נײַע יִשעוון, נײַע ערטער אינעם וועלט־אָקעאן; וויפל די אסטראָנאָמען וועלן ניט געפינען נײַע פּלאנעטן מיט יִשעוון און וויפל די באלע־האקאבאָלע[12] וועלן ניט ערפינדן נאָך תּרפּ״ט אלאָפים[13] מאָל ש״י אוילעמעס[14] וועט נאָך אלץ די וועלט ניט נאסטאטשען יעדן קיין אָרט. א סימען האָט איר,— אז נאָך די אלע ערפינדונגען גייען נאָך אסאך פריקאשטשיקעס ארום אָן ערטער; פּוילישע קלויזניקעס געפינען קיין אָרט ניט אף א ציגײַער אים שאבעס; אנטיקווארניקעס געפינען קיין אָרט ניט ווו צו־צושטעלן אן אלטן פּראט[15] אין זייערע פּארגעלטע דאָקומענטן!... ר' געצעלע קען זיך קיין אָרט אפן הייליקן אָרט ניט צוקלויבן לעפּי קווידוי...[16] ר' זאָרעך פּאר־נעס־כוידעש[17], וואָס האָט שוין זײַן אייגנס עפּשער 20 שטעט אין אלע שולן און באָטע־מעדראָשים, געפינט ער פּאר זיך קיין אָרט ניט וווהין ווײַטער זיך צו שטופּן פון מיזרעך־וואנט[18]!... דער אלטער דאיען האלט זיך, נעבעך, באם סיידער עפּשער א שאָ מיט דער זרויע[19] און געפינט קיין אָרט ניט פּאר איר, צי זאָל ער זי לייגן ע״פּ[20] התש״בץ צי ע״פּ המש״בץ[21]; ווילנער באלעבאטים געפינען קיין אָרט ניט,

1) בײַט. 2) א ספּעציִעל געריכט, וואָס קומט לויט דעם ריטואל פּייסעך צום סיידער. 3) עפּשער—„פּלע־דערוויש"? 4) געדענק־בוך. דער בוך, ווו מע פּארשרײַבט דעם מענטשנס גוטס און שלעכט־טון אף דער וועלט. 5) דאָ איז ניט קלאָר, ווער (האָט אָפּגעטראָגן, געקריצט א. אז. וו.); עפּשער פעלט דאָ דאָס וואָרט: „מען". 6) א סימען האָבן מיר. 7) לויט דער רעליגיִעזער פּאָרשטעלונג, עפּנט מען ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער דעם סייפער־האזיכרוינעס, און ער לייענט זיך אליין. מיט דעם „נײַעם סייפער האזיכרוינעס" איז מיסטאמע גע־מיינט ליבעצקיס זאמל־העפטן מיט דעמדאָזיקן נאָמען „מײַן סייפער הזיכרוינעס", וואָס ער האָט געהאט ארויס־געגעבן די יאָרן 1882 — 1883. דאָ זאָל דאָס הייסן, ער באקלאָגט זיך, אז זײַן „סייפער־האזיכרוינעס" פּאר־קויפט זיך ניט. 8) דאָס געבעט, ווו ס'ווערט דערמאָנט וועגן סייפער־האזיכרוינעס. 9) פון זיך אליין לייענט ער זיך. 10) ברויט־עקספּעדיטערס. 11) געהויבענע קליידונג. 12) די קאבאָלע־לייט, מענטשן, וואָס פּארנעמען זיך מיט דער מיסטישער קאבאָלע־לער. 13) א גוזמעדיק־גרויסע צאָל. 14) 310 וועלטן; לויט דער קאבאָלע איז פאראן 310 (לויט דער צאָל פון די אויסיעס „יש") וועלטן. 15) דאטע. 16) נאָך זײַן קאָוועד נאָך. 17) שטאָט־גאבע, מיטגליד פון קאָהאָל־פּארוואלטונג. 18) די פּלעצער בא דער מיזרעך־וואנט אין בעסמעדרעש רעכענען זיך פּאר דעם אויבנאָן. 19) א שטיקל געבראָטן פליישׂ, וואָס מע דאַרף האָבן לויט דעם ריטואל צום סיידער. 20) על־פּי (אלפּי)—לויט. 21) תשב״ץ די אָנהויב־אויסיעס פונעם נאָמען פון אַ ראבאָנישן אווטאָריטעט, מיסטאמע צום גראם און פון איראָניע וועגן נאָכגעמאכט א פּארקירצונג פון א צווייטן נאָמען „משב״ץ".

ווּ די מאַצע פּונעם איירעוו־כּצייִרעס אויפצוהענגען; קאָהאָלשע שרײַבער האָבּן שוין קיין אָרט ניט, ווּ צוצושטעלן נאָך יאָרן אין דער רעוויזסקע סקאַזקע [1] !... די, וואָס האָבּן כּאַסענע געהאַט אויס ליבּע, האָבּן שוין אין זייערע ווײַבּער קיין גאַנץ אָרט ניט, ווּ נאָך שלאָגן !... דאָקטוירים האָבּן קיין אָרט ניט, ווּ זייערע פּאַציִענטן צו באַגראָבּן, און די ערשטלינגע, אַז זיי האָבּן שוין קוים מיט צאָרעס דאָס קינד, — האָבּן זיי נעבּעך דאָס אָרט ניט... און אײַנמיטנדערינען פאַרגלוסט זיך גאָר מײַן ווײַבּ שמירן די שטוב, — האָבּ איך שוין קיין אָרט ניט ווּ צו שרײַבּן מײַנע „אני מאמינ׳ס"...

א. מ. ב. ש., אַז ווען אַ מאַן זידלט זײַן ווײַבּס ייִנגערע שוועסטער טאַקע דעם ווײַבּ אין די אויגן, איז אַ סימען, אַז ער האָט דאָס שוועסטערל גאָר ניט פֿײַנט; און קוים שטופּט ער זי ארויס פון זײַן שטוב דעם ווײַבּ אין די אויגן, ווערט ער געוויס אליין אויך באַלד אוועקגיין ...

א. מ. ב. ש., אַז די לעזער האָבּן אוואַדע געערכנט אף 13 אני מאמינס, און צום־סאָף איז נאָר דאָ ׳1. — ניש מער, אַזאַ טאָעס איז נאָך אָן אַן אומגליק. ר׳ שמערל נאָגיד האָט נעבּעך אַן ערגערן טאָעס געהאַט הײַנטיקן ראָשעשאָנע צו די אליִעס [2]: ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט 99 גילדן פאַר רעווי! [3] און האָט נעבּעך געמיינט, אַז די קאַפּצאָנים וועלן אים געוויס וועלן אריינטרײַבּן אין מער, ווערט ער זיי אָנטון אַ ספּאָדעק... די קאַפּצאָנים ווילן שוין אָבער הײַנט ניט לעבּן אין טאָעס... האָבּן זיי זיך מעיאַשעוו געווען; אַ קיצער נו, פאַר אַזאַ כאַזער איז טאַקע ווייניק 99 גילדן, נאָר אײדער גאָר ניט, בּעסער כאָטש דאָס. — אוואַדע האָט זיך נעבּעך מײַן גענאַרטער ר׳ שמערל געמוזט האַלטן מיט דער פּאָקופּקע...

א. מ. ב. ש. אַז... טפו! וואָס זשע שרײַבּ איך נאָך, קיין 14 אני מאמינס איז דאָך אוואַדע ניטאָ! אַ דאָ האָבּ איך מיך שוין פאַרפּלאָנטעט ווי אַן אמאָליקער סבּאָרשטשיק [4] אין די קאָהאַלשע כעשבּוינעס. דאָס גאַנצע יאָר האָט ער אַלץ געלייגט אין קעשענע אריין. עס איז געקומען צו די וויבּאָרעס, איז זיך אים שלעכט, מע דאַרף געבּן אַ כעשבּן און ער ווייסט, וויפל ער האָט געגאַנוועט?... פלעג ער מאַכן אַ כעשבּן פון אַלע „אויד". [5]: אויד ניירעס [6] באַסבּאָרני; אויד מעווען [7] לעהאָרעקרוטן [8]; אויד מאַשקע לאַכאַפּערס [9], אויד ח׳י זעהוווים לעהאָרעבּן [10], אויד הויצאָעס קטאַנעס [11]; און מיט די „אוידן" האָט ער זיך אַזוי פאַרפּלאָנטעט, בּיז דער כעשבּן האָט געוויזן, אַז עס קומט אים נאָך ארויס, און דאָס קאָהאָל האָט אים ארויסגעוואָרפן!... הײַנטיקע מיסאַסקים בּעצאָרכיי־ציבּער [12] פאַרלאָזן זיך ניט בּיז לעצט יאָר; זיי האָבּן ליבּ צו וויסן אַפן אָרט, בּאַ יעדער לעקיכע [13], וואָס זיי פּאַודײַגען... דעריבּער פירן זיי שוין הײַנט פּ אָ ר מ אַ ל נ ע ביכער און שטשאָטעס [14]. און די איטאָגן [15] קומען אויס גלײַך!...

1) אמאָליקע מעטריקע־ביכער, מע פלעגט אין זיי פעלשן די יאָרן פון די יונגע לײַט צו באוואָרענען זיי פאַר מיליטער־דינסט. 2) דאָס אופרופן צו דער טוירע. דער אויפגערופענער צאָלט פאַר דער אליִע. געוויינטלעך קומט פאָר אין שול אַן אוקציאָן אף אליִעס, ווער ס׳גיט מער. 3) די 4־טע אליע לויט דער צאָל אופגערופענע. 4) קאָהאָלשער אופמאָנער. 5) נאָך. 6) נאָך ליכט. 7) נאָך שטרוי 8) פאַר די רעקרוטן. 9) נאָך מאַשקע (געוויינטלעך בראַנפן) פאַר די „כאַפּערס", קאָהאָלשע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבּן באַדאַרפט כאַפּן אַזוינע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פאַר מיליטער־דינסט. 10) נאָך 18 גילדן דעם רעבּן. 11) נאָך קליינע אויסגאָבּן. 12) געזעלשאַפטלעכע טוער. 13) גּעמען. 14) רעכענונגען. 15) סאַכאַקלס.

אווראָם גאָלדפאַדן

(1908 — 1840)

אווראָם גאָלדפאדן (איבערגעמאכט פון גאָלדנפּאָדעם) איז געבוירן דאָס יאָר 1840 אין אלט־קאָנסטאנטין (געוועז. וואָלינער גוב.). זייַן פּאָטער כאַיִם ליפּע, איז געווען א זייגערמייַסטער, לויט גאָלדפאדנס באשרייַבונג,—א ייִד, וואָס האָט געשעצט זייַן מעלאָכע, האָט אויך ליב געהאט אריַנצוקוקן אין א ספר און האָט געהאט אינטערעס פאר דעם נייַ־אופגעקומענעם העברעיִש. דעם זון האָט ער געלאָזט גיין אין כיידער און אינדערהיים האָט ער אים געהאלטן לערערס פאר טאנאך, רוסיש, דייַטש. צו 11 יאָר האָט שוין דער יונגער אווראָם אָנגעשריבן א שיר אף העברעיִש. אין זייַן אווטאָביִאָגראפיִע רעדט גאָלדפאדן פון זייַן פּאָטער מיט רעספּעקט און ליבשאפט.

איבער דער מוירע פאר רעקרוטן האָט דער פּאָטער געגומען אים לערנען די מעלאָכע (זייגערמאכערייַ), קעדיי דערנאָך אים איבערצושטעלן די גרענעץ קיין רומיניע, אזויווי דאָס האָבן דעמאָלט געטאָן אסאך ייִדן. אינגיכן אָבער איז געפונען געוואָרן אן אנדער מיטל: אין שטאָט האָט זיך געעפנט א קרוינישע ייִדישע פאָלקסשול, און אהין האָט אים דער פּאָטער אָפּגעגעבן. אין דערדאָזיקער שול, אגעוו, האָט אווראָם גאָלדפאדן געהאט פאר א לערער זעם געוויסן פּעדאגאָג און שרייַבער — א. ב. גאָטלאָבערן. בא גאָטלאָבערן האָט ער זיך פאריִנטערעסירט מיט „זשארגאָן".

1857 ענדיקט גאָלדפאדן די פאָלקסשול און קומט אָן אין דער זשיטאָמירער ראבינער־שול.

די זשיטאָמירער ראבינער־שול איז געווען א נעסט פון האסקאָלע. דאָ האָט גאָלדפאדן געהאט פאר לערער כ. ז. סלאָנימסקין, א. צ. צווייפלען, א. ב. גאָטלאָבערן; דאָ טרעפט ער זיך מיט לינעצקין. אין דער ראבינער־שול ווערט ער זייער פּאָפּולער מיט זייַנע לידער אף העברעיִש און ייִדיש. אין 1862 דרוקט ער אין „המליץ" א שיר („אדם לעת ערב"); קימאט אין דערזעלבער צייַט (1863) באווייַזט ער זיך אף ייִדיש אין „קול־מבשר". אין 1862 באטייליקט ער זיך אויך אין דעם ספּעקטאקל „סערקעלע", וואָס סלאָנימסקיס פרוי שטעלט, און שפּילט מיט גלאנץ די שווערסטע ראָליע, סערקעלע. אין 1865 לאָזט ער ארויס א ביכל העברעיִשע לידער „ציצים ופרחים" (זשיטאָמיר). זעט אויס, מיט דעמדאָזיקן ביכל אונטערן אָרעם האָט ער געפּרוווט זוכן שטיץ בא בארדיטשעווער פארמעגלעכע מאסקילים, נאָר ער האָט גאָרנישט געפּויעלט.

דאָס יאָר 1866 ענדיקט א. גאָלדפאדן די ראבינער־שול. דאָסזעלבע יאָר לאָזט ער ארויס דאָס ערשטע לידער־ביכל אף ייִדיש „דאָס יודעלע" (זשיטאָמיר). דאָס ביכל גיט אים מיטאמאָל פּאָפּולערקייט. אזויווי אלע זייַנע קאָלעגן, שטרעבט ער צו אוניווערסיטעטישער הויכבילדונג; ער קאָן דאָס אָבער ניט אויספירן איבער מאטעריעלע שוועריקייטן. ער ווערט לערער אין א קרוינישער ייִדישער שול, פריִער אין סימפע־

ראָפּאָל (1867), דערנאָך אין אדעס (פון 1868). אין אדעס לאָזט ער ארויס אַ ביכל לידער „די יודענע״ (1869). דאָ באקענט ער זיך מיט דער פאמיליע פונעם אָנגעזועע־נעם בראָדער מאסקיל ווערבל און האָט כאסענע מיט זײַן געבילדעטער טאָכטער.

דאָס קליינע געהאלט אין דער שול (18 רובל א כוידעש) קלעקט אים נישט צו עקזיסטירן. ער ווארפט אוועק די לערער־שטעל, ווערט פריער א קאסיר אין א הוט־געשעפט, דערנאָך עפנט ער אן אייגענעם הוט־מאגאזין. דאָס געשעפט גייט שלעכט, ער זעצט אָן און פארלאָזט רוסלאנד (1875).

אין אויסלאנד פרוווט גאָלדפאדען זיך צו נעמען פאר הויכבילדונג, קומט מיט דעם צוועק קיין מינכען, מוז אָבער,—מיסטאמע איבער מאטעריעלער נויט,—פארוואַרפן דעם געדאנק. דאָסזעלבע יאָר נאָך קומט ער קיין לעמבערג. דאָ טרעפט ער זיך מיט זײַן יוגנטפרײַנט לינעצקין, און ביידע נעמען ארויסגעבן א יידיש וואָכנבלאט דער „אל־טער ישראליק״ (שפעטער פאָשעט „ישראליק״). דאָס בלאט האָט אויסגעהאלטן נישט מער ווי א האלב יאָר: די רוסישע רעגירונג האָט פארווערט ארײַנצופירן דאָס בלאט קיין רוסלאנד, און דער „ישראליק״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אָנהייב פעווראל 1876. נישט מער גליק האָט גאָלדפאדען געהאט מיט א צווייט בלאט „איזראעליטישעס פאָלקס־בלאט״, וואָס ער האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע): ס׳האָט נישט אויסגעהאלטן מער ווי אַ האלב יאָר. מיט א זעלטענעם אונטערנעמער־גײַסט, וואָס האָט ביכלאל אויסגעצייכנט א. גאָלדפאדענען, לאָזט ער זיך קיין יאַס (רומיניע) מיט דעם געדאנק דאָרט ארויסצוגעבן א דריטן בלאט, אָבער דאָ פאסירט מיט אים עפּעס אזוינס, וואָס ציט אים אָפּ אף א שטיק צײַט פון ליטעראטור און שטעלט אים אף א נײַעם וועג. אין יאַס האָט ער שוין געטראָפן פארערער. די בראָדער זינגער וואָס פלעגן פאָרזינגען אין די ווײַנקעלערס, אין די זומער־גאָרטנס גאָלדפאדנס לי־דער (ווי אויך בערל בראָדערס, וועלוול זבארזשערס, לינעצקיס לידער), האָבן דאָ אין יאס זײַן נאָמען פּאָפּולער געמאכט. דער פאָלקסגעזאנג האָט שוין דאָ געהאלטן ערעוו איבערגיין צו טעאטער־שפיל: די זינגערס פלעגן זיך שוין „קאָסטיומירן״, ד. ה. זיך „פארשטעלן״ און ארויסטרעטן אין געזאנג־ראָליעס; פון די לידער האָבן זיי געמאכט קליינע קאָמישע געזאנג־סצענעס מיט טענץ.

אין יאַס, בא איינעם שימען מארק אין גאָרטן, האָט דעמאָלט געזונגען גראָדנער, א גרויסער פארערער גאָלדפאדנס, צוזאמען מיט יוסאָכער גאָלדשטיין. מארק האָט געוואָלט עקספּלואטירן גאָלדפאדנס פּאָפּולערקייט און אים פּאָרגעלייגט 100 פראנק פאר א דעביוט בא מארקן אין גאָרטן. גאָלדפאדן האָט שוין פריער אין אדעס ג ע־האט דעקלאמירט זײַנע לידער אין א „אינטעליגענטער״ געזעלשאפט; ער איז איצט אויך באשטאנען, האָט אָבער געקריגן א מיִעסן אָפּשניט: דער עולעם, וואָס איז גע־ווינט געוווען צו פּאיאצישע שטיק, האָט נישט געקאָנט אופנעמען קיין אײַראָפּייער אין פראק מיט קינסטלערישער דעקלאמאציע און האָט אויסגעפײַפט דעם דיכטער. דער דורכפאל האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן גאָלדפאדענען. פארקערט, דאָס איז געוואָרן „דער ליכטיקער אָנפאנג צו א פריילעכער צוקונפט״, ווי ג. דריקט זיך אויס. ג. האָט אָנגעהויבן נאָכצוקלערן, וויאזוי הייבט מען דעם פאָלקס געשמאק: „מע דארף אים געבן צו פארשטיין זײַן אייגן לעבן; מע דארף אים שאפן לעבנס־דראמען, אָדער בילדער פון זײַן אייגענעם לעבן, אין וועלכע עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען זײַן אייגענע אומוויסנ־קייט, זײַנע אייגענע פעלערן, און זאָל זיך באשטרעבן ביסלעכווײַז זיי צו פארבעסערן.

מע וואָלט אים באדארפט געבן היסטאָרישע שטיק, ער זאָל קאָנען לערנען פון דער בינע, אויסשפּילנדיק זיין אייגענע געשיכטע, זיין פארגאנגענהייט".

אזוי ארום איז גאָלדפאדען געוואָרן דער פאָטער פונעם יידישן טעאטער. אליין האָט ער געשאפן דעם טעקסט פון זיינע אָפּערעטעס, די מוזיק צו זיי, געווען דער רעזשיסער, דער טעאטער־דירעקטער. ער האָט אָנגעהויבן פון קליין, פון סצענעס פאר דער פּאָר גראָדנער — גאָלדשטיין, געשפּילט מיט זיי אין יאס, אין גאלאץ. שפּעטער האָט ער זיך צוגעקליבן אקטיאָרן,—אין דעם אויך א פרויען־פּערסאָנאל (נישט קיין קלייניקייט פאר יענע צייטן!),—און געשאפן גרעסערע פּיעסעס. צו דער צייט פון דעם רוסיש־טערקישן קריג (סאָף 1877), וואָס האָט צוגעצויגן קיין רומעניע א גרויסע צאָל רוסישע יידן ליווראנטן און זייערע אָנגעשטעלטע, ציט ער זיך איבער מיט זיין טרופּע קיין בוקארעשט. אָנהייב 1879 (נאָך דער מילכאָמע) טרעפן מיר שוין גאָלדפאַדענען אין רוסלאנד. מעשעך די יאָרן 1879 — 1883 שפּילט גאָלדפאדען אין אדעס פּאָלטאווע, כארקאָוו, מינסק, מאָסקווע, פּעטערבורג, ריגע א. אז. וו. גאָלדפאדנס טעאטער ווערט זייער פּאָפּולער בא דער פאָלקסמאסע. דעם 17־טן אווגוסט 1883 גייט ארויס דער פארבאָט אף יידיש טעאטער. נאָך א קורצן אופבלי און א מער־ווייניקער גע־זיכערטער עקזיסטענץ הייבן זיך אָן פאר גאָלדפאדענען שווערע יאָרן פון נויט און וואנדער־לעבן. ער נעמט זיך ווידער פאר ליטעראטור. די יאָרן 1883 — 1884 לאָזט ער ארויס אין אָדעס צוויי לידער־זאמלונגען „דאָס פידעלע" און „ישראליק". שפּעטער דרוקט ער אין אדעסער פּאלעסטינעפּילישן „וועקער" (1887) די באקאנטע לידער „א שטיין פון הארצן" און „יודל סעמיט". א קורצע צייט (1886 — 1887) עפנט זיך פאר זיין טעאטער ווידער א לעגאל שפּעלטל, אין ווארשע. (אגעוו, אין ווארשע טרעפט ער זיך מיט פּערעצן). אָבער אינגיכן ווערט די טיר פאר לעגאל יידיש טע־אטער אין רוסלאנד פעסט פארהאקט, און גאָלדפאדן פארלאָזט רוסלאנד; — דאָס מאָל אף שטענדיק.

אין 1887 קומט גאָלדפאדן אָן קיין ניו־יאָרק. ער האָט דאָרט געטראָפן אסאך זיינע טעאטער־טאלמידים, אָבער אופגענומען האָט מען אים קאלט: די אקטיאָרן האָבן אונטער זיין פירונג נישט געוואָלט שפּילן, און נאָך א קורצן פּרווו האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון טעאטער־ארבעט. ער הייבט אָן ארויסצוגעבן א וואָכנבלאט „ניו־יאָרקער איליוסטרירטע צייטונג" (1887 — 1888), האָט דערמיט אויך קיין מאַזל נישט און פארלאָזט אמעריקע. אָנהייב 1889 טרעפן מיר אים שוין אין לאָנדאָן, דערנאָך אין פאריזש. דאָ פּלאנט ער צו עפענען א טעאטער, אינזינען געהאט די סיטואציע מיט דער אלוועלטלעכער אויסשטעלונג דעמאָלט אין פאריזש. פון א בריוו צו שאָלעם־לייכעמען (דעקאבער 1889) איז צו זען, אז זיין מאטעריעלע לאגע אין פאריזש איז געווען גיט שלעכט; באלד אָבער ווערט זי ערגער: פון די פאריזשער טעאטער־פּלענער איז גאָרנישט ניט געוואָרן, און אין 1891 קומט ער קיין גאליציע. דאָ באנייט ער ווידער זיין טעאטער, שפּילט עטלעכע יאָר אין גאליציע און אין רומיניע.

צו 1896 איז זיין טעאטראלע קאריער אזוי גוט ווי פארענדיקט. גאָלדפאדן נעמט זיך ווידער פאר ליטעראטור. אין קראָקע דערשיינט זיין פּאָעמע „שאבסיעל" (1897), „יודישע נאציאָנאל־געדיכטע" (1898); ער דרוקט אָפּ זיינע באקאנטע אָפּערעטעס: „אקיידאס ייצכאָק" (1897), „מאָשיעכס צייטן" (1900); ער דרוקט לידער אין פארשי־דענע זאמלביכער; ס'ווייזן זיך זאמלונגען פון זיינע טעאטער־לידער. זיין מאטעריעלע

לאגע איז א שווערע. פון 1898 אן איז גאָלדפאדן ווידער אין פאריז, פּאָרט אונטער צײַט אף צײַט קיין לאָנדאָן. אין 1904 קומט ער א צווייט מאָל קיין ניו־יאָרק. זײַנע פארערער, געוועזענע טאלמידים, פויעלן אויס בא די טעאטערס א שטיק פאר אים. מע מאכט אים א בענעפיס. ער שרײַבט אָן די לעצטע פּיעסע „בן עמי", באגעגנט א ווארעמען אופנעם באם אוילעם. באלד דערויף (9/1 1908) שטארבט ער אין ניו־יאָרק.

גאָלדפאדנס רעפּוטאציִע שטייט אף זײַן טעאטער־אופּטו און דראמאטורגיִע, אסאך ווייניקער אף זײַנע ליטעראריש־קינסטלערישע פּארדינסטן. אין זײַנע פּיעסעס האָט גאָלדפאדן אָנגעהויבן פון אָפּשפּעטן דעם אלטפרענקישן יידישן לעבנשטייגער, מיט דעם באלעבאטישן שידעך, מיט דעם יאָגן זיך נאָך געלט און ייכעס, מיט דער צוויִעס און נארישקייט פונעם אלטן דאָר. אקעגנגעשטעלט איז דאָ דער יונגער אופגעקלערטער דאָר („די באָבע מיטן איינִיקל", „שמענדריק", „צוויי קוני־לעמלעך" א. אנד.). אָבער דאָ איז אייגנטלעך נישט געגעבן דער שטרײַט צווישן פּאָטערס און קינדער, אָדער דערדאָזיקער שטרײַט שפּילט דאָ א נעבנראָליע; — די קאָמישע סיטואציִעס וויגן דאָ איבער די אייגנטלעך מאסקילישע טענדענצן. נעמען מיר, אשטייגער, די פּיעסע „די ביידע קוני־לעמל". פּאָרמעל איז דאָ געגעבן דער שטרײַט צווישן אלטן און נײַעם דאָר. ר' פּינכעסל, „א שיינער ייִד", א פארברענטער כאָסיד, זוכט פאר זײַן געראָטן, אופגעקלערט טעכטערל כײַעלע (קאראָלינע) א כאָסן מיט יידישקייט און ייכעס און איז זי' קאפּאבל אויסצוגעבן פאר קוני־לעמלען, א האלבן אידיאָט, א בלינדן אף אן אויג, א הינקנדיקן אף א פוס, א שטאמלער. כײַעלע־קאראָלינע איז שוין א הײַנטוועלטיקע. זי זאָגט וועגן זיך:

ארויס בין איך אין גאָרטן, אין דעם זיטן,
פון בילדונג האָב איך דערשמעקט די זיסע לופט.

די בילדונג האָט זי געגנאשט באם לערער, באם סטודענט מאקס, און ער פערזאָניפיצירט פאר איר די בילדונג:

צווישן כסידים בין איך דאָך ערצויגן,
בלינדע מענטשן געזען פאר די אויגן...
פלוצים, ווי האָב איך געמעגט מיך שעמען
צו דערזען א שיין־געבילדעטן מאן...

דאָס יונגע פּאָרל איז פארליבט. זיי האָבן נישט קיין שום אויסזיכטן צו פויעלן באם פאנאטישן פּינכעסלען מיט גוטן; — פאלט מאקס אף א קונצשטיק און נארט אים אָפּ. סאָפּקאָלסאָף פּירן זיי אויס זייערס.

קוקט מען זיך אָבער צו צום גאנצן געראנגל אין דער פּיעסע, איז זעט מען, אז דאָס איז גאָר קיין שטרײַט נישט, און דאָ שטעקט קנאפּ העלדישקייט. די יונגע געווינען נישט מיט מוט, נישט מיט אנקעגנשטעלן זיך; — זיי פּירן אויס מיט א קונץ, אזויווי אין גאָטלאָבערס „דעקטוך": מאקס פּאָרשטעלט זיך פאר קוני־לעמלען, מאכט זיך פאר א לאמעד־וואָווניק, פּראוועט פּאָקוסן מיט ארויפּברענגען די נעשאָמעס פון זײַן געהויבענער מישפּאָכע און נארט אָפּ און שרעקט אָן אזוי ווײַט דעם נאיִוון פאנאטישן פּינכעסלען, אז יענער שרײַבט מיט אים טנאָיִם. ווען דער עמעס אנטפּלעקט זיך, איז ווידער קײַן שום דראמע נישט. פּארקערט, פּינכעסל איז שוין איצט אן אנדערער: ער איז איבערראשט דערפון, וואָס זיי, די יונגע, זײַנען אזוי קלוג און האָבן אים צום

נאָר געשטעלט; ווײַל ער אויך זײַן אַ כאָכעם און מיט די יונגע; ער פאַרטרײַבט פון זיך די כסידים.

דער אינטערעס פון דער פּיעסע איז קאָנצענטרירט אויף די קונצשטיק, אויף די קאָמישע סצענעס צווישן פּינכעסלען און זײַן פרוי, צווישן דעם פאַרשטעלטן מאַקסן און דעם עמעסן קוני־לעמלען, אויף דער פיגור פונעם קאָמישן שאַדכן מיט זײַן שטענדיקן רעפרען „כאַפּט ניִשט“, אויף דעם אידיאָטישן קוני־לעמל א. ד. גל.

אָבער גאָלדפאַדן גופא איז געווען ניט צופרידן מיט די ערשטע פּיעסעס זײַנע און איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו „נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּיעסעס“ („שולמית„, „בר כוכבא“ א. אַז. וו.), צום „הויך־נאַציאָנאַלן“ פּאַטאָס, און די דאָזיקע פּיעסעס האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן קרוין. אָט די דאָזיקע טענדענץ זעען מיר צו אין זײַנע ליטעראַרישע ווערק אויך. דאָ זעען מיר צום אַלעם ערשטן די פּיעטעט פאַר דעם „נאַציאָנאַל־היסטאָרישן“, דאָס געפיל פאַר דעם קאָמישן אין ייִדישן לעבנשטייגער („דאָס יודעלע“, „די יודענע“); אַ קלענער אָרט פאַרנעמט דאָ דער שטרײַט פאַר האַסקאָלע־אידעאַלן (אַגעוו, אין דער זאַמלונג „די יודענע“ איז שוין פאַראַן זײַן ערשטע פּיעסע: „די מומע סאָסיע“). מיר האָבן שוין געזען, אַז הײַנטוועלטיקייט און בילדונג איז גאָלדפאַדענען אָנגעקומען זייער לײַכט: ער האָט געלערנט אין אַ קרוינישער פאָלקסשול, דערנאָך אין דער ראַבינער־שול. אויף דעם דאָזיקן וועג האָט אים דער פאָטער געפירט און געשטיצט; ער האָט פאַרשפּאָרט דערפאַר דאָס מינדסטע צו שטרײַטן, — פונקט פאַרקערט, ווי בײַ לינעצקין, אַשטייגער, וואָס איז אויסגעשמאַדן פאַר אַ האַסקאָלע־ביכל שווערע פּײַן און נויט און איז צו סיסטעמאַטישער בילדונג קיינמאָל נישט געקומען. דאָס לעבן אין אַ גרויסער שטאָט, אָדעס, די סוויווע פון אינטעליגענץ און אויפגעקלערטע סאָכרים דאָרט, שפּעטער דאָס לעבן אין אויסלאַנד, פרײַ פון דעם דרוק פון דער פרומפאַנאַטישער קליינשטעטלדיקער סוויווע, וואָס האָט ביטער געמאַכט דאָס לעבן דעם עלטערן דאָר מאַסקילים, — דאָס אַלץ האָט אויך געווירקט אויף גאָלדפאַדענען אין דערזעלבער ריכטונג: ער האָט ניט געהאַט דעם אימפּולס פאַר דעם נאַיִון, פּרימיטיוון שטרײַט פאַר האַסקאָלע־אידעאַלן, וואָס יענער פאַרביטערטער עלטערער דאָר. די צײַטן זײַנען שוין אויך געוואָרן אַנדערע. פאַרקערט, ער האָט שוין פאַרמאָגט גענוג וועלטלעכע דערפאַרונג און אַ קריטיש אויג פאַר דער „פאַלשער ציוויליזאַציע“, פאַר דער אויבערפלעכלעכער הײַנטוועלטישקייט, וואָס האָט איבערגענומען אויסערלעכע מאַנירן אָן אַ טיפערן נײַעם אינהאַלט.

וועגן זײַן פּאָעזיע זאָגט גאָלדפאַדן גופא אין אַ בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען (פונעם 20 דעק. 1889): „אַלס ייִדישער פּאַטריאָט איז דאָ געוויסע צײַטן, וואָס מײַנע געפילע ערוועקן מיך צו זינגען פאַר מײַן פאָלק; אַלס מענטש האָב איך צײַטן, וואָס מײַנע געפילע ערוועקן מיך צו זינגען פאַר מיר אַ דאָמאַשנע (היימיש. נ. ש.) ליד“ [1]. אין גאָלדפאַדנס ערשטער לידער־זאַמלונג, אין „דאָס יודעלע“, קומט צום וואָרט קודעמקאָל דאָס „פּאַטריאָטישע“. ער איז באַגײַסטערט פון דעם „פּינטעלע ייִד“, פון „ייִדלען“, וואָס ברענט נישט אין פײַער און דערטרינקט נישט אין וואַסער, פון ייִדלס ייִכעס און פון זײַן פעיִקײַט אַלצדינג איבערצוטראָגן פאַר זײַן עמונע, וואָס לײַכט אים און שײַנט אים. אין בעסטן פאַל זאָגט דער דיכטער אַביסל מוסער זײַן ייִדל, ער זאָל נישט דינען דעם „גאָלדענעם קאַלב“, ער זאָל זיך אויסלײַטישן בִּיכלאַל.

1) „גאָלדפאַדן־בוך“, ניו־יאָרק, 1926, ז. 30.

דיזעלבע מאָטיוון כאזערן זיך איבער אין „דאָס יודל", אין דעם „יִכּעס־שידעך", „דער פײַל־און בויגן" א. אז. וו. א קלענער אָרט פארנעמט אין ביכל „דאָס דאָמאַ־שנע" ליד (לירישע א. אנד. מאָטיוון). ער זעט די אָרעמקייט, דאָס פארכווישעכטע יידישע לעבן, און האָט פאר דעם מיטלייד, אָפטמאָל א הומאָריסטישן טאָן („האמאור־דיל", „דאָס פארזאָרגטע באלעבעסל"). ער זעט די שווינדל־געשעפטן, דאָס דינען צום „גאָלדענעם קאלב" און דעם וויכטן סאָף דערפון („די קלינגערס בים, בים, באָם", „די ווינטמיל"). אין „דור הולך ודור בא" האָבן מיר דעם עלעגישן מאָטיוו פון טויט, וואָס לויערט אפן לעבן, און פון דעם שטרעבן צו לאָזן נאָך זיך א זייכער אף דער וועלט. פון די אייגנטלעכע האסקאָלע־מאָטיוון טרעפן מיר דאָ „א פריילעך כאָסידל": אין א הומאָריסטישער פאָרמע שטעלט ער דאָ ארויס דאָס כאָסידל, וואָס שפעט אָפּ פון די נײַמאָדנע „פראנצויזן" (אופגעקלערטע) און אנטפלעקט דערבײַ די גאָרע היני־טערשטעליקייט פון זײַן לעבן און דענקען, — א מאָטיוו, וואָס איז אונדז שוין באקאנט בא וועלוול זבארזשער א. אנד.

דערעך אגעוו ווארפט ער אויך א שטיין די קאָהאָלשע רעדלפירער:

קוק, אין אַ שטוב זיצן א גאנצע נאכט,
מענטשן פרומע איינס אין דער וועלט,
דאָ זיצט דאָס קאָהאָל, מע קלערט, מע טראכט,
מענטשן פארקויפן פאר געלט.

(„דער מאלעך").

דאָס איז גאָלדפאדנס דעביוט אין דער צײַט ווען ס'איז געשאפן געוואָרן מענ־דעלעס „דאָס קליינע מענטשעלע", נאָך אקסנפעלדס „דער ערשטער יידישער רעקרוט", „דאָס שטערנטיכל" א. אז. וו.

צו פאָעזיע, ווי מיר האָבן שוין געזעען, קערט זיך גאָלדפאדן ווידער אום שוין פון זײַן טעאטער. דאָס קומט שוין פאָר נאָך די פאָגראָמען די 80־טער יאָרן. די רע־אקציע, וואָס לאָזט זיך דאן מערקן בא א טייל יידישע און העברעישע שרײַבער, אלטע האסקאָלע־שטרײַטער, מײַדט ניט אויס גאָלדפאדענען אויך. א געוויסע פאָרויסזעצונג איז שוין דאָ געווען אין דעם „פאטריאָטיזם" נאָך גאָר פון די יונגע יאָרן. דאָס גאָ־לעס־לעבן אין אויסלאנד, אָפּגעריסן פון דער יידישער מאסע, פון די נײַע סאָציאַלע פראָצעסן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דאן אויספורעמען אין דער מאסע, די פארבי־טערטקייט איבער דעם קראַך פון דעם גלאנציקן טעאטער־אָנהייב א. אז. וו. מאכט גאָלדפאדנס געמיט נאָך שווערער, דעם „פאטריאָטיזם" נאָך געדיכטער: פאָגראָם־מאָטיוון פארנעמען דאָ א היפּש אָרט. „פאָגראָמען", — דאָס איז אן ענטפער אף דעם יידישן אסימיליאציע־ברען. דער ייד איז אין דער וועלט א פרעמדער; א מענטש וועט ער ווערן „אין זײַן היים", אין פאלעסטינע.

דאָס בעסטע אין דער כאראָקטע־פאָעזיע איז, וואָס גאָלדפאדען דערזעט דאָ נאָך עפעס, כוץ „נאציאָנאלן האס", — ער דערזעט עקספּלואטאציע אויך. ער לייגט ארײַן „וואָניושען" אין מויל ארײַן אזוינע רייד:

געצילט האָט מײַן שטיין נאָר צום יידישן פאן;
ער ווינט אָבער הויך, האָט ער אים ניט געטראָפן,
און איז געפאלן „פאָ אָשיבקע" צום קאפּצן ארײַן [1].

1) „וואָניושע בען־ישײַ". ווארשע 1910.

אָבער ארום און ארום איז דידאַזיקע פּאָעזיע שוין גאָלדפאדענס יערידע.

אין דער פאָלקס־מאסע איז גאָלדפאדן געוואָרן פּאָפּולער גראָד מיט זײַנע ערשטע לידער, ווו ער ווײַזט ארויס א מונטער געמיט, פארשטאנד פאר דעם יידישן לעבן און פאר דער יידישער אָרעמקייט. אייניקע פון דידאָזיקע לידער זײַנען ארײַן אין פאָלקס־רעפּערטואר (פון די אָפּערעטע־מאָטיוון שוין נישט צו רעדן).

איך ברענג דאָ א שטיק פון „די ביידע קוני־לעמל" (ווארשע, 1927); די לידער: „א פריילעך כאָסידל", „די ווינטמיל", „דער מאלעך", און „דור הולך ודור בא", גענומען פון „דאָס יודעלע", פארלאג י. לידסקי, ווארשע, 1903.

ליטעראטור: „גאָלדפאדן־בוך" מיט ד״ר י. שאצקיס רעדאקציע, אויסגאבע פון יידישן טעאטער־מוזיי, ניו־יאָרק 1926; נ. אויסלענדער, או. פינקל: „א. גאָלדפאדן", אויסגאבע פון אינסטיטוט פאר ווײַסרוסלענדישער קולטור, מינסק, 1926; מ. שטארקמאן: „גאָלדפאדן און שמ״ר" (דאָרט, אגעוו, אויך גאָלדפאדנס א בריוו צו שמ״ר׳ן) אין „פנקס"—א פערטליאָריקער זשורנאל פאר יידישער ליטעראטור־געשיכטע, שפראכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראפיע, ב. ו, העפט ו—וו, ניו־יאָרק, 1927; ד״ר י. שאצקי: „א ניט פארעפנטלעכטער בריוו פון א. גאָלדפאדן צו שאָלעם־אלייכעמען" פונעם 26/ו 1889 אינעם זעלבן „פנקס", העפט 3, ניו־יאָרק, 1928.

דער אינהאלט פון „די ביידע קוני־לעמל" איז אזוי:

ר׳ פינכעסל, א רײַכער סויכער, א ווילד־פאנאטישער כאָסיד האָט א טעכטערל כײַעלע (זי רופט זיך „קאראָלינע"). די פרוי זײַנע, ריווקע, שוין מער הײַנט־וועלטיק, לאָזט כײַעלען לערנען בא סטודענט מאקס. כײַעלע ווערט אָן אופגעקלערטע; זי איז פארליבט אין מאקסן. דער ערשטער אקט הייבט זיך אָן מיט א מעלאווע־מאלקע בא ר׳ פינכעסלען אין שטוב. די כסידים ווינטשן אים צו איניגיכן באם טעכטערל אף א קנאסמאָל. ר׳ פינכעסל טרוימט צו קריגן פאר איר א כאָסן, א זײַדענעם כסידישן יונגערמאן זײַן־גלײַכן. ריווקע וויל דאָס נישט לײַדן: כײַעלע וועט נעמען א כאָסן, וואָס זאָל איר געפעלן. ס׳קומט צו א קאָמישן צוזאמענשטויס צווישן מאן און ווײַב: יעדער פון זיי האלט, אז א כאָסן פאר כײַעלען, דאָס איז זײַן זאך, מע קארגט זיך נישט קײַן שפּאָט־ווערטער.

ס׳באווײַזט זיך דער שאדכן קאלמען, א קאָמישע פיגור, וואָס האלט שטענדיק אין מויל די ווערטער „כאפּט ניט". ער שלאָגט אָן ר׳ פינכעסלן א שידעך: קוני־לעמלען. דער כאָסן הינקט אפילע אף א פוס, איז בלינד אף אן אויג און רעדט „שטשיפּיליאווע" (שטאמלט), אָבער דאָס איז קײַן כיסאָרן נישט פאר אזא „עוון־טאָוו", א זײַדענעם יונגנמאן; ביפראט, אז ער איז פון גרויס ייכעס: זײַן פאָטער, שאָלע־מוניו, איז פארנעס־כוידעש אין קראָקע, גאבע באם רעבן א. אז. וו. ר׳ פינכעסל איז מוסקעם; ער האָט אָבער מוירע פאר דער פרוי און טאָכטער; רעדט ער אָפּ מיט קאלמענען, אז דער כאָסן זאָל פריער פארפאָרן צו אים (צום שאדכן), און דערווײַל וועט ער דאָ זען אלץ רעכט מאכן.

ס׳ווײַזט זיך קאראָלינע און זינגט אָפּ א ליד, וויאזוי זי איז דערוואקסן און דערצויגן צווישן כסידים פאנאטיקער. איצט האָט זי „דערשמעקט די זיסע לופט פון בילדונג", זי האָט דערזען „א שיין געבילדעטן מאן" (מאקסן); מע זאָגט איר אָבער: ער איז „ניט פאר דיר". זי לאָזט זיך אין בולוואר ארײַן אף ראנדעוווּ מיט מאקסן.

א כעוורע לוסטיקע סטודענטן פארברענגען מיט פריילעכן געזאנג אין בולוואר; צווישן זיי — מאקס. ס׳קומט צו רייד פון זײַן ליבע. ער באקלאָגט זיך, אז דער „גע־בראָטענער כאָסיד״ (פינכעסל) וועט אים נישט וועלן.

ס׳קומט קאראָלינע. א ליבע־סצענע. קאראָלינע דערציילט מאקסן וועגן דעם שי־דעך מיט קוני־לעמלען. ס׳שטעלט זיך ארויס, אז דאָס איז זײַן פעטערס שטיף־זון. דער פעטער, שאָלעמוניו, איז אזא פרײַדענקער, ווי מאקס פאָטער, דער דאָקטער, נאָר אזוי־ווי ער האָט נישט געקאָנט שטודירן, מוז ער שפּילן די פרומע ראָליע. מאקס פאלט אף א פּלאן: ער וועט זיך פארשטעלן פאר קוני־לעמלען. דאָס איבעריקע וועט שוין קאראָלינע צוזען פארטיקערהייט. מאקס בעט זײַנע קאָלעגן אים צו העלפן. זיי זאָגן צו.

דער צווייטער אקט הייבט זיך אָן בא קאלמען שאדכן אין שטוב. זײַן טאָכטער ליבע, א נאריש מיידל, קלאָגט זיך אין א ליד, אז אלע מיידלעך האָבן כאסאנים, נאָר זי ניט. ס׳קומט ארײַן קאלמען און דערציילט איר, אז אהער דארף אײַנגיכן קו־מען קוני־לעמל. ער זאָגט איר צו, אז באלד ווי ער קריגט דאָ דאָס שאדכאָנעס־געלט גיט ער איר א כאָסן.

ס׳ווײַזט זיך קוני־לעמל (דער פארשטעלטער מאקס). ער שפּילט די ראָליע פון א אידיאָט, באמערקט אָבער ליבען און פרעגט, צי זײַן קאלע איז אויך אזוי שיין.

אונטער פיר אויגן מיט ליבען ווארפט ער אראָפּ באָרד און פייעס, הערט אוף צו הינקען און צו שטאמלען און דערקלערט זיך איר אין פײַערדיקער ליבע. זי באשטייט צו ווערן זײַן קאלע.

א סצענע אין קראָקע. „א יידישער פאקל־צוג״ אום הוישײַנע־ראבע. כסידים פירן שאָלעמוניון מיט פּאראד און געזאנג אין שול ארײַן און מע קלײַבט אים אויס פאר גאבע. דערווײַל קריגט ער קאלמענס מעליצעדיקן בריוו וועגן שידעך און באוואונדערט, וואָס אף זײַן שטיף־זון, קוני־לעמלען, „איז שוין אויך געקומען אן אויסכאפּעניש, — און דאָס מאכט אלץ אָן ייכעס״. אָבער ער איז צופרידן פאָטער צו ווערן פון דעם „שיין שטיקל צירונג״.

ס׳ווײַזט זיך קוני־לעמל מיט א סימכעס־טוירע־פאָן. ס׳שפּילט זיך אָפּ א קאָמישע סצענע. שאָלעמוניו דערציילט אים, אז ער ווערט א כאָסן, און יענער זאָגט אים, אז ס׳איז א ליגן. ער ווײַזט ארויס זײַן אידיאָטישקייט, פּרוווט ווײַזן דעם פאָטער, אז ער שטאמלט נישט (און קאָן קיין וואָרט גאנץ נישט ארויסברענגען) א. אז. וו.

דעם דריטן אקט ברענג איך גאנצערהייט. קורץ איז דאָס אזוי: קאראָלינע מאכט דעם אָנשטעל, אז זי איז גרייט צו פאָלגן דעם פאָטער און ווערן קוני־לעמלס קאלע. ס׳ווײַזט זיך קוני־לעמל (דער עמעסער), ער מאכט אף פינכעסלען א שווערן אײַנדרוק. און פינכעסל האָט שוין כאראָטע. אָבער קאראָלינען געפעלט קלוימערשט דער כאָסן, זיכער, אז דאָס איז דער איבערגעטאָנענער מאקס, באוואונדערט זי, אויג אף אויג, ווי קונציק ער שפּילט די ראָליע, און וויל אים א קוש טון. אָבער קוני־לעמל אנט־לויפט מיט א ווילד געשריי „שמא־ייסראָעל״.

אז ר׳ פינכעסל דערהערט וועגן קוני־לעמלס „פארשווינדן״, מאכט דאָס אף אים א גרויסן אײַנדרוק: „פארשוווּנדן געוואָרן! אוועקגעפלויגן״, — נישט אנדעריש נאָר א צאדיק, א לאמעד־וואָווניק.

ס׳ווײַזט זיך מאקס, פארשטעלט פאר קוני־לעמלען, און, אויג אף אויג, לאָזט ער זיך דערקענען צו קאראָלינען. זי דערציילט אים, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דעם

ווײַטערדיקן פלאן בויט מאקס אף ר׳ פינכעסלס אײַנרעדעניש, אז קוני־לעמל איז א לאמעד־וואָוויק. ס׳קומט ווידער ארײַן קוני־לעמל (דער עמעסער), אָבער מאקס פאר־יאָגט אים מיט אן אָנגעשריי, אז ער איז א שווינדלער, נישט דער עמעסער קוני־לעמל. פאר פינכעסלען מאכט דער פארשטעלטער מאקס דעם אָנשטעל, אז ער איז פארטיפט אין א שמועס מיט די נעשאָמעס פון זײַן הייליקער מישפּאָכע. ער מוז זיי אהערצו ארויפבּרענגען, זיי זאָלן מוסקעם ווערן אף זײַן שידעך. קאמראדן סטודענטן אין ווײַסע טאכריכים שפּילן די ראָליע פון יענע נעשאָמעס און זאָגן: יאָ. ר׳ פינכעסל איז געפּלעפּט פון דער סצענע.

דער פערטער אקט הייבּט זיך אָן מיט טנאָים בּא ר׳ פינכעסלען אין שטוב (מיט דעם פארשטעלטן מאקסן). אינמיטן דער סימכע בּאווײַזט זיך דער עמעסער קוני־לעמל; ער האָט געבּראכט פון זײַן שטאָט כסימעס, ווער ער איז, אָבער קיינער גלויבּט אים נישט. פינכעסל יאָגט אים ווי א שווינדלער. דעם בּריוו מיט די כסימעס האָט קוני־לעמל פארלוירן. ס׳קומט קאלמען שאדכן. אזיווי קוני־לעמל לייקנט, אז ער איז געווען בּא אים אין שטוב (געווען איז דער פארשטעלטער מאקס), האלט אים קאלמען אויך פאר א שווינדלער. קוני־לעמל דערמאָנט קאראָלינען, אז זי האָט אים געוואָלט א קוש טון, אָבער זי וויל אים אויך נישט דערקענען. קוני־לעמל גופע הייבּט שוין אָן צו צווייפלען, ווער איז ער. סווײַזט זיך קאלמענס טאָכטער, ליבּע, און כאפּט זיך אָן אין קוני־לעמלען: ער האָט זיך איר געשווירן אין ליבּע, איצט וויל ער זיך אויס־דרייען פון איר. זי דערציילט ר׳ פינכעסלען, אז ער איז א פארשטעלטער: איר האָט ער געוויזן, אז ער הינקט נישט און שטאמלט נישט, האָט נישט קײַן בּאָרד און פּייעס.

ס׳קומט ארײַן שאָלעמוניו און שטעלט פעסט, אז קוני־לעמל איז טאקע קוני־לעמל, זײַן שטיף־זון. אגעוו, דערציילט ער ר׳ פינכעסלען, אז מאקס איז זײַן בּרודערס א זון. ער האלט דערבּײַ א לענגערע מוסער־רעדע: שוין צײַט אוועקצוווארפן דאָס נאריש־קייט מיט ייכעס; ר׳ פינכעסל האָט איבּער דעם שיר נישט אומגליקלעך געמאכט זײַן קינד. ער, שאָלעם, איז אויך נישט קײַן פאנאטיקער, ער מוז בּלויז שפּילן די פאלשע ראָליע. מאקס איז אזוי פרום ווי מיר, נאָר דערצו נאָך געבּילדעט. זאָל ר׳ פינכעסל נעמען פאר ליבּ דעם נײַעם שידעך.

ס׳ווײַזט זיך מאקס, מאָדערן געקליידט, מיט קאראָלינען געאָרעמט. ער דעקט אוף ר׳ פינכעסלען, אז די מײַסע מיט די נעשאָמעס פון זײַן מישפּאָכע איז א מיסטיפי־קאציִע. אלע לאכן. מאקס רעדט צו קוני־לעמלען, ער זאָל נעמען ליבּען. קוני־לעמל איז מוסקעם. ער גייט אוועק מיט א סימכע: „אָבער ק... קוני־לעמל בּין איך טאקע!״.

די לעצטע סצענע שפּילט זיך אָפּ בּא ר׳ פינכעסלען אין גאָרטן. ס׳קומען כסידים אָפּגעבּן מאזלטאָוו, זיי קריגן אָבער אן אָפּשניט פון ר׳ פינכעסלען: ער איז מער נישט מיט זיי. די יונגע, די הײַנטוועלטיקע, האָבּן זיך ארויסגעשטעלט פאר כאכאָמים, וויל ער זײַן מיט זיי, מיט די קלוגע.

די סצענע שליסט זיך מיט א פריילעך געזאנג פון מאקסן און זײַנע קאָלעגן־סטודענטן.

אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען.

די ביידע קוני-לעמל.

אָפּערעטע אין 4 אַקטן און אין 8 בילדער.

דריטער אַקט.

ערשטע סצענע.

פינפטעס בילד.

(שטעלט פאָר ר' פינכעסלס צימער. פון ביידע זייטן טירן. אינדערמיט אַן אַרקע, פון וועלכער מע זעט אַרויס אַ סאָד. ריוקע מיט פינכעסלען קומען אַרויס פון דער לינקער זייט; זיי האַלטן ביידע אין אַ געשפּרעך).

ריווקע. (מיט אַ געשריי) ניין, ניין, דו וועסט עס בא מיר ניט פּויעלן. איך וויל ניט האַנדלען קיין קאָץ אין קיין זאַק! ווייניקסטנס האָסטו אים געזאָלט שרייבן, דעם כאָסן קוני-לעמל, אַז ער זאָל ניט פאַרפאָרן צום שאַדכן, נאָר גלייך צו אונדז, וואָרעם טאָמער איז ער בעעמעס אַזאַ מין פאַרזעעניש, וואָלטן מיר אים געזען פון דאַנען צו פּאַטערן, און קיינער וואָלט דערפון גאָרניט געוווּסט.

פינכעס. בעהיימע, וואָס דו ביסט! דעם סייכל האָב איך דאָך אַליין געהאַט אָן דיר. באַלד נאָכדעם ווי איך האָב געהייסן קאַלמען שאַדכן, ער זאָל אָוועקשרייבן אַ בריוו צו ר' שאָלעמוניון, אַז זיין זון קוני-לעמל זאָל צו אים פאַרפאָרן, און דאָרט זאָלן מיר אים מעקאַבל פּאָנעם זיין, האָב איך טאַקע טייקעף אומעיאַד אָוועקגעשריבן אַ בריוו, טאַקע צו דעם אייגענעם ר' שאָלעמוניון, אַז זיין קוני-לעמל זאָל צו אונדז פאַרפאָרן, און מיר זאָלן אים דאָ מעקאַבל פּאָנעם זיין. נאָר הער זשע אויס, ריווקע, מיט דיר וויל איך אויסנעמען איין זאַך. מיילע, דו ביסט דיר אַ ספּאָדעק, זיי דיר אַ ספּאָדעק, מאַך כאָטשע ניט אונדזער טעכטערל פאַר קיין קליין ספּאָדעקל! דו, אַז דו ווילסט ניט, מעגסטו מיך ניט הערן; דאָס קינד אָבער דאַרפסטו לערנען, אַז זי זאָל דערעכערעץ האָבן פאַר אַ טאַטן, זאָל פאָלגן אַ טאַטן. דער קוני-לעמל, פאַרשטייסטו, איז מעכוּיעוו יעדער מינוט אַריינצופאַלן צו אונדז אין שטוב אַריין; האָב איך געוואָלט פריער מיט אונדזער טעכטערל כייקעלע איבערשמועסן מיקויעך אים. וויל איך דיך בעטן, זאָלסט מיר כאָטשע אַף דער מינוט ניט זיין דערווידער. פאַרקערט, דו ביסט דאָך אַ מאַמע, דאַרפסטו זען, אַז מיר זאָלן זי ביידע איינעם צורעדן, ווייל אין צווייען, פאַרשטייסטו, איז דאָך שטאַרקער.

ריווקע. נו, פרעג איך דיך אַליין, פינכעסל, איז דאָס ניט קיין אווירע זי צו צורעדן צו אזא אנטיק?

פינכעס. איך זאָג דאָך דיר, בעים אז זי וועט ניט וועלן, וועל איך זי ניט נייטן. דו טו מיר נאָר צוליב אף דער מינוט און זײַ מיר ניט דערווידער. — ווייסטו וואָס? דו קאָנסט זיך דאָך ניט אײַנהאלטן, מיש זשע דיך ניט, און שטיי פונווײַטן און שווײַג. נו, זאָגסט מיר צו? (ריווקע ענטפערט אים ניט). אָט וועל איך זי טאקע טייקעף ארײַנרופן און מיט איר איבערשמועסן (ער גייט צו צו דער טיר לינקס און שרײַט ארויס): כײַעלע, כײַעלע טאָכטער!

צווייטע סצענע.

(קאראָלינע קומט ארײַן. ער פירט זי צו צ' דער מיט בינע).

קאראָלינע. וואָס איז, פאָטער?

פינכעס. קום אהער, טאָכטער, צו דײַן געטרײַען טאַטן. איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן. מינאסטאם האָט דאָך דיר די מאמע שוין דערציילט, וואָס פאר א זײַדן קינד א טאכשיטל איך האָב דיר אויסגעזוכט פאר א כאָסן, אז גאָט און לײַט וועלן דיר מעקאנע זײַן. נאָר דו, וויס איך דאָך אָבער, האָסט אנדערע מאכשאָוועסן אין קאָפּ. איך האָב מיך שוין אָנגעשטויסן, דיר דרייט זיך א הויך קנעפּעלע אין דײַן נידעריק מויכעלע, א יאקסל, דעם דאָקטערס סינאָקל[1]). א יאָ, דײַן טאטע שטויסט זיך אָן? נו, פרעג איך דיך, מײַן טעכטערל, אדעראבע, זאָג דו אליין, וואָס איז גלײַכער: צי אזא גראָב שטיק געוואנט, צי אזא פײַן זײַדן שטיקל שטאָף (ריווקע גיט אים א שלעפּ פון הינטן. ער קוקט זיך אום צו איר. זיי מאכן ביידע שטומע מימיק, גלײַך ווי זיי קריגן זיך. ווערענד אין דער צײַט זאָגט קאראָלינע פאר זיך).

קאראָלינע. איך מוז יעצט שפּילן מײַן ראָליע, ווי מײַן מאקס האָט מיך געלערנט (צום פאָטער הויך). זעסטו, פאָטער, כאָטשע מיר פרויען זײַנען מער מעווינים אף זײַנדשטאָף, ווי איר מענער, נאָר בא דער סכוירע וועל איך מיר דאפקע פארלאָזן אף דיר; דו ביסט דאָך מײַן טאטע ביז 120 יאָר! דו ווינטשסט דאָך מיר אוואדע ניט קיין שלעכטס.

פינכעס. (קערט זיך אום צו ריווקען און זאָגט צו איר מיט א סימכע) נו, ריווקע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — (צו קאראָלינען) אזוי, טאָכטער, איך האָב פריער געוווסט, אז דו וועסט זיך באַרעכענען און דו וועסט אליין ארויסזען, אז דער טאטע ווינטשט נאָר דײַן טויווע, דײַן גליק. איך זאָג דיר צו, אז באלד נאָך דער כאסענע וועל איך אים מאכן פאר א ראָוו אין א קליין שטעטל, און דו וועסט ווערן א רעבעצן, און אלע ווײַבער וועלן דיר מעקאנע זײַן...

ריווקע. (איראָניש) אָ ווא, אָ ווא!

פינכעס. (צו ריווקען—בייז.) שטיל, ריווקע, האָסט דאָך מיר עפּעס צוגעזאָגט! (צו קאראָלינען) א יאָ, טעכטערל? דער מאן וועט דיך מאדריך זײַן בעדערעך האיאָשער[2] ער וועט דיך לערנען, וואָס די מוסער־ספאָרים שרײַבן, אז א יידיש קינד טאָר זיך ניט ארײַנלאָזן אין אוילעמהאזע. דו וועסט געוואָר ווערן פון אים, אז א גלאנצענדיק אייגעלע, א טשאקנדיק פיסעלע, דאָס איז אלץ העוול־האוואָלים[3]), סאָטן. (ריווקע גיט

1) זונדל. 2) דערציִען אין רעכטן וועג. 3) נארישקייטן.

אים א שלעפּ פונהינטן; ער ־קערט זיך אויס צו איר און גיט אַף איר א בייזן קוק און ענדיקט זײַנע לעצ־טע עטלעכע ווערטער מיט א געשריי) סאָטן, קליפּע...

ריווקע. (שלאָגט אים איבער) אוי, א קליפּע זאָל שוין פון דיר ווערן!

פּינכעס. (שטופּט זי אוועק פון הינטן מיט דער האַנט און רעדט ווײַטער צו קאַראָלינען) א יאָ, טאָכטער? ס'איז אלצדינג נארישקײַטן! אז מע שטאַרבט, לייגט מען... (זי גיט אים א שלעפּ; ער קערט זיך ווידער צו איר בייז און ענדיקט זײַנע ווערטער) אלצדינג אין דער ערד ארײַן! דעריקער איז, אז דער מענטש דאַרף זען, אז ער זאָל קומען אַף יענער וועלט מיט א ריינער נעשאָמע.

ריווקע. צי ביסטו מעשוגע, צי וואָסער שוואַרץ יאָר, וואָס ביסטו מיט איר מאַזקיר נעשאָמעס[1] גאָר פּלוצים פון דער העלער הויט? מיר לעבן דאָך נאָך!

פּינכעס. (שטופּט זי הינטן אוועק מיט דער האַנט בייז און רעדט ווידער צו קאַראָלינען) בעכיין דאַרף א ייִדישע טאָכטער נישט קוקן, וואָס איז פּאַקע[2], וואָס דער כאָסן איז ניט אזוי פויגלדיק, טשאַקנדיק, אזויווי אין אונדזער הייליקן מישנאַיעס שטייט: זאָלסט ־יט קוקן אַפן פּאַס, נאָר וואָס אין פּאַס איז!..

ריווקע. (בייז) אוי, א פּאַס זאָל שוין פון דיר ווערן, ראַכמאָנעסדיקער פּאָטער!

פּינכעס. (צו ריווקען בייז) ריווקע, ריווקע, האָסט דאָך מיר עפּעס צוגעזאָגט! פאַר־קערט, לאָמיר זי פרעגן, וואָס וועט זי אליין זאָגן. (ער קערט זיך אום צו קאַראָלינען) נו, וואָס ענטפערסטו, טאָכטער, דאַרוף?

קאַראָלינע. (ווי מיט א פרומער מינע) וואָס זאָל איך ענטפערן, פּאָטער? ס'איז דען ניט אלצדינג עמעס, ווי דו זאָגסט? מינאַסטאַם איז אזוי!

פּינכעס. (צו ריווקען מיט א סימכע) נו, ריווקע, וואָס זאָגסטו איצט? (צו קאַראָלינען) אוי, מיין זיס, פרום טעכטערל! (ער גלעט זי) איצט זע איך טאַקע ארויס, אז דו ביסט ר' פּינכעסלס טאָכטער (ער שטעקט ארײַן די לינקע האַנט אין גאַרטל און מיט דער רעכטער גלעט ער זיך די באָרד און זאָגט מיט א צופרידענעם טאָן) אצינד, טאָכטער, שטעל דיר פּאָר, לעמאָשל אז דער טאַטע פירט דיר צו א יונגנמאַן, וואָס איין פוס האָט זיך אים פאַרשפּעטיקט מיטן וואַקסן אקעגן אנדערן. און דער טאַטע זאָגט דיר: זעסטו, כײַעלע, אָט דעם יונגנמאַן זאָלסטו נעמען פאַר א כאָסן, וואָס וואָלסטו דיר דעמאָלט געטראַכט?

קאַראָלינע, איך וואָלט מיר געטראַכט, אז דער פעלער שטערט אים ניט צו גיין אין גאָטס וועג (פּינכעס שפּרינגט אזש אונטער פאַר סימכע).

ריווקע. ס'הייסט צו אלדע שוואַרצע יאָר!

פּינכעס. (גיט אַף איר א געשריי) ריווקע! (ער פאַרקריצט מיט די ציין פאַר קאַס און מאַכט צו איר מיט דער האַנט, זי זאָל שווײַגן. באַלד קערט ער זיך ווידער אום צו קאַראָלינען און זאָגט צו איר מיט גוטן) אוי, לעבן זאָלסטו, מײַן טײַער טעכטערל! — יאָ, זאָג זשע מיר, כײַעלע לעבן, וואָס וועסטו אָבער טון, אז דער אייבערשטער האָט אים געשטראָפט, וואָרעם די קאַשע אויך די אייגענע מײַסע: וועלכער מענטש איז דען דערפון באַוואָרנט? לעמאָשל, ער דערזעט ניט אַף איין אויג, סע הייסט, מיטן אנדערן דערזעט ער שוין דערפאַר, אסאַך בעסער? צי ער פּלוידערט ניט מיט זײַן מויל קיין ניבל־פּע[3], ווי אנדערע הולטײַעס? סע הייסט, ער רעדט אביסל, ווי רופט מען עס, טשיפּעליאַווע, היקעוואַ־טע. נו, וואָס וועסטו דאַמאָלס זאָגן?

---

1) דערמאָנסט נעשאָמעס, א רעליגיעזער אײַנפיר צו דערמאָנען און בעטן אין שול פאַר די פאַרשטאָר־בענע. 2) טאַקע. 3) מיִעסע רייד.

קאראָלינע. וואָס הייסט? אַף אַזוינעם דאַרף מען דאָך ערשט ראַכמאָנעס האָבן, וואָרעם וואָס איז ער נעבעך שולדיק, אַז גאָט האָט אים אַזוי געשטראָפט!

פינכעס. אוי, מײַן פרום, זיס טעכטערל, האָסטו מיך פּאָשעט מעכײַע געווען! איך שעץ מיך מיט דיר מער גליקלעך ווי מיט מײַן גאַנץ אשירעס. (ער הייבט אַזש אָן ארומצולויפן איבער דער שטוב הין און צוריק פאר סימכע און קלאַפּט איין האַנט אין דער אַנדערער צופרידן).

ריווקע. (צו קאראָלינען) בארעכן דיך גוט, טאָכטער, פריִער, וואָס דו ווילסט שפּעטער טון; זע, זאָלסט נאָכדעם קיין כאראָטע ניט האָבן! בעסער זיך צו שטעלן אַף דער ערשטער אַלעף[1], איידער דערנאָך װעלן צוריק כאַפּן דאָס, וואָס עס וועט שוין זײַן פאַרפאַלן. (פינכעס, ווערנד זי רעדט, לויפט ער צו און שטעלט זיך אין דער מיט און מאַכט בודטאָ ווי ער פאַרשטעלט קאראָלינען, זי זאָל ניט הערן, וואָס ריווקע רעדט. אין דעם מאָמענט הערט מען פון דרויסן קוני-לעמלס שטימע).

קוני־לעמל. אָט דאָ וווינט ר׳ פ... פינכעסל?

פינכעס. שאַט, שאַט, מיר דאַכט, אַז ער קומט אָן. ריווקע, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט אים שיין אויפנעמען! און דו, טעכטערל, זע, זאָלסט מיט אים שיין רעדן איך זאָל כאָטשע ניט מעוויִעש ווערן (ער לויפט צו צו דער טיר לינקס, עפנט זי אויף און זאָגט) יאָ, יאָ, אָט דאָ וווינט ר׳ פינכעסל, קומט ארײַן, קומט ארײַן!

דריטע סצענע.

(קוני-לעמל קומט ארײַן, בלײַבט שטיין בא דער טיר און קוקט זיך ארום).

קוני־לעמל. ש... ש... שאָלעם-אַלייכעם, ר׳ פ... פינכעסל (ער גיט אים די האַנט)

פינכעס. באָרוך-האַבאָ, ר׳ שאָלעמוניוס זון, קומט אַהער נעענטער; דאָס בין איך טאַקע אַליין אײַער מעכוטן ר׳ פינכעסל, און דאָס איז (ער ווײַזט אָן אַף ריווקען) מײַן פּלויניסטע, און דאָס איז (ער ווײַזט אָן אַף קאראָלינען) אײַער קאַלע.

קאראָלינע. (פאַר זיך) אָ, ווי מײַן מאַקס האָט זיך אַזוי פּאָרטרעפלעך פאַרשטעלט עס איז אים גאָר אומעגלעך צו דערקענען! (צו קוני-לעמלען) איך האָב מיך די ערע פאָר צושטעלן,—אײַער קאַלע קאראָלינע!

קוני־לעמל. וואָס רעדט זי עפּעס גאָר מיט מיר דײַטשמעריש? מע טאָר דען?

קאראָלינע. (מיט א שמייכל) איך בין אײַער קאַלע.

קוני־לעמל. מײַן ק... קאַלע? יאָ, איך ווייס.

קאראָלינע. יאָ, אײַער קאַלע, קאראָלינע.

קוני־לעמל. וואָס הייסט דאָס ק... קראַנאָלינע? (צו ר׳ פינכעסלען, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט מיט ריווקען געמאַכט שטומע מימיק, גלײַך ווי זיי קריגן זיך) ר׳ פ... פינכעסל, אוי אַי דאָס אַן אַפּיק... ק... קוירעסטע! אַ ייִדישע טאָכטער מעג זיך געבן אַ פ... פריצישן נאָמען?

פינכעס. (גייט-צו צו קאראָלינען און ראַמט איר אײַן אין אויער) כײַקעלע האָסטו באַדאַרפט אים זאָגן (צו קוני-לעמלען) פאַרשטייט איר מיך, ר׳ קוני־לעמל, אַ מיידל, אַביסל פון הײַנטיקער וועלט און לערנט אַביסל פרעמדע לעשוינעס, שאַדט ניט; פונדעסט־וועגן אַ גאַנץ ערלעך קינד.

קוני־לעמל. (קוקט קעסיידער אַף קאראָלינען) אוי, איז דאָס אַן אַ פּיק...קוירעסטע, זי לערנט גאָר טרייפּפּאָסלען? אַף וואָס ג... געוועט, אַז זי ווייסט אַפילע נ... ניט, וואָס פאַר אַ ס... סעדרע ס׳גייט.

[1]) גאָר באַם אָנהייב.

קאראָלינע. (פאר זיך) קושן איז ער, ווערט, ווי נאטירלעך ער שפּילט זײַן ראָליע (צו קוני-לעמלען) ליידער, ווייס איך ניט.

קוני־לעמל. וואָס זאָגט זי עפּעס: ל... ליידער, נא דיר גאָר א סעדרע ל... לע־דויר־וואָדויר [1]) — אוי, איז דאָס אן א פּ... פּיקוירעסטע! אף וואָס ג... געוועט, אז זי גלויבט ניט אפילע אין ש... שיידים און אין רוכעס, און אין ג... גוטע יידן.

קאראָלינע. ווער גלויבט דען הײַנט אין די נארישקייטן?

קוני־לעמל. אוי, איז דאָס אן אפּיק... קוירעסטע! די געמאָרע שרײַבט דאָך, אז מ... מע מוז יאָ גלויבן אין ש... שיידים און אין רוכעס, און אין ג... גוטע יידן, א יידישע טאָכטער מ... מוז האלטן, וואָס אין דער געמאָרע ש... שטייט.

פּינכעס. (צו ריווקע) דו הערסט ווי מע קען געמאָרע?

ריווקע. יאָ, איך הער, אוואדע א'ז דאָס א שיין לאָשן פון א כאָסן, וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל אָנקוקן א קאלע! הײַנט קוק אָן דאָס גאנצע נעפּעשׁ, פּערד, וואָס דו ביסט! נו, וואָס זאָגסטו דערוף?

(יוערנד פּינכעס מיט ריווקען רעדן, ווארפט קאראָלינע אים פונדערווײַטנס צו ליבלעכע קושן).

קוני־לעמל. (צו פּינכעסלען) ר׳ פּ... פּינכעסל, וואָס מיינט זי מיט דעם?

פּינכעס. (הערט אים ניט און רעדט צו ריווקען) איך וועל דיר זאָגן, ריווקע, אזוינע בעסמעדרעש־קינדער שעמען זיך צו רעדן מיט א קאלע די עלטערן אין די אויגן, דו געדענקסט, אז מיר זײַנען געווען כאָסן־קאלע, האָבן מיר זיך אפילע געשעמט צו קוקן אין די אויגן. קום, לאָמיר אוועקגיין און לאָמיר זיי דאָ לאָזן אליין, וועלן זיי זיך שוין דאָ אויסטײַנען. (זיי לאָזן זיך אוועקגיין לינקס).

קוני־לעמל. (לויפט זיי נאָך און שרײַט) ר׳ פּ... פּינכעסל, וווהין גייט איר? איר לאָזט מיך מיט א ב... בסולע אונטער איין דאַך. מ... מע טאָר דען?

ריווקע. (ארויסגייענדיק) אזא מאזל מעגט איר ביידע האָבן!

(זיי גייען ביידע אוועק; קוני-לעמל וויל זיי נאָכלויפן; קאראָלינע כאפּט אים אָן פון הינטן בא דער קאפּאָטע, שלעפּט אים ארײַן צוריק).

קאראָלינע. נו, גענוג שוין, מאקס, הער שוין אוף.

קוני־לעמל. אוי ווי! איז דאָס אן אפּ... אפּיקוירעסטע! א בסולע טאָר שלעפּן א פרעמדן זאָכער בא דער קאפּאָטע?

קאראָלינע. (פּלעסקעט מיט דער האנט) בראוואָ, מאקס! האָסט גוט געשפּילט דײַן ראָליע, ווי אן עכסטער אקטיאָר.

קוני־לעמל. וואָס פּלעסקעט זי? זי מיינט, אז מיר זײַנען שוין אף דער באסענע.

קאראָלינע. נו, גענוג שוין, ליבער מאקס!

קוני־לעמל. וואָס, זי שעלט מיך גאָר מיט מאקעס? (ער לייגט צונויף ביידע הענט) מ... מאקעס־בכוירעס [2]) אף דײַן קאָפּ.

קאראָלינע. נו, גענוג שוין, האָסט פּאָרטרעפלעך גוט געשפּילט דײַן ראָליע; לאָמיר בעסער רעדן פון וויכטיקערס. ווי דענקסטו ווײַטער דײַן פּלאן אויסצופירן, ווען נימאנד הינדערן?

---

1) צו דאָר און דאָר; א טעקסט פונעם דאוונען. 2) די לעצטע שטראָף, וואָס פּארע אין מיצראַים האָט געקריגן לויט דער לעגענדע: ס'זײַנען אויסגעשטאָרבן אלע עלטסטע (בכוירים) אין די פּאַמיליעס.

קוני־לעמל. וואָס רעדט זי מ... מיט מיר פון אויס פּ... פּירן הינדעלעך? איך בין דען א הון? איך בין ג... געקומען נעמען 1000 רענדלעך נאדן און ד... דיך פאר א ווייַב און שוין!

קאראָלינע. אז איך בין דייַנע, דאָס ווייס איך שוין פון לאנג, נאָר פונוואנען ווייסטו, אז דער פאָטער וועט וועלן?

קוני־לעמל. וואָס הייסט? דייַן ט... טאטע האָט דאָך מיר ג... געשריבן, אז איך זאָל קומען ד... דיך נעמען פאר א ווייַב, און אָט בין איך דאָ!

קאראָלינע. מאקס! קוועל מיך ניט לענגער מיט דייַן פארשטעלן, עלע ניט וועל איך מיינען, אז דו נארסט מיך אָפּ, זיסער מאקס!

קוני־לעמל. וואָס? איצט איז שוין געוואָרן זיסע מאקעס? הער זשע, אז דו וועסט מיך נישט רופן בא מייַן קאָשערן נאָמען קוני־לעמל, נעם איך ד... דיך ניט פאר א ווייַב!

קאראָלינע. (ווי סקאָנפוזעט) ע, דו ווילסט מיך איבערלאָזן? אָ, דייַן שפּאס איז שוין צו וווייַט מיט מיר, (פריילעכער) געדענקסטו, ווי דו האָסט מיך אליין געלערנט קו קו!..

קוני־לעמל. (קיועלט פארוווּנדערט) וואָס פאר א קו קו? זי שפּילט זיך שוין מיט מיר אין קו קו!

קאראָלינע. (ערנסטער) מאקס! קוועלסטו מיך נאָך לענגער מיט דייַן מאסקע, רייַס איך זי דיר אָפּ מיט א קוש!

קוני־לעמל. אוי, איז זי טאקע דאָס, וואָס מע טאָר ניט אויסזאָגן! פאר א כאַ־סענע קושט מען זיך? מע טאָר דען?

קאראָלינע. דו באוועגסט דאָך מיך אָבער דערצו, און איך קאָן דאָס שוין ניט מער אויסהאלטן, מאקס, טייַערער מאקס! (זי וויל אים ארומנעמען א קוש טון, ער רייַסט זיך אויס פון איר און שרייַט).

קוני־לעמל. שמע־יִשׂראָעל! שמע־יִשׂראָעל! (ער לויפט ארויס רעכטס).

קאראָלינע. (בלייַבט שטיין סקאָנפוזעט.) וואָס איז דאָס? מאקס זאָל זיך אזוי באַנעמען קעגן מיר? ער, וואָס האָט געשוואָרן, אז ער וועט אָפּערן זייַן לעבן פונמייַנעט־וועגן, ער זאָל זיך מאכן מיט מיר אזא שפּאס, ווערנד מיר זייַנען אליין, ער זאָל זיך פון מייַן קוש ארויסרייַסן און אנטלויפן! ער קאָן עס מיר גאָרניט ערקלערן, (פויזע) נאר ווארט, מאקס, די סצענע וועט דיר טייַער קאָסטן! קומסטו נאָכאמאָל אהער, אָדער מיר וועלן זיך ערגעץ באגעגענען, מוזן מיר זיך בייַטן מיט די ראָלן, דאמלס וועל איך מיך שטעלן קאלט קעגן דיר ווי דו יעצט קעגן מיר, (אין דעם מאָמענט הער ט זיך פון דער לינקער זייַט פּינכעסלס מיט ריווקעס קאָל, ווי זיי לאָזן זיך ארייַנגיין. קאראָלינע גיט זיך ווי א כאפּ און זאָגט) אָ! דער פאָטער לאָזט זיך גיין אהער.—פונדעסטוועגן מוז איך נאָך שפּילן מייַן פריִערדיקע ראָליע.

פערטע סצענע,

(פּינכעס מיט ריווקען קומען אָן, מע הערט נאָך זייַן קאָל פון יענער זייַט).

פּינכעס. צו שפּעט, צו שפּעט, עמעס! איצט זע איך ארויס, אז אלצדינג, וואָס דו האָסט מיט מיר דאָרט געטייַנעט, איז טאקע עמעס. יאָ, יאָ, איך זע שוין ארויס, ווי ווייַט איך האָב מיך אין אים אָפּגענארט. עמעס, טאקע, ער איז א טאכשיט, אן

עוון־טאָוו, א באַל־געמאָרע, א גרויסער באַל־ייִכעס, ר' שאָלעמוניוס זון, נאָר איך בין מעסופּעק, טאַקע אזוי ווי דו האָסט מיר געזאָגט, צי אונדזער קינד וועט קאָנען מיט אים אָפּלעבן איר וועלט! איין זאך איז מיר נאָר שלעכט: איך האָב מײַן וואָרט געגעבן און טאָר עס ניט מעשאַנע־זײַן [1])! נאָר אויב זי אליין וועט אים ניט וועלן, זי מעג זאָגן ניין, וויל איך מיך שוין אין דעם שידעך ניט ארײַנמישן.

ר י וו ק ע. א הא! א מיצווע אף דיר, דו אלטער פערד, וואָס דו ביסט! אזוי פלוטעסטו אין דײַנע אלע געשעפטן. איך האָב פריִער געוווסט, אז דו וועסט כאראָטע האָבן; אצינד קאָנסטו מאכן בעסער, נו, אדערא־בע, מאך.

פ י נ כ ע ס. עמעס, עמעס! ווייסטו אָבער וואָס, ריווקע? איך רעכן, אז אונדזער טעכטערל אליין, ווען ליק זי איז פון הײַנטיקער וועלט, וועט זי אים אוואדע ניט וועלן, און מיר דאכט, אויב זי האָט אים שוין ניט אָפּגעזאָגט אונטער 4 אויגן, ווײַל איך האָב אים געזען ארויסלויפן פונדאנען גאַנץ בייז. ווארט, אָט וועלן מיר זי באלד פרעגן, וועלן מיר שוין וויסן. (ער גייט צו צו קאראָליִנען, וועלכע שטייט אין דער גאנצער צײַט פארזונקען אין געדאנקען) כײַעלע, כײַעלע, שטייסט פארטראכט, טאָכטער, זעסט גאָרניט, ווער עס שטייט נעבן דיר? (זי הייבט אוף דעם קאָפּ און קוקט אף אים) מוזט אוואדע בייז זײַן אף דײַן טאטן, וואָס ער האָט דיך צוגערעדט צו אזא כאָסן?

ק א ר אָ ל י נ ע. דו קענסט דאָך מיך, פאָטער, מיר איז נאָר שווער געוועזן זיך צו ענטשליסן, צו זאָגן „יאָ“. נאָר קוים האָב איך נאָר איינמאָל געזאָגט „יאָ“, איז שוין פארפאלן. איך בין זייער צופרידן מיט דעם שידעך, זאָגאר גליקלעך.

פ י נ כ ע ס. (בלײַבט שטיין אייניקע סעקונדן שטום, גלײַך ווי ער קאָן די שפּראכע ניט געפינען, ער קוקט נאָר פארוואונדערט באלד אף ריווקען און באלד אף קאראָלינען, נאָכדעם גיט ער מיטאמאָל א זאָג) ווײ איז מיר! ריווקע, דו הערסט? א גליק האָט זי געטראָפן גאָר מיט דעם פאר־זעניש! ניין, דאָס קינד איז עפּעס ניט מיט אלעמען! ווײ איז מיר, זי איז אראָפּ פונעם זינען! (הויבט אָן ארומצולויפן איבער דער שטוב און ברעכט די הענט) וואָס האָב איך געטון?

ר י וו ק ע. (צו קאראָלינען) טאָכטער מײַנע, דו טרײַבסט קאטאָוועס? דו ווייסט דאָך, אז אצינד איז ניט די צײַט צו שפּאסן, פארגעס ניט, אז פון דײַן איצטיקן „יאָ“ אָדער „ניין“ הענגט אָפּ דײַן לעבן, דײַן גליק. מיר זײַנען געקומען ביידע, דו זאָלסט אונדז מוידע זײַן, וואָס דו טראכסט בא דיר אין הארצן. מוזט וויסן, אז דער טאטע אליין האָט שוין אויך כאראָטע, וואָס ער האָט גאָר ארײַנגעלאָזט אזא פאר־זעניש אין שטוב ארײַן. זאָג נאָר, אז דו ווילסט אים נישט, וועלן מיר נאָך זײַן צופרידן.

ק א ר אָ ל י נ ע. מוטער, דו קרענקסט מיך נאָך מער מיט דעם, וואָס דו באליי־דיקסט אזא פײַן־געבילדעטן מאן. איך האָב מיך שוין גענוג איבערגעלייגט, און וואָס מער איך רעד מיט אים, מער זע איך ארויס וואָס פאר א קונסטער [2]) דאָס איז, וואָס פאר אַן איידלער גײַסט אין אים ליגט! (פינכעס שטייט די גאנצע צײַט נעבן איר און הערט אויס, וואָס זי רעדט. ער פארברעכט די הענט).

פ י נ כ ע ס. ווײ איז מיר, ווײ איז צו מײַנע יאָרן! וואָס איז דאָס, ריווקע? אָט אין דעם קאליקע, אָט אין דעם שטומע־לעלע האָט זי זיך אזוי גיך פארליאפּעט? — ניין, דאָס קינד איז נאָר אראָפּ פונעם זינען. (לויפט ווידער ארום איבער דער שטוב און

[1]) ענדערן. [2]) קינסטלער.

קלאפּט זיך מיט די הענט אין קאָפּ און שרייט) דאָס איז נאָר דורך מיר, איך בין שולדיק אין דעם, איך, אלטער נאר, איך האָב זי אליין צוגערעדט.

ריווקע. מיין קינד, טוט דיר ניט וויי עפּשער דאָס קעפּעלע? שווינדלט דיר ניט אין די אייגעלעך? נאָגט דיך ניט פילייכט באם הערצעלע?

פּינכעס. עפּשער ביסטו כאָלילע הונגעריק?

ריווקע. (שטופּט אים אוועק פון איר) וואָרן איך ווייס, ווען דו זאָלסט זיין בא די ריינע געדאנקען, וואָלסטו אזעלעכס ניט גערעדט. סטייטש, אזוי פארגלויבט ווי דו ביסט געווען אין מאקסן!...

פּינכעס. (לויפט צו איר בייז) א הא, מאקס, מאקס! שוין ווידער מיט מאקסן!...

ריווקע. (שטופּט אים אוועק מיט דער האנט און רעדט ווייטער צו קאַראָלינען) נו, און צום סאָף זאָל דיך איבעראשן, זאָל דיך קאָנען פארבלענדן אזא באנעמעניש, וואָס גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד? עס איז דאָך פּאָשעט מיעס אף אים א קוק צו טון! (פּויזע) ניין, טאָכטער, דו ענטפער מיר נאָר איין וואָרט, יועל איך וויסן, צי דו ביסט בא די ריינע געדאנקען, צי ניין. אשטייגער, ווען מע שטעלט דיר דאָ אנידער מאקסן מיט אָט דעם פארזעעניש (באם וואָרט „מאקסן" מאכט פּינכעס א בייזע מינע). און מע זאָגט דיר, קלויב דיר אויס, טאָכטער, איינעם פון די בײדע, וועלכן דו ווילסט, וואָס וואָלסטו געענטפערט?

קאראָלינע. (אומצופרידן) קרענק מיך ניט, מוטער!

פּינכעס. (לויפט צו ריווקען בייז און זאָגט מיט א געשריי) ווידער הויבסטו אָן מיט דיין ספּאָדעק, ווידער מיט דעם מאקסן? איך זאָג דיר, אז דו זאָלסט מיר גאָר דעם נאָמען מאקס ניט דערמאָנען. ווען איך ווייס, אז איך וועל אומקומען, וועל איך ניט דערלאָזן, אז זי זאָל נעמען דעם שטאמבירטן [1]) מאקסלען! גיכער וועל איך זי צורעדן, זי זאָל נעמען דעם קאליקע, איידער דעם יאָקטערס סינאָק. (ער ווענדעט זיך צו קאראָלינען און רעדט צו איר מיט גוטן) איך באשווער דיך, טעכטערל מיינס, זאָלסט מיר זאָגן דעם ריינעם עמעס: וואָס האָט ער דאָ מיט דיר אזוינס גערעדט, וואָס דו ביסט אזוי צוגעזאָטן געוואָרן צו אים? ניין, ס'איז ניט אנדערש, ווער ווייסט, וואָס פאר א פארבאָרגענער צאדיק, א באל־מויפעס דאָס מוז זיין! (ער לייגט ארויף די האנט אפן שטערן, פארטראכט זיך, דערנאָך גיט ער זיך ווי מיטאמאָל א כאפּ אויף און זאָגט מיט א סימכע צו ריווקען) שא, ריווקע, ס'איז מיר עפּעס איינגעפאלן, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, מוז עס אוואדע אזוי זיין. איך ווייס, אז ס'איז דאָ אף דער וועלט ל"ו'ניקעס[2]), וואָס יי קאָנען זיך מאכן ניט זעענדיק, זיי קאָנען פארענדערן זייער געשטאלט. אָט זיינען זיי דאָ און אָט זיינען זיי דאָרט, אָט איז ער א מענטש און אָט איז ער א בעהיימע! עפּשער איז ער טאקע אויך איינער פון די לייט, הא? א קאשע אף א מייסע! צו קאַראָלינען) זאָג מיר נאָר, טאָכטער, אז ער האָט דאָ פריער גערעדט מיט דיר, איז ער געווען דער אייגענער מענטש, וואָס פריער, צי ער איז גאָר איבערגעביטן געוואָרן?

קאראָלינע. (מיט א פארשטעלטן אומשולד) ניין, פּאָטער, ער איז גאָר אן אנדער מענטש געוואָרן. ער האָט מיך אזוי איבעראשט, אז...

פּינכעס. (נייגעריק) אז וואָס, אז וואָס?

---

1) מיט כויזעק און פארדרייט פאר „שטודירטן".

2) לאמעד־וואָווניקעס, — פון דעם נאָמען פון די אויסיעס „לאמעד", „וואָוו", לויט דעם צאָל־באטרעף — 36: די לעגענדארע 36 פארבאָרגענע צאדיקים, וואָס זיי קענען באווייזן די גרעסטע ווונדער. זע ווייטער אין טעקסט.

קאראָלינע. אז איך האָב אים אזש געוואָלט קושן...

פינכעס. נו, נו, וואָס־זשע איז ווייטער געווען?

קאראָלינע. ער איז אָבער פארשווונדן געוואָרן.

פינכעס. (איבעראשנד) הא, פארשווונדן? ז אוועקגעפלויגן?! דו הערסט, ריווקע, אף, פאָ! (ער מאכט מיט די הענט, ווי איינער, וואָס פליט) נו, ריווקע, איז דאָס ניט אף מיינע רייד? ער איז ניט נאָר א צאדיק, נאָר א ל״ו'ניק אויך! יאָ, יאָ. אזוי איז עס טאקע. (אין דעם מאָמענט הערט זיך ווי איינער קומט אָן רעכטס) שטייט, מיר דאכט, אז דאָס קומט ער ווידער אָן.

פינפטע סצענע.

(מאקס קומט אריין פארקליידט אלס קוני־לעמל).

פינכעס. (לויפט אים אנטקעגן און זאָגט צו אים מיט דערעכערעך) וואָס זענט איר אנטלאָפן געוואָרן און וואָס זענט איר איצט צוריק געקומען, איר האָט עפּעס דאָ פארגעסן?

מאקס. יאָ, איך האָב דאָ עפּעס פארג... געסן צו זאָגן אייער טעכטערל, לאָזט אונדז דאָ אליין.

פינכעס. זייער רעכט, זייער רעכט. (צו ריווקען) קום ריווקע. (ווערנד זיי לאָזן זיך אוועקגיין, זאָגט ער צו איר שטיל און ווייזט איר מיט דער האנט, זי זאָל באטראכטן מאקסן) נו, ריווקע, וואָס זאָגסטו איצט? דו זעסט, אז ס'איז גאָרניט דער אייגענער. פריער האָט ער מוירע געהאט צו בלייבן מיט איר אליין, איצט הייסט ער אונדז שוין אליין אוועקגיין און עס איז שוין גאָר ניט דאָס פריערדיקע לאָשן מיטן קאָל. ס'איז טאקע אזוי־ווי איך זאָג, קום גיך, ריווקע, לאָמיר אוועקגיין. (זיי גייען ארויס ביידע לינקס, מאקס קוקט זיי נאָך ביז זיי גייען אוועק).

קאראָלינע. (פאר זיך) ער האָט ווארשיינלעך איינגעזען זיין פעלער, איז ער געקומען זיך פאר מיר פארענטפערן.

מאקס. (ווערנד פינכעס מיט ריווקען זיינען אוועקגעגאנגען) אָ, גליקלעכער אויגנבליק! מיט דיר אליין צו זיין בא דיין פאָטער אין צימער און פאר קיינעם קיין מוירע ניט האָבן. (ער לויפט־צו צו איר און וויל זי ארומנעמען; זי שטופט אים אָפּ פון זיך).

קאראָלינע. גיי, גיי מיט דיינע קאָמפּלימענטן, דו הארטער מענטש וואָס דו ביסט!

מאקס. (פארווונדערט) איך פארשטיי דיך גאָר ניט, וואָס האָב איך דיר אזוינס געטאָן, וואָס דו רופסט מיך א הארטער מענטש?

קאראָלינע. דו פרעגסט נאָך? האָסט מיך נאָך באדארפט אויספּרוּוון, צי ליב איך דיך ווירקלעך?

מאקס. איך פארשטיי דיך גאָרניט, וואָס דו רעדסט.

קאראָלינע. מאכסט זיך ווידער ניט וויסנדיק? פאר מיר דארפסטו זיך אויך פארשטעלן? דאָרט, ווו איך בין צו דיר אזוי צוגעלאָזט, קאָנסטו האָבן דאָס הארץ מיך אוועקצושטופּן?

מאקס. (ערשטוינט) ווען האָב איך דיר דאָס געטון? וואָס רעדסטו? ווען האָב איך דיר ניט געענטפערט מיט דערזעלבער ליבע, וואָס דו מיר? וואָס איז דיר עפּעס יעצט אין קאָפּ אריין?

קאראָלינע. דו מאכסט זיך טאקע אלץ ניטווּיסנדיק? דו האָסט פארגעסן, ווי דו האָסט מיך צוריקגעוואָרפן אָן דאכמאָנעס, ווען איך האָב דיך געוואָלט קושן, דערפאר, וואָס דו האָסט אזוי גוט געשפּילט דײַן ראָליע?

מאקס. דו האָסט מיך געוואָלט קושן און איך האָב ניט געוואָלט? איך זאָג דיר אז ניט אנדערש, נאָר דו רעדסט פונעם שלאָף!

קאראָלינע. אויב אזוי, ווייס איך שוין גאָרניט וואָס צו קלערן. מײַנע על־טערן זאָגן, אז איך בין אראָפּ פונעם זינען, און דו זאָגסט, אז איך רעד פונעם שלאָף. איך וועל טאקע שוין באלד אָנהויבן צו צווייפלען, צי בין איך בא מײַנע ריינע געדאנקען.

מאקס. שטיל נאָר, (קלערט עטוואָס) זאָג מיר, איך בעט דיך, זײַט מיר האָבן ביידע דאָן יערעדט אין גאָרטן, האָבן מיר זיך נאָך ערגעץ אמאָל געזען?

קאראָלינע. וואָס הייסט? ביסטו דען ניט אליין ערשט פאר א פערטל שטונ־דע געווען בא אונדז אין שטוב, און איך האָב דיך אזוי באוואונדערט, ווי גוט דו האָסט אים געקאָפּירט?

מאקס. (נאָך אייניקע סעקונדן קלערנדיק, צעלאכט זיך שטארק) כא־כא־כא! וואָס האָסטו געטאָן? האָסטו זיך צו גיך געײַלט! דאָס איז דאָך געווען דער עמעסער קוני־לעמל, און אים האָסטו עס געוואָלט קושן, כא־כא־כא!

קאראָלינע. (פארשטעלט זיך דאָס פּאָנעם, גלײַך ווי זי האָט זיך פארשעמט) כא־כא־כא! מײַנער איז געווען דער עמעסער קוני־לעמל, און אים האָב איך עס געוואָלט קושן, כא־כא־כא! דו זאָלסט געווען זען, ווי דער יאָם־קאָטער האָט זיך אויסגעריסן פון מײַנע הענט מיט א מין שמאַ־ישׂראל, כא־כא־כא! ווירקלעך, איך שעם מיך, איך קאָן דיר אזש אין פּאָנעם ניט קוקן. פארצײַ מיר, ליבער מאקס!

מאקס. (ליבלעך) יאָ, איך פארצײַ דיר, נאָר מיט דעם באדינג, זאָלסט מיר אָפּגעבן דעם קוש, וואָס דו האָסט אים געוואָלט געבן.

קאראָלינע. (שמייכלט שעמעוודיק) נו, נו, דאָס וועלן מיר איבערלאָזן אף אן אנ־דערמאָל; יעצט מוזן מיר בעסער רעדן פון וויכטיקערס. זאָג מיר, ווי דענקסטו ווײַטער צו טון? דער קוני־לעמל איז יעצט אוועקגעגאנגען און קאָן מיט יעדן אויגנ־בליק צוריק אהער אָנקומען. וואָס־זשע וועט זײַן, אז איר וועט אײַך דאָ ביידע אָנ־טרעפן?

מאקס. אָט דאָס איז זיך טאקע, ווײַל איך בין ערפארן, אז ער איז געקומען, מוז איך מיך אף אלצדינג פאסן אים אין וועג צו שטיין. דו זאָג מיר נאָר, ווי האלט דײַן פֿאָטער מיט אים?

קאראָלינע. מײַן פאָטער? איך וועל דיר זאָגן. אָנפאנגס האָט ער שוין בא־רײַט 1), וואָס ער האָט אים גאָר אהער געבראכט, און האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיך שוין פון אים אָפּזאָגן. נאָר איך האָב דאָך אלץ געמיינט מיט דעם פארשטעלטן, אז דו ביסט עס, האָב איך מיר געהאלטן איינס, אז נאָר אים וויל איך. אוודע האָב איך אויסגעזען ווי א מעשוגענע, נאָר איין זאך האָט מײַן פאָטער אופגעקלערט: אים איז אײַנגעפאלן, אויב דער כאָסן קוני־לעמל איז ניט איינער פון די לאמעדוואָווני־קעס, וואָס קאָנען באווײַזן איבערנאטירלעכע וואונדער, און זײַן געהיימע צויבער־קונסט האָט ער געברויכט מיך אײַנצולאָקן.

1) כאראָטע געהאט.

מאקס, (נאָך אייניקע מינוטן קלערנדיק) בראַוואָ! אָט דאָס קומט מיר צונוץ! קאַראָלינע, עס וועט זײַן רעכט! גיב מיר גאָר שנעל פּאַפּיר, טינט און פּעדער (זי ווײַזט אים אפן טיש, אף וועלכן עס שטייט טינט און פעדער. ער זעצט זיך באַם טיש און שרײַבט) ס'איז מיר ווידער אײַנגעפאַלן א פּלאַן. דו וועסט נעמען דאָס צעטעלע און וועסט עס איבערגעבן מײַנע קאַמעראַדן, וועלכע וואַרטן דאָ אינדרויסן אף מיר, ווײַל איך האָב זיי מיר פּאָרבערייטעט, אז אים פאַל, ווען עס וועט אויסקומען אין א נויט, זאָלן זיי מיר שטיין צו הילף (ער שרײַבט אָפּ און גיט איר דאָס צעטל צוגויפגעלייגט) נו, גיי, גיב עס זיי איבער, און אז זיי וועלן עס איבערלייענען, וועלן זיי שוין וויסן וואָס זיי האָבן צו טון.

קאַראָלינע. (ליבלעך) אָ, ליבער מאקס, דײַנע ווערטער האָבן מיך ערקוויקט. געב גאָט, אז דײַן פּלאַן זאָל אויסגעפירט ווערן (זיי אומאַרעמען זיך).

זעקסטע סצענע.

(אין דעם מאָמענט קומט אָן קוני-לעמל רעכטס, און ווי ער דערזעט, אז זיי אומאַרעמען זיך, גיט ער א געשריי).

קוני-לעמל. געוואַלד: ער וועט מיר צעק... קוועטשן מײַן קאַלע! (זיי דערשרעקן זיך. קאַראָלינע לויפט ארויס פאַרשעמט, מאקס טוט עטלעכע טריט נעענטער צו קוני-לעמלען. קוני-לעמל בלײַבט עפּעס שטיין ווי דערשראָקן, קוקט באַלד אף זיך און אף מאַקסן, גלײַך ווי ער וויל זיך איבערצײַגן, צי דאָס איז ער, צי ניין, און נאָך אייניקע מינוטן באַטראַכטנדיק זיך איינס דאָס אנדערע, זאָגט ער) אוי ווײַ! אָבער אק... אקוראַט, ווי איך!

מאקס. (מיט דער אייגענער מינע וואָס קוני-לעמל) אָבער אק... אקוראַט ווי איך. (קוני-לעמל טוט עטלעכע טריט נעענטער צו אים היבקענדיק, מאקס טוט אים דאָסזעלבע נאָך, קוני-לעמל ווערט נאָך מער איבעראַשט און באַטראַכט זיך נאָכאַמאָל).

קוני-לעמל. וו... ווער ביסטו?

מאקס. וו... ווער ביסטו?

קוני-לעמל. איך? איך בין ק... קוני-לעמל ר' ש... שאָלעמוניוס זון, דער פּאַרנעס-כוידעש פון ש... שאַכרײַעווקע.

מאקס. ל... ליגנער! ווי אזוי קאָנסטו זיך אויס ג... געבן פאַר מיר? אז איך בין גאָר ק... קוני-לעמל, ר' שאָלעמוניוס זון, דעם פּאַרנעס-כוידעש פון ש... שאַכרײַעווקע.

קוני-לעמל. (פאַרווירט) אוי ווײַ! מײַן ק... קאַלע רופט מיך מ... מאַקעס, און ער זאָגט גאָר, אז ער איז ק... קוני-לעמל. וו... ווער-זשע בין איך?

מאקס. וויאַזוי קאָנסטו מיר באַווײַזן, אז דו ביסט ק... קוני-לעמל?

קוני-לעמל. וו... וואָס הייסט, ווי אזוי? די ג... גאַנצע שטאָט ווייסט, אז ק... קוני-לעמל איז בלינד נאָר אף איין אויג און קרום, און אק... א קאַפּעלע היקעוואַטע, אָ! (ער ווײַזט אים, אז ער גייט קרום).

מאקס. נו, טאַקע, איך ב... בין בלינד אף איין אויג און קרום און אק... א קאַפּעלע היקעוואַטע, אָ! (ער טוט עטלעכע טריט הינקענדיק).

קוני-לעמל. אוי ווײַ, טאַקע! ווען איך זאָל נ... ניט וויסן, אז איך ב... בין איך, וואָלט איך געמיינט, אז... ז. ער איז איך!

מאקס. יאָ, דו ק... קאָנסט אָבער גיין און ז... זען און רעדן גלײַך ווי אלע מ... מענטשן, דו האָסט זיך נ... נאָר פאַרשטעלט אזוי.

קוני־לעמל. איך קאָן שווערן בּאַ מײַן ט... טאַטן און בּאַ מײַן מ... מאַמען, אַז איך בּין געבּוירן געוואָרן בּ... בּלינד און ק... קרום און אַ ק... קאַפּעטשקעלע היקעוואַטע.

מאַקס. ש... שטיל, דו ליגנער! דו זאָלסט מיר טייקעף זאָגן, פ... פאַרוואָס האָסטו זיך פ... פאַרשטעלט פאַר מיר? און וואָס האָסטו דאָ צו טון?

קוני־לעמל. וואָס איך ה... האָבּ דאָ צו טון? ר' פ... פּינכעסל האָט דאָך מיר געשריבּן אַ בּ... בּריוו, אַז איך ז... זאָל קומען נעמען די 1000 רענדלעך פאַר אַ וו... נײַן, פאַר נאַדן, און זײַן בּ... בּסולע פאַר אַ וו... אָ, אָט איז אַפילע דער בּ... בּריוו, (נעמט אַרויס פון דער קאַפּאָטע־קעשענע אַ בּריוו און ווײַזט אים).

מאַקס. (לייענט בּורטאָ איבּער דעם בּריוו) אַצינד זע איך וו... וואָס פאַר אַ שווינדלער ד... דו בּיסט. דער בּ... בּריוו איז אַ פאַלשער, בּ... בּיסט נאָר געקומען אויסנאַרן די 1000 רענדלעך און נ... ניט מער. ווי אַזוי ק... קאָנסטו ווערן אַ כ... כאָסן, אַז ד... דו בּיסט גאָר פאַרליבּט אין ק... קאַלמען שאַדכנס מיידל?

קוני־לעמל. וואָס ליבּ? וואָס ק... קאַלמען? ווער מיר ש... שאַדכן? ווער מיר מיידל? מ... מע טאָר דען?

מאַקס. ד... דו האָסט איר אַליין ג... געשוואָרן טרײַע און ליבּע.

קוני־לעמל. ווער? איך ג... געשוואָרן? איך האָבּ מיך נאָר איינמאָל ג... געשוואָרן, איך זאָל ניט עסן קיין פּ... פּאָווידלע מיט בּרויט, ווײַל דער הונט האָט עס בּ... בּאַ מיר איינמאָל אויסגעכאַפּט און האָט מיר נ... נאָך געטאָן אַ בּיס, אָבּער וו... ווײַטער האָבּ איך מיך גאָר ק... קיינמאָל ניט געשוואָרן.

מאַקס. וו... וואָס טויגן מיר די פּ... פּוסטע זאַכן? איך נעם דעם בּריוו און גיי אין דער פּ... פּאָליציִע אַרײַן און וו... וועל ווײַזן, וואָס פאַר אַ ש... שווינדלער דו בּיסט, בּיז דו וועסט ניט בּרענגען כ... כסימעס פון דײַן היים, אַז דו בּ... בּיסט עס (לאָזט זיך גיין).

קוני־לעמל. (לויפט אים נאָך און פאַרהאַלט אים) ר' ק... קוני־לעמל, קומט אַהער, (מיט אַ געבּעט), וואָס טויג אײַך די פּ... פּאָליציִע? אָט לויף איך בּ... בּאַלד אַהיים, און וועל בּרענגען ש... שוואַרץ אויף ווײַס. נאָר איך פרעג אײַך איז ד... דאָס אַ יורשער פון אײַך, אַז איך ז... זאָל אוועקגיין פונדאַנען אָן אַ נאָמען?

מאַקס. (כאַפּט אַים אָן בּאַ דער קאַפּאָטע און זאָגט ווי מיט בּייזן) ניין, ניין, ד... דו בּיסט אַ שווינדלער, ק... קום מיט מיר אין דער פּאָליציִע.

קוני־לעמל. (מיט מוירע) אוי, אוי, ר' ק... קוני־לעמעלע, איר זאָלט מיר ז... זײַן ג... געזונט, שלעפּט מיך ניט אין דער פּ... פּאָליציִע, איך וועל שוין לויפן אַהיים אָן אַ נאָמען און וועל בּרענגען ש... שוואַרץ אויף ווײַס, אַז איך בּין קו... ניין, ניין, איר זענט ק... קוני־לעמל! איך בּין מ... ניין, ניין, אַז איך בּין... אַז איך בּין איך! נאָר איך וויל אײַך בּעטן, ר' קוני־לעמל, אַז בּ... בּיז איך וועל צוריק ק... קומען, זאָלט איר מיר ניט צעקוועטשן מײַן ק... קאַלע (ער לאָזט זיך אַרויסגיין און בּאַטראַכט אים און זאָגט פאַר זיך) אַפּאָנעם, אַז ער איז טאַקע ק... קוני־לעמל, (ער גייט אַוועק און קערט זיך בּאַלד אום) ר' ק... קוני־לעמל!

מאַקס. וו... וואָס איז שוין ווידער?

קוני־לעמל. איך האָבּ אײַך ג... געוואָלט פרעגן אַ ש... שטייגער, אַז איך וועל גיין אין גאַס, און איינער וועט צו מ... מיר שרײַען: ר' ק... קוני־לעמל! ר' ק... קוני־לעמל! זאָל איך מיך אָנרופן, צי ניין?

מאקס. (מיט א בייזער) ניין, ט... טאָרסט זיך ניט אָנרופן, ווײַל דו ביסט ניט ק... קוני־לעמל! און לויף ש... שוין אהיים!

קוני־לעמל. (אָפּגייענד) איז ער ט... טאקע קוני־לעמל, און איך בין... איך (ער גייט אוועק רעכטס),

מאקס. נו, קוני־לעמלען האָב איך שוין עקספּעדירט, בא אים הייס איך שוין קוני־לעמל, נאָר ביז ער וועט צוריקומען, מוז איך זען, אז קאראָלינע זאָל בלײַבן מײַנע. יעצט מוז איך מאכן די לעצטע פּראָבע. קאראָלינע האָט מיר געזאָגט, אז איר פאָטער איז פארגלויבט אין דעם קוני־לעמלען, אז ער איז א לאמעד־וואָווניק, ער קאָן באווײַזן מאָפסים, עס קאָן פארשווונדן ווערן, שאפן זיך מיט מאלאָכים, באַשווערן מייסים—לאָז־שע מיר יעצט דאָס דינען צו מײַן פּלאַן. איך מוז אים ווײַזן ווי מע רעדט מיט געשטאָרבענע; דאָס וועט אים געוויס איבעראשן. (אין דעם מאָמענט הערט מען, ווי איינער קומט אָן ליבקס, ער קוקט זיך אום און דערזעט דורכן פענצטער, אז דאָס איז פּינכעסל, זעצט ער זיך אנידער לעבן טיש און קוקט ארײַן אין א סייפער, וועלכעס ליגט אפן טיש, און הויבט זיך אָן צו שאָקלען מיט פרומע האָוויײַעס און צו לערנען מיט א געמאָרע־ביגן, און ניט אלע מאָל א געשריי אויס: הא־הא־הא!).

זיבעטע סצענע.

פּינכעס: (קומט ארײַן ווי מיט מוירע און שטעלט זיך הינטער אים פון דערווייטנס און זאָגט פאר זיך) א, א! ער איז פארטיפט אין זײַנע כאָכמעס! ער איז פארטיפט אין די סוידעס. אך, דאָס מוז זײַן א טײַערער קאָפּ, א געשליפענער מויעך; מע טאָר אים ניט איבערשלאָגן.

מאקס. (ווי מיט חיסלײַוועס גיט א געשריי אויס) הא־הא־הא.

פּינכעס. (דערשרעקט זיך) ווײ איז מיר!

מאקס. (כאפּט זיך ווילד אוף און חויבט אוף דעם קאָפּ ארוף און טײַנעט, ווי צום הימל) הא?—וואָס?—נו, נו!—ניין?—וואָס ניין?...

פּינכעס. אײַ. אײַ, דאָס איז א לאמעדוואָווניק, א צאדיק. ער רעדט מיט עמעצן און איך, פּראָסטער מענטש האָב קיין זכיע ניט אים צו זען.

מאקס. (מאכט זיך ווי ער הערט גאָרניט און טײַנעט ווײַטער) ניין! איר מוזט מיר צו־ליב טון אצינד. די הייליקע נעשאָמע פון מײַן עלטער־זיידן, ר׳ קלוימעניס, וואָס איז געווען א באל־מויפּעס, און איר, נעשאָמעס פון מײַן גאנצער הייליקער מישפּאָכע, איר אליין האָט מיר געבראכט א יעדיע פונעם הימל, אז ר׳ פּינכעסלס טאָכטער איז מײַן זיווג; איצט פרעג איך אײַך, ענטפערט מיר: מעג איך טון דעם שידעך? וועל איך גליקלעך לעבן מיט זײַן טאָכטער? הא, יאָ?—וואָס שווײַגט איר? וואָס ענט־פערט איר ניט? הא? איר ווילט מיט מיר רעדן, אז קיינער זאָל אין שטוב ניט זײַן? יאָ? ס׳איז דען דאָ א פרעמד׳ער מענטש אין שטוב? ווו? (ער קערט זיך פּאַוואָליע אום און זוכט בודטאָ איבער דער גאנצער שטוב, ביז ענדלעך ער געפינט פּינכעסלען אָנגעבויגן צו דער ערד און ציטערט פאר מוירע. ער זאָגט צו אים מיט א פרומער פרײַנטלעכער מינע) א, ר׳ פּינכעסל, איר מוזט מיר מויכל זײַן, שווער־לעבן, איר מוזט ארויסגיין פונדאנען און מיך לאָזן דאָ אליין, ווײַל די קאָשערע נעשאָמעס ווילן מיט מיר ניט רעדן, אז ס׳איז דאָ א פרעמ־דער מענטש אין שטוב.

פּינכעס. (וואַשט זיך די הענט) אי נו, אָ, מאַפסיק [1]? (ער ווײַזט מיט דער האַנט אַפן מויל).

מאַקס. איר מעגט, איר מעגט אויסרעדן.

פּינכעס. מײלע, איך זע דאָך שוין אַרויס, אַז איר זענט ניט פון אונדזערע זינדיקע מענטשן. ווי קומט עס אָבער, וויל איך אײַך פרעגן, וואָס איר זענט גאָר אינגאַנצן איבערגעענדערט געוואָרן? איר זעט און גייט און רעדט, גלײַך ווי אַלע מענטשן.

מאַקס. (מיט שטאָלץ) וואָס קאָנען מיר דען, כאַכאָמים, ניט באַווײַזן? וואָס זײַנען מיר דען ניט אימשטאַנד צו טון? דאָס זײַנען אונדזערע סוידעס. מיר וועלן זיי ניט באַווײַזן. מיר קאָנען זיך פאַרענדערן אונדזער געשטאַלט ווען מע דאַרף, מיר קאָנען זיך שאַפן מיט מייסים, טאַנצן מיט מאַלאָכים, מיר קאָנען רעדן מיט אַן אייזל, גלײַך ווי מיט אַ מענטשן, נאָר ווען מע דאַרף. אײַ, איר ווילט מיך ניט פאַר קיין אײדעם...

פּינכעס. (שלאָגט אים איבער) כאָלילע, ווער וויל אײַך ניט? אַזאַ טאַנע, ווי איר זענט, וועל איך נאָך ניט וועלן?

מאַקס. טאָמער ווילט איר ניט? מעגט איר זאָגן, פלי איך באַלד אַהיים! (ער גיט בודטאָ אַ שפּרונג צו דער טיר און וויל אַרויסגיין; פּינכעס כאַפּט אים אָן פון הינטן בײַ דער קאַפּאָטע און פאַרהאַלט אים).

פּינכעס. אוי ווײ, פליט ניט! כאָלילע, ווער וויל אײַך ניט? מײַן גאַנץ וועלן איז דאָך טאַקע נאָר אײַך, ווער שמועסט, אַז איר זעט און גייט און רעדט גלײַך ווי אַלע מענטשן, וועט דאָך אײַך מײַן פלויניסטע און מײַן טעכטערל אוודאי אויך וועלן! פאַרוואָס־זשע ווילט איר אוועקפליִען? (פאַר זיך) אַ נעס, וואָס איך האָב אים צוגעהאַלטן, אַניט וואָלט ער שוין איצט געווען איבערגעפלויגן איבער אַלע בערג.

מאַקס. נו, גיט־זשע מיר די האַנט, אַז אײַער טאָכטער בלײַבט מײַנע.

פּינכעס. אָך, אַפילע ביידע הענט (שטרעקט אים אויס די האַנט).

מאַקס. ניין, מיר כאַכאָמים נעמען ניט אַזוי קיין הענט; איך מוז פריִער אַרויס־רופן אַלע נעשאָמעס פון מײַן הייליקער מישפּאָכע, זיי זאָלן אײדעס זײַן, אַז איר וועט האַלטן וואָרט, וואָרן זיי האָבן מיר געבראַכט די יעדיִע פונעם הימל, זיי אַלע האָבן עס געוואָלט, מוזן זיי יעצט דערבײַ זײַן.

פּינכעס. איך בין דערצו אויך מוסקעם, נאָר איך האָב מוירע, עס זאָל מיר קיין מיכשל ניט געשען, וואָרן בעעמעס טאַקע האָב איך געהערט, אַז עס רעדן מײַ־סים, נאָר מיט מײַנע אויערן אַליין האָב איך עס ניט געהערט און האָב עס אין מײַן לעבן אויך ניט געזען.

מאַקס. אַז איר שטייט מיט מיר, האָט איר ניט וואָס מוירע צו האָבן; איר האַלט נאָר גוט די האַנט און זאָלט קעסיידער שווײַגן (ער נעמט בײַ אים די האַנט און רעדט אַרויף) שוועב אַראָפּ גיך די נעשאָמע פון מײַן עלטער־זיידן ר' קלוימעניס, און איר, נעשאָמעס פון מײַן גאַנצער הייליקער מישפּאָכע, גיך אַלע ערשײַנט! (עס הערט זיך אַ דונער באַלד אַף דעם גיט אַ שײַן אַ בליץ און אין דער טיף פון דער ערקע זעט מען ערשײַנען אַן אַלטן אין ווײַסע טאַכריכים, אוי רעדט מיט אַ טויט, פאַרדומפּן קאָל. פּינכעס ווערט דערשראָקן און פאַלט אַרײַן אין זעסל, וועלכעס שטייט נעבן טיש, און פאַרדעקט זיך דאָס פּאָנעם מיט זײַן כאַלאַט און ציטערט).

---

[1] דער זין איז דאָ: צי מעג ער איבעררײַסן (מאַפסיק זײַן, עפּעס זאָגן) — אַ מינהג פון פרומע ייִדן צו רעדן קלוימערשט לאָשן־קוידעש אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיי האַלטן, אַז ס'פּאַסט נישט, איבער דער הייליקייט, צו רעדן אַף ייִדיש.

טויטער.

עס איז אויסגעוואָרן געוואָרן
אין אלע טויערן,
אז ר' פינכעסלס טאָכטער
איז צו דיר געבוירן.
זי איז דײַן זיווג, מיר זײַנען איידעס,
די גאנצע מישפּאָכע, באָבעס און זיידעס.

(עס גיט ווידער א בליץ, און עס ערשײַנען נאָך פיל טויטע).

כאָר פון טויטע.

וואָס־זשע ווילסטו? וואָס־זשע ווילסטו?
וואָס־זשע ווילסטו, ליבער?
וואָס־זשע וועקסטו, וואָס־זשע וועקסטו
פון די שטילע גריבער?
אין די טאַלייסים, שעמט אײַך ניט ווי אָרעם,
ביס
שטייט אוף, איר מייסים, פון די נאסע קוואָרים.
מיר זײַנען אלע, מאזלטאָוו,
געקומען אלע, מאזלטאָוו,
כאָסן, קאלע, מאזלטאָוו,
דיר ווינטשן אלע, מאזלטאָוו,
כאָסן, קאלע, מאזלטאָוו!

(ווערנד זיי זינגען, קוקט זיך פּינכעס אלעמאָל אום. ער ווערט דערשראָקן און כאַפּט זיך באלד בא די ציצעס, באלד אינעם טייפער, ביז ענדלעך זיי ענדיקן דאָס געזאנג; דאַן ווערט די בינע באלײַכטעט מיט עלעקטריש־פײַער, און דער פאָרהאנג פאלט לאנגזאם אראָפּ).

דער מאלעך.

די־יונגע נעשאָמע.

געשלאָפן איז אלעס. האלבע נאכט איז געווען,
קיין שום בריִע האָט זיך גערירט,
נאָר די זילבערנע לעוואָנע איינע אליין
האָט זיך צווישן די שטערן שפאצירט.

דעמאָלס, ווען דער שלאָף מיד מאכט,
פארשליסט אלע מענשטנס אויגן,
איז פון דעם הימל אין דער האלבער נאכט
א מאלעך אראָפּגעפלויגן.

און אף די הענט, צוגעטוליעט צו זיך
האָט ער א יונגע נעשאָמע געטראָגן,
— וואָס ווילסטו פון מיר? ווהין טראָגסטו מיך? —
הייבט אים אָן די נעשאָמע צו זאָגן. —

וואָס נעמסטו מיך צו פון פריילעכן הימל?
ווהין שלעפּסטו מיך אזוי געשווינד?
עפּעס הער איך א ראַש, א געוואלד, א געטומל,
עפּעס נײַע לופט פיל איך אצינד.

— האָב ניט מוירע, נעשאָמעלע מײַנס, —
הויבט איר אָן דער מאלעך אײַנריידן, —
איך וועל דיך באזעצן אין א הײַזל א פײַנס,
דו וועסט דאָרט לעבן אין פריידן.

מיט א נײַעם נאָמען וועט מען דיך קרוינען,
מענטש וועסטו הייסן,—פארשטייסט וואָס איך מיין? —
צווישן מענטשן וועסטו דאָרט וווינען,
און זאָלסט דיך דאָרט מענטשלעך באגיין.

אז דו וועסט אָנהויבן בעסער די וועלט צו פארשטיין,
וועט מען דיר געבן א טײַערע קאמייע,
א נײַס, וואָס דו האָסט ביז אהער ניט געזען,
זי הייסט מיט דעם נאָמען מאטבייע...

אָ! מיט איר דארפסטו זיך היטן ווי צו באגיין,
זי איז מאגנעט, זי איז קישעף, זי איז געלט!

זי קען דיר געבן די וועלט צו זען,
זי קען דיר פארוויסטן דײַן וועלט.

אָט וועל איך דיר אביסל ווײַזן אפן אָרט,
וואָס פאר א זאכן די מאטבייע טוט אָפּ;
אונטער אונדז זעסטו א גרויסע שטאָט דאָרט,
קוק־זשע, ווו איך ווײַז דיר אראָפּ.

זע,— אפן בייס־האקוואָרעס אָט שטייט איינער,
און האָט פון קייווער א מעס אופגעשטעלט;
די טאכריכים ציט ער אָפּ פון די ביינער,
ער וויל זיי פארקויפן פאר געלט.

נעבן דער שול,— זע,— דאָרט זיצט
א יעסוימע און פרירט נעבעך פאר קעלט;
אָפּעקונעס האָבן איר ארויסגעשמיצט,
און האָבן באראבעוועט איר געלט.

דאָרט פאָרט זיך א סויכער אין א וואָגן א ברייטן,
מיט זײַן סכוירע, פארוויקלט, פארשטעלט.
זע,— ווי מע פירט אים שוין דאָרט אין קייטן,
ער האָט פיל געזינדיקט פאר געלט.

קוק,— אין א שטוב זיצן א גאנצע נאכט
מענטשן פרומע, איינס אין דער וועלט;
דאָ זיצט דאָס קאָהאָל, מע קלערט, מע טראכט
מענטשן פארקויפן פאר געלט.

און איינער פירט זיי דאָרט בא די נעז
און טוט מיט זיי וואָס אים געפעלט;
ער איז דער שטאָט־באלעבאָס, ער טוט אלעס בייז
און באגראָבט זיי אלץ מיט זײַן געלט.

דאָ זיצט איינער און טרינקט מיט זײַן כאווער ווײַן
און רעדט מיט אים פרײַנטלעך און קוועלט;
קוק,— ער טוט אים סאם אין בעכער ארײַן,
דאָ דארף ער בא אים יארשענען געלט.

דאָרט שלאָפט זיך א גוויר אין זײַן כפאלנע אליין.
קוק,— ראָצכים באלעגערן זײַן געצעלט;
זיי וועקן אים פון שלאָף, קריצן מיט די ציין:
— „דעם שליסל גיב אונדז פון דײַן געלט!"

זע, — זיי נעמען שוין מעסערס אפיר,
זיי קוילען אים שוין ביז אן עק.
וואָס ווארפסטו זיך, נעשאָמעלע, וואָס איז מיט דיר?
וואָס ציטערסטו עפּעס פאר שרעק?

— ניין, הייליקער מאלעך, איך בין ניט געווּינט צו דעם.
מיט אזא וועלט קום איך ניט אויס;
פיר מיך, איך בעט דיך, בעסער אָפּ אהיים,
איך זע דאָ קיין גוטס ארויס!

— ניין, קינד, דו האָסט נאָר כעסרוינעס געזען,
אז מיט אומרעכט וויל מען ווערן אן אוישער;
דו קענסט דיר לעבן זייער רוּיק און שיין,
דו זאָלסט דיך נאָר פירן מיט יוישער.

זאָלסט ליבן דײַן כאווער ווי דיך אליין.
מיין נישט, — אלצדינג קומט נאָר אין מיר;
העלף אים עפּעס מיט, ווען ער איז געמיין,
פארגין אים, ווען ער איז רײַכער פאר דיר.

מיט יוישער און נאכעס לעב דיר אזוי,
דאָס לעבן איז דאָך א קליינע בריק;
די צײַט טראָגט די יאָרן ווי דער ווינט א שטרוי,
אָט-אָט באלד ביסטו ווײַטער צוריק.

גיי, מײַן קינד, גיי דיר אביסל שפּאצירן,
גיי טאנץ דיר אביסל ארום;
נאָר זאָלסט ניט צו הוליען, צו שטיפן, פארפירן,
זאָלסט קומען אהיים אָן א מום.

דאָס איבעריקע דארף איך דיר מער ניט זאָגן,
ועסט אליין זײַן דערבײַ, ועסטו קומען דערצו;
וואָרעם זע, — אין מיזרעך־זײַט הויבט שוין אָן טאָגן,
איך דארף שוין גיין אין מײַן רו.

און אז דער האָן האָט געגעבן דעם ערשטן קריי
אין א שטוב פון א קימפּעטאָרן,
„מאזלטאָוו״! — האָט מען געהערט א געשריי,
א ייִנגעלע צו לאנגע יאָרן.

און אז דאָס קינד האָט געגעבן דעם ערשטן כליפּ,
ס׳האָט נאָך ניט געעפנט די אויגן,
האָט אים דער מאלעך געגעבן א שנעל אף דער ליפּ
און איז צוריק צום הימל געפלויגן.

א פר'יילעך כאָסידל.

איך דאנק דיר, הארצעדיקער פאָטער, געטרײַער,
איך דין דיך מיט מײַן גאנץ כײַעס;
פארוואָס איך בין בא דיר טאקע טײַער,
מער פון די אלע הולטײַעס.
און מײַנע קינדער, — דו זעסט זיך אליין דאָס צו,
פירן זיך אלע באָרוך־האשעם אף מײַן סטרי.

די פראנצויזן עסן מיט די הוילע קעפּ,
ס'זאָל זיי נאָר צעפאלן אף פּיצלעך,
און זייערע נעקייוועס גייען מיט אייגענע צעפּ,
און אָנגערוקט נאָך מיצלעך.
מײַנע קינדער גייען גאָר געשוירן,
און ווקן אָן די קופּקעס איבער די אויערן.

אפילע שאבעסדיקע מאכאָלים איז בא זיי
גאָר קײַן מאסע־מאטן;
פאר קוגל און פאר טשאָלנט־טיי
האָבן זיי מוירע, ס'זאָל זיי ניט שאטן.
מײַנע קינדער פארדייען טיי פון א קריגל,
און לעקן אויס די טעלער פון פעטסטן קוגל.

די פראנצויזן דאווענען אין דײַטשערשע סידורים,
דאָס טרייפּפּאָסל פארשלעפּן זיי נאָך אין שול;
זיי שטייען, מ'הערט פון זיי קיין דיבורים,
וואָרעם זיי פרעסן זיך אָן פריער פול.
מײַנע קינדער שרײַען אלע, ניט איינער שווײַגט,
און הוידען זיך און פלעסקען זיך צו צום טאקט.

ז'יי אפּיקאָרסים, אָך און ווײ,
ווען דען האָבן אוילעמהאבע?
אז „מאָיאָ פּאָטשטעניע" הייסט בא זיי,
גאָר דער שענסטער באָרוך־האבע!
בא זיי הייסט עפּעס: אדיאָ, באָנדזשור —
בא אונדז הייסט עס: סקאָצל קומט, גוט מאָרגן, גוט יאָר.

די פראנצויזן פארבײַטן זייערע נעמען אומעטום,
בערל — הייסט בא זיי — באָראק (?) [1];
מאָרדכע — פארבײַטן זיי אף מאקסים,

[1] דער פרעג-צייכן אין טעקסט גופא.

און יאנקל הייסט באַ זיי גאָר זשאַק (?)[1]
באַ אונדז הייסט מען פּראָסט, שמערל, באָרעך,
גאָדל, געצל, גימפּל, זאָרעך.

און די נעקייוועס מאכן זיך נעמען מעשונגע,
דווירע הייסט באַ זיי דאָבאריסע,
כאַנע רופן זיי גאָר קארנאָלינע,
און מיריעם מאכן זיי איבער אַף מאריסע,
באַ אונדז רופט מען זיך פּראָסט: ראָסיע, דוואָסיע,
טרײַנע, ברײַנע, יאכנע, סאָסיע!

זייערע מיידלעך מאכן זיי פאר קלעזמער גאָר,
אַף די טאָפּטשאַנעס לערנען זיי צימבלען;
און מיט אומראכמאָנעסדיקע קוילעס, — ווי איז די יאָר, —
ווי די גויעס זינגען און ברימלען.
מײַנע קינדער האָבן ניט כאָלילע די טעווע,
באַ אונדז טאָר מען ניט הערן א קאָל פון א נעקייווע,

די פראנצויזן שמאדן דען ניט די קינדער אויס,
וואָס זיי מאכן פון זיי סקובענטן!
און אין די שקאָלעס לערנען זיי זיך אויס
מאכן מיידלעך קאָמפּלימענטן.
מײַנע קינדער, אז זיי דערזעען אַף דער גאַס אן אישע[2],
פארשטעלן זיך די אויגן אזש פאר בושע.

זייערע כאָסן-קאַלע ווערן זיך אליין באַקענט,
און סוידען זיך אָן ביז ס׳קומט דערנאָך ארויס;
זיי קוועטשן זיך גאנץ גוט אָן באַ די הענט,
ביז זיי קוועטשן זיך עפּעס אויס.
באַ מײַנע קינדער איז ניט שוילעט, כאָלילע, די קליפּע[3].
זיי קענען זיך ניט, בענעמאָנעס, ביז דער כופּע.

זייער כאָסן שפּילט מיט דער קאַלע א פארליבעניש פריִער
און לייענט מיט איר אָפּ פון די ראָמאנען[4],
ביז זי זאָגט אים: יאָ, איך שטארב שוין נאָך דיר!
און ער צו איר: ניין, איך גיי שוין ניט פונדאנען!
מײַנע קינדער מעגן פריִער טאקע אויסגעכאפּט ווערן,
איידער אזעלכע הולטײַסקע לעשוינעס צו הערן.

[1]) דער פרעג-צייכן אין טעקסט גופע. [2]) א פרוי. [3]) די קליפּע—דער בייזער גײַסט, (דאָ געמיינט דער ליבע-גײַסט) האָט אַף זיי נישט צו שאפן. [4]) ראָמאנען.

דער יאָלד פירט זי נאָך אפן טרעיאַטער,
א דאָ שמועסן זיי צווישן זיך אזוי:
זי זאָגט אים: דו ביסט מײַן הער גובערנאַטער,
און ער איר: מײַן געליבטע פרוי!
באַ אונדז האָבן זיי זיך ליב דאפקע אזוי גאָר,
כאָטש זי רופט אים „שלימאזל” און ער זי „שווארציאָר”.

צום אייביקן געדעכעניש שיקט אים די קאלע קאַמייעס [1]
און העפט דאָרט אויס איר נאָמען,
און ער שענקט איר אביסל האָר, טאקע פון די פייעס...
נו, וואָס זאָגט איר אף אזא האָמאָן? —
באַ אונדז שיקט ער איר א טײַטש־סידער מיט מאמאָדעס,
און זי אים — א כאנעקע־לעמפל מיט א האָדעס.

באַ די אפיקאָרטים, פע, ס'איז ניט שיין,
לאָזט מען וואקסן דעם זאָכער,
און צו דער כופּע פירט מען, זאָלט איר זען,
שוין מיט א באָרד אן אלטער באָכער.
באַ אונדז פירט מען א קאלכן נאָר א מוציק [2]
און דאָס כאָסנדל נאָך גאָר א צוציק [2]

באַ די פראנצויזן א כאסענע, אָך און וויי,
גייט אָן א שיין ביסל רעציכעס,
זיי טאנצן עפּעס גאָר קאָנדרעל, גלאנסיע [3]
און דרייען זיך אזוי ווי די רוכעס.
באַ אונדז גיסט מען אויס א פּאָמענעצע אינמיטן שטוב
און מע הויפּט און מע שפּרינגט ווי דאָס לעבן איז ליב.

און זייערע נעקייוועס, — אײַ וועט מען אף יענער וועלט שמײַסן, —
לאָזן זיך ארומנעמען באַם טאנצן,
און ווי מייסים טוען זיי זיך אָן אין ווײַסן
און שטעלן ארויס דעם יעיצערהאָרע אינגאנצן.
באַ מײַנע קינדער, פע, זײַנען אזעלכע זאכן מיִעס,
זיי פארשפּילען זיך גוט פון דעם קאָפּ ביז אין די פיס.

דער טענצער האָט שוין צום טאנצן פריִער, מינאסטאמע,
אויסגעשטעלט זײַנע קלאָלים,
ער בויגט זיך און נויגט זיך פאר דער דאמע
און מאכט פאר איר א בויי־בעשאָלעם [4].

1) דאָ געמיינט: סוווענירן. 2) קליין, גאָר יונג. 3) איבערגעדרייס די נעמען פון געוויסע טענץ: קאדריל, לאנסיע. 4) א געבעט פריַיטיק-צונאכטס, וואָס באַ דעם פארבויגט מען זיך אקעגן דער אָנקומענדיקער מאלקע-שאבעס.

בּאַ אונדז הערט מען די ווײַבער ווי דעם פּאַראַיאָריקן שנײ,
מ'טאַנצט באָרוועס און מיט הוילע טאַכטוינים פאַר זיי.

בּאַ די פּראַנצויזן איז דען שיִקערן ווי בּאַ אונדז א מאָדע
לידוואַר־מיצווע [1] מעסאַמייעך [2] זײַן דעם כאָסן ;
און אַז מאָשיִעך וועט קומען וועלן זיי נאָך וועלן אוואַדע
פאַרזוכן א שטיקל ליוויאָסן [3] ? !...
בּלאָטע ! עסן וועלן מיר, טרינקען בּראָנפן פון פעסער
און זיי — אַ קאַפּ סאָוס אפן שפּיץ מעסער ! ! !...

1) פון מיצוועווע וועגן. 2) פריילעך מאַכן. 3) דער פאַנטאַסטישער ריזנפיש, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר צאַדיקים אף יענער וועלט.

די ווינטמיל

דער ווינט בלאָזט קיל
ארום דער מיל,
די פליגל דרייען זיך,
די מילנער פרייען זיך,
די ראָד טרײַבט,
דער שטיין רײַבט,
פון דעם קאָרן,
וואָס איז געוואָרן;
אין איין מינוט
גיט זיך מעל א שיט.
מ׳לויפט,
מ׳קויפט
גאָר א מעציִע,
וואָלוול טווע.
דאָרט שיט מען אונטער
אביסל ווייץ,
דאָ נעמט מען ארונטער
מעל שוין גרייטס;
מ׳פאקט אין פעק
אין גרויסע זעק,
מ׳פירט אוועק,
און מ׳נעמט בא קוינים,
גוטע מאטמוינים.
מילנער פרייען זיך,
די פליגל דרייען זיך,
דער ווינט בלאָזט קיל
ארום דער מיל.

אזוי דרייען זיך
אלע מיסכאָרים.
סאָכרים פרייען זיך,
רײַך און אָרעם,
אבי דאָס ווינטל פון האצלאָכע
בלאָזט זייער מילכן אביסל דורך,
גייט דער מיסכער מיט מאזל און בראָכע,
און מ׳שיט שוין זעקלעך מיט דעם ווערך.
דער מוז יאָגן,
זײַן פארטראָגן,
האנדלען,

וואנדלען;
דאָס פארשרײַבן,
יענץ פארײַבן,
לויפן אף דעם טאָרג,
נעמען אף באָרג.
עס פליט דאָס געלט
פון האנט צו האנט,
מ'הערט קײַן וועלט,
צי איז מען אימשטאנד;
צי הורטאָוועו,
צי לאכאָדים,
אבי אנקאָוועו
גמילעס־כאסאָדים [1].
טראך! — שאט, וואָס איז דער טראך?
די מיל האָט זיך עפשער געזעצט?
שרעקט אײַך ניט, ס'איז אלץ איין זאך,
א סויכער האָט אָנגעזעצט!
דער ווינט בלאָזט קיל,
ניטאָ קײַן מיל;
די מיל איז פוסט
מ'ווארפט דאָרט מיסט;
די פליגל, וואָס זײַנען הויך געפלויגן,
און האָבן זיך אין ראָד געדרייט שנעל,
געשווינדלט האָבן זיי פאר די אויגן,
דערפאר איז פון זיי הײַנט געוואָרן א טעל.

דויר הוילעך וועדויר באָ.

יאָרן ציִען, יאָרן פליִען,
יאָרן לויפן גאָר א שרעק;
מענטשן זעט מען זיך אלץ מיִען,
מיִען זיך גאָר אָן אן עק;
קיינמאָל גיט מען זיך קיין רו,
דער מארך טריקנט אין די ביינער.
פארוואָס? פארוועו? צו וואָס? צו ווי?
די קאשע פרעגט ניט קיינער.
אליין זעט מען פיל מעשאָלים,
וויפל דוירעס זײַנען געוועו,

[1] געלט געליִען אף א ווײַל, צומיינסטנס אָן א וועקסל.

פארשווּנדן זײַנען זיי ווי א כאָלעם,
ניטאָ קיינס פון זייער געביין.
גרויסע סראַרעס, גרויסע מענער,
גרויסע העלדן, שטארקע לײַט,
גרויסע קינסטלער, אויך ניט־קענער,
באגראָבן האָט זיי אלע די צײַט,
און אף זיי א מאצייווע געשטעלט,
און עפּעס ווערטער אָנגעשריבן.
ליינען מוטשעט זיך די וועלט,
ס'איז שוין אָבער אָפּגעריבן...

אזוי שטארבן רײַך און אָרעם,
אזוי ווערט פון זיי דער סאָף,
און אף זייערע אלטע קוואָרים,
וואקסן נײַע דורעס אוף.
נײַע מענטשן. נײַע סראַרעס,
א נײַער גוויר, א נײַער העלד,
נײַע האסאָגעס, נײַע צאָרעס,
א נײַ לעבן, א נײַע וועלט.
מ'ע פארגעסט דעם דאָר וואָס פריִער,
יעדער זאָרגט פאר זיך אליין;
און דער גרוב שליסט צו די טיר,
און לייגט אף אים דעם שווערן שטיין.

יאָרן ציִען, יאָרן פליִען,
יאָרן לויפן גאָר א שרעק;
מענטשן זעט מען זיך אלץ מיִען,
מיִען זיך גאָר אָן אן עק.

קיינמאָל גיט מען זיך קײַן רו,
דער מארך טריקנט פון די ביינער.
פארוואָס? פאר ווען? צו וואָס? צו ווי?
א טערעץ איז דאָ נאָר איינער:
דער מענטש,— יאָרן וויפל זעט ער?
זיבעציק, אכציק און עפשער העכער;
וואָס הײַנט איז ניט,— אף שפּעטער?
שפּעטער — וויל ער יאָ — א זייכער...

איך וועל אויך אפן אָטשערעד שטיין,
גלײַך מיט די, וואָס זײַנען פארפלויגן;
קומען וועט צו מיר אויך צו גיין

דער שאמעס מיט די טויזנט אויגן [1].
צי וועט מיר יאָ, צי ניט געפעלן,
אים וועל איך ניט זײַן דערווידער;
מײַן פעדער וועל איך אוועקשטעלן,
און אײַך זאָגן: „אדיע, ברידער!“

און גלײַך מיט דעם גרעסטן גוויר
וועל איך מיר ליגן אין דער ערד צעלייגט,
וואָס ער האָט זיך פריִער געשעמט מיט מיר,
הײַנט וועט זײַן בא מיר שוין אָנגעלייגט.
מיר נעמען ניט בײדע מיט פונדאַנען,
מיר זײַנען בײדע גלײַכע צדאָדים;
מיך וועט מען כאָטש א צײַט דערמאָנען,
דאָס האָט געשריבן
א. גאָלדענפאָדים.

1) דער מאלכאמאָוועס לויט דעם פאָלקס פאָרשטעלונג.

אינהאלט

זײַט

פּאָרוואָרט 3

אַרײַנפיר 5

ייִצחאָק-בער לעווינזאָן

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 21

די העפקער-וועלט 25

ד״ר שלומע עטינגער

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 36

סערקעלע 44

די שמאַטעס 64

ייִסראָעל אקסנפעלד

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 72

דער ערשטער ייִדישער רעקרוט אין רוסלאַנד 79

אײַזיק-מייער דיק

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 100

כּײַציקל אליין 104

אוראָם-בער גאָטלאָבער

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 119

דער גילגל 124

די אסיפה 140

מיכל גאָרדאָן

ביאָ-ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 143

מײַנע לידעלעך 148

שטיי אוף, מײַן פאָלק 150

א נײַער מויפּעס 152

מײַן דייע 154

די בילדונג 157

די מאַשקע 160

מײַנע יאָרן 163

מײַן לעבנס-צײַט 167

שמועל בערנשטיין

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 168
די טרייסט. 171
ייִלעלאס צאַדיקים 173
עפּיגראַמען אָדער גלײַכע ווערטלעך 175

יעהודע־לייב גאָרדאָן

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 176
פאַר וועמען שרײַב איך 179
שווערע צײַטן. 130
וואָס איז בא דער אסיפע פאַרבליבן 83
איקעוו האקריִע 136

י. וו. ש.

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 193
דאָס גילדענע קאַלב 104

בערל בראָדער (מארגוליעס)

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 195
ליד פון בערל בראָדער 200
ליד פון דעם פּאַסטעך 201
א ליד פון א שינדל־שלעגער 203
א ליד פון די גזיירע־כאַסענעס 205
ליד ווי א כאָכעם שמועסט צו דער וועלט 207

וואָלף ערנקראַנץ (וועלוול זבאַרזשער)

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 209
דאָס ברענענדיקע כאָסידל 215
קרעדיטס לעוואיע 217
דער אומגליקלעכער 219
דעם דיכטערס טרייסט 221
דער עלנטער זוכט די רו 224
גוט צו לעבן, נישט צו זאָרגן 225

ייִצכאָק־יויעל לינעצקי

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 225
דאָס פּוילישע ייִנגל 234
די אני מאמינ׳ס 242

אווראָם גאָלדפאַדן

ביאָ־ביבליאָגראַפישער נאָטיץ 247
דיביידע קוני־לעמל 256
דער מאַלעך 271
א פריילעך כאָסידל 274
די ווינטמיל 273
דויר הוילעך וועדויר באָ 279